STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04084

PERETS'S BLETLIKH

Isaac Leib Peretz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פרץ'ס
בלעטליך

זשורנאל פיר
ליטעראטור, געזעלשאפט און עקאנאמיע.

ערשטער באנד.

פערלאג „פראגרעס", ווארשא.
תרע"ג.

Типограф. ЛЕВИНЪ-ЭПШТЕЙНЪ, Варшава, Павлиная 38.
1913

מַה נִּשְׁתַּנָּה?

קינדיש ווענען די קשיות „מה נשתנה״; זיי ווענען אויך פאַר קינדער געשריבען, זיי זאָללען פראַגען, כדי דער טאַטע זאָלל קאָנען אויסשרייען מיט ברייטקייט „עֲבָדִים הָיִינוּ!״ אונ ערצאָהלען די מעשה פון יציאת מצרים, אויסרעכענען, וויפיעל מכות פַּרְעֹה מיט די מִצְרִים האָבען בעקוממען אונ די „דַיֵּינוּ׳ס״, מיט וועלכע גאָטט האָט אונז בעגליקט.. אונ דאָך איז חאַראַקטעריסטיש, אַז די גאַנצע הגדה מיט די קניידלעך קוממען אַרויס פונ׳ם „מה נשתנה״, פונ׳ר פעראָנדערונג אין דער געוואָהנהייט!

דער כּח פון דער געוואָהנהייט איז יעדען בעקאַנט. מיר וויסען, ווי זי בעהערשט אונז מיט לייב אונ זעעל. מיר פיהלען עס אין מַעֲשִׂים בְּכָל יוֹם, אויף זיך אַלליין אונ אויף די אַרומיגע. פון בעט ביז׳ן טיש, פון אויסטהון ביז אָנטהון זיך געפינען מיר זיך ביי דער געוואָהנהייט אין די האַנד. איינער קאָנן ניט איינשלאָפען, ביז מען קיצעלט איהן נישט אין די פערזען; דער אַנדערער מוז האָבען דערצו אַ האַלבּען אינטערעסאַנטען ראָמאַן; איינער געוואָהנט זיך צו צו׳ן אַ מַאֲכָל, אויף וועלכען איין אַנדערער קאָנן ניט קוקען; אַ צווייטער קאָנן ניט עססען, אום געקריגט זיך מיט׳ן געזינדעל ביי׳ם טיש. זאָלל איינער אָבטרעטען פון דער געוואָהנהייט, מאַכט ער ניט צו איין אויג אָדער פערדאַרבּט זיך דען מאָגען.

— מה נשתנה? פראַגט דאָס קינד, קוים האָט זיך זיין פאָטער אַ ביסל אָנגעלעהנט אָן אַ קיססען — אַ זאַך. וואָס זיין טאַטע האָט זיך קיין מאָהל ניט ערלויבט.

— מה נשתנה? פראַגט דאָס קינד ווען דעם טאַטען, וואָס עסט אַ גאַנץ יאָהר טראָקענע קאַרטאָפּעל, האָט זיך פּלוצלינג פערוואָלט איינטונקען די קאַרטאָפּלע אין זאַלץ וואססער; מה נשתנה, וואָס היינט הייסט דער וואָכענדיגער חריין „מרור״, אונ מען עסט איהן אָהן עססיג, אָהן זאַפט פון באָריקעס? מה נשתנה. וואָס היינט עסט מען ניט דאָס שוואַרצע ברויט, נור שוואַרצליכע מצה?

עפּעס אַראָב פון דער געוואָהנהייט — אונ דאָס קליינע יודעל פראָגט שוין שאלות, ער שפּאַרט זיך שוין, ער קאָנן שוין ניט ליידען. ביי איהם דאַרפען זיין די טאָג אָהנליך איינער צום צווייטען, קיין נייער טאָג טאָר איהם קיין נייעס ניט ברענגען! אויב עס איז אַנדערש — איז אַ קַשְׁיָא. אונ דער תירוץ איז עֲבָדִים הָיִינוּ...

נור אויב „עַבְדוּת״ הייסט — ניט האָבען

פעליעטאָן.

קיין אַמֶעריקא.

(ערצאָהלונג)

נאָטי איז אַ וואַססערפיהרער; נישט קיין וואַססערטראָגער, ווייל דער פּלומפּ איז אויף אַ באַרג, אונ סיי ווינטער, סיי זוממער מוז מען אַרבייטען מיט אַ שקאַפּע; נור ער איז נישט קיין וואַססערטראָגער פאַר זיך אַליין, ווייל ער האָט נישט, נישט זיין אייגענע שקאַפּע, נישט זיין אייגענע בעלי־בתּים. ער איז אַ „יונג״ ביי׳ן אַ וואַססערפיהרער, אונ „אַ יונג מיט ביינער (ווי זיין בעל־הבית זאָגט) וואָס עסט פאַר צעהן״ (ווי די בעל־הבית׳טע זאָגט). אונ דאָך, חאָטש ער האָט געאַרבייט (ווי אַללע זאָגען) מיט טאַטשקעס, האָט ער קוים „דערשלעפּט״ זיין שטיקל ברויט.

זוממער איז נאָך געוועזען צו דערליידען. חאָטש איידער די שקאַפּע פלעגט אַרויף קוממען צו׳ם פּלומפּ, האָט איהם געבראָכען די פּלייצע פון אונטערשטופּען, אונ ער איז הייזער געוועזען פון שרייען „וויאָ!״ אונ פערשעלטען זיך אונ דער שקאַפּע יאָהר אונ טאָג, אונ חאָטש דער שווייס האָט איהם בעגאָססען פון׳ם שפּיץ קאָפּף ביז די פינגער פון פיס — פאָרט זוממער־לעב, אָבּגערוהט אונ־יאַזדאַ! נור ווינטער! „מען קען

קיין רעה אויף זיך אַליין, טהון אַלץ נאָך דעם אַנדערנס וויללען, ביי יענעם אַלץ פֿראָגען, ניט לעבען לויט דען אייגענעם שכל; אויב דאָס הייסט עבדות, דאַנן איז די געוואָהנהייט דער גראָסטער דעספּאָט אונ האָט אונטער זיך פֿיעל מעהר קנעכט, אַלס אַללע דעספּאָטען צוזאַממען! איהר דיענען די דעספּאָטען אַליין!

עֲבָדִים הָיִינוּ לְפַרְעֹה בְּמִצְרָיִם,

נור נאָך גראָססערע קנעכט זענען מיר געוועזען ביי דער געוואָהנהייט. צו געוואָהנט צו דער עבדות, האָט מען אונז קוים פֿון דאָרטען אַרויסגעריססען, קוים אַרויסגעפֿיהרט; קוים עטליכע שריט געמאַכט, רייסען מיר זיך צוריק. די נעגער אין אַמעריקאַ שלאָגען זיך אויך געגען זייערע בעפֿרייער; אונזער פויער באַנגט אויך נאָך די אַלטע צייטען... דעם אַרעסטאַנט קוממען אַמאָל די טרעהרען אין די אויגען אַריין בי'ם בעפֿרייען, איהם איז שווער צו שיידען זיך מיט דער פֿינסטערער קאַמער, וואו ער האָט אַסך, אונ אֶפְשַׁר, די בעסטע פֿון זייער יאָהרען פֿערלאָרען!

די געוואָהנהייט איז דער גראָסטער דעספּאָט — אין איהר קנעכטשאַפֿט איז געגעבונדען דער וויללען, דער פֿערשטאַנד; אונטער איהר רעגיערונג האָרט מען אויף צו דענקען, צו קלעהרען, עס ווילט זיך נישט, עס קאָנן זיך נישט.

עבדים היינו אונ עבדים זענען מיר עַד הַיּוֹם ביי דער געוואָהנהייט. זי האָט אונז צו געשמידט מיט אייזערנע קעטען צו אַ שרעקליך שווערע, אייזערנע טאַטשקע, אין וועלכע עס ליגען טויזענדיאָהריגע מַשָּׂאוֹת. אונ אַללע ווײלע וואַרפֿט זי נאָך עפּעס צו אונ שמייכעלט, אונ חַנִפ'עט: „אַיאָ עס איז לייכט?" אונ מיר גלויבען אונ שלעפּען, אונ שלעפּען אָהן אויפֿהאָר. די טאַטשקע ווערט מיט יערען טאָג שווערער, מיר — שוואַכער. אונ די געוואָהנהייט שמייכעלט, אונ חנפ'עט אַללע מאָל מעהר, אונ מיר גלויבען איהר אַללע מאָל פֿעסטער!

אין איהר שמייכעל ליגט דער אייגענער כִּשּׁוּף, וואָס אין דער שלאַנגס אויגען. בעצויבערענד, לאָזט זי אַריין דאָס גיפֿט אונ פֿערסמט דאָס בלוט; מען קאָנן זיך בשעת מעשה קיין ריהר ניט טהון, עס איז אזוי אַנגענעהם צו קוקען אין די פֿערכשופֿטע אויגען אַריין!

מענשען וויללען, אַז די צייט זאָלל שטעהן אויף איין אָרט, קיין יאָהר הונדערט זאָלל גאָר נישט מוסיף זיין אויף'ן פֿאָריגען. מענשען וויללען, אז זייער יעצטיגעס לעבען זאָלל זיין אֶהנליך צו'ם

דאָך נישט זאָגען, עס איז דאָך אויך א צייט פֿון זיין ליעבען נאָמען, נור א היינטישע צייט!" אַז דו ביסט שוין גאר אויבען, שטיי! געפּרווירען דער צאַפּען! אונ הייבט דאס אַרויף אונ אראָב גליטשען זיך!

— „עט, עס איז קיין תַּכְלִית נישט — קלערט מאָטי — אַלס נור האָריוועןן אויף יענעם! צייט צו האָבען איין אייגענע שקאַפּע...: בעלי־בתים וואָלט איך שוין געקריגען". נור „ווי — נעמט מען די קלינגערס?"

נאָך איין דַּאֲגָה האט אונזער אָרימער מאָטי געהאַט:

— „אז זיין בעזונדער, אַ בעל־בית פֿאר זיך, דארף מען דאָך א בעל־בית'טע..."

אונ א „בעל־בית'טע" איז אויך נישט אזוי לייכט צו קריגען. אונ אֶפשר נאָך שווערער אלס א שקאפּע.

— „א ליאַדע דינסטמיידעל, קוים האָט די עטליכע רובל, ווילל זי שוין א יחוס שדוך, אַ משרת פֿון א קלייט *), עַל כל פנים אַ בעל מלאכה, באַדיי א שוסטער! אַלס נישט קיין וואַססערשלעפּער! אונ אָהן די קלינגערס איז אַוודאי נישט גוט, צוויי מֵתִים געהן טאַנצען!"

— „ביי יענעם זיין איז ביטטער, נור ניט חתונה האָבען איז גאָר פֿאר די הינד אַרויס־צו־וואַרפֿען... צו 26 יאָהר דאַווינען אָהן אַ טלית, עס געהט זיך די גרינע גאַלל אָן... עס איז מיר שוין נִמְאָס וּמָאוּס!"

— „עס מוז נעמען א סוף!" שטעלט ער

*) לאַדען, געוועלב, קראָם.

לעבען פון זייער אַלטער-זיידען מיט טויזענדער יאָהר צוריק!

ווענן קנעכט זאָללען וויססען, אַז קנעכט זענען זיי אומגערן געוואָרען, אַז קיינער ווערט ניט געבאָרען אַ קנעכט, וואָלט שוין לאַנג קיין עבדות ניט געוועזען; ווענן מענשען וואָלטען געוואוסט, אַז גע-וואַהנהייט איז איין אומגעלומפּערט גרויס נאַרישקייט, וואָלטען זיי זיך שוין לאַנג אבגעוואָגט פון איהר. וואָס מעהר מען פערשטעהט עס, וועניגער ווערען די קנעכט, שוואַכער די געוואָהנהייט.

און דאָך איז עס נישט אַזוי לייכט. באַלד ווערט אַ געפראַגעריי: „מַה נִּשְׁתַּנָּה?"... און נישט אַללע פראַגען אַזוי אונשולדיג קינדיש, ווי די קינדער ביי דער הַגָּדָה.

עס איז נישט אַזוי לייכט, ווייל אויף איין חָכָם איז דא אַ רָשָׁע, אַ תָּם און אַ שֶׁאֵינוֹ יוֹדֵעַ לִשְׁאוֹל...

דוד פינסקי.

דער חורבן צום ערשטען סדר.

ערב פסח!

— — — — — — — — — —

דוואַשע שטייט צווישען אַללע אַרבייטער אַרום אַ לאַנגען טיש, און שאַקקעלט זיך איבער דער פסח'דיגער אַרבייט.

פּים האָט זי ווי קלאַצער, דלאָניעס ווי קישעלעך. און די גליעדער ברעכען, דער קאָפּף איז אָנגעגאָססען ווי מיט בליי, דאָס פּנים — פערשלאָפען, צו קראַכען, מיעד, בלאָס און פויל.

עס איז שטילל, קיינער וויצעלט, ווי אין די ערשטע נאַכט, קיינער חָכְמָה'ט זיך; עס האָט שוין קיינער קיין כּחַ נישט, עס קענן זיך קיין צונג נישט איבער-דרייען. שטילל! עס הערט זיך נור אַ רוישען פון די וואַלגער-האָלצער, דאָס קריצען פון די מצה-ראָדליך, אַז זיי קומען פון דער מצה אַראָב אויפ'ן בלעכענען טיש... אָפט הערט זיך אַ מענשליכער לאַנגער, מיעדער גענייץ.

מען האָט אָבער דערצו אויך קיין צייט נישט; מען פערגינט זיך נישט אפילו דען שוויים פון פּנים אָב-צו-ווישען...

נור — לאַנגער זאָלל שוין דאָס יודישע גלות נישט דויערען!

אָט, ענדיגט מען די לעצטע מייערע...

— — — — — — — — — —

געענדיגט! אַ לאַנגער „אַה!" רייסט זיך אַרויס פון אַללע מוילער. די וואָל-גערקים שלעפּען זיך צו צו די באַנק

אָב ביי זיך, איך מוז ערגיץ אַוועק, אין אַמעריקא אין ~~?~~ תַּחְתִּית ארויין, נור א סוף זאלל עס האָבען..." „וויאָ!" די שקאַפּע פיצקיט אונטער

— א ליאַדע ווער, א האָלאָדריגע, א גאָר-נישט, פאָהרט, און איך וועל דאָ בלייבען?" ביוערט ער זיך.

— „נור פאָהרען — איז ער זיך מְיַשֵּׁב — אָהן א ווייב איז נאָך אָרגער...

„דאָרט, זאָגט מען, איז די סחורה גאָר בִּיוֹקֶר.. א ליאַדע מויד, זאגט מען, פער-ציקערט מען דאָרט..."

און עס בלייבט ביי איהם, אז עס וואָלט אַמבעסטען געוועזען טאקי דאָ חתונה האָבען, ווי עס איז חתונה האָבען, און אַוועק!".

ער זיפצט אָב: ווי געמט מען דאָס!

* * *

„סאָשע" איז א דיענסט-מיידעל, „ארבייט מיט שֵׁדִים", קאָכט, וואַשט, פוצט און רייבט, אז עס בלישציעט אין אַללע ווינקעלעך. א בְּרִיָּה נִפְלָאָה, און דאך געהט אוועק א יאָהר נאָך א יאָהר און עס מאַכט אויף איהר קיין בעל-עסקן נישט.

א מאָל שלאָפט זי נישט גאַנצע נאָכט: ס'טויטש, איהרע חברת'עס האבען זיך שוין טהייל פאר אַמְמען געשטעלט, טהייל אַפילו גֶע'גֶט, און זי גיט זיך נאָך קיין ריהר.

—רבונו של עולם — גיסט זי אויס איהר הארץ, ווען קיינער הערט נישט — ווען וועלל איך שוין האבען מיין ווינקעלע, מיין בעל-הבית,

און פֿאַללען אַנידער איינער נאָך דער אַנדערער, די ראָדלער האָבען נאָך עטליכֿע מצות. אָט, שוין דער לעצטער קרייז! נור דער איינזאָצער האָט נאָך צו טהון ביים „גֵיהִינָם!"

פֿון „גיהינם" קוממען דאָך אַרויס — די לעצטע מצות...

„אוף!" שטויסט ארויס דער איינ־זאָצער און רוקט זיך אַוועק פֿון אויבען, דער קלייבֿער קלויבֿט צו זאַממען די לעצטע פֿרישע מצות פֿון באַנק...

נור אַהיים געהט מען נאָך נישט! צינד געהען ערשט „חִיוּבִים!"

— — — — — — — — — — —

ערשט פֿאַר טאָג האָט דוואָשע אָבגענוממען איהר לוין, פֿאַר זיך און איהרע צוויי קינדער — וואָוקע און חיים'קע, וואָס האָבען צו געהאָלפֿען. זי לויפֿט אַהיים מיט די קינדער ג׳ י׳ די האַנד, האָטש זי פֿיהלט די פֿיס נישט. עס הייבט אָן גראָהען דער טאָג! פֿריהער האָט זי די קינדער געלייגט, און, אַז זי האָט זיך אויך געוואָלט וואַרפֿען אויפ'ן בעט, האָט שוין אַ גאַנצער העללער פענק מיט שטראַהלען בעלייכֿט איהר קליין פֿענסטעריל, און זי האָט דערזעהן די שטוב!

ניין! זי טאָר זיך נישט לייגען! זי האָט נאָך אַזוי פיעל צו טהון! דאָס בעט מיט דעם טיש, האָט זי נאָך מוצאי־שַׁבָּת פסח'דיג געמאַכֿט... נור זי האָט נאָך אַזוי פֿיעל אַרבייט! אַזוי פֿיעל אַרבייט! מען דאַרף נאָך פֿסח'דיג געפֿאָסם קויפֿען און טוֹבֵל זיין, די קינדערליך האָטש שטיוועלעך קויפֿען.. היטעלעך! הייגט פֿלייש נעמען.. עפּים אָבקאָכֿען..

דער מאַנן וועט קוממען פֿון וועג, זאָלל ער האָטש האָבען עפּים אין מויל אַריין צו נעמען.. עס איז צוֹא שווערער וועג! און דאָ איז נאָך די פּאָדלאָגע נישט געוואַשען!

— אָח! קרעכֿצט זי אָב.

דער שלאָף איז שוין איבער געגאַנגען, און זי האַפּט אַ קאַנן און לויפֿט נאָך וואַססער צו דער פּאָדלאָגע...

— — — — — — — — — — —

ערשט שפּעט נאָכֿמיטטאָג האָט זי דערהערט אַ געוויש פֿון די רעדער; זי דערקענט דעם מאַנס „פּררו", מיט'ן קאַש־טאַנס פֿרייליך וויהערן. „זדאָראָוו" ווינשט זי איהם אין האַרץ; ער דיענט שוין ביי זיי דאָס 8-טע יאָהר; דאָס צווייטע פֿערד איז אַ נייעס, און ווער ווייסט, וואָס פֿאַר אַ צָרות מען האָט דערפֿון אין וועג.

זי שוימט אָב די פֿיש, און נעמט זיך צו חֲרוֹסֶת און דערוויל איז דער מאַנן אַריין אין שטוב.

═══════════════

מיין מָקוֹם מְנוּחָה? ווען וועל איך שוין קאָכֿען מיינע פֿיש לִכְבוֹד שַׁבָּת!"

זי וויל אויך אַ מאָל זוכה זיין צו'ן אַ ציפּיק, צו'ן „אַ לעבען, ווי גאָטט האָט געבאָטען".

„נור וואָס - זיפֿצט זי אָב — אַז אַ ליאַדע ניקס, וואס פֿערדיענט אַ 10 גילדען אַ וואָך, אַ גאָר־נישט, אַ שניידעריל, אַ שוסטער־יונג זוכֿט שוין בעלי־בתישע טאָכֿטער, אז ניט גילד איהן אָב! אַז 50 רובל איז היינט קיין געלד נישט!"

זי ווייסט אויך, אַז אין אַמעריקא וואָלט זי גאָר געווען אַ סחורה; נור ווי פֿאָהרט עס אַ יודישע טאָכֿטער אַליין? האָהר און נאָגעל שטעללען זיך איהר קאַפּויר פֿאַר שרעק!

מיט די שווערע געדאַנקען שוימט זי די יויך עס וויזען זיך איהר טרערען אין די אויגען, נור ביי דער היץ פֿון דער ענגלישער קיך ווערען זיי פֿערטריקענט.

אַח, ווען עפּיס רעכֿטס — קלערט זי ווייטער — ווען עפּיס רעכֿטס... איך וואָלט איהם אַזוי גוט, אַזוי גוט געוועזען... טאַקי מיט'ן גאַנצען האַרץ...

— „סאָשע אָפּפֿען!" קלאַפּט און רופֿט מאָטי.

— „וַיָּבֹא־הָמָן", מאַכֿט סאָשע, און אָפּפֿענט די טהיר.

— מאַכֿט רש"י — פֿיהרט אויס מאָטי — וועלכֿער טייוועל האָט דיך געבֿרענגט? האַ? און מאָטי צולאַכֿט זיך אויף אַ קול. „אָבער איך קען לערנען?!"

— וואָס איז פֿאַר אַ שמחה אויף היי?

— ווּעסט עסּסען? פֿרעגט דוואָשע.

— עסּסען וועל איך? ענטפֿערט ער — עסּסען? און די סחורה ווער וועט צו־טראָגען? און אין בּױד אַריין ווען? גרייט אָן וועש!

ער וואַרפֿט אַוועק די בּײטש און ווערד נגאל פֿון שטוב.

די שטוב איז שוין יום־טוב־דיג ריין און בּלאַנקט פֿון די געבּענשטע ליכט. אַוויים טישטוך ליגט אויף דער ראָגאָזשע, וואָס בּעדעקט דעם געכּשר'טען טיש. דער סדר איז שוין צוגעגרייט געמאַכט: אויבּען אָן אויף צוויי בּאָנקליך איז אַ הסבּה־בּעט פֿון דריי ווייסע קיסּסען; אויפֿ'ן טיש שטעהען טעללער, כּוסות, אַ פֿלאַש ראָזשינקע וויין, די פֿיש... אויבּען אָן שטייט די „קערה" מיט די „מינים"...

פֿלטיאל זיצט אויפֿ'ן הסבּה בּעט און צאָהלט פֿערשלאָפֿפֿען: דם, צפֿרדע, כּנים...

דוואָשע צאָהלט נאָך און קראָפֿיעט גלייך מיט איהם פֿון כּוס. די קינדער זענען איינגעשלאָפֿען זיצענדיג בּיי'ם טיש.

פֿלטיאל האַלט זיך, דוואָשע פֿאָהרט מיט... נור בּיי „הלל", און פּונקט בּיי „משיבי עקרת הבּית" דהאָבּען זיך איהר די בּלייערנע בּרעמען אַראָבּ געלאָזט; דער שווערער קאָפּף איז געפֿאַללען אויפֿ'ן אָנלעהן פֿון בּאָנקעל, און — עס הערט זיך איהר מיעד שנאָרכען.

פֿלטיאל דערהערט, און הייבּט אויף זיין שווערען בּליק פֿון דער אַלטער הגדה. אויסרעדען אין מיט'ן הלל וויל ער נישט, שטרעקט ער אויס די האַנד און וויל זי וועקקען. נור ער קריגט אויף איהר רחמנות.

— נעבּיך, זי האָט זיך אָבּ געאַרבּייט! שוין 4 וואָכען נישט געשלאָפֿען!..

עס פֿערגעהט איהם דאָס האַרץ.

זי אַרבּייט בּיי איהם מעהר, ווי אַמאָל די יודען אין מצרים... מעהר ווי זיינע פֿערד אין וועג, מעהר ווי ער אַלליין...

ער וועט זי נישט וועקקען, נור „זאָגען" אָהן איהר וועט ער אויך נישט... ער וועט וואַרטען אַפּאָר מינוט, אַ פּאָר מינוט שלאָפֿען איז אויך עפּעס ווערט...

— — — — — — — — — —

און ער איז אויך איינגעשלאָפֿען.

און עס חלום'ען זיך איהם די יונגע בּעסערע יאָהרען. ווען ער האָט דאָס ערשטע מאָל דוואָשען דערקענט... ווי אַרויז האָט זי געבּליהט... — — — —

— — — — — — — — — —

נור דער קאַשטאַן וויהערט אין שטאַלל, און דאָס איז גענוג געוועזען אין בּעל־עגלה'ס חלום צו פֿערטווישען די סצע־

— איך פֿאָהר קיין אַמעריקא!

— אַ גוטען שליט־וועגס!

— „מערטשעס" בּיי דיר! ווינשט מאָטי און גיסט אויס דאָס וואַססער. אין מיט'ן פֿאַלט איהם עפּיס איין. ער וואַרפֿט אויף איהר אַ בּליק, טראַכט „אפשר יאָ" און זאָגט:

— סאָשע, ווייסט דו, וואָס מיר איז איינ־געפֿאַללען? כ'לעבּען פֿאָהר מיט!

— פֿאָהר צו'ן אַלדע שוואַרצע יאָהר—

— ס'געפֿעלט דיר נישט? זאָגט מאָטי, איז נישט געטאַנצט מיט'ן בּער! ער נעמט צו די קאַנן און ווערט נעלם.

* * *

— „עס איז מיר גאַר בּיז אַהער נישט איינגעפֿאַללען — טראַכט מאָטי, אַרויסגעהענדיג פֿון שטוב — סאָשע איז גאָר קיין שלעכט שטיקעל סחורה נישט... בּיי'ם פֿענסטער זעה איך אַ קאַסטען; לוידיג איז ער נישט... עטליכע רובּל מוז זי אויך האָבּען. און אַזוי אויך נישט־קשה... כ'לעבּין נישט־קשה!... קודם־כּל איין עהרליכע מויד, אדרבּא! נור אַז זי וויל נישט, איז נישט! מעהר מאַך איך מיט איהר קיין שמיעס. איך האָבּ פֿיינט פּיצקען!

דאָס פֿערד האָט זיך דערווייל געהאַט אויס־געשפּאַנט, און ער האָט געמוזט „אַוועק־לייגען אַללע געדאַנקען" און נעמען זיך צו דער שקאַפּע.

צו סאָשען איז דערווייל אַריין געקוממען די בּעל־הבּית'טע.

— וואָס האָסט דו עפּיס אַזוי געלאַכט

נע... עס איז ערשט ניט לאַנג. ער איז אין וועג. און געהט נעבען דער בויד. עס לאָזט, דער הימעל גיעסט אַלס וויטער און וויטער אָהן רחמנות. . דאָס נייע פערד „נאַרט זיך”... דער קאַשטאַן פאַלט שוין פון די פיס... די בויד זינקט אַללע מאָל טיעפער אין בלאָטע. און דאָ איז שוין ערב יום-טוב! אַז גאָטט, וועט קיין רחמנות נישט האָבען, וועט ער האַלטען פסח אונטערן וועג, אַהאַלבע מייל פון שטאָדט!

ניין! עס איז נישט מאָגליך!

ער געהט צו נעענטער צו דער בויד; מען מוז דעם קאַשטאַן העלפען... ער שפאַרט אונטער מיט די אַקסעל די בויד; עס געהט נישט! ער נעמט צוזאַממען אַללע כוחות און — —

און טראַך! ער גיט אַ שטויס דעם טיש און קערט איהן איבער; עס פאַללען אַראָב אַללע כוסות, אַללע טעללער, די פיש מיט דער פיש-יויך...

אַלס... אַלס...

און אַללע שפרינגען אויף און דער-זעהען אַ חורבן.

י. גוידאָ.

די הַגָּדָה פוּן דֶער פְּרָאווִינְץ.

אין די גריססען, וואָס מיר בעקוממען פון דער וויטענס, וואו יודען וואָהנען, בעקלאָגען זיך די קאָרעספאָנדענטען, אַז ביי זיי איז ניט דאָ קיין „מענשען”; מען טהוט קיין האַנד אין קאַלט וואַססער פאַר אָרעמע, קראַנקע און אומגליקליכע.

מיט וואָס דען בעשעפטיגט מען זיך אין דער פרייע צייט? — אָדער מען קריגט זיך, אָדער מען שפיעלט אין קאָרטען!

„שוין מעהר ווי דריי יאָהר, אַז מען קריגט זיך ביי אונז איבער דעם נייעם רב — שרייבט אונז ה׳ י-וו-ל פון מעזשיבוזש (פאָדאָליער גוב.) — אונזערע חסידים געפעלט ניט דער נייער רב, ער האָט אָבער אַ צד, וואָס שטייט פאַר איהם שטאָהל און אייזען. איין צד אויף דעם צווייטען הערט ניט אויף צו שרייבען מסירות. ערשט ניט לאַנג האָבען די חסידים אָבגעטהון דעם נייעם רב אַזאַ שפיטצעל: זיי האָבען אויסגעדונגען ביים בעל-בית פון הויז דאָס בית המדרש, צאָהלען איהם טייערער דירה-געלד, נור מיט דעם בעדינג, אַז עס זאָלל דאָרט קיין בית המדרש נישט זיין. די דירה מאָג שטעהן לעדיג, אָדער אפילו פערדונגען ווערען אויף

מיט מאָטין? פראָגט די בעל-הבית׳טע פערווינדערט.

— עט, דער פאַרה ווילל, איך זאָלל מיט׳ן פאָהרען קיין אַמעריקא.

— ווי הייסט?

— ער מיינט אַוודאַי חתונה האָבען, דער שוואַרצער יאָהר ווייסט איהן!

די בעל-הבית׳טע האָט זיך בערוהיגט, און געפראָגט אויף די מייערען צום מיטטאָג.

— ווי געפאָלט אַייך דאָס בעל-הבית׳טע?!

[illegible]פערט סאָשע איוזר׳ס.

— וואָס?

— מאָטין, מיין איך!

— אין מיט׳ן זכן געפאָלט עס מיר אוודאי נישט, דערנאָך וועללין מיר זעהען!

אַיין עהרליבער יונג איז ער, עהרליך האַלטען אַ ווייב וועט ער, וויים איך? נור ווי קומט דערצו אַמעריקא?

— וואָס דען, רייסט זיך אָב סאָשע, דאָ וועלל איך חתונה האָבען מיט אַ וואַססער-פיהרער? פיש! באַשע-רחל איז מעהר לייט פאַר מיר? און קריגט אַ חתן גאָר מיט׳ן גרויסען אופן! אַ סאַמאָראָדנע קירזנער!

— וואָס געהט דיך אָן יענער?

— עס געהט טאַקי אָן! איך וואָלט מיך געשאָמט אין שוהל אַריין צו קוממען.

— און דאָרט?

— עט, דאָרט איז עפּיס אַנדערש, אַללע גלייכע פריצים. דבורה — די שוואַרצע דבורה, די פאַסקודניצע, וואָס איז נֶעֶלָם געוואָרען מיט׳ן וואָיעננע שניידעריל — שרייבט אויך,

אַ שענק, נור אַבי ניט קיין בית המדרש! און דער רב האָט נישט וואו צו דאַוונען. וואָס וועט ער טהון פסח? ווייס איך נישט!

„זאָלל מען חאָטש אין דעם בית המדרש, פאַר וועלכען מען צאָהלט אומזיסט געלד, מאַכען אַ בקור חולים, אָרימע לייט זאָללען נישט אויסגעהן אין גאַסס!" בעמערקט דער קאָרעספאָנדענט מיט רעכט.

אין מעזשיבוזש קריגט מען זיך און אין אומאַן (קיעווער גוב.) שפּיעלט מען אין קאָרטען!

דאָס קאָרטען שפּיעלען אַ · אין אומאַן געוואָרען עפּידעמיעש — שרייבט מען אונז — אַללע שפּיעלען, פֿון גרויס ביז קליין אפּילו ווייבער און פֿריילין! די געבילדעטע — אין „ווינט", האַלב געבילדעטע אין „פרעפעראַנס" און פּראָסטע מיידען אין „אָקאָ" אדער „סטוקולקאַ"! מען איז אַזוי פֿערברענט אין די „קאָרטען", אַז מען בעמערקט גאָר ניט, ווי די אָרימע לייט זענען היינטיגען ווינטער אויסגעגאַנגען פֿאַר קאָלט, און מען קלערט אפּילו נישט וועגען מצות פֿאַר אָרימע לייט אויף פסח. עס פֿלעגט אין אומאַן אַמאָל צו זיין אַ חברה שומרי-חולים, נור היינטיגען ווינטער האָבען זיך אין נאַכט געטראָפֿען
4 „ראָאָשען" און מען האָט קיין צייט ניט געהאַט זיך אומקוקען אויף אַזוינע זאַכען!..

פֿון דעסטוועגען, האָבען זיך דאָך די אומאַניער יודען אָבגעריסען אויף עטליכע וואָכען פֿון גרינעם טישעל, און דאָס האָבען מיר נור צו פֿערדאַנקען דעם ליטווישען (?) צדיק, אַ בעל-שם, וואָס איז געקוממען מיט אַ גאַנצע סוויטע גבאים; אויך איז אָנגעקוממען אַ טרופּפּע אַקטערען מיט אַקטריסען. דער פּראָסטער עולם (דאָס מעהר ווייבער) לויפֿען מיט קוויטלעך צו'ם רבין, און די אינטעליגענץ — אין טעאַטער.

נור צו די לובלינער און שעדליצער פּראָצענטניקעס (לויט מען שרייבט) איז ניט דאָ קיין שום מיטטעל, זיי זאָללען אָפּעפענען זייערע בייטעלעך, און געבען אַמאָל אַ רובל; ניט קיין אָרעמאַנן, ניט קיין בעל-שם און ניט קיין טעאַטער! זיי וויסען נור פֿון „נעמען"; פֿון „געבען" האָבען זיי קיין בעגריעף ניט! זיי זענען שוין אַזוי אָבגעוואָהנט פֿון „געבען", אַז די לעצטע צייט האָבען זיי אפּילו אויפֿגעהערט צוגעבען געלד אויף פּראָצענט!

נור מיינט נישט, דאָס געוויססען האָט זיך ביי זיי אויפֿגעוועקט, אָדער זיי האָבען פֿאַר בושה אָוועקגעוואָרפֿען די שאָנדליכע פּרנסה, חאָטש אויף דער אָלטער. ניין, זיי האָבען זיך נור דערשראָקען פֿאַר'ן נייעם זאַקאָן געגען ליחווע... זיי האָבען דער-

---

אַז דאָרטען זענען אַללע גלייך, אַ דיענסט מאָג אָנשפּייען דער בעל=בית'טע אין פּרצוף אריין, און=גאָר נישט, עס געהט קיינעם נישט אָן! דאָס הייסט אַ לעבען!

די בעל=הבית'טע טראָגט זיך אָב פֿון קיך און סאָשע טראַכט:

— ער איז באמת נישט=קשה, מאַ, וועלל=מיר זעהן...

* * *

דען צווייטען טאָג האָט מאָטי ווייטער געברענגט וואַסער, אריין געגאָססען, און — אוועק=געגאַנגען.

— דער פּאַרח נעמט זיך נאָך איבער! בייזערט זיך סאָשע אין הארץ.

דען דריטטען און פֿירטען טאָג — אויך דאָס זעלבע. דען פֿינפֿטען טאָג מאַכט זי מיט'ן אַ שמיעס:

— „נו, ווען ווערט מען שוין דיינע פּטור?

— נישט אַזוי געשווינד... איך שטעה אין אַ שידוך... אַליין פֿאָהר איך נישט.

— מיט וועמען? פֿראָגט סאָשע, און וואַרפֿט אויפ'ן איין אויג פֿון דער זייט.

— דאָס איז מיין זאַך, אָנפֿערט ער, אַ מויד מיט קלינגערס!

— אַ סוד?

— וואָס דען!

— אוי, איך ווייס ווע"

— אפּשר —

— מיט איין אויג?

מאָטי קוקט אויף איהר —

איבער אויפגעהערט צו „געבען" און ווילען
נור „נעמען" — איינקאססירען וואס מעהר,
און וואס גיכער עמיגרירען.

מיר ווינשען זיי א גוטען שליט-וועגס
צו ליעב אללע לובלינער און שעדליצער
שאפעלעך, וואס זיי האבען געשוירען!
נור איין זאך וואלטען מיר געוואלט: די
פראצענטניקעס זאללען עמיגרירען, וואו
זייער הארץ גלוסט, אפילו אין די הרי
חשך, אפילו אין די ארטער, וואו דער
שווארצער פעפער וואקסט, אפילו צו אלל-די-
שווארצע יאהר... נור ניט קיין פאלעס-
טינע, ניט קיין ארגענטינא. און בכלל
ניט אין די ארטער וואו יודען (אדער בכלל
מענשען) וואהנען...

זעהט איהר, קאלישער און
זאמושצער יודען, קאננען מיר שווערען,
וועללען שוין זייער גאנץ לעבען ניט עמיג-
רירען; ניט, חו"ש, דערפאר, ווייל זיי
האבען קיין מורא ניט פאר דעם נייעם
זאקאן, נור דערפאר, ווייל זיי זעננען
שווערע, ווי מיט בליי אנגעגאסענע מענשען,
און קאננען זיך ניט ריהרען פון ארט.
עס איז דעראיבער אזא שטילשווייגעניש
אין די צוויי שטאדט, אז עד היום הארט
מען דארט אין מיטען העללען טאג האנער
קרעען,

די קאלישער און זאמושצער יודען
געהען פאמעלי און רעדען אזוי שטילל, אז
מען מוז צולעגען די אויערען, מען זאלל
קעננען הארען — וואס זיי שעפטשען זיך
דארט. טהון, טהוט מען גאר ניט; זיי
האבען מורא, טאמער וועללען זיי, ניט
וויללענדיג, בשעת דעם טהון געבען אקלאפ,
א שארך און מען וועט, חו"ש, דער-
הארען! „וואס דארף גאר ווער וויססען,
וואס עס טהוט זיך אין אונזערע שטאדט,
אין אונזער תלמוד תורה, אין בקור חולים?
און בכלל וועמעס געשעפט איז עס צו
וויססען, צו ביי אונז געפינט זיך גאר
אזוינע זאבען"?. „מיר ווילען פון יענעם
אויך גאר ניט וויססען — זאגען די קאלישער
און זאמושצער יודען! און וויפיעל מיר
האבען נישט געבעטען די דארטיגע קארעס
פאנדענטען זיי זאללען אונז מודיע זיין,
וואס עס הארט זיך ביי זיי, ווי עס לעבט
זיך דארט, האט קיינער געאנטווערט
א ווארט, גליך זיי טראגען וואסער אין
מויל; שטילל!

היינטיגס יאהר האבען מיר יא דערזעהן
אין „הצפירה" א נייעס פון זאמושץ. מען
האט געשריבען, אז איינער א דארטיגער
בעל-בית, ה' שיפמאנן, איז געשטאר-
בען. לייענדיג די קארעספאנדענץ,
האבען „מיר" שוין אנגעהויבען ארוים שלע-
פען „די" נאז-טיכער אב צו ווישען „און-

— דאכט זיך — זאגט ער — מיט צוויי!
אוודאי א בעל-בתיש קינד! — מאכט
חווק.

— אללע יודישע טעכטער זענען בעלי-
בתישע קינדער, נור היינט דיעגט זי... פאר
ארימקייט...

סאשע שמייכעלט: אהן א דרימער?

— ווער רעד פון געלד! דער עקר דאס
קרן — שמייכעלט ווייטער מאטי — נור עפעס מוז
זי האבען... אין קיך שטעהט א קופערט...
ער ווארפט איין אויג אויף איהרען.

— ווי מיינער?

— עס פעהלט נאך נישט א האר!

— און איננערווייניג, וואס איז דא?
אפשר שארבעליך? מאטי שוטה!

— אפפען אויף, וועלל איך זעהן —

— געה צו אלדע שווארצע יאהר! ביי-
זערט זיך סאשע, א מכה וועט זי האבען א
וויפראווע ווי איך... דו מיינסט טאקי אללע
פיהרען זיך אזוי?

— מיין כלה, מאכט מאטי און שמיי-
כעלט, פיהרט זיך טאקי אזוי!

— אז גאטט וויל — טראכט סאשע —
שיעסט א בעזעם; ער רעד שוין נאר חכמה'לעך!
א רעכטע כפרה!

מאטי געהט דאך אוועק צו פרידען.

— און אפשר, טראכט זי, איז עס
טאקי גאטס ווילען.

* * * *

עס איז פרייטיג פארנאכט, אט, אט

זערע" טרעהרען, נור איידער דאָס נאָטיבעל איז צוגעקוממען צו די אויגען, סטאָפּ! — אַ נייע קאָרעספּאָנדענץ, ווידער פֿון זאַמושץ, אונ דער ה' פֿישמאַנן, וואָס איז אין דער ערשטער קאָרעספּאָנדענציע געשטאָרבען איז אין דער צווייטער קאָרעספּאָנדענציע לעבענדיג געוואָרען — פּראָסט תחית המתים אין זאַמושץ! אונ „מיר" זעננען געבליבען שטעהן מיט „די" נאָטיבער אין דער לופֿטען, אונ מיר האָבען ניט געוואוסט, וואָס מען טהוט, צו ווישען זיך די אויגען פֿון ווינען אָדער פֿון לאַכען?

פֿון ערגיץ אַנדערש האָבען מיר דאָך בריעף אונ אויסער בריעף אָפּענט זיך אָפּט ביי אונז די טהיר, עס קומט אַריין אַ יוד אין וועגס-קליידער, אין טיעפֿע גוממענע קאַלאָשען.

—ווי קומט איהר איצט מיט קאַלאָשען? פֿראָג איך, נאָך מיט די שיפּמאַנישע טרערען אין די אויגען.

—איך קום — זאָגט ער — פֿון... (אונ ער רופֿט אָן אַ שטאָדטיל) ביי אונז, פֿערשטייט איהר מיך איז נאָך אַ בלאָטע, ניט נור אין גאַסס, נור אפילו ביי אונזערע בעלי-בתים אין הארצען! עס איז בכלל אַ בלאָטע! איך קום אַללע יאָהר וועגען מסחור, טרעט איך אָב ביי אייך צו פֿערקלאָגען אונזער שטאָדטיל! ביי אייך איז דאָך, דאַכט זיך מיר, אַ רעדאַקציע?

—יאָ אַ רעדאַקציע, וואָס זשע איז?

—איך בעט אייך, בעשרייבט אַביסל אונזער שטאָדטעל!

— ?

—איך ווייס? „זאָגען" העלפֿט ניט, בעשרייבט חאָטש. אַ צוויי דריי אָרנטליכע בעלי-בתים האָבען אייך געבעטען!

— געפֿינען זיך יאָ ביי אייך אָרנטליכע בעלי-בתים?

— נו, ווי עס איז... נור קיינער הערט זיי נישט, האָבען זיי טאַקי געבעטען איהר זאָלט שרייבען, אונ דעם אמת זאָג איך אייך, אַז דאָס הארץ קאָנן פּלאַצען צו זעהן, וואָס עס טהוט זיך ביי אונז!

אונ דער יוד אונ נאָך אַ סך אַזוינע יודען, פֿון פֿערשיעדענע יודישע שטאָדט אונ שטאָדטליך, דערצאָהלען אונז מעשות אונ זאַכען, וואָס עס קומט דאָרט פֿאָר... זיי דערצאָהלען, וויא אָרימע קינדער דרעהען זיך אַרום פּוסט-אונ-פּאַס אָהן אַ שום ערציעהונג; קיין תלמוד תורה איז ניט דאָ, אונ ווען עס געפֿינט זיך נאָך אַ תלמוד תורה, אַ ירושה פֿון אַלטע דורות, ווילען זיך היינטיגע בעלי בתים אויף איהר ניט אומקוקען... די קינדער זעננען אבגעריסען, אבגעשליסען... דאָס איז זוממער צייט, ווינטער — ציטערען זיי פֿאַר קאָלט אונ

פֿאַלט צו דער שבת, נור וואס וועט מען קלאַפּען אין שוהל. סאָשע איז אַ גאַנצע טאָג פֿערטראָגען אין עולמות. דען קוגעל האָט געמאַכט דער מלאך, די חלה איז פֿערבראָנט, דאָס עססען וועט נישט האָבען קיין יודישען טעם; איהר כפרה! נור פֿערשמאָרעט איז זי „ביז וואָרימעס", אונ אין פֿאָססעל איז ניט דאָ קיין קראָפּליע וואָססער, זי וועט איהם בעצאָהלען! :י זאָלל ער האלטען ביז צום סוף;

מאָטי קלאפּט, זי עפֿענט, לויפֿט אין קיך אריין, בעהאלט זיך אונטער דער טהיר אונ שרייט ארויס:

— וואַרט, דו אַמעריקאַנישער פּאַרח, איך וועל דיר בעצאָהלען, מיך וועסט דו האַלטען פֿאַר דער לעצטער? האַ? —

— פֿערשטעהסט דו, סאָשע, אָנפֿעַ... ער איהר געלאַססען, איך האָב געזעהן, אַז פֿערהאַלטסט מיך שטאָנדיג; ווילסט מיט מיר רעדען, אונ אַ גאַנצע טאָג האָב איך דאָך קיין צייט נישט... פֿרייטאָג...

— נעם איין —

— סאָשען פֿאַר אַ ווייב, מיינסט דו?

— גיס אויס דאָס וואָססער אונ געה; איך קען מיך אויף דער ליכטיגער שיין נישט ווייזען... פֿערדריסט ביז וואָרעמיס — האָ'ט ער מיך!

— זאָלל איך קוממען מאָרגען?

— קומם יאָ, קומם נישט — נור ציגך ארויס! — — — — — — — — — — —

שבת האָט סאָשע מוטין מכבד גע

לאַנג, ביז זיי פֿערקיהלען זיך אונ ווערען קראַנק... בעלי-בתּישע קינדער האָבען זיך אויך נישט בעססער: זיי זענגען צוריק אַריין אין די האַנד פֿון די אַלטע מלמדים, אונ דישען זיך אין די אַלטע חדרים... פֿאַר חדרים אונ מלמדים האָט זיך צוריק גע-אָפֿענט די אַלטע וועלט. אונ יעדער בטלן, וואָס טויג צו קיין שום זאַך אין דער וועלט, ווערט איין ערציהער פֿון קינדער. עס וועט קוממען דערצו, אז דער „חכם" וועט נור בלייבען אין דער הגדה; „רשעים" וועט נישט פֿעהלען, נור „תּמים" מיט „שאינו יודע לשאול"ס וועט זיין ווי האָלץ!

נים לאַנג איז צו אונז אויך געקומ-מען אַ יוד פֿון סובֿאַלק אונ האָט געבעטען אַז מיר זאָללען „ל י ב ע ן" זיין שטאָדט! — „לויבען", נים-„צו קלאָגען", איז אַזאַ זעלטענהייט, אַז מיר האָבען זיך מיט דעם יוד דערפֿרייט, בפרט, אַז ער האָט אונס דערלאַנגט דאָס ביכֿעל „תקנות בית מושב זקנים של עיר סובֿאַלק" וואָס זיי האָבען נור וואָס אָבגעדרוקט אין וואַרשאָ אויף לשון קודש אונ זשאַרגאָן.

אין די צוויי שפּראַכֿען דערצאָהלען אונז די סובֿאַלקער יודען: „אַז מען דאַרף רחמנות האָבען אויף איין אַלטען קראַנקען אָרעמען מענש" אז זיי, די סובֿאַלקער, האָרען דאָס געבעט פֿון: „אל תּשליכני לעת זקנה"! אפילו דער רייכֿער מאַן, — שרייבען די סובֿאַלקער — ציטטערט אונ שרעקט זיך פֿאַר דער עלטער, ווי טרויריג אונ ווי שרעקליך, מוז זיין די עלטער פֿאַר אָרימע לייט!

אין דעם זעלבען ביכֿעל זענען אויך געדרוקט די תּקנות פֿון דעם בית מושב זקנים.

אומאַנער אונ מעזיבושער אונ אַללע אַנדערע יודען! אָפּשר וואָלט איהר דאָס ביכֿעל געלייגט? איהר האָט קיין צייט נישט? איהר דאַרפֿט מלחמה פֿיהרען אונ קאָרטען שפּיעלען? נור ביי די דריי מיז מאָגט איהר דאָך געדענקען, אַז עס זעגען פֿערהאַנגען מענשען, וואָס האָבען נישט קיין דריי גראָשען, אונ אויף דער עלטער, בשעת אַ קראַנק, אָדער אַזוי אַ צופֿאַל, אין זיי וויער, זייער שלעכֿט!

איבעריגענס עס געהט דאָך צו יו"ט, עס געהט אַ גרויסער חוה"מ.. לייגט, איך בעט אייך! קאָרטען זענגען דאָך חמץ!

מ. ספּעקטאָר.

זעזען מיט ניסס, געוויזען איהם וואָס אין קופֿערט איז דאָ; עס איז געוועזען אַ גרייטע זויפֿראַווע אונ אַ קוויטעל אויף 50 קאָרבליך פֿון אַ גביר אין שטאָדטיל. מען האָט גערעדט פֿון אַמעריקאַ.

— אונ דאָרטען, מיינסט דו — זאָגט מאָשע — וואַקסען בולקעס אויף די ביימער!

— מען קען זיך דאָך צו שלאָגען צו'ן אַ פֿאַבריק.

— פֿון מיינעט וועגען, פֿאָהר.

— האָר נור, סאָשע, — מאַכֿט מאָטי ערנסט — נור איך בעט דיך נעם זיך נישט איבער, אַ יונג זעהסט דו בין איך מיט ביינער, ארבייטען קען איך... אויסגעלאַססען בין איך נישט. —

— אונ איך? האָ?

— דו בימט אויך — אַ וואָהלע מויד; אויף מיר אַזאַ יאָהר! נור... אַ יתומה ביסט דו, די צייט שטעהט נישט... וואָס? וואָס טויגען דיר די פּאַקסען?

— — — — — — — — — — — — — —

שבת=צונאַכֿטס איז געוועזען תּנאָים; נישט לאַנג דערנאָך די חתונה; אַללעס ווי מען האָט אָבגעשמיעסט. נור דאָס פֿאָהרען קיין אַמעריקאַ איז נישט זיכער, עס קען נאָך זיין, אַז מען וועט דאָ קויפֿען אַ שקאַפֿע אונ לעבען ווי „אבות אבותינו"...

דערווייל געהט צו פּסח... מאָטי ארבייט ביי די מצות, אונ זי... זי לעקט שויך ציטרין. —

ש. פערבער

די רויז.

(זוממער ערצעהלונג)

עס געהט צו פסח, עס איז פריהלינג, און אין זאקסישען גארטען וועללען זיך באלד די רויזען בעוויזען.

איהר האט עפּיס ליעב רויזען? אין אייער שמייכעל ארום די ליפּפּען דערקענן איך, אז יא! איי, וואס פאר א ליבטליך עס האבען זיך אין אייערע אויגען אנגעצונדען! לאזט נישט אראב די ברעמען; בְּהֵן צַדְקִי — איך וועלל קיינעם נישט פערציילען, נור אז איהר האט ליעב, וועלל איך אייך טאקי פערציילען א מַעֲשֶׂה פון א רויז...

א מאל איז געוועזען א רויז.

געוואקסען האט זי אין איין אפּפּענטליכען (אפשר אין זאקסישען) גארטען, אויפ'ן טראוונ־יק, נאהנט צו דער אלעע, אויף א שטאבעדיגען שטרויס (קרואק, קוסט).

בעת ווען איהרע שוועסטער האבען שוין לאנג אינ'ם בליהען פערגעססען, איז זי נאך יונג און גרין געוועזען. זי האט נאך דעמאלט אויף אנעמיע געליטטען: וועניג, ארים בלוט געהאט! און זי האט זיך געשאמט פאר דער וועלט צו ווייזען. זי האט זיך בעהאלטען ווי אמטיעפּסטען צווישען די שטאכעל־נאדעל.

נור אין שטיללע נאכט האט זי זיך א מאל ארויס גערוקט, איין אויג געווארפען אויף איהרע שוועסטער, אויף אללע ראמאנטיש־גליקליכע בלומען, און פון זיי אויפגעהויבען דען טרויעריגען בליק צו'ם בלאהעם, קלארען הימעל מיט א שטיללע, נור א וויינענדיגע בר־טענסיע צו גאט, פאר וואס ער האט אין איהר אייגער פערגעססען, זי איינע פערטהיילט, איהר אייגער א זא טרויריגע, איינזאמע, עלענדע יוגענד געגעבען...

דאס האט אבער נישט לאנג געדויערט. זי האט זיך גיך און באלד פאר עפּיס דער־שראקקען, און, פערציטטערט, זיך צוריק בעהאל־טען אין שטרויס. אט — דאכט זיך איהר — מען שיעסט; דאס האבען נור, לְמַזָּל טוֹב, עטליכע קנאספּען געפּלאצט. אט הארט זי זיפצען — דאס נוסעט נור ערגיץ אין זאמד א צוטרעטענע בלום... אט, הארען זיך עטליכע האלז־און־נאז טאנער — א פערשפּאטיגטער קאר־טען־שפּיעלער געהט, זינגענדיג, א היים און לאזט זיך הארען פון גאס.

נאך זי איז נישט זיכער, צו זי זעהט עס און הארט עס וואכענדיג אדער נור אין חלום. טהייל מאל דאכט זיך איהר, אז איהר גאנ־ץ לעבען איז א חלום... אז זי איז גאר א גע־וואהנליכער דארן, און א רויז — נור אויפ'ן עולם־הדמיון! אז זי ווערט זיך גיך און באלד אויפהאפּען שפּיציג און פערקרומט און פולל מיט ברענ־נענדיגען, גיפטיגען זאפט!

* * *

מיט דער צייט איז דער רויז בעססער געווארען. איהר דאקטאר איז געוועזען די ווארעמערע זונן און עטליכע טראפּפען זוממער־רעגען... זי איז אללע מאל געזונדער און פולער געווארען. דאס עדעלסטע רויטע בלוט האט איהר אנגעהויבען צו קרייזלען אין די אדערן, זי ווערט רויט און רויטער און — מיט יעדער מינוט שאן און שאנער. דערביי ווערט זי אויך מוטהיגער און שטארקער ביי זיך!

און וואס רויטער און געזונדער זי ווערד, הייבט זי זיך אלס האבער און האבער, און קוקט אללע מאל זיכערער און לעבענדיגער ארויס אויף דער פרייער וועלט. דערנאך איז געקוממען די האכסטע צייט, זי איז שוין אין גאנצען צייטיג, פולל מיט זאפט און שארלאך־רויט! ציגד הייבט זי זיך אויף אין גאנצען, שטרעקט ארויס דאס גאנצע קאפּעל הויך איבערן שטרויס, און אללעס [illegible] עפענע אויגען צו בעטראכטען!

זי קוקט זיך אום [illegible] ־יך! אלל־ איהרע שוועסטער זענען שוין [illegible] געווארען. זי איז געבליבען איין רויז אין גארטען, איינע אליין. עס פרעהט זי און שרעקט זי צוזאממען!... און חאטש זי האט אללעס נור ווי אין חלום גע־הארט און געזעהן, ווייסט זי דאך, וואס דאס פערשווינדען בעטייט! זי ווייסט, אז איהרע שוועסטער זענען פון די שטרויסען אראב אין דער וועלט אריין זוכען גליק. וואס דאס „גליק" אליין איז, דאס ווייסט זי נישט, נור עפּיס טרוימט איהר, אז עס איז א גליק פערהאנדען, אז דאס גליק וואקסט נישט אויפ'ן שטרויס, און אז צו ליעב איהם מוז מען ארויס פון דער שטאכעדיגער ארימער היים אין דער פרייער וועלט אריין, צו געזעצט צו עמיצענס א ברוסט!

זי שרעקט דאס נִתְקָלוֹמְטֶע גליק און דאך ציהט עס זי ווי א מאגנעט... זי דערמאנט זיך, אז איינמאל האט זי געהארט אזוי זיעס מוזיקאליש רעדען פון גליקליך זיין און גליקליך מאכען... מענשען האט זי נישט איינמאל גע־

יעהען פֿון צווישען די שפּאַרעס פֿון שטרויס...
שטהייל עלענדע, טרויעריגע, פֿערקרומטע מענ=
שען... נור טהייל פריילִיכֿע, גליקליכֿע מיט
דויזען אויפ׳ן האַרץ! און די האָבען געשמייכֿעלט,
און דאָס פָּנִים האָט זיי געשטראַהלט מיט
גליק! זי ווילל אויך אויסגלייכֿען, בלאַנק
מאַכֿען אַ זויער־טרויעריג פּנים, זי ווילל אויך
ליבֿט אָנציגדען אין האַלב פֿערלאָשענע אויגען...

זי ווילל זיך אַליין אָברייסען פֿון שטרויס
און צו־קאָללערן זיך צו דער אַלעע, וואו מענ=
שען וועללען באַלד אָנהייבען שפּאַציערען...
עס „פּאַסט" דאָך נישט, זי ווייסט שוין, אַז
דער סֵדֶר עוֹלָם איז נישט, רויזען זאָללען זיך אָב
רייסען אַליין... מען מוס וואַרטען... אויך
אונטען וועט מען זי נישט בעמערקען! עס קאָנן
דורכֿגעהן אַ פֿערטראָגענער סוחר, אַ פראָצענט=
ניק, וואָס לויפֿט נאָך זיין אַפֿפֿער אָדער וואָס
ענטלויפט פאַר׳ן געזעטץ... אַ טראָגער מיט אַ
שווערע לאַסט אויף די פּלייצעס, וואס וועט אויף
איהר גאָר קיין מֵבִין נישט זיין און נישט אָב=
טרעטען פֿון וועג... און אונטער אַזוינע פֿיס
ווילל זי אַוודאי נישט שטאַרבען! זי מוסס
בלייבען אויפ׳ן שטרויס, חאָטש אַזוי איינזאַם
און טרויעריג!

— מען וועט דאָך באַלד קוממען! טרייסט
זי זיך! מיינע שוועסטער זענען דאָך אויך נישט
זיצען געבֿליבען!

* * *

עס איז אַ קלאָרער, העללער פֿריה=
מאָרגען; זיי וועללען זיך באַלד בעווייזען! דער
הימעל איז אַזוי העלל־בלאָה, אַזוי צוזאָגענדיג,
אַזוי שמייכֿעלדיג, אַזוי גוט! אין אַזאַ שיינעם
העללען טאָג מוס איהר גליק געבֿאָרען ווערען,
און — ווי אַ זילבערנע שטראַהל פֿון הימעל, ווי
אַ בְּרָכָה פֿון גאָטט, אַראָבפֿאַללען אויף איהר!
זיי וועללען זיכֿער קוממען און איינער פֿון זיי...
איינעם פֿון זיי וועט זי בעגליקקען!

זי הייבט זיך נאָך האָבֿער איבערן שטרויס.
זי גלעטט אוים און צולייגט איהרע רויטע קליי=
דערליך, מיט די חֲתֻנָּהדיגע טהוי־בריליאַנטען בע=
שיטט. זי לייגט דאָס קאָפּיל אין אַ זייט; אַזוי
פֿיהלט זי זיך שאָנער און נאָנטער צו דער
שמאָלער אַלעע.

* *

עמיץ געהט!

עס הייבט אָן ציטטערן דאָס קליינע
רויזען־האַרציל. זי וויל זיך שוין צוריק בעהאַל=
טען, זי האָט חֲרָטָה... נור דער, וואָס קומט
אָן, חאָטש ער זעהט זי נאָך נישט, ציהט זי
שוין צו ווי אַ מאַגנעט.

עס געהט אַ יונגער מאַן מיט אַראָב=
געלאָזטע אויגען...

— אח! ער וועט מיך נישט דערזעהן!
טרייסט זי זיך און שרעקט זיך צוזאַממען!

דער יונגער מאַן קומט נאָנטער. זי
האָט נאָך אַזאַ טרויעריג פּנים נישט געזעהען!
אַ דינגער ביטטערער שמייכֿעל בלאָנדזשעט אַרום
אַ פּאָר קליינע בלאַססע ליפּפּען... דער יונגער
שטערן איז געראָנצעלט, אויף די בלאַססע
באַקקען איז שוין לאַנג, אַ פּנים, קיין פֿריי=
דיגער שטראַהל נישט געפֿאַללען... זיינע
אויגען זעהט זי נישט, נור זי פֿיהלט, אַז זיי
מוזען זיין בלאָה און שאָן ווי דער הימעל,
נור טרויעריג — ווי עס קאָן נור זיין אַ הימעל
אָהן זונן!

— און קיין איינציגע פֿון מיינע שוועס=
טער — ווינדערט זי זיך — האָט זיך פֿאַר אַזוינעם
נישט געאָפּפֿערט?

דער יונגער מאַן הייבט פּלוצלינג אויף
די אויגען; זי האָט געטראָפּפֿען! דאָרט קאָנן
זיין אַ הימעל, נור דערווייל איז אַ יָם פֿון
לייד! ער דערזעהט זי אויך; רייבט זיך מיט
דער האַנד דען שטערן, ווי איינער וואָס דער=
מאַנט זיך עפּיס; זיין פּנים ווערט בלאַססער,
און דער דינגער ביטטערער שמייכֿעל ווערט
ברייטער און ברייטער און פֿערשפּרייט זיך אַלץ
האָבֿער און האָבֿער ביז די אויגען צו...
נור באַלד פֿאַלט דעראויף אַ געדיכֿטער שאָטטען
פֿון ווייטאַג! ער פֿערברעכֿט די האַנד:

— אַ רויז — ציטטערן זיינע ליפּפּען —
אַ רויז! — ווען זי האָט מיר „יאָ" געזאָגט, האָט
זי אַ רויז געטראָגען... נור דאָס אייגענע
צירונג האָט זי געהאַט אויף דער ברוסט, ווען
זי האָט מיר אָנגעטהון אַ פּאָר גרויסע האָרנער...
די אייגענע רויז!

— אַה, דאָס נאַרישע האַרץ! בייזערט
ער זיך אויף זיך אַליין — עס קאָנן נאָך אין
אין איהר און אין רויזען נישט פֿערגעססען!

— מאַרש! קאָמאַנדירעט ער זיך, און
רייסט זיך אַוועק מיט געוואַלד, און פֿערשווינד
אין איין אַנדערער אַלעע.

— אַח, גאָטט, גאָטט, קלאָגט זיך די
רויז — וואָס מיינע שוועסטער קאָננען!

אָה! זי וועט עס נישט טהון... ביז׳ן
לעצטען אָטהעם, ביז׳ן לעצטען הויך! אָה ניין!
אינם טרייעם אָפּפֿערן זיך איז דאָס האָכֿסטע
גליק פֿון אַ רויז!

* * *

עס קומען אָן צוויי אַלטערע דאַמען:

צעהענדיג, בעטראַכטען זיי אַללע שטרויסען; אַללע זעננען לעער!

— זיי מוזען דערוואַקסענע זיהן האָבען! טראַכט זיך די רויז.

— נור פאַר וואָס קוממען זיי אַלליין נישט — זעהט עס איהר ווינדערליך אויס.

— מיר האָבען זיך פערשפּעטיגט — מאַכט איין דאַמע צו דער אַנדערער.

— איך זעה שוין — אָנפערט די צווייטע — עס וועט שוין דאָס יאָהר קיין רויזען נישט זיין!

די רויז וויל דאָך, מען זאָל זי בעמערקען, אָבוואָהל דאָס רַחֲמָנוּת אויף יענעם קלינגט איהר נאָך אין האָרציל. זי בעוועגט זיך אונ עס גערוֹאַטה איהר!

— אָט, אַ רויז! מאַכט איינע.

— איך זעה שוין — זאָגט די צווייטע — „קיין מעשה ניט“ פֿון אַ רויז, נור איינע איז קיינע! פאַר מיינע גאָסט דאַרף איך וועניגסטענס — אַ טאָפּף איינגעמאַכטס ... נאַכט אויף נאַכט ווייין אונ קאָרטען, דאַרף דאָס אויך נישט פֿעהלען.

— איך — וועניגסטענס אַ קוואָרט סאָק...

די אָרימע רויז דאַנקט גאָט, אַז די דאַמען זעננען פאָרביי געגאַנגען. זי שטויסט זיך אפילו נישט, ווי אַזוי מען דריקט אַרויס דען סאָק פֿון רויזען, ביי וואָס פֿאַר אַ פֿייער עס פרעגלען זיך קאָנפֿיטורען ... נור די דאַמען אַליין זעננען איהר נישט געפאָללען, אַזוינע דיקקע, שמאַלציגע פֶּנִימֶער...

אַ רויז איז שוין בְּטֶבַע צו עדעל, עס זאָלל איהר אַזוינס געפאָללען!

* * *

מיט אַ גרויהעם פּאַראַסאָל אין דער האַנד, מיט גרויסע קאַלאָשען אויף די פֿיס, מיט אַדיקקען פּאַלעטאָט, פֿערמאַכט אויף אַללע קנאָפּף, מיט אַ ווייס טוך פֿערבונדען די צאָהן, מיט אַהויכען קוימען־צילינדער אין דער לינקער אונ אין דער רעכטער האַנד אַדיקקען וויין־שטאָק, איבער וועלכען דער גאַנצער קאָרפּער בייגט זיך איבער איג'ם גאַנג; מיט אַגרויסער לְבָנָה געגען דער זונן אויפ'ן קאָפּף, מיט דאָפּעלטע בריללען אויף דער דאַרער, געגאָרבעט, שפּיציג־ביינינער נאָז, קומט אָן — שלעפּענדיג אַפֿוס נאָך אַפֿוס — איין אַלטער „דייטש“!

די רויז האָט זיין שטיללען גאַנג נישט דערהאָרט, אונ קיין צווס נישט געהאַט זיך פֿאַר איהן צו בעהאַלטען.

ער שטעלט זיך פֿאַר איהר אָב, שלעפּט צו איין פֿוס צו'ם צווייטען, מאַכט צורעכט די דאָפּעלטע ברילען אונ בעטראַכט די פֿריע

בריאה... ער רינצעלט דאָך די נאָז; זי איז איהם נישט געפֿאָללען:

— פֿהי! — בלאָזט ער אַרויס פֿון צווישען די בלאָהע ליפּען. אונ דערפֿון ווערט אַ רֵיחַ אונ אַ גערויש, גלייך אַפֿויל בלאַטט וואָלט געפלויגען אין דער לופֿט.

— פֿהי! שוין נישט פֿאַר מיר! צו פֿיעל ענטוויקעלט... צו אַלט! איך דאַרף יונגער, פֿרישער; נאָך גרינגליך, עפּעס אַזוינס — — —

ער לייגט צו דען גראָבען פֿינגער מיט זיין נאָגעלסטען שֶׁכֵן צו די ליפּפּען, אונ וויל ענדיגען מיט אַוואָהל־יונגערישען פֿייף, נור עס קומט אַרויס קוים אַצישען פֿון אַ שלאַנג — — אונ געהט ווייטער.

— ברעך די פֿיס! קאָנן זיך די רויז נישט איינהאַלטען.

* * *

אָט, עס קומט אָן אַמענש אין די מיטלערע יאָהרען. עלעגאַנט געקליידט, דער אָבערציהער מיט דער העללער אונטערלאָג אויפ'ן אַקסעל, מאָדישע זאָקק אַלס ביינקליידער. איין אָפּפענער זיאַקעט, פֿון וועלכען עס קוקט אַרויס אַגאָלדען (אָדער אַגעגילדעט) קיטעל, אונ ענדיגט זיך נאַכלאָססיג, אַראָבפאַללענדיג מיט אַגרויסען פֿערדס קאָפּף אין אַראָם פֿון אַקליינע פֿערדס פּאָדקאָווע; אויף דער ברוסט טאַנצט אין דער לופֿט אַגאָלדענע פּאַנמנעע אויף אַדינן־זילבערנע האָהר; אַיאָגער־הוט, אונ — אַפָּנִים, צו וועלכען מען האָט זיך געמוזט גוט אונ שאַרף צו קוקקען, מען זאָלל דערזעהן, אַז דאָס לעבען האָט שוין לאַנג דען פֿרישען הויך דערפֿון אַראָבגעבלאָזען... אָפּפענהאָרציגער זענען שוין זיינע אויגען געוועזען, זיי זענען רויטליך־מיעד, אונ אַרום געפֿאַסט מיט בלאָהע ראַנדער.

די רויז בעמערקט ער באַלד, נור ער בלייבט אפילו נישט שטעהן אַרֶגַע.

— פֿאַר איין אַנדערער — טראַכט ער — איז אַ רויז גענוג. איך וואָלט געשיקט אַרויז מיט דער פֿרישער טהוי, אַשמעקענדיגען ביללעט מיט פּלאַממענדיגע רייכען אונטער אַדורכגעשטאָכען הארץ... זי וויל אָבער בריליאַנטען!

ער מאַכט געשווינדערע טריט.

— אויס בריליאַנטען! אויס! פֿאַר דעם געלד קאָנן איך מיט'ן גראַף אין פּאַראָאָן שפּיעלען, דאָס איז וויכטיגער!

* * *

עס קומט אָן אַבלאַססער יונגער מאַן; לאַנגע, נאָכגעלאַססע, פּאָעטיש־פֿאַנטאַסטיש צוזאַמענגעשוויבערטע האָהר. די אויגען פֿערזונקען אין

היממעל, גלייך ביידע בלאָהע פאַרבען וויללען זיך צו=זאַממען גיעסען! אין מויל מיט גוט=גע=רייטע ליפּען — אַ זיעס זוממער=ליעדעל אָהן וואָרטער, און אויפ'ן בלאַסליבען, מיט גאָלדענע זונן=שטראַהלען לייכט גערויטעלטען פּנים אַ ז אויסגעגאָססען אַ פאַרביג=פּאָעטישער חלום.

די רויז דערפיהלט אַ שטאָך אין האַרץ, גלייך עס האָט זי אַפּייל געטראָפען.

עס טהוט איהר וועה, נור די וועהטאָג איז אַזוי זיעס, אַזוי עדעל=זיעס! איהר ציטטערט דאָס קליינע רוזיען=האַרץ און צאַפּעלט ווי אַ יונג=פייגעלע אין שטייג, עס ווילל זיך אויס רייסען!

— אָט — דאָס איז דער — צאַפּעלט עס און רייסט זיך — וואָס עס האָט זיך מיר אַזוי לאַנג געחלומט! וואָס גאָטט האָט מיר בעשערט! גליק איז אויף זיין ברוסט! אַה! ער זאָלל מיך נור זעהען! ער זאָלל מיך נור זעהן!

און איהר הייס געבעט איז ווייטער געהאָרט געוואָרען; ער האָט זי דערזעהן!

ער בלייבט שטעהן ענטציקט! די בלאָהע אויגען ווערען איהם גראָססער און די שטראַהלען אין זיי — ליכטיגער און וואַרימער!

ער געהט צו, און בעריהרט זי זאַכט מיט די ציטטערדיגע פינגער, ער לייגט צו זיינע ליפּען צו איהרע עדעלע בלאַטליך... זיי טרינקען פון איהר טהוי... ער קישט זי.

— אָ, דו שאָנע, זיסע, הימלישע רויז! זינגט פין איהם אַרויס — דו גאָטטס זיסער שמייכעל! דו בעסטער שטראַהל פון זיין אויג! ווי ליעב האָב איך דיך! ווי דו ציהסט מיך צו דיר!

ער קושט זי נאָך אַמאָל... און זיינע ליפּען דערפיהלען, אַז די רויז ווילל זיך אַנקלעבען אין זיי... אַז זי אין גאַנצען ציטטערט און ווילל זיך אָברייסען פון שטרויס...

ער ציטטערט אויך, נור אַ טרויעריגער וואָלקען ציהט זיך פלוצלינג איבער זיין פּנים. ער רוקט זיך אָב.

— ניין — ציטטערן זיינע ליפּען, בשעת ווען ער חאַפּט די האַנד אַרונטער, גלייך ער ווילל זיי נישט געטרויען —

דאָס נישט! איך וועל דיר פאַר דיין גוטס מיט קיין שלעכטס נישט צאָהלען...

„צו געשווינד וואָלסט דו פערוועלקט אין מיין נאַססער שטוב... דערנערוויערט — וואָלט איך דיך נאָך בעליידיגט, און דערנאָך — מיר אין קאָפּף אַקויל אַריין געיאָגט..."

„אָ, ניין! בליה ווייטער, בליה! דו וועסט בלייבען די קאָניגען פון אַללע מיינע חלומות... וואו איך וועל זיין, וועל איך אַלץ שיקקען מיינע זיפצען און מיין בעטען צו דיר... נור בליהען זאָללסט ווייטער..."

„בליה!"

און ער געהט אַוועק...

* * *

בעטויבט, בלייבט די רויז אויף'ן שטרויס און בעמערקט נישט, אַז מיט דער אַללע קומט אָן אַ שכּור.

ער וואַקעלט זיך אַהין און אַהער, זינגט עפּעס אונטער דער נאָז און — טראַך! גלייך אויפ'ן שטרויס אַרויף.

אַז די פּאָליציי האָט'ן שפּעטער=צו אויפ=געהויבען, האָט זיך דער שטרויס צוריק אויס=געגלייכט, נור די רויז איז שוין אויף איהן נישט געוועזען, —

י. ל. פּרץ.

חֲרוֹסֶת.

*
* *

קליינע מענשען, דראָבנע מענשען,
זייער שעלטען, זייער בענשען,
לויבען, זייער שרייען,
זייער פלאַממען, זייער שפּייען,
זייער בעטען מיט געוויין,
און דאָס קריצען מיט דיא צאָהן.
אַלס איז דרויב,
לייכטער שטויב,
פאַר דער שוואַכסטער פליעג קיין לאַסט!
און די צייט אָהן רוה, אָהן ראַסט
שוועבט אויף שטאָהלערנע, ריזיגע פליגעל נישט צו'ם גראַם.

פּלאי.



דער

פייל-און-בויגען.

א ל"ג-בעומר בלאטעל.

די נאכט וואכטער

(א פרום רבניש ליעדעל)

א נאכט — א מחיה! דאס נאכטיל איז טייער! —
נור היט אייך פאר פייער! היט אייך פאר פייער!
נור נישט געקאכט און געזאטטען!
פערשלאססען די פענסטער, די טהירען און טהויערן,
פערמאכט אויך די אויגען, פערשטאפט אויך די אויערן
און שלאפט אייך ווי גאטט האט געבאטען!

און קאנט איהר נישט שלאפען, ני, ליגט האטש בעריהט,
און הארט ווי די פלעדערמויז זינגט זיך איהר ליעד —
ווי פרום, און ווי הארציג און טהייער!
און הארט איהר נאך קולות, געוואלדען, געלעכטער
צו קללות — זייט רוהיג, מיר זענגען די וואכטער
און היטען אייך אללע פאר פייער!

פערשאלטען זאלל ווערען, ווער אנדערש פערשטעהט,
וואס בלאזט אן א פייער און ריהרט די טראג-פייט,
וואס האבען געשריגען, געלאכט!
כען וועט אין גיהנם די לייבער זיי דרעשען,
און דא וועלל'מיר לעשען און לעשען, און לעשען!
געטריי וועלל'מיר דיענען דער נאכט!

מיר וועל'מיר דאווענען און בעטען, און קניען,
און גאטט, דער רבונו של עולם וועט ציהען
א וואלקען א שווערען ווי בליי
א איבער אייך אללע — אה, גאטט וועט אונס הערען!
ער וועט נאך פערלעשען די לבנה, די שטערען...
און איהר וועט אייך שלאפען געטריי!

און מיר וועל'מיר רופען נאך פעסטער, געטרייער:
נור היט אייך פאר פייער, נור היט אייך פאר פייער!
נור שא! קיין גערויש, קיין געלעכטער!
קיין ליכטעל אין מוח, קיין פלאמעל אין הארץ,
און פרום זאלל זיין! רוהיג און טויטלעך, און שווארץ —
מיר זענגען, מיר זענגען די וואכטער!!

אונטערגעהערט פון איין אלטען

[illegible]

פּאָליטיק.

די מיזרח אייראָפּאָישע לאַגע.

די אַלטיטשקע—אייראָפּאַ, די חנו'דיקע זקנה, ווערט טאָג-טעגליך מעהר אינטערעסאַנט. איך האָב אַזוי ווייט גאָר נישט געוואוסט! נור איינמאָל האָב איך זי גוט און געַנוי בעטראַכט, און האָב איהר כּמעט געוואָלט אַ קוש געבען אין פּיסקעל!

עס איז געוועזען — מוז איך אייך פֿאַרבייגעהענדיג זאָגען — אין איינעם פֿון י ע נ ע טאָג, ווען... וואָס... נור — געה בעשרייב אַזאַ טאָג, וואָס איז נישט אַהין, נישט אַהער און אַללעס צוזאַממען!

עס איז געוועזען — נישט קאַלט און נישט וואַרים; אַ טאָג, וואָס די „משוררים" בעזינגען ווי אַ כּלה, און די שווינדזיכט געפֿערשאָלטען ווי דען מלאך המות; עס האָט אין איהם געשטעקט דער גן עדן מיט'ן גיהנם צוזאַממען! אַזאַ טאָג איז אָהנליך צו'ן אַ גרויסען פֿילאַנטראָפּ: אַ שמייכעל אויף'ן זיסען פּנים און אַ קרימינאַל אין שטיינערנעם האַרץ. אינ'ם שמייכעל ליגען אַללע מדות און מעלות טובות און אין קרימינאַל זעננען פֿעררינגעלט — גנבה וגזלה, נאָכטיגע „לא תנאָף'ס", היינטיגע „לא תחמוד'ס" און מאָרגענדיגע כּבודים...

צו האָט די זונן געשיינט? געוויסס! נור פּונקט ווי אונזער ציוויליזאַציע — ליכט גאַנצע סנאָפּעס, נור וואַרימקייט קיין פּיצעל!

דערביי האָט געטראָפּט אַ קליין רעגענדיל, וואָס האָט וואונדערליך דורכגענעצט דען קאָפּף, אַז די געדאַנקען האָבען אָנגעהויבען פֿוילען אין מוח.

איהר ווילט אַוודאי וויססען ווי דער הימעל האָט אויסגעזעהען? ער איז געוועזען קלאָר און פֿערוואָלקענט צוזאַממען ווי אַ פֿילאָזאָפֿישער סיסטעם; לוסטיג און אומעדיג ווי — אַ בּדחן ביי'ן אַ לויה אָדער — אַ יונגע אַלמנה סוף שלשים... בקיצור — עס איז געוועזען אַ טאָג מיט אַזוי פֿיעל לאָגיק, וויפֿיל איהר קאָנט טרעפֿפֿען האָכמעטענס ביי דבורה גינזבורג.

און דעמעלט פּונקט איז מיר איינגעפֿאַללען צו בעטראַכטען אייראָפּאַ! און זי האָט אויך געהאַט אַזאַ פּנים ווי דער טאָג!

איהר זעהט אַמאָל אַ שאָנע, אַלטע, גאַנץ אַלטע פֿרוי... זי האָט שוין גאַנץ לאַנג אויסגעגעבען אַללע איהרע קינדער, זי האָט שוין אַפֿילו אויף איין אייניקעל'ס תּנאָים די טעללער צובראָכען; אויפֿ'ן קאָפּף טראָגט זי עפּיס אַ משונה'נע זאַך; אַמאָל, דאַכט זיך אייך — אַ שטריימעל, אַמאָל — איין אַראַבישער טורבאַן און אַמאָל אַזוי

ל"ג-בעומר.

(פֿעליעטאָן)

אַ יום-טוב פֿאַר קינדער!

וואָס אייגענטליך ל"ג-בעומר איז, אָסור אויב איך ווייס! אין חדר, געדענק איך, פֿלעגט דער רבי צו דערצעהלען פֿון אַ מגפה צווישען רבי עקיבא'ס 24,000 תּלמידים... אויך פֿון „הלולא דר' שמעון בן יוחאי" און פֿון בוימעל גיסען אויף זיין קבר! נור איך האָב ווייניג וואָס געהערט; מיר איז עפּיס אַ נ ד ע ר ש געלעגען אין קאָפּף: עס זעננען שוין אַריבער די טרויעריגע ספירה-טאָג, ל"ג-בעומר הייבט מען זיך אָן באָדען, און דאָס וואַססער דאַרף אַ מ ע נ ש, מוז מען עס אָבנאַרען מיט אַ ק אַ ט ץ!

„נער הייתי וגם זקנתי" און ציינד זעהט מיר דאָס אַללעס אויס אַזוי פּראָסט, אַזוי נאַטירליך! מגפות האָבען פֿאַרציימטען אויך נישט געפֿעהלט, עס זעננען נור אַנדערע ק מ י ע ו ת, אַנדערע ר פ ו א ו ת און אַנדערע ד אָ ק ט ו י ר י ם געוועזען! אַז עס איז אַ מגפה געוועזען, און זי האָט ל"ג-בעומר אויפֿגעהאָרט — איז אויך ריכטיג, יעדע מגפה מ ו ס אַ מאָל אויפֿהאָרען; אַנטיסעמיטיזם, פֿאַנאַטיזם, ספּירטיזם זעננען אויך מגפות און וועללען אויך אַמאָל אויפֿהאָרען... און יענע מגפה האָט נישט געקאָנט וויססען, אַז עס איז ל"ג בעומר, זי זאָלל, גאָטט ווייסט וועמען צו להכעיס, דווקא אויפֿהאָרען אַ טאָג פֿריהער אָדער שפּעטער! און

עפּיס אַ קנופּ. זי האָט מעהר רינצלען ווי שטערען, מעהר אויגען אַלס צאָהן, אונ די הויט איז געל ווי אַ פּאַרמיט אונ איינגעשרומפּען ווי אַ האַרץ פֿון אַ מַלְוֶה אין אַ צייט פֿון פְּלֵטוֹת... זי איז געבויגען ווי דער יודישער שטאָלץ, אונ האָט קוים אַזוי פֿיעל כֹּחַ, ווי אַ מְקוּבָּל נאָך פּ"ח תַּעֲנִיתִים...

זי געפֿאָלט אייך? מיר יאָ! יונגע לייט זעננען אויף אַזאַ שאָנהייט קיין בַּעֲלָנִים אונ קיין מְבִינִים נישט; מְשׁוּגָעֶנֶע פֿילאָזאָפֿען געפֿינען דאָך אין דער אַלטער יודענע אַ חֵן... דאָס לייטזעליגקייט פֿון דער גליקליכער מוטטער אונ באָבע בעשיינט איהר דאָס אַלטע פְּנִים, עס לייכט ווי די ליבליבסטע זונן אונ וואַרימט אונס די האָרצער, וואָס פֿרירין פֿונ'ם פוילען לעבען...

אַוינע אַלטיטשקע טרעפֿפֿען זיך זעלטען; זעלטענער אַלס פֿרישע אייער אין גרויסע שטאָדט, אַלס טאַלענטען צווישען אונזערע שרייבער, אַלס אַ וואָרט אֶמֶת אין דער ליטעראַטור פֿאַר עמיגראַנטען...

נור אַזאַ זְקֵנָה איז שאָן! אַזוי אָבער האָט דעמעלט אייראָפּאַ נישט אויסגעזעהן!

פֿאַר מיר איז געשטאַנען איין אַלטע חֲ צ וּ פָ ה; גרוי—נור נישט אַזוי פֿון יאָהרען, ווי פֿון הולטאַיִסטווע, ניט אַזוי פֿון דְאָגוֹת (דערצו איז זי צו לייכטזיננינג, צו שמואַלקאָפּיג, צו ענגהאָרציג) ווי פֿון דער פֿרוממער פֿאָמאַדע!... געריינצעלט—נור מיינט נישט, חָלִילָה, פֿון געדאַנקען, פֿון קלערען, וואָס מאָרגען ועט זיין! דאָס האָט איהר די פֿאַלשע שמינקע, דער טעאַטראַלישער פּודער אונ די שאַרלאַטאַנישע וואַססערן, די אָדעקאָלאָנס — אויסגעגעססען לאָכער אונ ריצען אין דער פֿוילער הויט... אַללעס איז געמאָהלט, געפֿאַרבט: אויגען, ברעמען, ליפּפּען, אונ אַללעס—גראָב געפֿאַרבט, אַז עס עקעלט!

דער קראַנקער צובראָכענער, אַנגעשטעקטער, אַלטער קאָרפּער איז אויסגעפּוצט נאָך דער לעצטער מאָדע! פֿאַנאַמאַ־אונ פֿאַנאַמינאַ־שניטט, ניי־קאַלעדאָנישע שפּיטצען! אונפֿערשאָמט געבלאָזט ווי ביסמאַרקס מאַראַליטאָט; די צוואהרינע אֵיבָרִים, וואָס האַלטען זיך אין איין צופֿאַללען זעננען צו זאַממען געדריקט אין אַ גאָרסעט פֿון מיליטאַריזם, אויף'ן אַלטען שטערן איז אויפֿגעדרוקט די גאַנצע תּוֹכָחָה, נור די אַלטע ליפּפּען שמייכלען: סמאַילס! ה ע ל ף ד י ר א ל ל י י ן!

העלף דיר אַלליין! נור זי אַלליין האָרט זיך נישט אויף צו דאָקטאָרן!

זי קאָנן נישט שלאָפֿען אונ איז קיינמאָל נישט רעכט וואַך; אַ געהרגעטער מאָגען אונ איין אַפּעטיט פֿון אַ האָלץהאָקקער ביי'ן אַ תַּאֲוָה צו לעקקערביססען

ר' עקיבא, אויב ער האָט געהאַט אַזוינע ענגע, דושנע אונ ברודיגע חדרים, ווי אונזערע קינדער האָבען היינט, איז לייכט צו פֿערשטעהן, פֿאַר וואָס די מגפה האָט זיך אין זיינע תלמידים געהאַלטען!

הלולא דר' שמעון בן יוחאי איז אויך צו דערליידען. „הלולא" איז אייגענטליך אַ חתונה אונ דאָ מיינט מען גאָר אַ יאָהר-צייט, נור עס מאַכט נישט אויס. סאַפּיר זאָגט, אַז איבער דעם האָט אַ חופּה 4 שטאַנגען, ווייל זי איז מעהרסטענהיילס אַ דאָפּעלטע כְּמָה! אונ מרדכי הב"ד זאָגט, אַז דעריבער בעדעקט מען די כלה, זי זאָלל נישט זעהן ווי מען קוילערט זי. אַז, די וואָס ווילען נישט קיין אילומינאַציע אויף די חשמונאים'ס נצחון געגען די גריכען, נור דַוְקָא הייליגע חנוכה־ליכט לזכר פֿון נס, אַז פֿון איין פּאַרציע בוימעל האָט זיך אויסגעמאָסטען אַכט, האָטש דאָס מאַכט היינט אַ ליאַדע סוחרטע, אַז די לייט, וואָס האָבען ליעב אונ לעבען פֿון נסים אויף דער מאָס אונ וואָג, גיסען בוימעל דוקא אויף ר' שמעון בן יוחאי'ס קבר, איז אויך נישט הויך לְדֶרֶךְ הַטֶּבַע; זיי גלויבען פֿעסט, אַז ר' שמעון בן יוחאי האָט געמאַכט דעם זֹהַר, דער זהר — די קבלה, די קבלה — חסידים אונ אונזערע חסידים־ליך (אונ דאָס איז מאַקי אמת) האָבען מתקן געווען נאָססען אונ דאָך ברעננענדיגען תקון, וואָס מאַכט דען גאָ־גל פּייכט, דאָס לעביין זיס אונ דען קאָפּף אַזוי לויטער... ממש ווי זְהַר־לשון!

עס איז מיר אַפילו היינט קיין ווינדער נישט, אַז וואַססער לאָזט זיך אָבּ־אָ־ען אונ נעמט צו אַ קאַטץ פֿאַר אַ מענש! טהוען מיר דען אַנדערש? געהט אַרום אויפ'ן הייליגען אָרט, אָפּפֿענט אויף

....

פון איין אלטען ראמישען מיוחס.., אונ זי קוריערט זיך! דער פאפסט פערשרייבט איהר קאטאלישען מארפיום צו'ם שלאפען, נייע „עקרים" צו זיסע חלומות, קייזער ווילהעלם גיט פראטעסטאנטישע האמעאפאטישע פיללען צום וואכען, אונ אנדערע פאליטיקער — א מיטטעל־אלטערישען מאלץ־עקסטראקט געגען דען הוסט... ווייל אז די אלטע פערחלישנעט זיך, רעדט זי אמאל פון וועג אונ פערשפריצט זיך אלליין.

אויסער דעם גיט שטעקקער פאשטעמען פון יורען־פלייש...

זי פערקרימט זיך, עס איז דאך קאניבאליזם! אונ דאך שמעקט עס איהר גוט אונ זי רעכענט, אז זיי וועלען איהר בעניידען די יאהרען!

הכלל — איין אלט מיאוס בעשאפעניש... מיט איין פוס אין קבר אונ דאך! געוואלד, ווי נעמט זי דען כח? זעהט נור! זי טאנצט, זי קאנקאניערט, זי שפרינגט!

וואס איז די שמחה? צו האט זי איהרע טאכטער פערזארגט?

איהר טאכטער פראנקרייך איז א רואינירטע פראסטיטוטקע, וואס פערקויפט זיך אויפ'ן קווינט אונ אויפ'ן לויט... גערמאניא האט זיך ביי דער פרייסישער פיקעלהויב אויסגעדיענט א לונגען־פעהלער אונ קאנן שוין קוים דען אטהעם חאפען... איטאליען האט דען פאפסט, א געפאהרליכען ראק אויפ'ן פנים; וואס מעהר מען שניידט, מעהר וואקסט ער! אויסטריא טראגט א צופליקטע ספאדניצע, א מין כתונת פסים, אהן נאט, נור צוזאממענגעקלעבט מיט בלוט פון א טוץ פעלקער... היש־פאניען שפרינגט ווי א הוהן, אויפ'ן שוחט'ס פאדלאגע — נאך רוב סימנים... סערבריען ווארפט זיך אין היצעגען פיעבער אונ מילאן שפרעכט איהר אב איין עין־הרע... רומאניען ליידט אויף דעם, וואס מען טאר אין קיין ארענטליכער געזעללשאפט נישט דערמאנען! גריעכען לאנד — פערקויפט דאס העמד אראב פון לייב אונ קאנן די חובות נישט קלעקקען...

נו, וואס איז די שמחה? וואס טאנצט די חצופה?

אונ דאך איז די חצופה אינטערעסאנט! עס שטעקט אין איהר א חן! זי רעדט דאך פון רחמנות, טריישאפט, זי רעדט דאך פון ליעבע!

אונ זי — מיינט עס ערנסט!

דער משוגענער פילאזאף.

דארט די קברים, אויב איהר וועט נישט געפינען 90 פראצענט קאטץ! אפפענט א באט געשיכטע אונ בעטראכט גוט, וועט איהר זעהען, אז מען רעדט מבלומערשט פון מענשען אונ פון צווישען די שורות קוקקען ארויס פרומע קאטציגע בלאהע אייגעליך, אז עס איז א מחיה! עס טרעפט זיך, אז בערען פיהרען דאס ראדעל, ביינער קנאקקען אונטער די צאהן, בלוט פליסט פון פיסק א־אב ארום די לאפעס... עס טרעפט, אז פוקסען חאפען די לייצען אין די האנד אריין אונ פערלאהרען גלייך צו דער היהנער־שנאלל אונ פעדערן פליהען עד לב השמים, נור על פי רוב — דרייט אונס דען שטריק ארום דען האלז א פראסטע ווייסע אדער שווארצע, נור — זכרונה לברכה — א קאטץ!...

איך וואלט אסך גערעדט פון טויטע קאטץ, איך זאלל קיין מורא נישט האבען פאר די לעבענדיגע... אח, זיי דראפען אונ ארגער נאך — זיי מסרן!

נור וויא עס איז, פון וואנען ל"ג בעומר קומט ארויס, זאלל זיין פון דער קאטץ אליין, אבי צום לעבען! אבי אונזערע ארימע קינדער חאפען זיך חאטש איינמאל אין יאהר ארויס פון תפוסה, פון פינסטערן חדר. דער „סמאטריטעל" אליין — דער בייזער מלמד אפפענט אלליין אויף די טהיר אונ פיהרט זיי אין וואלדעל אריין! אה! לאכט נישט אוים איין טאג אין פרישען פרייען וואלד!

דאס קינד גיט זיך קיין רעכענשאפט דערפון נישט אב, נור עס דערפיהלט פארט, אז אין חדר איז דאך נישט ווי עס דארף צו זיין! דער הימעל איז דא נישט אזוי קליין, נישט אזא שמאטקאלע ווי

ל"ג בעומר

(ערצעהלונג)

משה'לע איז נאָך זייט ער לעבט ניט געווען אין גרינעם וועלדעל! זיצענדיג אויף דער פריזבע פֿון זיין עלטערענס שטיבעל, אָדער געהענדיג שבת אין שוהל מיט דעם טאַטען, קוקט ער נור אין דער זייט, וואו דאָס שוואַרצע וועלדעל געפֿינט זיך אויף אַ באַרג, ניט ווייט פֿון שטאָדטעל.

אַ צייט האָט ער גאָר ניט געוואוסט, וואָס די גרויסע שוואַרצע זאַך איז אַזוינס, נור איינמאָל, זוממער פֿאַרנאַכט, זיצענדיג מיט זיין אָלטערן שוועסטערל נעבען דער שטוב, האָט ער זיך אויפֿגעהאָרט צו שפּיעלען, פֿערטראַכט זיך, קוקענדיג אויף דעם זוממערדיגען היממעל, אונ דערנאָך זי געפֿרעגט: וואָס זענען עס די פֿייערליך, וואָס בלישטשען איבער אונז? „דאָס זעננען שטערען", האָט איהם די שוועסטער געענטפֿערט. די אייגענע שוועסטער האָט איהם אַמאָל אויך אָנגעוויזען אויף דער „לְבָנָה" אונ אויף דער „זונן".

— אונ אָט יענץ גרויס, שוואַרץ שטיק... העט, ווייט, — וואו דער היממעל ענדיגט זיך, וואָס איז? האָט משה'לע אויך אַמאָל געפֿרעגט זיין שוועסטערל, אָנווייזענדיג מיט דעם פֿינגערל אין דער זייט פֿון וואַלד.

אונ זי האָט איהם דערצעהלט, אַז דאָס איז אַ שאָנער געדיכטער וואַלד, מיט אַ סך גרינע בוימער, אַז ער איז אין גאַנצען גרין; שוואַרץ זעהט ער נור אויס פֿון ווייטענס.

— זוממער איז ער גרין ווי דער מאַמעס גרינע שאַל, אונ ווינטער איז ער וויים-גראָה ווי דעם זיידענס לאַנגע באָרד, האָט איהם די שוועסטער פֿערטייטשט.

פֿון דענסטמאָל אָן האָט זיך משה'לע אָפטער אונ בעססער צונעקוקט צו דער זייט, וואו דאָס וועלדעל געפֿינט זיך. פֿאַרנאַכט האָט ער אָפט געזעהן, ווי דאָרט צווישען די בוימער, האָט געברענט אַפֿייער פֿון אַללערליי קאָליערען: רויט, בלוי אונ אַ מאָל גרין. אונ אויף דעם גרויסען שטיק היממעל, וואָס בעדעקט דען וואַלד, ברענט נאָך אַ גראָסער פֿייער. נור — אַזוי שאָן, אַזוי שאָן, מיט אַזוינע לאַנגע, ברייטע, פֿייערדיגע פּאַססען... אונ דער וואונדערליכער שאָנער וואַלד ווערט קיין מאָל ניט פֿערברענט! אַז עס ווערט נאַכט, ווערט ער שוואַרץ ווי אַ אָבגעברענט שטיק האָלץ אונ מאָרגען איז ער ווייטער גרין ווי אַללע טאָג.

צו זיין גרויס פֿערוואונדערונג האָט איהם די שוועסטער ערקלעהרט, אַז דער וואַלד ברענט גאָר קיינמאָל ניט, אַז עס

צווישען דען רבי'נס פֿענסטער מיט'ן שכנ'ס דאַך! די טאָסנע שיעסט גלייך אַרויף צום היממעל, אום געקריממט, אונ געבויגען, גלייך, אָהן קונצען, אָהן פשטליך, נישט פֿערקניפּט אונ נישט פֿערבונדען!

דאָס קינד קלערט זיך: דאָ וואָהנט גאָטט אונ דאָרט דער רבי... פֿרישע לופֿט, פֿרייער אָטהעם, געזאַנג פֿון פֿאָגעל, גערויש פֿון בלעטטער, פֿערשיעדענפֿאַרביגע בלומען, גאָלדענע אונ זילבערנע זוממערפֿאָגעליך זעננען גאָטטס, אונ די באָטע, דאָס נושב, דאָס ענגעניש, דער ברוך, אונ די געדרייטע פֿערקניפּטע, פֿערבשופּטע פשטליך זעגען טאַקי דען רבי'נס.

עס לאָזט מיך נישט שרייבען, אַזאַ גרודער זוערט אין גאַסס! איך לויף צו צו'ם פֿענסטער!

די נאַלעווקיס רוישען ווי אַ ים, די פֿראַנציש-

קאַנער שומט אונ יאָגט, אונ פֿון דעם מבול מענשען שווימט אַללע מאָל אַרויס אַ נייער אָמניבוס אָנגעפּאַקט פֿולל אונ פֿולל מיט קינדער! אָח! ווי זיי זעהן אויס, די קינדער!

בלאַססע, גרינע, געלע אונ איינגעריסטע פּנימליך... זעלטען אַ געזונד באָקקעלע, זעלטען אַ פֿריש פּנימעל! נור אַללע זעננען ריהריווריק, אומגעדולדיג אונ אַללע אויגעלעך ברעננען ווי די ליכט!

פֿאָהרט, קינדערליך, פֿאָהרט, איך ווינש אייך...

נור ניין, נישט אַללע ווינש איך! נישט אַללע! זאָגט מיר, קינדערליך, פֿריהער וואָס פֿון אייך וועט אַרויס, וועלל איך אייך זאָגען, וואָס איך ווינש אייך! אָט ווייזט מיר נור, ווער פֿון אייך

איז דאָרט גאָר קיין פייער נישט דאָ, נור די זונן זעצט זיך דאָרט. משה'לע האָט איהר אזא זאַך ניט געוואָלט גלויבען, כָּל זְמַן ער וועט אַלליין ניט זיין ביים וואָלדעל, און דאָס אַללעס אַלליין מיט זיינע אויגען נישט זעהן, און זיין יונג הארץ האָט אָנגעהויבען צאַפּלען און ציהען זיך צו'ם וואָלדעל!

און וויפיעל מאָל ער האָט זיך אַלס נישט געבעטען, מען זאָלל איהן צו'ם וואָלדעל פיהרען, האָט ער בעקוממען אַלס איין אָנטפער, אַז אי"ה נאָך פסח, ווען ער וועט אָנהויבען געהן אין חֶדֶר אַריין, וועט ער ל"ג בָּעוֹמֶר. צהין פאָהרען מיט אַללע יונגלעך...

חאָטש „אין חֶדֶר געהן" האָט איהם גאָר ניט געשמעקט, פון דעסטוועגען, האָט ער קוים דערלעבט דען „נאָך=פסח", ווען דער בעהעלפער איז געקוממען און איהן דאָס ערשטע מאָל געפיהרט אין חֶדֶר אַריין.

אין חדר איז איהם געוועזען דושנע, ענג, הייס; דאָרט איז געוועזען אַ בּאָזער רֶבִּי, וואָס שלאָגט; אַ רֶבִּיצין, וואָס שעלט; אַ „בעלפער", וואָס קנייפּט אין דער שטילל... עס איז ניט אַזוי גוט געוועזען.

עס זעננען געוועזען טאָג, ווען ער האָט שוין מעהר ניט געוואָלט געהן, נור עס האָט שוין ניט געהאָלפען; מען האָט איהן שוין מיט געוואַלד געשלעפּט. איין איינציגע טרייסט, איין האָפנונג איז געוועזען, וואָס באַלד וועט זיין ל"ג בָּעוֹמֶר.

די אַלטערע חדר קינדער האָבען איהם שוין עטליכע מאָל דערצאָהלט, אַז פאַר אַ יאָהרען זעגען זיי אַללע צו זאַממען מיט דעם רֶבִּין און מיט דעם „בעלפער" אויף איין וואָגען געפאָהרען צו'ם וואָלדעל „אויף ל"ג בָּעוֹמֶר". יעדען האָט דער „בעלפער" געגעבען אַ פייל=און=בויגען צו'ם שיעסען, און אַז דאָרט איז אַזוי שאָן און גוט! מען לויפט אַרום פריי, מען קאָללערט (קייקעלט) זיך אין הויכען גראָז, מען האַלט מִלְחָמָה, מען חאַפּט „משֶׁה רַבֵּינו'ס פערד=ליך"; מען טהוט, וואָס מען וויל; דער רבי שרייט ניט, דער בעלפער שלאָגט ניט, קיינער שטאָרט ניט — מען איז פריי!...

און מען עסט נאָך אַרבּיס מיט אייער און מען טרינקט אָפּעל=קוואַס.

און משה'לע האָט נישט געהאָפט אומזיסט: ל"ג בָּעוֹמֶר אין דער פריה איז טאַקי דער בּעהעלפער געקוממען מיט עטליכע פייל=און=בויגענס, געגעבען איהם איינעם, די מאַמע האָט מיט געגעבען צוויי אייער, אַ פלאַש קוואַס און אַ פוללען טעללער אַרבּיס. דער בעהעלפער איז געוועזען זעהר גוט צו איהם, און, פיהרענדיג איהן

וועט האַנדלען מיט וועריאַנטס סחורה, אָדער גאָר אזוי — מיט פרעמדען שווייס און בלוט; ווער עס וועט בויען זיין הויז אויף יענעמס חורבה, ווער עס וועט אויסוואַקסען ווי אַ צווייגעל פון איין אַנדערענס מצבה — אָה! זאָגט מיר ווער, דען וועלל איך אָהן רחמנות אויסשלעפען פון דער בויד און וואַרפען אונטער די ראָדער!

נור זאָגט מיר אויך ווער פון אייך וועט אויסוואַקסען איין ערליכער אַרבייטער, וואָס וועט לעבען פון אייגען שווייס און בלוט, זאָגט מיר, ווער פון אייך וועט לעבען אויף זיין אייגענעם חשבון, נישט זיין קיין לויז אויף אַ פרעמדען קאָפּף, נישט אַריין שטעקקען ווי אַ וואָרם די זויג=נעפּף אין אַ פרעמדען מאָגען — זאָגט מיר ווער, און דעם וועלל איך געבען עטליכע גוטע, פיינע ביכליך צו לעזען, וואָס וועללען איהן זיכער צו נוטץ קוממען!

זאָגט מיר אויך, ווער פון אייך וועט זיך מאַכען פון דער תורה אַ סחורה, און וועט זי פערקויפען אויפ'ן קונט און אויפ'ן לויט, אויפ'ן גלאָזעל ווי בראַנפען אין שענק... ווער פון אייך וועט מאַכען מאַנאָפּאָלען אויף כשר'ן וויין, האַנדלען מיט הכשרים אויף מעהל, אַריינשטעקקען דאָס גאַנצע יודישקייט אין אַ חליצה=שוך, אָדער צו מאַכען נאָך דאָס קלענסטע הומרא'לע, צו וואַרפען נאָך איין דראָבנע שטויב צו דער גלות טאַטשקע — זאָגט מיר ווער, וועלל איך איהן אַרויס שלעפען אָהן רחמנות פון בויד און וואַרפען די פערד אונטער די פיס, ווייל נור פערדס פאַרקאָוויס קאָננען אַרויסשלאָגען אַ פונק פון אַזוינע פינסטערע קאָרפּער!

נור זאָגט מיר אויך — ווער פון אייך וועט

אין חדר אַריין, האָט ער איהם עטליכֿע מאָל מיט אַ ווייך קול געזאָגט: משה'לע היינט וועללען מיר פֿאָהרען אויף „ל"ג בְּעומר".

אין צוויי שעה אַרום, ווען די קינדער מיט די פֿלאֶשער קוואַס און די בינטלעך עססען אין די האַנד, זענען שוין אַללע געווען אין חדר, איז מיט אַ רעש, מיט אַ הוליכֿעריי און אַ געקלאַפּעריי צוגעפֿאָהרען בערעלס וואָגעלע מיט זיין הינקענדיגער ווייסער שקאַפּע, מיט וועלכֿע ער פֿיהרט אַ גאַנץ יאָהר ווייץ און מעהל. די קינדער האָבען זיך ווי די פֿליעגען צו געחאַפּט צו'ם וואָגעלע, אַללע וויללען צו דער קעלניע, וויל, זיצענ׳יג נאָהנט צו דער שקאַפּע, וועט מען קאָננען האַלטען אַ ביסעל די לייצען אָדער די בייטש. נור די קעלניע האָט פֿערחאַפּט דער בעהעלפֿער אַלליין, מיט צוויי דריי אֶלטער־געוואַקסענע קינדער, און די שוואַכֿע זענען געבליבען געפּאַקט אין האָגען ווי הערינג אין פֿאַסעל, אַזוי, אַז אַסך פֿיסלעך האָבען אַראָבגעהאַנגען פֿון וואָגען. עס האָט געקוועטשט און געבראָכֿען די יונגע ביינדעלעך, פֿון אַללע זייטען, נור עס איז פֿאָרט געווען גוט און פֿראָהליך. צו דער גרויסען ענגשאַפֿט האָט זיך נאָך דער רבי אַריין געזעצט אין מיטען, און עס איז געוואָרען נאָך פֿראֶהליכֿער, האָטש דען רְבינס צופֿלאָנטעטע באָרד האָט אַללע קינדער אַרום געשטאָכֿען אין די אייגעלעך.

נאָך דעם, אַז בערעל האָט איבער געבונדען די שמאַטעס אויף די פֿאָדער־פֿיס פֿון דער שקאַפּע, האָט ער איבערגענוממען אין זיין רְשות אַריין אַללע פֿלאֶשער קוואַס מיט דעם גאַנצען עססענוואַרג. קיין פּלאַץ איז פֿאַר איהם אויף דער פֿוהר ניט געבליבען, און ער האָט זיך געזעצט אויפֿ'ן דראָנגיל ביי דער אונטערשטער אָקסט, מיט די פּלייצעס צו די פּערשוינען. —

— פֿאָהר! האָט בערעל קאָמאַנדירט און באַלד זיך גענוממען צו עססען פֿון די פּאָקלעך און צו טרינקען פֿון די פֿלאֶשער.

— וויאָ! האָט אַגעשרעה געטהון דער בעהעלפֿער מיט די קינדער אין איין קול. דאָס וואָגעלע האָט זיך אָנגעהויבען טרעסלען און משה'לע, דער יונגסטער און שוואַכֿסטער צווישען אַללע, איז געזעסען ווי דערשטיקט נעבען רֶבין און ביי יעדען טרעססעל פֿון וואָגעלע האָט זיך זיין קאָפּיל געשאָקעלט, אַ צאָנדעל אויף אַ צאָנדעל האָט געקלאַפּט; אַנדערע איז אויך נישט פֿיעל בעססער געוועזען; עס האָט זיך אַללע רגע געהערט איין אַנדערער „אוי", נור מען איז באַלד דערצו געוואָהנט געוואָרען

אַרויסוואַקסען אַ מענש מיט אַ שבֿאָלצען שטערן, פֿרייע אויגען, אַ קלאָרען מוח און אַ ברייט, אָפֿפֿען האַרץ... אָ, זאָגט מיר, ווער פֿון אייך וועט זעהן ווייטער אַלס איין מינוט, אין וועלכֿער עס פֿערזינקט דאָס גראָבֿע עם־אַרצישע לעבען, וועמענס בליק וועט זעהן ווייטער ווי די דלת־אַמות, וואָס דער פּרוש האָט פֿאַר'ן נאַרישען אינדעק אַרום געקרייד? אָה, זאָגט מיר ווער, וועל איך איהן אַראָב נעמען פֿון בויד, אויסקיושען יעדען אָבער און מיטנעמען מיט מיר אין וואַלד אַריין...

דאָרט אין פֿרישען גרינען וואַלד, וועלען מיר זיך זעצען אונטער איין אַלטען קלוגען בוים מיט ווייט פֿערשפּרייטע צווייגען, מיט מיליאָנען פֿרישע גרינע בלאֶטטער, וואָס זאָגען צו מיליאָנען פֿרישע, גאָר נייע בלומהען... דאָרט וועלען מיר זיך זעצען, דאָרט... אינ'ם שטיללען אָרט, וואו מען האָרט נישט די עם־אַרצים שרייען, די אָקסען בלעקקען און די הינד ביללען... דאָרט וועל איך איהם פֿערטייטשען וואָס פֿריהלינג בעטייט, וואָס פֿריש לעבען הייסט; איך וועל איהם דערצאֶהלען, וואָס עס סוד'ען זיך די בלאֶטטער, וואָס עס רוישט דאָס יאָגענדיגע וואַססער און וואָס עס בלאָזט אין די אויערען אַריין דער פֿרישער ווינד...

אָח! איך וועל איהם נאָך אַ פּאָר שאָנע מעשה'לעך פֿערצאֶהלען און שענקען — עס איז דאָך ל"ג־בעומר — איין אֶמת'ן, גוטען פֿייל־און־בויגען...

לַצְפָּר.

און פֿראָהליך מיט אַ געפּילדער, ווי פֿון אַ וואָגען מיט גאָנז, האָט מען זיך ווייטער געטרעסעלט, מיט דעם געדאַנק, אַז מען וועט פֿאָרט אַמאָל קוממען צו׳ם טהייערען וואָלדעל, וואו עס איז אַזוי שאָן, גרין, פֿריי, און דער רבי מיט דעם בעהעלפֿער ווערלען ניט זיין באָז און גאָר ניט זאָגען — ניט שטאָרען די פֿרייהייט. —

און האָטש פֿון יעדען טרעסעל האָט דעם רבינס באָרד גלייך געטראָפֿען אין משה׳לעס פּנים, אַמאָל אין די אויגען און געשטאָכען, האָט ער דערמעלט דעם רבין אַזוי ליעב בעקוממען, אַז ער האָט זיך געטוליעט צו איהם וואָס נאָנטער — אַזוי איז דער רבי גוט געווען צו איהם און צו אַללע קינדער!

* * *

מען איז שוין דורכגעפֿאָהרען דען מאַרק, די גאַסס, וואו די שוהל געפֿינט זיך; אָט איז מען שוין ביים מרחץ, און אָט איז מען שוין אויף דער וייבער בריק. עס טרעסעלט ווינציגער, עס ווערט אַללע מאָל בעססער און נאָהנטער צום וואָלדעל; מען איז שוין אויף יענער זייט טייך, מען זעהט שוין אַרויס דאָס בית עולם מיט די מצבות און אַ ביסעל ווייטער — דאָס וואָלדעל. נור... פּלוצים האָט זיך די זונן בעהאַל־טען! מיט גרויס שרעק האָבען די יונגע פֿאַרשוינען ערשט איצטער בעמערקט דען פֿערוואָלקענטען הימעל, און נאָך איידער זיי זעננען אַריבער דעם בית עולם, האָט אָנגעהויבען בליטצען, און גיעסען אַ שלאַגס־רעגען.

* * *

קוים לעבענדיגע ווי אָבגעצוואָגענע קאָטצליך האָבען זיך אַללע אריין געחאַפּט אין שטיבעל פֿון קברות יוד, איבער צו וואַרטען דען רעגען. מען וואַרט און מען וואַרט און מען קאָנן זיך ניט דערוואַרטען, דער שלאַגס רעגען האָרט ניט אויף.

בערעל האָט זיין שקאַפּע אין גאַנצען געלאָזט אויף הפקר, און, זיצענדיג אין אַ ווינקעל, איז ער אַלץ געווען פֿערנוממען מיט די קינדערס פּאָקליך עססען און טרינקען. דער בעהעלפֿער האָט זיך אויך צוגערוקט צו איהם.

— קינדער! טאָמער ווילט איהר עפּיס עססען? האָט געפֿראָגט דער רבי. איינינע האָבען געאָנטהערט שטילל און טרויריג: „ניין”, אַנדערע האָבען גאָר געשוויגען; די מיילעכלעך האָבען זיך ביי זיי ניט גע־אָפֿענט צום עססען.

אַ פּאָר עלטערע קינדער צוזאַממען מיט דעם רבין האָבען זיך דאָך צוגערוקט צו בערלען מיט דעם בעהעלפֿער, נור משה׳לע מיט די איבריגע, קלענערע קינדער האָבען

דער חברה־קדישא שמש.

(אַ פּעטערבורגער בילד)

ביי ר׳ זלמן זילבערשטיין האָט זיך איין אומגליק געטראָ־ען; אַ קינד איז איהם, לא עליכם, נפטר געוואָרען. ער דרייט זיך אַרום אין שטוב, געהט פֿון איין ווינקעל צום צווייטען, גלייך ער וואָלט עפּיס געזוכט און צופּט זיך דאָס באָרדיל. עס ווייזט זיך נאָך קיין איינציגע טרער צו לעשען דאָס פֿייער אין די אויגען. אין אַ זייט זיצט שרה־חנה זיין ווייב צווישען אַ קראָנציל ווייבער; זי — זאָגט מען — איז געראַטיוועט; עס ריננען איהר שוין בוכען טרערען, און דאָך האָרט מען זי נישט אויף צו טרייסטען... „גאָטט איז גערעכט און זיין משפּט איז גערעכט, און אַוועק ברענגען טאָר מען זיך גישט, ניין — איהר האָט נאָך קינדער!”

— אַ מענש האָט 10 פֿינגער — צוקלאָגט זיך שרה חנה — און וועלכען מען שניידט אָב... שניידט מען אַלס אַריין אין האַרץ...

ר׳ זלמן׳ען האַפּט עס אָן ביים האַרץ און ער צו־ווינט זיך. עטליכע קינדער אין אַ ווינקעל, וואָס האָבען ביז אַהער גאַנץ רוהיג געשפּיעלט זיך הייבען אויך אָן צו חליפֿען.

מען קלינגט. ר׳ זלמן אָפֿפֿענט און לאָזט אַריין אַ פּערשוין אין אַ לאַנגע קאַפּאָטע, מיט איין הויז אין — און דען צווייטען איבער דער האָלעווע, מיט אַ היטעל אין אַ זייט און לויפֿענדיג־פֿרייליכע

זיך ניט אבגעריסען פון פענסטער, קוקענ-דיג מיט טרויריגע פנימליך ווי דער רעגען גיסט, און גיסט, און פאטשט אין קליינעם פענסטערל פון קברות יודס שטיבעל.

ערשט שפאט פארנאכט האט דער רעגען אויפגעהערט, אין דרויסען איז געווען נאסס און טונקעל, מען האט צוריק איינ-געפאקט די קינדער אין בערעלם וואגעלע און שטילל שוין, אהן געפילדער, האט די מיעדע שקאפע קוים דערשלעפט די מיעדע, האלב-פערשלאפענע קינדער דורך דער בלאטע, אין שטאדטעל אריין.

* * *

אין דער פריה, ווענן משה'לע האט זיך אויפגעכאפט פון שלאף האבען שוין די שטראהלען פון דער זונן געשפיעלט זיך אויף זיין בעטעל, ער האט זיך פרעהליך און לעבענדיג א ווארף געטהון צו'ם פענסטער און ווייטער דערזעהן דאס וואלדעל.

— אח, איצטער, איצטער איז דארט אזוי שאן! עס וואלט ציגדערט דארטען געוועזן אזוי גוט, אזוי פריי, האט ער מיט פרייד אויסגעשריען. נור באלד איז אנגעקומען דער בעהעלפער, באז ווי א גאנץ יאהר און, ניט פראגענדיג ביי איהם, האט ער מיט געוואלד איהן אנגעטהון.

משה'לען האבען זיך געשטעלט טרערען אין די אויגען, אין האלז האט איהם אנגעהויבען שטיקען, און ער האט ארויס געלאזט א געוויין.

— וואס האסט דו זיך צו חליפעט?

האט דער בעהעלפער א געשרעה געטהון — האסט נאכטען נאך קארג געוויליעט? און שוין ווילסט דו ווייטער ניט געהן אין חדר?

און משה'לע איז שוין ווייטער אין חדר, וואו דער רבי איז שוין ווידער באז, די רביצין שעלט, דער בעהעלפער קנייפט און צו „ל"ג-בעומר" איז נאך אזוי ווייט... עס איז אזוי לאנג צו ווארטען צו דער גוטער פרייער מינוט!

א. ספקטאטור.

פון וואנען נעמט זיך ער שפיעלט פארן מיזועל?

(א פאנטאזיע)

עס האט געקאנט זיין א כלי-זמר, וואס האט זיך אין א מאדעל אויף א חתונה פערליעבט, און האט זעלטען, זעלטען שאן און טרויריג געשפיעלט, ווייל ער האט בעמערקט, אז זי הארט, פיהל'ט און פער-שטייט איהן.

אויגעלעך, גלייך ער קומט פון א חתונה. דאס ציגעגנע בארדיל שאקעלט זיך אין גאנצען ווי א גראזיל פון א לייבט ווינטעלע, און ער אליין שאקעלט זיך אויך, גלייך ער האלט שוין נאך ארבע כוסות.

— איך בין דער שמש פון חברה — שטעלט ער זיך פאר מיט א צונג, וואס האט זיך אויך נישט זיבער בעוועגט אין מויל — כתריאל-שמש!

ר' זלמנ'ס פנים פערצערט זיך, ער לאזט איהן דאך אריין; חנה שרה הייבט אן חלשען, די ווייבער — מינטערן; די קינדער — שרייען.

כתריאל קוקט זיך אויף דעם אללעם נישט אום. ער קומט אריין מיט זיין ממשלה, וואס איז האבער פאר לעבען און טויט. און ער דיריגיערט: לייגוואנד, נאדעל-פאדעם, וואססער...!

און אללע ווייבער האבען חנה שרה'ן פערלאסט און געגומען זיך צו בעדיענען דינן שמש

* * *

אין א שעה ארום האט שוין דער טויט א שאנער פנים געהאט: אבגעוואשען, בעגייט און בעקלייד...

— קריעה! קאמאנדיערט דער שמש, אנ-האפענדיג ר' זלמנ'ען ביי דער האנד.

ר' זלמן בייגט זיך צו און שטעלט איהם פריי דען לאץ

— עובר אויף בל תשחית — מאכט כתריאל — טהוט אן איין אלטען ראק

— שניידט! רייסט זיך היינט דאס ערשטע מאל ארויס א פערדומפען קול פון אבל'ס האלז.

כתריאל פערליערט זיך (דאס טרעפט אפילו א גאראדאוואי!), נעמט דאס טויטע קינד אין בוזעם

אויף דער חתונה, וואו זי איז געוועזען האָט ער געשפּיעלט שטאָנדיג ווייגענדיג, שטאָנדיג הערץ=רייסענדיג, שטאָנדיג האָט זיך זיין ווייטאָג געגאָססען און געגאָססען.

און דער עולם האָט נישט פֿערשטאַנען, וואָס עס איז, און האָבען דערביי „מצוה=טאַנץ" געטאַנצט; זי האָט פֿערשטאַנען, און די ליכט אין איהרע אויגען, אָדער די פֿייכטע טהוי אין זיי, האָבען אויף זיין מוזיק געענטפֿערט.

איז אָבער זי אויף דער חתונה נישט געוועזען, האָט ער גלייך ווי אַללע אָנגעהויבען גרימפּלען: שבת, שבת! עס האָט געהיללעכט, געשאַרפּט, געריססען, די געדאָרים איבער געוואָרפֿען... און דער עולם האָט געזאָגט: היינט שפּיעלט ער וואָהל! ער רייסט איין סטרונע נאָך דער צווייטער!

דערנאָך האָט ער אויף איהר אייגענער חתונה געשפּיעלט.

זי איז אַ יתומה געוועזען און ביי'ם אל-מלא-רחמים, האָט די פֿיעדעל אַזוי יאָממערליך געוויינט, אַזוי געקלאָגט, אַזוי געקראַכצט, אַז... אַז די מאַננער האָבען געוויינט ווי ווייבער, און די ווייבער האָבען זיך ראַכטים געוואָרפֿען אויף דער ערד און געריססען די שייטלען.

— דער טייוועל שטעקט אין זיין פֿיעדעל, האָט מען געזאָגט, און ערשט, אַז די כּלה האָט געחלישט און טהייל ווייבער האָבען זיך מיט קראַמפּען צו לאַבֿט, האָט מען איהם די פֿיעדעל פֿון די האַנד אַרויס געריססען, און דעמעלט האָט מען ערשט בעמערקט, אַז ער האָט גלאָזערנע אויגען...

אַ צייט לאַנג האָט ער נישט געשפּיעלט; ער איז ערגיץ פֿערפֿאַללען געוואָרען, אָדער קראַנק געלעגען... דערנאָך האָט מען איהן ווייטער אין קאַפּעללע געזעהן, נור מען האָט'ן קוים דערקענט... בלאַסס, אויסגעמאָגערט מיט פֿערלאָשענע אויגען, גאָר נישט דער מענש, גאָר נישט דאָס שפּיעלען. ער האָט שוין קיינמאָל קיין שטיינער געשפּיעלט, אפילו נישט פּרים געהאַלטען, איין אַנדערער האָט געשפּיעלט פּרים, און ער האָט צוגעהאָלפֿען, זיצענדיג, נישט ריהרענדיג...

איינמאָל האָט ער זי דערזעהן ביי דער „וויעטשערע"; ער האָט אויסגעריססען די פֿיעדעל ביי'ם פּרים און אָנגעהויבען שפּיעלען; שפּיעלען ווי אַמאָל: דאָס אויג פֿלאַמט, דאָס האַרץ דריקט, די פֿיעדעל וויינט —

נאָר קיינער האָרט נישט... זי האָרט נישט, זי האָט זיך צוריק פֿערמישט צווישען די ווייבער, ער זעהט זי נישט, קיין בליק אָנפֿערט נישט —

— העי! כּלי=זמר! שרייט אַ מחותן —

אַריין און מאַכט עטליכע טריט צו דער טהיר, חנה־שרה חליש'ט ווייטער, נור ר' זלמן מערקט עס נישט און געהט נאָך כּתריאל'ן, וואָס שטעלט זיך אין מיט'ן אָב, דרעהט זיך איבער און וואַרפֿט אַ פּריפֿענדיגען בליק אויף ר' זלמנען. דער פֿערשטייט, און ציהט אַרויס פֿון טאַש און דערלאַנגט איהם אַ פּאַפּירל, כּתריאל געהט אַרויס.

* * *

אין פֿינף מינוט קלינגט ווייטער; כּתריאל בעוויזט זיך נאָך אַ מאָל.

— וואָס איז — — געשעהען! פֿראָגט ר' זלמן אומרוהיג.

— גאָר נישט — אָנפֿערט כּתריאל...

— נו — וואָס? וואָס?

— פֿערשטייט איהר, ר' זלמן, מאַכט כּתריאל, אַזאָלכע נפשות'ליך (ער ווייזט אויפ'ן פּאַקיל אונטערן בוזעם) האָבען מיר עטליכע אַ טאָג... אַללע בעוויינען... פֿערשטייט איהר מיך... וועט קיין טרערען נישט קלעקקען... ס'האַרץ גיעסט מיר, נור די אויגען, פֿערשטייט איהר, די אַלטע אויגען ווילען שוין נישט... אַ וויסט שטיק'ל ברויט...

— נו? שרייט שוין אַרויס ר' זלמן.

— נור זייט נישט אין כּעס, ר' זלמן! געזונד זאָלט איהר מיר זיין... איך האָב נאָך אין מיין מויל נישט געהאַט... דאָס האַרץ צוגיעסט זיך, נור מען איז דאָך נור אַ בשר ודם... עטליכע קאָפּיקעס...

— איך האָב דאָך אַ רובל געגעבען? מאַכט ר' זלמן מיט עקעל.

— זאָל איך איהן טויטען? איך האָב אַ ווייב

שפּיעל עפּיס פֿריילכים צו דער וויעטשערע !
און ער האָט געחאַפּט די פֿידעל, געוואָרפֿען אויף דער ערד, זי איז צובראָכען און פּיצפּיצליך געוואָרען, ער איז ענטלאָפֿען.

— אין דעם יונג שטעקט דער טייוועל, האָט מען געזאָגט.

פֿון דעמאָלט אָן האָט ער טאַקי אויפֿגעהערט צו שפּיעלען אויף חתונות. דער עול פֿון פּרנסה איז אין גאַנצען אויפֿ'ן ווייב געפֿאַללען, און ער איז געזעסען אין שטוב, שטאַנדיג מיעד, שטאַנדיג בלאַס, שטאַנדיג אָהן כּח.

דאָס ווייב האָט געזאָגט: אַ דבוק, און מאַכט זיך אַ שטעלל אופֿ'ן מאַרק מיט געקאָכטע ארבים.

זי דאַנקט און לויבט דעם איבערשטען, וואָס האָט זי געשטראָפֿט מיט רחמנות, וואָס האָט איהר אַ גוטען דבוק געשיקט. איין אַנדערער שלאָגט און הרגיט און האַקט אויס די שויבען, דער דבוק איז חאָטש אַ גוטער, אַ שטיללער... וואָלט זי געהאַט געלד, וואָלט זי צו'ן אַ גוטען יוד געפֿאָהרען.

— ער איז אַזוי גוט, ריהמט זי זיך, אַז ער שעלט אַפֿילו נישט. אַמאָל פֿלעגט ניכער אַ קללה איהם אַרויס פֿון מויל, היינט איז ער שטילל ווי אַ טויב. ער וויל אַפֿילו נישט עססען... ניט מען איהם, עסט ער, נישט — נישט!

נור טהייל מאָל, האַלבער נאַכט, מעהרסטענטהיילס אין אַ לבנה נאַכט — הייבט ער זיך אויף, נעמט אַר[illegible] די פֿידעל פֿון וואַנד און הייבט אָן שפּיעלען.

ער שפּיעלט אַמאָל וויינענדיג, אַמאָל ליזבענדיג, אַמאָל בעט ער, אַמאָל בייזערט ער זיך, אַמאָל רייבט ער די סטרונעס, אַמאָל גלאָט ער זיי אַזוי איידעל, אַזוי דינן, אַזוי האַרצעדיג וועיך, אַז עס צוגעהט אין אַללע אברים...

און דער עולם זאָגט:

— ער שפּיעלט שוין פֿאַר'ן טייוועל.

י. ל. פּרץ.

טראַם, טראַם, טראַם...

אָבענד. אין דרויסען איז פֿריש און לופֿטיג; עס בלאָזט אַ קאַלטער ווינד.

איבער די גאַססען אין דער הויךשטאָדט, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ וואַל, איז לאַנגזאַם אומגעגאַנגען אַ יונגער־מאַן פֿון אַ יאָהר דריי־פֿיער און צוואַנציג, לייכט אָנגעטהאָן, אָהן איין אויבערציהער. די קאָלט נעמט איהם דורך יעדען אבר, דאָך העבט ער ניט אָן שנעללער צוגעהן.

מיט קינדער... מיין כּרישעת ווייסט אַללע מיינע פֿערדיענסטען, זי געהט מיר נאָך... אַז בּיי'ן אַ גביר, וויל זי אַ גאַנצען רובל...

ער בעקומט נאָך קליין־געלד און וויל שוין אַרויס געהן, נור פּלוצלינג בעמערקט ר' זלמן, אַז כּתריאל איז נישט זעהר ניכטערן, ער שפּרינגט צו און חאַפּט איהן אָן בּיי דער פּלייצע.

— איהר וועט מיר דאָס קינד פֿערליערען! רייסט זיך איהם אַרויס אַ געשריי פֿון האַרץ.

— נו, מאַכט קאַלטבלוטיג דער שמש, איהר קאָנט געבען אויף אַ דראָשקע!

ער בעקומט. אַרויס געהענדיג דאַנקט ער: געזונד זאָלט איהר מיר זיין... ר' זלמן, אַ דאַנק אייך... ווען איך האָב סאַמע אַזוינע בעלי־בתים...

נור ער דערמאָנט זיך און בלייבט שטעהן:

— ווען עפּיס מיט וואָס אייגצוויקלען דאָס קינד? מאַכט ער מיט אַ שמייכעלדיג בעטטעל־קול.

— וואָס?

— נור נישט וויים, עפּיס אַ שוואַרצע זאַך, אַ שאַלל, למשל.

אַ ייִדענע חאַפּט אַראָב פֿון חנה־שרה'ס פּלייצע אַ שאַלל און וואַרפֿט זי כּתריאל'ן.

— נור ברענגט זי אָב... אַ נייע שאַלל! שרייט זי איהם נאָך.

— וואָס איז, אַ גנב בין איך? בייזערט זיך כּתריאל.

— נור געהט, געהט!

* * *

אויף די טראָפּ בעוויזט זיך אַ ברייטער

זיין געזיכט איז פערוואלקענט, און די אויגען אראבגעלאזען צו דער ערד. ער געהט שוין אזוי ארום א צייט. ער געהט נישט אהיים און וויל אפילו וועגען דער היים נישט טראכטען, נור ער קאן דאס בשום אופן נישט אויספיהרען, עס טראכט זיך איהם געגען זיין ווילען, עס דריקט איהם דען מוח.

אין דער פריה, אז ער איז אוועקגעגאנגען, האט ער איבערגעלאזען די מוטטער מיט די צוויי קליינערע ברידער אום געגעססען, אהן א קאפיקע געלד. א גאנצען טאג איז ער ארומגעגאנגען זעכען שטונדען און געהט צוריק מיט גאר נישט.

נאך וואס זאל ער יעטצט געהן אהיים?

ער וואלט וועללען בעססער געהן, געהן און געהן אהן איין אויפהאר. נור ער האט א שלעכטע בעגלייטונג. א גאנצען טאג דאכט זיך איהם, אז איהם געהט נאך זיין הויז מיט נאך א גאלבע הייזער פון דער ארמער אונטער-גאסס, וואו די מאמעס, ברידער און שוועסטער קריממען זיך, דריקען די פערברענטע, פערשמאכטעטע ליפפען און חליפען, חליפען און חליפען...

ער פרובט זיך אבשטעללען נעבען די גרויסע, העלל בעלייכטעטע פענסטער פון די קראמען, קוקען יעדען אין פנים אריין, בעטראכטען די רייך-אויסגעפוצטע פריילינס,

ער וויל זיך פערנעמען מיט קריטיקירען, נור עס העלפט נישט. ער האט אלץ די הייזער הינטער זיך.

עס דריקט איהם שרעקליך דאס הארץ. ער וואלט וועללען פטור ווערען, בלייבען אליין, חאטש אויף איין מינוט זיין פריי פון דער שווערער בעגלייטונג פון די הייזער, און ער שטעלט זיך אללע מאהל אב און קעהרט אום דען קאפף מיט א ליידענדער מינע, גלייך ער וואלט זיך בעטען, מען זאלל איהן לאזען צו רוה. די „הייזער"—דאכט זיך איהם — טרעטען אב אויף א ווייל, נור קוים דרעהט ער זיך איבער, זיי זענען ווייטער דא!

ער קעהרט זיך אום האסטיג און לאזט זיך אראב צו דער אונטער-גאסס, צו יענע הייזער...

אויף די גרויסע טראפף, וואס פיהרען פון די איבערשטע גאססען אין די אונטערסטע, האט ער זיך אבגעשטעללט.

אונטען אין טיעפען טהאל ליגען צוזאמענגעדריקט איינס אויף דאס אנדערע קליינע האלצערנע הייזלעך, צווישען וועלכע מען האט קוים געקאנט בעמערקען די שמאלע, לאנגע דורכגאנג. אויף איינעם פון די הייזלעך, נישט ווייט פון די טראפף, שטעלט ער אב זיין בליק.

שמייכעל אויף כתריאל'ס פנים; ער ווערט אבער באלד פערשווינדען. אויף'ן לעצטען טראפף אונטעןווארט אויף איהן דאס ווייב. ער מאכט איין ערנסט פנים און דערלאנגט איהר עטליכע קאפיקים.

— און שוין? מאכט זי מיט א ביטטערן חווק.

ער דערלאנגט איהר א ליידיג ביטעלע: זעה!

— פערדרעד איין אנדערן די צאהן! אנטפערט זי און ציהט איין דען שטערן. כתריאל פיהלט אז עס געהט א וואלקען. ער גיט א זיפץ, וואס וואלט א גזלן געריהרט און דערלאנגט איהר דען רובל.

זי נעמט שווייגענדיג און וויל איהן דורכלאזען. ער האט אבער צו'ן איהר א בקשה.

— נאך היינט — מאכט ער א רחמנות פנים — נישט אין מויל געהאט.

— נו, מאכט זי, בלאז אויף מיר, זולל-וסובאניק! בלאז!

דאס, א פנים וויל ער נישט.

— נור, מוחל — זאגט ער, שפעטער עפיס האפען, אין דער היים... נור אויף א דראשקע דארף איך...

— קראנק צו פוס צו געהן?

זי שפייט אויס און געהט אוועק.

. . . .

נעבען בית הקברות איז דא א קליינע שענק. כתריאל זיצט שוין דארט איבער א פאר ליידיגע פלאשער.

א שמייכעל פון לצנות ליגט איהם אויפ'ן פנים.

— נישט פערליערען די שאלל, אוודאי,

די לאָדען זענען שוין פֿערמאַכט. קיין קלאַנג און קיין שטראַהל דערמאָנט נישט, אַז דאָ וואָהנט ווער. ביים שוואַכען שיין פֿון אַ גאַסס=לאַמטערן, זעהט עס אויס ווי אַ גראָהע, מיט שימטעל בעוואַקסענע, אַלטע חורבה, אין וועלכער עס וואָהנען נור שדים.

עס רייסט זיך איהם אַרויס אַ שווערער קרעכץ פֿון האַרץ.

— ווי האָבען זיי, נעבאָך, איבערגעלעבט דעם היינטיגען טאָג? טראַכט ער, קוקענדיג אויף'ן הייזעל.

ער פֿיהרט איבער זיין בליק אויף די הייזלעך אַרום און עס ווערט איהם נאָך אומעטיגער, נאָך קאָלטער פֿון זייער שוואַרצען אויסזעהן.

און עס דאַכט זיך איהם, אַז פֿון די אַללע הייזלעך קוקט מען אויף איהן מיט גלאָזערנע אויגען, מען בעטטעלט ברויט, מען שטרעקט אויס די האַנד; אַפֿילו די שטראַהלען דורך די לאָדען און האַלב אָפֿפֿענע טהירען זעהען זיך אויס אַזוי טרויעריג, אַזוי פֿינסטער.

אין גאַסס איז דאָך לעבעדיג; עס שפּאַציערען בחורים מיט מאָדלעך; קליינע קינדער, חדרים יונגלעך, אַרבייט=יונגען... אַללע זענען אין גאַסס. מען ווייזט זיך; מען זינגט, מען לאַכט, מען יאָגט זיך.

איהם ווערט נאָך אומעטיגער, איהם דוכט זיך, אַז היסטעריקער אָדער מתים לאַכען עס; ער וויים דען טעם פֿון אַזאַ פֿראָהליכקייט!

עס ווערט איהם אַלץ שווערער און שווערער, און ער העבט אויף די אויגען

מורמעלט ער, וואָס? אַ גנב בין איך? חס ושלום! געגעבען צו בעהאַלטען! אַ טהייערע שאַלל!

— יאָסל! רופֿט ער.

— וואָס? אָנטפֿערט מען פֿון אונטערן שענקפֿאַס.

— וויפֿיעל, זאָגסט דו, קומט מיר נאָך צו דער שאַלל?

ב. פֿזורבצר.

פֿון די שוואַרצע הייזלעך צום הימעל.

הימעל איז בלאָה, אויסגעשטערענט, ווי מיט פֿליטטערלעך בעשיטט. פֿאַטען וואָלטען בעזונגען אַזאַ הימעל מיט די מיליאַרדען פֿינקעלנדע, בלישצענדע שטערן, און געליעבטע אין די אויבערסטע און אונטערסטע גאַססען וואָלטען געפֿאַנטאַזירט, קוקענדיג אויף איהן, און זייערע נשמות וואָלטען זיך אַוועק געטראָגען געאַרמט אין דער אונענדליכקייט פֿון דער וועלט. נור איהם דאַכט זיך, אַז דער הימעל איז פֿערפֿראָרען, און די שטערן זענען שטיקלעך אייז, אין וועלכע עס שפּיעגלען זיך נור אָב די אַללע קאָליערען.

אַלץ איז געפֿראָרען, אַלץ איז טודט, נור צו איז שטאַנדיג אַזוי?

ער וויל זיך פֿאַרשטעללען וואַרמקייט, אַרויסרופֿען דעם געפֿיהל און ווערען פֿראָהליכער; ער קאָנן אָבער ניט, די קאָלט נעמט איהן נאָך שטאַרקער דורך, און עס דאַכט זיך איהם שוין, אַז די זונן וועט גאָר קיינמאָל די מעגליכקייט ניט האָבען אַרויסרופֿען ווען עס איז אויף ווינטערס עס איז געזעכט חאָטש אַ שוואַכען שמייכעל.

— פֿינסטערניס, אומעט, קאָלט... זענען געוועזען און וועלען עוויג זיין, העבט ער אָן פֿילאָזאָפֿירען.

פֿלוצלינג דערהערט ער הינטער זיך אַ געזאַנג פֿון אַ גאַנצען כאָר געזונדע, פֿרישע שטיממען מיט בעגלייטונג פֿון מוזיק

ער גיט אַ ציטטער. אויף די פֿליגעל פֿון געזאַנג טראָגט זיך אַ ניט געמאַכטע, אמת'ע פֿראָהליכקייט; די שטיממען קוממען אַרויס פֿון ברייטע, פֿוללע האַרצער.

איהם ווערט אונאַנגענעהם פֿון דער פֿראָהליכקייט, אַ קאָלט געהט איהם דורך, און ער לויפֿט אַראָב פֿון די טראָפּ.

אונטען איז געשטאַנען זיין צוועלף=יאָהריגער ברודער, מנשקע.

— גוטמאַנן? האָט איהן מנשקע געפראָגט.

גוטמאַנן האָט נישט געאָנטפערט און אָבגעשטעלט זיך קוקען אויף איהן, אָנרוקענדיג די ברעמען. מנשקע האָט אָבגעקעהרט די אויגען און געקוקט אָן אַ זייט. דאָס יונגעל האָט געוואָלט עפּעס זאָגען און דאָך מורא געהאַט, מען זאָלל איהן ניט פראָגען וועגען דעם.

— געפּאַסט? האָט גוטמאַנן אַ פראָג געטהאָן מיט אַ שניידיגער בויך־שטיממע.

דאָס יונגעל איז נאָך חשבדיגער געוואָרען.

— ווי געהט עס דער תענית? האָט איהן גוטמאַנן נאָך אומעטיגער געפרעגט.

מנשקע האָט זיך פּלוצלינג צו־וויינט.

— דער בעל הבית האָט מיך אַרויסגעטריעבען... האָט ער קוים אַרויסגערעדט.

הם! האָט גוטמאַנן געמאַכט מיט זיין בויך־שטיממע און נאָך מעהר אָנגערוקט די ברעמען — פאַר וואָס?

איך האָב געוואָלט עססען, האָב איך אַ שטיקעל קולעטש ביי דער בעל־הביתטע...

— געגנבט, האָט גוטמאַנן אונטערגעזאָגט מיט אַ דומפּען קול.

ער האָט געמאַכט עטליכע טריט; דער ברודער נאָך איהם.

— איך האָב געוואָלט עססען, איך בין קוים איינגעשטאַנען, נישט געקאָננט אַרבייטען, האָט דאָס יונגעל וויינענדיג געזאָגט.

גוטמאַנן האָט נישט געאָנטפערט. איהם איז נאָך שווערער געוואָרען אויפ'ן האַרץ, עס דריקט איהם ביז צו טרעהרען. ער בייסט די ליפּפען און געהט ווייטער.

נעבען שטוב קומט איהם ענטגעגען דער קלענערער אַכט־יאָהריגער ברודער, הירשקע.

— נו? פראָגט ער איהן אויך מיט זיין בויך־שטיממע.

הירשקע שווייגט און קעהרט אָב די אויגען.

— ווי געהט עס דיר דער תענית? פראָגט ער איהן ווייטער אָהן רחמנות.

דאָס קינד דרעהט זיך פּלוצלינג צוריק איבער.

— מיר ווילט זיך גאָר ניט עססען — האָט ער פראָהליך אויסגעשריען — ווייל איך בין אַ יוד, מיר ווילט זיך גאָר ניט עססען!..

— געגנבט ברויט, האָט גוטמאַנן אַרויסגערעדט האַלבפראָגענדיג, האַלב זיכער.

— אָ ניין, גאָר אַ נייס! — האָט זיך דאָס קינד געהיטצט — איך האָב גאָר היינט נאָך גאָר נישט געגעססען!..

— און זאַטט?.. האָט גוטמאַנן נאָך גראָבער געמאַכט די שטיממע.

— איך ווילל ניט עססען! ווייל איך בין אַ יוד, איך ווילל ניט עססען! אָנטפערט דאָס קינד מיט אַיין ערנסט, וואָס שניידט גוטמאַננען אין האַרצען.

— איך בין טאַקי געוועזען אין וואַלד! — מאַכט ווייטער דאָס יונגעל — איך און נאָך חברים!.. אַ, האָבען מיר דאָרטען אָנגעהאַפט אַ סך „באַבאָטשקעס" 1)! זעהסט אָ! — ער האָט אַריינגעשפּאַרט די האַנד אין בוזעם — אָ, זעהסט...

ער האָט געהאַלטען אַ פולע האַנד מיט שמעטטערלינגע 2).

— און אין חדר? האָט איהן גוטמאַנן איבערגעריססען.

דאָס קינד ווערט פּלוצלינג וויינענדיג.

— איך האָב געוואָלט עססען האָב איך ניט געקאָנט לערנען! פערענטפערט ער זיך דורך טרעהרען.

גוטמאַנן וואַרפט אויף ד. בידער אַ לאַנגען פינסטערן בליק און געהט ווייטער פאַרביי זיין הויז.

— וואָהין געהסט דו? קום אַריין אין שטוב! ווילל איהן מנשה אָבשטעללען.

נור דאָס וואָרט „שטוב" שניידט איהן ווי מיט מעססער. ער וואָלט יעטצט ענט־

1—2) זוממערפאָגעליך.

לאפען, וואהין די אויגען טראגען.

— קום אין שטוב! האט הירשקע אונטערגעהאלטען די בקשה מיט א ריהרענ־דען טאן, נאכגעהענדיג נאך גוטמאנ׳ען.

געהט אלליין! וואס דארפט איהר מיך! האט ער געאנטפערט אונ געגאנגען וויטער.

— די מאמע איז אין כעס! האט מנשקע ארויסגערעדט דורך טרעהרען.

— די מאמע וויל שלאגען! האט איהן הירשקע אונטערגעהאלטען מיט געוויין.

גוטמאן מאכט נאך עטליכע טריט, שטעלט זיך אב אונ קוקט אויף די קינדער מיט א פינסטער־געקנויטשטען שטערען.

— קום, זעה! האט הירשקע נאך ריהרענדער געבעטטען.

ער האט אלץ געקוקט אויף די קינדער, וואס זענען געשטאנען נעבען איהם מיט געבעט־פנימלעך, ריהרענד קוקענדיג אויף איהן. אווארמע ליעבע אונ מיטלייד האבען זיך ערוואכט אונ אופגעהויבען ביי איהם אין הארצען. עס האט זיך איהם עפעס פערוואלט אנהעבען גלאטטען, קוססען אונ האלזען זיי. אויף זיין פנים בעוויזט זיך א שמייכעל.

— קומט! האט ער ארויסגערעדט פראהליכער. ער נעמט זיי אן ביי די האנד אונ פיהרט זיי צום הויז. די קינדער האבען זיך אנגעשפארט אן איהם, ער האט זיי צו געדריקט צו זיך, אונ זיין הארץ האט איהם אנגעהויבען שטארקער צו קלאפען.

— קומט, מען וועט אייך ניט שלאגען! האט ער פראהליך אונ פעסט ארויסגערעדט אונ ער פיהלט, אז עס ווערט איהם ווארמער אין אללע גליעדער.

ער ווערט פראהליכער. דער אומעט פערלענגט זיך ערגיטץ אין א זייט, אין א בע־האלטען ווינקעל אין הארץ, אונ בייסט אונ שטעכט נאך אונטער א ביסעל. נור גוטמאן וויל עס ניט פיהלען.

פון דער אויבערסטער גאסס דער־הערט זיך א מארש, איין אויפרוף צום טאנץ.

אין דער ניעדריגער נעבען די שווארצע, קליינע הייזלעך האט מען איהן אונטער־געכאפט מיט צעהנדליגער שטיממען.

— נו, קינדער, זינגט דען מארש! — הייסט גוטמאן — מיר וועלען אריין מיט געזאנג אונ פראהליך מאכען די מאמען!..

זיי העבען אן. זיין קול ציטטערט נאך, אונ ער לאזט ארויס א פאלשען טאן. ביי די קינדער קלינגט עס דאך מיט פראהליכקייט, מיט מונטערקייט, מיט שטארקייט.....

אונ זיין קול ווערט אויך אללע מאהל פוללער אונ קלינגענדער.

— טראם, טראם! טראם, טראם, טראם.....

אונ זיי זענען אריין אין שטוב. —

ד. פינסקי.

דער לבנה׳ס ערצאהלונגען.

I

יענע נאכט — אזוי האט די לבנה פערצאהלט — בין איך געשווימען דורך דער קלארער לופט אין אינדיען אונ האב מיך געשפיעגעלט אינ׳ם הייליגען טייך גאנגעס: מיינע שטראהלען האבען געוואלט דורכדרינגען דאס געפלאכט פון דיא אלטע הויכע בוימער איבער׳ן טייך. דערוויל איז פון טיעפען וואלד ארויס א מאדעל, לייכט ווי א גאזעלל, שאן ווי חוה; עס האט געשטעקט אין דער אינדישער טאכטער עפיס א לופטיג וועזען אונ עס האט געלעבט אין איהר יעדעס גליעד. דורך איהר פיינער הויט האב איך ארויסגעזעהן אללע איהרע געדאנקען; די דארניגע ליאנען האבען איהר צוריססען די סאנדאלען — אונ זי איז דאך וויטער אונ שנעללער געגאנגען; די ווילדע טהיערע, וואס געהען צוריק פון טייך, וואו זיי האבען געלאשען

דען דורשט זענען אָב געשפרונגען דער=שראָקקען פאַר דער ברענעדיגער לאָמפּ, וואָס זי טראָגט אין דער האַנד. איך האָב געזעהען דאָס פרישע בלוט אין איהרע פיינע פינגער, מיט וועלכע זי האָט פער=שטעלט די פלאַם. זי איז צו געגאַנגען צו׳ם טייך און אַרויפגעשטעלט דאָס לאָמ=פּעל אויפ׳ן וואַססער. דאָס לאָמפּעל איז צוועקגעשווימען; די פלאַם האָט אויפ=געפלאַקקערט, גלייך אָט אָט ווערט זי פערלאָשען. דאָך ברענט זי ווייטער, און דעם מאָדכענס שוואַרצע פינקעלדיגע אויגען אונטער די זיידענע ברעמען האָבען זי נאָך געיאָגט מיט אַ בליק, אין וועלכען עס האָט געשטעקט די גאַנצע נשמה. דאָס מיידכען האָט געוויסט, אַז אויב די לאָמפּ וועט ברענגען, ביז זי וועט פערשווינדען פון די אויגען, לעבט נאָך איהר געליעבטער, ווערט זי פערלאָשען, איז ער טויט! און די לאָמפּ ברענט און פלאַקקערט, און איהר האַרץ פלאַמט און צאַפּפּעלט. זי פאַלט אויף די קניע און בעט. נעבען איהר ליעגט אין גראָז אַ פייכטע, קאַלטע שלאַנג; דאָס מאָדכען בעמערקט זי נישט, עס טראַכט נור פון בראַמאַ, אינדיענס גאָטט, און איהר געליעבטען.

— ער לעבט! שרייט זי אויס מיט אַ שמחה, און דער ווידער=קול פון די בערג ענטפערט איהר: ער לעבט!

II

— עס איז געוועזען נאָכטען פאַ=טאָג, פערצאָהלט די לבנה — קיין איינ=ציגער קוימען האָט נאָך נישט גערויכט אין דער גאַנצער שטאָדט, און איך האָב גראָד אויף זיי געקוקט. פון איין קוימען איז פּלוצלינג אַרויס אַ קליינער קאָפּף, דערנאָך אַ האַלבער קאָרפּער. די האַנד האָבען זיך געהאַלטען אויפ׳ן ראַנד פון קוימען.

— הורראַה! שרייט די פיגור. עס איז געוועזען אַ יונגער קוימענקעהרער, וואָס איז דאָס ערשטע מאָהל אין זיין לעבען דורך דורך אַ קוימען. „הורראַה!"... יאָ, דאָ איז גאָר אַנדערש אַלס אין דעם ענגען קוימען; די לופט איז אזוי פריש, און ער זעהט די גאַנצע שטאָדט ביז צום גרינען וואַלד. די זונן איז ערשט אויפגעשטאַנען; קיילעכדיג און גרויס קוקט זי איהם, דאַכט זיך, גלייך אין פנים אַריין. און זיין געזיכט האָט געשטראַהלט מיט גליק, חאָטש עס איז געווען איינגשמירט געוועזען אין רוס (כאַדזע).

— נו, מאַכט ער מיט פרייד, ציינד קאָנן מיך זעהען די גאַנצע שטאָדט, און די לבנה, און די זונן! הורראַה!... און דערביי האָט ער אויפגעהויבען דען בעזען!

ה׳ צ׳ אַנדערסען. (פון דײַטש)

אינהאַלט: די נאַכט וואַכטער — גערכט — לאָמפּענפוּטצער. פּאָליטיק — דער משוגענער פילאָזאָף. ל״ג-בעומר — ערצאָהלונג — מ. ספּעקטאָר. פון וואַננען נעמט זיך: „ער שפּיעלט פאַר׳ן טייוועל"? — פאַנטאַזיע — י. ל. פּרץ. טראַם — טראַם — טראַם... — אַ בילד — ד. פינסקי. דער לבנה׳ס ערצאָהלונגען — ה. ע. אַנדערסען. וויצען — שלמה גראָסגליק. אַפאָריזמען — לודוויג בערנע. „אַה!" X. Y. Z. פעליעטאָנען: ל״ג-בעומר — לצפר. דער חברה-קדישא שמש (אַ פּעטערבורגער בילד) ב. פאָרבער. —

וויטצען . און ב) אַפָארִיזְמֶען .

שאלה ותשובה .

— ווער האָט עס געזאָגט , אַז דער מענש איז די פיינסטע בעשאָפפעניש אויף דער וועלט ?

— אַ מענש !

חדר וויטצען

— וואָס פאַר איין עססען האָסט דו אַם ליעבסטען ?

— היערז מיט האָניג .

— ?

— אַז איך עסס עס ביי נאַכט , טהוט מיר דען צווייטען טאָג וויי דער בויך , געה איך נישט אין חדר .

*

* *

דער רבי : (פרעגט די תלמידים נאָך אַ סעודה) נו , גוט געוועז'ן ?

די תלמידים : וואהל !

דער רבי : האָט נישט איינער געהאַט צו פיעל אונ דער צווייטער צו וועניג ?

די תלמידים : ניין ! אַללע האָבען געהאַט צו וועניג .

סוחרים .

1 : אונ פון וואַננען ביזט דו אַזוי רייך געוואָרען ?

2 : ע'מען קאָנן רייך ווערען אויף פערשיעדענע אופנים .

1 : איין ערליכער אופן איז נור דאָ איינער .

2 : אונ דער איז ?

1 : איך האָב באַלד געוויסט , אַז דו ווייסט נישט פונ'עם .

אויף די תנאים .

— איהר זעהט (מאַכט דער בדחן) , ווי רייך דער מחותן איז... בעטראַכט נור דאָס זילבער אויפ'ן טיש !

— אפשר איז עס געבאָרגט ? פרעגט דער אַנדערער מחותן .

— געהט ! ווער וועט איהם געטרויען ?

*

* *

דער מאַנן : אַ שאַן ביסחעל קאָסטען עס מיך דיינע קליידער !

דאָס ווייב : דו רופסט מיך דאָך טהייער ווייב !

אַ גוטער דאָקטאָר .

— וואָס זיפצט איהר אַזוי ?

— מיין ווייב , לא עליכם , איז נישט בקו הבריאה !

— ווער געהט אַריין ?

— דער דאָקטאָר סקאָבאָרסקי .

— אַ גוטער דאָקטאָר ! ער האָט מיין ווייב , עליה־השלום , אויך קוריערט !

שלמה גראָסגליק .

---

1) עס איז שווער צו וויססען , וואָס עס איז לייכטער : אַ חלב'ן ליכטעל צו שנייצען , אָדער אַ פאַנאַטיקער צו בעלעהרען ; אַללע צוויי מינוט מוס מען אָנהייבען די אַרבייט אויפ'ס ניי , אונ ווערט מען אומגעדולדיג — פערלאָשט מען דאָס קליינע ליכטעל אין גאַנצען .

2) די אָפפענטליכע מיינונג (דעת הקהל) איז אַ ים אונ מען מיינט , אַז עס איז אַ טאָפף מיט יאָך . משוגענע קאָכער שטעהען איבער איהר — איינער וואַרפט אַריין זאַלץ , דער צווייטער — צוקקער , דער דריטטער שוימט די בלאָזליך מיט אַ האָלצערנעם לאָפעל , אַ פירטער בלאָזט , אַז די באַקקען ווערען איהם געשוואָללען , דער פינפטער וויל דען גאַנצ'ן טאָפף אויסטרינקען , דער זעקסטער — אַרויסגיעסען איהן פאַר די הינד !

רבותים ! מען לאַכט אויס אייך אין די פויסטען !

3) אַסך פאָליטיקער מיינען , אַז אויב מען וויל דען רויך פטור ווער'ען , דאַרף מען נור דען קוימען צו פערמויערען אונ דערפון טאַקי קומען אַללע שרפות .

4) דאָס מזל איז אַ סופלער . ער לעזט גאַנץ שטילל אונ רוהיג די ראָלע , אָהן ווילדע תנועות , אָהן התלהבות , אָהן געפיהל ; איהם איז אַללעס איינס — אַ קאָמעדיע אָדער אַ טראַגעדיע . דאָס צאַפּלען , וואַרפען זיך , דאָס ווילדע שרייען אונ אַללע משוגענע תנועות , דאָס גיט שוין צו דער מענש — דער אַקטער .

5) אָרכאָדאָקסען זעהען מיט די אויערען ; לעבען אין דער לופט , נישט אין דער ליכט , דעראיבער פערלאַנגען זיי עס זאָלל זיין שטילל אונ טונקעל .

לודוויג בערנע .

„אַה !" .

„אַה !" איז איין אויסגעשריי , וואָס איז ביי אַללע פעלקער גלייך . טרעט אָן אַ פראַנצויז , אַ דייטש , אַ חינעזער , איין אַראַבער — ווען עס איז אויף אַ הידהנער־אויג , וועללען אַללע אויס שרייען , „אַה !" . אפילו אַ יוד , וואָס איז געוואָהנט צו'ם טרעטען , שרייט אויך אויס : „אַה !" . נאָך מעהר — דאָס שרייט מען אויף איין אופן אין פולין , ליטא , בעססאַראַביען אונ וואָהלין .

X. Y. Z.

איירָאפּא מיט׳ן פייל און בויגען

(אַ פּאָליטישער פעליעטאָן).

אַ ביססעלע פּאָליטיק, אָבער טאַקי גאָר אַ ביססעל – אַלץ בעססער ווי גאָר נישט, איהר זייט דאָך ערשט נישט לאַנג געוועזען פּסחדיגע מלכים!

און גלאַט, ווי איז עס אַ יוד אָהן פּאָליטיק? אַ יוד אינטערעסירט זיך קיין מאָל נישט מיט דעם, וואָס איהן דאַרף אינטערעסירען – ער קריכט שטאַנדיג אין ווייטע עולמות, וואו ער קאָן זיך ניט איבערדרעהען, וואו ער העכט גאָר נישט אָן צו פערשטעהן, און וואו מען דאַרף איהן אין גאַנצען נישט האָבען. די יודישע אונטערנאַוויוועדיגע פּאָליטיק האָט שוין אַ וועלט-בעריהמטען נאָמען – זי דיענט אַלס אַ כּשל, עס געהען אַרום פון מויל צו מויל אַ סך אַנעקדאָטען, מעשות׳לעך, וועגען איהר. איין אַנעקדאָט וועל איך אייך יעצט טאַקי דערצאָהלען. ער איז אפילו ניט קיין יום-טוב׳דיגער, נור איהר עסט דאָך חרוסת אויך; אַזאַ טעם וועט ער זיכער האָבען!

צוויי יודען זיטצען און רעדען וועגען פּאָליטיק. ביי ביידען האָבען זיך שוין די היטעל פערדרעהט, ביידע שוויטצען איבער׳ן טירק און בולגאַר, קריגען זיך פאַר׳ן פראַנצויז און דייטש, שפּאַרען זיך וועגען ענגלאַנדער: ווער ס׳וועט וועמען בעססער געבען אין אַ מלחמה! דעם איינעם׳ס ווייב איז געשטאַנען דערביי און געוויגט איהר קינד; דערהאָרענדיג, ווי איהר מאַנן רעדט פון שלאָגען זיך, האָט זי זיך צושריען:

- געוואַלד, שמערל, מיש זיך נישט!

דאָס איז ניט דיין זאַך! – איהרע שווינדזיכטיגע באַקקען ווערען גערויטעלט, און איהר קול ציטטערט: – מיש זיך נישט, וואָרום מיין שווער האַרץ וועל איך אויסגיסען צו דיין קאָפּף!.. מיש זיך נישט, גזלן! – טרעהרען שטעהן שוין ביי איהר אין די אויגען – אַ מענש אָיל וועללען זיך אַלליין אומגליקליך מאַכען!.. דו האָסט דיינע אייגענע קאָפּף ר״עהעניש, מיש זיך נישט!..

„מיש זיך נישט“! גערעכט איז ... טאַקי, נור ווי קענגען מיר זיך נישט אַריינמישען, אז עס איז יעצט אַ גאַנצער גערודער אין דער פּאָליטישער וועלט וועגען אוועקלייגען די כּלי-זיין, צו צולאָזען דען גראָסטען טהייל סאָלדאַטען, ווייל מען וויל שוין אויפהאָרען מלחמות צו פיהרען?.. יעצט אין פריהלינג, ווען מען פיהלט זיך אַזוי צופריעדען, ווענן מען קוקט אויף דער גאַנצער וועלט אַזוי בנעימות׳דיג, פריינדליך, ווילט זיך אודאי אַ רעד טהון וועגען פטור ווערען די כּלי-זיין, וועגען שלום ושלוה.

דער ערשטער וואָס האָט אַרויסגעבראַכט פון מויל די ווערטער: „אוים טהון די כּלי-זיין“, איז קריסטיאַן דער נייענטע, דער קעניג פון דענעמארק. רעדענדיג מיט דעם איספּאַנישען געזאַנדטען, האָט ער אַרויסגעזאָגט די מיינונג, אז איירָאפּא איז שוין ניט ווייט דערפון, זי זאָלל אוועקלייגען די וואַפּפען!

די וואָרטער אַלליין האָבען שוין אַ גרויסען רושם געמאַכט אין דער וועלט; דערצו האָט נאָך אין יענער צייט רוססלאַנד מיט דייטשלאַנד בעשלאָססען דען האַנדעלס-טראַקטאַט אויף גאַנצע צעהן יאָהר; אָסטערייך טהוט דאָסזעלבע און אויך מיט רוססלאַנד. איטאַליען וויל דאָס טהון. ווידער, פראַנץ יאָזעף, דער קיסר פון אָסטערייך, האָט געזוכט פראַנקרייך און בעעהרט דען פּרעזידענט קאַרנאָ מיט דער גראָסטער אָסטערייך-אונגאַרישער מעדאַל וואָס נור געקרוינטע פערזאָנען בעקוממען זי. קורץ – שונאים געבען זיך די האַנד, און די וואָס ווילען עוויגען שלום אָהן קאַזאַרמען, האָבען שוין געמיינט, אַז זיי זענען דען מיליטאַריזם פטור געוואָרען און זיי קאָנען שוין

רוהיג עססען און שלאָפֿען.

עס בלייבט דאָך נאָך די קשיה: ווי וועט עס געשעהן? די איראָפּעאישע רעגיערונגען זענען נאָך ניט אַזוי סענטימענטאַל ווי די באַראָנעססאַ זוטנער; זיי זאָגען, אַז עס איז גרינג צו רעדען און שווער צו טהון. אויב זיי האָבען ביז אַהער אַלץ אין איינעם פֿערגראָססערט זייער מיליטער, חאָטש עס איז זיי אנגעקומען מיט גרויסע שוויריגקייטען, כּמעט קריעת ים סוף, האָבען זיי דאָך געהאַט דערויף אַסבּה. צולאָזען דאָס מיליטער וואָלט מען געקאָנט, ווען די סבּה זאָל אויפֿהאָרען צו עקזיסטירען. ווי מיר ווייסען אָבער, איז די סבּה נאָך פֿערהאַנען: אין 1870 יאָהר האָט דייטשלאַנד בעלעדיגט פֿראַנקרייך. פֿראַנקרייך וועט, נאַטירליך, דעראיבער מיט דייטשלאַנד קיינמאָהל קיין שלום נישט מאַכען, ביז וואַנען זי וועט נישט ווערען בעפֿריעדיגט. בעפֿריעדיגען קאָנן מען זי נור מיט דעם, וואָס מען האָט אָבגענומען ביי איהר! דעראויף איז נאָך ווייט צו וואַרטען. ווילהעלם, ווילהעלם'ס אייניקל, חאָטש ער האָט אַהויסען קאָפּף, וועט דאָך ניט וועללען אָבגעבען, וואָס דער זיידע האָט פֿערחאַפּט. און גלאַט זאָגט דייטשלאַנד, אַז עלזאַס-לאָטאַרינגען געהאָרט איהר על פּי דין — אַז גאָט אַליין, פֿאַר וועלכען ביסמאַרק אפילו האָט מורא געהאַט, וועט אויך אַנדערש ניט פּסק'ענען! דעראיבער — כּל זמן פֿראַנקרייך און דייטש-[illegible]נר וועלען ניט דורכקוממען ווי-עס-איז [illegible]שען זיך, איז נישט מאָגליך קיין שלום, [illegible]ה האָנגט שטאָנדיג פֿאַר די אויגען, [illegible] איראָפּאַ ציהט נאָך אָן דען פֿאַל-ענבויגען. קאַפּריווי, דער קאַנצלער פֿון דייטשלאַנד, האָט שוין טאַקי מודיע גע-יועזן, אַז אַוועקלייגען די וואַפֿפֿען קאָנן דייטשלאַנד ניט. ער גאַראַנטירט אפילו, אַז גערמאַניע וועט קיין מלחמה ניט אָנהעבען; זי ווילל זיך נור היטען פֿאַר שונאים — נור פֿון שלום איז עס שוין ווייט!

אין ענגלאַנד האָט מען זיך אויך אָנגעהאַפּט אָן דעם קאָניג קריסטיאַנס וואָרטער. מען וויל שוין דאָרט פֿאָרלעגען דער רעגיערונג, זי זאָלל נעמען אויף זיך די איניציאַטיווע צונויפֿצורופֿען אַקאָנפֿערענץ פֿון אַללע רעגיערונגען וועגען דעם ענין. פֿאַר ענגלאַנד, אַלס אַהאַנדעלס לאַנד, איז זעהר נוטצליך, אַז עס זאָללען אויפֿהאָרען מלחמות; דאָך איז פֿאַר איהר נור נוטצליך, אַז אַנדערע זאָללען אויסטהון די כּלי-זין, און זי אַליין זאָלל קאָננען דערווייל פֿערחאַפּען מיט דער שווערט נאָך און נאָך לאָנדער אין אַזיען, אַפֿריקאַ און אויסטראַליען. זי ווילל אויך ווערען אַפּעסטערע בעל-הבית'טע אין מצרים (עגיפּטען), אַפֿגאַניסטאַן און אַנדערע לאָנדער. זי האָט נאָך ניט אַללע בעקליידט מיט איהר בוימוואָל פֿון מאַנטשעסטער און נישט אַללע צוטהיילט איהרע מעססערלעך פֿון בירמינגהאַם.

נור ווענן אפילו אַללע רעגיערונגען זאָללען זיך צווישען זיך אויסגלייכען, וועלען זיי אַלץ נאָך ניט אַוועקלייגען דאָס געוועהר! עס בלייבט נאָך איבער די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, וואָס ווערט פֿון טאָג צו טאָג שטאַרקער און העבט אָן, ניט אויף אַגלייכוואָרטעל, אַללע צו שראָקען. קאַפּריווי, ניט אָנרופֿענדיג דען נאָמען פֿון דער פּאַרטיי, האָט שוין געזאָגט, אַז אין אָנהייב פֿון פֿאָלגענדען יאָהרהונדערט, וועט מען זיך דאַרפֿען נעמען צו איהר... און נעמען, הייסט נישט מיט לעדיגע האָנד! —

מיט איין וואָרט עס איז נאָך ווייט דערפֿון, אַז מען זאלל מאַכען פֿון די קאַזארמען טאַנץ-קלאַססען. עס וועט נאָך אָבקאָסטען ממון מיט דמים, און פֿאַר מאָרגען קאָנן מען אַלס נאָך דעראיבער ניט זיכער זיין. —

אַ די וואָרטער פֿון דעם קאָניג קריסטיאַן? עס קאָנן זיין, אַז זיי זענען אין גאַנצען אַלוסטיג גלייכוואָרטעל פֿונ'ם

קאָררעספּאָנדענט. אין אייראָפּא איז געווען פּסח, אונ דער יום-טוב-דיגער קאָררעספּאָנדענט האָט אונס געוואָלט אויך מאַכען יום-טוב'דיג: זאָלל מען חאָטש אַ רגע האָפפען, אַז אָט גיך אונ באַלד וועט אויפהאָרען אומשולדיג בלוט פערגאָססען צו ווערען, עס וועלען וועניגער ווערען יְתוֹמִים אונ אַלְמָנוֹת, אונ די מענשהייט, בעפרייט פון מיליטאַריזם, וועט זיך בעססער אונ געשווינדער געהן איהר וועגס!

ביי דער האָפנונג דאַרפען מיר דאָך בלייבען. מיר מוזען האָפפען, אַז פריהער צו שפּעטער וועט מען די כלי-זין אָבלייגען אין די מוזעאומ'ס— אונזערע אייניקלעך זאָללען האָבען אויף וואָס צו קוקען... אונ די פאללענבויגען וועללען נור בלייבען ביי אונזערע קינדער אין דיא האַנד. —

איך טראַכט מעהר נישט, וויזָם וועלען טהון די בַּטְלָנִים, אַז עס וועט אויפהאָרען קריעג אונ פּאָליטיק?

באַראָנעססאַ זוטנער האָט איינגעשריבען א ראָמאַן „די וואַפפען ניעדער!“ (אראָב דאָס כלי-זיין!) אונ איך קלער צו שרייבען א ראָמאַן „ניעדער מיט דען בטלנים!“

נור „חַטָּאִים כְּתִיב“; איך מיין דאָס בטלנות! —

ניִשְׁט קֵיין בַּטְלָן.

אויף שבועות.

א יום־טוב בלאטעל.

די שוהל־קאלינע.

פינסטער איז אין אונזער גושן,
פינסטער ווי אין ארון־קודש...
דורך די הויכע שינדעל־דאכער —
איינער גאה'ר צו'ם פרנס־חדש

און דער צווייטער צום בעל־טאקסע,
דעם בעל טובה'ס שטייט נאך האכער
פון פראצענטער און מסירות
וואקסען ריעזיג הויכע דאכער.

אויך פון קמיעות און פדיונות...
ליכטליך ציהען קליינע קינדער,
און עס וואקסט ביים זייפענזיעדער
אויך א דאכיל גאר א ווינדער!

און אין מיטען איינגעגארביט,
(בזיזענד־יאהריג איז דער גארב!)
איינגעשפארט ווי אויף א קריקע
אויף א קרוממען גריענען שקארב,

שמיעהט ווי אין א שרעק פערגליווערט
ד'אלטע דורכגעניצטע קלויז —
און פון שקארפ, וואס האלט זי אונטער,
וואקסט א קאלינע ארויס...

צווישען ריעזיג הויכע דאכער
וואקסט זי פינסטער און בעהאלטען;
ציהט פון אלטען שקארפ חיות,
אלטע שטיינער מוז זי שפאלטען!

און עס קראנקט דאס שוואכע ביימעל,
שמאנדיג אויסגעדארט און בלייך...
ביטטאג... תמוז! און עס בעטעלט
קוים א שטראהל אויס פון דער הייך!

קוים א שוואכע שטראהל, א מאטטע,
אח, עס פיהרט אזוי דאס בלוט,
ווען די גרויסע, רייכע דאכער
גלאנצען ווי מיט גאלד בעשיטט!

ווי א גייער אויף א טייבעל —
פלוצלינג שיעסט אראב די נאכט
אויפ'ן ארים ענגען גושן —
און די קאלינע פערשמאכט!

הייבט זיך מיט די לעצטע כחות
צו דעם הימעל אויף און בעט:
נאך א שטראהל, נאך איין סעקונדע
וואדעם ליכט — — — שוין צו שפאט!

און די קלויז ווערט פולל מיט מתים
און זיי „דאווינען" און „לייגען"...
פולל תכריכים, פולל סקעלעטען —
און זיי שאקלען זיך און וויגען...

אלטע בכיות, אלטע תפלות,
ס'אלטע ברעכען זיך די האנד...
און דער פויליער מתים אטהעם
שלאגט א ... ורך די נאסטע וואנד...

און צושפרייט זיך אינם גוש'ן,
און עס שרעקט ארום און גרוילט;
און פאר שרעק און מתים־אטהעם
דארט די קאלינע און פוילט.

און עס וויכען אללע פייגעל
די מונטאטניצע אהן ליגנען,
קיינער וויל זיך דא נישט נאכטען,
קיינער זעצט זיך דא נישט זינגען!

פליהט א דורך א מאל א פויגעל,
זעהט זי פוילען דארט אין עק,
רייסט זיך פלוצלינג אב זיין ליעדעל
און ער פליהט פערשטומט אוועק;

אח, עס פליהט דער פרייער פויגעל,
צו דעם פרייעם, פרישען לעבען,
וואו געזונדע ביימער וואקסען,
און די גרויסע פייגעל שוועבען...

וואו דאס ליעדעל פליעסט פון הארצען
און עס הייבט זיך האכער, האכער...
און עס פערעלט זיך די משקה
אין געגילדטען לעבענס בעכער...

און דער טאג האט זונן און הימעל,
און די ליעבע הערשט ביי־נאכט...
און די קאלינע פון קלויזעל —
עלענד בלייבט זי און פערשמאכט!

י. ל. פּרץ.

סְפֵקוֹת.

אַ פאַקקעֶנטראָגעֶר האָט אויסגעֶלעֶגט זיין קראָם אין בית־המדרש אויפ'ן טיש. די שערים האָבעֶן מיט דיא גרויסעֶ אותיות געֶשריגעֶן: „יסוד ושורש העבודה", „אַהבת ציון" „דעֶר קאָרטעֶן שפיעלעֶר", „ראשית חכמה", „גראָטץ'ס געֶשיכטעֶ", פון לעֶרנעֶרן איבעֶרזאָצט, די אייגעֶנעֶ געֶשיכטעֶ אויף לשון קודש אין פינקעֶלס איבעֶרזעֶצונג, שמר'ס עֶטליכעֶ בויכיגעֶ ראָמאַנעֶן און נאָך און נאָך — אַיין אוצר מיט ספרים.

איך בין שוין דעֶמאָלט אַ משכיל געֶוועֶזעֶן און בין אַהיים געֶקוממעֶן, נאָך די קאָסט ביי'ם שווער, צו מיינעֶ עֶלטעֶרן מיט אַ גאַנצעֶן קאַסטעֶן „ספרים" און „ביכעֶר", דאָך בין איך געֶשטאַנעֶן ביי'ם טיש און געֶמאַכט זיך לעֶזעֶנדיג מאַנכעֶ שערים; איך האָב געֶוואָלט בעֶמעֶרקעֶן, וואָס דעֶר עולם קויפט.

אין מיט'ן גיט מיך עֶמיץ אַ ציה ביי דעֶר פאָלעֶ. איך דרעֶה מיך איבעֶר — עֶס שטעֶהט פאַר מיר ר' שבתי, מיין אַלטעֶר רבי.

ר' שבתי'ן האָב איך ליעב געֶהאַט נישט וויל — נור ח אָ ט ש עֶר איז מיין „רבי" געֶוועֶזעֶן. אַנדעֶרעֶ, בין איך מודה ומתודה, קאָנן איך עד היום נישט מוחל זיין די בלאָהעֶ צייכעֶן אויפ'ן לייב און די אויסגעֶריססעֶנעֶ האָהר פון קאָפף. איינעֶר האָט מיר אַ האַנד אויסגעֶלעֶנקט, און דעֶם וועֶלל איך עֶס אויפ'ן טויטעֶן בעֶט נישט פעֶרגעֶססעֶן: נור ר' שבתי האָט האָטש או מ ז י ס ט נישט געֶשלאָגעֶן! נאָך אַ מעלה האָט עֶר געֶהאַט, וואָס עֶר האָט קיין פשטליך נישט געֶזאָגט, נישט געֶהייסעֶן טרעֶפפעֶן וואָס אַ... מהרש"א האָט אין זינן, נור דעֶר עיקר געֶוואָלט „מחזק זיין" — שטאַרקעֶן די אמונה; און די אמונה האָט עֶר געֶפלאַנצט אין אונזעֶרעֶ יונגעֶ הערצליך מיט שאָנעֶ פרומעֶ מעשיות, וואָס האָבעֶן שטאָנדיג געֶהאַט אַ גוטעֶן סוף פאַר'ן צדיק, שפעֶטסטעֶנס אויף יעֶנעֶר וועֶלט, בשעת דעֶר רשע האָט קיינמאָל קיין האָניג נישט געֶלעֶקט. און די מעשיות פלעֶגט עֶר דעֶרצעֶלעֶן מיט אַזא נעימות, מיט אַזא טרויריגזיסעֶן נגון, אַז מיר האָבעֶן געֶזעֶהעֶן בחוש, ווי זיין נשמה גיעסט זיך אַרויס מיט'ן נגון פון מויל און מיט די ליכטיגעֶ שטראַהלעֶן פון טרעֶרעֶנפייכטעֶ אויגעֶן, און זי בעֶט זיך און חלשט: גלייבט קינדעֶרליך, גלייבט!

„וואָס בעֶט עֶר זיך אַזוי — פלעֶגעֶן
מיר זיך אַללעֶ וואונדעֶרן — עֶס איז דעֶן
מאָגליך אַנדעֶרש! ווי הייסט?

און דאָך האָט דעֶר ר' שבתי וועֶניג

צו'ם עוֹלָם הַתֹּהוּ.

(פֶעלְיֶעטָאן)

פון דער פראָווינץ פליהט אַ קופקעלע נשמות אין הימעל אַ־יין. — עס זעננען פרישע נשמה'לעך, ערשט נאַכטען, אסרו־חג־שבועות, געשטאָרבענע. צום הימעל איז ווייט און אויבוואהל זיי האָבען פליגעל ווי מלאכים, און עס הענגט זיי שוין נישט נאָך דער שווערער אומגעלונג פערטער גוף, קעננען זי מיט איין מאָל זיינע טהויערן נישט דערגרייכען. עס קומט דערפון, וואָס די געוואָהנהייט איז די צווייטע נאַטור, און — אונזערע נשמות האָבען אין זיך אסך פון יענער וועלט, וואו מנוחה האָט געהייסען: „גליק", וואו געהען מיט אַמאָל און וויט האָט מען נישט געקאָנט און נישט געטאָרט; וואו מען פלעגט צו זאָגען, אַז „פון אייליעניש קומט קיין גוטס ניט אַרויס", „פון נישט געהען און נישט פאָהרען האָט מען נישט קיין חרטה" און — „טישע יעדיעש — דאַלשע באָדיעש"... דאָרטען זענען געוועזען אָדלערס, אויף וועלכע מען פלעגט זאָגען, אַז זיי שיעסען גלייך אַרויף מיט אַמאָל צו דער זונן, נור ערשטענס איז עס נור מ ע נ ש ע ן, גישט קיין אָדלער געוועזען און צווייטענס איז די גאַנצע מעשה נישט אמת, אַיין אָדלער פליהט אויך נישט צו דער זונן, נור נישט אין דעם געהט עס. —

ביים ערשטען בעסטען וואָלקען האָבען זיי זיך אָבגעשטעלט.

— האָט נישט עמיץ אַ ביסל בראָנפען? פער־

פרנסה געהאט, אנדערע „גמרא־מלמדים" האבען מעהר אונ בעססער געלערנט; אזוי האבען די בעלי בתים געזאגט. —

עס שטעהט פאר מיר צונד דער זעלבער ר' שבתי; ער איז נור עלטער, בלאססער, טרויריגער, דאס היטעל „אבגעהוזלטער", די קאפאטע צוריססענער.

— ווילסט קויפען א ספר? פראגט ער מיך בעטענדיג שטילל. איך פערשטעה, אז מען דארף אנפערן: יא! אונ טהו אזוי.

— גוט, גוט — מאכט ער צופריעדען — איך קאנן דיר א וואהל ספר פערקויפען!

איך דערמאנן מיך ערשט, אז ר' שבתי פלעגט שטאנדיג אויפקויפען ספרים אונ האלטען זיי ווי איין אויג אין קאפף. די רביצין פלעגט מאכען קולות, אז דאס גאנצע מזל „געהט אריין אין די שמות", אז אין בית המדרש איז דא גענוג ספרים, נור ער האט נישט געהערט אונ ווייטער געקויפט, חאטש עס האט אמאל אויף שבת פערפעהלט.

— ווייסט — מאכט ער ווייטער — איך קאנן דיר געבען א „לקוטי ר' האי" מיט'ן קאזיניצערס פירוש. — נור אפשר האסט דו עס שוין?

איך פערזיכער איהן אז ניין, אונ ער וויל אהיים לויפען ברענגען דאס ספר, פאר וועלכען ער וויל 30 קאפ'. נור איך פערהאלט איהן, אונ צאהל איהם אויס דאס געלד.

— איך וועל ביי אייך זיין, רבי, — זאג איך איהם — וועלל איך עס אליין אבנעמען.

— וועסט זיין, זיכער? פראגט ער דערפרייט.

איך האב געפראגט איינעם פון מיינע געוועזענע חברים, ווי עס געהט ר' שבתי'ן.

— ווי א רשע אויף יענער וועלט, האט ער מיר געאנפערט. ער האט דאס ערגסטע מעמד אין שטאדט, ווייל ער לערנט ווענינ גמרא, פערברענגט גאנצע טאג מיט מעשיות אונ, ווי ער קריגט א גולדען, קויפט ער נייע ספרים. — ער געהט נעבעך אויס פאר הונגער. —

— צו וואס דארף ער אזוי פיעל ספרים? פראג איך.

— א תאוה, אנפערט מיין חבר, איין אנדערער, צו אלטע מטבעות, ער — להבדיל — צו ספרים.

— אונ פערקויפט זיי קיינמאל נישט?

— „יהרוג ואל יעבור!" פאר א מיליאן רובל נישט!

געמט איין נשמה, וואו זי האלט אין דער וועלט.

— אוף! רופט אויס די צווייטע, חאטש דאס חלק, וואס ווערט מיעד טראגט מען דארט אונטען אויף א מטה אין קבר אריין.

— ווי די זונן ברענט אונ בלענט! קלאגט זיך א דריטטע אויס לויטער געוואהנהייט, פערגעסענדיג, אז זי ליגט שוין נישט אין דער פינסטערע תפיסה פון „עפר ואפר", אז זי קוקט שוין נישט ארויס דורך צוויי קארגע אויגען־שפארעס מיט ברעמען פערשטעלט, אז די זונן מיט איהר פייערדיג ליכט קאנן איהר שוין צונד נישט שאטטען.

איינע ווילל הארען עפיס נייעס, איין אנדערע וואלט גערן געוואוסט ווי טהייער עס קאנן זיין דארט ווייץ אדער צו עס איז טאקי פערהאנדען א מחלוקת צווישען מיקעל אונ קאפריווי.

— אינטערעסאנט צו וויסען — זאגט עמיץ — צו מילאן וועט טאקי „וואהנען" מיט נאטאליען, אדער עס איז נור אזוי — לפנים!

אין דער אייגענער רגע איז דורך געפלויגען א ליכטיגער מלאך. פון דער בעוועגונג פון זיינע זילבערנע פליגעל רוישט אין דער לופט א זיסע שטיללע מוזיק. פון דעם אבגלאנץ פון זיינע אויגען קריגען די לייכטע אלאבאסטער־נעפעל גאלדענע־שאפירענע ראדער. בעגריסט פון די שטערן, שמוועלט ער זיי צו, אונ פון דעם שמייכעל לעגען זיך נייע פאססען ליכט אויפ'ן הימעל.

נור ער דערהערט פון וואס די נייע נשמות רעדען, אונ טרויריג ווערד זיין הייליג פנים!... פון די ליכטיגע אויגען איז אראבגעפאללען א טרער פון רחמנות. זי העט אראב פאללען אויף א

פֿערשטעה איך שוין, ווי גרויס עס מוז זיין די נויט, אַז רב שבתי האָט מיך אַליין אָנגעהאַפּט ביי דער פּאָלע. —

דען אייגענעם פֿאַרנאַכט בין איך „אַריינגעפֿאַללען" צו מיין געוועזענעם רבין. אין שטוב איז תהו ובהו — קיין זכר פֿון כלים און אַמאָליג בעטגעוואַנד, כמעט ליידיגע בעטטען און אַ צושניטצטער טיש צו'ם קנעללען. ר' שבתי'ן האָב איך געטראָפֿען זיטצען ביי'ם טיש מיט'ן קאָפּף אויף די האַנד, און פֿייגלען — די רביצין, מיט אַיין אָפֿפֿען מויל ביי'ם קוימען-אויבען, אין דער לופֿט האָט געשמעקט מיט אַ מחלוקת'ל צווישען מאַנן און ווייב, וואָס פֿלעגט זיך אין מיינע צייטען אויך נישט זעלטען טרעפֿפֿען.

— ברוך הבא! שפּרינגט אויף די רביצין מיט אַ געמאַכטע שמחה —

ער בעגריסט מיך אויך אויפ'ן אייגענעם אופֿן, נור שטיללער און ווי פֿערשאָמט.

איך זעץ מיך אַנידער קעגען איבער ר' שבתי'ן, אויף דער אייגענער באַנק, אויף וועלכער איך בין אַמאָל געזעססען. ר' שבתי שווייגט נור די רביצין קאָנן זיך נישט איינהאַלטען.

—פֿאַר דיר נישט „אויפֿזיך" — ברעכט זי אַרויס מיט איהר פֿייפֿענדיג, אָבגעבראָכען קול פֿון לעדיגען מויל... אַדרבא —מאַכט זי ווייטער — זיי דו דער שופֿט...

— פֿייגעל! בעט זיך ר' שבתי —

— לאָ'מיך חאָטש אָברעדען פֿון האַרץ. האָר! זאָג אַדרבא, ווער עס איז גערעכט!

אַ גאַנץ לעבען אַרבייט אַמענש (זי שטרעקט אויס אַ ביינינען פֿינגער צו'ם מאַנן) ווי אַיין אייזעל, עסט נישט, טרינקט נישט, טהוט קיין אָרנטליכען שדוך מיט קיין קינד נישט, און לעגט דאָס גאַנצע מזל אין ספרים אַריין... ס'איז טאַקי הייליגע ספרים, נור עססען דאַרף מען דאָך, עסרען! קאַרג ספרים האָט ער אין בית המדרש? קאַרג שוין אין דער היים?

זי הייבט אָן שווער אָבצואָטמען. ר' שבתי שווייגט.

— און ווילסט דווקא ספרים, זיי אַ מענש! מען וויל זאָלסט לערנען מעהר גמרא, לערן מעהר גמרא... אַזוי גרויס מכות זאָללען מיינע שונאים האָבען, ווי זיס די מעשיות זעננען... קראָפֿליך וואָלט איך אַוועק געשטעלט, נור אַז זיי וויללען נישט — די פֿויערן — —

זי אָטהעמט נאָך שווערער אָב.

— ווילסט דו ווייטער נישט נאָבגעבען — פֿיהרט זי ווייטער איהר מוסר —

לעבענדיגע נשמה און זי וועט אין איהר בלוט פֿערגעהען...

דער מלאך שטעלט זיך נישט אָב, ער מאַכט אַוועק מיט אַ פֿליגעל, ווי איינער רעדט: „פֿערפֿאַללען... מיט וואָס דער טאָפּף האָט זיך אָנגעקאָכט!..." און פֿליהט ווייטער זיין וועגס.

* * *

די פֿערשאָמטע נשמות לאָזען אַראָב די קאָפּליך:

— פֿון וואָס רעדט מען? קלערען זיי טרויריג, און בעמערקען נישט, אַז זיי פֿליהען שוין לאַנג נישט אויף די אייגענע פֿליגעל... און דער וואָלקען, וואָס ווערט נאָכ'ן מלאָך'ס אַוועקפֿליהען, אַללע מאָל טונקעלער, טראָגט זיי ערגיץ אַוועק אין אַ זייט.

פֿון וואָס רעדט מען דאָ? אויף יענער וועלט איז געוועזען אַזוי פֿיעל צו רעדען! עס זעננען אַזוי פֿיעל שאלות געוועזען, אַז דער מענש אַליין האָט זיך נישט געטרויט אויף אַללע צו אָנפֿערן. ער האָט זיך נור איבער געלאָזט די שאלת פּרנסה, דען מאָגען צו פֿערזאָרגען און די רעשט האָט ער געפֿראָגט ביי וועמען עס איז, ביי אַלטע ספרים, אַלטע קברים, ביי רביים, מאָטערס, כינה-מאַכערס, גורל-וואַרפֿערס... אויסער ברויט, קרויט, טהייל מאָל אַ שטיקל פֿלייש, האָט ער אַלס געזעהען מיט פֿרעמדע אויגען, געהערט מיט פֿרעמדע אויערען און דאָך איז דאָס מויל קיין רגע נישט געשוויגען, עס האָט שטאָנדיג געמאָהלען; דער מוח איז שטאַנדיג פֿולל געוועזען. און דאָ... דאָ אויפ'ן וואָלקען פֿיהלען זיי זיך אַזוי לעער, אַזוי פּוסט...

איז נישט, פערקויפט מען א מאל א ספר! זיין דאס אויך נישט!

אויף ר' שבתי'ס פנים זענען אויסגעגאסען יסורים און זי דרייט זיך צו מיר איבער:

„איך בעט מיך ביי'ן איהם ווי ביי'ן א גזלן: — האסט א פוללע שאנק מיט ספרים, לאז זיך דיר דאכטען, אז דו האסט איין ספר וויינינער, פערקויף א ספר! גיב מיר, וועל איך איינקויפען א ביסל הייוועז צו'ם מסחר, וועט זיין א וואך פרנסה".

איהר קול ווערט וויינענדיגער.

— איך האב שוין אללעס פון שטוב ארויס און פון מיר אראב פערקויפט... איך האב נישט אין וואס זיך שבת צו ווייזען אין שוהל אריין, ליבט בענש איך אין קארטאפלעס, וואס נאך ווילסט דו, גזלן?

און דער „גזלן" פערשטעלט זיך דאס פנים און זיפצט.

— רביצין — זאג איך צו'ן איהר — ר' שבתי האט דאך היינט א ספר פערקויפט?

— מזל טוב! — צו לאכט זי זיך מיט ביטטערקייט — איינס פערקויפט און דאס צווייטע געקויפט! ער האט א היים געברענגט איין ניי ספר!

—איך קאנן עס שוין צוריק פערקויפען, פאלט ר' שבתי אריין אין די רייד, איך האב עס שוין דורכגעבלאטטערט! דער — מסילת ישרים.

וויפיל קאסט ער, רבי? פראג איך.

— ער איז צוזאממען מיט'ן ספר הישר לרבינו תם — —

— אה, מאך איך מיך שוין ווים־סענדיג, און שטופ אריין דער רביצין א רובל.

פייל פון בויגען איז די אלטע ארויס פון שטוב.

ר' שבתי הייבט שווערליך אויף דען קאפף.

— דו האלסט מיך אוודאי — מאכט ער — פאר א משוגענעם?

— חלילה! לייגען איך שטיין און ביין, חאטש איך בין מודה ומתודה, אז איך האב איהן שטארק חושד געוועזען.

— און דאך — גיט ער צו מסופק — און דאך... נור — דו האסט אין מיר א טעות. און נישט נור אין מיר... אין אסך פון מיינס־גלייכען...

ער הייבט זיך אויף און הייבט אן ארומגעהען איבער דער שטוב.

— מען מיינט — פיהרט ער ווייטער זיינע רייד — אז אזוינע ווי איך דארפען קיין ספרים נישט, זייער אמונה איז שטארק, אזוי שטארק — מויערן צו שטעללען!

פון דער ווייטענס פליהט „יענע" קויל, אויף וועלכער זיי האבען געלעבט, איינגעהילט אין א שווארצען וואלקען. אונטער דען וואלקען זענען געבליבען זייערע געדאנקען, זייערע שאלות, זייערע ענינים צום רעדען. אין זיי איז געבליבען א שוואכער אבגלאנץ פון ברויט מיט קרויט, נור דאס איז דעם מלאך נישט געפעללען.

— מען וואלט געדארפט רעדען פון גוטע זאכען — מיינט א נשמה.

— פון פרוממע — פערבעססערט א צווייטע.

— חאטש א ווארט תורה — ראטה א דריטטע.

נור די צונג לעגט זיך נישט. דא אין דער הויך אויפ'ן וואלקען האט גאר אללעס איין אנדער פנים. עמיץ דער־מאנט זיך פון עפיס „גוטס" און פאר די אויגען שטעלט זיך א שאנער גן־עדן אפ־פעל, געדרייטעלט ווי א פערשאמטע בתולה, נור פון מיטטען קוקט ארויס א גרינער ווארם. דער אפפעל האט נור די שאל, איינגערווענדיג ליגט דער ווארם אויף א שווארץ בארגעל מיסט. דאס שלעכטע זעהט טהייל מאל אויס א סך אנדערש ווי אויף יענער וועלט. דערמאנט, בעווייזט זיך עס אין דער לופט ווי א שטיקל צופענקעטע בלאטע, נור פון ריטצען בליצען שטראהלען ארויס; איינגערווענדיג מוס זיין א ליכט, א בריליאנט!

פון פרומקייט האט מען אויך מורא צו רעדען. ווער ווייסט, וועלכער נוסח עס איז נוהג אין הימעל: נוסח ספרד, נוסח אשכנז, אדער אפשר זענען גרעכט די דייטשע גאליבראדעס? צו שאק־קעלט מען זיך דא ווי א לולב, מען שטעהט אויסגעצויגען ווי א סטרונע, אדער מען זיצט איי־

— און, איך זאג דיר — שטעלט ער זיך אב, און נעמט מיך אן ביי'ם קנאפף פון ראק — אז אללע מענשען האבען ספקות. אללע! איך אוודאי!...

ער לאזט מיך אב און געהט ווייטער איבער דער שטוב.

— און ספקות איז א ביטטערע זאך — קלינגט וואונדערליך זיין צובראכען קול — דאס איז א ווארם נישט צום פערגעסען! עס עכט, גריזעט, נאגט... עס ציהט די כחות ארוים... עס צודרייט דען מוח ווי איין עגבויר.

איך קריג אויפ'ן וואונדערליך רחמנות.

— און אין וואס זענט איהר מסופק, רבי? פראג איך איהן.

— אין וואס? אין גאר גוויסע זאכען.

ער שטעלט זיך ווייטער אב, נעמט מיך אן ביי'ם לאץ און קוקט אויף מיר מיט זיינע גראהע פערוואלקענטע אויגען פון אונטער די גרייז־גראהע, לאנגע ברעמען:

— נו, אדרבא, זאג מיר דו, אפשר ווייסט דו... ער האקט דאך אב.

— וואס? פראג איך איהן מיטליידיג.

— לאז זיין דאס: ווי איז מאגליך: אי עולם הבא, אי תחית המתים? אז אללע וועללען לעבענדיג ווערען און „בלע המות לנצח" — עס וועט קיינער נישט שטארבען — ווער וועט זיין אין גן עדן? און — ווייטער פערקעהרט — —

נור דערויף איז צוריק אנגעקוממען פייגעל.

— האסט געדאווינט מנחה? גיט זי ראפטום א פראג ר' שבתי'ן.

— באלד, באלד! אנפערט ער איהר.

זיווארט ביז ער הייבט נישט אן צו דאווינען און געהט שטילל ארוים.

ל. נ. פרלנן.

גרינם אלם עדן.

(ערצאהלונג)

הירשעלע, א יונגער מאנן פון א יאהר 20, איז ביי ר' לייבוש פעסיעס אין הויז א היימעשער. מען האט איהן דארטען ליעב ווי איין אייגען קינד און פעסיעס מאכטער — א פריילין פון א יאהר 19 — האט'ן ליעב ווי „איין אייגענען ברודער". זי זאגט עס איהם גאנץ אפט און אפפענהערציג, און דאך איז הערשעלע שוין א יאהר צייט שטאנדיג טרויעריג און פערשמערצט. ער זעהט אויס קראנקליך און בלאסס.

און אז זי פראגט איהן פאר וואס ער

געבויגען איבער א מגן־דוד, וואס מען מוס אויספלאכטען פון חכמה מיט אמונה צוזאמען?

עס רעדט זיך אפילו קיין תורה נישט. די „בני־תורה" צווישען די נשמות, זענען געוואוהנט צו פינסטערע שלש־סעודות תורה, פערטייבט מיט לאנג־געצויגענע, מאנאטאנע נגונים... צווישען „אנשי שלומנו", און נאך א קאפף בראפען... און זאג דא א גימטריא, אז עס קאנן דורכפליהען א ליטווישער מלמד און אויסווייזען, אז עס לעגט זיך גאר אנדערש אוים!

— אה! דערמאנט זיך פלוצלינג א נשמה. עס איז דאך נאך שבועות — האט איהר אייך עפים געפרייט מיט קבלת־התורה?

— עטליכע נשמות רוקקען זיך אב אין א זייט — דאס זעננען דארטען קאזיאנגע רבנים געוועזען! זיי האבען זיך געמאכט א בעזונדער ראדעל און גערעדט, וואס מען וועט זאגען אויף יענער וועלט וועגען טאקסע פון נפטרים ונולדים. די גראססערע קראנין נשמות האט זיך טאקי אנגעהאפט אין שבועות, אין דער שאלה: ווער און ווי אזוי עס האט זיך געפרייט מיט קבלת־התורה.

— „אביאזאטעלנא" — שפרינגט ארוים א ליטווישער בעל־טאקסע — געפרייט זיך, ווי דען! איך וואלט א שאן לייט געוועזען אהנעם תורה'לע! עס וואלט אפילו קיין „סוויעטשנע־סבאר" נישט געוועזען „נאקאנוניע" — אסרו־חג האב איך „ווי־ציעסט" דעם תורה'לע א „וועטשער" געמאכט, א קאק־זיע, מיין דאריטשקע האט געשפיעלט, זינקא סדיעלאלא פוראר — די וועלט אבגענומען! כאיסעי אנדרע

זעהט אויס אַזוי שלעכט, פֿאַר וואָס איז ער שטאָנדיג אַזוי פֿערטראַכט און דערווייטערט זיך פֿון מענשען, פֿאַר וואָס ער רעדט נישט מיט איהר אַזוי פֿראָהליך ווי אַמאָל, ווי ערשט מיט אַ יאָהר צוריק?

אָנפֿערט ער איהר אַז דאָס מאַקי איז דערפֿאַר, ווייל זי, פֿייגעלע, האָט איהן ליעב ווי אַ ברודער.

— חאַ, חאַ, חאַ! — צולאַכט זיך פֿייגעלע — וואָס דען ווילסט דו — איך זאָלל דיר פֿיינד האָבען?

— ניין! איך וויל דו זאָלסט מיר ליעב האָבען, נור נישט ווי אַ ברודער!

— ווי אַזוי דען? צו לאַכט זיך פֿייגעלע נאָך שטאַרקער.

— ווי אַ חתן — אָנפֿערט ער ערנסט און פֿינסטער — ווייל איך האָב דיך ליעב ווי אַ כלה!

איינמאָל האָט ער איהר דערצאָהלט, אַז זיינע עלטערן האָבען איהם געהייסען רעדען שידוכים, און מען רעדט איהם! נור ער וויל נישט הערען און וויסכען! נור, ווען זי, פֿייגעלע, זאָלל איהם זאָגען, אַז זי האָט איהן ליעב נישט ווי קיין ברודער, וואָלט ער געבעטען אַ שדכן, ער זאָלל אָנשלאָגען אַ שדוך מיט איהר.

פֿייגעלע האָט זיך ווייטער צולאַכט. זי האָט איהם געזאָגט, אַז ער איז „אַ נאַרעלע", און הירשעל איז אַוועק געגאַנגען פֿון איהר מיט איין אַראָבגעלאָזטען קאָפּף און איין אומגליקליך צובראָכען האַרץ. און, הגם ער האָט נישט אויפֿגעהערט צו זיין אַ היימישער אין הויז, רעדט ער שוין מעהר נישט דערפֿון, און ווערט אַלס טרויעריגער און שוויינענדיגער.

זי האָט איהם דאָך נישט געקאָנט אַנדערש אָנפֿערן. איהר האָט מען שוין אויך גערעדט שידוכים און מיט אַ סך בעססערע חתנים. און ווי די שדכנים זאָגען, איז איינער גאָר וואוהלל! „ער איז שאָן און געלערנט ווי די וועלט! ער רעדט און שרייבט אויף עטליכע שפּראַך: אפילו דייטש און פֿראַנצעזיש! אין יודישע זאַכען איז ער אַוודאי געלערענט! ער האָט שוין אַפילו אַמאָהל געשריבען אין אַ גאַזעטע; זיין נאָמען איז געדרוקט אין אַ בלאַט! אַז ווען מען ווערט זיך, אי"ה, אויסגלייכען וועגען נדן, וועט מען זיך צוזאַממען פֿאָהרען אויף דער סטאַנציע קאַזאַטין, וואו אַללע באַהנען קוממען זיך צוזאַממען. מען זאָגט, אַז דער קאַזאַטינער וואַגזאַלל איז זעלטען שאָהן! באַלייכט איז ער מיט עלעקטריש פֿייער, און — אויב עס איז מן השמים, און חתן כלה וועללען זיך געפֿאַללען, וועט דער חתן מיט די מחותנים קוממען אַהער און מען וועט מאַכען תנאים".

יעזוויטש איז פֿון דער „שקורא" געשפּרונגען. ער וואָלט זיך אָביאַסניאַעט, נור ביי'ם אווזשין האָב איך איינגעשלונגען אַ ביין, און אָט — בין איך דאָ!

— און איך — רופֿט זיך אָן אַ מלוה — האָב מיך נוהג געוועזען ווי אבות־אבותינו. שאַוועור, תקון מיט פּוטטער־געבאַקץ — מעהר דאַרף מען נישט! גאָטט וויל נישט מעהר! מיט'ן תורה'לע האָב איך מיך אַוודאי געפֿרייט. „לנכרי תשיך", מיט היתר עסקא אונטערגעשלאָגען, איז אַ יודישע פּרנסה, ווי דען! נור מיין ביילא־גיטעל האָט פֿאַר גרויס שמחה, וואָס איך האָב איהר אַ סאַמעטענען כאַנטעל אין מיין אייגענעם לאַבאַרד געקויפֿט, אָנגעבאַקקען אַזוי פֿיעל, אַזוי פֿיעל... און „איידער גאָטטס גאָב זאָלל קאַליע ווערען — —"

— האָט איהם דער בויך געפּלאַצט, מזל־טוב! פֿאַלט איהם אַ רביל אַריין אין די רייד. און עס איז איין אמת רבי'ל געוועזען. מען האָט עס נאָך געפֿיהלט פֿון מקוה וואַססער. געפֿרייט מיט קבלת־התורה — פֿערציילט ער — האָב איך מיך! אַ ביסל ספּירט אויף פּאָמעראַנצען־שאָלען האָט די רביצין אָנגעגאָססען, בעלי־בתים האָבען אויך געשיקט — איינער אַ פֿלאַש ויין, אַנדערע לעקקעך. איינער האָט אַריין געשיקט אַ חתיכה'לע טאָרט... וואָס זאָלל איך אייך זאָגען? טעם גן־עדן! איך האָב מיך טאַקי געפֿרייט! וואָרען באמת — וואָס וואָלט איך אָהנ'עם תורה'לע געטהון? איך האָב געהאַט אַזאַ גולם'וואַטע גוף, וואָס האָט צו עפּיס אַנדערש נישט געטויגט. איין פֿוס אַ לאָנגערער, אַ הייטעל אויף איין אויג און, רחמנא־לצלן, ניט פֿאַר אייך געדאַכט, געברעכט. אין דער התחלה האָב איך

זי שטעלט זיך פֿאָר, ווי אַזוי דאָס שטאָדטעל וועט קאָכען, אַז איהר חתן וועט אָנקוממען מיט אַ פּאַראַד! אַללע וועללען לויפֿען, איינער דעם אַנדערען וועט איבער־יאָגען, יעדערער וויל פֿריהער זעהען פֿייגעלעס חתן, און יעדער וועט סמאַטשקען מיט די ליפּען פֿון גרויס פֿערוואונדערונג: „נאָ, אַ חתן — אַ חתן! האָט עס אונזער פֿייגעלע בעקוממען, אַ חתן! פּראַכט אַ גליק!"

נאָכהער, אויף יום־טוב, וועט מען די כלה נעמען אויף די „צווייטע טאָג" אַהין, צום חתן, אין שטאָדטעל אַריין! היינט וואָס וועט זיך דאָרט טהון, אַז זי וועט קוממען!

מיט איין וואָרט איהר פֿאַנטאַזיע האָט נישט אויפֿגעהאָרט צו שפּיעלען! זי וועט אַ כלה ווערען; מען וועט פֿאָ־רען אַהין, מען וועט פֿאָהרען אַהער, דער חתן וועט בעגלייטען! נייע מענשען, אַ נייע וועלט, מען וועט זי בעגעגנען... אפשר מיט מוזיק! און זי וועט זיין אַ פֿאָלקאָמ־מענע, גל קליכע כלה! היינט — אַז זי וועט חתונה האָבען! אַז זי וועט זיין אַ שנור אין אַ נייע שטאָדט! וואָס וועט זיך דענסט־מאָהל טהון!

און דאָ קוממט פּלוצים הירשעל! אַ געלאָכטער חלעבען! וואָס איז הירשעלע?

אמת, זיינע עלטערן זענען אויך בעלי־בתים, איהרע עלטערען וואָלט אָנשטעהן דער שידוך; דאָס איז אויך אמת, אַז הירשעל איז אַ וואָהלער יונגער מאַנן. אָבער וואָס איז הירשעל? ווער קען נישט הירשעלען אין גאַנצען שטאָדטעל? „פֿאַר וועמען איז פֿייגעלע אַ כלה געוואָרען"! — „פֿאַר הירשלען!" חאַ חאַ חאַ! קיין קאַ־טאָווים נישט! מען דאַרף אפילו נישט געהן פֿייגעלעס חתן אָנקוקען, וואָרען — ווער קאָנן איהן נישט? דאַכט זיך, אַז אפילו אַ קינד אין וויעג! נאָ — און נאָך־דעם וואָס וועט זיין? נאָך די תנאים, מיין איך? גאָר נישט! און נאָך דער חתונה? ווייטער גאָר ניט! דער אייגענער הירשעלע, דאָס אייגענע שטאָד־טעל, די אייגענע טאַטע־מאַמע, אַלץ די־אייגענע ווי מיידעל וויז! קיין שום פֿער־אַנדערונג! היינט — צו וואָס טויג מיר אַזאַ כלה־ווערען? נאָך וואָס חתונה האָבען? איז נישט אַ געלעכטער, אַ פּראָסט נאַררעלע איז, אָט, דער הירשעל, אַז ער וויל איך זאָלל זיין כלה ווערען!

* * *

עס איז אַוועק אַ זוממער, אַ ווינטער,
עס איז ווייטער זוממער; פּסח איז אַריבער
און אָט איז ערב שבועות! — מאָנגער קויפֿען

אפילו דערפֿון אויך קיין פּרנסה נישט געהאַט. 16 יאָהר בין איך געזעססען אויפֿ'ן כסא־הרבנות, און האָב גאָר נישט געוואוסט וואָס „כשר" איז, וואָס פֿאַר אַ שמאַלץ־גראָבען, וואָס פֿאַר אַ ברכה פֿון גאָטט דאָס איז! דערנאָך בין איך דערגאַנגען דעם סוד פֿון „כשר"! דער ערשטער איז געפֿאַללען דערויף, להבדיל בין החיים והמתים, נח פּיאַסעטשנער און איך בין באַלד נאָכגעגאַנגען... אַלץ איז פּרנסה! יין־קדוש צאָהלט, פּסח'דיקער וויין איז גאָר אַ מטמון! קצבים צאָהלען, ווי דען! און אַז אַ חברה סטודענטען ווילען זיך מתיר זיין שמטה — אַ פֿינף־און־צוואַנציגער! ווי דען! צונר מוז דאָרט דער ה׳ יצה־ר־טוב זיין אַ געשעפֿט, כ..ן האָט אָנגע־הויבען צו רעדען דערפֿון!

— געשטאָרבען בין איך — גיט צו דאָס רביל —

איך ווייס אַליין נישט אויף וואָס, עפּיס פּלוצלינג... אַז מען האָט מיך „אַראָב גענוממען", האָט מען געזאָגט, אַז דאָס האַרץ האָט מיר געפּלאַצט, בשעת איך האָב געהערט, אַז רבנים ווילען מתיר זיין חליצה... זאָלל זיין אַזוי! נור — ליגענט איז; זיי וועללען נישט מתיר זיין!

— און איך — פֿאַלט אַריין אַ מלמד — האָב מיך אויך געפֿרייט, איך האָב דאָך יאָ פּרנסה פֿון תורה'לע...

— שטילל, מלמד, בטלן! האַקט איבער איין אַנדערע נשמה. איך בין עס טאַקי, רבי, דער, וואָס דאַט אייך דען פֿינף־און־צוואַנציגער דערלאַנגט. איהר קאָנט מיך, אַוודאי, אַללע?

דאָס קראַנציל נשמות ציהט מיט די פּלייצעס אויף'ם גיי.

תקונים'ליך, ווייבער באקקען פוטטער געבאק'ס אונ יונגע-לייט זוכען גרינס לכבוד יום־טוב אויסצופוטצען די „סטעליעס" מיט די פענסטער.

הירשעל איז אויך פערנומען מיט גרינס. זיין היים איז שוין פערזארגט, נור ער דארף נאך ר' לייביש פעסיעס הויז פערפוטצען. עס זעננען דארט קיין יונגע לייט נישט דא, אונ ער איז דאך א היימישער! אונ פייגעלע — ווייסט ער — האט זעהר ליעב גרינס אונ נאך מעהר — פרישע שמעקענדיגע בלומען.

היינט האט ער כמעט פערגעססען „וויא אזוי פייגעלע האי ציהם ליעב"; ער האט קיין צייט נישט נעהמ[?] וועגען דעם צו טראכטען. ער האט נור געדענקט, אז עס געהט א יום־טוב, אונ ער וועט מעהר צייט האבען צו רעדען מיט איהר, צו קוקען אויף איהר!

באלד פריה מארגען איז ער אריין צו ר' לייביש פעסיעס אין שטוב מיט א פולל קיישעל גרינס אונ בלומען.

דערזעהענדיג הירשלען, מיט'ן קיישעל גרינס אונ בלומען איז פייגעלע אנגענעהם איבערראשט געווארען אונ האט איהן בעגריסט מיט א זעהר ליעבליכען שמייכעל, אז איהם איז ליכטיג געווארען אין די אויגען.

— אח! בלומען, האט פייגעלע געפאטשט מיט איהרע ווייסע הענדליך, אונ איהרע אויגען זעננען פון פרייד גראססער אונ שטראהלענדיגער געווארען, אח, וואס פאר א וואהלער ביסט דו, הירשעלע!

אונ הירשעלע דאט זיך מיט א בעזונדערן פליים אונ לוסט גענומען צו בעפוטצען מיט גרינס דאס צימער. ער האט געארבייט בעגייסטערט ווי איין אמתער קינסטלער, די אויגען האבען איהם מארנע שאן געבלישטשעט, אויף די בלאססע באקען האבען זיך בעוויזען צוויי רויטליכע רויזען, אונ פלאכטענדיג דען „מגן דוד", האט ער זיך צוגעזונגען א זיס פרעהליך נגון'דיל.

פייגעלע האט די גאנצע צייט קיין אויג נישט אראב געלאזט פון דער ארבייט אונ פון דעם קינסטלער זעלבסט.

אז ער האט געענדיגט האבען זיי זיך ביידע אנידער געשטעלט פון וויטענס בעטראכטען דען שאן געשמאקפאל'ל אויסגעציערטען רויזיגען מגן דוד, פון וועלכען פייגעלע איז אזוי בגייסטערט געווארען אז זי האט אומגעטראכט, שוויגענדיג, ארום גענוממען הירשעלען אונ צוגעדריקט צו זיך.

— מיין וואהלער, גוטער, שאנער הירשעל! האט זי מיט פרייד אויסגעשריגען—

— איך געדענק נישט — מאכט דער רב — האסט געמוזט דארטען אנדערש אויסזעהען...

— א ביסעל פרוממער — אנפערט די נשמה— מיר האבען זיך אזוי אבגעשמיעסט...

— נו, שלום־עליכם — מאכט דער רב, אונ בעמערקט ערשט, אז ער האט קיין האנד נישט דערצו.

— עליכם־שלום — אנפערט די נשמה — נור! א וואונדערליכע זאך, דארט האבען מיך דאך אללע געקאנט!

איך היים — אח! (חאפט ער זיך צוריק) איך האב גאר פערגעססען, אז איך האב מיין נאמען דעם עפר־ואפר, דעם גולם פאר'ן מלאך דומה איבערגעלאזט... אונ האב פערגעססען ווי איך היים. נור „קאבער-לאפעל" האט מען מיך גערופען, אנדערע, פאר קנאה, האבען מיך „טעללער-לעקקער" גערופען, נור מען האט זיי ווי די קאץ. נור א שבועות האבען מיר געמאכט גאר אויפ'ן גרויסען אופן, פערשטעהט איהר, מיר אליין זעננען קיין מאמינים נישט, א מאל האבען מיר אללע געבלאזען אויפ'ן דגל־מחנה־יהודה קיין מזרח, אלס קיין מזרח... וויטער אונ ווייטער, נור אז דער האט זיך איבערגעדרייט, האבען מיר זיך אויך איבערגעדרייט אונ צוריק געבלאזען, ווי דען! איך פלעג אנגעמען א פוללען בויך מיט לופט אונ ארבייטען ווי א מיעך! צווישען אונס זאלל עס בלייבען, פונ'ם בלאזען איז א גרויסער עפוש געוועזען, נור נישט אין דעם געהט עס... פאר'ן המו־עם האבען מיר א שבועות געמאכט! דען המון־עם מוס מען האלטען... א ניט... איהר פערשטייט שוין, אז אזוינע גראבע יונגען...

הירשעלע האָט אַ ציטטער געטהון און דער ערשטער קוס האָט אויסגעשאָססען.

פון דעמעלט אָן האָט זי איהן ליעב געקריגען אַנדערש ווי אַ ברודער.

א. ספּעקטאָר.

די עשׂרת הדברות.

מיט אַ פירוש פון אַ קליין בעל־בית'ל.

דער גרויסער גאָטט האָט גענעבען אויפ'ן באַרג סיני קורץ געפאַסטע צעהן געבאָטען און אונזער קליין־בעל־בית'ל האָט צו זיי צוגעגעבען אַלאַנגען פירוש אין זיין קליין הערציל.

„אָנֹכִי!"... „לֹא יִהְיֶה לְךָ"... „לֹא תַעֲשֶׂה"...

זאָגט דער רבונו של עולם!

„איך אַיינער בין גאָטט און וויל מיין ממשלה מיט קיינעם נישט טהיילען! קיין אַנדערע געטטער, אויסער מיר, זאָלסט דו נישט האָבען; פון גאָלד און זילבער קיין אָבגאָטטער נישט אויסהאַקקען, נישט גיעססען" — —

און דאָס קליינע בעל הבית'ל שרייבט איין ביי זיך אין הערצעלע:

„איין גאָטט אין הימעל, נור אַסך צדיקים אויף דער ערד".

„צו גאָטט איז וויט און דער וועג פיהרט דורכען היילינען אָרט, און איך ציטטער פאַר די וויסע מצבות"...

„צום רבי'ן איז נאָהנט און די אומות העולם מאַכען באַהנען, שאָססען און מען רעדט נאָך פון לופט־באַלאָנען..."

„גאָטט, ברוך הוא, ווי דער אמת איז וויל זיין ממשלה מיט קיינעם נישט טהיילען, ער דאַרף און וויל ביי קיינעם קיין עצה נישט פרעגען, דאָס הייסט: ער איינער אַליין איז גוזר! נור קוים האָט ער גוזר געוועזען, זיינס אָבגעזאָגט, קאָנן קוממען אַליאַדע צדיק'ל, אפילו אַ ווייבעריש'ם, און מבטל זיין, און מאַכען אַללעם כְּעַפְרָא דְאַרְעָא!"

„און דוקא ביללינ! אין גאַנצען פאַר ח"י גדולים!"

„אַמאָל איז גענוג אַ ביסעל אָבגעשפראָכענער בוימעל, אַ יהי־רצון'דיל — צו מאַכען פון טויט לעבענדיג... און דאָס קאָסט נאָך ביללינער".

„אַמאָל העלפט אפילו קענען דער גזרה אַ טאָטערל אויך! און אַ פינף קאָפּ' איז אַ מטבע, אַ טרונק בראָנפען — אַוודאי!"

— געוואַלד! האָט ראַפּטום אַ געשריי געטהון איין נשמה פון צווייטען קראַנצעל — געוואַלד! מיר זעננען אונטער דער ערד!

פון וואַננען וויסט דו? פראָגט מען פון אַללע זייטען דערשראָקען.

— וואָס הייסט, איך קאָנן נישט קיין געאָגראַפיע, איך בין דאָך עפּיס ארוים פון צווייטען קלאַסס? !

— אָט, אָט האָט איהר די ערד פון אויבען! האָט נאָך אַ רב אַ משכיל געוויזען מיט אַ שפּיץ נשמה־פליגעל!

און אַללע דערזעהן, ווי די ערד פליהט איבער זיי, און אונטער זיי נעמט זיך דער וואָלקען גאָר אין אַ זייט.

טהייל האָבען זיך אָבגעריססען פון וואָלקען און ארויף געשאָססען הויך אין דער לופט, זיי ווילען די ערד דעריאָגען און איבער איהר צום הימעל דערגרייכען. די רעשט לאַבען: זיי ווילען זיך אויף אייגענע פליגעל פערלאָזען! דו זיצסט אויף אַ וואָלקען, עס קאָסט דיך נישט קיין פוהר־געלד, קויפסט נישט קיין בילעט — פאָהר!

די נשמות, וואָס זעננען אַרויפגעפלויגען האָבען זיך אויך באַלד צוריק אַראָבגעלאָזט:

— אַ שרעק — פערצאָהלען זיי — ווי ווייט יענע וועלט איז פון אונס אָב געפלויגען און גאָר אין אַ זייט... מיר וועללען זי שוין נישט דעריאָגען!

זיי דערצאָהלען נאָך, אַז נאָהנטער זעהט זיך אויס די ערד גאָר אַנדערש אויס, זי איז עפּיס רויטליך און גאָלדען ליכטיג.

זיי זעצען זיך צוריק אין קראַנציל, רעדען פון

„עָס איז אַיין עבירה פֿון גאָלד און זילבּער אויסצוהאַקקען אָדער אויסצוגיעסען זיך עבודה־זרה׳לעך . . . די מטבע טראָגט פּראָצענט און איז אויך אַ ג ר ו י ס ע ע ב ו ד ה ־ ז ר ה !"

וועַן גאָטט, דער רבונו של עולם, האָט געזאָגט:

„לֹא תִשָּׂא . . . לַשָּׁוְא !"

זענען בּלאַסס געוואָרען די הימלען, עָס האָבּען געציטטערט די בּערג, עָס האָבּען טייכער און יַמִים געשוימט און געזאָטען, די גאַנצע ערד האָט אַ פֿיעבּער געחאַפּט, עטליכע שטערן זענען פֿאַר שרעקק אַראָבּגעפֿאַללען . . .

און דאָס קליינע בּעל־הבּית׳על שמייבּעלט פֿאַר נחת און פֿערצייכענט זיך:

„לַשָּׁוְא ? אַיין איינפֿאַלל ! און אַ וואָרט א ו מ ז י ס ט רעדען, וועלל איך יאָ ? וואָס איז, אַ מחבר בּין איך, וואָס רעדט צו שטיין און בּיין ? מיין צייט איז געלד, מיין וואָרט איז גאָלד ! א ו מ ז י ס ט שווערען בּיי גאָטטס נאָמען וועל איך נ י ש ט ! איך וועל נור שווערען אין מאַרק, אין געוועלב . . . מיט גאָטטס נאָמען וועלל איך אויסנאַרען אַ צאָהנעריל אויף דער אַרשין, פֿערדרעהען עמיצען די צאָהן, אויסגלייכען אַ קרומע וואָג, אונטערהאַלטען משופּע די מאָס . . . אַלץ נישט אומזיסט !"

„אָפשר וועלל איך נאָך אַ מאל מיט אַ שבועה׳לע זיך אַרויס צו נאַרען פֿון דער היים אויף אַיין אָקצ׳לע . . . ווייטער נישט !"

„א ו מ ז י ס ט קיינמאָל נישט !"

„זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת" . . .

„איך וועלל געדענקען, אַוודאי ! . . ."

„יעדעס בּעשאָפֿעניש דאַרף בּעניי עןדי כחות; איינמאָל אין וואָך רוהען ! רוהען דאַרפֿען ווייבּ און קינדער, דיענסטען און משרתים, אפילו דאָס פֿערד און די בּהמה — וואָס דיענען בּיי׳ן אַ יוד . . ."

„אָבּער אַ קריסט מאָג פֿאָהרען אום שבּת ?"

„וועלל איך איהם מיין פֿערד פֿערדינגען !"

„שבּת קאָנן זיך אויסשלאָפֿען דער משרת, דער אַרבּייטער, די אַרבּייטערין ?"

„זאָללען זיי אַ גאַנצע וואָך קיין אויג נישט צוטהון, וועלל איך נור צאָהלען איינמאָל אין וואָך און נישט עובר זיין אויף „לֹא ת ל י ן".

„רוהען מאָגען ווייבּ און קינד . . . איך וועלל אויך נישט טהון די האַנד אין קאַלט וואַססער אַריין . . . גענוג, אַ גאַנצע וואָך זיך אַרום געיאָגט מיט׳ן סאָנד *),

*) סוד.

יענער וועלט און בּעמערקען נישט אַז עס ווערט אַללע מאָל פֿינסטערער, חושכדיקער, דער וואָלקען, די גאָלדענע ראַנדער פֿערלוירען, עס לעשט זיך אויס די זונן און עס ווייזט זיך קיין לבנה און קיין שטערן . . . וואָס אַ מאָל לעגען זיך דיקקערע שאָטטען אויפ׳ן וואָלקען, און, וואָס טונקעלער דער וואָלקען ווערט, העללער און ליכטיגער ווערט די קויל — די ערד, וואָס פֿליהט אַללע מאָל האָבער און ווייטער ערגיץ אַוועק אין אַ זייט . . .

עס ווערט אַ בּיסל אונרוהיג צווישען די נשמות.

— „וואָס טהוט מען ? וואו אַהין פֿליהען מיר ?

— „בּידך אַפקיד רוחי !" לייענט קריאַת־שמע דאָס רבּיל און הייבּט אָן שנאָרכען.

— אַזוי ! מאַכען אַללע פֿריליך פֿערווּנדערט, מען קאָנן דאָ אויך שלאָפֿען ! מהיכי תיתא !

און אַללע צו לעגען זיך אויפ׳ן וואָלקען און שלאָפֿען איין.

די ערד ווערט אַלץ ליכטיגער און יאָגט זיך אַלץ האָבער און ווייטער אין איהר וועג, און די שנאָרכענדיגע נשמות פֿליהען אַריין אויפ׳ן שוואַרצען וואָלקען אין עולם התהו. —

לַצְפַּר.

גֶעשְׁלָאגֶען דֶען טַאטֶען.

(אַ מאָנאָלאָג אין קראַנקענהויז)

זיי, זיי רייצען מיך ! זיי, זיי זידלען מיך !.

מיט קאָמאָרניקעס *), מיט גאָטט ווייסט וואָס!"

„שבת — איז אַ טאָג אויף „קאָפּף אַרבייט"; איך וועלל מיר אָב'סַדרן ד גאַנצע וואָך: ווי איין און ווי אויס, און וועלל ע״ה פֿערשפּאָרען אַ גאַנצע וואָך צו קלערען; עס וועט געהען אַ גאַנצע וואָך ווי אַ פּוטטער!"

„שבת קומט נאָך צו נוטץ, אַראָב צו נעמען ביי יענעם די שבת'ניקעס, ניר דאָס מהוט שוין דער קאָמאָרניק אַלליין; די פּראַשעניע וועלל איך איינגעבען אין מיטען דער וואָך!"

„כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ"...

„מיטן גראָסטען פֿערגניגען! דער אָרימסטער טאַטע קאָנן געווינען אויף דער לאָטעריע, געפֿיננען אַ כשר'ע מציאָה און איבערלאָזען ירושה".

„נור אַ קראַנקער טאַטע מאָג ליגען אין שפּיטאָל און מיר נישט אַיינרעכטען דעם סאַלאָן; די מאַמע מאָג וואהנען בעזונדער און שטריקקען זאָקקען. לעדיג געהן איז גאָר קיין תכלית נישט! ביי זיך האַלטען איז גזור קיין פּלאַן נישט, שנור און שווינגער־שפּיעל איז קיין געשאָפֿט, מיט'ן ווייב זיך גט'ען הייסט נישט גאָטט!"

*) סודעבני פּריסטאַוו.

„געשלאָגען דען טאַטען!" פּראים! דען טאַטען האָב איך געשלאָגען?! איך וועל שלאָגען דען טאַטען?!... חע!...

וואָס אמת איז אמת, משוגע בין איך. אַזוי זאָגט דער דאָקטאָר, אַזוי האָט געזאָגט אונזער שכן דער סטודענט און איך וויים דאָס אַלליין.

איך בין קיין מענש נישט! איך בין, איך בין... איך האָב שטאַנדיג געוואָלט פֿראָגען ביי אונזער שכן, וואָס איך בין אַזוינס... נור אַ מענש בין איך געוויס נישט.

ער פֿלעגט מיר זאָגען, אַז אַ מענש דאַרף האָבען אייגענעם שכל, אייגענעם ווילען און דאַרף קאָננען אויספֿיהרען זיינס... איהר פֿערשטעהט איהן? איך — אסור. ווי איז דאָס, איך בעט אייך, איין אייגענער שכל און ווילען?

„לֹא תִּרְצָח"!

האָרט זיך גאָטטס קול צווישען דוננערען און בליצען, און אונזער בעל־הבתי'ל ווערט פֿערציטטערט.

„ווער — שרייט ער בעליידיגט — איך? איך — נעמען אַ האַק אין דער האַנד אַריין און אָבהאַקקען עמיצען אַ קאָפּף? אפשר נאָך אַ פּיסטויל? איך וואָלט מיך דען אַליין נישט דערשראָסען פֿאַר שרעקק? מיין באָבע האָט דען געהאַט אַ פּיסטויל אין דער האַנד? וואָס איז, אַ ראָמער בין איך? אַ גרעקק? בלוט פֿערגיעסען וועלל איך? פּולווער וועלל איך קויפֿען? אַ נאַרר בין איך, משוגע!"

„וואָס דאַרף איך דאָס? וואָס דאַרף איך מיך שפּיעליען מיט אַ מעססער — מיין צינגעל איז ווייניג? מיט אַ פּראָשעניעלע, וואו אַהין מען דאַרף, בין איך נישט יוצא? וואָס? יענעמס בלוט וויל איך זעהען? זאָלל מען איהן בעגראָבען מיטן בלוט צוזאַממען; קיין איינציגער טראָפּפען זאָלל נישט פֿעהלען!"

„האָסט דאָס גאָר נישט געדאַרפֿט צו זאָגען, רבונו של עולם!!!"

„לֹא תִּנְאָף..."

— „אָבער האַנדלען מיט דער סחורה

נור ווי די מעשה איז — קיין מענש בין איך נישט. אָבער שלאָגען דען טאַטען?!. איך?!. ווי הייסט?!...

וואָס אמת איז אמת — מיך האָט דער טאַטע גאַנץ אָפֿט געשלאָגען, אפילו צו אָפֿט... „טירריבוינץ" אין קאָפּף... „טירריבוינץ" אין האַרץ... איך האָב געשמייכעלט, שטאַנדיג געשמייכעלט, ביז עס פֿלעגט נישט אָנהויבען געהן בלוט. לאָזט זיך בלוט, ווער איך אָבהאַנדיג. כִּי הַדָּם הוּא הַנֶּפֶשׁ — דאָס בלוט איז דאָך דאָס לעבען!... דאָס איז שוין איבריג, דאָס דאַרף מען שוין נישט... נור געשוויגען האָב איך שטאַנדיג געשוויגען. קיין וואָרט נישט הויך, קיין פּיפּס... צו וואָס?...

און דער טאַטע האָט געשלאָגען סכנות'דיג...

קאָנן איך? שיקקען קיין טירקיי, קיין אַרגענטינאַ און צוריק פֿיהרען וואָלוועל מלשינות און רכילות מאָג איך? לא תנאף — זאָגסט דו? מהיכי תיתא! איך — נישט! איך האָב קיין צייט נישט דערצו, איך בין קיין בעלן נישט דעראויף; מיין ווייב און טאָכטער אויך נישט — אודאי נישט, איך וואָלט זיי די קאָפּ געשפּאָלטען! נור יענעמס ווייב, יענעמס טאָכטער, רבונו של עולם? זאָל זיך יעדערער היטען זיינס!"

„אמת, עס איז אַ שווערע פּרנסה, מיט מסירת נפש, סכנות נפשות מיט אַ ביסל חלול השם, נור אויף דעם איז מען דאָך אין גלות...!"

„לא תגנוב..."

„אויך, רבונו של עולם, געזאָגט, כביכול, אומזיסט. איך וועלל גנבינען! און דערנאָך? דערנאָך וועט מען מיך איינזעטצען... און ווער וועט געבען מיין ווייב און קינדער עססען?"

„זעהסט דו, רבונו של עולם, ווען אויף אַ מאָל אַ צעהן־טויזענטער... באַ! מיין ווייב וואָלט געלעגט אויף איהר נאָמען אַ „זאַלאָג", און אין דער צייט, וואָס איך וואָלט נאָכ'ן וויראָק *) געזעססען, וואָלט זי

*) פּריגאָוואָר.

אַביסל געוואָכערט, ווי אַ יודענע... נור דאָס מיינסט דו דאָך נישט, פֿון צעהן־טויזענ־דער — פֿון אַ מילתא דלא שכיחא, רעדט מען נישט אויף אַ באַרג סיני!"

„לא תענה ברעך עד שקר!"

„אויסער — חס ושלום — ווייס איך? געגען אַ שונא!"

„אויסער נאָך פֿון דיין תורה וועגען, אַז דער גבאי וועט מיר קיין גוטע עליה נישט געבען... און אפשר — אויסער לשם מצוה — אַז איך וועלל וועללען איין אַנדערן רב... איין אַנדערן שוחט, אָדער מאַכען מיינס אַ קרוב פֿאַר אַ שוהל קלאַפּפּער. און נאָך — רבונו של עולם — אויסער די אַללע טויזענדער אופנים, ווען איז עס גלאַט אַ מצוה אַ יוד צו בעגראָבען!"

„לא תחמוד"

—„רבונו של עולם, איך זאָג דיר אָפּפֿען, איך וויל נישט — נישט יענעמס הויז, נישט יענעמס ווייב, נישט יענעמס פֿערד און וואָגען..."

„פֿערקעהרט! איך, רבונו של עולם, פֿערגינן איהם! איך פֿערגינן איהם אפילו זיין עשירות!—"

„איך וויל אַ בעססער און אַ גראָס־

איינמאָהל איז געוועזען אַזאַ מעשה:

עס האָט זיך צו בראָכען איין אַלטע מאַשין. דער טאַטע האָט אָבגערעכענט דעם אַרבייטער פֿינף רובל פֿאַר פֿעררעכטען זי.

דער אַרבייטער איז אָבגעוועזען ביים טאַטען צוואַנציג יאָהר; ער האָט זיך נאָך מיט מיר גע־ניאַנטשעט, אַרומגעטראָגען. איין ערליכער מענש געוועזען, אַ שווייגענדיגער. מסתמא אויך קיין מענש נישט, הע...

דאָס רחמנות־פּנים'ל פֿון אַרבייטער, זיינע שבועות דורך טרעהרען, אַז ער איז נישט שולדיג, האָבען מיך גערירט. „טאַטינקע, האָט זיך מיר אַרויסגערעדט, טאַטינקע, איין עולה טהוסט דו... אַ רחמנות... ער איז נישט שולדיג... איין אַלטע מאַשין"... נו, נו, האָב איך געהאַט! די אויגען

זענען געוועזען אונטערגעשלאָגען, פֿון נאָז איז מיר געגאַנגען בלוט. איך האָב געשוויגען. מיך האָט מעהר נישט פֿערדראָססען אויפ'ן טאַטען — גערעכט בין איך דאָך... אַ רחמנות אויפ'ן אַרבייטער איז דאָך געווים... און בלוט האָט געגאָססען — אַ גאַנץ עמער! איך האָב אודאי צעהן קוואָרט וואַססער איבערגעפֿיהרט. גוט נאָך, וואָס אין אונ־זער דירה איז אַ וואַססערלייטונג... אין דער אַלטער דירה וואָלט גאָר שלעכט געוועזען... דאָרטען איז פֿאַר נאַכט קיין מאָהל קיין וואַססער נישט געוועזען אין שטוב...

נאָכדעם ווייטער איז געוועזען אַזאַ מעשה. איהר מוזט עס האָרען! איך האָב געשלאָגען דען טאַטען, חע!.

סער הויז; אַ פּאַלאַץ קאָנן איך אויך
פערדייהען!"

„איך וויל אַ ווייב מיט מעהר נדן;
אַ שאָהנע יודענע אַלס צולאָג — קאָנן אויך
נישט שאַטטען!"

„איך וויל אויך אַ שאָנערע קאַרעטע
און בעססערע פערד!"

„און דאָס אַלץ וויל איך נ י ש ט פון
אַ בשׂר ודם, נישט צונעמען ביי יענעם —
נור „מ ת נ ת ידך הרחבה והמלאה", פון דיין
כשׂר'ער האַנד!"

„דו זאָגסט דאָך „לי הכסף ולי הזהב!"

„און, אַז דו, רבונו של עולם, לאָזט
נישט אַרויס קיין נייע באַנקאָצעטטעל, אַז
דו נעמסט נור ביי'ן איינעם און גיסט דען
צווייטען — בין א י ך שולדיג?"

„א י ך — דאַרף, מיין ווייב און
קינדער — ד אַ ר פ ע ן! ה אָ ב ע ן — מוז
איך, מיין דאגה ביי וועמען דו נעמסט?!"

אָט אזוי טייטשט זיך אוים דאָס בעל־
בית'ל די עשׂרת הדברות.

י. ל. פרץ.

לא תִגְנוֹב.

(פון פּאָלנישען)

אין גאָרטען איז פינסטער און לעער.

דער ווינד שאָקעלט מיט די בוימער
די לעצטע בלאָטלעך אַראָבצוואַרפען.
דאָס ציטערדיגע שוואַבע ליכט פון נאַפט־
לאָמפען שלאָגט זיך אָב אין די גריבלעך
בלאָטע, אין וועלכער איך זינק איבער די
קאַלאָשען, און בעלייכטען די פריש אָבגע־
שווענקטע באָנק.

דער ווינטער געהט!

איך האָב מיר אויף געשטעלט דען
קאָלנער, אַראָב גערוקט דען הוט איבער'ן
שטערען, און געמאַרשירט דורך דער
פוסטער אַלעע.

די אַלעע האָט אויסגעזעהן ווי אַ טונעל
אָהן איין עק, שוואַך בעלייכטעט פון ווייטע
צוויי לאַמטערען; פון ביידע זייטען שאָקלען
זיך די בוימער אין צוויי שורות און רוישען
בייזעריג; מיט כעס האַקט מיר אויך אין
כנים אַריין דאָס דראָבנע רעגענדיל.

עס פאַלט מיר פלוצלינג איין, אַז
אַצונד אין דער ווסטער אַלעע קאָנן זיך
עפּעס טרעפען. איך קריג אַ קליין ביסעל
מורא.

אין דעם זעלבען אויגענבליק האָט ווי־
מיר געגענאיבער בעוויזען אַ שוואַרצע זיך
שטאַלט, גלייך זי וואָלט ערשט פון דער
ערד ארויסגעוואַקסען. איך האָב מיך עטליכע
שריט צוריק געצויגען, און די געשטאַלט
איז פערשוואונדען געוואָרען.

ער האָט מיך איינמאָהל געטראָפען איבער
אַ בוך... איך האָב זעהר ליעב ביכער צו לעזען...
דער שכן פלעגט מיר געבען... האָט ער מיך,
דער טאַטע, געוואָרפען אויף דר'ערד, געקאָפּיט
מיט די פים אין קאָפּף, אין בויך, אין האַרץ...
בלוט איז געגאַנגען פון די צייהן און פון נאָז. איך
האָב געשוויגען. עס האָבען נור די קלאָפ געהיל־
לעכט. נור, אַז ער האָט דאָס בוך געריססען, האָב
איך די האַנד אויסגעשטרעקט און אַקוק געגעבען
ברוגז'ליך אויפ'ן טאַטען. „דאָס איז אַ פרעמד בוך,
אַ גוטס, איין עבירה" האָב איך ברגז'דיג געשטאַמ־
מעלט. איך האָב דערפאַר בעקוממען נאָך אַ פּאָר־
ציע... נאָכדעם האָט מיך דער טאַטע אויף דריי
טאָג פערשלאָססען, וועניג עססען געגעבען און
אַלע טאָג געשלאָגען. איך בין געזעססען און

געלייענט די שטיקלעך פון בוך, וועלכע איך האָב
אַריינגע'גנב'ט צו זיך אין קעשענע... חי, חי,
חי... עס האָט מיר באַנג געטהאָן נור איין זאַך: אויף
איין שטיקקעל איז געשטאַנען, אַז דער העלד איז
געלאָפען טרינקען זיך, און איך האָב דען סוף נישט
געוואוסט... עס האָט מיר טאַקי באמת באַנג
געטהאָן און רוהען ניט געלאָזט...

אָבער שלאָגען דען טאַטען?!. חע־ע!

דאָ צום סוף... נור איך שאָם מיך צו דער־
צאָהלען... אַ ליעבע, חע!... אַ ליעבע!... יהר
האָרט, ווי מיין קול ציטטערט? איך קאָנן קאַלט־
בלוטיג ניט רעדען וועגען דעם. זי וואָהנט נעבען
אונז, אַ טהיר נעבען אַ טהיר... איך זאָג אַייך —
אַ טהייערינקע, אַ ליובינקע, אַ גאָלדעלע... זאָג

— דאס איז שוין איין אנהייב — זאגט מיר אונהיימליך דאס הארץ.

א שטארקער ווינד מיט א שלאגם רעגען שלאגט זיך דורך מיט א געריש צווישען די בוימער. דער ווינד איז נאך א ווילע שטיללער געווארען, נור דער רעגען האט ווייטער געגאססען. איך מאך שוין שנעללערע טריט.

פלוצלינג — דערזעה איך נאך א מאל די זעלבע געשטאלט אונ נאך שארפער ווי פריהער.

נאך עטליכע טריט האב איך געהאט צו דערגעהן ביז צו די לאמטערען, איך איל צו, נור פלוצלינג דערהאר איך א קול: העררר!... אונ די געשטאלט איז שוין מיר געשטאנען הארט געגענאיבער.

איך האב דערזעהן א בעטלער; נור די אויגען האבען וואונדערליך געפונקעלט.

— וויפיל איז דער זייגער? — האט ער ארויס געזאגט מיט א וואונדערליבער שטיממע, וועלכע איך וועל קיין מאהל נישט פערגעססען; עס האט זיך מיר געדאכט, אז דאס קול צורייסט איהם די ברוסט.

א ווילע זענען מיר געשטאנען איינער געגען אנדערן.

איך געדענק נישט ווי אזוי אונ פאר וואס, נור פלוצלינג האב איך אויפגעקנעפעלט דען ראק, ארויסגענוממען די פארטמאנע, אונ דערלאנגט דער געשטאלט א רובל אונ געזאגט:

— נא!... פאר'ן זייגעריל וואלסט דו אויך נישט מעהר געקריגען!

ער האט א ציטטער געטהון אונ איז פערשוואונדען געווארען.

איך בין שוין בשלום דורך די גאנצע אלעע...

שלמה גראסגלין.

איך אייך! שטאנדיג זיטצט זי איבער איין ארבייט, מיט דער נאדעל האלט זי אויס איהרע עלטערן. שטיל ווי א טייבעל, קיינמאהל קיין אונצופריעדען ווארט נישט; שטאנדיג גוט צו אללעמען; שטאנדיג מיט א ווארט רחמנות!... איך זאג אייך... א, עס דריקט מיר דאס הארץ... א!... איך זאג אייך — א זיססינקע, א הארציגע, א... א... א מאמינקע!... איך פלעג צו איהר אפט געהן... איהר זעהט! א, איך חאפ קוים דען אטהעם... איך האב ליעב געהאט זיטצען אונ קוקקען אויף איהר, נור קוקקען, ניט אראבצונעמען איין אויג... דער טאטע האט מיך דערזעהען אריינגעהן צו איהר... איז ער אריינגעלאפען האסטיג נאך מיר גלייך, געחאפט פון טיש א מעשענען לייכטער אונ געווארפען מיר אין קאפף... דאס ערשטע מאל, דאכט זיך, האב איך א ווייטאג דערפיהלט... עס האט א שפריטץ געטהון דאס בלוט... דער טאטע האט מיך שוין געשלאגען מיט די פויסטען... דאס הארץ האט מיר געדריקט, שטארק געדריקט...

עס האט מיר געברענט אין די אויגען, נור וויינען האב איך נישט געוויינט... געשוויגען האב איך; קיין ווארט נישט... עס איז מיר מעהר נישט זעהר אומעדיג געווארען אונ פערדראססיג אויפ'ן טאטען, ווי ווארפט מען דאס א שווער לייכטער אין קאפף?... אונ אז ער וואלט מיך טויד שלאגען? א גלייבווארטעל איז דאס, וואס?... נור איך האב געשוויגען... זי האט זיך פאר מיר איינגעשטעלט... דער טאטע האט זי אנגעהויבען שלאגען... אונ איך... עס האט מיך געווארפען ווי אין א פיבער... עס איז מיר געווארען אזוי מאדנע... איך האב געברענט... אז עס איז מיר לייכטער געווארען, איז דער טאטע געשטאנען א פערבלוטיגטער...

הם! האב איך איהן געשלאגען?!... א געלאכטער איז דאס דאך!...

דער דאקטאר זאגט, אז איך בין געריהרט... איהר זעהט? א, עס ווארפט מיך אין קאלט...

ד. פינסקי.

דער נסתר.

איך בין אין גאַנצען צוויי טאָג צוריק אין דער היים און האָב מיך שוין אַזוי פערזינדיגט, אַז עס „קלינגט מיט מיר די וועלט". דער טאַטע וויל מיך שוין גאָר נישט קאָננען. עס אַרט איהן נישט מיין שטאַרק הוסטען. ער פרעגט ביי מיר גאָר נישט. נאָך נאַכטען האָט ער געזאָגט, אַז ווען ער זאָל געוועזען וויססען „מיין שוואַרצען סוף", וואָלט ער מיך בעססער פאַר אַ שוסטער געמאַכט! איך האָב געראַט מיט'ן רב אַ וויכוח און חריפות בעוויזען, נור דאָס מאַכט איהם נישט אויס. ער ווייסט פון לאַנג, אַז „דער קאָפּף האָט מיר נישט געדאַרט", נור וואָס האָב מען דערפון? לייטען געלאָכטער!

די מאַמע וויינט בעוויינט מיך ערגער ווי אַ טויטען.

— וואָס דו האָסט דאָרט געטהון — קלאָגט זי — אין פערשאָלטענעם וואַרשוי — איז פערפאַלען, חאָטש אויך — אַ קלאָג איז צו מיר! — אַ גוטער שם! אָבער דאָ, דאָ... מיר אין די אויגען אַריין!

אונ וואָס איך האָב אַזוינס געטהון, אָסור אויב איך ווייס. איך האָב, דער מאַכען צו ליעב, געשאַווינט, געוואַשען זיך, געבענשט, געשפאַרט זיך מיט'ן רב וועגען אַ רמב"ם... אָה! איך דערמאַן מיך! שבת געטראָגען דאָס זייגעריל און — איך בין מודה ומתודה — געקאַמט זיך אים שבת!

די גראָססע צרות האָב איך פון זרח ברוך'ס.

— אָט דאָס — קלאַפט דער טאַטע אין טיש אַריין — איז אַ מענש! אַ משכיל, שרייבט אין צייטונג און ריהרט נישט קיין קוצו של יוד... כי הוא זה, דאָס הייסט אַ נחת! שרייבט פראָשעניעס! לייענט ביכער ווי אַ וואַססער, און אַ יוד כדבעי, טאַקי אַ יוד!

— פון רב'ס זונן — זאָגט די מאַמע בוכען טרערען — איז שוין נישט וואָס צו רעדען, צו דעם דאַרף מען שוין זכות אבות... אָבער טאַקי דער זרח, דער זרח! אַ מחיה פשוט... נור מיך האָט געטראָפען די שטראָף!

פאַרנאַכט. — די טאַטע־מאַמע סודען זיך עפּיס אויף דער פריזבע אונטער דען פענסטער — און עמיץ ריהרט די טהיר.

— מאָזנאַ? פרעגט אַ זיס קול.

און איידער איך האָב צייט צו אָנפערן שטעלט מען זיך מיר פאָר:

— זאַחאַר באָריסאָוויטש שוויצבאָד.

— זרח ברוך'ס! זעץ איך מיר באַלד איבער אויף פראָסטע יודיש.

ער זעצט זיך אויך אום געבעטען; וואַפּט אַ בוך פון טיש און בלאָטטערט עס ווי אַ בקי, פאַר וועלכען עס זענען שוין קיין נייע ביכער נישט דאָ, און הייבט ראַפּטום אויף דען קאָפּף און גיט אַ פראָג:

— און וואָס זאָגט איהר צו קרח'ן, אַה?

איך פערשטעה נישט די שאלה.

— איך מיין — מאַכט ער — אַז דאָס איז משה'עלעס אַ שפּיצעל!

אויף זיין בהמה'וואַטע געל פנים שיינט אַ שכל'דיגע שטראַהל.

— מילא דונערן און בליצען, ווייסט מען שוין, אַז עס איז עלעקטרי — נור זעהט איהר וואָס איך קאָנן נישט פערשטעהן, דאָס איז לויטס ווייב! גלאַט פון אַ מענש זאָלל ווערען אַ שטיק זאַלץ!

די גאַנצע גאַלל האָט ער מיר געריהרט, נור איך האַלט מיך איין מיט אַללע כחות און שוויג.

ער לאָזט מיך אָבער נישט אָב, ער חאַפּט מיך אָן ביין אַ קנאָפּ פון ראָק און האַלט מיך:

— עה! שמייכעלט ער, מיר מאָגט איהר זאָגען... איך בין דאָך נישט גנילאָזיקע! ביי דער נאָז פיהר איך אַללע! רבינו תם'ס תפלין לעג איך! איפּדערוואָך פאַר איך נאָך צו'ן אַ רבין... וואָס אַרט עס מיך?! מען האַלט מיך פאַר אַ צדיק... מען שרייבט ביי מיר אַדרעססען, פראָשעניעס... אָבער פאַר אייך איז קיין סוד...

— נו, זאָגט איך בעט אייך, זאָגט! — שטעלט ער זיך צו מיר צו.

די גאַלל האָט אין מיר געפּלאַצט:

— וואָן! האָב איך אַ געשריי געטהון.

* * *

ביי נאַכט האָט דער טאַטע געמיינט, אַז איך שלאָף און געזאָגט דער מאַמען:

— איך האָב'ן געבעטען, ער זאָלל איהם אַ ביסל מוסר זאָגען! האָט ער איהן אַרויסגעוואָרפען.

— אַ קליפה! זיפצט די מאַמע

— היינט — מאַכט ווייטער דער טאַטע — האָב איך איהם נישט געוואָלט מאַכען אַ יריד, נור מאָרגען זאָלל ער זיך פאַקקען!

איך האָב געהאָרט ווי די מאַמע האָט איבער־געדרייט דאָס פנים צום קישען און אָנגעהויבען שלאָבצען.

ה. לעבענזאָן.

דער תענית

א שבעה־עשר בתמוז בלאטעל.

אוים די נביאים.

גאט פראגט.

„ז איך בין פולל די גאנצע וועלט,
וואס שטעלסט דו מיר א הויז?
דארף איך עססען, טרינקען דען?
וואס מאכט דיין קרבן אוים?״

„דארף איך אקסען פלייש און בלוט?
וואס מאכסט דו דיך צו לאסט?
דיין אייגען פעטס און בלוט?
וואס קימט ארוים דו פאסט?!״

„און — דיין געבעט! וואס ווילסט דו מיך
אלס שותף צו דיין רויב?
און בעטסט דו שוין, וואס שרייסט דו נאך?
דו מיינסט, אז איך בין טויב?״

„און אויך די האנד וואס שפרייטסט דו אוים? —
איך וויים זיי זענען לאנג!
וואס בייגסט דו נאך דען קאפף צו דר׳ערד —
בעהאלטסט דו דיין געדאנק?״

י. ל. פרץ

(אוים גליעב אוספענסקי)

ד. פינסקי.

האט געגאססען און געגאססען

מקובלים.

אין די שלעכטע צייטען, פאלט אפילו תורה — די בעסטע סחורה — אויך.

פון דער לאשציווער ישיבה איז מעהר נישט געבליבען נור דער ראש ישיבה — ר' יעקיל מיט איין איינציגען תלמיד. דער ראש ישיבה איז איין אלטער דארער יוד, מיט א לאנגע צושויבערטע בארד, מיט אלטע, אויסגעלאשענע אויגען; למה, זיין געליבסטער תלמיד, איז א יונגער מאנן, אויך א דארער, א הויכער, א בלאססער מיט שווארצע געקרייזעלטע פאות, ברענעדיקע, שווארצע, אונטערגעשלאגענע אויגען, פערברענטע ליפפען, און א ציטטערינגען שפיציגען גארגעל; ביידע מיט אויפגעחראשעטע הערצער, אהן העמדער, ביידע אין לאבעס; דער ראש ישיבה שלעפט קוים נאך א פאר פויערישע שטיוויל, דעם תלמיד פאללען די שוכטער־שיך אהן זאקען אראב פון די פיס. —

דאס איז געבליבען פון דער בעריהמטער ישיבה! דאס פעראריםטע שטאדטיל האט אללע מאהל מעהר אויפגעהערט צו שיקקען עססען, און צו געבען טאג, די ארים־בחורים זעננען זיך צו קראכען! ר' יעקיל וויל שוין דא שטארבען, און זיין תלמיד — לעגען איהם די שארבליך אויף די אויגען.

און זיי ביידע ליידען אויך א מאהל הונגער. פון ווייניג עססען קומט ווייניג שלאפען, פון גאנצע נאכט נישט שלאפען, און נישט עססען — א חשק צו קבלה!

ממה נפשך — דארף מען אויפזיין גאנצע נאכט און הונגערן גאנצע טאג — לאז מען חאטש דערפון א נוצען האבען, ז"ל חאטש זיין: תעניתים מיט סגופים, זאללען זיך חאטש אפפענען אללע טויערען פון דער וועלט מיט סודות, רוחות און מלאכים!

זיי לערנען שוין קבלה א צייט!

צונד זיצען זיי ביים לאנגען טיש, איינע אליין. ביי יעדען איז צונד נאך מיטטאג, ביי זיי איז נאך פאר פרישטיק, נור זיי זעננען געוואהנט דערצו. — דער ראש ישיבה פערגלייסט די אויגען און רעדט; דער תלמיד זיצט אונטערגעשפארט מיט ביידע האנד דען קאפף און הארט —

— אין דעם זעננען דא — זאגט דער ראש ישיבה — א כך בחינות: איינער קען א שטיקעל, איינער א האלבען, איינער א גאנצען נגון. — דער רבי, ז"ל, האט געקאנט א גאנצען נגון, אפילו מיט א צושפיעל! — איך (האט ער צוגעגעבען טרויעריג) האב קוים די זכיה צו'ן א פיצעלע, אט אזוי גרויס... ער האט אב געמאכטען

שרייב א פעליעטאן!

עס האט קיין שיעור און קיין ערך נישט, ווייטער א פעליעטאן, אבער א פיעליעטאן, און דא איז נישט דא פון וואס צו רעדען! עס פעהלט מאטעריאל! ארם־נהרים און אמעריקא זעננען פערשלאססען ווי א גבירישע הארץ, אין ארגענטינא איז שטילל, צעדערבוים — טויט, ווערמאנט — שטום. איך זעה נישט מיט וואס אייך צו פעראינטערעסירען. ערשט נישט לאנג איז אינטערעסאנט געוועזען צו קלערען, צו די וועלט וועט זיך אין קורצען איבערקעהרען, א געוויססער פאלב האט נביאות געזאגט, אז יא. דערפון וואלט איך אייך געקאנט אויפבלאזען איין עסק ווי א לונג־און־לעבער, איך וואלט אייך דערצאהלט, אז פאלב איז נישט קיין פאלב ביי'ן א קלייד און נישט קיין פאלב אויף עמיצענס א שטערן, נור א געלעהרטער אסטראנאם; אז די וויססענשאפט, מיט איהר גאנץ בעל־בתישקייט און פארזיכטיגקייט האט ליעב א מאל א פשט'יל, א נביאה'לע, א טרעפעניץ — דערביי וואלט איך אביסל געשפיעלט אויף אייערע נערווען; פריהער וואלט איך אייך איבער געשראקען: טאמיר יא, דערנאך געזאגט ניין, און אפשר וואלט געוועזען א יא און א ניין און א נישט צוזאמכען... וואס קומט אבער ארויס, אז מען האט מיר די מציאה פון די האנד ארויס געהאפט. ה' וועבער איז פריהער געפאללען אויף דער מציאה, און אויב ער וועט האלז און לייב נישט ברעכען, וועט ער אזוי פאללען און פאללען עד סוף כל הדורות. ה' וועבער האט שוין א גליק צו המצאות. וועמען,

אַ קליין פּיצעל דאַארען פינגער און ווייטער געצויגען .—

עס איז פערהאַנגען אַ נגון וואָס מוז האָבען ווערטער... דאָס איז גאָר אַ נידריגערע בחינה... עס איז פערהאַנען אַ העכערע בחינה — אַ נגון, וואָס זינגט זיך אַליין, גאָר אָהן ווערטער, אַ ריינער נגון! נור דער נגון דאַרף דאָך האָבען אַ קול... מיט ליפּען, דורך וועלכע דאָס קול געהט אַרויס! און ליפּען — פערשטעהסט דו — זענען דאָך נאָך גשמיות. אינם קול אפילו איז שוין אַיין עדעלער גשמיות, נור דאָך קיין רוחניות נישט.

דאָס קול שטעהט אויף דער גרעניץ צווישען רוחניות און גשמיות, צווישען הימעל און ערד!

דעראיבער איז דער נגון, וואָס הערט זיך מיט אַ קול און העגנט אָב פון די ליפּען, נאָך נישט ריין, נאָך נישט אין גאַנצען דיסטילירט... נאָך נישט קיין אמת׳ער רוחניות!...

דער אמת׳ער נגון אָבער זינגט זיך גאָר אָהן אַ קול... עס זינגט זיך אינגערוויניג אין האַרץ, אין די געדערים! אָט, דאָס איז דער סוד פון דוד המלך׳ס ווערטער: „כל עצמותי תאמרנה”... אינ׳ם מאַרך פון די ביינער דאַרף זינגען, דאָרט דאַרף זיין דער נגון — דער העכסטער שבח פאַר גאָטט ב״ה! ווייל דאָס איז נישט דער נגון פון אַ בשר ודם, דאָס איז קיין אויסגעטראַכטער נגון! דאָס איז אַ חלק פונ׳ם נגון, מיט וועלכען גאָטט האָט די וועלט בעשאַפען, פון דער האַרמאָניע, וואָס ער האָט אַריין געגאָססען אין איהר, און וועלכער זי פיהרט זיך ווייטער פון גאָטטס לויב וועגען!

אַזוי זינגט די פּמליא של מעלה! אַזוי האָט געזונגען דער „יוד”, זכרונו לברכה!

די לעקציע האָט איבערגעהאַקט אַ צושויבערטער יונג מיט אַ שטריק אַרום די לענדען — אַ טרעגער — וואָס איז אַריין געקוממען אין ביהמ״ד, אַ נידערגעשטעלט אַ שיססעל גריטץ מיט אַ שטיקל ברויט אויף׳ן טיש נעבען ראש־ישיבה, און געזאָגט מיט אַ גראָב קול: „ר׳ טעביל שיקט דעם ראש־ישיבה עססען”; ער האָט זיך איבער געדרעהט און, אַרויסגעהענדיג, צו געגעבען: שפּעטער וועל איך קוממען נאָך דער שיססער!”

דער ראש־ישיבה, וועלכען דאָס גראָבע טרעגער־קול האָט אַרויס געיאָגט פון דער געטליכער האַרמאָניע, האָט זיך שווער אויפגעהויבען און איז, נאָכשלעפענדיג די גרויסע שטיעוויל, צוגעגאַנגען צו׳ם כיור זיך וואַשען.

געהענדיג האָט ער ווייטער דאָך גערעדט, חאָטש מיט וועניגער התלהבות און דער תלמיד האָט איהן פון זיין אָרט נאָך געיאָגט מיט אויפגעשפּיצטע אויערען און

למשל, איז איינגעפאַללען איבער צו זעצען אויף לשון הקודש אַ ווערק פון אַ קאַטאָלישען גייסטליכען, וואָס ווייסט אויס, אַז די נשמות האָבען דאָס גן עדן אויף דער זונן, אַז זיי ציהען זיך ווי הייטליך אַללע מאָל דינגער און דינגער, ביז זיי ווערען אַזוי דינן, אַז עס קענען שוין דינגער נישט זיין? ווען איז דאָס איינגעפאַללען? וועבערן! וועמען איז איינגעפאַלען צו לערנען יודישע קאָלאָניסטען צו בעאַרבייטען די ערד אין פּאַלעסטינאַ און אַרגענטינאַ כמנהג פּולין, ד. ה. לויט צוויי דריי בראָשורען פאַר אונזערע פויערען געשריבען? וועבערן! ווער איז פריהער אַרויס מיט אַ ווערקעל איבער דער מגפה? וועבער! ווער האָט מיר צונד אויסגעחאַפּט פאַלב׳ען מיט׳ן סוף פון דער וועלט? וועבער! וועלכען מחבר איז איינגעפאַללען צו שרייבען אַ פעליעטאָן אין

הצפירה איבער זיין אייגען ספר, וואָס ער וועט אַרויסגעבען, און, וואַרפענדיג אַ שטיין אין אַ פרעמדען גאָרטען, בעווייזען ווי נאָטיג און וואוהל זיין ספר איז און ענדיגען נאָך מיט אַ שמייכעלע: אַ יאָ, איך בין סקראָמנע און לויב מיך נישט? וועבערן! אַלץ וועבער און וועבער!

עס איז נאָך איין עסק געוועזען צו רעדען וועגען חליצה.

איהר ווייסט אפשר נישט, מיינע טהייערע לעזער, וואָס מען מיינט חליצה? איהר זייט דאָך „גראָבע יונגען”, הכון עס, מען שילט דאָך מיך מיט טויטע קללות, פאַר וואָס איך זאָג אייך אַמאָל אויס פון חדר; מען האַקט דאָך מיר אין קאָפּ, אַז, אויב אייערע נשמות וועללען נישט הענגען ווי שפּינוועבס אויף די שטריימעל־האָר, וועלען זיי

בּרענענדיגע פערחלומטע אויגען.

— נור — זאָגט ווייטער ר׳ יעקיל מימי א טרויריגער שטימע — איך האָב אפילו די זכיה נישט משיג צו זיין, אין וואָס פאַר א בחינה דאָס ג״ז! אין וועלכען שער דאָס קומט! זעהסט דו — גיט ער שוין צו מיט א שמייכעל — די סגופים מיט די צרופים וואָס מען דאַרף דערצו, די וויים איך. אונ איך וועלל זיי דיר היינט איבערגעבען!

דעם תלמיד קריעכען שיער די אויגען אַרויס; ער האַלט אָפּען דאָס מויל צו חאַפּען יעדעס וואָרט. נור דער רבי האַקט איבער: ער וואַשט זיך, ווישט זיך אָב, זאָגט „שאו ידיכם", אונ געהט צוריק צום טיש אונ מאַכט מיט ציטעריגע ליפּען אַיין „המוציא"...

מיט ציטעריגע דאַרע האַנד העבּט ער אויף די שיססעל; אונ די פאַרע פער־דעקט איהם אונ וואַרימט דאָס דאַרע פּנים; דערנאָך שטעלט ער זי צוריק, נעמט דען לעפעל אין דער רעכטער האַנד, אונ וואַרימט די לינקע דערווייל אין דער אייסערליכער ראַנד פון שיסעל, דערביי צוקוועטשט ער מיט דער צונג אָן די לעדיגע דזיאָנכלים, די רעשט „מוציא" מיט זאַלץ.

ער האָט זיך אָנגעוואַרימט דאָס פּנים מיט די האַנד אונ ער קנייטשט שטאַרק אַיין דען שטערען, ציהט צוזאַמען די בּלאָנע־בּלאָע דאַרע ליפּען, אונ הייבּט אָן בּלאָזען.

ביי דער גאַנצער צייט האָט פון איהם דער תלמיד קיין אויג נישט אַראָב געלאָזט. נור, בּשעת דען רבּי׳נס ציטערדיג מויל איז אַקעגען געלאָפען דעם ערשטען לעפעל גריץ, האָט איהן עפּיס אָנגעחאַפּט ביי׳ם האַרץ; ער האָט זיך פּלוצלינג פערשטעלט דאָס פּנים מיט ביידע האַנד אונ זיך אַין גאַנצען שטאַרק אַיינגעצויגען.

אין א פאָר מינוט אַרום איז אַריין געקוממען נאָך אַ יונג מיט א שיססעל גריטץ מיט ברוט.

—„ר׳ יוסף שיקט דעם תלמיד אָנבּייסען!"

נור דער תלמיד האָט נישט אַוועק גענוממען די האַנד פון פּנים.

דער ראש־ישיבה האָט אַוועק געלעגט דען לעפעל, צוגעגאַנגען צום תלמיד, אונ אַ ווייל׳ע מיט שטאָלצער־ליעבע אויפ׳ן תלמיד געקוקט. דערנאָך האָט ער איינגעהילט די האַנד אין דער פאָלע אונ אָנגערירט איהם די פּלייצע.

— מען האָט דיר געברענגט עסכען — וועקט ער איהן מיט אַ פריינדליך ק״ל. דער תלמיד האָט טרויעריג אונ לאַנגזאַם אַוועק גענוממען די האַנד פון פּנים. ער איז נאָך בלאַססער געוועזען אונ די אונטער־געשלאָגענע אויגען האָבען נאָך ווילדער געברענט.

אַריין אין גיהנם אָדער גאָר אין קרימינאַל, מען יאָגט דאָך מיר אַרום, פאַר וואָס איך רעד מיט אייך ווי מיט מענשען! אפשר יאָ? אפשר ווייסט איהר טאַקי נישט וואָס חליצה איז? הערט וועלל איך אייך פערציילען.

איהר ווייסט, אַודאַי, אַז אויף איין אלמנה איז מעהר רחמנות ווי אויף איין אלמן. נור צו האָט איהר אייך אָבגעגעבען אַ חשבון פאַר וואָס? אונ דאָך איז עס זעהר לייכט צו טהון. אַ נקבה איז אָרגער ווי מאַנספערשוין. אַ מאַנספערשוין איז (על כל פנים עטליכע חדשים אין יאָהר) שטאַרקער פאַר איין נקבה, אונ אויף דער וועלט איז גאַנץ גע־פאָהרליך, אַז מען איז שוואַכער. עס איז אסך בעססער מאוסער, נאַרישער צו זיין, אַבי נישט צו האָבען אַ ליטש כח וועניגער פאַר איין אַנדערן.

אַז „יד ישראל" איז נישט „תקיפה", כל זמן מיר אַליין האָבען וויניג פראַוועס, האָבען מיר ביי די נקבות וועניג וואָס צו צונעמען. מיר טהון דאָך וואָס מיר קאָננען. אַ מיידעל ווערט געבוירען איז גאָר אַ קליינע שמחה, אין הדר אַריין שיקט מען זי נישט — נור ביז אַהער האָט זי נאָך אַלס קיין היזק נישט דערפון — עס קומט אָבער שפּעטער, איז זי אַ מאַנספערשוין מקדש! איהר ווייסט וואָס מען מיינט? ער גיט איהר אַ מטבע, אַ פינגעריל אָדער איין אַנדערע זאַך, וואָס מוז חאָטש ווערט זיין אַ פּרוטה, אונ זי איז זיין; ער האָט זי געקויפט! זי מוז איהן פאָלגען, ליעב האָבען, טראָגען, האָבען, זי איהן איז נישט מקדש! געפאָלט זי איהם נישט, גיט ער איהר, נישט זי איהם אַ גט. אין שטוב צו שאַפען, איבער די קינדער צו רעגירען—

— איך ווייס, רבי! אַנטפֿערט ער — נור איך וועל נישט עסען היינט!

— דער פֿירטער תּענית? האָט דער ראָש־ישיבה גיפֿראָגט פֿערוואונדערט — אונ אָהן מיר? גיט ער צו מיט אַ פֿרעטענזיע.

— עס איז איין אַנדערער תּענית — אַנטפֿערט דער תּלמיד — עס איז אַ תּענית תּשובה!

— וואָס רעדסט דו? אונ אַ תּענית תּשובה?

— יאָ, רבי! אַ תּענית תּשובה... אָט, ערשט צונד, ווען איהר האָט אָנגעהויבען עסען, האָב איך געהאַט אַ הרהור — עובר צו זיין אויף לא־תחמוד!!

אין דער זעלבער נאַכט, גאַנץ שפּאָט, האָט דער תּלמיד אויף געוועקט דען רבי'ן. זיי זענגען ביידע געשלאָפֿען געגען איבער אויף אַ באַנק אין קלויז.

— רבי — רבי! האָט ער גערופֿען מיט אַ שוואַך קול —

— וואָס איז? האָט זיך דער ראָש ישיבה אויפֿ־געכאַפּט דערשראָקען.

— איך בין צונד געוועזען אין דער הויכער מדרגה...

— ווי אַזוי? פֿראָגט דער ראש ישיבה פֿערשלאָפֿען.

— עס האָט אין מיר געזונגען!

דער ראש ישיבה האָט זיך ראַפּטום אויפֿגעזעצט:

— ווי אַזוי, ווי אַזוי?

— איך ווייס אַליין נישט, רבי — האָט דער תּלמיד מיט נאָך אַ שוואַכער קול געאָנטפֿערט — איך האָב נישט געקאָנט שלאָפֿען, האָב איך מיך איין געטיעפֿט אין אייער שמועס... איך האָב געוואָלט דוקא קענ־ען דען נגון... אונ איך האָב פֿאַר גרויס צער, וואָס איך קען נישט דען נגון, אָנגעהויבען צו וויינען... איך האָב אין גאַנצען געוויינט; אַללע אֵברים האָבען אין מיר געוויינט פֿאַר'ן רבונו של עולם! אונ דערביי האָב איך געמאַכט די צרופֿים, וואָס איהר האָט מיר איבערגעגעבען... נור, אַ וואונדער־ליכע זאך, נישט מיט'ן מויל, נור עפּיס איננערוויינינג... פֿון זיך אַליין! ראַפּטום איז מיר ליכטיג געוואָרען... איך האָב געהאַלטען צו די אויגען, אונ עס איז מיר געוועזען ליכטיג, זייער ליכטיג, זייער שטאַרק ליכטיג!...

— אָט! בייגט זיך צו'נם צו דער ראָש ישיבה.

— דערנאָך איז מיר געוואָרען פֿון דער ליכט אַזוי גוט, אַזוי לייכט... עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך וואָג גאָר נישט, אַז מיין גוף האָט די וואָג פֿערלוירען, אַז איך קענן פֿליהען...

אונ זייגען — געהער צו'ן איהר. ער איז איהר שפּייזער! בתּי מדרשים, חברות, כּבוד התּורה האָט ער — ביי די הקפֿות שטעהט זי פֿון דער וויטענס. ער מאָג שבֿור'ן פּורים, זי נישט; ער עסט אין סוכּה, זי נישט, ער מאַכט פֿאַר איהר קדוש אונ הבֿדלה אונ זי קוקט איהם אין מויל אַריין... קורין זי הענגט אָב פֿון איהם. אונ אויף אַ ברית עסט ער פֿלייש אונ פֿיש אונ זי איז יוצא מיט פּוטטער־קוכען מיט ציקאָריע. אַזוי פֿיעל ווי מיר האָבען פּראַוועס, אַזוי פֿיעל האָבען מיר ביי זיי צוגענוממען! ווי וואָלט אָבער געוועזען ווען יד ישראל זאָלל טאַקי זיין תּקיפֿה? וואָלט אַ נקבה קיין ירושה נישט גענומ־מען, קיין עדות נישט געוועזען אין בית־דין... ווייבער, קליינע קינדער אונ קנעכט האָבען איין פּראַווע, שטעהן אויף איין מדרגה. פֿראָגט אונזערם אַלמדן: וואָס איז אַ נקבה? „אַ פֿאָססעל אומריינקייט"! ער איז שטאַרק מסופּק צו זי האָט אַ נשמה, האָבֿ־ סטענס וועט זי אויף יענער וועלט זיין ביי'ן איהם אַ פֿיסענבאָנקעלע... ער פֿיהלט שוין פֿאָראויס, ווי ער וועט דעמעלט האָבען דען יצר הרע אין די קנאָביל! אַנדערע זענגען מסוכּך צו יודען זעגנען מענשען, אונ קיין שום יוד איז נישט מסופּק אַז אין 8 מיליאָן יודען זעננען נור דאָ 4 מיליאָן מענשען אונ די רעשט זעננען — ווייבער. לאַנגע האָר אונ קורצער שכל, ניין מאָס רייד, אַ יודענע איז אָרגער ווי דער טויט — דאָס רוב זעננען מכשפֿות...

אונ דאָס איז נישט אונזער יושר אַליין, עס איז ביי'ן אַללע פֿעלקער אַזוי... אונ וואָס ווילדער אַ פֿאָלק איז, וואָס ווילדיגער עס איז ערגיץ די פֿויסט, אָרגער איז אַלס דער פֿרוי. ביי טהייל ווילדע

— אָט ! אָט !

— דערנאָך בין איך געוואָרען לוסטיג, לעבעדיג, לאַכענדיג ... דאָס פנים האָט זיך מיר נישט גערירהט, די ליפפען אויך נישט, אונ איך האָב דאָך געלאַכט ... אַזוי גוט, אַזוי האַרציג, אַזוי נחת'דיג געלאַכט !

— אָט ! אָט ! אָט ! מתוך שמחה !

— דערנאָך האָט עפּיס אין מיר געברומט, ווי אַיין אָנהייב ניגון —

דער ראש ישיבה איז אַראָב געשפרונגען פון זיין באַנק אונ איז מיט איין מאָהל געווען ביים תלמיד : —

— נו — נו —

דערנאָך האָב איך געהאָרט, ווי עס האָט אין מיר אָנגעהויבען זינגען !

— וואָס האָסטו געפיהלט ? וואָס ? וואָס ? זאָג !

— איך האָב געפיהלט אַז אַללע חושים זעננען מיר פערשטאָפּט אונ פערמאַכט, אונ אינגערווייניג זינגט, אונ פונקט אַזוי וויא מען דאַרף — גאָר אָהן ווערטער, אָט אַזוי ...

— ווי אזוי ? ווי אזוי ? !

— ניין, איך קאָנן נישט ... דעמאָלט האָב איך געוואוסט ... דערנאָך איז פונ'ם זינגען געוואָרען ... געוואָרען ...

— וואָס איז געוואָרען — וואָס איז געוואָרען ? ...

אַ מין שפּיעלען ... גלייך להבדיל איך וואָלט דאָרט אינגערווייניג אין מיר אַ פּיעדעל געהאַט. אָדער גלייך יונה כלי־זמר זאָלל אין מיר זיצען אונ שפּיעלען זמירות, ווי ביים רבי'ן צו טיש ! נור עס האָט געשפּיעלט נאָך בעססער, נאָך אָדעלער, מיט נאָך מעהר רוחניות ! אונ וויי טער גאָר אָהן אַ קול, גאָר אָהן אַ קול — מיט סאַממע רוחניות !.

— וו... איז דיר ! וואהל איז דיר ! וואהל איז דיר !

— צונד איז אַלעם אַוועק — מאַכט טרויריג דער תלמיד — עס האָבען זיך מיר צוריק געעפענט די חושים, אונ איך בין אַזוי מיעד, אַזוי מיעד, מי־ע־ד אַ־זוי־ — מיעד ! אַז איך ...

— רבי ! האָט ער ראַפּטום אַ געשריי געטוהן, אונ זיך אָנגעחאַפּט ביים האַרץ — רבי ! זאָגט מיט מיר ודוי ! מען איז געקוממען נאָך מיר ! — עס האָט דאָרט אין פמליא של מעלה אַ זינגערעל פערפעהלט ! אַ מלאך מיט ווייסע פליגען ... רבי ! רבי ! שמע ישראל ! שמעעע ... יש ...

דאָס גאַנצע שטאָדטעל ווי איין מענש,

פערברענט מען גאָר די אַלמנות ... ביי אונז הייסט „מקדש זיין" געבען אַ זאַך וואָס איז ווערט אַ פרוטה, ביי טהייל ווילדע הייסט מקדש זיין געבען אַ האַק אין די צאָהן אַריין, אַז צוויי פון די פאָרענדיגע זאָללען אַרויס פאַללען ... ביי אַנדערע מוז מען די כלה שלעפען אויף דער ערד ביי די האָהר אונ אויסגלייכען איהר אַ פּאָר ביינער. ביי אונז אַ גרושה האָט נאָך אַ שטיק'ל ווערט, ביי אַנדערע שטעקט אין דער גרושה די גאַנצע טומאה, מען לאָסט זי אין קיין פרום הויז נישט אַריין אונ זי שטאַרבט פאַר הונגער, אָדער רייסט אוים ביי די הינד אין גאַסס אַ ביין ...

ביי אונז פראָגט מען קיין מיידעל קיין דעה נישט, אויב זי ווילל דען חתן, אונ אַז זי זאָגט „ניין" אויף דעם, וואָס געפעלט טאַטע מאַמע, אָדער יאָ אויף אַזוינעם, וואָס פאַסט נישט פאַר זייער יחוס, הייסט זי אַ חצופה, אַיין אויסגעלאַססענע ... ביי'ן אַנדערע, איז די טאָכטער איין איינפאַכע סחורה, אונ דער פאָטער, אונ נאָך זיין טויט דער ברודער, אָדער איין אַנדערער קרוב, פערקויפט זי וועמען אונ פאַר וויפיל ער וויל. ביי אונז האָט דער מאַנן אַ פּראַיזע אויפ'ן לייב נור אָהן אַ „פּערדאָוויעריע", אויף טהייל אָרטער קאָנן ער זי אָבטרעטען אויף אַ כאָל אונ איינציגווייס, אָדער מכבד זיין מיט איהר אַ גאַסט. די ווייבער לעקקען אין ערגיץ קיין האָניג נישט ... די, וואָס האַלטען פאַר קלוג, גוט אונ פיין דאָס אַללעס וואָס אַרום זיי איז, אונ בפרט נאָך, דאָס וואָס איז שוין אזוי פון אייביג אויף, די פערשטעהען, אַז עס דאַרף אזוי צו זיין, אַז עס איז נישט מאָגליך אַנדערש. אונ ווען עמיץ זאָגט זיי, אַז אַ נקבה קאָנן אפילו ווערען אַ רב, אַ דיין, וואָל־

האָט זיך געווינשען אַזאַ טויט, נור פאַר'ן ראָש ישיבה איז אַלס ווייניג:

— נאָך אַ פּאָר תעניתים, קרעכצט ער, וואָלט ער שוין געשטאָרבען „בנשיקה!“

י. ל. פרץ.

תענית געדאַנקען.

(אַפאָריזמען)

1) אַסך עדלע מענשען קאָננען נישט טויטען קיין פליעג און עסטען אויף אַ־ין אָקס...

2) האַלב געבילדעטע מיטטער פיהרען דיין און היגיעניש די קינדער כל זמן זיי זעננען געזונד; ביי דער ערשטער קראַנק אָבער, ווערען זיי אַבערגלויביש און שוואַך און קאָרמען די קראַנקע קינדער מיט קאָרמעלקעס און איינגעמאַכטס און טוישען אויף זיי נישט דאָס העמד. האַלב גע־בילדעטע פאַטריאָטען טהוען דאָס זעלבע מיט'ן פאָלק.

3) דער „היינט“ איז אַ מוטל בספק, דער „מאָרגען“ וועט זיכער געהערען צו די, וואָס ווייסען נישט קיין גרויסען חלוק פון אַ תענית ביז נישט אַ תענית!

4) מענשען נעממען זיך צוזאַממען אָדער יענעם צו עסטען אָדער זיך נישט צו לאָזען עסטען; עס איז נאָטהווענדיג, נור נאַררען מאַכען פון דער נאָטהווענדיגקייט אַ אידעאַל.

5) אין יעדען מענש שטעקט א ביסל גוטס; ווער עס גיט עס אין גאַנצען אַוועק גאָטט, דעם בלייבט שוין גאָר נישט פאַר מענשען.

6) נישט איינער ווערט גרויס, ווייל ער שטעלט זיך אויף אַ בעססערען קאָפּף אַלס זיין אייגענער איז.

7) אַז דו פאָהרסט אין וועג, זעהסט דו פון ווייטען גרויסע בערג, וואָס נאָהנטער אָבער ווערען זיי קלענער, און צום סוף קריכען גאַנץ לייכט אויף זיי אַרויף דעם בעל העגלה'ס געפייגערטע פערד; בעקען דיך נישט מיט גרויסע לייט, וואָרען עס וועט דיר דאָס אייגענע געשעהען.

8) אַהוהן, וואָס חאַפּט דען אָבראָק, וואָס פאַלט פון איבערגעפולטען פערד'ס מויל אַרויס, טראַכט ביי זיך: וואָס פאַר אַ פי־לאַנטראָפּ עס איז!

9) ביי טהייל גערט איבער דאָס האַרץ; ביי אַנדערע — פלאַצט עס.

10) „נויט ברעכט אייזען“ און „אַייזען ברייכט די נויט“ — דאָס איז דאָס קלאָציל, אויף וועלכען די געשיכטע

טען זיך ביי זיי די האָהר קאַפּויר געשטעלט, פיאַנע וואָלט זיי פון מויל, אָדער זיי וואָלטען חוכא וטלילא געמאַכט נישט אָרגער פון רעדאַקטאָר פון המליץ, העררן ראַבינאָוויטץ, וואָס האָט אויסגעגאָססען אַ גאַנץ בלאַטט מיט בייזען חוזק אויף איין אַמערי־קאַנישע שבאָדט, ווייל — ווייל זי האָט אויפגענוממען נישט קיין גע'מל'עטען, ד. ה. אַ נקבה'שען רב. און דאָך זעננען פערהאַנדען אַנדערע, וואָס זאָגען אַז צללעס וואָס אַרום אונז געשיהט, קאָנן זיין גוט און שלעכט, און מיר דאַרפען שכל האָבען און דאָס שלעכטע פערריכטען, עס זאָלל ווערען גוט.

איינער פון די לייט איז געוועזען משה רבינו: פאַר מתן תורה האָט אַ נקבה נישט געהאַט קיין פראַווע פון אַ מענש, קיין פראַווע אויף פערמאָגען, קיין פראַווע צו לעבען נישט אין אַ פרעמדען רשות, נישט אונטער אַ פרעמדע רוטה: אָדער זי איז גע־וועזען דעם טאַטענס, אָדער אַ קרוב'ס אָדער דעם מאַנס, און אַז זיא האָט פערלוירען דען „רשות“, האָט זי אויסגעזעהען ווי אַ פיש וואָס פאַלט אַרויס פון וואַססער, אָדער אַ מענש, וואָס מען נעמט איהם צו די לופט. איין אלמנה איז דעריבער ביטטער גע־וועזען. האָט זי חאָטש קינדער געהאַט, איז זי געבליבען אַלס מאַמע ביי יורשים, נור אַז נישט, איז דאָס פער־מאָגען אַריבערגעאַנגען צו'ם מאַנ'ס קרובים און זי איז געבליבען ביי גאָר נישט, שלינג און שלאַנג, ווי מען זאָגט. נור איין גוטער מנהג איז געוועזען, דער ברודער פון געשטאָרבענעם פלעגט חתונה האָבען מיט דער אלמנה און אַזויערנאָך איז דער פיש צוריק אַריין אין וואַססער, דער מענש האָט צוריק געקענט אָטהמען. נור דאָס איז נור געוועזען

וויקעלט איהר אייביגען פאדים.

11) אפט שרייט מען „לא תגנוב" אויס לויטער קאנקורענץ.

12) עס וואלט היינט אויך פון שטיי־נער וואססער גערוננען, דער שטעקקען זאלל נישט זיין פערנוממען מיט עפּיס אנדערש...

13) אין דער ערשטער קעשענע איז שוין געלעגען דער גאנצער קארעקס מיט אללע מפרשים.

14) די צוויליזאציע איז א פונקט, וואס בעוועגט זיך אימטערוואהרענד אונ מאכט איהר אייביגע ליניע, אונ זי פיהרט אללע מאל צו'ן א האבערן צוועק. טהייל מאל ברעכט זיך די ליניע איבער אונ לאזט זיך אריין אין דער טיעף, אונ דעמעלט מיינען די קורצזיכטיגע, אז זי האט זיך איבערגעהאקט.

15) דער קאנסערוואטיזם איז א פער־שווינדעלטער באנקראטט, וואס וויל קיינ־מאל נישט ליקווידירען.

16) ארימקייט איז נישט קיין שאנד נור — א מכה.

17) עס וואלט קיינמאל קיין שרפה נישט געוועזען, מענשען זאללען באלד דערזעהען דען רויך.

18) דאס לעבען וואלט געוועזען א גאנץ הארמאנישע מעלאדיע, ווען די לעדיגע מאגען זאללען נישט אריין בורציען אונ די איבערגעפולטע — אריין גרעבצען.

19) מענשען שטארבען פערשיעדען: א גאטהע שרייט: ליכט! אנדערע וויל־לען די זונן זאלל מיט זיי צוזאממען אונ־טערגעהן.

20) טהייל מיינען, אז וואס מען קאנן נישט אויפעססען מוסס מען אויסטרינקען.

י. ל. פרץ.

ליזא

(פון לעבען אין שטאלל)

דער פאסטוך יוזעף האט צוזאממען געטריעבען די בהמות פון די לאנקעס אונ איז געקוממען צום פריץ מיט א ראפארט, אז די שווארצע „ליזא" איז עפּיס ניט אין גאנצען: עפּיס געהט זי ארום דען גאנצען טאג אראבגעלאזט דען קאפּ, שמעקט נישט צו קיין גראז, פארשטופּט זיך אין ווינקעלע אונ ליגט צוזאממענגעקארצט. דער פריץ האט געוואוסט, אז יוזעף רעדט פון נוממער 5, וואס האט נאך נאכטען לויט דעם חשבון ווענעג מילך געגעבען. ער איילט אין שטאלל אריין. ליזע זעהט ווירקליך שלעכט

א מנהג, וואס מען האט געקענט ברעכען. וואס טהוט מען, אז נישט? אז דער ברודער נעמט צו דאס „פערמאגען" אונ זאגט, אז אהן איהר וועט ער זיך בעגעהן? וואו וועט זיך די אלמנה אהין טהון? — משה רבינו האט די שאלה פעראנפערט: אויב ער וויל זי נישט נעמען, זאל ער געבען חליצה — דאס הייסט זי שפייט איהם אן אין פנים פאר כל הקהל הקודש...

עס איז געוועזען א קלוגע ערליכע פראזע. קיין מענש וועט זיך נישט לאזען שפייען בפרהסיא אין פנים אריין, אונ אויב עס וועט זיך אזוינער טרעפען, איז גלייכער זי זאלל פאר הונגער שטאר־בען איידער אזא הונד א מאנן צו האבען.—

צו האט זיך משה רבינו געקאנט ריכטען, וואס אונזערע רבנים וועללען פון זיין גוטער, קלוגער אונ עהרליכער פראווע מאכען? באין אופן נישט. עס איז לייכטער צו טרעפען וואס א נאר האט אין זינן איידער צו פאללען, וואס פאר א שלעכטע, אונזיננינגע נארישקייטען עס וועללען ארויס פון אונזערע חכמים'ס פערפלאנטעטע מוחות. היינט איז די לאגע אזוי: ער טאר זי נישט נעמען, אונ זי מוז נעמען חליצה. זי טאר אנדערש נישט חתונה האבען מיט איין אנדערן, ביז ער וועט זיך נישט גערענוויליג לאזען אנשפייען אין פנים אריין! זי מוז לעבען אהן לופט אונ וואססער, כל זמן ער וועט נישט אליין קוממען אין קהל שטוב אונ בפני קהל ועדה לאזען זיך רופען „פארליען", חאטש ער איז א מכה שולדיג...

אט, דאס איז חליצה! פויל ארימע אלמנה, וויל משה רבינו האט דיר געוואלט א טובה טהון,

אוים; זי ליגט אויסגעצויגען אויף פריש שטרוי, מאדנע אויסגעצויגען איז דער האלז אויף דער גאנצער לאנג פון פאסטראנעק (שטריק), און צייטענווייז לאזט זי ארוים ביטטערליכע זיפצען. דער פריץ פערשטעהט זיך אויף וועטערינעריי, ער געהט צו נאהנטער, בעטאפט דען האלז, די פלייצעס, העבט אויף דען עק, קוקט אין פיסק אריין און האלט זיך איין עצה מיט יוזעפען. עס איז געבליעבען, אז מען דארף ליזען געבען א הערינג מיט ענגליש זאלץ אויף אפעטיט; יוזעף איז אוועק אין קיך נאך די רפואות.

דעם פריץ ווערט אביסל טרויעריג:

— שאד ליזא!

ליזא'ן קאנן ער ניט פון היינט. ער געדענקט זי אזוי לאנג! עס וועט זיין א געשיכטע פון א יאהר 20. ער האט נור וואס געענדיגט די שוהלען און גענומען זיך דעם פאטער אין דער ווירטשאפט צו העלפען. די ערשטע מתנה, וואס ער האט בעקומען פון פאטער, איז געוועזען א קליין בונטיג קאלבעל, און ער האט עס א נאמען געגעבען: „ליזא". דאס קאלבעל האט ער ליעב געקריגען, ער פלעגט איהר אלליין אללע מאל דערלאנגען א ביסעל פריש מעהל, פריש גראז, אדער אביסעל קאניצינע, טהייל מאל א שטיקעל לעקיך אויך. אז זי האט זיך אבגעקאלבט, זיין פאטער— געשטארבען און ער איז געבליעבען אלליין בעל־הבית, האט ער זי אבגעשטעמפעלט מיט נוממער 5 און אריינגעשטעלט צווישען זיינע קיה ד. ה. צווישען די, וואס דער פאחציאר האט אויף זיי גאר קיין פראיע נישט געהאט; זי האט געהערט צום הויף.

פון ליזא'ן איז געווארען א פיינע קוה.

זי שאנקט איהם אללע יאהר א נייע שאן קאלבעל — איין אקסיל אדער א קיהעלע, און בעזארגט איהן א גאנץ יאהר מיט מילך, פיטטער און קאז, און ער האט שטאלצירט אויף זיין קוה. ער האט זי פאר אללע פארגעשטעללט. און עס איז געוועזען אויף איהר וואס צו זעהען ליזא איז א הייבע, בונטע קוה מיט א פאר גרויסע אויגען, שטארקע הערנער, פעסטע פיס און א פיללע אייטער. יעדער האט אויף איהר געקוקט מיט פערגניגען און געגלעט די פעטע פלייצעס. און דער פריץ האט געקליבען נחת, געקוואללען פון זיין ליזא'ן! צונד, שטייענדיג ביי'ן איהר און קוקענדיג אויף איהר קראנק פנים, דערמאנט ער זיך ביסלעכווייז אללע איהרע מעלות און ער ווערד טרויריג. איהר יעדער זיפץ שלאגט זיך אב אין זיין הערץ. ער געהט צו נאהנטער און העבט זי אן ווארים צו גלעטטען

און ליזא שטעלט אוים א פאר גרויסע אויגען אויפ'ן פריץ. זי דערקענט איהן,

---

שטארב פאר הונגער, דאר און קוואר, ווייל משה רבינו'ס שטעל־פערטראטער האבען נור איבערגענומען זיין שטעקקען נישט זיין שכל, נישט זיין יושר! און נייטען חליצה געבען טאר מען אויך נישט! מען קאנן נייטען געבען א גט, נייטען עס זאלל קיינער קיין הייבען אויסער די רביצען נישט פערקויפען, עס זאלל קיינער נישט אנריהרען קיין יו"ט שני של גליות, נישט רעדען אויף א גוטען יוד, נישט אונטערשניידען א פאה, אויף דעם איז דא — שטיינער אין גאסס, א שופר אין ארון קודש און מסירות און מלשינות אויף דער צונג... נור נייטען חליצה צו געבען דאס נישט! אליין מיטן גוטען וויללען זאלל ער זיך לאזען אנשפייען אין פנים אריין! מען טאר קיין יודישע פרנסה נישט צו שאנדען מאכען! און חליצה איז שוין א יודישע פרנסה!

זי וועט איהר כתובה אוועק געבען, דאס קלייד פון זיך אראב פערקויפען, זיך אליין פאר א דיענסט שטעלען, אבי חליצה צו נעמען... דער וואס האט איין אלטערן, בפרט נאך א קראנקליכען ברודער אין עקר און טהוט א שדוך מיט א קינד, קאנן אב לייגען דאס בעלעגען דען נדן ביז דער חליצה! פאר וואס נישט?

און שטעלט אייך פאר אז פלוצלינג דרוקט דער וואסחאר, און נאכ'ן וואסחאר די הצפירה א ידיעה, אז די רבנים ווילען מתיר זיין חליצה! שטעלט אייך פאר מיין פרייד און מיין פעליעטאן, וואס איך וואלט איבער דער בשורה טובה געשריבען! איך וואלט דאס ערשטע מאל געשריבען וועגען א שטרייכעל אהן גאלל, דאס ערשטע מאל גערעדט פון אונזערע „גאונים", אומגעוואלט פון זיי מאכען „זכר

זי שטעקט ארויס איהר לאנגע רויטע צונג און טרעסעלט זיך ווי אין פיבער; עס איז איהר קאלט, חאטש א הייסער שוויים פערדעקט איהר גאנצען לייב; זי אפפענט אויף דען גרויסען פיסק און עס בעווייזט זיך א שורה גרויסע, געלבע ציינער, נור זי מאכט איהן באלד ווידער צו און הארט ניט אויף צו זיפצען.

יוזעף איז צוריקגעקוממען און מען האט איהר איבערגעוואלד אריינגעגאססען א פלאש ענגליש זאלץ; דען הערינג האט זי באלד הערויס געווארפען. ליזא ווערד וואס א מינוט שוואכער. מען האט איהר לויז געמאכט דען פאסטראנעק און זי האט נאך לאנגער אויסגעצויגען דען האלז, אוועקגעלעגט דען קאפף אין א זייט און ביטטערליך געקרעכצעט.

א דינסט איז געקוממען רופען דען פריץ צו וויעטשערע. ער איז נאך א ווײלע געשטאנען... ער גיט א קרעכץ, זאגט אן יוזעפען, אז ער זאלל באלד אין דער פריה קוממען מיט א ראפארט פון ליזא'ס געזונד. —

ליזא העבט אויף דען שוואכען קאפף, לאזט ארויס א לאנגען, לאנגען קרעכץ און קוקט נאך דעם פריץ ביז ער ווערט פערשווינדען. דערנאך לאזט זי איהן פאללען צוריק. זי שפירט, אז זי ווערט שוואכער, אז די כחות פערלאזען זי. זי איז דאך רוהיגער, ווייל זי האט דען פריץ געזעהן, און קוקט דאנקבאר אויף יוזעפען, וואס האט איהן אריין גערופען.

יוזעף האט אויסגעלאשען די לאטערנע און געהט אויך אוועק.

ארום איז שטיל. אללע קיה שלאפפען נור איין ליזא קאנן ניט צו טאן קיין אויג. זי לעגט איבער דען קאפף אויף אללע זייטען, ווארפט זיך אין אללע זייטען און געפינט זיך אלס קיין ארט נישט... עפיס שטעכט זי אין דער ברוסט, און אינווייענדיג ביים מאגען איז אזוי היים, ג׳ עס ברענט דארט א פייער. זי דערמאנט זיך, אז ווען דער פריץ האט זי געסטעמפעלט מיטן הייסען אייזען האט זי אויך אזוי געברענט. זי געדענקט דען פריץ און זיפצט שטארקער, זי דערמאנט זיך נאך דאס לעטצטע קאלבעל, וואס מען האט איהר ניט לאנג צוגענוממען... זי וואלט זיך אפשר א סך זאכען דערמאנט, נור די יסורים לאזען נישט... זי בלייבט ליגען אהן געדאנקען נור אין דער פינסטער־שלאגען איהרע בלישצענדיגע אויגען מיט א היציג פייער און זי ווערט אללע מאל אונרוהיגער.

אט, דערמאנט זי זיך ווייטער עפיס, און גיט א ציטטער אויפ'ן גאנצען לייב.

א פאר וואכען צוריק איז אריין געקוממען א הויכער מענש מיט א לאנגער בארד

לברכה'ס", איך וואלט אפילו מיך נישט געמאוסט איינעם א קוש אין פיסקעל צו געבען — נור וואס קומט ארויס — עס איז באלד געקוממען איין הכחשה! לא היו דברים מעולם! עס איז קיינעם פון די רבנים גאר נישט איינגעפאללען עפיס א קלער צו טהון פאר דער ארימער חליצה'ניצע...

די רבנים איז לייכט געוועזען מתיר צו זיין פראצענט, ערלויבען די רייכע זאללען שינדען ביי ארימע לייט די הויט, אויסקלערען איין עצה איבערצוהאלטען דען חמץ איבער פסח אבי צו ראטיווען דעם שענקער א פעססעל בראנפען, פערזארגען די בעלי־בתים זאללען קאנען טראגען דען טלית־זאק אום שבת איבער דער גאסס, צו געפיננען איין עצה געגען שמיטה פאר די חובבי־ציון, נור שווער איז מתיר צו זיין ארבים און הערינג פאר ארימע לייט אויף פסח... און נאך שווערער איז מיר, אין אזא צייט צו שרייבען א לייטען פעליעטאן — ווייל פון תעניתים האב איך פיינט צו רעדען!

לצפר.

דאס אייזען.

אט הארט א מעשה פון אייזען.

עס איז געלעגען טויזענד יאהר, אפשר הונדערט טויזענד יאהר, אונטער דער ערד אין אשרעקליכער טיעפענים — איין אונגעהייער גרויסע מאססע פון אייזען. געלעגען איז עס קאלט, אהן א בעוועגונג, טוידט, פערשיממעלט; עס האט פון איהם געטראגען

אזוי ווי ביי דעם פאכציאר, אין האנד האט ער געהאלטען א שארף בלישצענדיג מעססער און ער האט עס אריין געשטעקט איהרע א חברה'ע אין האלז, א שטראם בלוט האט א יאג געטהון און מען האט זי צוגענוממען פון שטאלל... ליזא שפירט נאך צונד א ריח פון בלוט און זי הארט נישט אויף צו קוקען אויף דעם ארט, וואו איהר חברת'ע האט געזאססען און געזאססען... דאס ארט איז יעצט פוסט. ליזען שודערט, האטש זי ווייסט נישט פאר וואס, נור עפים שראקט אין איהר דאס הארץ און עס צאפפעלט. באלד פערגעסט זי דאך דאס בילד; די שמערצען שטארקען זיך, אין מאגען ווארפט זיך עפים ארום, דער בויך וואקסט און וואקסט, קאנוואולסיען טרעטען וואס אמאהל מעהר צו... אזויגע שמערצען האט זי נאך קיין מאל נישט געשפירט.

די זוממערנאכט איז שנעלל פארביי.

דער פריץ האט זיך אויסגעשלאפען ביים אפפענעם פענסטער אין גארטען אריין, און אויפשטעהענדיג, האט ער אויסגעהערט פון יוזעפען די שלעכטע בשורה, אז ליזען איז ארגער. יוזעף גיט דערביי א מאך מיט'ן האנד, גלייך עס וואלט שוין קיין האפפנונג נים געוועזען. דער פריץ האט אבגעזופצט און געהייסען רופען דען פאכציאר...

ליזא ליגט אלץ און קרעכצט, אללע איינוואהנער פון שטאלל זעננען שוין לאנג אויפ'ן פעלד. זי אליין ליעגט אויפן זעלבינען ארט און הארט ניט אויף ביטטערליך צו קרעכצען. זי זעהט אויס פינסטער, די הויט האט זיך איהר צוזאממענגעצויגען... זי איז אין גאנצען ווי קלענער געווארען. און איבער נאכט זעננען איהר ווי ניי ארויסגעוואקסען עטליכע דארע ביינער פון אונטער דער הויט.

זי ליעגט און הארט זיך איין צו קוממט נישט צו'ן איהר דער פריץ, נור זי דערהארט א גערויש פון ראדער. אין א פאר מינוט ארום קוממען אין שטאלל אריין עטליכע מענשען. אט, דער פריץ איז דא! נור נישט אליין. ליזא דערקענט דען פאכציאר און דערצו... דער הויבער מיט'ן שארפען מאססער אין דער האנד. זי ציטטערט נאך מעהר. דער פריץ, ווי עס ווייזט אויס, האט פערגעססען איהרע אללע מעלות, ער האט אפילו קיין צייט נישט אויף איהר צו קוקען, ער דינגט זיך פעסט מיט'ן פאכציאר... מען רעדט וועגען דער לעדער, וועגען פלייש... דער פאכציאר שרייט אין איין איילעניש... עס איז שפאט... ליזא הארט זיך איין מיט שרעק און לאזט קיין אויג פון חלף נישט אראב.

אט—געענדיגט! דער פאחציאר צאהלט געלד אויפ'ן פריצ'ס אויסגעשטעלטער האנד, און דער הויבער מיט'ן מעססער רוקט זיך נאהנטער צו צו ליזען...

. . . .

א. י. פריוג.

אקאלט ארויף און אראב, רעכטס און לינקס. אין אללע זייטען האט געטראגען פון איהם מיט טוידט און קאלט. געלעגען איז עס ווי א נבלה, און אויף איהם פון אויבען האט גאטט אנגעשאטען גאנצע טהאלען און בערג. אויף דער ערד פון אויבען האט געשפראצט גרין גראז, עס האבען געבליהט העללע בלומען; עס האט געוואקסען ברויט, האבער, פלאקס, וואלדער און עס זעגען געשטאנען שטאדט, דארפער און הייזער. און די מענשען, וואס האבען אין זיי געוואהנט, זענען פרום געוועזען און גאטט געדיענט. — געוואהנט האבען ערד=ארבייטער מיט ווייבער און קינדער און האבען געלעבט פון אייגענער ארבייט, אין אייגענע הייזער; — יעדער איז ביי זיך אליין געוועזען בעל הבית, א מאן דעם ווייב און א טאטע די קינדערלעך קליינערהייט פלעגען די קינדער געהן אין שוהלע; אונטערגעוואקסען, פלעגען זיי העלפען די טאטע־מאמען, און אזוי איז געגאנגען, ווי גאטט האט געבאטען, פון דור דורות. אונטער דער ערד איז געלעגען די אייזערנע פגירה און אויף דער ערד האט געוואהנט דער לעבענדיגער מענש; טאקי אזוי ווי עס דארף צו זיין. ויהי היום ויבא השטן — דער שטן איז געקוממען פון אלל=די=שווארצע יאהר, מעבר לים. ער איז געקוממען און גאר נישט געזוכט און אריינגעשטעקט די נאז אין דער ערד! ער האט אריין געשטעקט די נאז, און אנגעהויבען

נאך דער שלאכט.

א

נעבען ירושלים איז געווארען שטיללער, נאך דער בלוטיגער שלאכט וואס איז געוועזען דען גאנצען טאג צווישען די ראמער און די בעלאגערטע יודען, זענען ביידע מיעד געווארען. די יודען האבען זיך צוריק געצויגען אין שטאדט און פאר-ריגעלט די פעסטע טויערן, און ביי די ראמער הארט זיך דער סיגנאל פון די טראמפעטען, די זעלנער זאלען געהן רוהען. עס ווערט נאכט, עס לעגט זיך א שווארצער שלייער אויף דער אומגעגענד פון ירושלים, און די טונקעלהייט פערדעקט די שרעקליכע שמערצען מיט דער גסיסה פון צעהן טויזענד פער-וואונדעטע... ביסליכווייז ווערט גאנץ פינסטער; אויפ'ן הימעל פונקעלט נישט קיין איינציגער שטערן; א קאלטער, א שארפער ווינד טרייבט שווארצע חמארעס פון ווייטענס, פון ים זייט, און די חמארעס קלויבען זיך ארום דעם בארג ציון...

ארום דעם ראמישען לאגער זענען אויס-געשטעללט די וואכטער (שומרים), און אויף דעם פלאטץ ביי דער מויער, וואו היינט איז געוועזען די שלאכט, הארט זיך: א פארשטיקט געשריי פון שרעקליכע ווייטאגען, א האָרחלען, חליפעריי, קללות, זיפצען, קולות פון יציאת נשמה, די לעצטע קרעכצען פון די וואס ראנגלען זיך מיט'ן מלאך המות... עס נעהמט א גרויל צו בערעכנען די וועהטאגען, יסורים, שמערצען און פערצווייפלונג פון די אונ-גליקליכע וואס ליעגען דא אנגעווארפען! צעהן טויזענד פארשוין! — —

דער קאלטער ווינד האט דורכגענומען דאס גאנצע לייב פון די אנגעמידטע ראמישע זעלנער עס איז א זעלטענהייט, אין פאלעסטינא זאל תחלת אדר זיין אזא ביטערע קעלט, און די ראמער ציטערען אללע גלידער. די וואך צולעגט יעצט א פייער, שטעלט אויס די שומרים און זעצען זיך ווארימען ארום דעם פראהליך פלאקערנדען פייער.

הינטער זיי הארט זיך פארשטיקטע קרעכצען און טיעפע זיפצען, ווי פון א קבר ארויס...

מיט א טרויעריג פנים זיצען די ראמישע זעלנער ארום דעם פייער, און רעדען אדות דער היינטיגער שלאכט, און ערצעהלען די גבורות פון די יודישע העלדען, וואס האבען געריססען ווי די טיגער, געשניטען מענשען ווי זאנגען, און זיי דער-מאנען זייערע בעקאנטע און גוטע פריינד, וואס היינט איז געוועזען זייער לעצטער לעבענסטאג...

עטליכע טריטט הינטער זיי הארט זיך א קול, ציטטערט פון וועהטאגען און רופט אהן כח:

— א יופיטער! א טראפעלע וואססער! איך וויל טרינקען!

די טרויעריג-ערנסטע פנים'ער פון די ראמישע וואכטער ביי'ם פייער דרעהען זיך אום, ניט ווילענדיג, אין דער זייט, פון וואנעט די שטימע הארט זיך. אבער ווער וועט אין אזא פינסטערניש געהן זוכען דארט ערגיץ א ניט-דערהרגטען, וואס

בויערן און עגבערן. דערפון איז ארויס א וואונדער-ליכע זאך: דאס טוידטע אייזען האט זיך דער-ווארעמט, אנגעהויבען היים ווערען, ווייך ווערען, צוהיצען זיך! — עס האט זיך דערווארעמט און איז לעבעדיג געווארען! עס איז לעבעדיג געווארען און ארויס פון אונטער דער ערד... עס איז אויפ-געשטאנען תחית המתים! און עס האט זיך צו-שפיעלט!... די האנד צופיהרט! מיט דעם אייזען אין געווארען פולל און פולל!... א דראט האט ארומגענוממען די גאנצע ערד, און מען רעדט אויף איהר פון איין עק וועלט צום אנדערען; אייזערנע שיפפען פליהען, וואגאנען לויפען, ראדער דרעהען, פרעססען קלאפען, לאמטערן לייכטען, קאססעס פינקלען, זעגען בלישצען — מיט איין ווארט: דאס אייזען האט זיך צו שפיעלט אין דער גאנצער וועלט אין דער לאנג און אין דער בריט! נור וואס איז אבער געווארען מיט'ן לעבענדיגען מענש? עס איז געווארען, אז די דראטען, ראדער, גווינטען, פרעססען, האבען איהן ארויסגעשלעפט פון זיין שטוב, אבגעריסען פון זיין בעל-הבתישקייט און צוגעשטעללט צו זיך פאר א שומר, צו די ווינטען, פרעססען, קעססלען און אייוועס! ניאנטשע זיי, היט זיי, געה ארום זיי... און וועגען זיך פערגעס אפילו א טראכט צו טהון!... חתנים האט מען אבגעריססען פון כלות, כלות פון חתנים, ווייבער פון מאנגער און קליינע פיצלעך קינדער פון טאטע-מאמע... יעדער איז צוגעשמיעדט צו זיינס, צו דער דראט, צום גווינט, צום פאפיראס, צום אייוועס מיט די קויהלען און אבטרעטען טאר ער נישט! קוים טרעט ער אב, איז שוין נישטא וואס צו עססען!... הארסט דו אויף צו דרעהען די מאשין — שטארב! הארסט דו אויף צו ברענגען ביים אייוועס — שטארב!

דער שטן לאכט, דאס אייזען שיינט... און איהר ווערט פערפינסטערט און קלאגט אויף אייערע יאהרען און טאג... אט אזוי איז די מעשה!...

גוליעב אוספענסקי.

איהם ברענט נאָך אַביסעל וואַססער? — געוויסס האָט ער, רופענדיג נאָך דעם וואַססער, אַרויס־געלאָזט פון זיך אויך זיין לעצטען אָטהעם! —

ב.

פלוצלינג האָט זיך אַרום דער וואַרטע עפּעס אויסטערלישעס אָנגעהויבען צו טהון... עס האָרט זיך עפּעס אַ שאָרך, פרעהר גאַנץ שטילל אונ קורץ, נאָכדעם דייטליכער אונ לאַנגער... עס איז געוואָ[רען] עפּעס אַ אונרוהיגקייט, עס ריהרט זיך עפּעס צווישען די טויזענדער ניט־דערהרגטע...

עפּעס אָטהעמט שווער, עפּעס סאַפּיט אונ פרייבט אין דער פינסטערניש, מען ערקאָנט אַז עמיץ שטרענגט זיך אָן אונ ריהרט זיך... אָט האָרט מען שוין גאַנץ נאָהענט דאָס סאַפּען אונ קרעכצען, עס טראָגט זיך אין דער פינסטערניש אַ פאַרשטיקט חליפערוי, אונ יעדע רגע קומט עס אַלץ נאָהנטער אונ ווערט דייטליכער...

אפילו דעם מענש פון אייזערנע נערווען ווערט אונהיימליך, אונ עס האַפּט אַ ציטטער דאָ צווישען די בערג מתים, אין דער קאַלטער פינסטערער נאַכט, פון פאָרנט דאָס רויטע פייער אונ הינטער די פּלייצעס — דער פרישער בית הקברות מיט דער וואונדערליכער בעוועגונג...

די זעלנער שטעהען אויף, שטרענגען זיך אָן צו בעמערקען וואָס טהוט זיך הינטער זיי אין דער פינסטערניש. אָבער זיי בעמערקען קיין זאַך ניסט, אונ אונזיכער געהען זיי צוריק אויף זייער אָרט ביי'ם פייער, נאָר יעדער שטעלט אָן דאָס אויער, קוקט מיט אונרוהיגע אויגען, אונ מיט דער האַנד האַפּט ער שוין דאָס געוועהר...

אונ אָט ווייזט זיך אין עק ראַד פונ'ם פייער עפּעס אַ אויסגעקרימטע, אויסגעמוטשעטע געשטאַלט. אַ פערוואונדעטער יודישער זעלנער רוקט זיך פאַר־ווערטס, אָכצט אונ קוועכצט אונ קריכט אויף אַללע פיער. די האַנד זענען פערבלוטיגט, די ברוסט איז געלאָכערט פון אַ שפּיציגען פייל. — די ראָמער קוקען אויף איהם מיט אוגרוה אונ צאָרען.

אין איהם אָבער לאַכען די אויגען מיט'ן מויל, קוים האָט ער נאָר ערשפּיערט די וואַרימקייט פונ'ם פייער. באַלד אָבער הויבט ער ווידער אָן צו בראַסקען מיט די צאָהן אונ זיך טרייסלען אין גאַנצען קאָרפּער.

— אַוועק פון דאַנען, פאַרפלוכטער הונד! — שרייט אַ ראָמער.

אָבער ד ע ר האָרט ניט, אָדער פאַרשטעהט ניט. אגב איז איהם שוין אַללעס איינס, לאָז מען איהם דערהרגענען, ער האָט שוין ניט וואָס אָנזוערען! על כן רוקט ער זיך פּאַוואָליע, לאַנגזאַם, אַללע מאָל נאָהנטער צו'ם פייער וואָס ציהט איהן ווי אַ מאַגנעט. ער האָט זיך אַ וואָרף געטהון ביי'ם פייער ווי לאַנג ער איז אויף דער ערד, מיט דער מינע פון אַ מענשען וואָס טראַכט זיך:

— דאָ וועט זיין וואָהל צו שטאַרבען!

אָבער ניט איינער אַליין איז ער צוגעקראָכען אַהער. גלייך מיט איהם האָבען נאָך אַנדערע בעמערקט דאָס פייער אונ זיי אייל[ע]ן זיך, וויפיעל זייער כח טראָגט, קומען צום ערשטען, אָנוואַרימען זייערע גלידער ביי'ם גוטען פראָהליכען פייער.

ווי שרעקליך איז דאָס, אויסגעהן אויף דער האָהלער ערד! ביי נאַכט, אין דער קעלט, זיך ערטרינקען אין אייגענעם בלוט, שטאַרבען מיט דעם געדאַנקען אַז די מינדסטע הילף האָט געקאָנט ראַטעווען דאָס לעבען... מען בעדאַרף שוין קיין חבוט הקבר ניט ליידען! —

שרעקליך האָבען אויסגעזעהן די אונגליקליכע, וואָס טונקען זיך אַרויף פון דער פינסטערניש, ווי פון די קברים... האַלב טוידטע, צובראָכענע, צו־שטאָכענע, צוטראָטטענע, צוריבענע. נאָך דעם יודען קומט צו קריכען אַ ראָמער, נאָכדעם אַ צווייטער, אַ דריטטער אונ אַ פיערטער, אונ ווייטער אַ יוד. אין עטליכע מינוט זענען זיי שוין געוועזען אַזוי פיעל, אַז די געזונטע זעלנער האָבען ניט געוואוסט אויב זיי וועללען גאָר קאָנען אָפּטרייבען פון זיך אַזוי פיעל האַלב־מתים...

דער אָפיציער פון דער וואַרטע איז אָבער געוועזען אַ אָרענטליכער אונ אַ באַרימהאַרציגער מענש. קוקענדיג אויף דער סצענע האָט זיך אין איהם ערוועקט אַ גרויס מיטלייד אפילו אויף די פאָאר פאַרוואונדעטע יודען. ער האָט בעפאָהלען די וואַך זאָל זיך צוריק ציהען עטליכע הונדערט טריטט רעכטס אין דער זייט. — פאַר'ן אַוועקגאַנג האָט ער נאָך בעפאָהלען זיינע לייט, צו־וואַרפען אַ ביסעל האָלץ צו'ם פייער, עס זאָל קענען ברענגען ביז פריהמאָרגען...

ג.

מיט וועלכער שמחה האָבען די פאַרוואונדעטע געקוקט אויף דער וואַך, וואָס רוקט זיך אָפּ אָן אַ זייט! יעצט וועלען זיי אַליין בלייבען די בעלי־בתים פון דעם פלאַץ מיט דעם פייער! קיינער וועט זיי שוין ניט שטערען. על כן האָט מען אָנגעפאַנגען זיך קלויבען אַרום דעם פייער מיט נאָך מעהר געשווינדיגקייט.

אַללע, ביי וועלכע עס איז נאָך געבליעבען דאָס לעצטע ביססעלע כח, רוקען זיך מיט אַ ברע־נענדיגען בליק, מיט האַלב־אָפענע אויגען, זיי ריהרען זיך אונ קריכען אונ שלעפען דאָס לייב צו'ם

פייער, אויף זייער בלוטיגען וועג טרעפפען זיי שטארקע מניעות, שרעקליכע שטערונגען: דא ווערט זיך א גיסס און וויל זיי מיט די לעצטע כחות אבווארפען, דארט מוזען זיי איבערקריכען איבער א מת. —

אנפאנגס איז אנגעקומען נאר איין צעהנדליג, נאכדעם צוויי צעהנדליג און באלד — דרייסיג, און באלד א גאנצע מאה. און ווער איז אימשטאנד צו שילדערן וויפיעל ענערגיע די אומגליקליכע האבען פערברויכט, זיי זאלען אריבערקריכען מיט צוטרעטענע גליעדער, זאלען פויזען אויפ'ן בויך, שלעפען זיך אויף דער ברוסט, קריכען מיט צובראכענע האנד און פיס, און קומען צו'ם געווינשטען ציעל! און וויפיעל זענען צושטארבען אין וועג!.. וויפיעל איז אויסגעגאנגען די כחות, עס האט פערפעהלט אטהעם און זיי זענען געבליבען ליעגען נאך וויט פון פייער!

און דאך הארט ניט אויף דאס שארכען און דיהרען זיך, דאס קריכען און שלעפען. אללע חאפען זיך אהער, צו דעם זאממעל-פונקט, גלייך ווי טוידטע וואלטען זיך צונויפגעקוכען אויף א שמיעס ערגעץ אין שאול תחתיה...

די בלייכע פנימער זעהען אויס קעגען דעם פייער ווי טוידט-בלוליך. מיט די צוקוירערטע בארד, אויסגעקרומטע מיילער, פערבלוטיגטע און פערבלאטיגטע האאר, זעהען זיי אויס ווי די טייוולאנים, ווי די מלאכי חבלה...

און דאך האבען געפונקעלט זייערע אויגען און א פרייד האט זיך אויסגעגאסען אויף זייער וואקס-געלן פנים, ווען זיי האבען דערלעבט צוקומען צום ציעל. איינער האט געדאנקט גאטט, אדער יופיטער, און געזעסען פערקלערט; אנדערע זענען אנידערגעפאללען ביי'ם פייער גאר אהן געדאנקען, פערקלערט, פארמוטשעט, דער שלאף איז זיי בעפאללען.

אבער ביסליכווייז איז פון קליינעם הויפען געווארען א גרויסער הויפען. פון דער פינסטערניש זענען צוגעקומען נייע און נייע געסט. די ערשטע ערטער ביי'ם פייער זענען שוין אללע געדיכט בעזעצט, און די פערבלוטיגטע אבגעריססענע קארפער האבען אויסגעזעהען פאנטאסטיש אין זייערע צווארפענע פאזעס ביי'ם גלאנץ פון דער ציטטערנדיגער פלאם.

וואס פאר א גליק איז דאס געוועזען פאר די לייט, אז זיי האבען געקאנט אנווארימען די צושטאכענע גליעדער! דער שטוממער שמייכעל פון צופריעדענהייט אויף זייער געזיכט האט דייטליך געוויזען ווי גליקליך זייער הארץ איז יעצט.

און עס איז דאך טאקע א ריינע געווינסט, א זעלטען גליק! כמעט אללע האבען זיך דאך שוין מיאש געווען פונ'ם לעבען, געלעגען פערצווייפעלט, פערווארפען, אין שרעקליכע שמערצען, און געוועזען בערייט צו שטארבען אהן שום הילף, אהן א טראפען טרייסט און נחמה. און יעצט, פלוצים, האט אנגעהויבען צופיקען די האפפנונג אין זייער אבגעשטארבענע הערצער: — אפשר וועט זיך עמיץ מרחם זיין... טראכטען זיי — אפשר וועלען מיר נאך לעבען. זיי האבען גאר פערגעססען, אז היינט האט קיינער ניט אין זיננען די פארוואונדעטע; די לעבעדיגע האבען גענוג צו טהון מיט זיך אליין... היינט איז נור טוידט און מארד, קיין הילף, קיין רחמנות...

און אט ווערט ביסליכווייז מעהר און מעהר ביי'ם פייער. פון אללע עקקען, פון אללע ווינקעלעך פונ'ם פינסטערן פלאטץ ריהרט זיך ווי א פאליע און עס רוקט זיך צו'ם פייער א שרעקליכע, בלוטיגע, צוהרגיטע מחנה, בעגאסען מיט פיעבערשוייס.

ד.

מען האט געקאנט פאראויס זעהען, וואס שפעטער וועט ארויס קומען: עס האט פער-פעהלט ארט ביים פייער! די, וואס זענען געוועזען אין דער ערשטער שורה, און זענען דארט געלעגען אדער געזעססען איינגעהויקערט, אנגעשפארט דען קאפף אויף די קניע, האבען זיך ניט בעוועגט און זענען געווען ווי פערזונקען אין ענטציקונג. הינטער זיי, אין דעם צווייטען עגול, האט מען אויך געהאט הנאה פון ווארימען פייער. אפילו ווייטער, די דריטטע שורה, האט זיך בעמיהט, לויט איהר מאגליכקייט, זי זאל געניעסען אביססעל פון דעם וואס איז זיי אזוי שווער און מיט אזוי פיעל אנשטרענגונג אנגעקומען.

אבער די איבריגע, די ווייטערע, די וואס הינטער זיי?

וועמען די כחות האבען ערלויבט שטעהן אויף די פיס, דער האט נור געקאנט זעהען דאס פייער פון דער ווייטענס און האט מקנא געווען די גליקליכע וואס זיצען נאהענט צו איהם. די ווייטע קען זיך אפילו א טראפען ווארימקייט ניט בעקומען.

און דארט, פון ווייטענס, רוקט זיך נאך א גאנצע מחנה פון א זאלכע צוהרגטע, וואס האבען זיך פארשפאטיגט און קריכען אם לעצטען. די מחנה קלינגט מיט די צאהן פאר קאלט, איז צוריססען, צוממית'ט, קרעכצט און אכצט און לאמענטירט און בעקלאגט זיך צום פייער מיט א באז-שרעקליכער מינע.

מיט דער שווערסטער אנשטרענגונג, מיט די לעצטע ביססעל כחות זענען זיי דאך קוים דערקראכען אהער. אנדערע האבען געמוזט זיך קויקלען און קריכען פון גאנץ וויט, פון עק קריגס-פלאטץ. די יסורים וואס זיי האבען איבערגעליטטען איז גאר ניט מיט ווארטער ארויסצורעדען — עס דאכט זיך זיי יעצט, אז דאס איז די גראסטע עולה אין דער וועלט, וואס זיי האבען קיין ארט ניט ביי דעם ווארימען פייער... חאטש אביססעלע ווארימקייט... חאטש איין מינוט...

הערענדיג ווי די ווייטע בעקלאגען זיך און מאכען פארווירפע, מאכען די, וואס זיצען גאהענט ביי'ם פייער, אויך א באזע מינע, א אימה'דיג אויסזעהען, און זענען מוכן ומזומן צו שיצען מיט די פויסטען זייער פלאץ.

וועמען געהט דא יעצט אן ירושלים און ביר המקדש, אדער ראם און טיטום און אפילו ווייב און קינד, אדער עפעס אנדערש אין דער וועלט? יעצט איז ביי זיי די וויכטיגסטע דאגה: ניט צושטארבען פאר קעלט, צו וועלכער זיי זיינען גאר ניט געוואהנט. פיעל זענען מוכן ומזומן צו אללעם, אבי ניט די אבשייליכע קעלט, דער שניידיגער ווינד!

זיי שטרעקען אויס צום פייער די ציטטערנדע הענד, גלייך זיי בעטען רחמים א טראפעלע ווארימקייט חאטשי אויף א סעקונדע, און דער ווילדער כעס, וואס זידט שוין און קאכט אין זייער הארצען האלט ביי'ם אויסברעכען א ליאדע מינוט...

די לעצטע שורות האבען זיך אנגעשפארט אויף די ערשטע שורות... עס איז געווארען א טרעוואגע, א נ'אונרוהיגקייט.. און באמת איז דאך גענוג איין איינציגער שטופ פון אללע זייטען אין דער מיטט צו, אז אללע וואס זיינען ביי'ם פייער זאללען ווערען אריינגעשטופט אין פלאם, און די וואס זיצען און דערקוויקען זיך אזוי מיט דער ווארימקייט, זאללען לעבענדיג פארברענט ווערען!...

אין אזא שרעקליכער סכנה איז אפילו ביי די אפגעלאזענסטע צוגעקוממען כח און כוחה. אויסער עטליכע וואס זענען געוועזען פארזונקען אין טיעפען שלאף, זענען אללע פון די ערשטע שורות אויפגעשפרונגען אויף די גלייכע פיסס און זיך געשטעלט בעריוט, צושיצען און וועהרען זיך, אדער, אים ערגסטען פאלל, צוענטלויפען. בעססער שטארבען אויף דער קאלט, איידער לאנגזאם צו ברענען אויפ'ן פייער.—

ה.

דאס דריקען און שטופען האט נערוויל ווייטער געדויערט — אכ.ת מאקי לאנגזאם, ניט האסטיג, פיעל די לייט זענען געווען אבגעשוואכט, דורך דעם פארליערען פיעל בלוט; דאך אללע מאל איז די לאגע ערגער געווארען... אללע מאל מעהר צוגעדריקט די מיטטעלסטע.

און דאס צוריקשטופען פון די מיטטעלסטע וואס זיינען ביי'ם פייער, הייבט אויך אן ווערען פעסטער, שטארקער און פערצווייפעלטער... און די, וואס געפינען זיך צווישען די צוויי מחנות, צווישען די שטופער און צוריקשטופער, די וואס ווערען יעצט געדריקט פון ביידע זייטען, צוואונדעטע מיט צוריבענע אדער אויסגעדרעהטע גלידער, געשטיקטע, געטרעטענע און צוריססענע, האבען געפיהלט און געוואוסט אז זיי זיינען פערלארען.—

מיט שוואכע קולות האבען זיי געשריען, זיך געבעטען תחנונים, מען זאל רחמנות האבען אויף זיי — ביז זיי זיינען צוטרעטען און פערשוואונדען געווארען אונטער די פיס.

יעדער האט דא געהאט אין זינען נור זיך אליין, נור אייגען־ליבשאפט איז דא געווען די איינציגע הערשערין; ניטא קיין רחמים, קיין מורא, קיין דרך־ארץ. איין אפיציער איין אלטערער איז נאר א יחיד וואס שטעהט אין וועג. קיינער איז ניט קיין גראססערער מיוחס פון מיר זעלבסט...

כעס, שנאה, משוגענע שרעק האט אללע בעהערשט.

דארט זענען געוועזען פיעל יודען. הגם די צאהל פון די ראמער איז געוועזען די מאל מעהר. די יודען, וואס פיהלען אז דאס לאנד איז זייערס, טראכטען, אז ווען ניט די פערפלוכטע ראמער, וואלטען אללע פארוואונדעטע יודען געפונען א נ'ארט ביי'ם פייער.

די ראמער טראכטען פערקעהרט, אז די יודען שטעהען זיי אין וועג.

באלד האבען איינע אויף די אנדערע אנגעהויבען קוקען מיט צארענדיגע אויגען. מאנכע האבען זיך שוין ארומגעקוקט, וואו נעמט מען עפיס א פאססיג כלי־זיין אין האנד. איינער האט גענומען דעם אנדערנס כח, און עס שיטט זיך בעליידיגונגען און קללות...

דאס פייער, וואס זעצט אין דער הויך, בעלייכט די טרויעריגע, שרעקליכע סצענע! אט די נפשות, מיט צושלאגענע קאפף, צוהאקטע פנימער, מיט צובראכענע אדער אבגעהאקענע ארעם, פעראייטערטע פערבלוטיגטע ברוסטען, מיט פערבלוטיגטע אדער טויט־בלאסע פנימער — אט די לייט וואס א מינוט פריהער האבען זיי זיך קוים געקאנט ריהרען, יעצט ווי זיי זיינען צורייצט און אויפגעהעצט פון שרעק, און אויפגעברענט פון נקמה, ווייזען זיי אויס, גלייך זיי וואלטען אויפגעשטאנען תחית המתים...

נאך א רגע און צווישען די מחנות וועט אויסברעכען א נייע מערדערישע שלאכט, שוין ניט צוליעב דעם פייער מיט דער ווארימקייט, נאר צוליעב פאטריאטיזמוס, — נאציאנאל און גלויבענס־האס.—

דא איז שוין קיין שום ספק: ענטוועדער די ראמער שטערען, אדער די יודען; מען דארף ענטוועדער די אדער די ארויסצוטרייבען. אזוי איז דער פסק־דין, אנדערש קאנן ניט זיין.

די וואונדען, וואס פריהער האט פארקלעמט דאס הארץ קוקענדיג אויף זיי, ריהרען זיי יעצט נישט מעהר; אדרבה, עס פרייט זיי גאר קוקענדיג אויף דעם. די וואונדען זענען דאך א בטוחות, אז מען וועט

געשווינדער קאָנען דעם שונא בייקומען. —

אין דער מינוט האָט אַ ראָמישער זעלנער זיך צוגעבויגען און געוואָלט דען קלאָטץ, וואָס האָט זיך איהם צוגעקויקעלט צו די פיס, אויפהייבען און אַרויפוואַרפען אויפ'ן פייער.

מען האָט פאַלש פֿאַרשטאַנען זיין בעוועגונג. די יודען האָבען געמיינט, אַז ער חאַפּט דען קלאָטץ צו שלאָגען. חאַפּט דאַגעגען אַ יוד אַ שטיקעל צובראָכען שווערד, וואָס וואַלגערט זיך בּיי דער האַנד, רייסט זיך אויף פון אָרט און גיט אַ זעץ מיט אַלע כּחות דעם ראָמער, שרייענדיג:

— טויט פֿאַר די ראָמער!

ו.

דאָס איז געווען דער אָנהייב! די לופט איז געוואָרען מיט אַ מאָל פול מיט אַ ווילד געשריי: — איינע זענען אָנגעפאַללען אויף די אַנדערע מיט אַכּעס, מיט אַ גיפטיגקייט, עס איז געווען אַ שרעקליכע, אַ האַלישע מלחמה. אין די האַנד האָבען זיי ניט געהאַט קיין געוועהר, נאָר עטליכע האָבען עפּיס אַ שפּיין פון אַ שפּיז, אַ שטיק פון אַ מעססער, אַ צובראָכענעם בויגען: דאָס מאַכט אָבער גאָר ניט אויס. ווי די טיגער האָט זיך איינער געוואָרפען אויף דעם צווייטען, אַריינגערוקט די נאָגעל אין האַלז און אַנגעשטרענגט אַללע כּחות צו דערשטיקען, צוקוועטשען און צורייסען דען שונא.

בּיי זייער אָבגעשוואַכטקייט און צוהיצטקייט איז באַלד אויף זיי אַללע בּעפאַללען אַ מין שגעון. מענטשען, וואָס זענען אָהן כּחות געלעגען אויף דער ערד, זענען פּלוצם ווי אונטערגעטראַגען געוואָרען, האָבען געריססען מיט די צאָהן, געוואָרגען מיט די האַנד, און געשטויסען מיט די פיס די אַנדערע משוגעים, וועלכע האָבען זיי צוריק געטרעטען, געקוועטשט און געהרגעט.

דער גרעסטער כּח הדמיון, די שטאַרקסטע פאַנטאַזיע איז ניט אים שטאַנד, פאָרצושטעללען אַזאַ שרעקליך בילד! דאָס איז געווען אַ שרעקליך געשלעגעריי, מיט אַ ווילדער רציחה, ווי בּיי משוגענע וועלף. דאָס טרויעריגע פייער, וואָס האָט געהאַלטען בּיי'ם אויסלעשען, האָט די ווילדקייט בעלייכט. מען האָט זיך געשלאָגען מיט די האַנד און מיט די פיס, און ניט אָבגערוהט זיך אפילו דען אָטהעם צו חאַפּען. מאַנכמאָל האָט זיך עמיץ געגעבען אַ ריסס אויף, מיט האַסט, גלייך ער האָט ברעה אומוואַרפען אַ ריז, און פּלוצים האָט ער זיך שטום, אהן אַ וואָרט, אויסגעצויגען אַ טויטער אויף דער ערד, בּיי די פיסס פון דעם, וועלכען ער האָט ערשט געוואָלט אומבּרענגען...

אַנדערע, וואָס האָבען זיך צוגעקלעבט און געשטיקט איינער דען צווייטען ווי די ווילדע חיות, האָט מען אין דער דריקונג אַריינגעשטויסען אין פייער. דאַמאָלס האָבען זיי זיך ערשט אין די גרעסטע וועהטאָגען איינער פון אַנדערען אָבגעריססען...

די ראָמישע וואַכטער האָבען געזעהן פון ווייטענס די שרעקליכע סצענע און זענען צוגעגאַנגען נאָהנטער. אָבער פערציטטערטע און איבערראַשטע האָבען זיי ניט געוואַגט, זיך אַריינצומישען צווישען די שונאים. איינער האָט קוים אויסגערעדט מיט שווידער:

— אָה מלחמה! וואָס מלחמה מאַכט פון אַ מענשען! —

און דאָס געשלעג איז וואָס אַ מאָל געוואָרען מעהר פאַרמישט. ווער וועט מנצח זיין — איז שווער צו זאָגען פאָראויס; דאָך האָט אויסגעזעהען, אַז די אויסגעדאַרטע יודען נעהמען די אויבערהאַנד. מאַנכע פון זיי האָבען מיט גרויסע שטיינער צוזעצט די קאָפּ פון די, וואָס זיינען זיי געקומען אונטער די האַנד. אַנדערע האָבען געשטיקט און געוואָרגען און געוואָרפען הרוגים ווי אָבגעשניטטענע זאַנגען.

שכּור פון שגעון האָבען זיך איינע אויף די אַנדערע געוואָרפען און געבראָכען און געריססען אָהן אונטערשייד, פריינד אָדער פיינד. אין דער לופט האָט זיך געטראָגען אַ געשטאַנק פון געבּרענטע מענשליכע קערפּער.

עס האָט אָבער ניט לאַנג געדויערט און די קריגער זענען שיטערער געוואָרען. כמעט אַללע ליגען שוין אויף דער ערד טויטע אָדער זיי גוססען און לאָזען אַרויס דען לעצטען אָטהעם אין די גרעסטע וועהטאָגען, און וואַלגערן זיך אין קאָנוואולסיע. עטליכע איז געראָטהען צו ענטלויפען; עטליכע קופּקעליך שלאָגען זיך נאָך ווילד און ריטשען און שרייען אונמענשליך.

עס זענען נאָך געבליבען אַ צוואַנציג, וואָס רייסען זיך נאָך, אָבער באַלד זיינען זיי אויך צו פאַללען! אין דער לופט האָט זיך שוין דאָס לעצטע געשריי „טויט פאַר די ראָמער!" דער לעצטער חליפ, דאָס לעצטע חאָרחלען...

און עס איז ווידער גאַנץ פינסטער. דאָס פייער וואָס דורך איהם האָט אויסגעבראָכען דאָס בלוטיגע געשלעגעריי, איז פערלאָשען, און די עטליכע געבליבענע זיינען ווידער פאַרשוואונדען געוואָרען אין דער פינסטערניש, פון וועלכער זיי האָבען זיך ערשט נישט לאַנג אַרויסגערוקט אויף אַ קליינע ווייל'ע. ——

(פריי אויס דעם פראַנצאָזישען)

י. ח. גאָנגאַרזאָווסקי.

די טרייסט

א שבת־נחמו בלעטעל

די טרייסט.

טרייסט מיין פאלק, עס דארף די טרייסט!
שטארקט דאס הארץ, מאכט פעסט דעם גייסט,
זייט נישט דער ווינד, וואס לעשט די פלאם,
נור בלאזט זי אויף, ווייל נאכט איז סם!
נור בוימעל גיעסט אונ פוצט די קנויט,
ווייל נאכט איז גיפט אונ שלאף איז טויט —
טרייסט מיין פאלק, עס דארף די טרייסט!

מאכט פעסט דאס הארץ אונ שטארקט דעם גייסט —...
עס האט געלייכט שוין נישט איין נאכט,
עס האט געזיגט שוין נישט איין שלאכט,
אונ נישט געלאזט די פאהן פון האנד —
ס'שטעהט — איין אייזען פעסטע וואנד
אין וויסטען ווילד־פערקאכטען ים!
אה! שטארקט דאס פאלק! בלאזט אויף די פלאם!

אה! שטארקט דאס פאלק! נישט אבגעשלאפט
זאלל שפריצען העלל די לעבענסקראפט —
אלס פייערדיגע זייל ביי נאכט!

אט זינקט די נאכט, דער טאג ערוואכט
אונ שיקט די שטראהל — די גאלד'נע פייל
דער אלטער פייערדיגער זייל
אלס גרוס דעם אלטען פעסטען גייסט...
אה! טרייסט מיין פאלק — ס'איז ווערט די טרייסט!

י. ל. פרץ.

די נוואָהל.

בײנאַכט אין וואַלד.

איך בין געלעגען אויף דער ערד און האָב געבעטען און געוויינט; און אַרום מיר איז געוועזען פֿינסטער.

— „דו רופֿסט מיך?" האָרט זיך אַ קול אין שרעקליכען שטורם.

— „איך רופֿ אין מיין אונגליק!" ענטפֿער איך מיט ביטטערע טרערען.

און פֿאַר מיר איז געשטאַנען דער ליכטיגער מלאך גבריאל מיט רחמנות אין די הימלישע אויגען.

— דו ווילסט וויסען, וואָס אויסצוקלויבען אין לעבען?

איך דאַרף נישט ענטפֿערן; ער ווייסט מיינע געדאַנקען.

ער ריהרט אָן מיט אַ שפּיצגאָלדענען פֿליגעל מיינע אויגען און איך דערזעה —

אַ שלאַנקע פֿרוי אין חוה'ס טראַכט איז געשטאַנען פֿאַר מיר. זי בעוועגט זיך שטיל, נור ביי יעדער בעוועגונג ציטטערט איהר וויס־ויידען לייב. איהרע אויגען זענען צוויי בלויע בלומליך געוועזען, וואָס האָבען דורכגענוממען די נשמה. זי אָפּפֿענט איהרע ליפּפּען און מיר דאַכט זיך, אַז ערגיץ, פֿאַרנאַכט, אין שאָטטען בליצט פֿאָספֿאָריש אַ ים... די זונן האָט זי בעגאָססען מיט אַ פּורפּור ליכט. — איך שפּרינג אויף, פֿערמאַך די אויגען און פֿאַל איהר אין די אָרעם אַריין.

. . . .

אַז איך האָב צוריק די אויגען געעפֿענט איז זי שוין אַלט געוועזען... זי האָט שוין קוים אַ פֿונק פֿון לעבען געהאַט, די האָר זענען וויסליך און שיטטער... די זונן איז פֿערשווינדען... אַרום איז נאַכט...

איך קוק מיך אום, איך וויל זי נאָך אַמאָל זעהען, נור זי איז שוין פֿערשוואונדען געוואָרען.

דאָס איז שאָנהייט! מאַכט דער מלאך גבריאל.

דערנאָך האָט ער נאָך אַ אַמאָל אָנגעריהרט מיינע אויגען און איך האָב דערזעהן:

אויף אַ טעראַססע ביי'ן אַ שלאָסס זענען געשטאַנען אַ מאַן מיט אַ פֿרוי; ביידע יונג, ביידע פֿולל מיט ליעבע. אַ שטראַהל פֿון דער זונן האָט ביידע געקושט, און איז דערנאָך אַראָבגעפֿאַללען טיעף אין אָבגרונד, איבער וועלכען דער שלאָסס איז געשטאַנען. „זעהסט די בלום, וואָס דו האָסט מיר געגעבען — האָט ער איהר געזאָגט — זי איז אויך פֿערליעבט אין דיר; גיב מיר דיין האַנד, וועל איך זי צודריקקען צום

די קראַנקע נערווען.

עס טהוט זיך מעשים! עס זעצט און קנאַנקט; עס קנײַכט, עס שוימט, עס זידט און פֿלאַקקערט!

וואָס איז געשעהען אַזוינס! רבונו של עולם! ווער האָט אויפֿגעוועקט אונזער טויטען ים? ווער האָט אַרויסגעלאָזט דען ווילדען שטורם? וואָס לויפֿען די לייט אַזוי אַרום ווי משוגע?

עס איז, דאַכט זיך, קיין וויכטיג נייעס נישט געשעהען! סאַמע דראָבנע פֿאַקטען!

ווערען וואָס? איינער „אחיאָסף" האָט זיך נאָך איינער ערלויבט צו שרייבען און צו דרוקקען העברעיש! אמת, ער דרוקט זיי אונטער דער נאָז — בק"ק וואַרשוי; נו, דעריבער? דאַרף דעריבער די וועלט נישט שלאָפֿען?

אַ ניי געבאַקקענער ד"ר דע פֿילאָזאָפֿיע האָט די „רויז" אין „לכבוד פסח" נישט פֿערשטאַנען...

נו, על כן? דאַרף דערמיט וואַרשוי קלינגען?

„פּלוני", אַ געוויססער „פּלוני", האָט אַריינגעשלעפּט דען ירושלים־בער — יעבצ'ן צום „הויז־פֿריינד" אין באָד אַריין, און האָט איהם, כמעט אָהנם באָדער'ס וויססען, אַריינגעוואָרפֿען עטליכע באָזימלעך — הכלל? איז אַלאַך אין הימעל?

דאַרף דעריבער רודערן, ברענגען, שטורמען, קנאַקקען?

אַח, ווי דענערווירט עס זענען אונזערע לייט!

דריי־פֿיערטעל נייע געשיכטע שרייבען אונז די קראַנקע נערווען!

הארץ". ער טהוט עס, און ווארפענדיג איין אויג אויפן אבגרונד, זאגט ער ווייטער: ווארף אראב דיין פאכער, וועלל איך אראבשפרינגען און ברענגען איהן דיר". ער האט זיך איבערגעבויגען, גרייט ארייצושפרינגען.

איך האב צוגעמאכט די אויגען און אויפגעפענט זיי צוריק, און האב נאך אמאל געזעהען: זיי שטעהען ווייטער אויף דער טעראססע ביי'ם שלאסס, נור זיי זענען אלטער געוועזען; אין די מיטטעל יאהרען. זיי האבען נישט גערעדט, געשוויגען, און דער הימעל איז געוועזען גראה און זייערע אויגען זענען פולל געוועזען מיט גלייכגילטיגקייט, אפילו מיט האסס. זיי געהען ארויף אויף די טרעפ. זי האט ארויסגעלאזט דען פאכער פון די האנד און ער איז אראבגעפאללען איין טרעפ נידריגער.

— הייב איהן אויף, איך בעט דיך, מאכט זי צו איהם.

נור ער האט נישט געענטפערט און גערופען די דיענסט, זי זאלל דערלאנגען דער מאדאם דען פאכער.

— דאס איז ליעבע! זאגט דער מלאך גבריאל.

. . . .

צונד האט ער מיר די אמת געוויזען. אין מארק איז געשטאנגען איין עשאפאט און ארום האט איין ערב־רב פון מענשען געראושט ווי א ים און ארויסגעשטעקט די צאהן פאר פרייד. און איך האב געזעהען א געבונדענען מיט שטריק, א פערבראכער מיט א שטאלץ־שאן פנים און אויגען ווי שטערן, נור בארפיס איז ער געוועזען, און געקליידט אין צוריססען אלטווארג.

איך האב געהערט; עס קומט צו מיר צו א קול; איך הייב די אויגען אויף, דאס האט ער גערעדט, ער רעדט האסטיג. דער המון־עם הייסט שווייגען — ער רעדט! דאס ערב־רב ברומט, זיין שטיממע הערשט דאך איבער'ן בריללען; מען ווארפט זיך אויף איהן, פערמאכט איהם דאס מויל, נור די אויגען פון פערבראכער האבען נאך געקוקט צו דער זונן, און די האנד האבען זיך געריססען און געראנגעלט. דעמאלט איז דער עולם נאך אמאל צוגעשפרונגען! ער האט געקריגען א זעטץ, און דער קאפף איז צוגעפאללען צום עשאפאט. עס בליצט די האק אין דער לופט, עס הערט זיך א קלונג— פון טויזענד הארצער רייסט זיך ארויס א געשריי, דער קאפף איז אראב געפאללען אויף דער ערד, און זיי האבען איהן אויפגעהויבען ביי די האר. און דער קאפף האט אלס גערעדט, און הויך דען אמת געזאגט, און אז מען האט איהר די צונג ארויסגעריססען, האבען נאך די אויגען געפונקעלט, ווי צוויי ברענענדיגע קוילען געלייכט...

קראפט־עבינג — א בעריהמטער וויענער פראפעססאר — איז דער מיינונג, אז דער גאנצער אנטיסעמיטיזם, וועלכען מיר האבען אזוי פיעל „גוטס" צו פערדאנקען, וואס האט אונז געגעבען: ארגענטינא, פאלעסטינא, פאטריאטען, גאציאנאליסטען און... „אחיאסף" — וואס האט אונז אזוי נכאס ומאוס געמאכט גאנץ איראפא מיט איהר ציוויליזאציע, וואס האט אויפגעוועקט אין אונז אזא הייסע ליעבע צו אראבער און טירקען און אפילו צו די ארגענטינישע קצבים — אז דער גאנצער אנטיסעמיטיזמוס איז נישט מעהר נור א נערוועןקראנקהייט וואס גרעניצט, פראוודע, מיט שגעון.

מיר יודען, חאטש מיר זענען איין „עם סגולה", איין אויסדערוועהלט פאלק פון אללע אומות, מיר ליידען פון דיעסטוועגען אויך אויף די אייגענע קראנק, וואס הערשען אין איירעפע. עס האט אונז נאך קיין איין מגפה פריי נישט דורכגעלאסט און דאס גראסיערענדע נערווען־פיעבער אודאי נישט...

מיר זאללען נישט זיין אזוי נערוואז, וואלטען מיר פאר שראק די קאפף נישט פערלוירען און נישט געלאזט שארלאטאנען זאללען אונז מיט איין האנד פיהרען ביי דער נאז און מיט צווייטער גראבלען אין קעשענע... מיר זאללען נישט זיין אזוי נערוואז, וואלטען מיר נישט געזוכט שוץ און הילף ביים קאנסערוואטיזם, ביי אונזער אייביגען בלוט־פיינד, וואס שטארקט זיך אויף אונזער פאהיבעל... ווען מיר זאללען נישט זיין נערוואז, וואלטען מיר נישט געלאזט גנבים זאללען אונז ראטיווען בשעת שרפה, און נישט געוואלט ארויסשפרינגען פון דאכשטיבער דורכן פענסטער...

דאָס איז געוועזען — אמת.

איך בין ווייטער געפאַללען אויף דער ערד און האָב געקלערט, און די מחשבות האָבען מלחמה געהאַלטען איינע מיט דער צווייטער. צוויי מאָל האָט מיך דער מלאך געפראָגט, וואָס איך קלויב מיר אויס. ער פרעגט צום דריטטען מאָל און דעמאָלט האָב איך אויפגעהויבען דען קאָפף און געזאָגט:

דען אמת!

גנוט הלאסון.

„קאַפּיקע".

(אויס דעם רוססישען).

„קאָפּיקע" איז אַ דאַמסקע שניידער. ער איז שוין איבער אַ פיערציגער; ער איז אַ הויכער, אַ מאָגערער מיט אַ שיטטער ציגען-באָרדעל, מיט אַ רויטע, מיט שוואַרצע פינטעלעך בעוואָקסענע, נאָז. ער האָט אַ גרויסען, לאָנגליכדיגען קאָפּף, ברייטע אַרויסשטאַרענדע באַקקענביינער, אַ רונדען שטערן און גרויסע, גראָהע, גוטע אויגען. ער רעדט אַ ביססעל אונטער דער נאָז. געקליידט איז קאָפּיקע שטענדיג אָרעם: די שטיוועל זעננען אויסגעטרעטטענע, דער זיאַקעט און די הויזען האָבען אַ לאַטע אויף אַ לאַטע, דאָס היטעל איז צוקנוידערט און צוריססען. קאָפּיקע האָט אַ ווייב מיט אַ שטיף-זוהן פון 17 יאָהר. נישט קוקענדיג אויף זיינע יאָהרען איז דאָך נאָך קאָפּיקע אַליין נישט קיין מייסטער פאַר זיך, און וועט שוין, דאַכט זיך, שטאַרבען אַ פּועל ביי יענעם. אַ מאָל צוואַנציג שוין אַוודאי האָט קאָפּיקע געמאַכט אַ כוס'ע אויף קוראַזש און איז געגאַנגען אין צעך אַריין, אַרויס צו נעמען אַ דיפּלאָם אויף אַ מייסטער; אָבער געוואָהנליך פלעגט דערפון גאָר נישט ווערען. — ער פלעגט שטעהן, שטעהן ביי דער טהיר, נעמען זיך עטליכע מאָל ביי דער קלאַמקע, נור ביין קלאָנסטען גערויש פון אינגערוועגדיג — מאַכען פליטה.

קאָפּיקע געהט אפילו גאַנץ אָרנטליך, גיך און פיין; פון דעסטוועגען פערדיענט ער וועניג, ווייל די בעלי בתים פון די ווערק-שטיבער לאָזען איהן נישט געהן צו זיך אַרבייטען, ערשטענס — ווייל ער איז אַ גוטער שניידער און אַ מענש אין די יאָהרען, האַלט ער זיך אַלליין פאַר אַ מייסטער און לאָזט זיך נישט אַרום פיהרען ביי דער נאָז; צווייטענס — קאָנן מען וואו ער איז דאָ נישט צושניידען אויף יתור. ער קריגט זיך, ליאַרמט און העבט אויף אַ מאָל אַ האַנד

זוען מיר זאָללען נישט זיין נערוואָז, וואָלט דער מאָרגענדיגער טאָג אויף אונס געוויזען: אָט דאָס זעננען די, וואָס האָבען בייגאַכט די לאָמפּ נישט אַרויסגעלאָזט פון האַנד! נור מיר זעננען אָבער נערוואָזער אַלס אונזערע פעטטערן-קינדער, מיר אַליין העלפען צו דער פינסטערניש, זי זאָלל אונז איינשלינגען; מיר אַליין דרעהען זיך אַ שטריק אַרום האַלז, מיר אַליין זאָגען זיך אָב אפילו פון די רעכטע, וואָס קיינער וויל ביי אונז נישט נעמען!

מיר זעננען אַזוי נערוואָז, אַז עס איז אַ חרפה און אַ שאַנד פאַר לייט, איין אונגליק פאַר אונז און איין אויסגעצייכענט געשאָפט פאַר די, וואָס זעננען שטאָנדיג גרייט אונטער צו צינדען אַ הויז, אַבי זיך אָנצו-וואַרימען, פאַר די — וואָס יעדעס פאָלקס-אומגליק איז פאַר זיי אַ טייבעל, פיש צו חאַפּען; פאַר די, וואָס דרייען אויס זייער ווינד-מיהלעכיל געגען יעדען ווינד אויף דער וועלט, מאָג ער ברענגען די פעסט, נור גרויפען זאָלל ער מאָהלען...

און ווי נערוואָז די לייט אַליין זעננען! ווי זיי ציטטערן, עס זאָלל זיי עמיץ נישט אַראָבריסען די מאַסקע פון פנים! עס זאָלל נישט עמיץ אָנצינדען אַ ליכט, מען זאָלל זעהען וואו זייערע האַנד שטעקקען!

נור איך בין פערקראָכען אין אַ זייט, נישט פון זיי וויל איך רעדען... איך האָב אָנגעהויבען צורעדען פון „אחיאסף", פון אַ דאָקטאָר דע פילאָזאָפיע, וואָס פערשטעהט נישט די רויז און פון פראָצעס „פלוני קאָנטרא יעבץ"

[illegible]יך. דריטטענס — האט ער נאך א ד[illegible] — ער האט ליעב דען טרונק!

„קאפיקע" רופט מען איהן דער[illegible]בער ווייל ער פלעגט אללע מאל זאגען: „ע, וואלט איך געהאט א ק א פ י ק ע, וואללט איך שוין, זינדיגער מענש, געמאכט א כוס'ע!"

און א קאפיקע האט ביי איהם געהייסען געלד בכלל. — האט ער אבער „געמאכט א לחיים", איז שוין נישט געוועזען פון איהן אויס צוהאלטען. ער פלעגט זיך ציעפען, קריכען אין די אויגען אריין און פארווארפען דעם מייסטער חטאים און חסרונות.

דעריבער לאזט קיין מייסטער, וואס היט זיין כבוד, קאפיקען נישט איבער דער שוועלל. די געמיינערע בעלי-מלאכות ווילל[ען] איבער אויסהאלטען זיין שגעון, נור פאר דאס, דריקען זיי פון איהם די נשמה ארויס. זיי צאהלען איהם די האלפט און ער מוז ארבייטען ווי איין עזעל. קאפיקע בייזערט זיך, זידעלט, שרייט, נור בעססער קאן ער זיך דאך נישט מאכען. אין דער היים הונגערט א ווייב מיט א שטיף-זוהן — א קאלעקא אהן פיס און מען מוז זיי דאך, ווי עס איז, פערשטופען די מיילער. נור הונגער איז ביי ווי סיי איין אפטער גאסט ביי איהם אין שטוב, ווארען נאך דען גאנצען [illegible]וויים און אויפזיין גאנצע נאכט ביי דער [illegible]ביים האט ער אלס מעהר נישט פעדיענט [illegible] דריי רובעל א וואך און דערפון דארף [illegible] צאהלען א האלבען רובעל א וואך דירה-געלד, מען דארף הייצען, עססען, א שוך און א קלייד... מעהרסטענטהיילס האט צו די דריי רובעל א וואך נאך עפיס געפעהלט.

און דעריבער פלעגט ער יעדען פרייטאג פאר נאכט ארום לויפען פון איין בעל מלאכה צום צווייטען, מען זאלל איהן צו-נעהמען אויף דער וואך צו דער ארבייט; די נשמה ווילל ער אוועק געבען מען זאלל איהן נור געבען עפיס א קאנטא אויף שבת. גאנץ אפט פלעגט דאך קאפיקע אהיים קוממען מיט גאר נישט און מען האט שבת אויך געהונגערט.

ביי דעם אללעם איז קאפיקע נישט אראב געפאללען ביי זיך און האט קיין מרה-שחורה נישט געליטטען. א גאנצען שבת האט ער זיך געזונגען זמירות, פראהליך געמאכט דאס ווייב מיט'ן שטיף-זוהן מיט מעשיות און וויצען, און שבת-צונאכט ווייטער לויפען זוכען ארבייט, אדער — אוועקגעהן אין חברה-נושאים-שטיבעל, געוואהר ווערען צו מאכט זיך נישט עפיס א טרונק בראנפען.

קאפיקע איז נייסט קיין חברה מאן. ער איז אפילו נישט קיין „מלאדו"; ער איז נור א „ליעבהאבער", ער חאפט מיט אללע צוזאממען א כוס'ע און העלפט צו ביי

וואס פאר א משוגע נערוועןעס שטעקט אין דעם אללעם!

ווען נישט די משוגענע נערוועןהאלטען זיך די בני אחיאסף נישט אזוי געשראקקען פאר'ן החץ, נישט אזוי אגיטירט געגען די יום-טוב-בלאטליך, נישט אזוי אבגערעדט די מוכרי ספרים, זיי זאללען נישט האנדלען מיט דעם „סם" — (אויף מיין?)

ווארען איך קאן מיר גאר נישט איינרעדען, מען זאלל קענגען מיט איין החץ און 5—6 יום-טוב-בלאטליך זיי אזוי פיעל שאדען מאכען! אונזער בעל-הבית'ל האט א דיקקע-גלאטטע הויט; נישט אזוי געשווינד טרעפט איהן א „פייל", אויך האט מען איהן צו פיעל און צו לאנג צוגעוואהנט צו שפיעל-מאגעל און קאנדעל-צוקקער עס זאללען איהם אזוי לייכט שמעקקען די ביטטערע יום-טוב-בלאטליך.

איך האף נור, אז מיט דער צייט וועט דער עולם קריגען א בעססערן געשמאקק, אז מיט דער צייט וועט אונזער „ישראליק" אפפענען די אויגען און דערקקענן, ווער זיינע שונאים און ווער זיינע פריינד זענגען... צו הייללען זיין גוטס די, וואס גיבען איהם וואס ער ווילל, אדער די, וואס גיבען איהם, וואס ער ד א ר ף צו הייללען; צו מיינען זיין טובה די, וואס זאגען איהם דען אמת, אדער די וואס פער-שכורן איהם מיט זיעסען שקר, מיט פאלשע האפ-נונגען און דער עיקר מיט פאלשע חשבונות...

נור ביז דער צייט קאננען נאך די בני אחיאסף רייך ווערען, און אז עס וועט קוממען די צייט — איבערדרעהען דאס ווינד-מיהלכיל און מאהלען

מתים. אייגענטליך קוממט איהם שוין לאַנג צו זיין אַ „מלאָדז", ערשטענס — איז ער קיין בעל־פּחדן נישט, ער קאָנן שלאָפען אין איין בעטט מיט אַ מת, איבערנאַכטיגען איינער אַלליין אויפ'ן בית עולם, אַפּילו אין איין אָפּפען קבר . . . און צום טרונק איז ער אויך אַ בריאָה נפלאָה: אַנדערע חאַפּען איין איבעריגע כוס'ע און פערגעססען וואָס זיי דאַרפען טהון; ער טרינקט און טרינקט — די נאָז ווערט איהם נור אַ ביססעל רויט — נור קאָפּ האַלט ער און טהוט זיין זאַך בשלמות. אַללע וויסען עס, קאָננען זיינע מעלות, כען האָט איהם אפילו שוין לאַנג צוגעזאָגט אַינצו־שרייבען אַלס „מלאָדז" נור עפּיס מאַכט זיך נישט; און ער איז אַלס איין עוויגער „קאַנדידאַט", קוממט אָפּט אין שוהלעכעל אַריין דורכנעצען זיך דען האַלז און ברענגט נאָך אַמאָל עטליכע גראָשען אַהיים.

קאָפּיקע וואָהנט כמעט גאָר אונטער דער שטאָדט אין אַ זעמליאַנקע ביים ברעג טייך. פערדיענט ער אַ פּאָר גולדען — לויפט ער באַלד אַהיים צום ווייב — צו דער פרוממער, שטיללער יודענע, וואָס איז שטענדיג צופריעדען מיט וואָס עס איז — וואָס איז מיט אַללעם יוצא, און צום שטיף־זוהן — אויך אַ וואָהלער יונג, נור נעבעך אַ הינקענדיגער, 17 יאָהריגער בחור. — ער ליעבט זיי ווי זיין גאַנץ לעבען און זיין גאַנץ לעבען און זיין גאַנץ פערדיענסט גיט ער זיי באַלד אַוועק. פאַר זיין געלד קויפט ער זיך אַפּילו קיין טרונק בראָנפען נישט; ער טרינקט — אַז עס מאַכט זיך אַ פונדע, איין אומזיסטער „קנאַק".

אַהיים לויפענדיג מיט עפּיס געלד— לייכט זיין פנים פאַר שמחה, די אויגען ווערען איהם גראָססער; ווען ער טרעפט אויפ'ן וועג זאָגט ער אָן די בשורה טובה אַז ער „טראָגט שוין אַהיים די קאָפּיקע".

עס איז דאָ אין יאָהר אַ צייט ווען קאָפּיקע טראָגט אַהיים אַ גאַנצען 25־גער! דאָס איז נאָך ימים נוראים, ווייל קאָפּיקע זינגט גוט און קאָנן אפילו לעזען נאָטען! ער האָט אַ גוטען באַסס, אַ שטאַרקען, מיט ווייכע און טיעפע טאָנער. איין אַנדערער וואָלט אָפשר עפּיס געמאַכט מיט'ן קול, ער וואָלט אָפשר נאָך איין אייראָפּעאישע בעריהמטהייט געוואָרען, נור קאָפּיקע האָט דערצו נישט געטויגט.

איין מאָל אין זיין גאַנץ לעבען האָט ער געזונגען אויסער דער שוהל.

דאָס איז געשעהען שוין אַ יאָהר 20 צוריק. ער האָט זיך דעמעלט צוקריגט מיט אַ בעל־הבית, צ'וועקגעוואָרפען די מלאכה און איז גאָר אָנגעקוממען אין אַ קאָהר מיט אַרפּיאַנקעס. כען האָט איהם געראָטהען ער זאָלל אַריין אין אַ טעאַטר, נור ער האָט מורא

אפילו סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.—

ליידער זעננען זיי נערוואָז, קאָנקורירען נערוואָז און האָבען אויף דער וועלט נערוואָזע נאָכשטופּער.

אין אַ געוויססער שטאַדט, למשל, האָבען זיך צוזאַמכען גענומען אַ הונדערט אחיאסף־שטופּער, אַ הונדערט יונגע פערברענטע פּאַלעסטינצעס, וואָס אויף יעדען פון זיי, ווייזט אויס, קאָנן משיח קוממען צו רייטען, און האָבען געלעגט אין חרם אַריין „די אָפּפען" מיט „ר' שלמה" צוזאַממען . . .

איז דאָס נישט נערוואָזיטאַט, וואָס גרענצט, אויב נישט מיט שגעון, על כל פנים מיט אינקוויזיציע?

שלום־עליכם, איינער פון די בעסטע וואָרגאַזיסטען

האָט אַ כאָל נישט געוואוסט וואָס מען מיינט: „פּאָקשיווע". איין אַנדערער אויף זיין אָרט, רופט אַריין דען ערשטען בעסטען פּאָלנישען יוד און פראָגט, וואָס דאָס וואָרט בעטייט. ער איז אָבער נערוואָז, שטעלט ער זיך אַניִדער ווי איין אָקס מיט גרויסע האָרנער אין זיין אַמעראַקאַניִשען רעקלאַמאַציאָנס „קול־כבשר", און בלעקט אַרויס: מאי פּאָקשיווע? כדי ער זאָל „פּאָסט־פּאַקטום" געוואָהר ווערען, אַז פּאָקשיווע איז דאָס אייגענע וואָס „קראָפּיווע", דאָס הייסט אַ מין געוויקס, וואָס פּאַסט אַזוי אין אַ גאָרטען אַריין ווי זיין „קול מבשר" אין איין אָרנטליכע ליטעראַטור.

דאָס אייגענע האָט זיך צונד געטראָפפען אַ דאָקטאָר דע פילאָזאָפיע. ער האָט נישט פערשטאַנגען די „רויז". מאי כולי האי? צו טרעפט איינמאָל,

געהאט אפילו אריין צוגעהן צום דירעקטאר אונ האט זיך בעססער צוריק איבערגעבעטען מיט'ן בעל הבית. איצט זינגט ער נור ימים נוראים אין שוהל אונ שרייט איבער דעם חזן מיט אללע זיינע משוררים.

זיין „צוברוממען" אונ „אונטערהעלפען" געפאללט גרייליך די גרויסע בעלי־בתים פון שוהל אונ ער קריגט יעדעס יאהר 35 רובעל דערפאר, אונ דערפון האט ער האלץ אויף ווינטער אונ א בגד אויפ'ן לייב...

ברענגט ער עפיס אהיים, געהט ער גלייך צו צום ווייב, שטעלט זיך פאר איהר „פאר קאזיראק", בלאזט זיך אן אונ גיט איהר אגעשריי אין אויער אריין: „עס איז דא די קאפיקע!" מיט'ן שטיף־זוהן וויעדער פעברענגט ער שוין די צייט אין וויכטיגערע געשפרעכען. דאס ווייב איז עפיס א פער־שלאגענע, א שטיללע אונ א „פערציק'ענ־דיגע" יודענע אונ קימערט זיך וועניג וועגען איהם מיט זיינע מעשיות אונ גלייבע ווארטליך; אבער יאסקע איז א „לעבעדיג ברעקעל". ער האט מיט גרויס חשק אונ דעריבער דערצאהלט איהם קאפיקע אללעס, וואס ער האט אויף דער לונג, אללע זיינע געשאפטען, פערדיענסטען אונ אללע נייעסען פון שטאדטעל.

זיי שלאפען אפילו ביינאנד: זוממער אויף דער פאדלאגע אונ ווינטער אויפ'ן אויבען אונ דעקען זיך ביידע צו מיט די זעלבע שמאטעס אונ רעדען טהיילמאל גאנצע נאכט פון פערשיעדענע זאכען.

די צייט געהט זיך דערווייל איהר וועג, א יאהר נאך א יאהר; אלץ ווערט אלטער, אויך אונזער קאפיקע איז געווארען אלט אונ אבגעלאזט. קיין ארבייט האט ער שוין כמעט גאר נישט, ער איז שוין גאר „צו־ריקגעבליבען". עס זענען אנגעשוואוממען נייע יונגע בעלי־מלאכה'ס אונ ער קריגט קוים זעלטען א מאל א פיצעל ארבייט. פאר קיין „מלאדז" האט מען איהן נאך אויך נישט איינגעשריבען אונ עס ווייזט אויס, אז מען וועט איהן שוין נישט איינשרייבען. ער איז זיך אלליין שולדיג, ער האט א סקאנ־דאל געמאכט! עס איז געשטארבען א גרויסער גביר — א גבאי, אונ ביי דער טהרה האט איהם קאפיקע אנגעריהרט מיט'ן פינגער אין גראבען בויך אונ געזאגט: „נו סמאר־קאטש, האסט זיך גענוג אנגעטרונקען מיט פרעמד בלוט? הא?!..." מעהר האט מען נישט געדארפט!...

די ימים נוראים זענען איהם אויך גאנץ ביטטער צוגעגאנגען. דער בראנפען אונ די נאססע דירה זיינע האבען איהם איבער־געפיהרט די שטיממע אונ דער חזן האט איהם אבגעזאגט. —

עס איז פארבייגעגאנגען סוכות, עס

אז א דאקטאר דע פילאזאפיע פערשטעהט נישט וואס ער לעזט, אונ זעצט אפילו איבער וואס ער פערשטעהט נישט? עס איז מעשים בכל יום! אונ דוקא נישט דעריבער, ווייל די זאכען זענען צו טיעף, נור ווייל א דאקטאר דע פילאזאפיע איז טהייל מאל אזוי גלאך, אזוי פליטקע, אז עפיס טיעפערס קאנן זיין מוח נישט האפען...

איז אבער דער דאקטאר דע פילאזאפיע אזוי נערוואז, אז ער מוז אויפשרייבען „לאקשען", אונ עס טרעפען זיך נאך אזוינע נערווען־קראנקע וואס בעצאהלען דערפאר!...

נור דאס אללעס איז קיין „מן המעשר" נישט פון די צולאזטע משוגענע נערווען, וואס האנען זיך בעוויזען אין פראצעסס: „פלוני קאנטרא יעבין".

וועגען יעבצ'ן אונ זיין „ליטערטור" וועלען מיר רעדען אויף איין אנדער ארט, מיר ווילען נור צונד אנווייזען ווי דענגערוויערט זיינע בעשיצער זענען.

איך וועל אייך נור אין קורצען זאגען אין וואס עס געהט. פלוני ווארפט פאר יעבצ'ן: 1) אז ער האט געשריבען א פאלשע היסטאריע, פון וועלכער אללע אומות העולם קוממען ארויס איינגעריסט ווי די קוימענקעהרער אונ איין כנסת־ישראל — ווייס ווי א מעהל־העגדלער. 2) אז אין זיין יודישער היסטאריע האט ער איבערגעהיפערט אללע באמת וויכטיגע פאקטען אונ היסטארישע מענשען, אויף וועלכע ער האט אדער א שפיי געטהון אדער א קורצען „חרם" געווארפען... אונ האט דאגעגען אויפגעבלאזען די

איז אָנגעקומען דער נאָכטער, קאַלטער הערבסט. זיינע שטיוועל האָבען געראַלטען אָפּגעגעבען די מיילער און געזופּט אין זיך אַריין די בלאָטע און אַרויסגעלאָזט זי מיט אַללערליי משונה'דיגע קולות... זיין ראָק איז אויך שוין גאָר צוטראָגען! אָרטערווייס קוקט אַרויס דאָס שמוציגע העמד און באַלד קוממט שוין אָן דער שטרענגער ווינטער; קיין האָלץ איז נישט דאָ, פון דירה טרייבט מען... שלעכט!

קאָפּיקע האָט אַראָבגעלאָזט דען קאָפּף און געלאָזט זיך געהן צו די געמיינסטע בעלי־מלאכה'ס ביינגען זיך און בעטען אַרבייט; ער שווערט מיט כלה שבועות, אַז ער וועט שוין זיין גוט און פרום נאָר אומעטום האָט מען איהן שוין גאָר ניט גערעכענט פאַר אַבי'על.

עס זענען געוועזען ברעננענדיגע שבט־פראָסט; ביי קאָפּיקען איז געלעגען דער שניי אויף די וואַנד אויף אַ פינגער די דיקק. נור היינט איז איהם שוין ווידער היימליך — מען דאַרף אין אַ וואָך צייט פערטיג מאַכען אַ גאַנצע גאַרדעראָבע פאַר אַ גביר'ס אַ טאָכטער צו דער חתונה און מען האָט איהם אויך שוין צוגעוואָרפען אַ שטיקעל אַרבייט.

ביי נאַכט איז ער אַ היים געקוממען לוסטיג. ער האָט געבראַכט אַ ביסעל האָלץ, ברוידט און אַ פּאָר הערינג. ער האָט איבערגעשראָקען דאָס ווייב, אַריינשרייענדיג איהר אין אויער: „עס איז דאָ אַ קאָפּיקע" און האָט יאָסקען געגעבען אַ שנעלל אין נאָז. ביי די וועטשערע איז ער גאָר לוסטיג געוועזען, אויך דאָס האָלץ האָט פראָהליך געקנאַקט... און ער פערציילט זיינע מעשות, ווי די כלה זעהט אויס, ווי זי קוקט „קאַסאָקע", ווי זי „רעדט אונטערן צונג". וויפיעל און וואָס פאַר אַ קליידער מען מאַכט איהר, אוי־ פון וואָס פאַר אַ געשאָפּטען דער פאָטער איהרער איז געוואָרען אַזוי רייך, א. ז. וו..

מען האָט אָבגעגעסען. דאָס האָלץ האָט שוין אויסגעברענט, אין הייזעל איז וואַרימער געוואָרען, — און מען איז געגאַנגען שלאָפען. דאָס ווייב האָט זיך געלעגט אויפ'ן געלעגער און זיך צוגעדעקט מיט אַ גאַנצע „קראָווע" שמאַטעס, קאָפּיקע מיט'ן שטיף־זוהן זענען אַרויף געקראָכען אויפען אויבען, האָבען זיך גוט דורכגעוואַרעמט און אָנגעהויבען פלוידערן. די פלאַם פון דעם לעמפעל האָט זיך דאָס לעצטע מאָל בעוויזען און איז פערלאָשען געוואָרען.

עס איז געוואָרען פינסטער, פון אויבען האָט זיך אַרויס געצויגען אַ גרינער רויך, פון די וואַנד האָט געצויגען אַ נאַסע פאַרע,

עטליכע „פאַלעסטינצעס", וואָס האָבען דערווייל נאָך גאָר נישט געטהון, חאָטש זיי האָבען אַזוי פיעל געקאָסט און קאָסטען ווייטער... און 3) און דאָס איז דער עיקר — אַז ער שרייבט געפאָהרליכע קינדער־ביכער, וואָס ווילען אונז צוריק פיהרען צו די „גוטטע, פרוממע, נור, ליידער, פינסטערע צייטען!".

די קריטיק איז אַריין ווי אַ שטיין אין אונזער ליטעראַרישען טייך און די גרויסע פיש האָבען זיך ווילד דערשראָקקען! פריהער האָבען זיי פאַר שרעקק געשוויגען, נור דערנאָך, אַז מען האָט געזעהען, אַז דער פלוני שטעהט דערווייל אַליין, זענען די העכט אַרויף געשווימען מיט די אָפּפענע מיילער, נור איינצושלינגען!

צו אַללעם ערשטען איז אַרויס אַ „זי" — אַ דבורה גינצבורג, פאַר וואָס נישט אַ מחבר — אַ זכר? כדי מען זאָל נישט קאָננען זאָגען: „הדיוט קופץ בראש"; הדיוט איז לשון זכר. און דער רעדאַקטאָר פון המליץ, וואָס בוויזערט זיך אויף אַ קליינע „עדה" אין אמעריקאַ, וואָס האָט אויפגענוממען פאַר זיך אַליין, אין גאַנצען פאַר אַפאָ־ מנינים, אַ בעלי־דרשן אַ יודענע, לאָזט די אשה צנועה דרשנ'ען פון מליץ־בעלעמער פאַר כל ישראל. נאָך מעהר — אַלס עלעגאַנטער העדר טרעט ער איהר אָב דען אויבן־אָן און מאַכט פון דעד ווייבערישע גערוועך־לאָגיק אַ ליימעניד אַרטיקל!

און דבורה גינצבורג איז שרעקליך דעניער־וויערט; זי האַלט זיך איין מיט אַללע קראָפטען קיין שלעכט וואָרט נישט צו רייידען און דאָך איז איהר אַרטיקל אַ וואַלד מיט שאַרפע באַגנעטען. האָניג און מילך

„פאן פיסארז" פערוואונדערט.

— צום שאססעע! הערט זיך דעם יודס שטיללע תשובה.

דער שרייבער האט זיך צולאכט:

— צום שאססעע? חא-חא-חא! יא א חתונה... וואס איז? מען קריגט שוין אין שטאדט קיין ארבייט נישט?

— איך בין אבגעברענט געווארען, האט קוים „חיים'קע" ארויסגערעדט.

—נו? קומסט דו צום שאססעע! א שיין עסק!! וואס מיינסט דו דיר עפיס, דארמאזיאד'ם דארף איך דא? א טאטשקע איז קיין נארעל נישט!

„חיים'קע" האט אנגעהויבען זיך צו פערענפערן: נישט נור ער אליין, דאס גאנצע שטאדטיל איז אבגעברענט געווארען, נישט דא פאר וועמען צו נעהען... אין דער היים האט ער געלאזט א ווייב מיט אכט קינדער... און וויל ער קאנן דען „פאן פיסארז", קומט ער צו'ן איהם בעטען ארבייט ביי'ם שאססעע...

דער שרייבער שאקעלט מיט'ן קאפף:

— וועסט נישט קעננען, ס'איז נישט פאר דיינע כחות!

חיים'עק'ן האט אויפגעבליצט אין די אויגען; מען זאגט איהם אין גאנצען נישט אב! ער גיט זיך מיה און גלייכט אויס די איינגעבויגענע פלייצעס; ער וויל אויס-

וויזען האבער און געזונטער.

— פאר וואס זאלל איך נישט קאננען? מאכט ער מיט גאוה, גלייך ער וואלט אויפגעוואקסען מיט א קאפף. אוי פאניע פיסארז... איך בין דאך אזוי געזונד! און-א-ווא! א גרויסע זאך צו שטופען א טאטשקע! די גאנצע שטאדט וויסט, וואס פאר א גבורה עס שטעקט אין מיר! און צווייטענס אויב איך וועל ביז מיטאג נישט האלטען גלייך מיט אללע, וועט מיר דער פריז אבזאגען, וועלל איך מיר אוועק געהען, איך זאלל אזוי דען מארגענדיגען טאג דערלעבען!

דער פאן פיסארז איז לוסטיג געווארען.

— איז נישט גלייכער — וויצעלט ער — זאלסט בעססער האנדלען מיט פראצענט? (חיים'על האט א שמייכעל געטהון), נישט גלייכער צו שינדען פון מענשען די הויט, אדער אפילו צו שאכערן אין א קרעמיל, מיט תבואה צו האנדלין, אביי רייך צו ווערען? דו וואללסט דיר דערנאך געבאכט איין אטלעסענען חאלאט, געהאט געלד ווי האלץ, (חיים'עק שמייכעלט ווידער) פארן ערגסטען פאלל וואלסט דו אקאוויט „געמוילעכט"... פערד געלאטחענט... וואלסט דו אלץ א בעססערע פרנסה געהאט...

יורען גנבים!

חיים'עק האט צום דריטטען מאל

אזוי געזאגט: יעדער יוד, און אפילו נשים וקטנים, איז מחויב יעדעס יאהר צו לאזען פלאנצען אויף זיין חשבון האטש איין ביימעל אין ארץ ישראל. וואו? איז קיין חלוק נישט, באדוי ביים סולטאן אין פאלאץ אבי פלאנצען. 12 מיליאן יודען האבען מיר (אזוי האט א סטאטיסטיקער משלנו בערעכנט), וועללען מיר במשך פון 10 יאהר האבען אונזערע 120 מיליאן ביימער און גאנץ ארץ ישראל וועט בעוואקסען ווערען. אמת איז, אז ווען מען וועט דארפען צוריק געהען פון ארגענטינע א קיין ארץ ישראל וועט מען מוזען די ביימער אויסהאקקען און פערזייען אביסל תבואה, נור דאס מאכט נישט אויס, עס וועט זיך שוין דערמעלט מאכען א נייע חברה „חובבי ציון", וואס וועט נעמען דאס עסק אויף זיך!... די שאלה איז נור: צו די ווארצעל אונטער דער ערד וועללען

נישט שאטען צו גלגול מחילות.

אין דער ארחיטעקטור האבען מיר אויך בעוויזען גבורות הבורא. מען האט אויפגעשטעלט א פאלאץ פון שלום! וואו, לויט וועמ'ס פלאן און פון וואס פאר א מאטעריאל? ווייס איך נישט. נור א וואנדערליכער פאלאץ. ער איז אפען פון אללע זייטען פאר אללע, וואס קומען אריין און געהען ארויס ארבייטען לטובת הכלל! נאך וואס זיי קוממען אריין, זיי זאללען דארפען ארויסגעהן, ווייסט מען נישט, נור נאך מעהר וואנדער איז, אז דער אפפענער פאלאץ, איז דאך פערמאכט פאר די וואס שרייבען נור — „להכעיס", „לקנטר"... מען ווייסט שוין ווען מען מיינט...

אין שפראכען האבען מיר אויך בעוויזען וואס מיר קאננען: כדי פטור צו ווערען פון זשארגאן,

געשמייבעלט, אז די ווייסע צאָהן האָבען זיך איהם בעוויזען צווישען די רויטע ליפּפּען. ער האָט זיך געפיהלט גליקליך, אז דער פּריץ איז נישט בּאָז און מאַכט גלאַט אַזוי אַביסל חוזק; זאָלל איהם זיין צו געזונד!

— זרעשטאָן — מאַכט דער שרייבער — אַרבּייט, אַז דו ווילסט! די אַרבּייט, ווייס איך פריהער, וועט טויגען אויף כפּרות, נור מיין נישט, אַז דו וועסט נעמען פאַר אַ טאָג און אַרבּייטען אַ האַלבען! ווילסט אַרבּייטען אויפ'ן שטיק?

— יאָ!

— נאָ! נעם די טאַשקע און פאָהר! נור שיטט מיר נישט אויס דען שאַבער אין גראָבען אַריין.. וויפיל פריזמען דו וועסט אָבמאַכען, אַזוי פיעל וועסט דו קריגען!

דער שרייבער האָט אַ געשריי געטהון, מען זאָלל זיך געשווינדער נעמען צו דער אַרבּייט און איז צוריק צו זיך אין שטיבּעל אַריין, צו דערקוויקען זיך דאָס האַרץ מיט נאָך אַ כוס'ע.

און חיימ'עק נעמט זיך פעסט צו דער אַרבּייט:

ער האָט אַראָבגעוואָרפען די קאַפּאָטע, אַראָבגענוממען דאָס היטעל און איז געבליבען אין קאַפּעל און אַרבּע כנפות.

דערנאָך איז ער געגאַנגען אין סקלאַד אַריין, גענוממען זיך אַ טאַטשקע, פערלייגט

די שעלקיס אויף די אַקסעל און האָט אָנגעהויבען אַרבּייטען...

ער האָט אָנגעשיטט די טאַטשקע מיט שאַבער איבערן ראַנד, אַרויפגעפאָהרען אויפ'ן ברעט איבערן ראָוו, און האָט זי אויסגעשיטט עטליבע טריטט ווייטער. מיט דער לעדיגער טאַטשקע יאָגט ער זיך צוריק, גלייך עמיץ שלאָגט איהם אין קאַרק אַריין....

די פויערען דאַגעגען אַרבּייטען פּאַמעליך, ווי די אָקסען אויפ'ן פעלד. נאָך יעדען קורס שטעלט מען זיך אָב, און לאָזט אָב די טאַטשקע, און מען זעצט זיך אויף די שטיינער אָבּרוהען אַ ווייל'ע. אַיין חיימ'עק רוהט נישט אַ רגע. און אַז ער בלייבּט שוין אָהן כחות, און מוס זיך אַמאָל זעצען, חאַפּט ער זיך בּאַלד אויף, ווי אַיין אָבגעברייהטער און ווילל זיך אויסשלאָגען די פערלוירענע צייט, איבערלאָדיענדי די טאַטשקע און שטופענדיג זי נאָך ראַשער מיט די ציטטערדיקע האָנד...

דער שרייבער ש־ייט אַללע מאָל:

— הער, חיימ'עק, וועסט דיר אָבּרייסן דאָס האַרץ, שלינג נישט אַזוי!

נור חיימ'עק הערט נישט! מען צאָהלט דאָך איהם פון שטיק! עס ווילל זיך איהם אַרבּייטען! נור צרות האָט ער פון די קליינע שטיינדליך, וואָס זעננען פערשיטט אויפ'ן ברעטט, און שטעכען איהם די פיס...

האָבען מיר געמאַכט פון לשון קדש נאָך אַ בעססערן, לייבטערן, ברודיגערן זשאַרגאָן און אונזער בעריהמטער „אחד העם" האָט אונז ערשט אין קורצען בעפרייט גאָר אין גאַנצען פון „דקדוק". שרייב „נהו", שרייב „ננהו", שרייב ווי דו ווילסט, אַבי שרייב. דערויף האָט ער געברענגט אַ ראיה פון זויטנער און צוגעמאַכט אַ גרויסע הקדמה...

עס בלייבט מיר נאָך איבער צו רעדען פון דער שאָנער ליטעראַטור. נור... עס איז פאַר יום־טוב, איהר האָט אייך אַזוי פיעל בעמיהט אויס־צורייניגען די דירות... לאָז איך עס איבער אויף איין אַנדערט מאָל.

און צונד ווינש איך אייך: גליק, פרנסה, געזונד.. און — גאָטט זאָלל אייך היטען פאַר אייערע גוטע פריינד, ווייל מיט די שונאים וועט איהר אייך אַליין איין עצה געבען...

גרשון לעווין

כטוד. מעריצ.

אַלין פערלוירען.

ראש השנה גאַנץ פריה.—

אין איין אויסגעלעדיגטע שטוב, ווי נאָך אַ ליציטאַציע, זיצט ר' חיים, איין אָבגעקוממענער עושר און זאָגט תהלים. דאָס ווייב זיינס איז שוין לאַנג אַ:געטהון צו געהן אין שוהל אַריין און קוקט אומרוהיג: פריהר אויף דער טהיר, דורך וועלכער דער שמש פון שוהל האָט שוין לאַנג געדאַרפט

געטהון און איהן אנגעהויבען אזוי שמערצליך צו קושען, אז איין אנדערט מאל וואלט ער זיך צווויינט, נור דאס מאל האט ער מיט א שמייכעל געזאגט:

— מאמע טהייערע, מיר טהוט וועה, לאז מיך, וועה...

און חאטש די מאמע האט איהן נאך שטארקער אנגעהויבען צו צודריקקען, האט ער שטילל געליטטען, ווייל ער האט יעצט פערשטאנען, אז די מאמע האט איהן ליעב, נור זי פערשטעהט נישט, אז זי טהוט איהם וועה. אז ער איז צולעצט צוגעפלויגען צו דער מאמען, האט ער איהר געוויזען זיין ביבעלע און האט מיט א גליקליבע מינע, און אונטערטאנצענדיג פאר שמחה, אריין געקיקט איהר אין די אויגען אריין און געזאגט:

— וועהסט — א ביבעלע.....

די מאמע, פערשטעהט זיך, האט נישט געוויסט וואס דאס איז פאר א ביבעלע, זי האט נור געזעהן, אז איהר קינד איז גליקליך; וואס דארף א מאמע מעהר? עס האט זיך איהר געוואלט איהם צו געבען נאך א ביסעל גליק און האט איהן מיט א שמייכעל געגלעט.

— ליעב, טהייער קינד מיינס!...

יא, דאס קינד איז געוועזען זעהר גליקליך, און אז די ניאנקע, לעגענדיג איהן שלאפען, האט געפרובט צו נעהמען ביי איהם דאס ביבעלע, האט ער זיך אזוי צווויינט, אז זי האט עס איהם געמוסט צוריק געבען און ער איז דערמיט איינגעשלאפען.

ביי נאכט איז צו איהם געקוממען צופליהען א מלאך און געזאגט צו איהם:

איך בין דער שר פון גליק. פיעלע האב איך געגעבען דאס ביבעלע און זיי זענען געוועזען גליקליך כל זמן זיי האבען עס געהאלטען. נור אז איך האב עס נור צוגענוממען ביי זיי, האבען זיי דאס צווייטע מאל נישט געוואלט עס צוריקנעמען פון מיר. דו, קליין יונגעלע, ביזט דער ערשטער, וואס האט געוואלט עס נעמען צוריק. און דערפאר וועל איך דיר ענטדעקען דען סוד, ווי אזוי אללע קאננען גליקליך ווערען. און חאטש דו ביזט נאך גאר א קליין יונגעלע, וועסט דו עס דאך פערשטעהן, דען דו האסט א גוט הארץ.

און אזוי ווי דאס יונגעלע האט דאס טאקי געוואלט, ווארען אזא כשוף האט שוין געשטעקט אינ'ם ביבעלע, האט ער געאנטפערט דעם מלאך:

— טהייערער מלאך! איך וויל טאקי אז אללע, אללע זאללען זיין גליקליך ווי איך. אט — דער טאטע, די מאמע, דער טישלער, וואס איז היינט געקוממען בעטען ארבייט, אויך יענע אלטיטשקע, דו גע־

המליץ נישט געשטאנען אין דער ערשטע שורה און געפויקט „טרעוואגע": — לויפט, רייסט, יאגט...? אויף וועמען זיע פאלט דער חוב צוריק־צו־פויקען? צוריק־צו־רופען? די זיצערין און די קאבין לויפען, ווייל — ווייל אין יעדער שטאדט איז דא עטליכע לשון־קדש פויקער וואס צוטראגען די טרעוואגע אין אללע גאססען און לאזען קיין אנדערע ספרים אויסער יעבץ און אחיאסף נישט קויפען...

אמת — דער עולם האט געפויקט קיין ארץ־ישראל און געלאפען איז מען קיין ארגענטינא; שולדיג איז דאך דער פויקער — די גאנצע „טרעוואגע" איז איבריג געוועזען!

און דארף מען צוריק פויקען זיארגאן, זאללען די פויקער אליין שרייבען! קאננען זיי נישט שרייבען אין קיין איינפאך דורכזיכטיגער שפראכע, וואס פערדעקט נישט די לאבער אין דער לאגיק, פערבלינדט נישט די פינסטערע חכמות, און פערהאקט נישט מיט געדונגערטע ווערטער דען לעזערס שכל הישר, זאללען זיי זיך א זיארגאן פויקער דינגען! די פראקסע קענען זיי... ווי לאנג איז גאר, אז מען האט א „ביללער" געדונגען געגען בראון הירש? ווי לאנג איז, אז מען האט אונטערן טיטעל „איין אמת ווארט", פאפולאריזירט ווערמאנטס מסירות? ווי לאנג איז עס, אז מען האט גאר געדונגען א „דארן" געגען איין אומשולדיגער ארימער „רויז"? וואס? צונד האט קהליש געלד פערפעהלט?

איך גלייב באמונה שלמה אז ה' ראבינאוויטש וויל זיין אונפארטייאיש; איך גלייב אז ער וויל אפילו מיט די צייט דען גאנצען צעדערבוימישען ריתח ארויסטרייבען פון המליץ... נור די נערווען זענגען

דעקסט? די וואס איז געגאנגען און געוויינט, אז זי האט נישט וואס צו עססען, און אויך יענס יונגעל, וואס האט געבעטען ביי מיר א נדבה..... אללע, אללע, טהייערער מלאך, אללע ווילל איך זאללען גליקליך זיין!

— און אויב צוליעב דעם — אללע זאללען גליקליך זיין, וועסט דו מוזען שטארבען? ווילסט דו אויך וויססען דען סוד?

— יא, יא — איך ווילל!...

— אויב אזוי, קום!

און דער מלאך האט איהן אנגענומען ביי דער האנד און זיי זענען ביידע אוועק־געגאנגען.

זיי זענען ארויס אין גאסס אריין, א... לאנג, לאנג געגאנגען; זיי זענען שוין ג...ען ווייט, ווייט אוים דער שטאדט, א...ם דער מלאך האט איהן געוויזען ארויף אין דער הויך; און חאטש עס איז געוועזען פינסטער, דאך, גאר אויבען אויף א שפיץ ב...רג זענען געוועזען העלל בעלייכטעטע פענסטער פון א פערכשופטען פאלאץ.

דער מלאך האט זיך צו געבויגען צו'ם יונגעלע און געזאגט:

— אט, וואס מען דארף טהון כדי ...ללע זאללען גליקליך זיין! דארטען אין דעם ...לאם שלאפט א בעצויבערטע פרינצעססין און כדי אללע זאללען גליקליך זיין, מוס מען זי אויפוועקען; נור דאס איז נישט אזוי לייכט. — זי בעוואכט א בייזער, שלעכטער מכשף, דו זעהסט פאר אונז דען גרויסען ברייטען וועג, וואס איז בעלייכטעט מיט אללערליי פייערען, וואס פיהרט גלייך אין דער הויך ארויף צום בארג? דו זעהסט ווי פיעל קינדער עס געהען מיט דעם וועג? פיעל פון זיי געהען אהין, און קוממען אין שלאס מיט דעם געדאנק אויף צו וועקקען די פרינצעססין, נור קיינער וועט זי נישט אויפוועקקען; דען וואס האבער זיי קוממען, ווערען זייערע הערצער אלם מעהר פערשטיינערט, און אז זיי קוממען שוין גאר ארויף אין דער הויך מיט זייערע שטיינערנע הערצער, פערגעססען זיי צו ליעב וואס זיי זענען געקוממען, און דער בייזער מכשף לאכט... אוןווארפט זיי ווי שטיינער אראב אין יענער פינכטערער זייט, פון וואנען עס הערען זיך די קולות, דאס וויינען, די זיפצען און... די יללות.

— ווער שרייט דאס?

דאס שרייען די, וואס געהען אין דער פינכטער, און אין דער בלאטע; זיי שרייען, ווייל עס איז זיי שרעקליך און אומעטיג אין דער פינסטערניש; זיי שרייען דערפאר, ווייל זיי זענען אין בלאטע, ווייל זיי וויללען עססען. זיי שרייען און האפפען, אז די

שולדיג, און ער ווילל אויך, אז דער זיארגאן זאלל זיך נישט איינמישען אין דער לשון קדש'ער וועלט, ווייל — אהן זיינע שרייבער, איז דארט אזוי רוהיג, אזוי שטילל, אזוי שלום ושלוה! עס שרייבען סאמע גוטע ברידער, קיין „פרעמדען" לאזט מען נישט אלעז דעקקען, נא־דיר! קומט עס פון דער זייט!

אין דער אנמערקונג האט זיך אנגעחאפט איין אנדערער נערוועזער שרייבער אין הצפירה. העדר פראסס איז ארוים, „איש יהודי ספרא" האט „אונ־טערגעארטעלט זיינע לעגדען" און „פאטשט" אין הצפירה! דאס שטיללע וואססערל רייסט איין די ברעגעס!

...ניט וואס פלוני קריטיקירט יעביצען, דער־מאנט ער נישט, כדי ער זאלל נישט דארפען דע־זיף צו ענטפערען; אויף דער זעג, ווייסט ער, האט די שלאנג קיין צאהן נישט... פאר דאס אבער האט ער פערפלייצט א שאקק נומערען הצפירה מיט גיפט... און דוקא מיטן ארגסטען...

וואס ווילל פראסס? אסור אויב איך ווייס! איך ווייס נור, אז לויט זיין לאגיק איז א משרת אדער א קאבין א מאוסערע פרנסה אלם א פאקטאר ביי הלואות און פלוני האט נור א פראווע צו רעדען מיט משרתים און קאבינם; עס זעהט אוים אז לויט פראסס שכל הישר איז יעביץ א פארטשריטס־מאנן — ווי דען! נור אז מען קאנן אזוינס שרייבען, און נאך אזוי פיעל דערפון שרייבען האט מען זיכער קיין געזונטע נערווען...

נור דאס איז נאך וועניג. אויפען ארומען

פרינצעססען וועט זיך אויפהאפען דורך זייער געשריי פאר הונגער... נאר דער שלעכטער מכשף לאכט און ווארפט זיי אנשטאט ברויט שטיינערנע מענשען אראב, און זיי אין דער פינסטער זעהען נישט ווער עס ווארפט און מיינען, אז די שטיינער פליהען אויף זיי פון הימעל אראב, אדער אז עמיץ פון זיי אליין ווארפט; און דעמאלט הרגינען זיי איינער דעם צווייטען.

— און פאר וואס טהוט דאס דער מכשף אזוי?

— ער דארף זיי פייניגען, ווייל נור דורך די פינסטערניש קאנן מען דערגעהן דען וועג, וואס פיהרט צום פאלאץ, אויף וועלכען דער מכשף האט שאן גאר קיין שליטה נישט, נאר פון דעם ווייסט נישט קיינער. און כל זמן דארטען איז פינסטער, בלאטיג און שרעקליך, בעמיהען זיך אללע ארויף צו קוממען מיט'ן בעלייבטען, פערכשופטען וועג. — מיט וועלכען וועג ווילסט דו געהן? צו מיט יענעם, וואס איז פינסטער־חשך און בלאטיג, וואו עס איז נישט דא אזעלכע אויסגעפוצטע, פראה־ליכע קינדער, צו אויף יענעם וועג, וואס פיהרט גלייך ארויף?

— מיט דעם, האט געאנפערט דאס יונגעל און געוויזען אויף דער פינסטערער בלאטיגער זייט.

— דו האסט קיין מורא נישט? דארטען זעננען בייזע קינדער, זיי געהען אין דער פינסטער אהין און צוריק, און, נישט וויסענדיג דען וועג, שרייען זיי און הרגינען איינער דעם צווייטען; דארטען קאנן דיך טרעפען דען מכשף'ס א שטיין... ווילסט דאך געהן?

— יא!

— נו, קום!

זיי האבען אנגעהויבען געהן און דאס יונגעל האט דערזעהן הערום זיך שרעקליכע געשטאלטען פון בייזע קינדער.

— קינדער! קומט מיט מיר! איך ווייס דעם וועג!

— וואו, וואו?

— אט דא, נאך מיר געהט!

— איז דען דא נאך א וועג, אויסער יענעם, אויף וועלכען עס געהן די גליקליכע קינדער?

— אח — יא! מיט יענעם וועג געהט נישט! מיט מיר, מיט מיר קומט!

— אבער דו געהסט דאך אויך גאר אהן א וועג ווי מיר —

— ניין, דאס איז טאקי דער וועג... קומט, מיט מיר איז דא א מלאך.

— אה, דו נאריש יונגעל, מיר זעננען אזוי אויך פערמאטערט, מיר ווילען עסען... דו האסט ברוידט?

„מאקאר" פאלט נאך א שישקע... טאוויאוו איז דא! א פעליעטאן אין המליץ! טאוויאוו איז מודה אז יעבין פאלשט די געשיכטע, ער פרעגט נור: „וואס שאדט אונז דער „שקר"?, וואס שאדט עס — פרעגט טאוויאוו — אז מיר וועללען אבנארען די קינ־דער? אז זיי וועללען עלטער ווערען — מיינט טאוו־יאוו — וועללען זיי שוין אליין וויססען דען אמת...

נו, זאגט אליין, צו א מענש, וואס האט א פרעטענסיע אויף בילדונג??, אויף די קינדערישע הארצליך זייהען שקרים, כדי דער ווינד פון שפעטערן לעבען זאלל האבען וואס אויסצורייסען — צו דארף אזא „מענש" נישט נעטיג א קאלט־וואססער קור?!..

נור דאס אללעס איז נאך ווייניג! נאך גאר נישט! עס קריכט ארויס נאך איינער מיט א „גע־וואלד" — מיט „א פראטעסט פון כלל ישראל געגען הוי־פריינד!".

נור דאס גרעניצט זיך שוין טאקי מיט שגעון... עפיס א חצקון שרייבט אין נאמען פון כל ישראל, פון דער גאנצער אומה!!!

נור וואס איז מיין טרייסט?

מיין טרייסט איז, אז די נעררישע פון די אמות העולם, פון דער כנסת־ישראל און פון אונזער ליטעראטור וועלען זיך אמאל שטיללען, און געזונד לאבען פון דער אלט־נארישער צייט גלייך מיטן

[illegible] פון רעדאקציע.

— איך האָב אַ ביבעלע פֿון גליק...

דאָס איז גאָר אַיין אָקס — זאָגען די שלעכטע קינדער... לאָמיר איהם דערטרינקען אין דער בלאָטע מיט זיין נאַריש ביבעל צוזאַממען.

— אויב דו ווילסט, פֿליהען מיר אַוועק — האָט זיך אַיינגעבויגען און געזאָגט צו איהם דער מלאך.

— ניין, איך וויל נישט, זיי וועללען מיך דערטרינקען, אָבער דאָס ביבעלע וועט דאָך בלייבען... אַזוי מוסס זיין, טהייערער מלאך!... דו וועסט דאָך יענעם, וואָס וועט אויפֿהייבען דאָס ביבעלע, פֿיהרען ווייטער, יאָ?

דאָס יונגעל האָט שוין נישט געהערט קיין אָנטפֿער; די בייזע קינדער האָבען זיך אַ וואָרף געטהון אויף איהם און אַריין געשליידערט אין דער בלאָטע און אַז זיי האָבען איהם אין גאַנצען פֿערזינקט, זענען זיי אַללע געוואָרען פֿראָהליך און האָבען געטאַנצט אויף זיין קֶבֶר. זיי האָבען געמיינט אַז זיי האָבען בעגראָבען דאָס יונגעל מיט זיין ביבעל, נור דאָס ביבעל האָט געפֿונען איין אַנדערער און האָט עס אַוועקגעטראָגען ווייטער; און אַז אַללע זענען שוין אַוועק, האָט דער מלאך אַרויסגענוממען דאָס יונגעלע פֿון בלאָטע, האָט איהן אָבגעוואַשען און אַוועקגעטראָגען אין פּאַלאַץ צו דער פּרינצעססין.

ער איז נישט געשטאָרבען, נור ער שלאָפֿט צוזאַממען מיט דער פּרינצעססין, און ער האָט גוטע חלומות. דער גוטער מלאך, דערצאָהלט זיי איהם, ווען ער קומט צופֿליהען פֿון בלאָטיגען און פֿינסטערן וועג, אויף וועלכען עס איז שוין שטילל, נור מען געהט אַלס און מען טראָגט דאָס ביבעלע פֿון גליק, אַלץ נאָהנטער צום בעצויבערטען פּאַלאַץ. און אַז מען וועט אַמאָל אַהין ברענגען דאָס ביבעלע וועט זיך אויפֿכאַפּען די פּרינצעססין און אויך דאָס יונגעלע. און עס וועט אומקוממען דער שלעכטער מכשף און מיט איהם וועט פֿערשווינדען די פֿינסטערניש און די מענשען וועללען דעמאָלט דערזעהן, אַז גליק אויף דער וועלט איז דאָ פֿאַר אַללע!

איבערזעצט דורך

אהרן הורוויץ.

אונזער טרייסט און האָפֿנונג.

א) אונזער טרייסט.

מען דאַרף זיך טרייסטען!

אַ פֿאָלק, וואָס האָט אַזוי פֿיעל צרות איבערגעלעבט, אַזוי פֿיעל פֿינסטערע צייטען איבערגעוואַרט; אַ פֿאָלק, וואָס מִצְרַיִם און בָּבֶל, צוויי שראָקליכע שכנים, האָבען נישט אויפֿגעגעסען, און דאָס בלוטזיכטיגע אונגעהייער — דאָס מיטעלאַלטער, נישט אַיינגעשלונגען — וועט היינט, אין נײַנצעהנטען יאָהר-הונדערט, נישט פֿערלוירען געהן.

מען דאַרף זיך טרייסטען און האָפֿפֿען!

טרייסטען דאַרף מען זיך מיט דעם, וואָס אויבוואָהל דער האַסס צווישען מענשען איז נאָך נישט אויסגעלאָשען; אויבוואָהל דעם שוואַכען דיענט נאָך נישט דאָס אייגענע רעכט, וואָס דעם שטאַרקען; אַז אויבוואָהל: „לא תגנוב, לא תגזול, לא תרצח, לא תחמוד"... איז נור נוהג צווישען אײנעם און דעם צווייטען פֿון אײגענעם פֿאָלק, — דאָך איז דער האַסס צווישען מענשען שוואַכער, מילדער, געלאַססענער ווי פֿערצייטען...

אַמאָל זענען נישט קיין פֿאָלקער, נישט קיין מדינות, נישט קיין שבטים, נישט קיין משפחות געוועזען, נור איינצע'נע האָרדען; חברות מענשען האָבען זיך אַרומגעדרייט ווי חיות אין סטאַדעס... דעמעלט זענען די חיות היילינ געוועזען, און דער מענש האָט נור אַלס פּרעסס-פֿלייש געדיענט! אין דער האָרדע אַליין האָט געהוסט שוין זיין אַ צייכען פֿון מוסר, נור צווישען איין האָרדע און דער צווייטער איז געוועזען אייביג קריג, און אייביגע פּרעססעריי, און —

די שוואַכע האָרדע איז אויסגעקוילט און אויפֿגעגעססען געוואָרען.

דערנאָך בעווייזען זיך נאָמאַדען — גרויסע פֿאַמיליען פֿאַסטוכער, וואָס בלאָנקען זיך אַרום אין סטעפּ מיט זייערע סטאַדעס. איין פּלאַץ קאָנן קיין צוויי סטאַדעס נישט ערנאָהרען; איין ברונען, איין קוואַללען קאָן קיין צוויי סטאַדעס נישט לעשען דען דאָרשט, און צווישען איין פֿאַמיליע און דער צווייטער

איז ווייטער קריעג און מלחמה, און וועה און ווינד איז דער שוואכערער פאמיליע!

דאך פרעסט מען זיי שוין נישט אויף! די סטאדע דארף מענשען, דער פאטריאך און זיינע ייבער דארפען שוין בעדינונג! און דעמעלט — ווערט די קנעכטשאפט געבוירען!

שרעקליך זעהט זי היינט אויס, נור דעמעלט איז זי א גרויסע גוטע רעפארם געוועזען! 90 פראצענט מענשען האט זי געראטעוועט פון טויט! אלס קנעכט האט דער מענש שוין א גרעסערן ווערטה געקריגען — ער האט אויפגעהערט נור פרעסס־פלייש צו זיין!

מענשען האבען זיך בעזעצט און אנגעהויבען בעארבייטען די ערד; עס זענען געווארען לאנדער און שטאדט, נור נישט מיט א מאל געשיעהט עס! אללע מאל פאללען אראב נייערע נאמאדען פון בערג און וואלד, בעפאללען די שוואכערע ערדארבייטער, קוילען אויס די, וואס שטעללען זיך אקעגען, די רעשט נעמט מען געפאנגען, טהייל פון זיי פערקויפט מען, א דערע בעהאלט מען ביי זיך אליין פאר קנעכט...

שלעכט איז דעם בעזיעגטען שוואכען!..

דאך בלייבט ער שוין איבער ביי זיך אין דער היים, אויף זיין אייגען פעלד און קויפט זיך אב דאס לעבען מיט א גראסער אדער קלענער טהייל פון דער תבואה... שלעכט איז דעם שוואכען — דאך ווערט מיט דער צייט אזויערנאך פון קנעכט דער היינטיגער פרייערער פויער...

דורך מלחמות און קנעכטשאפט מישען זיך אויס די שטאמען, משפחות און שבטים טרעפען זיך אויף איין פלאץ און לעבען אונטער איין ממשלה.

און אזויערנאך — ווערען מיט דער צייט מדינות. —

און גאנץ אייראפא איז שוין בעזעצט, אללע האבען זייערע לאנדער מען האט זיך איבער ערד שוין נישט וואס צו שלאגען... נור די מלחמה ווערט נישט אויסגעלאשען: עס הייבט זיך ווייטער אן קריג צווישען מדינות — ד. ה. צווישען קאניגע, פירשטען און פריצים...

שלעכט איז דעם שוואכען און בעזיעגטען... נור אלס בעססער ווי פריהער: דער בעזיגטער איינוואהנער לייזט זיך אויס מיט קאנטריבוציעס, מיט מס; ער בעקומט נור א נייעם הערשער; די בעזיגטע מדינה ווערט נור צוגעטהיילט אלס פראווינץ צו א נייע לאנד!

נור דאס פאלק ווערט שוין נישט פערטריבען, נישט אויסגעקוילט, נישט אויפגעגעסען, נישט פאר קנעכט פערקויפט; עס טראגט א צייט נור א גראסערע לאסט; עס צאהלט נור גראסערע שטייער.

די מדינה טרעט אב היינט דעם „פאלק"... — נישט פאטערלאנד —, די „נאציאן" איז היינט אין דער מאדע!.. פאלקער טהיילען זיך אב איינס פון צווייטען... און פאלקער פיהרען מלחמה! ווי אזוי דאס געשיעהט, פון דעם וועללען מיר רעדען איין אנדערס מאל. נור עס איז א פאקט און שלעכט איז דעם שוואכען, בעזיעגטען פאלק... פון רעכטוועגען דאך איז בעססער ווי אמאל... מען צושניידט שוין נישט די פאלקער ווי א ברויט, וואס מען צוטהיילט צווישען עטליכע מיילער; מען שטעלט שוין נישט קיין גרייצען אויף דער קארטע, לויט ווי עס פאלט איין א קארל אדער א נאפאלעאן. עס געהען ווייטער מלחמות נור עס געהט שוין וועגען עפיס אנדערש. — יעדעס פאלק וויל האבען ביים צווייטען נור אפפענע גרעניצען... נור איין ארט, וואו פראדוקט צו פערקויפען!...

עס איז אמת, אז אונז, דעם שוואכסטען פאלק אין דער וועלט, איז נישט גוט, נור דאך איז אונז בעססער ווי אמאל...

אמת איז, אז כל זמן יעדעס פאלק בעזונדער וועט זיך זינגען זיין „אתה בחרתנו", וועט זיך איינרעדען, אז נור פון זיינעטוועגען האט גאטט די וועלט בעשאפפען, אז זיין מח איז דער קליגסטער, זיין הארץ דאס גאלדענסטע, זיין חאראקטער דער בעסטער, און דעריבער — קומט איהם א פרייערער פלאץ ביים טיש, פאר דער בריינסטער שיססעל און פולסטען כוס; אמת איז, אז כל זמן דאס אללעס וועט עקזיסטירען יועללען מיר קיין גן עדן אויף דער ערד נישט האבען...

נור דאס אלטע גיהנום מיט זיינע שדים איז דאך איינמאל פאר אללע מאל פערפאללען! מען וועט אונז דאך שוין נישט פרעססען, נישט קנעכטען, נישט ברענגען און בראטען, נישט פערטרייבען. דער שטארקערער איז אויך א מענש, און דער מענש ווערט עדעלער, די מלחמה שוואכער, די מיטטעל־מענשליכער. און דעם שוואכענס לעבען ווערט דאך אללע מאל גרינגער און וועניגער ביטטער...

מיר האבען אבער נאך האפנונג אויף ווייטער אויך, און פון דעם וועללען מיר שוין רעדען אין „שבת אויבם".

ג׳ור שטיבער

אפאריזמען.

1) א בוך איז א באנקאצעטטעלל, ציישונגען (און בלאטליך) — קלייןגעלד. —

2) אונזער פילאזאפיע איז א שליסעל, מיט וועלכען מיר ווילען אפפענען דען אלטען שלאסס פון די אייביגע סודות. אונזער ארבייט איז אבער מעהרסטענטהיילס אומזיסט. אונזער שליסעל ווערט אויסגעדרעהט, אויסגעבויגען, גאנץ אפט צובראכען און שלאסס בלייבט שלאסס. —

טהייל מאל סקריפעט דער אלטער שלאסס און דעמעלט דאכט זיך אונז, אז מיר הערען א בת־קול אדער א נבואה. —

3) אויף דער אלטער שפארען מיר זיך אן אויפ'ן אייגענעם שטעקקען, אויף וועלכע מיר רייטען אין דער פריהעסטער יוגענד — אויף דער היזפנונג.

4) ווען איך זאלל געפינען דען שליסעל צו אללע היסטארישע סודות, וואלט איך איהן אויך, פאר רחמנות אויפ'ן מענש, געווארפען אין וואסער אריין.

5) אויפ'ן ארט פון נייע געדאנקען שטעלט מען גאנץ אפט נייע ווארטער, און מענשען מיינען אז זיי ווערען קליגער.

6) גאנץ אפט שפרינגט מען אריין אין א ברוננען פון שקר פאר מורא, מען זאלל זיך נישט איינגעצען די פיס אין קוואללען פון אמת.

7) א נייע באהן מאכט נייע רייזענדער; א נייעס בוך — נייע דענקער. —

שלמה גראסגליק.

בריפקאסטען:

הערן א. בורלין, ווילנא. — די „לאקשען" זענען געוויסס פרישמאנס; זיין סטיל און זיינע חכמה'לעך.

הערן א. ר. קיידאנאווא. 1) וועגען די איבערזעצונגען וועללען מיר שרייבען העבראיש. 2) געגען דער פאלשער „מסירה" האבען מיר געשריבען איין אמתן פראטעסט.

אינהאלט: די טרייסט - געדיכט — [י. ל. פרץ]. — די וואהל [קנוט האמסון]. „קאפיקע" (אויס דעם רוססישען) [מ. קארלין]. — נ. גארין „דאס ריבעלע פון גליק" — א מעשה'לע — [אהרן הורוויץ].
פעליעטאנען: די קראנקע נערווען [לץ פון רעדאקציע]. אונזער טרייסט און האפנונג [ד"ר שטיצער]. אפאריזמען [שלמה גראסגליק]. בריפקאסטען.

דער שופר

אַ ראש השנה בלאטטעל.

פון יחזקאל (קפיטל ל״ג).

עס שלייכט זיך צו'ן א שטאדט ביינאכט
דער שווערד;
נור אויפן טהורם, דער וואכטער וואך
אונ הערט —

אונ בלאזט טראמפייט
אונ שמעטטערט מיט מאכט —
עס ציטטערט די נאכט —
דאס פאלק ערוואכט —
דער שונא געהט, דער שונא געהט!
אונ עס פלאקקערט אויף די שלאכט —

אין הויף, אין גאסס,
אויף מויר אונ וואנד;
פאר ווייב אונ קינד
פאר פאלק אונ לאנד,
פאר רעכט אונ פריי געהט אלץ אין קאהן!
ווער זיעגען וועט דאס ווייסט איין גאטט
דער וואכטער האט
דאך זיינס געטהון;
ער האט זיין עהרע נישט בעפלעקט
ער האט געוועקט,
ער האט געדיענט זיין פאלק אונ לאנד!

נור וועה דעם וואכטער, שפאטט אונ שאנד,
וואס האט ביינאכט
איין אויג פערמאכט
אונ ערוואכט
ערשט אין דער בראנד!

י. ל. פרץ.

דער חלום

יונגערהייט (איין ערך פון דריי ביז צוועלף יאהר) בין איך כמעט נישט ארויס פון שטוב. איך בין עטליכע מאל געפאהרליך קראנק געוועזען און דער דאקטאר האט מיר פערווערט דאס לערנען. בסוד סודות פארן בייזען דאקטאר — וואס פלעגט פאר נישט פאלגען טיפען מיט די פיס און קולות מאכען — האט מען מיך אין דער היים קוים אויסגעלערענט דאווינען. איך פלעג גאנצע טאג זיצען, זומער ביים פענסטער און ווינטער אין בעט, און אויסהערען די לידעלעך, מיט וועלכע מיין קליין-ברודערילס ניאנע פלעגט איהן איינשלאפען... ערשט צום צוועלפטען יאהר האט מען מיך אויף א האלבען טאג געשיקט אין חדר אריין, אויך האט מען דעם רבין אנגעזאגט זהיר והזהר, ער זאל מיך נישט מאטערן און — חס ושלום! — נישט אנריהרען. —

נאך עטליכע וואכען זיין אין חדר, בין איך געווארען א מין „כוי": האלב חיה און האלב בהמה... דער ניאניעס לידעלעך און דעם רבינ'ס מעשיות האבען זיך מיר ווינדערליך אויסגעמישט אין מוח. ווי אזוי איך האב מיר פארגעשטעלט די הייליגע זאכען, ווייס איך שוין נישט... פערפלאנטעט זענען זיי געוועזען גענוג; נור געציטטערט האב איך פאר צוויי מלאך-המות'ן. מיט איינעם — א זכר — האט מיך דער רבי בעקאנט געמאכט. ער האט מיר פערציילט, אז „ער" האט 1000 אויגען און א שווערט אין דער האנד! זיין פנים האט ער מיר נישט בעשריבען און דעריבער האב איך איהם אליין צוגעגעבען דעם רבינס בייזע, ביינעריגע פנים, מיט זיין שפיציגער נאז, שיעלע אויגען און קאלטאנאוואטע בארד און פאות. די שווערט האב איך דעם מלאך המות געלאסט אין דער רעכטער האנד, און אין דער לינקער אריין האב איך איהם אריינגעשטעקט דעם קאנטשוק מיט די בלייערליך, וואס דער רבי פלעגט גאנץ אפט אראבלאזען אויף מיינע חברים'ס דארע פלייצעס.

דען צווייטען, אדער בעססער געזאגט — די צווייטע מלאך המות'טע האט מיר פארגעשטעלט מיין ברודערס ניאניע. זי פלעגט שטאנדיג זינגען פרומע לידעלעך; אזוינע אויסגעצויגענע, וויינענדיגע, ווייכע, אז עס פלעגט מיך אנחאפען ביי'ם הארץ. נור גאנץ אפט פלעגט זי זיך ערגיץ ארויסגנבי'נען און צוריק קומען מיט א רויט פנים, טרערען אין די אויגען און ציטטערדיגע האנד; זי האט זיך דעמעל טאביכל געוואקעלט אויף

צום נייעם יאהר.

„דאס אלטע [שווארצע] יאהר — וואלט אנגעהויבען א משורר אויף מיין ארט — לאזט זיך אראב אין טיעפען אבגרונד פון פערגעססעניש, און א ניי, ווייס, אומשולדיג יאהר שיינט אויף ווי א מארגענשטערן"... ליידער, בין איך קיין משורר נישט און אויף פראסט יודיש הייסט עס, אז מיר האבען זיך אבגעמאטערט 365 טאג מיט איין עודף, און מיט גאטס הילף וועל'מיר ווייטער ארבייטען א גאנץ געהענדיג יאהר — לטובת הכלל...

אין דער האנדעל-וועלט איז א מנהג פאר ניי-יאהר צו מאכען א בילאנס; זאנסט וואלט קיינער נישט געקענט מכוון זיין די שעה, און וויסען ווען אנצוזעצען... פרומע סוחרים מאכען דען בילאנס אויף ראש-השנה, און, אז ער שטימט נישט, דערמאנען זיי זיך נאך א פאר הוצאה'ליך יום-כפור ביים על-חטא...

ליטעראטור איז אויך א געשעפט און א שטארק געשעפט... ביכהאלטערס שפיעלען, ניט פאר אייך געדאכט, גאר א גרויסע ראללע. קונים (דען „קורא נכבד" מיין איך) שלעפט מען שוין, ב"ה, ביי די פאלעס... א געוויססע פירמא האט זיך שוין אפילו געלאסט אויף קאליערטע רעקלאמען, און בעשטעלט א יונג, ער זאל פון נאך יום-טוב אן שטעהען אין דער טהיר און לויבען די סחורה און אויסשרייען, אז אנדערע געוועלבען זענען נור פאר „עבדים ושפחות"... הכלל ליטעראטור איז א ג ע ש ע פ ט, פאר טהייל א גוט-געשעפט, בפרט פאר פאשקווילים.

די פּים און מיט אַ טרויעריג דומפּיג קול ווי פֿון אַ גרוב אַרויס, פּלעגט זי דערמאָלט זינגען אַ ליעדעל פֿון מלאך המות. דאָס איז געווען, ווי געזאָגט, אַ נקבה; איינגעהיעלט אין אַ ווייס לייליך, פֿליהט זי שטאַנדיג אַרום אין דער לופט, און אויף ווען זי וואַרפט ביי נאַכט דאָס לייליך, דעם נעהמט מען צו מאָרגענס תּכריכים...

טהייל מאָל שאָקעלט זי מיט דעם ווייסען לייליך איבער אַ גאַנץ דאָרף אָדער אַ שטאָט, און דערמאָלט ווערט אַ מגפה. אָהנעם לייליך איז די „נקבה" גאָר נישט מאום געווען: בלאָהע אויגען, לאַנגע, העלל־ווידענע האָהר...

דאָס איינענע יאָהר האָט מיך דער טאַטע דאָס ערשטע מאָל מיט גענוממען ראש השנה צום דאַווינען. צוקוממענדיג צו דער שוהל, און דערזעהענדיג דען ווייסען עולם האָב איך אָנגעהויבען ציטטערן, נור דער טאַטע, וואָס האָט מיך געפֿיהרט ביי דער האַנד, האָט עס נישט בעמערקט און האָט מיך נאָכגעשלעפּט ביז צו דער מזרח־וואַנד, וואו ער האָט מיך אַנידערגעזעצט נעבען זיך און געגעבען איין אויפגעמישט מחזור'ל אין דער האַנד אריין. איך האָב פֿון ווייסען עולם קיין אויג נישט געקענט אָבּ־רייסען און דאָס געוויין פֿון דער ווייבערישער שוהל האָט מיך דורכגענוממען... דערנאָך האָב איך ערשט בעמערקט דען וואַלד מיט ליכט אין אָרון אין דער רעכטער האַנד ביי'ם חזן, און, נישט וויססענדיג פֿאַר וואָס, האָב איך מיך נאָך מעהר געשראָקען און צוגעדריקט זיך צום טאַטען.

— ביסט נעביך מיעד פֿון דער היץ, היאָט דער טאַטע געזאָגט, לעג דיך אַביסל צו...

איך האָב'ן געפֿאָלגט. איך האָב מיך צוגעלעגט אויף דער באַנק און אָנגעשפּאַרט דעם ברעננענדיגען קאָפּף אויפ'ן טאַטענס שויס. מיט פֿערמאַכטע אויגען בין איך אַביסעל רוהיגער געוואָרען. פֿון דער וואַרים בין איך באַלד איינגעשלאָפֿען, און עס האָט זיך מיר געחלומט אַ וואונדערליבער חלום:

איך בין געלעגען קראַנק אין בעט און דער טאַטע מיט דער מאַמען זענען געשטאַנען איבער מיר און האָבען געוויינט. די מאַמע האָט זיך פֿערשטעלט די אויגען מיט אַ טיכעל, נור דער קאָפּף מיט די פּלייצעס האָבען שרעקליך געציטטערט. דעם טאַטען זענען גערוננען די טרערען אויף די איינגעפֿאַללענע באַקקען, פֿון דאָרט זענען זיי אַראָב אויף דער ברייטער בלאָנדער באָרד און פֿון דאָרט אויף דער ברוסט אין אַ ווינקעל זענען געשטאַנען צוויי דאָקטורים, וואָס האָבען מיך ערשט לאַנג בעטראַכט, און סודען זיך

מען, פֿאַר שיעסער פֿון אונטערן פּלאָט וכדומה אָרענטליכע לייט, איז על כן אַ יושר אויך צו מאַכען אַ בילאַנס.

נור מיינט נישט חלילה, אַז עס געהט וועגען אַ באַנקראָטיל... חס וחלילה! אונזערע גרויסע פֿירמען שטעללען אויס זייערע וועקסעל אויף „לעתיד לבא" — „תנצב"ה"... צאָהל־פּלאַץ — אויף דער פּאַפּיערענער בריק און אַ מטבע — כחרס הנשבר; אַזוינע וועקסלען שטעלט מען קיינמאָל נישט פֿאַר, מען פּראָטעסטיערט נישט.

נור אַ בילאַנס דאַרף מען מאַכען; באַדיי פֿאַר שאַנקייט וועגען! און דערצו וויל איך מיך נאָכי געמען.

אויב איהר וועט מיך פֿראַגען „מי שְׂמְךָ?" וועלל איך אייך ענטפֿערן: כל ישראל ערבין זה בזה, און קוים בין איך איין ערב, מוז איך וויססען ווי דאָס געשעפֿט שטעהט, לאָמיך האָטש אַ מאָל וויססען פֿאַר וועמען מען וועט מיך שמייסען...

און עס קאָנן זיין, אַז מען וועט מיך גאָר נישט שמייסען! איך זעה, אַז די געשעפֿטען שטעהען גאָר נישט אַזוי שלעכט... דער עולם איז נישט לעדיג געגאַנגען, מען האָט געטהון! ווי דען!

דער עיקר האָבען מיר געאַרביים וועגען „צער גדול בנים"... די שאלה, ווי אַזוי קינדער צו ערציהען איז ביי אונז גאָר ברענענדיג. ביי אונז איז „פּרו ורבו" די ערשטע מצוה און געגען איהר (על כל פנים אויף דער פּראָווינץ) העלפֿט נישט קיין ערוב־תבשילין, קיין שובר, אויסער — אַז מען הייבט זיך אויף און מען מאַכט פּים, קיין ארץ ישראל אָדער קיין אַמעריקאַ (אַרגענטינאַ, ווי עס ווייסט אויס, איז דערצו

צונד אויף לאטייניש, קוקקענדיג אויף מיר פון דער זייט. גאטט ווייסט — קלער איך מיר — וואס פאר ביטטער-געזאלצען פלאשעלע זיי וועלען מיר צונד פערשרייבען. נור אזוי לייכט וועלל איך שוין נישט איינגעמען. וועט זיין קאווע-לאפעליך, וועט מיר די מאמע מוזען געבען איהר יום-טוב-דיקע ציטטער-נאדעל צו שפיעלען, און אויב גאנצע עסס-לעפעל — וועלל איך נאך וועלען דעם טאטענס זילבערנעם גא־טעל מיט דעם גאלדענעם קאפעל פון סדר...

איך האב געמוזט אין חלום א כך יונגער זיין, אז עס האט זיך מיר אזוינס פערגלוסט. נור פלוצלינג האב איך דערזעהען אין די פענסטער, גענען וועלכע איך בין געלעגען — צוויי געשטאלטען. אין פענסטער פון דער רעכטער זייט איז געשטאנען די מלאך המות'טע אין ווייסען לייליך, און אין פענסטער פון דער לינקער זייט — דער מלאך המות מיט 1000 אויגען און א שווערט אין דער האנד... זי וויל שוין אויסטהון דאס ל ייליך, און וויל עס אוודאי וואַרפען אויף מיר, ער הייבט אויף די שווערט — נור זיי האבען זיך איינס דאס אנדערע דערזעהען, איינס פאר דעם אנדערן דערשראקען און פערשווינדען געווארען. פאר שרעק האב איך דאך מיך אנגעהויבען צו שטיקקען, דאס בלוט איז אין מיר פערקיהלט געווארען, אונטער די נאגעל האט מיך געשטאכען ווי מיט שפילקעס און די עטליכע האהר, וואס זעננען מיר צוריק געוואקסען נאכ׳ן טיפוס, האבען זיך מיר אויפגעשטעלט און געריססען זיך פון דער הויט ארויס, גלייך זיי וויללען ענטלויפען פאר שרעקק...

מען בעמערקט מיין לאגע, עס ווערט א געשריי, די טאטע-מאמע מיט די דאקטוירים לויפען צו מיר צו און מיר ווערט פינסטער פאר די אויגען.

צו האט מיר עמיץ די האנד אויף די אויגען ארויף געלעגט? צו האט מען פאר׳ן מלאך המות די לאדען פערמאכט? צו חלעש איך?

און אפשר בין איך גאר געשטארבען?

קוים האב איך דאס געפראגט, האט זיך דער חלום פעראנדערט.

איך בין שוין טאקי א געשטארבענער, און ביידע מלאך-המות׳ן פיהרען מיך ערגיץ — וואלד אוים, וואלד איין, איבער טהאל און איבער בארג.

איך האב מורא צו פראגען וואו אהין מען פיהרט מיך, זיי זעהען ביידע אזוי שרעקליך אוים, אז איך ציטטער א ריהר צו טהון מיט די ליפפען. אויך ווייס איך נישט צו א טויטער מאג און קאנן רעדען...

— מן הסתם אין גן עדן אריין, טרייבט

גאר קיין רפואה נישט, וויל די עמיגראנטען בענקען דארט נאך די ווייבער). ביי׳ן אזא לאגע, דארפט איהר פערשטיין, האט מען קינדער ווי דאלץ, און וואס צו טהון מיט זיי איז נישט דא... שקאלעס אין א ווייניג... די חדרים זעננען ארגער פאר פערצייטישע קרימינאלין, די מלמדים זעננען ארגער פאר די חדרים, און לערנען מוז מען א סך, און קיין געלד איז, לא עליכם, נישט דא, מען זאלל זיך קאננען בעססער מאכען. דאכט זיך, אז די שאלה איז א לייכטע בלאטע, נישט איין און נישט אוים; הכל יודעין, אז פאר מלמד-געלד פערזעצט מען דאס קישען פון אונטערן קאפף און דאך שטארבט דער מלמד פאר הונגער; הכל יודעין אז די חדרים מיט די מלמדים זעננען סם פאר די קינדער, נור פאר 12—16 רובל א זמן קאנן מען קיין בעססער חדר מיט קיין בעססערן מלמד נישט האבען... נו, אדרבא, לאז עמיץ פון אייך זיין א חכם און געבען איין עצה? און דאך האבען אונזערע לייט געטהון, און ווי הייסט געטהון!

ערשטענס האט מען אנגעהויבען איבערצוזע- צען פון ענגלישען ספענצערס בוך איבער ערציהונג! דער גרעסטער קבצן, וואס קאנן אפילו גאר קיין מלמד-געלד נישט צאהלען וועט פון דעם ווערק געוואהר ווערען אויף קלאר, אז די לארדען, באנקירעס און רייכע פאבריקאנטען אין ענגלאנד ערציהען שלעכט זייערע קינדער. אז אויפן ארט פון לאטיין און גריכיש און שלעכטער, געפעלשטער היסטאריע איז גלייכער צו געבען: גימנאסטיק, מעדיצין און גוטע היסטאריע. און קוים וועט ער דאס וויססען, וועט ער שוין אליין פערשטעהן, אז

איך מיך, איך בין דאך אַ גוטער געוועזען
ז.ג. אזוי פֿיעל געלימטען יונגער הייט...
איך האָב קיינעם קיין גוט נישט געטהון,
וואָרען וואָס פֿאַר אַ גוטס קאָנן טהון אַ קראַנק
יונגעלע? נור זוממער־צייט אין שאָנעם
וועטטער, אַז מען האָט מיך צוגערוקט אויף
אַ פֿאָטעל צום פֿענסטער, פֿלעג איך אַרויס־
שיטטען די פֿייגעלעך עססען... פּיצליך
זעמעל, קרישקאַליך ברויט, טהיילמאָל
אויך פֿאָדימליך פֿלייש, אויב איך אַליין האָב
גראָד געגעססען...

אונ מען פֿיהרט מיך טאַקי אין דער
אייגענער רגע איבער אַ גרינעם וואַלד, וואו
די פֿייגעליך וואָהנען, אונ זיי שטעהען
גאַנצע מחנות אויף די ביימער, אונ זינגען
אַללע אין איין כאָר:

אין גן עדן אַריין, אין גן עדן אַריין!
דו ביסט אַ גוטער געוועזען, דו האָסט אונז
אָרימע שוואַכע פֿייגעלעך עססען געגעבען!

אונ טאַקי פֿאָרט אין גיהנום אַריין?
פֿראָגט דאָס פֿערקלעמטע האַרץ, אונ אין
דער רגע פֿערטווישט זיך די געגענד; דער
וואַלדט ווער פֿערשווינדען אונ איך פֿל..ה
צווישען שנייענע בערג... אַרום איז קיין
צייכען פֿון לעבען. עס פֿינקעלט אַזוי קאַלט,
עס בלישציעט אַזוי שטאַרר, אַזוי טויט...

פלוצלינג בעווייזען זיך דאָך אַ סטאַרע מיט
שוואַרצע קראָהען מיט פֿייערדיגע אויגען.

— קראַ־קראַ־קראַ — שרייען די קראָ־
הען — אין גיהנום אַריין, אין גיהנום, אונז
האָט ער קיינמאָל נישט קיין קרישקאַלע
געוואָרפֿען.

אונ די קראָהען האָבען אמת געזאָגט.
פֿאַר זיי האָב איך שטאַנדיג מורא געהאַט.
איינמאָל האָט זיך אַ קראָה צוגעשלאָגען,
מן הסתם פֿאַר הונגער, צום פֿענסטער אונ
האָט געדראַפּעט אין די שויבען... אויפ'ן
פֿענסטער־בראָטיל אין שטוב איז געלעגען
ברויט... איך בין קראַנק געלעגען אונ
גראָד איינער אַליין געוועזען אין שטוב, איך
האָב דאָך נור געדאַרפֿט עמיצען צורופֿען,
מען זאָלל זי ראַטיווען... נור איך האָב מיך
פֿאַר דער קראָה דערשראָקען אונ בעהאַלטען
מיך אונטער דער קאָלדרע... נאָכ'ן
ווינטער, אַז דער שניי איז אָבגעגאַנגען,
האָט מען אונטערן פֿענסטער געפֿונען
אַ טויטע קראָה...

פלוצלינג הייבען מיר זיך אָן אַראָב צו
לאָזען, די לאַנדשאַפֿט האָט זיך ווייטער
געאָנדערט, מיר פֿליהען איבער אונגעהייערע
פֿעלזען, וואָס שטעהען קאָפּף אויף קאָפּף
אונ בעוואַכען עפּיס אַ וואַססער. צו איז דאָס
דער ים הקרוש, צו דער סמבטיון, אָדער

מען דאַרף לויפֿען אין בית המדרש אַריין, נישט
לאָזען אויסנעמען אונ נייטען די גבירים זאָללען
קויפֿען שטיוועלעך פֿאַר די תלמוד־תורה קינדער...
עס וועט אייך אפשר ווינדערן פֿאַר וואָס מען האָט
די סחורה געברענגט פֿון ענגלאַנד, נישט למשל
פֿון פֿראַנקרייך? נור דאָס ווענדט זיך שוין אין דער
סימפּאַטיע, וואָס מיר האָבען צו ענגלישע סחורה.
ווער ווייסט עס נישט פֿון: ענגלישע פֿעדער־מאָס־
סערלעך, ענגליש זאַלץ, ענגלישע קראַנק וכדומה
גוטע זאַכען פֿון יענער מדינה; אַז איהר וועט אייך
גוט איינהערען מוצאי־יום־כפור צום „לשנה הבאה",
וועט איהר אויך האָרען, ווי אַסך ענדיגען: בענ־
געללאַנד... עס איז שוין אַזוי.

נור מיט דעם איז מען נאָך נישט יוצא. עס
איז טאַקי אַ יושר צו פֿערזאָרגען די ענגלענדער,

דאָך דאַרף מען פֿאַר אונזערע וואָרם אויך עפּיס צו
טהון, אונ מיר האָבען נישט געשוויגען. עס איז
כמעט ווי געבליבען, אַז אַללע מלמדים פֿון כל
תפוצות ישראל זאָללען זיך צוזאַממען קוממען אויף
איין אסיפה אונ אָבקלערען, וואָס מען זאָלל טהון.

פֿון אַזאַ אסיפה מיט סאַמע גמרא־קאָפּליך,
פֿערשטעהט זיך, וועט שוין עפּיס אַרויס; עס וועט
שוין גאָר איין אַנד״רער ווינד בלאָזען, זיי וועללען
די וועלט פֿערפֿליצען — מיט זייערע הכמות!
אונ, דער עיקר, איז עס גלאַט אַ דבר השוה לכל נפש:
די מלמדים וועללען זיך אַביסל איבערלופֿטערן
אונ חאָטש אַ חדש צייט נישט הערען די ווייבערס
קללות; די בעלי בתים וועללען זיך איינשפּאָרען
אַ חדש רבי־געלד, וואָ״ען פֿאַר דער אסיפה־צייט
זענען זיי דאָך נישט מחויב צו צאָהלען... אונ די

אײן אַנדער װאַסער — װײס איך נישט. מיר האָבען עטליכע ראָדער געמאַכט איבער די פעלזען און ענדליך זיך אַראָבגעלאָזט צו אַ הײל. מײנע בעגלײטער האָבען מיך אַרײן געלאָזט און געהײסען זיך אַנידער זעצען בײ דער װאַנד, און זײ האָבען זיך אַנידער געזעצט הינטען בײם אַרײנגאַנג, די מלאך המות'טע פון אײן זײט און דער מלאך המות אין דער צװײטער. אין דער הײל איז פינסטער, נור אויף דעם קאַלטען גליטשיגען באָדען טאַנצען אַרום עטליכע ליכטיגע קײליכליך, כמעט די אײגענע, װאָס איך האָב ערב ראש השנה בײ אונז אין קעלער געזעהען, װען דער משרת האָט מיך מיט־גענומען אויסקלײבען אַ גוטע פלאַש װײן אויף קדוש...

די ליכטיגע קײלעכליך האָבען מיך נאָך מעהר דערמאַנט אין דער הײם, און איך האָב אָנגעהויבען קלערען, װאָס דאָרטען טהוט זיך, צו דער טאַטע האָט מיך שוין פערגעססען, צו די מאַמע דערמאַנט מיך חאָטש אַ מאָל, צו קוממען זײ חאָטש אַמאָל אויף מײן קבר?.. און װער זיצט אויף מײן באַנקיל בײם טיש? און װער קריגט די לעבערליך פון די פיש?

עס האָט מיך אָנגענוממען אַ ביטטער געװײן, ניט אײנצוהאַלטען, און איך װאַרף אַ בליק מיט שרעק אויף מײנע שומרים... רבונו של עולם! װאָס איז דאָס אַזוינס?

פון דער מלאך־המות'טע האָט זיך אַראָב גערוקט דאָס װײסע לײליך... װאָס פאַר אַ זײדענע האָהר? װאָס פאַר אַ בלאָהע אויגען? אַ רויט־פערטרונקען פּנים מיט אַ האַלב־גאָהלען קאָפף... און דער קאָפף װאַקעלט זיך, און די נאָז (חאָטש נישט קײן לאַנגע) שלאָגט זיך אַללע מאָל אָן אין דער פלאַש, װאָס זי האַלט אין בײדע ציטטער־דיגע האַנד... איך קוק מיך בעססער אײן, דאָס איז זי, זי מײן ברודערס ניאַניע...

איך װאַרף אַײן אויג אויפ'ן צװײטען! װאָס פאַר אַ 1000 אויגען? װאָס פאַר אַ שװערט! עס זיצט מײן רבי, רײכערט אַ לאַנגען ליולקע־ציבעך. האַלט צו אײן אויג און װילל פערמאַכען דאָס צװײטע...

צו חלומט זיך מיר?

פלוצלינג אָפּפענט די מלאך־המות'טע אײן אויג און פראָגט:

— אַ צאָ, פּשיא יוחאַ, פּאָװיע רביצין, יאַק ציע טאָ זעמנאָן זאָבאַצי?

דער מלמד אָנפּערט נישט, אַ שמײכעל װײזט זיך אויף זײן פּנים און בײדע שלאָפען אײן....

זײ שנאָרכען און איך בענוץ די געלעגענהײט און מאַך „ױבֿרח"...

קינדער, אַח די אָרימע קינדער, װעללען צײט האָבען זיך אויסצוהײלען די בײאָנעבלאָהע ציבען...

אויסצופיהרען דעם פּלאַן פעהלט נישט מעהר נור אַ נדיב, ער זאָלל געבען די מלמדים אויף הוצאה...

נור נדיבים װאַקסען נישט װי די שװאָמען אין װאַלד, מען מוס דערװײל פערזאָרגען די קינדערליך מיט װאַקאַציעס! מיט די טאַטעס װילל מען גאָר נישט רעדען; מען װײסט, אַז זײ האָבען גאָר קײן מוח נישט צו פילוסופיא. מיר רעדען בעססער „צו אונזערע" מאַמעס! מען פערצײלט זײ, אַז אין די גרויסע היצען, בשעת „דער פער־מאָגליכער עולם קיהלען זיך אָב אויף די זוממער־װאָהנונג אונטער אַ שטן (!) פון אַ געדיכטען, פער־װאַקסענעם בוים" איז אונזערע קינדער מיט די „אַרויסגעשטעקטע טשאַקעס" זעהר שלעכט אין „אײנגען דושנעם חדר"... איהר זעהט, אַז מיר האָבען צו טהון מיט אַ פילוסוף, אַלץ געהט אויפ'ן הויכען אופן! נור דער פילוסוף האָט זיך באַלד דערשראָקקען פאַר זײנע אײגענע רײד, מען קאָנן דאָך איהן, חלילה, חושד זײן, אַז ער איז אַ שונא די חדרים, אַז ער װילל, חס ושלום, שקאַלען אויף זײער אָרט, דעריבער חאַפּט ער זיך באַלד צוריק: חס ושלום! — חס ושלום! שרײט ער — שיקט אײך די קינדער אין חדר אַרײן װיפיל איהר װילט *), נור „װאַקאַציע!" „זאָללען זיך די קינדער אין אַזוינע (!) היצען פאַפּראַװען די יונגע קאָרפּערליך אין געזונד"!...

---

*) און אפשר האָט דער פלוסוף קײנמאָל קײן חדר נישט געזעהן.

איך לויף איבער טהאל און בארג, וואלד אויס, וואלד איין און קום ענדליך אין א שטאדט אריין... איך קוק מיך אום עס איז מיין שטאדט! נור עס איז שטיל, גלייך דאס גאנצע שטאדטיל וואלט אויסגעשטארבען; די גאסען ליידיג, טהיר און טהויער און לאדען פערמאכט, די געוועלבער פערהאממערט... וואס איז דא אזוינס געשעהן? איך וויל לויפען אויף „אינזער" גאסס, נור דערווייל יאגען זיך דורך עטליכע ווייבער, אין וויכע ספאדניצעס מיט העלל בלאהע בלומען אויף די קאפף און פערוויינטע פנימער... איך שטוים מיך, אז עס איז ראש השנה, דער עולם איז אין שוהל, און די ווייבער לויפען פון קריאת התורה אנזייגען די קינדער אדער מבקר חולה זיין די קראנקע... מיין מאמע פלעגט אויך אזוי צו טהון אללע יאהר, און איך לויף גלייך אין שוהל אריין.

אין דער ווייבערישער שוהל אריין האב איך מורא צו געהען, די מאמע דארף נישט מעהר נור איהר טויטען זוהן צו זעהען, אזוי חלישט זי אויך יעדעס מאל אין שוהל און עס איז זי שווער צו דערמינטערן. און איך געה גלייך [illegible]ום טאטען.

איך קום אין שוהל אריין און קיינער זעהט מיך נישט... דורכגעהענדיג, ריהר איך מיך אללע מאל אן אין איינעם אנדערן און קיינער פיהלט מיך נישט, נור איך האב קיין צייט נישט זיך אויף דעם אללעם צוקוקקען, איך לויף גלייך צו מיט הארץ־קלאפפען צו דער מזרח־וואנד און שטעל זיך נעגען איבער דעם טאטען... ער זעהט מיך אויך נישט! איך רוק איהם אב דאס מחזורל, ער קוקט זיך אום, מיט א פערווינדערט און אביסל דערשראקקען פנים, ריקט עס צוריק און זאגט ווייטער נאך דעם בעל קורא...

איך זעץ מיך נעבען איהם אנידער, ער פיהלט נישט... ער פיהלט מיך נישט, חאטש איך שפאר מיך אינעם אן, שטעלל מיך אויף אויפן באנקיל און קוש איהן אין מויל אריין, חאטש איך נעם איהן ארום און דריק מיך צו'ן איהם צו — ער זעהט מיך נישט, ער פיהלט מיך נישט... איך בין אבגעשטארבען פאר דער וועלט... פארן טאטען אפילו...

און עס האפט מיך אן א שרעקליך געוויין, און איך ציה מיך אויס אויף דער וואנד, און שפאר אן דען קאפף מיטן פנים אראב אויפ'ן טאטענס שוים, און הייב אן אזוי צו שלאכצען אז —

ער וועקט מיך אויף און פיהרט מיך אב א קראנקען אהיים. —

י. ל. פרץ.

זעהט איהר: צוויי לשון־קדש־שרייבער האבען אויפגעבויט א הויז פון א מלמדישע אסיפה מיט ספענצערן און א זשארגאניסט היאט באלד ארויפגעשטעלט א פאהנדיל — וואקאציע! נור אונזער פילוסוף וויסט פריהער, אז די מאמעס וועללען פרעגען: וואס טהוט מען מיט די קינדער אין דער היים? זיי וועללען דאך אונז די קאפף אבדרעהען? איז ער מקדים די רפואה פאר דער מכה און אנפערט — גאנץ יודישליך — מיט א קשיא אויף א קשיא: און „ווער איז אייך שולדיג אין דעם [,] אז נישט טאקי איהר זעלבסט [?]" — פאר וואס? ווייל „איהר קאנט נישט, איהר ווייסט נישט אדער איהר פוילט אייך [צו] ערציהען [אייערע] קינדער"! ווארין טאקי: „פאר וואס האט איהר זיי נישט ערצויגען אזוי, אז זיי זאללען זיך צו־הויז אויפפיהרען ווי ליטווישע (!) קינדער?" הא?

איי וואס, ספענצער איז נאך נישט אין גאנצען ארויס, און די מלמדים זעננען זיך נאך נישט צוזאממען געפאהרען... דאס איז נישט זיין דאגה. ווען א פילוסוף, זאלל וועללען קוקקען אויף אזוינע קלייניקייטען וואלט ער קיינמאל קיין סיסטעם נישט געמאכט. און מאכען מוז מען! פאר „יהא מונח" און „תיקו" צאהלט מען נישט!

מיר וואלטען געקאנט אריינפיהרען אין בילאנס נאך א מאססע המצאות וועגען דעם ענין, נור ערשטענס זאגט דער דייטש, אז „אללער גוטען דינגע זינד דריי"... מיר אליין זאגען אויך: אין דרייען איז שטארקער אז דעריבער טאקי האבען מיר: שלשה שאכלו, אומרים ג' פעמים, שפיי אוים דריי

אויפען שאָססעע.

תהו ובהו איז צונד אויפ'ן טראַקט, וואָס פיהרט פון שטאָדטיל ק. צום שטאָדטיל ט.. ערשט נישט לאַנג האָט זיך די געצויגען אַ גרוביגער וועג, אין ביידע זייטען מיט ראָוועס, וואָס זענען שטאָנדיג פערשיטט געוועזען מיט ערד און בעוואַקסען מיט גראָז; צונד איז ער אין גאַנצען פערלעגט מיט נאָך נישט צוגעפּעסטע'ן שאַבער.

עטליכע וואָכען צוריק זענען דאָ אַראָבגעקומען אינזשאַניערען מיט יעאָמעטרען און האָבען געמאָסטען און גערעכענט און אָבגעשטעלט דען וועג. — פון אַלע זייטען האָט מען אָנגעהויבען פיהרען שטיינער צום צלטען טראַקט; דערנאָך האָט מען גאַנצע טאָג שטיינער געהאַקט און אין אַ קורצע צייט האָט זיך אין די זייטען פון וועג אויסגעצויגען אַ לאַנגע שורה מיט פריזעמעס שאַבער, אוינע גלייכע, דרייעקיגע פריזמעס, גלייך מען וואָלט זיי מיט אַ צירקעל געמאָסטען.

נאָך איידער עס ווערט רעכט טאָג, בעווייזט אַ ליכטעל אינם הייזעל ביים וועג, וואו דער „שרייבער" וואָהנט; ער האָט שוין בערעכענט די נאָכטיגע אַרבייט, דערהאַפּט זיך דאָס האַרץ מיט אַ פּאָר גלאָזליך בראָנפען און לאָזט זיך אַרויס אויפ'ן טראַקט, וואו די אַרבייטער וואַרטען שוין אויף איהן. די אַרבייטער זענען פויערען פון דער אומגעגענד, וואָס קאָננען זיך נישט דערנאָהרען פון די קליינע פעלדער, און אין „הויף" צאָהלט מען ערגער, ווי ביים שאָססעע.

דער „פּאַן-פּיסאַרז" ציילט איבער די אַרבייטער און דאַרף געבען אַ סיגנאַל, מען זאָלל אָנהייבען צו טהון, נאָר אין דער מינוט האָט זיך בעוויזען אַ נייע פיגור, גלייך זי וואָללט פון אונטער דער ערד אַרויס, און האָט זיך געשטעללט גלייך מיט אַלע אין דער שורה

דאָס איז געוועזען אַ יוד. נאָך אַ יונגער מאַנן, נור שוין אויסגעדאַרט און אָבגעמאַטערט. ווינדערליך האָט אויסגעזעהען די דאַרע טרוקענע פיגור, מיט איהרע שוואַרץ-פלאַמענדיגע אויגען און פערברענטע ליפּפּען, צווישען די אויסגערוהטע, פרישע, געזונדע און שטאַרקע פויערען.

ער איז געשטאַנען און געוואַרט מען זאָלל איהן פראָגען.

דער שרייבער האָט איהן בעטראַכט פון קאָפף ביז צו פיס.

— חיים'עק? — פרעגט ער — חיים'עק פון ק.?

דער יוד האָט אַראָבגענוממען דאָס היטעל און האָט זיך טיעף פערבויגען.

— ווי קוממסט דו אַהער? פראָגט דער

מאָל וכדומה און צווישענס — האָבען מיר זיך שוין אַזוי צולאָזט וועגען „צער גדול בנים", אַז עס בלייבט אונז אַזוי אויך שוין ווייניג פּלאַץ אויפ'ן רעשט בילאַנס.

אין געאָגראַפיע האָבען מיר אויך אַ גרויסע זאַך געטהון... מען האָט געפונען אַ גלייכען וועג מיט קפיצת הדרך פון אייזשישאָק און האָציפּלאָץ ביז חברון און ירושלים איבער אַרגענטינאַ און אין גאַנצען מיט איין סטאַציע אויפ'ן וועג — דעם באַראָן הירש'ס קעשענע. לעת עתה איז די סטאַציע נאָך צו, נור קוים וועט מען זי אָפּפנען, וועלען זיך אונזערע געאָגראַפען דאָרט אַנידער זעצען „בעזוויעזדנאַ" און פערשיקקען: די יודעלעך קיין אַרגענטינאַ און דאָס יודישקייט קיין ארץ ישראל. אַלס פּראָבע וועט מען דערוויל שיקקען לעהרער פון ארץ ישראל קיין אַרגענטינאַ, און איבער הונדערט און צוואַנציג יאָהר, אַז עס וועט ווערען איבעריג יודעלעך אין אַרגענטינאַ אויך, וועט מען דען עודף שיקקען צוריק אויפ'ן אייגענעם וועג קיין ארץ ישראל.

דען וועג, אייגענטליך, האָט שוין לאַנג געפונען סיר גאָלדשמיט, דען פּלאַן מיט די לעהרער און מיטן יודישקייט האָט אויפגעגעבען אַ געוויססער ד"ר אייזענשטאַט, און צו דער סטאַציע בענקען מיר אַלע, איינס ביי איינס... אַם בעסטען איז דער פּלאַן פאַרן יודישקייט: זי וועט דער טערק אַריינלאָזען פראַנק און פריי און לאָזען וואָהנען אפילו אין דער מערת המכפלה.—

אין דער פאָלקס-ווירטשאַפט האָבען מיר אויך נישט געשוויגען. אַז מיר יודען זענען אַ פאָלק מוזען מיר האָבען אַ ווירטשאַפט. האָבען מיר נאָך

מיט א קוישעל עפפעל.

— יודען געשווינד, קויפט שבת־אויבס! האט זי געריפען און איהר קול איז געוועזען אבגעריססען, הייזעריג און דאס פנים פערשווארצט...

— א רחמנות — טראכט ער — וואס פון איהר איז געווארען... און ער דערמאנט זיך, ווי זי האט אויסגעזעהען דעמעלט, זיצענדיג אויפ'ן קלאץ, בעגאססען מיט דער ליכט פון דער זונן...

געוואלטיג רייסען זיך איהם איצט אין הארץ אריין די אלטע זכרונות... און דערווייל איז דורכגעגאנגען דורך דער גאסס א ראטע מיט מוזיק, דעם קורא'ס קול ווערט פערהיל'עכט, פערשטיקט; דער מארש רייסט זיך אין ביהמ"ד אריין דורך אללע פענסטער און די קולות טאנצען ארום איבער אללע קעפף...

די ראטע איז ארויס פון גאסס. אינ'ם שטיללען ביהמ"ד הייבט זיך צוריק אויף דעם קורא'ס קול, נור ער איז נאך פערטראכט און, נישט וויסענדיג וואס ער טהוט, פערבייגט ער די ליפפען און וויל געבען א פייף —

נור דער שמש האט'ן א ציה געטהון ביי'ם טלית און געפרעגט: וועמען אויפרופען חמישי?

קיין רב איז נאך אלס נישט נפטר געווארען, און דער הויקער (אזוי רופט מען זיין ווייב אין שטאדט) האט שוין דריי קינדערליך געהאט...

דריי מאל איז זי שוין געלעגען אין קינפעט און ער האט געמוסט איהר ארט פערטרעטען און פערלייהען אויף משכנות.

צונד איז זי גלאט נישט אזוי אין גאנצען, און אין שטוב איז דא א סך צו טהון, מוז ער אפטערס זיך פערנעממען מיט'ן עסק... לערנען, לערנט ער ביי נאכט. עס ווייזט זיך אויס, אז א יודענע איז פארט נישט קיין מאנספערשוין... אמאל איז זי זיך גאר טועה. ער רעכענט א סך בעססער!

דאס געברויך ווערט גראססער און — וואו תורה דא איז חכמה — עס ווייזט זיך אויס, אז ער איז א גרויסער בריה אין דעם אויך... ער האט אלץ אויפ'ן קאפף... צו דער מינוט, צו דער קאפיקע!

איינמאל איז צונ'ם אריין געפאללען א יודענע מיט א געוויין: — בארגט מיר צו נאך א האלבען רובל, דאס משכון קאסט מיך 12 רובל, גענוממען האב איך אין גאנצען 4... דאס קינד איז מיר חרוב...

ער דערקאנט זי באלד אינ'ם קול, דאס איז זי... עפיס ווערט איהם קאלט און וואריס ארום הארץ, די האנד שטרעקט זיך אליין אויס צום ביטעל מיט געלד, וואס

קאנן מיך נישט אבבייסען ווי א גנב פון דער תליה...

נור פאר שלום האב איך מורא! פאר שטילקייט ציטטער איך אימת מות!

שלום איז צווישען גנבים, ווען זיי גרייטען זיך אן צו דער פינגער־מלאכה... זיי מאכען שלום מיט דער פינסטער'ר נאכט און צינדען קיין שטרייכהעלץ נישט אן... שלום מאכען זיי מיט יעדען וואלקען וואס ציהט זיך איבער דער לבנה... שלום מאכען זיי אפילו מיט'ן בריטאן אויפ'ן הויף און ווארפען איהם א שטיק „לא יחרץ" פלייש, צו פערשטאפפען דאס מויל...

נור פריוו זיך וויל שטיללערהייט און בשלום צו פעריאגען די אונגעבעטענע גאסט? דו מוסט ליכט מאכען, הויז־לייט וועקקען, קולות מאכען...

שלום און שטילל איז אויפ'ן קברות... אהן געוויש פרעססען זיך די ווארם אריין אין די מתים'ס לייבער, שטילל האלזט ארום דער מאך די אלטע מצבה און ציהט זי אין דער ערד אריין... שטילל רוישט דאס אריכע בוימעל, וואס ציהט אריין אין זיך דען קברים־זאפט... נור פריוו גיב תחית המתים!... מוסט דו פריהר בלאזען אויפ'ן שופר של משיח!

שטילל איז נאכט און טויט...

שלום איז טהייל מאל א שטארקער יצר הרע... דאס איז א וואר־״ע שטוב, א ווייכער פאטעל, ווייגארנע פאנטאפעל און א זיידענע שלאפמיץ... נור דאס אללעס צו בעקוממען טאר מען נישט געהן מיטן גלייכען וועג... און עס דאכט זיך — גאר נישט... צו בין איך דען מחויב צו זאגען דען אמת? דערנאך: וואס שאדט א שקר'ל מפני דרכי השלום? און אויב א גראססערס, נור אזא געלאססענס,

שטעהט פאר'ן אויפ'ן טיש.

נור ער האט זיך באלד דערמאנט וואו ער איז... ער האט א ווייב מיט קינדער און זי איז דאך איין אשת־איש, ער האט מיט כח בערוהיגט דאס ציטטער־דיגע הארץ, מיט כח זיך אויסגעגלייכט און אבגעשטעלט א געוואהנליך רוהיג און שמערצנג פנים —

— איך קאנן נישט! אנפערט ער איהר — איך האב מיר מיין מאקסע...

— נישט איהר — וויינט פאר איהם מרים — אייער ווייב האט מיר געגעבען...

— אלץ איינם — האקט ער איהר איבער מיט א הארט־טרוקען קול — מיין ווייב ווייסט אודאי וואס זי טהוט! מעהר קאנן מען נישט געבען —

זי בלייבט שטעהען מיט דערשראק־קענע אויגען און איין אפפען מויל. דאס איז איהר לעצטע האפפנונג געוועזען; אין דער היים ליעגט דאס קינד אין א שראק־ליכער היץ, דער מאנן איז אין דארף. זי הייבט אן שטאמלען איהר געבעט:

— מיין קינד... מיין מאנן...

— מיין ליעבע יורענע — אנפערט ער איהר — וואס געהט מיך אן אייער מאנן, אייער קינד?... און ער פערשליעסט האס־טיג די שופלאדע, און געהט ארוים אין דער צווייטער שטוב אריין...

— גאטט וועט אייך שטראפען דער־פאר! שרייט איהם נאך די פערצווייפעלטע יורענע און לויפט ארוים פון שטוב.

ערשט צום זעכציגסטען יאהר האט זיך איהם געמאכט א גרויס רבנות, נור דעמעלט איז ער שוין קראנק געוועזען... און איז שוין פון דער קראנק נישט אויפ־געשטאנען.

נור א וואונדער! נאך דער ווידוי, א רגע פאר'ן טויט, האט ער אנגעהויבען פייפען, אז מען האט געהערט אין גאסס.

נ. גייזשוו.

א רפואה צו דיפטעריט.

אין דער צייט פון פארע און עלעקטריציטאט איז זיך שוועער פארצו־שטעללען, אז פאלקער זאללען זיך קאננען אבטהיילען צוריק ווי א מאל, אין די אלטע פרומע יאהרען, און פיהרען איביגע מלחמות.

אומזיסט בעמיהען זיך די שאוויניסטען אויפצובלאזען דען האסס צווישען פאלקער. מיט יעדער מינוט וואקסט די איבערצייגונג, אז אללע מענשען, אויב זיי וויללען באמת

א חנו'דיגע? מענשען האבען עס אזוי ליעב, די ארימע אונגליקליכע מענשען... און אזוי פאלט מען אלץ נידריגער און נידריגער, ביז מען דריקט די פערבלוטיגסטע האנד, מען קושט דאס גראסטע לאסטער־מויל און מען מאכט שותפות מיט'ן ערגסטען באנדיט... א, ניין! שלום איז א שראקליכע זאך... שלום איז דער שקר אלליין.

ניין, איך וויל אויף שלום נישט בעטען!

איך האב אמאל א געליעבטע געהאט.

איך האב זי ליעב געהאט, חאטש זי איז ארים און אדם־נאקיט געוועזען... איך האב זי ליעב געהאט, ווייל איך בין, ווי איך האב נישט איין מאל שוין געזאגט, א פערפאללענער ראמאנטיקער און א אידעאליסט אין דער „רעאליסטישער צייט"! און זי האט מיר אויסגעזעהען אזוי שאן, אזוי אידעאלנע שאן, אזוי ערהאבען, אזוי עדעלמיטהיג, אזוי גוט... א געוויססע צייט איז זי מיין מוזע געוועזען, און דעמעלט האבען זיך פון מיין הארפעס סטרונעס אבגעריססען סאמע ווייכע, סאמע זיססע, סאמע ער־האבענע טאנער — ווייל איך האב פון פוללען, ווייכען הארץ איהר לויב געזונגען! איך האב דעמעלט גוטע נאכט און זיסע חלומות געראט, ווייל זי איז מיר נאכט אויף נאכט ביי'ם בעט געשטאנען, צארטליך מיר די האהר געשטרייכעלט, מיט די כאמעטענע ווארימע האנדליך דאס פנים געגלעט... איך האב אין שלאף איהר ראזיגען אטהעם געפיהלט, און בין גאנץ אפט אויפגעשטאנען מיט ברעננענדיגע ליפפען פון איהר'ס א האנניג־קוש.

ַנטוויקלען זיך און אויסבילדען, מוזען אַרבייטען צוזאַממען. די ערשטע, וואָס ווילל נישט וויססען פֿון גראַניצען און צאָלל איז די וויססענשאַפֿט, און די קאָנגרעססען פֿון געלעהרטע פֿון פֿערשיעדענע לאַנדער מעהרען זיך פֿון יאָהר צו יאָהר.

ערשט פֿאַר אַ פּאָר חדשים איז געוועזען אין רוים אַ קאָנגרעס פֿון דאָקטוירים; פֿאַר צוויי וואָכען ווידער האָט זיך פֿערזאַמ־מעלט אין בודאַפּעסט, אין הויפּטשטאָדט פֿון אונגאַרן, אַ קאָנגרעס פֿון היגיעניסטען, און מיר ווילל'ען זיך טהיילען מיט אונזערע לעזער מיט אַ גוטע בשורה פֿון דעם לעצטען קאָנגרעס. עס געהט וועגען אַ רפֿואה אויף דיפֿטעריטוס.

יעדער ווייסט, וואָס פֿאַר אַ שרעק־ליכע קראַנקהייט עס איז דער דיפֿטעריט, ווי פֿיעל טויזענדער קינדער ער נעמט ביי אונז צו. דען דיפֿטעריטוס האָבען מיר — גלייך ווי חאָלערא, שווינדזוכט, טיפֿוס און פּאָקקען — צו פֿערדאַנקען די מיקראָבען, די קליינע בריאה, וואָס מיר זעהען נישט מיט די בלויסע אויגען נור דורך אַ מיקראָסקאָפּ — אַ שפּאַקטיוו, וואָס פֿערגראָססערט טויזענדער מאָל. ביי דיפֿטעריטוס מאַכען זיך ביים קינד אין האַלז, אין דער קעהל, ווייסע בלאָטערליך, וואָס זענען די נאָםט, וואו די געפֿאָהרליכע דיפֿטעריט־מיקראָבען האַלטען

זיך, זענען זיך שראָקליך פּרה ורבה, און לאָזען פֿון זיך זייער טאָקסינא — דען סם, וואָס פֿערגיפֿט דאָס בלוט.

מיט די איינענע מיקראָבען טאַקי ווילל מען צונד היילען די קראַנק.

אין פֿלוג זעהט עס ווילד אויס, צו היילען אַ קראַנק מיט דער קראַנק אַליין, און דאָך איז עס זעהר ריכטיג.

אַ טהייל פֿון די קראַנקהייטען, אויף וועלכע מענשען ליידען, האַלטען זיך אויך ביי פֿערשיעדענע טהירע, אַנדערע האָבען אויף זיי גאָר קיין שליטה נישט, אָדער — זיי געהען גאַנץ לייכט איבער און זענען ביי זיי גאָר נישט געפֿאָהרליך. ציעגען, למשל, ליידען נישט אויף שווינדזוכט. חאָלערא האָט אויף קיין טהיער קיין שליטה נישט, קיה ליידען אויף פּאָקקען, נור דער איבערגאַנג איז ביי זיי שוואַך און קיינמאָל נישט געפֿאָהרליך.

צוריק מיט הונדערט יאָהר האָט איין ענגלישער דאָקטאָר דשעננער בעמערקט, אַז מענשען, וואָס האָבען זיך צופֿאָלליג אַנ־געשטעקט (זאַראַזשעט) מיט פּאָקען פֿון קיה, האַלטען איבער די זאַראַזע זייער לייכט און ווערען שוין קיינמאָל נישט קראַנק אויף פּאָקקען, אַפֿילו בשעת מגפֿה. און דעמאָלט זענען פּאָקקען געוועזען איין אונגעהייער געפֿאָהרליכע, עפּידעמישע קראַנק, וואָס

מיין דער צייט האָט זיך מיין געליעבטע פֿער־דאָרבען: זי איז אַ צנועה געוואָרען און אויסגע־זייגט זיך די הימעל־בלאָהע אויגען ביי די נאַרישע תחינות; זי איז אַ גבאי'תע געוואָרען, אָנגעהויבען רבני'שען טאַבאַק צו שמעקען און דער אַמאָליגע רויזענבעכער זעהט היינט אויס ווי אַ דאָפּעלטער, איבערגעקעהרטער קוימען... זי איז אַ טוקערן גע־וואָרען און אויפֿ'ן אָרט פֿון מאַנדלען פֿיהלט מען מיילען ווייט פֿון איהר שימעל און מקוה־וואַסער... און זי חבר'ט זיך היינט מיט רבנים, מלמדים און ישיבה־בחורים און געהט אַרום מיט אַ צדקה־פּושקע אין די הייזער... אויף הכנסת כלה.—

איך וואָלט איהר דאָס אַלץ מוחל געוועזען, עס זאָל זיין אמת... עס איז אָבער אין גאַנצען באַלש... זי חאַפּט זיך טהייל־מאָל אַרוים פֿון דער

חברה און קאַנקאַניערט אין מיט'ן גאַס ביי'ן אַ שאַרמאַנקע אָדער בריעט זיך אויס די גליעדער אין די הויף צווישען אַבגעריססענע שוואַרצע־קינסטלער... אויך אויף הכנסת כלה.

מיט דער צייט איז זי פֿאַראומרייניגט, פֿער־נאַכלאַססיגט און פֿערוואָרלאָססיגט געוואָרען...

איך ווילל איהר נאָמען בסוד נישט האַלטען... „חבת־ציון" הייסט די דאַמע...

און אַז איך זעה זי, שטאַרבט אין מיר דאָס האַרץ פֿאַר רחמנות און עס גיעסט זיך איבער די גאַלל פֿאַר כעס... און העלפֿען קאָן איך נישט...

איך האָב קיין האָפֿנונג נישט אפילו אויפֿ'ן שפּאַלט אין הימעל! מיין הייסע בקשה: דער רבונו של עולם זאָלל זי אויסרייניגען, צוריק פֿריש, געזונד און יונג מאַכען, אויסרייסען זי פֿון דער

האט ווייסט געמאכט גאנצע שטאדט.

דעם דאקטאר דשעננער איז איינגעפאללען צו פריוועז קונציג צו זאראזשען מענשען מיט קוה-פאקקען, כדי זיי זאללען שוין אבסעקורירט זיין געגען די געפאהרליכע מענשליכע פאקקען. צו דעם צוועק האט ער גענוממען און איינגעאימפפט — דאס הייסט [illegible]ריינגעפיהרט א געוויססע צאהל מענשען אונטער דער הויט, אביסל מאטעריע פון די פאקקען-קרעצליך ביי קיה, און האט זיך איבערגעצייגט, אז זיי קריגען טאקי פאקקען, נור לייכטע און ווערען באלד און זיכער געזונד און געשיצט שוין פאר דער מגפה!

דעמאלט האט מען נאך פון מיקראבען נישט געוואוסט, דאך האט מען זיך ריכטיג פערטייטשט, אז אונזער קארפער קאן זיך צוגעוואהנען צו דער קראנק און ווערען אטפארנע — ווידערשטאנדספאהיג געגען איהר, אויב זי — די קראנק — בעפאלט זיי נישט מיט א[illegible]ל מיט א שטארקען כח.

דער פראיעקט פון דאקטאר דשעננער איז זעלטען וואהל געראטהען און עד היום, אין אללע געבילדעטע לאנדער, זעננען די אלטערן מחויב צו שטעללען די קינדער קוה-פאקקען, צו אססעקוריערען זיי געגען אמת'ע פאקקען.

היינט ווייסען מיר שוין, אז ביי פאקקען האבען מיר צוטהון מיט מיקראבען, וואס זעננען ביי קוה ווייניגער גיפטיג אלין ביי מענשען, און אז מען שפריצט זיי ביי אונז אריין אינם בלוט, געוויינען מיר זיך צו זיי, און קריגען דאדורך דען כח אויסצושטעהן די גיפטיגערע פאקקען, פונקט אזוי ווי מיר געוויינען זיך צו דעם סם פון רייכער'ן און בראנפען טרינקען.

צו קאנן מען נישט דאס איינגענע פרובען ביי אנדערע מיקראבען?

דער בעריהמטער דאקטאר פאסטיער אין פאריז, האט אנגעווענדט די איינגענע מעטאדע צו וואססערשייו (ושציעקליוזנא, וואדאבאיאן), און היילט אויס א גרויסען פראצענט קראנקע.

אויף דעם איינגענעם אופן האט דער בערלינער דאקטאר קאך געוואלט היילען טיפוס, סיפיליס און שווינדזוכט, נור עס איז נאך עד היום נישט געראטען, חאטש די וועלט האט שוין געקלונגען מיט א בשורה טובה, אז עס איז שוין אויס לונגענפעהלער.

מיט דער איינגענעם מעטאדע, לויט ווי ער האט עס פארגעשטעלט דעם קאנגרעסס, היילט דער דאקטאר רו, פאסטערס א תלמיד, דען דיפטעריט.

ער נעמט דיפטעריט-מיקראבען (א

שווארצער חברה'ס האנד און איהר צוריק געבען דען עהרליכען, פרייען, געזונדען כשוף — די בקשה קאנן נישט איינגעפאסט ווערען אין איין ווארט און דער הימעל שפאלט זיך נור אויף איין סעקונדע...

איך האב נאך אנדערע אפשר בעססער'ע און וויכטיגערע בקשות און זיי וואלטען זיך דוקא געלאזט איינפאססען אין איין ווארט, אין איין איינציג ווארט שארף ווי דער בליץ, שטארק ווי דער דונער... נור צום הימעל איז ווייט, מען מוס שרייען הויך און — שטיוועל האבען אויערן, אקסען לאנגע צונגען און איך — איך האב שטארק, שטארק מורא...

[illegible]

גוט-יום-טוב ביטען.

א) ביי'ם בעל-הבית.

ביי טודרוס דעם מאבעלהאנדלער איז פולל געוועזען דאס שטוב מיט גאסט, ווען עס זענען אריינגעקוממען צו איהם גוט-יום-טוב ביטען זיינע ארבייטער: ליזער דער הויכער, אברהם'ל דער געלער און יענקל דער דארער.

די ארבייטער האבען זיך אביסל פערלארען, געפינענדיג אזוי פיעל גאסט... דאך שמייכלען זיי, און ליזער דער הויכער דערוועגט זיך אויסרופען מיט א ברייטקייט, האטש נישט אזוי הויך: גוט יום-טוב!!

— א, סקאציל קומט! אנטפערט די בעל-הבית

ביסל מאטעריע פון די בלאטליך אין א קראנקענס קעהל) אונ לאזט זי אריין אין בוליאן (א זאפט פון פלייש). אין דעם זאפט מעהרען זיי זיך געשווינד אונ לאזען פון זיך ארויס די טאקסינא, דען סם, וואס איז אזוי שאדליך פאר אונזערע קינדער. די טאקסינא איז אזוי שטארק, אז עס איז גענוג אריין צו שפריצען איין טראפפען א ים-חזיר'ל אונטער דער הויט, עס זאלל פאללען אין עטליכע שטונדען; דאך קאנן מען זיך צום סם צוגעוואהנען. דער דאקטאר רו האט עס פראביערט ביי פערד: ער האט זיי אריינגעשפריצט אונטער דער הויט אללע מאל גראססערע ז'אזען (חלקים) פון דעם סם, אונ געברענגט זיי דערצו, אז עס האט זיי אויפגעהערט צו שאטטען. אזא פערד איז שוין אויף אייביג אסעקוריערט פאר דיפטעריטום, אונ אז מען שפריצט אריין א מענש אביסל סוראוויצע *) פון אזא פערד'ס בלוט, קאנן עס איהן ראטיוועו פון דער שרעקליכער קראנק, ווייל עס ברענגט אין אונזער בלוט אריין א קליין ביסל גיפט צו וועלכען אונזער בלוט געוואהנט זיך זעהר לייכט אונ ווערט אזויערנא- פעהיג גובר צו זיין די שטארקערע מיקראבען מיט זייער שטארקערען סם.

אזא סוראוויצע שפריצט דער דאק-טאר רו אריין דעם קראנקען קינד אין קעהל אריין, אונ, אויב די קראנק איז נאך אין דער התחלה אונ נישט שטארק ענטוויק-קעלט, ראטיוועט ער עס פון זיכערן טויט...

דער בעסטער עדות זעגנען ציפער:

פון 446 קראנקע קינדער, וואס דער דאקטאר רו האט געהיילט לויט זיין מע-טאדע, זעננען געזונד געווארען 339, דאס הייסט 76 %, בשעת ווען פון 520 קינדער, וואס מען האט געהיילט לויט דער אלטער מעטאדע זעננען געזונד געווארען קוים 240, ד. ה. אין גאנצען 40 %.

איהר זעהט, אז מיט דער נייער מע-טאדע וועט מען מיליאנען קינדער ראטיוועו פון טויט!

גינאונג סטלצבל,

סטוד. מעדיצ.

*) דאס וואסעריגע טהייל, וואס בלייבט ווען דאס בלוט ווערט גערוננען.

טע, וואס האט אויפגעהויבען דען קאפף, אונ א קיק געטהון, ווער עס איז געקומען.

— א, ס'קאצין קומט! חור'ט איבער דעם בעל-הבית קליינער זוהן מיט א דינן קול'כל אונ גיט א קלאפ לייזער דעם הויכען אין רוקען.

לייזער שמייכעלט.

מען וויזט זיי אן אויף שטוהלען ביי'ם עק טיש, אונ זיי זעצען זיך מיט דרך-ארץ, פער-קאסטענדיג די פאלעס פון די ראק. זיי וויסען נישט וואס צו טהון מיט זיך אונ קוקען ארום אויף די וואנד, בעטראכטען די בילדער, טאפען די שטוהלען אונטער זיך.

— וואס זיצט איהר אזוי? — זאגט זיי ענדליך דער בעל-הבית, איבערייסענדיג זיין געשפרעך מיט די אויבענאנעדיגע גאסט — גיסט זיך אן אונ מאכט לחיים.

לייזער דער הויכער הערבט זיך אויף פון זיין ארט, וויל דערלאנגען צו דער פלאש מיט בראנפען, וואס שטעהט פאר איהם, ער ציהט זיך כמעט אוים אויפן טיש.

— אי, ביי איהם זענען צוויססע די...! — שרייט אוים דער קליינער זוהן אונ פאטשט מיט די האנד — דא הינטען צוויססען...

לייזער ווערט רויט; אברהם'ל אונ יענקל פע-שאכען זיך אויך. דאס יונגעל שפארט זיך נאך אין, אונ וויל דוקא לייזער'ן אויפהייבען אונ ווייזע דען ריסס. די מאמע שרייט אויף איהם אן, אונ ער געהט מיט א גלאבטער אב.

לייזער האט דערווייל אנגעגאסען זיך מיט די חברים.

— לחיים! מאכט ער צום בעל הבית, לחיים...

— לחיים! האלטען איהם אונטער אברהם'ל מיט יענקלען.

לייזער שמייכעלט — ער וויל נאך עפיס זאגען.

— לחיים, לחיים! אנטפערט זיי דער בעל-הבית, איבערייסענדיג זיין געשפרעך מיט א יודען אין א צילינדער, אונ קעהרט זיך אום צום צילינדער צוריק.

לייזער מאַכט מיט די ליפּפען; אברהם'ל און יענקל קוקען אויף איהן.

— לחיים! זאָגט לייזער ענדליך אַרויס, ווענדענדיג זיך צו דער בעל־הבית'טע.

— לחיים! חזר'ן איבער די חברים.

— לחיים טובים ולשלום! ענטפערט זי זיי און קעהרט צוריק אָב דען קאָפּף צו דער יודענע, מיט וועלכער זי האָט גערעדט.

— הלואי אויף אייער רבקה'ס חתונה! ווינשט לייזער מיט אַ חנפריגען שמייכעל. די חברים העלפען איהם שמייכלען.

די בעל־הבית'טע שמייכעלט אָב צוריק האָפליך, אָנייג טהיענדיג מיט'ן קאָפּף.

זיי טרינקען אויס די כוסות און פערבייסען. עססענדיג, האָרען זיי זיך צו צום בעל־הבית געשפּראַך; ער רעדט פון זיינע געשעפטען.

— איך האָב, דאַנק גאָטט, נישט וואָס צו זינדיגען — רעדט ר' טודרוס מיט אַ פראָהליכען טאָן — אַ נאָמען, דאַנק גאָטט, ווייסט איהר דאָך אַלליין... מענשען, דאַנק גאָטט, לעבען פון מיר... — ער ווייזט אָן מיט דער האַנד אויף דעם עק טיש, וואו עס זיטצען די אַרבייטער — און אַלץ איז, לויב גאָטט — זאָגט ער, ווערענדיג נאָך פראָהליכער און ציפּאַטשענדיג מיט דער האַנד אויפ'ן טיש — און לאָמיר טאַקי נעהמען לחיים.

ער העבט אָן אָנגיססען די באָכער.

— ווייסט גאָר וואָס, יענקל? — ווענדט ער זיך צום דאַרען — זינג אונז גאָר דיין „מכלכל חיים". אַי, האָט ער אַ „מכלכל חיים" — זאָגט ער צו די אַרימיגע גאָסט. זיי שטעללען אָן די אויגען אויף יענקלען.

אויף יענקלס געזיכט טרעטען אַרויס רויטע פלעקען.

— נו העב אָן! קאָמאַנדירט דער בעל־הבית.

— היינט קאָן איך עפּיס נישט זינגען — ענטפערט יענקל — עפּיס הוסט איך און אין האַרץ טוט מיר וועה.

— נו, נו, לאָז זיך נישט בעטען — דערווידערט איהם ר' טודרוס — אַ נייס ביי דיר הוסטען. נעם אַ ביסל בראָנפען און זינג... לאָז זיך נישט בעטען... גיס איהם אָן, לייזער!

לייזער גיסט אָן, און אַללע קוקען אויף יענקלען. יעקל דערווידערט נישט מעהר. ער מאַכט לחיים, זופּט אָב אַביסל און קוקט זיך איבער מיט לייזער'ן און אברהם'לען.

— איהר־ט־אָך אונטערהעלפען? זאָגט ער זיי שטיל. האַלב בעטענדיג, האַלב הייסענדיג. ער העבט אָן מאַכען „די שטעל", קוקענדיג אונטערן טיש. די חברים העלפען אונטער: פּאָם, פּאָם, פּאָם... דער בעל־הבית קוועלט.

— איהר וועט האָרען... אַ טהייער שטיק, זאָגט ער צו די גאָסט און העבט אָן אונטערציהען דען נגון.

נור פלוצלינג צוהוסט זיך יענקל שטאַרק. ער קאָן קוים דען אָטהעם האַפּען, ער האַלט זיך פאַר'ן האַרץ; אַ שווייס בעדעקט זיין שטערן... די חברים קוקען אויף איהן פערוואָרגט ברוממענדיג זייער „פּאָם, פּאָם"... די גאָסט קעהרען אָב די פּנימער מיט עקעל.

— אַ, אַ פּלאַגע! — מאַכט דער בעל־הבית פערדראָססיג, — איטצטער איז שוין פערפאַללען — ער וועט זיך שוין נישט אָבהוסטען... דאָס שטיק איז אָבער אַ מין הפּלא, זאָג איך אייך...

יענקל קאָן זיך טאַקי נישט אָבהוסטען און שטעהט אויף פון אָ־ט אַוועקגעהן אַהיים, די חברים העבען זיך אויך אויף.

— אַי, ביזט דו אַ מענש! זאָגט דער בעל־הבית צו יענקלען — מען בעט דיך עפּיס אויסזינגען, פערהוסט דו זיך!..

די בעל־הבית'טע בעמערקט דערווייל אויף אברהם'לען אַ נייען ראָק.

— זעה, דאָס איז ביי דיר אַ נייס? — מאַכט זי צו איהם חנו'דיג, — טראָג געזונדערהייט! וויפיעל האָסט'ע בעצאָהלט?

— ער קאָסט מיך אַ רובעל אַכט — ענטפערט אברהם'ל, רויט ווערענדיג — ביי אָשר'ן גענומען אויף אויסצאָהלען...

— אַ שאָנער ראָק! זעהסט, טודרוס, — ווענדט זי זיך צום מאַנן, — זעהסט סאַר' אַ ראָק אויף אברהם'לען? כמעט אַ שאָנערער פאַר דיינעם...

— מילא! ענטפערט ר' טודרוס מיט אַ זיססען שמייכעל און העבט זיך אָן בעריהמען פאַר זיינע גאָסט, אַז ער האָט ליעב, מענשען זאָללען ביי איהם פערדיענען.

די אַרבייטער ווינשען אַללעמען אַ גוט יום־טוב און געהען אַוועק.

— ווייז, ווייז דען ריסס! שרייט דאָס יונגעל, נאָכלויפענדיג לייזערן און העבענדיג ביי איהם די פּאָלעס פון ראָק..

— האָרט! שרייט דער בעל־הבית זיי נאָך, — מאָרגען זעהט למען השם, וואָס פריהער קוממען צו דער אַרבייט...

ב) ביים „מענש".

ביי שלום, משה קאַרלינס משרת, האָבען זיך שוין אַסך גאָסט צונויפגעקליבען, אָבער עס איז נאָך אַלץ נישט שמחת־תורה'דיג, אפילו הירשעל דער פּויקער, וואָס פון איהם קאָן מען בלייבען אָהן אַ בויך לאַכענדיג, זיטצט אויך כּבֿעט גאָר ווי אַ סטאַטיק. ער וואַרפט אפילו אַ מאָל אַרויס אַ שטוקע—

זיך אָן אויף זיין אַקסעל און הייבט זיך אויף מיט מיה, האַלטענדיג דאָס קינד ביי דער האַנד...

ער בלייבט שטעהן און אָטהעמט אָב שווער; זיין געזיכט איז נאָך בלאַסער געוואָרען, ער מאַכט אַ פּאָר טריט, עטליכע טראָפּען שווייס בעדעקקען איהם דען שטערן.

אַ פרייד בעווייזט זיך אויפ'ן קינדס רויזיגען פּנים, נור דער בלאַססער יונגער מאַן דריקט עס ביי דער האַנד און בעט עס זאָל שווייגען.

דאָס קינד קאָנן זיך אָבער נישט איינהאַלטען.

— „מאַמאַ!" — האָט עס אויסגעשריגען מיט פריידע. „מאַמאַ! דער טאַטע געהט שוין אַליין!".

די פרוי פון אונטערן־קאַשטאַן האָט זיך אויפגעהאַפּט פון דער טיעפער זאָרג, זי איז אַרויס אויף דער אַללעע און איהר געזיכט מיט זיסער רעזיגנאַציאָן האָט בעלייכט אַ גליקליכער שמייכעל.

ב. די אַקאַציע.

אויפ'ן הויף פון רעסטאָראַן אין אַ ווינקעל צווישען דער מויער פון קיך אין אַ הויכען פּאַרקאַן פון צווייטען הויז, איז אויפגעוואַקסען איין אַקאַציע. די צווייגען, צו וועלכע די זונן קומט קיינמאָל נישט צו, זעננען איינגעצויגען, איינגעהאָרבעט ווי פון איין אַלטער פאַר דער צייט. די דיקק־פערשטויבטע בלאָטטער האָבען זיך איינגעוויקעלט און האָנגען אַראָב אָהן כח. ביים שטאַם פון בוים האָט די דינערשאַפט איהר אָרט צו וואַשען געפּיסס... צווישען די צווייגען טריקענען זיך גאַנץ אָפט האַנדטיכער, מציערקים... אָרטערווייז איז זי בעשפּריצט מיט ברודיג וואַססער, בעוואָרפען מיט רעשטליך עססען...

אַזוי זעה איך זי דורכען פענסטער טרויעריג וואַקסען אויפ'ן ענגען הויף, אין שלעכטער לופט, בענקענדיג צו'ן אַ שטראַהל פון דער זונן, צו'ן אַ געזאַנג פון אַ פויגעל, וואָס זי האָט נאָך אָפשר קיינמאָל נישט געהערט!

און ביי נאַכט, אַז דער ווינד רוישט צווישען די צווייגען, דאַכט זיך מיר, אַז איך האָר איהר טרויריג געזאַנג, אַז דאָס קלאָגט זי זיך פאַר גאָטט און דער וועלט אויף איהר מזל. —

היינט האָט זיך די לבנה אַריינגעגנבעט צו מיר אין שטוב, דורך די נישט גוט צוזאַממענגעצויגענע פאָרהאָנגליך. זי האָט געוואָרפען ציטטעריגע ווייסע שטראַלען אויפ'ן פוסבאָדען און איך האָב דעריבער נישט געקאָנט איינשלאָפען. — איך בין אַראָב פון בעטט און געוואָלט צוזאַממענציהען די פאָרהאָנגליך, נור מיר איז איינגעפאַללען איין אויג צו וואַרפען אויף דער אַקאַציע, צו זעהען איהר טרויריג פּנים, און צו האָרען דאָס נאָך טרויעריגע רו שען פון איהרע בלאַטטער... עס האָט זיך מיר עפּיס פערגלוסט צו האָרען דאָס געזאַנג פון באָנגשאַפט און עלענד.

איך האָב אַרויסגעקוקט....

די לבנה האָט שנעלל געשוועבט איבערן הימעל און אין איהר ליכט האָב איך די אַקאַציע קוים דערקאָנט. — באָדענדיג זיך אין א ים פון דער לבנה'ס ווייס־זילבערנע שטראַהלען איז זי געשטאַנען אויסגעגלייכט, ווי אויפגעוואַקסען, און האָט זיך לייכט געוויעגט צום טאַקט פון שטיללען נאַכט־ווינטעל מיט טויזענד ציטטעריגע בלאָטטער.

ניין! דאָס איז קיין רוישען; דאָס איז געזאַנג! איך קאָנן דאָס ליעד — דאָס ליעד פון לעבען, פון ליעבע און גליק...

דער מאָנד אין הימעל דאָס איז דער בן מלך... ער בעשיינט מיט זיינע ווייס־זילבערנע ליעבעס־שטראַהלען די בת מלכה, זיין פערליעבטע אַקאַציע... און זי זינגט איהם דאָס ליעד פון לעבען, ליעבע און גליק...

פראַנציסקאַ זורנשטיין.

אַפֿאָריזמען.

1) ווען דער הוט, וואָס מיר טראָגען אויפ'ן קאָפּף, זאָלל קאָננען דענקען אונג דערביי פֿרום זיין, וואָלט ער געזאָגט מיט התלהבות: „ברוך שעשני קאַפּעלוש; געלויבט איז דער, וואָס האָט מיר אַ מענש בעשאַפֿפען, ער זאָלל שטעהען אין מיין דיענסט אונ אַרומטראָגען מיך אין די גאַססען, איך זאָל מיך נישט דאַרפֿען אָנריהרען אין דער בלאָטע".

2) דער מענש וואָס זאָגט פֿאַר'ן שלאָף: „געלויבט איז גאָטט פּטור אַ טאָג", איז נישט ווערטה אויפֿצושטעהן.

3) אַללע דראַפּען זיך אַרויף אין דער הויך; וויניג קוממען אַרויף אונ נאָך וויניגער בלייבען אויבען: אַ סך קריגען קאָפּף־שווינדעל אונ פֿאַללען אַראָב, אונ אַ סך רוקקען זיך אַליין אַראָב, אַבי צו קריגען אַ פֿעסטערן גרונד אונטער די פֿיס.

4) ווער איז דער גראָסטער פֿייגלינג? דער וואָס שטאַרבט פֿאַר שראָק פֿאַר'ן טויט.

5) די וואָס האָבען אַ פֿולל האַרץ מיט פּראָבנאָ, ווילל'ען עס זאָלל זיין נאַכט, זיי זאָללען קענגען לייבטען.

6) דער פֿאָרטשריט בעשטעהט אין דעם, מען זאָלל וואָס אַ מאָל וויניגער ברויכען די, וואָס זענגען זיך מקריב פֿאַר דער וועלט

7) „גלויבען" — איז אַ חשק צו פֿערשיטטען דען אָבגרונד צווישען „וועללען" אונ „האָבען".

8) אַז מען זאָגט: דאָס פֿאָלק איז אָרעם, חאַפּט זיך דער רייבער אָן ביי דער קעשענע.

זיגמונד סטענצעל.

סט. מעדיצ.

וויצען.

1) דער דאָקטאָר (צום קראַנקען) די טראָפּפען
דאַרף מען נעמען דריי מאָל
אין טאָג נאָכן עססען.

דער קראַנקער: נישט מאָגליך!

דער דאָקטאָר: ווי הייסט?

דער קראַנקער: ווער וועט מיר דריי מאָל אין טאָג געבען צו עססען?

2) אַל תהי ברכת הדיוט קלה בעיניך; וויל וואָס גראָ— איז נישט לייכט.

3) די פֿרומע עססען ראש השנה אַ ראש כבש, דאָס הייסט: זיי ווילל'ען נישט זיין פֿון עקק, נור — נישט קליגער פֿאַר אַ שעבס.

אינהאַלט: פֿון יחזקאל — געדיכט — [י. ל. פרץ]. — דער חלום [י. ל. פרץ]. — אויפ'ן שאָססע [י. רודקאָווסקי]. — בילדער פֿון קור־אָרט [פֿראַנציסקא אַרנשטיין]. פֿעליעטאָנען: צום נייעם יאָהר [גרשום לעווין, סד. מעדיצ.]. — אַלץ פֿערלוירען [נ. פֿרענק]. — אַפֿאָריזמען [זיגמונד סטענצעל]. — וויצען.

הושענא

וואס טראכטען און קלערען?

(נאכאהמונג)

וואס טראכטען און קלערען
גערונצעלטע שטערען
ווען ס'ווערען אין ד'אויגען
פערבאקקען די טרערען?
וואס טראכט און וואס חלומט
די שטומפיגע קנואל?
צו בליגט דארט חאטש איינמאל
אין לעבען די שבראהל,
וואס לייכט אונז ביים זוכען
אין פינסטערע טאג
דער ארימער מענשהייטס
פערלוירענען וועג?

וואס טראכטען, וואס קלערען
די אללע, וואס שטיפען
די טאטשקע פון צרות?
צו שיינט אויף די ליפען
וואס שיילען זיך, ברענגען
פון גאביגע זארגען,
חאטש איינמאל א שמייכעל
אין אבגלאנץ פון מארגען,
פון גליקליכען מארגען,
וואס אונז מאכט בעקאנט
דעם פינסטערן הימעלס
פערגאלדעטער ראנד?

וואס טראכט זיך דער הונגער
אין קעללער פערשמאכט?
דער שלאף וויל ניט קומען
און שטיל איז די נאכט;
צו הערט ער אין שטיללען
דען אייזערנען קלאנג — —
דען טריט פון די צייטען,
פון דורות דען גאנג...
צו שפאלט זיך דער הימעל?
ביי גאטט אין דער האנד
צו זעהט ער דען הונגער?
צו ווייס ער, ס'איז קראנק?

י. ל. פרץ.

די אוטאָפּיען און דאָס לעבען.

טהייל שריפטשטעללער, וואָס זענען נישט צופריעדען מיטן דור, אין וועלכען זיי לעבען, וואָס זעהען ארום זיך אַ סך טרערען און ווייניג גליק, אַ סך חנופה און ווייניג אמת, אַ סך תאוות און ווייניג יושר — און גלויבען, אַז דאָס לעבען איז נישט קיין ראַק, וואָס רוקט זיך אונטערוויילעכטס, און נישט קיין זומפּ מיט שטעהענדיג וואַסער... און האָפפען, אַז מיט דער צייט וועט אַלץ ווערען בעססער און פיינער, די חסרונות קלענער און ווייניגער און די מעלות גראָססער און מעהרער... די שריפטשטעללער וויללען אונז פאָרשטעללען דאָס שפּאָטערע לעבען לויט זייער פאַנטאַזיע. און זייערע נביאות, זייער פאָרשטעללונג פון דער שפּאָטערער צייט, זייער כח הדמיון'ס המצאות ווערן אָנגערופען „אוטאָפּיען".

דאַגעגען די אַללע וואָס קאָננען זיך אויף קיין רגע נישט אַרויסרייסען פון זייער צייט און פון זייער דור, וואָס עס איז זיי צו גוט, זיי זאָללען וועללען, עס זאָלל אַנדערש ווערען, אדער צו שלעכט, זיי זאָללען נאָך קאָננען אויף עפּיס האָפּפען — די אַללע אַנדערע האַלטען די אוטאָפּיען פיר אונמאָגליך, פיר נאַריש אויסגעקלעהרטע מעשות, וואָס וועללען שטאָנדיג בלייבען „נישט געשטויגען נישט געפלויגען"...

אַז מיר וועללען נעמען די לעצטע אוטאָפּיע, וואָס האָט אויפגעשריבען דער וועלט בעריהמטער, אַמעריקאַנישער שריפטשטעללער בעללאַמי, און וואָס איז זיך צוגאַנגען אין מיליאָנען עקזעמפּלאַרען אין אייראָפּא און אַמעריקאַ, וואָס שטעלט אונז פאָר דאָס לעבען אין 20סטען יאָהר-הונדערט, ד. ה. הונדערט יאָהר שפּאָטער, ווען — לויט בעללאַמיס פאַנטאַזיע — וועללען שוין נישט זיין קיין קנאה-שנאה און קיין מלחמות צווישען פאָלקער, עס וועט פערשווינדען ווערען אָרום און רייך, און די מאַשינען וועללען פערטרעטען אונז דעם אַרבייטער ביי די שווערסטע אַרבייטען; דער טעלעפאָן וועט אונז אַריינברענגען אין שטוב אַריין טעאַטער, קאָנצערט און פאָרלעזונגען פון אוניווערזיטאָטען; מען וועט נור דאַרפען אָנריהרען אַ קנאָפּיל אין דער וואַנד און הערען די שאָנסטע דרשה פון אַ שוהל אָ ער אין אַ פּאַרלאַמענט... עלעקטריציטאָט מיט לופטבאַלאָנען וועללען אונז געבען קפיצת הדרך, און קינסטליכע דאַכער וועללען אונז פערשפּאָרען צו טראָגען פּאַראַסאָלען... וועללען מיר נישט וויססען, ווי ווייט דער מחבר האָט געטראָפען... נור דער, וואָס

וואָס זאָלל איך וועלען?

ראש-השנה שרייבט מען, יום-כפור חתמ'עט מען און הושענא-רבה מאַכט מען דען צוק און מען גיבט די קוויטליך אַרויס. און נישט נור מענשען שטעהען לדין, נישט נור אונז פּסק'ט מען לעבען אָדער טויט, פּרנסה אָדער קצבה, מנוחה אָדער גלות... „זכר כל המעשים לפניך בא", אַלץ וואָס מיר טהוען, אַלץ וואָס מיר מאַכען ווערט גע'משפט און אונזערע יום-טוב-בלאַטליך וואַרטען אויך מיט אַ ציטטערניש אויפ'ן קוויטעל... זיי ווילען אויך וויססען, צו וועללען זיי אויסלעבען דאָס יאָהר אָדער אויסגעהן ווי אַ ליכט אין דער פינסטערער נאַכט... קיין גרויסע צדיקים זענען זיי נישט, זיי זאָללען רעכנען אַז באַלד ראש-השנה, אָדער אפילו יום-כפור וועט זייער גזר-דין אַרויס... נישט איין מלאך חבלה וועט קריצען מיט די צאָהן, נישט איין פאַמפלעטיסט — אַ קטיגור וועט זיך אויסרייסען דען האַלז, און הלואי עס זאָל זיך ענדיגען הושענא-רבה פאַר'נאַכט!

נור ביז הושענא-רבה פאַר'נאַכט איז אויך נאָך דאָ עפּיס צו טהון! נאָך ביי נאַכט אויף הושענא-רבה שפּאַלט זיך דער הימעל אויף אַ סעקונדע און דעמאָלט איז אַ שעת הכושר, איין עת-רצון פאַר'ן זינדיגען מענש, און וואָס ער חאַפּט זיך דעמאָלט אַרויס, דאָס ווערט מקוים.

וואַך זיין אַ גאַנצע נאַכט, צופּאַססען דען שפּאַלט אין הימעל און אַ געשריי טהון איז אַ קלייניגקייט... נור וואָס שרייט מען? וואָס זאָלל

וועט לעבען אין הונדערט יאהר ארום וועט קאננען וויססען, צו האט בעללאמי איבערגעטריבען אדער דאס שפעטערע לעבען נאך מיט טונקעלע און שוואכע פארבען געמאלט; צו איז די מענשהייט געשווינדער אדער לאנגזאמער געגאנגען אלס בעללאמים פאנטאזיע, אדער זי איז אפשר געגאנגען אויף איין אנדערן וועג צו איין אנדערן צוועק? מיר קאננען נור אין אלגעמיינעם בעטראכטען, וואס פאר א ווערט עס האבען די אללע חלומות, די אללע נבואות וועגען דער קינפטיגער צייט....

צו דעם צוועק דארפען מיר זיך דערמאנען איין אוטאפיע, וואס איז געשריבען געווארען נישט קיין גאנצע הונדערט יאהר צוריק, אינ'ם יאהר 1810, פון א געוויססען א. דע לעווים.

פון דעם ווערק זעהען מיר בחוש, אז עס איז נישט אזוי לייכט צו זיין א נביא און צו טרעפפען וואס שפעטער וועט זיין. עס איז כמעט לאכערליך צו זעהען, ווי לעווים האט זיך באין אופן נישט געקאנט אויסרייסען פון זיין דור, און בעשרייבט אונז אויפן ארט פון מענשען און לעבען פון 1910, כמעט זיין אייגען לעבען און זיין אייגען דור... קוים וואס אביסל בעססער...

פון דעסטוועגען האט דאך ביי איהם אויפגעבליצט א גוטע, ליכטיגע שטראהל:

ער רעדט פון דעם, אז מען וועט דורכגראבען דעם וועזישען קאנאל: מען פארט, שרייבט ער, אין גאנצען צוויי טאג פון זועץ קיין אלעקסאנדריען! דאס איז געשעהען, שרייבט ער, באלד וועגן די איראפאער האבען געקריגען א ממשלה אין מצרים! פון חינא קומט מען שוין צופאהרען דורכ'ן שווארצען מעער. פאר דאס האט ער שוין וועניגער גליק געהאט מיט דער רעשט המצאות, וואס דאס היינטיגע לעבען האט אזוי איבערגעטריבען, אז זיי זעהען אונז אויס ווי א נארישער קינדער-שפיעל. מען האט פראעקטירט, שרייבט ער ווייטער, דעם קאנאל צו מאכען אזוי ברייט, ער זאל קאננען טראגען די האנדעלס-שיפען, נור דאס דארף קאסטען אזוי פיעל כח אונ צייט, אז עס וועט אפשר קיינמאל נישט געשעהען.

פון דאמפ-שיפפען, באהנען, ווער שמועסט — לופט-באלאנען האט זיך איהם נישט געקאנט גאר חלומ'ען: צייט דאס פאהרען אויף ראדער, שרייבט ער, האט זיך אזוי אויסגעפיינערט, פאהרט מען נישט פיעל פון בויגען: מען האט אויסגעגראבען אין דער גאנצער לאנג פון ראדאן א קאנאל. מען האט איינגעשפאנט פערד צו די שיפלעך, די פערד לויפען אויף דער יבשה, שלעפען די שיפלעך אין קאנאל אייפ'ן

איך וועללען, וואס זאלל איך פערלאנגען פון הימעל? אפשר געלד? ווען איך האב געלד, וואלט איך אפשר נישט נור שירים שרייבען נור זינגען אפילו געקאנט; איך וואלט געמאכט גריבפלען אונ עס וואלט די נשמה אויסגעגאנגען פאר תענוג... ווען איך האב געלד, וואלטען זיך די יום-טוב בלאטליך געאטערט אין פרייערן... ווארען לאז'מיר זיך נישט נארען: אמת איז טאקי א שאנע געראטענע כלה, נור ערשטענס קאנן זי נישט טאנצען ווי דער ציגיינער שפיעלט אונ קאנן פאר'ן עולם קיין חנ'דליך נישט מאכען, אונ אפילו א שאנע געראטענע כלה, וואס קאנן טאנצען צו'ם ציגיינערס מוזיק אונ שניידט חנ'דליך אויפ'ן שאק, דארף אויך האבען אביסל נדן, מען זאלל זי הערלען נעמען... א בוך מיט'ן גאלדענעם שניט האט גאר איין אנדער פנים... נור וואס

קומט ארויס, אז איך בין שטארק מסופק צי פון הימעל קאנן מען האבען געלד. אפשר איז א מאל בעססערע צייטען געוועזען אונ עס האט פון הימעל מיט ראנדליך גערעגענט... היינט לא עליכם... אט תורה איז א הימעל זאך. פארצייטענס פלעגען זיין ארימע ישיבה בחורים אונ רייכע ארענדארען „ישוב'ניקעס" — ווי מען רופט זיי אין דער ליטא. אונ קוים האט א „ישוב'ניק" געקריגען א האלב דערוואקסענע טאכטער האט ער איינגעשפאנט זיין פערד אין בידקע אונ איז געפאהרען צום ראש-ישיבה אין שטאדט אריין אונ געקויפט זיך פיר 100, 200. טהייל מאל פאר 1000 ראנדליך תורה... צו דער תורה האט ער צוגעקריגען א צולאג א בחיר'ל א הערינג, נור דעם הערינג האט מען נישט איינגעזאלצט אין מקח... אונ יעדער ישיבה בחור האט

וואססער, און מען קאָנען זיך בעגעהן גאָר אין גאנצען אָהן ווינד! פון אזא המצאה האט זיך לעווי'סען געחלומ'ט דעמעלט, ווען אין אמעריקא האט מען שוין הונדערט יאָהר געוואוסט פון פאראָווע קעססעל. דער הי'ז האט לעווים געכוסט זיין גאָר א גרויסער שונא! ער פאלט אויף איין עצה, אויפצושטעללען גרויסע רעזערוואַרען מיט קאלטער לופט, וואָס מען זאָלל זי צושיקען דורך ראָרען אין די הייזער אריין. אויסער דעם שטעלט ער אויף ריעזיגע ראָרען אלס ווענטילאַטאָרען, וואָס זאָללען אראָבברענגען ריינע, פרישע לופט פון אונטערן הימעל, איבער צו לופטערן די גאססען און די הייזער. אויף די הויכע בארג הייכט ער גרויפשלעפען ארמאַטען, מען זאָלל צושיססען און אוועקיאָגען די וואָלקען אין די וויסטע מדבריות אריין.

פון די עטליכע ביישפיעלען קאָנט איהר שוין האָבען א בעגריף ווי אונטערשעללינ דער כח הדמיון איז געגען דעם, וואָס געשיהט באמת. נור אינטערעסאנט וועט נאָך זיין צו זעהען, וואָס פאר א בעגריף ער האט געקאָנט דעמאָלט האָבען איבער דער היינטיגער פרעססע:

אין 1910, שרייבט לעווים, געהען ארויס אין פאריז טאָג-טאָגליך עטליכע קליינע שריפטען, אין וועלכע עס ווערט בעשריבען אלץ, מיט וועלכען דאָס פובליק קאָנן זיך אינטערעסירען. איין שריפט פון זיי געהט ארויס סאנקציאָנירט פון דער רעגירונג, די רעשט גיבען ארויס געוואָהנליכע ספעקולאנטען, וואָס שרייבען וועגען ליטעראַטור, געזעללשאפטליך לעבען, נייעס, און אז מען זאָלל זיי לאָזען, וואָלטען זיי געשריבען איבער פאָליטיק אויך.

וואָס וואָלט געוועזען, ווען עמיץ וועקט אויף לעווים'ן פון קבר און זאָגט איהם, אז איבער פאָליטיק שרייבען צייטונגען אפילו אין חינא, און אז אין איין אמעריקא געהען ארויס 20,954 צייטונגען— צו וואָלט ער געגלויבט? צו וואָ'ט ער געגלויבט, ווען עמיץ דערצעהלט איהם וועגען טעלעפאָנען, לופט-באלאָנען און עלעקטריציטעט?

מיר זעהען, אז די פליגעל פון דער צייט זענען שטאַרקער און געשווינדער אלץ די פליגעל פון אונזער פאַנטאַזיע. מיר דאַרפען דעריבער האָפפען — נור ארבייטען און נישט שרייבען קיין חלומות....

ז. ג.

פּאָרט געפּיפּפּען.

— האָרסט דו, מיין קינד, אז דו וועסט וועללען לערנען, וועט דיר זיין אזוי

געוואוסט, אז אויב ער וויל האָבען ראָנדליך, מיט מלבושים מיט קאָסט און א צו-לאָג א כלה — מוז ער זיצען און לערנען...

היינט אוים ישוב'ניקעס, אויף זייער אָרט האָבען מיר באנקיערס און פראָצענטניקעס און זיי וויסען, אז תורה איז קיין סחורה נישט. א דאָקטאָר, א יוריסט, א צאָהן-רייסער, אפילו א זאָלבער פון דער האַנדעלס שוהלע, אפילו א רב — א קאַזיאָנע — נור נישט קיין תורה.

ווער עס זיצט היינט און לערנט קריעגט — א גאַרב, א מלמדישען פאטענט אויף א לונגען-פעהלער, נור נישט א דרייער געלד.

כ'יין זאָגט: צדקה תציל ממות... עס קאָנן זיין אז צדקה ראַטעוועט פון טויט — דען אָרימאַן, וואָס נעמט זי און קויפט זיך א ברויט, ער זאָלל נישט שטאַרבען פאר הונגער, דען עושר בשעת מגפה, די זאַראַזע זאָלל זיך נישט פערשלעפען פון קעללער צו'ם בעלל-עטאַזש... נור קיין געלד האָט מען נישט דערפון — אז מען גיט האָט מען ווייניגער, און דער אָרימאַנן האָט פאָרט קוים אויף חיי שעה...

פון דאַווינען האָט מען אויך קיין געלד נישט...

א והא ראיה— אונזערע גבירים, וואָס שטרעקען דאָס לעבען און גאַנץ אָפט מיט'ן רחמנות, מיט'ן יושר און מיט דער מענשליכקייט צוזאַממען, אבי רייכער צו ווערען, ווילען אלליין גאָר נישט דאַווינען און זענען גאַנץ צופריעדען דערפון, וואָס אָרימע לייט לאָזען דאָס סדור'ל נישט ארויס פון דער האַנד...

עס זאָלל אין סדור'ל שטעקקען אכח פאר א דרייער, וואָלט מען די אָרימע לייט געטהיילט יום-טוב-בלאַטליך און אללע פראָצענטניקעס און

גוט, אַזוי וואהל... אַז דו וועסט קאָננען לערנען וועסט דו קריגען אַ כלה... צו דער חופה וועט מען דיר געבען אַ טלית מיט אַ גאָלדענע עטרה... אַ קיטעל מיט אַ זילבערנע יאַרמולקע און אַ שטריימעל...

— און אַז דו וועסט גאָר גוט לערנען, וועסט דו קריגען אַ סך, אַ סך נדן, וועסט דו זיין אַ גרויסער עושר...

אַזוי האָט גערעדט אַ ווייבעל פון אַ יאָהר דרייסיג, האַלטענדיג איהר אַכט=יאָהריגען זוהן אויף דער שויס און זוכענדיג מיט די פינגער אין קאָפּעלע! און דאָס יונגעלע דריקט זיך אַלץ פעסטער און פעסטער צו צו דער מוטטערס ברוסט.

אַיין אויגעלע האָט ער בעהאַלטען אונטער דער מאַמעס פאַרטוך; נור מיט'ן אַנדערן קוקט ער אַרויס דורכ'ן פענסטער איבערן הויף, אַרויס אויף די פעלדער, אויף די לאַנקעס, וואָס ציהען זיך ווייט, ווייט ערגיץ אַוועק...

און פון דער וויטענס פון פעלד לאָזט זיך צו אַ קול פון אַ פייפעריל. דאָס קינד פערהאָרט זיך, און עס פערוויילט זיך איהם אַרויסהאַפּען זיך אויף די גרויסע, ברייטע לאַנקעס, אַנרייסען וויצקעס ביים טייך און מאַכען זיך אַזאַ פייפעריל; עס פערוויילט זיך איהם אויך אַביסל דורכ=לויפען איבער דער גאַס, הירושען און מאַכען מיט'ן קאָפּ ווי אַ יונג פערדעל און ער וויל אויסרייסען דאָס קאָפּעל ביי דער מוטטער פון די האַנד. נור זי האַלט עס גענוג פעסט.

— אַז דו וועסט וועללען לערנען, זאָגט זי ווייטער מיט איהר זינגענדיג זיס קול, וועט דיר זיין אַזוי גוט, אַזוי וואהל... דו קאָנסט נאָך ווערען אַ רב, אַ גרויסער רב, אַ גאון...

ער האָרט אויף צו רייסען דען קאָפּ פון די מוטטערס האַנד און בלייבט אומעטיג ליעגען; ער דערמאַנט זיך, אַז אין חדר האָט היינט „אַיין אָקס געשטויסען אַ קוה", און דער רבי האָט געשלאָגען, געקניפּען אויך... לערנען איז עפּיס נישט אַזוי גוט... און טרעהרען שטעללען זיך איהם אין די אויגען.

און דאָס פייפעריל פון דער וויטענס פייפט, און ער קוקט מיט איין אויגעלע דורכ'ן פענסטער אויף די פעלדער און לאַנקעס, און ער פערטראַכט זיך. עס פערוויילט זיך איהם ווייטער אַרויסלויפען אויף דער לאַנקע, שפּיעלען מיט אַנדערע קינדער, חאַפּען זוממער=פייגעליך, רייסען משוגענע גרייפליך...

— יאָ, קינד מיינס, דו וועסט וועללען לערנען? אַז דו וועסט קאָננען לערנען וועט מען דיר געבען אַ סך נדן, אַ סך... וועסט

באַנקיערען וואָלטען געהאַלטען סדורים און געדאַווענט..

דאַווענען איז אַ סגולה אויף דרד־אַרין, אויף שטילקייט; דאַווענען שטילט אַ מאָל דען הונגער ביי'ם קבצן ווי דער אָרימער מאַמעס פינגער ביי'ם אויס=גידאַרטען קינד אין מויל. דאַווענען איז אַ סגולה צו'ן אַ סך זאַכען, נור קיין געלד דערפון האָט מען נישט. און אפילו אַז מען איז אַ נאַרר און מען האָט אַ גאָרגעל און מען לאָזט צו צום עמוד... האָט מען אויך קיין וואַסער אויף קאַשע, נור קיין געלד נישט!

איך טרייב דורך דורכ'ן זכרון אַללע תרי"ג מצות און זעה קיין איינציגע נישט, פון וועלכער מען זאָל קאָננען האָבען (דירעקט אָדער אונדירעקט) אַ דרייער! פאַר די תרי"ג מצות האָט משה רבינו צו=געזאָגט: געזונד, לאַנג=לעבען, אַ זול, רעגען פון הימיל, דען כח פון דער ערד — נור אַלין נישט קיין געלד! אַז דו וועסט מקיים זיין אַללע תרי"ג מצות, וועט דיר די ערד געבען איהר קראַפט, דער הימעל — טהוי און רעגען און דאַך — וועסט דו שטאַרבען פאַר הונגער, אויב דו וועסט נישט אַרבי=טען, אַקקערן, זייען און שניידען, און פון די אַללע דריי צוואַמען — פון הימעלס רעגען, דער ערדס כח און שוויים פון דיין שטערן וועסט דו קיים האָבען ברויט, ברויט צו עסען, אָבער אַלץ נישט קיין געלד! דו מאָגסט מקיים זיין אַללע תרי"ג מצות, מיט אַללע דקדוקים, וועסט דו אַלין נישט קאָננען אַרומגעהן אין אַ הונגער=יאָהר מיט די האַנד אין די קעשענעס און פייפען אַ ליעדעל פון אַ קאַטאַרינקע...

געלד קאָנן מען האָבען פון וואָס איהר ווילט, פון דער קלענסטער עבירה, אפילו פון קאָרטען-שפּיעלען, נור נישט פון הימעל=זאַכען. אויב דער

זיין אַיין עושר, אַ גאון... הערט איהם די מוטטער, אַרומקריכענדיג מיט די פינגער איבער'ן קאָפּעל.

— און דער רבי וועט מיך נישט שלאָגען? פרעגט ער.

— גאָר נייעס! פאַר וואָס זאָלל ער דיך שלאָגען?! — ענטפערט די מוטטער — אַ יונגעל, וואָס וויל לערנען, שלאָגט מען נישט!

— און אַ רב איז גוט צו זיין? פרעגט דאָס קינד פּעראינטערעסירט.

— אַוודאי איז גוט צו זיין אַ רב! ענטפערט די מוטטער, ווי דען! אַ רב גיבען אַללע אָב כבוד! אַ רב האָט מען ליעב!..

דאָס קינד הייבט אויף אַביסל דאָס קאָפּעל, שפּאַרט עס אונטער אויף דער האַנד, און פערטראַכט זיך, קוקענדיג מיט ביידע אויגען אין פענסטער אַריין. ער שטעלט זיך פאָר, ווי ער וועט זיין אַ רב, ווי אַללע וועלען איהן ליעב האָבען, וויפיעל כבוד ער וועט האָבען...

נור דאָס פייפעריל הייבט אָן ווידער צו פייפען! עס גיסען זיך די טרעללען פון איהם... דאָס קינד האָרט זיך צו, און פּלוצלינג שטעלט ער אָן די ליפּען און גיט אַ פייף...

— פע, קינד מיינס, פע! זאָגט איהם די מוטטער ברוגז, מען טאָר נישט פייפען!

וואָס ביזט דו, אַ שיגעץ? אַ שיגעץ פייפט, אָבער דו?

— און אַ רב טאָר נישט פייפען? — פרעגט דאָס קינד בתמימות.

— געה, ביזט אַ נאַרר! ענטפערט איהם די מוטטער — אַוודאי טאָר אַ רב נישט פייפען!

דאָס קינד פערטראַכט זיך. נאָך אַ קליינע ווייל הייבט עס אויף דאָס קאָפּעל און זאָגט ערנסט אַרויס:

— וועלל איך קיינמאָל, קיינמאָל נישט פייפען!...

דאָס קינד איז אויסגעוואַקסען — אַ נחת דעם טאַטען און דער מאַמען. מיט איהם איז פולל די גאַנצע שטאָדט! אַללע טאַטע־מאַמעס שטעללען איהם פאַר אַ ביישפּיעל זייערע זיהן. „עס איז אַ מחיה אויפ'ן צו־קוקען" זאָגט מען; ער איז שטילל ווי אַ טויב, ריהרט נישט קיין פליג אויף דער וואַנד... געהט אַפילו נישט שפּאַציערען... שטאַנדיג, אָדער געדאַווינט, אָדער געלערנט! ער האָט אַפילו נישט קיין פייערדיגען קאָפּף, נור אַ מתמיד איז ער...

ער האָט שוין „סמיכה אויף הוראה", און מען רעדט איהם שוין שאָנע שדוכים, און מיט מאַססען געלד.

די עלטערן קוועללען און שעפּען

רבונו של עולם זאָגט: „כי לי הכסף ולי הזהב", מיינט ער: דאָס זילבער פון דער לבנה מיט איהרע שטראַהלען און דאָס גאָלד פון דער זונן אין תמוז... אָבער געלד האָט דער הימעל נישט — ניין! איך וועלל זיבער שרייען אומזיסט!

איך האָב אַמאָל געוואָלט זיין אַ פילאַנטראָפּ — אַ בעל טובה פאַר'ן כלל! איך האָב אַ גוט האַרץ בטבע, און אַז איך געה אַרויס זאַטט נאָך אַ סעודת מצוה פאַר אַ פילאַנטראָפּס כבוד וועגען, און אַז איך זעה נאָך פיש, פלייש און קאָמפּאָט און אַביסל קאָניאַק דען אויסגעשטערענטען הימעל, האָב איך ליעב אַ קראַכץ צו טהון: רבונו של עולם מאַך מיר אויך פאַר אַ פילאַנטראָפּ... די אָרימע לייט זענען דאָך רייכע פאַגעלעך, וואָס האָבען קיין פעלד און קיין

שאָף און רינדער און קיין דאַך איבער'ן קאָפּף... גיב מיר אַזוי פיעל, איך זאָלל זיי קאָנן קרישקאַליך וואַרפען... און אַזוי אויך, טהייל מאָל ביי נאַכט, אַז איך האָב מיך פריה געלעגט און חאַפּ מיך אויף פאַר טאָג און האָב קיין ליכט נישט אין שטוב, אָדער דאָס ברעכען אין די פלייצעס לאָזט מיך נישט אויפשטעהען און זעצען זיך צום שרייב־טיש, גלאָץ איך אויס די אויגען אין דער פינסטערניש אַריין, עס ווערט מיר ווייך אויפ'ן האַרץ, טרערען פערדרייען זיך מיר אין די ברעמען און איך קלער מיט אַ ווייטאָג: וואָס פאַר אַ טובה קאָנן איך טהון מיין פאָלק? מיט וואָס קאָנן איך העלפען דער כנסת ישראל? אַנדערע קאָננען בויען, אויפשטעללען פיתום ורעמסס אין דער לופט, אויפ'ן אייז, אפילו אויפ'ן עולם הדמיון, און איך קאָנן נור צו־וואַרפען; אַנדערע וועקקען חאַטש

אײמער־װײז נחת.

די מוטער האַלט איהן שױן נישט אױף דער שױס, און פֿאָהרט איהם שױן נישט מיט דער האַנד איבער'ן קאָפּעל; אױך גרױסען יונג גיט שױן די מאַמע אַפּילו קײן קוש נישט. נור איהר בליק, מיט װעלכען זי נעמט איהן אַרום, איז ליכטיג, שמאָלץ און פֿולל מיט הײסער ליעבע...

—שרעק דיך נישט, מאַכט זי צו איהם, מיר װײסען, ב"ה, װאָס דו ביסט װערט, מען װעט דיך נישט פֿערנאַרען...

— שעם דיך נישט — גיט זי צו װײבער, זעהענדיג װי ער שטעהט מיט'ן פנים אין פענסטער, אײנגעשפּאַרט מיט'ן שטערען אָן דער שױב — אין קורצען װעללען תנאים זײן, מיט מזל און ברכה... און דו מוכסט אָנגרײטען אַ פּשטיל, עס זאָלל קנאַקען, עס זאָ'ל אײנרײסען די װעלט, עס זאָלל די װעלט קלינגען...

— שעם דיך נישט, קוק נישט אין פֿענסטער אַרײן... קוק אױף דער מאַמען... האָט זי צוגעגעבען, זוכענדיג נאָך זײן בליק.

נור ער קאָנן דען בליק פון פֿענסטער נישט אָװעקרײסען.

אױפֿ'ן הױף, אױפֿ'ן אַלטען דעמבינע קלאָץ זיצט זײן אַלטע בעקאַנטע, מירל, פֿרײדעל דער אָפּפּעל־יודענעס טאָכטער...

ערשט פֿאַר אַ יאָהר צעהן האָבען זײ צוזאַמען אין בעהאָלטעניש געשפּיעלט... װי זי איז אױפֿגעװאַקסען, װי זי שטראַהלט... װי פֿרעהליך און לוסטיג זי איז. בעגאָססען מיט דער ליכט פון דער זונן, דאַכט זיך, אַז איהרע גאָלדענע האָהר ברענען... װאָס פאַר אַײן אױגען זי האָט... זי װאַרפֿט אַ מאָל אַ בליק אין פֿענסטער אַרײן, נור גלײך זי זעהט איהן נישט. אינ'ם ריהרען פֿון די ליפּפּען דערקאָנט ער אַז זי זינגט עפּיס. עס װילט זיך איהם דורכברעכען מיט'ן שטערן די שױב, אַבי צו חאַפּען אַ טאָן פון איהר ליעד.

— זעהסט דו — פֿיהרט װײטער די מוטער — בעריל דער שדכן איז הײנט געװעזען... מען האַלט שױן בײ פּיער מױזענד...

— דו האָרסט דאָך נישט, װאָס איך רעד מיט דיר — האַקט זי זיך פּלוצלינג איבער, און שלעפּט איהן האַסטיג אַװעק פֿון פענסטער...

— האָר, מען גיט פּיער טױזענד, דער טאַטע װילל שױן נעמען, נור איך האָב מיך אײנגעשפּאַרט נאָך 500 רובל אױף מלבושים—פֿערשטײסט? הײנט־מאָרגען װעט אודאי קומען דער פּריװער... דער פּרילוצקער רב...

און דער פּרילוצקער רב האָט אױף

די אַלטע שפּראַכע פֿון קבר און איך שרײב דאָס רוב דוקא פּראָסט יודיש... װאָס טהוט מען?

דאָ האָב איך קײן דעה נישט... קאָנקורירען מיט ראָטשילדען אין ארץ ישראל אָדער מיט'ן באַראָן הירש אין אַרגענטינא — קאָנן איך נישט. נאָכשרײען, רעדען צו דער װאַנד, העלפֿען בלױס קרעכצן — װילל איך נישט... װאָס טהוט מען פֿאָרט? איך װעלל אַמאָל שטאַרבען און עס װעט פֿון מיר קײן גוטער זכר נישט בלײבען... די שמאָלע װעגליך, װאָס איך האָב אױסגעטראָטען מיט פֿערבלוטיגטע פּיס צװישען די דאָרנער, װעללען פֿערװאַקסען װערען, די פֿעליעטאָנען װעללען אױפֿגעגעסען װערען פֿון מײז, מײן אָרימע מצבה װעט צופֿאַללען, צושטױבט װערען... װער װעט מיך געדענקען?

װען איך זאָלל קאָנען זײן אַ פּילאַנטראָפּ, װאָלט מען מיך בײ'ם לעבען מיט בלומען און װינש־קאַרטען בעװאָרפֿען, נאָכ'ן טױט אַ ריזיגע מצבה געשטעלט און אױף מײן יאָהרצײט װאָלטען אין אַלע קהלות „פּאַניכידען" געװעזען און איך האָב מיר נישט אײנמאָל געטראַכט געדולדיג צו װאַרטען ביז אַ שבועות, אַ יום־כפּור, אַ תשעה־באב, אַ הושענא־רבה, אָבפּאַססען װען דער היממעל װעט זיך שפּאַלטען און אַ געשרײ טהון: פּילאַנטראָפּ!...

לײדער בין איך דאָס יאָהר געװאָרען, אַז דאָס איז קײן געשעפֿט נישט... קױם װעלל איך װעללען עפּיס שענקען לטובת הכלל, װעלען אונזערע שרײבער אַזױ לאַנג און אַזױ ברײט מיר עצות געבען, װאָס צו טהון לטובת הכלל... אַז זײ װעללען מיך ברענגען אין דולל־הױז אַרײן...

איהן א גרויסען איינדרוק געמאכט ... ער האט געהערט, אז דאס איז א למדן מופלג און איז פולל אומעטום, אין גאנץ ש"ס!

— זעה נור, זאלסט נישט פערשאמט ווערען! מאכט ווייטער די מוטטער.

און ער דערמאנט זיך, אז ער האט א הארבע שטעללע אין פסחים, און דער פרילוצקער רב קאנן אקוראט אויף איהר טרעפפען. און ער לויפט צו צו דער שאנק, חאפט ארויס די גמרא, מישט זי אויף און זעצט זיך קלערען. די מוטטער חאפט זיך שטיללערהייט ארויס פון שטוב, נור זי קאנן זיך נישט אין גאנצען אוועק רייסען, זי בלייבט שטעהן אונטער דער טהיר און קוקט אריין דורך דער שפארע.

דער זוהן קוקט אויף דער גמרא און רינצעלט דען שטערן.

— ווי א זקן זעהט ער אויס — קלערט זי זיך מיט נחת — ער זאלל 70 יאהר אלט זיין, וואלט ער נישט געדארפט א בעססער פנים האבען!

נור זי זעהט, אז פערטראכטערהייט בייגט ער אוועק דען קא-ף פון דער גמרא, צום פענסטער...

און די קנייטשען פון שטערען ווערען פערשוואונדען, די אויגען ווערען גראססער, נור טרויריגער... אט — ריהרט ער מיט די ליפען...

נור רבונו של עולם! ער זינגט!

„שיין ביסט דו הדס לעבען..."

— גאטט איז מיט דיר! עס וייעט נאך עמיץ דערהערען! פאלט די מוטטער צו'ן איהם צו...

קיין רב איז ער נאך נישט, חתונה געהאט האט ער, זיין ווייב איז נישט אזוי שאן ווי מירל, פריידעל דער אפפעל יודענעס טאכטער, נור איין אשה כשרה איז זי... האט פאר'ן דרך ארץ און אין'ן מאכיל-ומשקה... 4000 רובל האט מען געגעבען... ביז עס וועט נפטר ווערען א רב פון איין ארענטליך שטאדטעל, האט מען דערוויל פערבארגט דאס געלד אייף פראצענט, און ער זיצט און לערנט און איז זעהר א שאנער בעל-הבית. זיין שטאדט איז אויף דער מזרח-וואנד, זיין עטרה איז די שאנסטע אין ביהמ"ד, און ער שטעהט ביי'ם ספר!...

היינט לייענט מען די תוכחה... און צו דער תוכחה וועט מען אופרופען מירל, פריידעל דער אפפעל-יודענעס טאכטערס מאנן... א משולח איז ער און פאר צוויי מאל ח"י לאזט ער זיך אנשעלטען... ער פערגעסט וואו ער שטעהט און דערמאנט זיך, אז ער האט זי נאכטיגן פרייטאג, צו-ריקגעהענדיג פון באר, געזעהען אין גאס

איך האב שוין אפילו געקלערט א געשריי צו-טהון: שלום!...

ווארען מיינט נישט, חס ושלום, אז איך בין בטבע א מזיק... אז איך האב א ווילדע הנאה דערפון, וואס איך זעה מיך אללע מאל ארויף אויפ'ן לעדערנען פערד, שפאנן דען הילצערנען פאללע-בויגען און שיעס אויס א פאר טוץ פאפירענע פיי-געל, וואס דאס שלעכטע ווינטעל פון דער ניט-גוטער צייט טראגט ארום אין די לופטען... מיינט נישט אז איך האב נחת דערפון, וואס איך מוז אללע מאל ארויסשטעללען די באליע אין מיטטען גאסס אריין און וואשען אונזער ברודיגע וועש בפני קהל ועדה... קיין גוטס קומט מיר אודאי דערפון נישט ארויס; ווער עס רייסט אויס דארנער — מוז זיך פערוואונדען די האנד, ווער עס האלט מלחמה מיט

לעבענדיגע ברואים מוז זיך א מאל לאזען א ביסס טהון... עס איז אפשר א כבוד צו וואהנען אויפ'ן פארנאס, אויפ'ן הויכען ליטעראריישען בארג, וואס שפארט אונטער די וואלקען, אויב נישט דען הימעל אליין, און מחזקות מאכען מיט די מוזען... נור צו זיין דארט א סטרוז, און האלטען שטאנדיג דעם בעזעם אין דער האנד, אבצוקעהרען די פוילע בלאטטער... ארום צוגעהען און שאקלען די יונגע ביימליך, די קיפער זאללען אראבפאללען און נישט אויפפרעססען די יונגע גרינע בלאטליך, איז גאר קיין נחת און גאר קיין כבוד נישט, און — על אחת כמה וכמה — קיין תענוג נישט!

גלויבט מיר, אז עס איז א ביטטערער חוב, וואס איך מוז אבצאהלען, איין אבקומעניש אויף דער וועלט; מיין פינסטער מזל, פון וועלכען איך

דאס שטיינדיל הייבט נישט אן צו וויססען, אז ער האט איבערגעלאזט אין דער היים א ווייב מיט 8 קינדער, בסך הכל 9 מיילער; דעם שטיין חלומט זיך נישט, אז יעדעס מויל וויל עססען, אז עס בעקומט נישט, מאכט עס קולות... עס פאללט איהם גאר נישט איין, אז חיימ'עק איז נערוועז, — אזוי נערוועז, אז ער קאן נישט ליידען, אז א קינד וויינט!

כל זמן עס האט זיך געלאסט, איז ער א שניידער געוועזען, געזעססען ביים טיש אונ האט אזוי שטארק געארבעט, אז עס פלעגט איהם פלאטצען איין נאדעל נאך דער צווייטער אונטער דער האנד. צונד אויס שניידער! עס חלומט זיך שוין קיינעם נישט א מלבוש צו מאכען; פון א האלבער שטאדט איז אש אונ קוילען געווארען... אונ חיימ'קע האט זיך געמוטט נעמען צום שאססע, אבי דען טאג איבערצולעבען!... נור פון דעם אללעם וויל דאס שטיינדיל נישט אנהייבען צו וויססען; אונ קוועהלט איהן, אונ שטעכט אהן רחמנות.

חיימ'עק פערקרימט זיך אונ קרעכצט פאר ווייטאג אונ האט דאך קיין צייט נישט אויסצוקלויבען ריינע שטעללען פאר די פים; ער טרעט וואו עס קומט אויס, אבי די טאטשקע שטופט זיך!

עס זענגען שוין פערביי א פאר שטונדען.

די זונן איז שוין ארויף גאר הייך אונ האט זיך שרעקליך צוברענט. חיימ'עק האט זיך געמוזט אנידער זעצען, אויפהעבען דען קאפעל אונ אבקיהלען זיך דען פערשוויצטען שטערן. ער רעכענט אויף די פינגער די פריזמען, וואס ער האט געמאכט, אונ עס רייסט זיך איהם אויס א זיפץ פון הארץ. —

די עטליכע שעה ארבייט וועללען קוים געניגען דעם ווייב מיט דער עלטערער טאכטער. דער חשבון האט איהן איבער-געשראקען. ער האט זיך צוריק צוגעחאפט צו דער ארבייט, גלייך עס וואלט איהם עמיץ נייע כחות געגעבען.

צונד האט ער שוין געהאט צוויי שונאים: דען שאבער אונטער די פים אונ די זונן איבערן קאפף! די זונן שיסט מיט פייער אונ עס געהט זי גאר נישט אן, אז דא שטעהט א יוד אונ ארבייט זיך אויס די לעצטע כחות!

אין אזא היץ איז נאר גוט דעם שרייבער, וואס האפט זיך אללע מאל אין שטוב אריין, אדער בארטעקען, וואס ארבייט זיך אזוי לאנגזאם, אז אין דער צייט, וואס ער שיטט אויס די טאטשקע, מאכט חיימ'עק א גאנץ קורס אהין אונ צוריק! בא! ער דארף זיך נישט אזוי איילען, ער האט א שטיקל פעלד, איז א קלענערער בעדארפער... אונ אויסער דעם איז ער פון אייביג א"ף

אריינקומען אונ צונעמען דעם מאנס טלית-אונ-קיטל, צום שחרית, וואס ער דאווענט פאר'ן עמוד, אונ דערנאך אויפ'ן מאנן, וואס זיצט אלס אונ זאגט, אונ זאגט, מיט אזא הארצרייסענדיג קול, חאטש עס איז שוין אזוי שפאט! זי זיפצט א מישנע ?היך, נור דער מאנן הארט נישט.

ענדליך הייבט זי זיך אויף, געהט צו צום מאנן אונ ווינשט איהם: „ער זאלל זיך אויסבעטען א גוט יאהר"... ער חאפט זיך אויף, נעמט טלית-אונ-קיטל אונ געהט מיט.

— זעהסט גיטל, מאכט ער מיט א ביטטערליך קול, אז מען פערליערט די פרנסה, פערליערט מען אל?ץ... דאווען שחרית פאר'ן עמוד, נור דען טלית ?ראג דיר אליין!...

— ?עט, מאכט גיטל אוועק מיט די האנד,

בדאי פון וואס צו רעדען.

ער גיט אויף איהר א קוק אונ קראצט אב נאך אמאל: נאך פאר א יאהר איז זי געגאנגען אין שוהל בעהאנגען מיט פערל אונ גאלד... היינט!... די קוינט-אונ-זייגער מיט די פערל האט זיין געוועזענעם בעלפערס ווייב אבגעקויפט... די רעשט זאכען זענגען פערזעצט... וואס פאר דאווינען וועט זי געביך האבען!

— נור נישט קשה, טרייסט ער זיך, אויף דעם איז ראש השנה!

ער וועט שוין מאכען א שחרית, אז עס וועט אין הימכעל ברענגען! זיין גיטל וועט אויך נישט שווייגען! זי קאנן איינרייסען א שוהל! דער רבונו של עולם וועט זיך מוזען אומקוקקען אונ רחמנות האבען! אונ עס וועט זיין א גוט יאהר... דער

געוואוינט צו אַרבייטען אין פֿעלד אונטער דער זונן! חיים'עק איז אָבער דעליקאט, נערוועז, אונ האָט נאָך קיין מאָל אין דרויסען אויף דער זונן נישט געאַרבייט. אמת ביי איהם אין שטוב פֿלעגט זיין ענג אונ פֿאַרנע, ווייניג לופֿט; נור איבערן קאָפּ איז פֿאָרט געוועזען אַ דאַך, וואָס האָט'ן געשיצט פֿאַרן פֿייער פֿון הימעל!

אונ די זונן הייבט זיך אַלץ האָכער אונ האָכער, אונ שיטט אַלץ ברענענדיגערע סנאָפּעס מיט שטראַהלען... נור חיים'עק פֿאַלט נישט אָב, ער האָט כח אוים צו-האַלטען! נישט אומזיסט האָט ער געזאָגט דעם שרייבער, אַז ער וועט אַרבייטען נישט ערגער פֿאַר אַללע. באַ! ער האָט זיי שוין אַללע איבערגעיאָגט!

עס איז צוואָלף דער זייגער. אַללע פֿויערען וואַרפֿען אָב פֿון זיך די טאַטשקעס אונ לאָזען זיך אין אַ זייט אונטער די ביימער מיטטאָג עססען. חיים'עק האָט אַריינגעחאַפּט נאָך אַ שטיק מיטטאָג: נאָך עטליכע טאַטשקעס צוזאַמענגעפֿיהרט, אונ זעצט זיך ווייטער ביים ראָוו אונ בערעכענט נאָך אַמאָל די אַרבייט. די זונן ברענט, נור איהם ווערט קאַלט פֿון חשבון! די אַללע פּריזמען, וואָס ער האָט ביז אַהער געמאַכט, וועללען קוים גענוג זיין פֿאַרן ווייב מיט ד ר י י קינדער! אונ וואו

בלייבט די רעשט? חיים'עק האָט אַ קוק געטהון אויפֿ'ן הימעל אונ טרייסט זיך: די זונן שטעהט איהם ערשט גראַדע איבערן קאָפּ! ביז פֿאַרנאַכט איז ווייט; אונ די „רעשט" איז סאַמע קליינוואַרג וואָס מען קומט איבער מיט וואָס עס איז.

ער שלעפּט אַרוים פֿון קעשענע אַ שטיקעל ברויט מיט זאַלץ אונ זעצט זיך אָברוהען. אַ וואונדערליכע זאַך, ווי שוואַך די האַנד זעננען איהם געוואָרען! כל זמן ער איז געוועזען אין דער אַרבייט, האָט ער נישט אַזוי געפֿיהלט; צונד דאַכט זיך איהם, רייסען זיי זיך איהם אָב פֿון די אַקסעל! נור דאָס איז גאָר נישט! ער וועט זיך אַ ביסל צולעגען אונ דער שלאָף וועט איהם בענייען די כחות. ער בעדעקט זיך איבערן קאָפּ מיט'ן חאַלאַט, לעגט זיך צו אויפֿ'ן גראָז אונ שלאָפֿט איין...

פֿריהער חלומט זיך איהם, אַז ער איז ווייט פֿונם שאָססע, פֿונם שאַבער, פֿון דער ברעננענדיגער זונן; ער זיצט זיך גאָר אין שטאָדט, אין דער שטיללער, קיהלער היים... אונ פֿערבאָרגט געלד אויף פּראָצענט... מוילעכט אַקאָוויט", שאַכערט אין קראָם... לייט האָבען דרך ארץ פֿאַר געלדענען קאַלב, בעטען טובות... אונ ער ליגט אונ ציהט זיך אוים אויף סאַמע באַנקאָצעטעל, ווי אויף היי, אונ האָרט

בעל-פֿערטשיק וועט אין איהם קיין נקמה נישט האָבען! ער וועט נאָך דאָס הויז אויך צוריק קויפֿען!

— געהסט? פֿראָגט איהן איבער גיטל, זערעדיג ווי ער בלייבט אונטערשטעללינג פֿער-טראַכט.

— געה, געה! מאַכט ער, אויף מיר מוז מען וואַרטען!

— פֿייערדיג זאָלל זיין דער שחרית אונ פֿולל מיט טרערען! טראַכט ער, בשעת גיטל איז שוין פֿערשוואונדען געוואָרען ועטס אין אַ צווייטער גאַסס.

נור עמ'ין רופֿט איהן ביי'ם נאָמען:

— חיים!

ער קוקט זיך אוס, עס פֿאָהרט זיין אַ כאָל געוועזענער פּריץ, ביי וועלכען עס קומט איהם אַ גאַנצען הונדערטער. דעם הונדערטער האָט ער

געהאַלטען פֿאַר פֿערפֿאַללען. אַז מען האָט געזאָגט, אַז דער פּריץ נעמט אָב עפּים אַ ירושה אונ וועט אין קורצען דורכפֿאָהרען דורכען שטאָדטיל, האָט ער נישט געגלויבט. אַ נאַרר וואָלט עמיץ געוויזען דעם פֿערשוואונדער אַ ירושה צו לאָזען. צונד פֿאָהרט ער.

עס איז דאָך ראש השנה אונ ר' חיים האָט זיך נור אָבגעשמעלט אונ נישט צו געגאַנגען צו דער בריטשקע. אינ'ם פֿאָהרען האָט דער פּריץ אַרויסגענומען דען ברוסט-טאַש אונ געוויזען איהם פֿון ווייטען אַ הונדערטער.

ר' חיים'ס פּים וויללען זיך אַוועק רייסען אונ געהן, נור ער האַלט זיי איין.

— ראש השנה! מאַכט ער צו זיך ביזו ראש השנה!

זיך איין ווי אם די רובעלדיגע פאפיערלעך רוישען. ער דערמאנט זיך, אז דער שרייבער האט איהם טאקי געזאגט, אז דאס איז א בעססערע פרנסה, איידער צו טרעטען אויף שנייער און צו שלעפען די פער־שאלטענע טאטשקע אונטער דער קאבעדיגער זונן... די פויערען האבען אויך אויפ'ן געקוקט מיט א שמייכעל: ווי קומט קאפעל און ארבע־כנפות צום שאססע? נור באלד האט איהן דער „מלאך של שנה" צוריק ארויפגעפיהרט אויפ'ן שאססע און געהייסען ארבייטען!.. און ער האט א ווייב מיט אבט קינדערליך, ער טאר נישט ארבייטען רוהיג און פאמעליך ווי אנדערע, דער חשבון יאגט... ער טאר די טאטשקע נישט אב־לאזען א רגע...

דאס ווייב מיט דריי קינדער האט ער שוין אפילו פערגעסען, נור דאס קליינ־ווארג, די רעשט לעגט זיך איהם אין שלאף, ווי א שטיין אויפ'ן הארץ. דער שלאף האט איהן נאך מעהר אבגעמאטטערט.

ער חאפט זיך אויף, עפענט די אויגען און ווארפט א בליק אויפ'ן שאססע. די פויערען זענען נאך נישט צוריקגעקוממען צו דער ארבייט; אין אזא היץ גלוסט זיך נישט אזוי געשווינד ארויס צו קריכען פון שאטטען אונטער די ביימער... נור חיים'קע האט קיין צייט נישט. ער פער־לעגט צוריק די שעלקיס אויף די אקסעל; גיט א שטופ די טאטשקע און הייבט אן צו ארבייטען אויפ'ן פערטען קינד.

און עס געהט ווייטער א מלחמה מיט'ן בלוטיגען שווייס; און דאס שוואכע יודעל מיט די שווארץ־פלאממענדיגע אויגען און פערברענטע ליפפען איז דאך גובר! עס זענען ווייטער א וועק א פאר שטונדען. די זונן לאסט זיך שוין אראב! דער שרייבער שפאציערט אויף און אב איבערן שאססע און וואונדערט זיך: פון וואנען עס נעמט זיך צו חיים'עק'ן אזוי פיעל כח?

— א הארטע בעסטיע! זאגט ער. —

די „הארטע בעסטיע" הארט זיין לויב, שמייכעלט און טהוט ווייטער דאס זייניגע, נור עס געהט אללע מאל ערגער. האנד און פיס זאגען אב! נאך א רגע — און ער וועט — דאכט זיך — אנידער פאללען, ווי א פערד ביים דישעל, און וועט שוין נישט הערען די בייטש! —

עס איז אבער א מערכה, וואס חיים'עק האט נאך אזאפאס מיט כח, מיט וועלכען ער שטופט ווייטער די טאטשקע אויפ'ן שאבער!

אז דאס פלייש האט זיך שוין גאר אין גאנצען „בעדאקט", האט ער נאך נערוועז, און זיי וועללען העלפען אין דער נויט!

אט, אט — דאכט זיך — וועט חיימקע ארויסלאזען א געשריי פאר ווייטאג, אזוי אנגעשוואללען זענען איהם די אדערן מיט די שלעפען, אזוי שרעקליך זעהט ער אויס, שטופענדיג די טאטשקע מיט פערהאקטע צאהן און ציטטערדיקע האנד!... נור ער שרייט נישט — די נערוועז ארבייטען.

— א פערפאללענען חוב מאג מען אבנעמען על פי דין! זאגט איהם דאס הארץ... מיט א הונדערטער קאנן גאטט העלפען! דו וועסט דאך איהן שוין מעהר פאר די אויגען נישט זעהן!

— ראש השנה! ראש השנה! אנפערט ער דעם הארץ.

— מען מאג דאך!

— געלד נעמען — און פארן עמוד דאווענען! בייזערט ער זיך, און רייסט זיך אב פון ארט און לויפט אין שוהל אריין.

ער וועט פאר הונדערט רובעל זיין כבוד, זיין שחרית נישט פערקויפען...

ער קומט צו צו דער שוהל — מען דאווינט שוין...

— גומל לאיש חסד כמפעלו — הערט זיך פון עמוד זיין געוויינטעם בעלפערם קול. ער האט איהם אפילו זיין כבוד צו גענוממען...

נ. פרלנק.

ענדליך איז שוין אָבענד. — די פלאַמענדיג־רויטע זונן לאָזט זיך אַראָב אונטער דער ערד. דער „פאַן פּיבאַרו" פערשרייבט שוין די אַרבייט און לאָזט אָב די פויערין אַהיים. חיימ'עק שטעהט ביי דער טאַטשקע, ווישט זיך דעם פערשוויצטען שטערן, און מאַכט צום דריטטען מאָל אַ חשבון!

נישט קשה! ער האָט פערדיענט אַזוי פיעל ווי אַללע, נאָך מיט אַ צושפרונג!

דאָס ווייב מיט אַללע אַכט קינדער וועללען מאָרגען האָבען צו עססען... מאָרגען וועט ער ווייטער קוממען, ווייטער מלחמה האַלטען מיט שאַבער און זונן און אַזוי ווייטער און ווייטער, און עס וועט אַללע טאָג זיין וואָס צו עססען...

פאַר וואָס דען לאָזט חיימ'עק נישט אָב די טאַטשקע און פילט זי ווידער אָן מיט שטיינער און שטופּט זי ווייטער איבערן ברעט?

זיין גאַנצער קאָרפער איז שוין אָבגעמאַטערט, די נערווען זעננען שוין אויך אָבגעניצט. ער אַרבייט זיך שוין נישט אַזוי האַסטיג און ווילד, ווי פריהער... די אַרבייט געהט שווער, מיעד, פערשלאָפען.

ער שטופט די טאַטשקע און קוקט ווייט, ווייט אַוועק, און האָרט זיך איין צ־־ ־ידער־קול פון אַללע זייטען... עס האָט זיך אַראָבגעלאָזט אַ פינסטערע נאַכט און חיימ'עק שטופט נאָך אַלץ זיין טאַטשקע. עס אַרבייטען שוין נישט, נישט דאָס פלייש, נישט די נערווען, צונד אַרבייט שוין — דער געדאַנק, ער וויל אויך אָנשיטטען אַ פּריזמע שטיינער....

פראָגט חיימקע'ן: פאַר וועמיס וועגען? וועט ער אייך אָפשר אָנפערן:

— פאַרן ניינטען קינד, וואָס איז נאָך אויף דער וועלט נישט געקוממען, נור עס איז שוין אַ פּאָר חדשים אין וועג...

[illegible]

בילדער פון קור־אָרט.

א. די ערשטע טריט.

גאָר אין ווינקעלע אין פראָמענאַדע, אונטער אַ ברייט־צולעגטען קאַשטאַן, שטעהט אַ שטיינערנע באַנק; אַהער קימט נישט צו דאָס רוישען פון די קור־גאָסט, וואָס מוזען שפּאַצירען... די מוזיק, וואָס הילכט ערגיץ ווייט, רופט זיך דאָ אָן שטילל, גלייך אַ טייכעל רוישט מעלאָדיש. — אהער פערבלאָנדזיט עמיץ זעלטען... אונטערן קאַשטאַן אויף דער שטיינערנער באַנק זיצט צונד אַ יונגע פרוי. פאַר איהר ליגט אָפּפען אַ בוך, נור זי לעזט עס נישט... דער טונקעל־שווער בעלאָקטער קאָפּף איז אָנגעשפּאַרט אויף דער ווייסער אַלאַבאַסטער האַנד, און אַ שווערע זאָרג ליגט אויף דער נאָך ווייסערן שטערן און דריקט אויס אַ טרער פון הימעל־בלאָהעם אויג...

אויף דער נישט ווייטער אַללע, וואָס איז בעגאָססען מיט העללער ליכט פון דער זונן, סקריפּעט און בעוועגט זיך לאַנגזאַם אַ פאָטעל אויף ראָדליך, פון אַ דיענער אונטערגעשטופט. — אין פאָטעל זיצט אַ וואונדערליך בלאַססער יונגער־מאַן און ביינגט זיך גאַנץ אָפט איבער צו'ן אַ קליין, אָפשר צוויי־יאָהריג מיידעלע, וואָס געהט נאָך אין דער זייט פון פאָטעל מיט אַ שטייכעל אויפ'ן רויזיגען מויליכעל און בלאָה־לאַכענדיגע־אויגען...

איהרע העלל־בלאָהע האָהר פאַללען אַראָב פון אונטערן באַטיסטענעם, העל־גאָלאַנדישען ציפּיקיל אויפ'ן קאָראַנקאָווע קאָלנעריל פון בלאָהעם קליידעל, און רייסען זיך אַראָב צום ווייסען שטערן, אויף וועלכען עס טאַנצען דראָבנע פּיפּיגע לאָקליך. —

דער פאָטעל רוקט זיך אַלץ נאָהנטער צו צום קאַשטאַן. — נור אָט — דער בלאַססער מאַנן גיט אַ צייכען און עס פערהאַלט זיך דער שטוהל. דער דיענער קומט צו רעכטס צום פאָטעל און דער בלאַססער מאַנן שפּאַרט

ער קרייהעט ווי א האן אדער הירזשעט ווי א פערד, דערביי שפארט ער עפיס אריין אין מויל — אונ דער עולם צולאכט זיך, נור באלד בלייבט מען ווייטער רוהיג זיטצען אונ מען העבט אן צו קוקען אויף דער גאסס־טהיר.

שלום אונ דוואשע זיין ווייב זענען עפיס אויך נישט גוט אויפגעלעגט, רעדען געהאפט, קוקען אויס די אויגען אויף דער גאסס־טהיר, אונ דוואשע איילט זיך נישט צו דערלאנגען דען גאנצען כבוד צום טיש.

דאס ווארט מען אויף שלום'ס בעל־הבית, אויף ר' משה קארלין.

— פאר איהם דארף מען קיין פאראד נישט מאכען, זאגט שלום צו זיינע גאסט אין איין זייט צימער, ער וועט נאך זאגען, אז איך עסס זיין פלייש אונ טרינק זיין בלוט...

— ער געהט דענן גוט־יום־טוב ביטען! רעדט דוואשע באז צווישען איהרע ווייבער אין דער אנדערער זייט צימער, — ער געהט דאך מעהר נישט רעווידירען... ער געהט דאך נור זעהען, צו האט מען איהן נישט בעגנב'ט...

זי לאזט אויס מיט א קללה.

אויפ'ן געדעקטען טיש שטעהט מעהר נישט ווי איין פלאש בראנפען, אטליכע קיכלעך, הערינג אונ אוגערקעס. פאר די ווייבער האט מען גאר קיין טיש נישט געשטעלט. זיי זיטצען אויף די בעטען ביי דער אנדערער וואנד, געגען טיש, אונ דוואשע טראגט זיי צו בראנפען מיט קיכלעך.

— שרייקט אייך נישט — טרייסט'ן שלום מיט דוואשען זייערע גאסט, — אזא גוט יאהר זאללען מיר האבען אונ אללע אונזערע גוטע פריינד, ס'אר א כבוד עס שטעהט אין אוווען! זאלל נור דער בעל הבאנדזיע אוועקגעהן...

אונ דוואשע צורעדט זיך אויך פאר איהרע ווייבער וועגען איהר כ..וד: חרעמזלעך, אנגעפיללטע קישקעס, א געפיללטע גאנז, געפיללטע אפפעל...

— אלין, דאנק גאטט, ווי ביי א בעל־הבית־טע — ענדיגט זי איהר בעשרייבונג, — אונ איך דארף גאר מורא האבען פאר דעם המן!...

ענדליך אפפענט זיך די טהיר אין פארדער־צימער אונ עס קומט דער בעל־הבית: א קורצער דיקער יוד אין מיטטעלע יאהרען. אללע גאסט שטעהען אויף פון די ארטער. שלום לויפט צו ארא־גנעמען פון איהם דען מאנטעל; דוואשע קרימט זיך.

— איין ענגע לופט — זאגט דער בעל־הבית, קרימענדיג די נאז, — פאר וואס מאכט מען נישט אויף א פענסטער? פפע! בלאזט ער אב פון זיך.

שלום ווינקט צו אייגעם, ער זאלל אויפמאכען א פענסטער.

ר' משה געהט אריין אין צווייטען צימער, קוקט זיך ארום, גיט א נייג א ביסל מיט'ן קאפף אונ געהט זיך זעטצען צום אויבען אן. די ווייבער שטעהען ארויס אין פארדער־צימער, וואס איז אי א קיך.

— דו וואהנסט דאך גאנץ פיין, — זאגט דער בעל־הבית צו שלום'ען, וואס שטעהט נעבען איהם — גאנץ היבש! וואס זינדיגסט דו?

— ווער זינדיגט? איך זינדיג גאר נישט! — אנטפערט שלום, — בעססער, מעהר נישט, וואלט נישט אויסמאכען.

— בע־ס־ער! ציהט ר' משה איראניש, — אט דאס איז שוין נישט גוט! דערמיט אלליין זינדיגסט דו...

דוואשע ווארפט אויף איהן א באזען בליק, קרימט זיך מיט די ליפפען אונ געהט ארויס אין קיך צו די ווייבער, אבצוקיהלען דארטען דאס הארץ מיט א קללה.

שלום גיסט דערווייל אן א קעלעשיק פאר דעם בעל־הבית.

— מאכט ברכה — זאגט ער — אט דאס איז מיין כבוד: אויף בעססערס האט קיין פעראיבעל נישט.

— וואס איז? גאנץ גוט, גאנץ גוט! אנטפערט דער בעל־הבית, אבטריקענדיג א ביסל בראנפען אונ אבבערעכענדיג א שטיקעל קיכעל.

דוואשע קרימט זיך.

— גיב דאס דיינע גאסט! בורציעט זי אונ שלעפט איהרע ווייבער צו'ם אוווען, וואו עס שטעהט איהר „כל־טוב".

שלום וויל זיך דערווייל אונטערחנפהנען דען בעל־הבית.

— איך האב נאכטען געזעהען דען פריץ באס־סעוויטש, העבט ער אן צו דערצאהלען מיט א חנפה'־דיגען שמייכעל. דער בעל־הבית קנייטשט אן דען שטערן אונ שטעלט אן דאס אויער.

— ער ווערט שוין ווייכער — דערצאהלט שלום ווייטער, — ער וועט שוין, באלד נעמען אונזער מקח... איך האב איהם אונטערגעלאזען א שפילקע...

שלום העבט אן דערצאהלען מיט היטץ, וואס פאר א שפילקע ער האט אונטערגעלאזט דעם פריץ. דוואשע שטעהט אין קיך אונ זידט.

— ער דארף איהן דא נאטהיג האבען, שיפעט זי, ער האט זיך פערדעדט מיט איהם!..

די גאסט זיטצען אונ געניצען אדער לויפען אין קיך צו די ווייבער „אבפיהרען דאס הארץ".

— ער האט זיך אוועקגעזעצט, דער טרעמבויך! מאכט איינער מיט פערדראס.

— לאז איהן זיך אויסרוהען! זאגט א צווייטער, — ער טראגט נעביך אויף זיך אזא משא כבדה...

— ווי געפאלט אייך מיין קעססעלפויק? לויפט אריין הירשעל מיט א קאמישע מינע.

— גא, געה, קלאפ אונז עפיס אויס! לאכט

איינער געבענדיג הירשלען א פאר ווילקעס.

מען צולאבט זיך אונ מען קוקט אריין אין צווישען צימער אויפ'ן „קעססעלפויק".

שלום ענדיגט, אונ דער בעל־הבית שמייכעלט גנאדיג.

— מאלאדיעץ! רעדט ער ארויס.

— וואס זיצט מען עפים ביי דיר ווי תשעה־באב? רעגט ער צו מיט זיין גנאדיגען שמייכעל,— זאלל מען זאגען עפים א נגון.

— עטשע־טשע! קרימט זיך דוואשע, עס ווילט זיך איהם! זאגען איהם נאך א נגון!

שלום בעט זיך איין ביי א פאר גאסט „זאגען" א נגון, יענע העבען אן; פון קיך ווינקט מען זיי, זיי זאללען אויפהערען. נור דער בעל־הבית האט סאי־ווי־סאי נישט אויס ביז'ן סוף; ער שטעהט אויף, שיום דערלאנגט איהם דען מאנטעל, אונ, זאגענדיג אללעמען „א גוטען יום־טוב", געהט ער אוועק.

אללע אטהמען פרייער אב.

— געראפט זיך מיט איהם פערדערען? פאלט אן דוואשע אויף שלום'ען.

— נו? פיהרט שלום פעראנדער מיט די האנד,— טרייבען איהן?

דער פויקער קריכט ארויס ווי א האן אונ עס העבט זיך אן איבערצוקעהרען די שטוב.

ד. פינסקי.

אפאריזמען.

1) דער שלימאק האט ווייניג־וואס דערפון, וואס ער לעבט אין דער צייט פון פארע אונ עלעקטריציטאט. (K.)

2) פרישות — אויב זי איז אליין נישט קיין קראנק, קומט זי פון א קראנק. (P.)

3) דאס ראדעל דרייט זיך: מען קאן זיין משוגע רייך אונ ווילד ארים. (P.)

4) נאך איידער עס ווערט עפים נייעס געבוירען זענען שוין גרייט די וויקקעל־שנור צום שטויפהאלטען אונ די וויעג — צום איינשראפען. (P.)

5) בלינדע מיינען, אז אירעען האבען זייערע אויגען, אונווארפען זיי שטיינער אונטער די פים. (P.)

6) ווער עס איז אלט אין דער יוגענד, קאנן זיין יונג אויף דער עלטער. (P.)

7) פערדעקקען א פעהלער מיט א ליגען הייסט צו מאכען א לאך אויפ'ן ארט פון א פלעק. (W.)

אינהאלט: וואס טראכטען אונ קלערען (נאכאהמונג) — געדיכט — [י. ל. פרץ]. — די אוטאפיען אונ דאס לעבען [א. ג.]. פארט געזיפפען [נ. זייצאון]. — א רפואה צו דיפטעריט [זיגמונד סטענצעל, סטוד. מעד.]. —
פעליעטאנען: וואס זאלל איך וועללען? [דער ליץ פון רעדאקציא]. — גוט יום־טוב ביטען [ד. פינסקי]. — אגא יזמען.

אינהאלט: דאס חנוכה ליכטעל — געדיכט — [י. ל. פרץ]. — די ארבייטער-לאגע אין לאנדאן [דר. שטיצער]. — נס חנוכה — ערצעהלונג — [ל. פרץ]. — דאס ערשטע מאל געוויינט — א בילד — [דוד פינסקי].
פעליעטאן: אין איירא׳פא און ביי אונז אונטערן אויבן [די: לין פון רעדאקציע]. —

דאס חנוכה ליכטעל.

עס פאלט צו די נאכט... די פינסטערע נאכט
און שאטען בעדעקען די וואנד;
נור אומעטיג מילד, טרויריג פערשמאכט,
א ליכטעל אין פענסטעריל ברענדט.

עס ברענט און פערציילט די טרויריגע מעהר:
אמאל איז געוועזען א שווערט...
א שטאהלערנע, אח, היינט גלאנצט זי נישט מעהר
היינט ליגט זי צובראכען אויף דר׳ערד.

בעזראסט איז די שווערט, און טויט איז די האנד,
וואס פלעגט אמאל מיט איהר צו פעכטען...
עס בלייבען די ביינער אין מדבר, אין זאנד...
מ׳איז, דאכט זיך, געוועזען ערשט נאכטען?

אך גיין! שוין טויזענדער, טויזענדער יאהר
פעהלט שוין די האנד און די שווערט...
טהייל דריקען די אקסעל און פרעגען: איז וואהר
דאס גם, וואס מיר האבען געהערט?

שא! און פערראסטעט, און שטילל ווי די מויז...
און בלייערן שטום איז דער הימעל...
און פינסטער און גליטשיג אין איביגען הויז,
ער לייכט נור דער גלאנצענדער שימעל:

י. ל. פרץ.

די ארבייטער-לאגע אין לאנדאן.

די עמיגראציע איז פערקלענערט געווארען...

די שרעקק, דאס לויפען אין גאנצע סטאדעס, האט אויפגעהערט, נור די עקאנאמישע לאגע אין לאנד ברענגט נאך דערצו, אז מאססען מענשען מוזען זוכען זייער גליק אין פרעמדע לאנדער.

אין 1893 האט דייטשלאנד פערמאכט איהרע גרעניצען פאר אונזערע עמיגראנטען און דאך האבען זיך דורכגעשווארצט 11,732 יודען און האבען זיך אין האמבורג פערשיפט.

דאס זעלבע געשיהט אין 1894.

וואו אהין געהען די עמיגראנטען?

קיין ארגענטינא נעמט מען נור אויף איינציגע פארטיען, וואס פאהרען ארויס מיט פאספארטען אויפ'ן באראן הירש'ס רעכענונג... זיי שווארצען זיך נישט דורך.

ארץ ישראל איז פאר אונז פערמאכט...

עס בלייבען נור דריי עמיגראציאנס פלאץ:

פעראייניגטע שטאאטען אמעריקאס— הויפטזאכליך ניוארק.

ענגלאנד—הויפטזאכליך לאנדאן און די ענגלישע קאלאניען.

מיר וואלטען געוואלט בעריכטען אונזערע לעזער פון דער לאגע פון אונזערע עמיגראנטען, און די, וואס וויללען עמיגרירען — מיט דער לאגע פון די ארבייטער אין די לאנדער וואו אהין זיי וויללען עמיגרירען...

אונטער דער האנד האבען מיר דערוויל וויכטיגע סטאטיסטישע ציפפערן וועגען דער ארבייטער-לאגע אין לאנדאן, און מיר וויללען זי אויסנוצען צו אונזער צוועק.

אונז אינטערעסירט נור די ארבייטער-פראגע דעריבער, ווייל מיר האלטען יעדע עמיגראציע פאר נוצליך נור אזוי ווייט, ווי ווייט דער עמיגראנט וויל פערטוישען דען האנדעל אויף ארבייט; ווי ווייט ער וויל פערטוישען דען ארשין, די וואג און די קווארט, דאס פערדיענען פארן וועג, דאס לעבען אין זכות פון איין המציאה'לע, א שפיצעל, א ליגען... אויף א לעבען פון איגענעם שווייס... ווי ווייט די אללע, וואס הענגען צווישען הימעל און ערד אויף א שפינוועבס-פאדעם פון „גאט וועט העלפען", וויללען זיך זוכען א בעשטאנדיגע בעשעפטיגונג מיט א זיכערן מארגען...

ענגלאנד איז דאס רייכסטע לאנד אויף דער וועלט.

איהרע 36 מילליאן איינוואהנער פער-

אין אייראפא

און ביי אונז אונטערן אויבן.

אז מען רייסט אב דאס אויג פונ'ם זיידענדיגען לעבען אין אייראפא, און מעןווארפט א בליק צו אונז אונטערן אויבען, האט מען דאס געפיהל פון א רייזענדען, וואס קומט נאך שטורם און וועטטער אהיים אין א ווארימע, שטיללע, אלט-פראנקישע שטוב. —

אין דרויסען האט זיך דער היילעגער הימעל צוקריגט מיט דער זינדיגער ערד. דער הימעל האט איינגערונצעלט זיין שטערן ווי א פארמיט, און עס ציהט זיך איבער איהם א וואלקען נאך א וואלקען; אללע מאל שווערער, בלייערנער, שווארצער און

גיעססענדיגער! פון דער השגחה'ס אויג פליהט א בליץ נאך א בליץ און פון גאט'ס האנד שלאגט א דונער נאך א דונער...

אט טרעפט ער אין איין אלטע שאפע אריין; דאס האלץ איז אזוי דאר, אזוי אויסגעטריקענט געווען, אז מען האט געמיינט, אז זי וועט די וועלט איבערלעבען, און אט פלאקקערט זי אויף ווי א קיהן, און פאלט און ברעכט צוזאממען; אט שלאנגלען זיך פייערדיגע צונגען צווישען זיילען רויך ארום א ניימאדישען פאלאץ; פון איהם וועט אוודאי באלד קיין זכר נישט בלייבען. און דא יאגט זיך בארג אב דאס שוימענדיג-זידענדיגע וואססער, יאגט און שלאגט מיט א כעס און רייסט מיט זיך מיט אללע שטיינער, פלאטען און גרייזייען, וואס שטעהען איהם אין וועג.

דיענען אַ יאָהר 1,300 מיליאָן פונט שטער־לינג. דאָס הייסט אויף אונזער געלד — 11 מיליאַרד 700 מיליאָן רובל! אַז מיר וועללען די סומע צוטהיילען אויף דער צאָהל פון די איינוואָהנער, וועללען מיר האָבען אויף יעדען קאָפּ 325 רובל אַ יאָהר. לאָז'מיר רעכענען, אַז יעדע פאַמיליע בע־שטעהט דורכשניטליך פון צוויי עלטערן און דריי קינדער, ווערט אויז אויסקוממען, אַז יעדע פאַמיליע פערדינט דורכשניטליך 5 מאָל 325 רובל אַ יאָהר! דאָס הייסט — 1,625 רובל אַ יאָהר.

דאַכט זיך עס דאַרף גענוג זיין; אַז פאַר דעם געלד קאָנן מען לעבען ווי גאָט אין פראַנקרייך, און דאָ פיהלט אין ענגלאַנד — נישט קיין אָרימקייט!

דער דלות שטעקט אין'ם איינציגען וואָרט „דורכשניטליך"!

די 1300 מיליאָן פונט שטערלינג ווערען נישט גלייך צוטהיילט; נישט יעדער בעקומט פון זיי אַ גלייך חלק! פערקעהרט — אַ קליין ביסל מענשען האָט צופיעל און דאָס רוב צו ווענינ אָדער גאָר נישט.

די סומע 1300 מיליאָן פונט שטער־לינג צופאַללט אויף

1) איינקינפטע פון דער ערד, פאַר פריצים, פויערן און אַרענדאַרען 200 מיליאָן פונט

2) פאַר קאַפּיטאַליסטען 250 „ „

3) פאַר פאַבריקען, פאַר־ראַדען, האַנדעל א.ד.ג. 250 מיליאָן פונט

4) און פאַר אַרבייטער און בעל מלאכות די רעשט 500 „ „

נאַטירליך געהערען אונזערע עמיגראַ־טען צו דער פיערטער קלאַסס און מיר וועללען זיך נור אינטערעסירען מיט די 500 מיליאָן פונט שטערלינג.

די אַרבייט, זעהט איהר, פערדינט אַסך געלד! 500 מיליאָן פונט שטערלינג, אָדער אויף אונזער געלד איבער 4,500 מיליאָן רובל איז אַ גרויסע סומע! אמת איז, אַז די סומע צופאַללט אויף קנאַפּע 6 מיליאָן אַרבייטער און אויף יעדען בע־זונדער קומט קוים אויס דורכשניטליך 88 פ"ש אָדער קנאַפּע 800 רובל אַ יאָהר, נור סיי ווי סיי, בעטרעפט עס איבער 2 רובל אַ טאָג! און ביי אונז וואָלט מען זיך בעסער נישט געוואונשען...

נור ווייטער דאָס אייגענע אונגליק, די צוויי רובל אַ טאָג זענען נור דורכשניטליך! און אין אמת האָבען אין ענגלאַנד אין גאַנצען 11 מיליאָן מענשען פרנסה בריוח (איין ערד $^3/_{10}$ איינוואָהנער) און 27 מיליאָן (ד. ה. $^7/_{10}$ איינוואָהנער) לעבען בדוחק!

אויב טהייל אַרבייטער פערדינען 25 רובל, פערדינען אַנדערע קוים 4—3 רובל אַ וואָך! דאָס פערשטעהט זיך, איז אַ ביסל

נור, געלויבט איז גאָט, מיר זענען שוין אין דער היים. דאָ איז לאַנגווייליג נור שטיל, רואיג נור ווארים — דאָ איז מען זיכער מיט'ן לעבען...

דאָרט האָט דער ריכטער געקנאַקט, דאָ קנאַקט אַ מאָל אַ ברענענדיג שייטעל האָלץ אין אויבען... דאָרט האָט זיך געדאַכט, אַז גאָט וויל כשר'ען די ערד מיט פייער און איבערשווענקען מיט וואַסער, דאָ זיצט קוים די אַלטע באָבע און פליקט פעדערן... דאָרט פיהרען הימעל און ערד מלחמה, און דאָ שפּאַרען זיך צוויי אַלטע מוהמעס וואָס עס איז בעסער: געריבענער אָדער געשאַבע־נער רעטיך...

און זיי זעהען גאָר נישט אַזוי שרעקליך אויס! וואָלענע זאָקען אין די האַנד, שפּיזלעך

אונטער די אויערען, די ברילען פעררוקט אויפ'ן שטערן... וואָס? עס וועט גאָר נישט זיין דערפון'

לעוויאַטאַנען לעבען אין אַ ים; מיקראָבען — אין אַ טראָפּען וואַסער... אין'ם טראָפּען שלאָגט זיך אָב דאָס גאַנצע לעבען נור — מיקראָסקאָפּיש קליין און... אַ מאָל מיט'ן קאָפּ אַראָב!

גאָט אייך פאַקטען:

אייראָפּאַ האָט אַריסטאָקראַטען און מיר האָבען אַריסטאָקראַטען. ביידערליי מיוחסים האָבען פיינט די פאָלקס־בילדונג.ביידע זאָגען, אַז דאָס פאָלק דאַרף אַ סך גלויבען און ווענינ וויסען. ביידע זאָגען, אַז שוהלען און בפרט אוניווערזיטעטען, אַז וויסענשאַפט און בפרט איין איינפאַך אמת וואָרט

צו וועניג, בפרט אז עס פאלט צו אקרענק, אָדער אַז עס מאַכט זיך אַ קריזיס און מען פערליערט אין גאַנצען די אַרבייט!... אמווענינגסטען פערדיענען די ווייבער, זייער לוין גענען דען מעננער-לוין, פערהאלט זיך ווי 40 קעגען 100 ד. ה. וואו אַ מאַנספערשוין בעקומט אַ רובל פערדיענט די פרוי נור 40 קאָפּ׳.

די גענויינכטע לאָנדאָנער איינוואָהנער געפינען זיך אין חלק שטאָדט, וואָס הייסט אָיטשעפעל.

אין אָיטשעפעל געפינען זיך: 891,539 נפשות, און 35% פּראָצענט פון דער צאָהל פערדיענט ווייניגער אַלין צעהן רובל אַ וואָך. און ווייל דאָס לעבען אין לאָנדאָן איז אַ סך טהייערער ווי ביי אונז, האָבען מיר שוין 316,000 מענשען וואָס לעבען בדוחק.

11,000 נפשות וואָס ... נויט: דאָס זענען מענשען גאָר אָהן אַ זיכערע בעשעפטיגונג, וואָס לעבען פון טאָג אויף טאָג פון צופעלליגע פערדיענסטען. זיי האָבען אפילו קיין דירות נישט, און אַז מען פערדיענט נישט די דריי פענס (איין ערך פון 4 קאָפּ.) אויף נאַכטלעגער שלאָפט מען זיך איבער אונטערן פרייען הימעל.

אין אַנדערע אָרימע גאַסען איז אויך נישט בעסער.

בכלל איז דאָ אין לאָנדאָן 77% אָרימע לייט און אין גאַנצען 23% פערמעגליכערע אָדער 1,292,337 אָהן און 2,916,433 מיט פּרנסה! אין אפילו אין ענגלאַנד איז כמעט יעדער דריטער מענש אַ נצרך!

לויט סטאַטיסטיק ווערט אין לאָנדאָן דער געברויך אויפאַרבייט יעהר יעהרליך גרעסער.

פון 1886 ביז 1890 איז די צאָהל פון אַרבייטער אָהן אַרבייט געפאַללען פון 13,30 אויף 1,75 און דאָך איז די אָרימקייט גענוג גרויס. דערויף האָבען מיר צוויי שרעקליכע פאַקטען. עס ווייזט זיך אויס, אַז: 1) אַ 1/5 איינוואוינער אין לאָנדאָן שטאַרבען נישט אויף די אייגענע בעטען, נ... אין שפּיטעלער, אָחראָנים און אַנדערע צדקה-הייזער, און אַז —

2) די שטערבליכקייט צווישען קינדער אין די אָרימע גאַסען איז 3 מאָל אַזוי גרויס ווי אין די רייכע גאַסען.

מיר זעהען, אַז אין דער רייכסטער שטאָדט פון רייכסטען לאַנד לעקט דער אָרימאַן אויך קיין האָניג נישט; אַז דער, וואָס האָט נישט קיין חלק אין די מיליאָנען,

---

אָהן איין איינהיל זענען אַזויגע שווערע מאכלים, אַז דאָס פאָלק קענן זיי נישט פערדייען... אַז דערפון פערדאַרבט עס זיך דען מאָגען, שלאָפט אונרוהיג און חאָט בייזע חלומות... און דאָך איז ווייט פון יענע אַריסטאָקראַטען ביז אונזערע! די אַריסטאָקראַטען, למשל אין פּרייסען, די „יונקערס", ווי מען רופט זיי דאָרט, זענען רייכע גוטסבעזיצער פון אייביגע יאָהרען, אַריסטאָקראַטען מיט סאַמע ריין בלאָהליך בלוט; מיט אַ יחוס, וואָס גרייכט אַמאָל ביז די חיות ובהמות אין נח׳ס תיבה! זיי געדענקען נאָך די אַלטע גוטע צייטען, ווען לעזען און שרייבען האָט געהערט צו זיי, בפרט רעגיערען! אין לאַנד זענען נור געווען צוויי קלאַססען: אַ קליין ביסעל פריצים וואָס האָבען געהאַט אַללעס און איבער אַללעס צו שאַפען, און אַ גרויסע מאַססע פויערען, וואָס האָבען אַ סך געאַרבייט און גאָר נישט געהאַט. דעמאָלט האָבען אונזערע יונקערס געלעבט אַ גוטען טאָג, און אַז דאָס פויערן-פאָלק האָט עפּיס פערלאַנגט, נישט אויף די קניען, נישט אין קלויסטער און נישט פון גאָט — האָט מען איהם געענטפערט מיט קאַרטאַטשען.

נאַטירליך געהען די יונקערס היינט אויך נישט אַזוי שלעכט; זיי זענען נאָך עד היום די זעלען, וואָס האַלטען אונטער דען פּרייסישען הימעל... די גרעסטע שטעללען אין לאַנד, אין דער אַדמיניסטראַציע, אין מיליטער און בפרט אין קייזערס הויף געהערען צו זיי, און אויסער דעם האָבען זיי נאָך מאַססען גיטער, וואָס זיי האָבען געקריגען בירושה פון די אַללע גוטע צייטען, און, ליידער, נאָך נישט פערטרונקען און פערהולטייעט...

וואָס פֿאַללען, אַלס הכנסה פֿון דער ערד, פּראָצענט פֿון קאַפּיטאַל, אָדער פֿערדיענסט פֿון פֿאַבריק און האַנדעל, מוז גענוג ביללינג פֿערקויפֿען זיין שוויים און בלוט און נישט שטאַנדיג נאָך קריגט ער אויף זיי אַ קונה, געזונדערהייט מוז ער זיך גאַנץ אָפֿט אײַנ־שטײַנ... דען בויך און זוכען יסע חלומות אין גאַס, צו קוקען ווי זיינע קינדער שטאַרבען איהם פֿאַר הונגער און קאַלט און אויף דער שוואַכער אָטער מוז ער יבען אַ בעטט אין שפּיטאָל...

און...ע עמיגראַנטען זענען מעהרכ־טענטהײלס שנײדער, קירזשנער און נײטאָ־רען, און די אַרבײט צאָהלט זיך גראַדע אַם ערגסטען אין לאָנדאָן. אין די בראַנזשען איז מעהרסטענטהײלס דער אַרבײטער נישט בעשעפֿטיגט בײם בעל הבית אויף דער פֿאַבריק אָדער אין וואַרשטאַט, נור ער בעקומט די אַרבײט צו זיך אַ היים.

לויט דעם ענגלישען געזעטץ מוז זיין די פֿאַבריק אָדער דער וואַרשטאַט, וואו די אַרבײטער זענען בעשעפֿטיגט, אַזוי אײַנגעריכטעט, אַז עס זאָלל נישט שאַדטען דעם אַרבײטערס געזונד. עס מוז זיין אַ גע־ווייסע נאָרמע לופֿט, עס מוז זיין וואַרים, טרוקען און גענוג ליכטיג. און אַזוי ערנאָך פֿערבּרענגט דער אַרבײטער דען גרעסטען טהײל מעת־לעת חאָטש אויף אַ געזונד אָרט, בשעת ווען אין דע... ווײַנ איז ענג, דושנא, גאַנץ אָפֿט נאַסס און ...הרסטענ־טהײלס ... שלעכטע בעלײַכטונג. אויך אין דער הײם אַרבײט ער לאַנגער ווי אין פֿאַבריק. דא אַרבײט מען שוין נישט אויפֿ'ן טאָג, נור אויפֿ'ן שטיק און מען וויל מעהר פֿערדיענען.

אין פֿאַבריק טאָרען קײן קלײנע קינדער נישט אַרבײטען, אַ ביסל גראָסערע טאָרען נישט אַרבײטען בײ נאַכט און מוזען רוהען צווישען דער אַרבײט בײ טאָג; ווײבער טאָרען אויך בײ נאַכט אין פֿאַבריק נישט אַרבײטען... דאָס אַלץ הערט אויף, אַז מען נעמט די אַרבײט אַהײם און מאָננער, פֿרויען און קינדער פֿערליערען דאָס געזונד מיט די כוחות בײ דער אַרבײט

און דער מנהג אַרויס צו געבען די אַרבײט האָט זיך אַזוי אײַנגעוואָרצעלט, אַז אויף 906 שנײדערישע וואַרשטאַטען אין איטשעפּעל, וואָס בעשעפֿטיגען דורכבאַק פֿון 10 ביז 25 אַרבײטער, ווערט 80 פּראָצענט אַרבײט אַרויס געגעבען פֿון דער פֿאַבריק.

דורך דעם וואָס די אַרבײטער פֿער־לאַנגערן זיך אַלליין דען אַרבײט'ס טאָג, האָבען זיי זיך אַליין געמאַכט אַזאַ שראָקליכע קאָנקורענץ, אַז עס איז זעלטען זי... זאָללען האָבען אַרבײט אַ גאַנצע וואָך.

פֿון די גראָסערע פֿאַבריקען קריגט

פֿאַר וואָס האָט דער פּרײסישער יונקער פֿײנט די פֿאָלקס־בילדונג? פֿאַר וואָס קריגט ער האַרץ־קלאַפּען פֿאַר דעם, וואָס ער רופֿט: „דעמאַגאָגיע"? ווייל ער ווײסט, אַז וואָס קליגער עס ווערט זיין דאָס פֿאָלק קלענער ווערט ווערען זיין פֿעטטער ביססען...

נור וואָס פֿאַר אַ אַריסטאָקראַטען האָבען מיר? ווער שרייט אויף אונז, אַז מיר זאָגען צופֿיעל אויס דעם פּראָסטען פֿאָלק, דעם „המון עם"? ווער איז בײ אונס די זויער־מילך און ווער די סמעטענע? ווער האָט רויט און ווער בלאָהליך בלוט? דאַכט זיך אַז אין יעדער קלענסטער רײהע פֿון יודישע דורות, ווערט איהר געפֿינען אַללע שטאַפּלען פֿון דער לייטער, אויף וועלכע אַ יודישער פֿוס מאָג נור טרעטען! איהר וועט געפֿינען אַ פֿאַקטאָר און אַ רב, אַ רופֿא און אַ דאָקטאָר, און אַ פּאַציענטיק און נאָך עפּיס ערגערס, און אַ גביר, און אַ טרע־גער... ווער'ישע זענען אונזערע אַריסטאָקראַטען?

אונזערע אַריסטאָקראַטען זענען: מלמדים, וועלכע האָבען זיך אויסגעלערנט אַ ביסל העבראַישע גראַמאַטיק, אַ באַדער־יונג, וואָס האָט זיך צו גע־חאַפּט צו לעטריסעם ראָמאַנטישע געדיכטע, אַיין אויסגעקאָרמיט פֿאַקטוריש בעל־בתיש־אָקסיל, וואָס האָט אײַנגענומען אַ צוואַנציג לעקציעס אַללענ־דאָרף... אָט די לייט און זייער גלייכען זענען אונזערע יונקערס! אָט, די לייט ווייסען שוין אַזוינע סודות, וואָס מען טאָר דעם פֿאָלק נישט אויס־זאָגען... אָט, די לייט זאָגען, אַז די זויערמילך, דער המון עם דאַרף האָבען אַ פּרוכת איבער די אויגען און לאָזען זיך פֿיהרען פֿון זיי!..

אָט דאָס זענען אונזערע יונקערס אין די

מען אַרבייט אויף 3 טאָג, און פון די קלענערע אויף 2 ½ טאָג אַ וואָך... דאָס אייגענע איז ביי טאַפּיצירער, קירזשנער און ביי נייטאָרען.

און אַזוי ערנאָך — אַז מען פערדיענט אַ רובל אַ טאָג, פערדיענט מען דאָך נור דריי רובל אַ וואָך!

נור דאָס ערגסטע איז, וואָס די אַרבייט אין לאָנדאָן איז אַזוי ספּעציאַליזירט, אַז צו איין קלייד ווערען בענוצט 25 נייטאָרען; עס איז אונמעגליך געוואָרען, דער פאַבריקאַנט, וואָס גיט אַרויס די אַרבייט פון פאַבריק, זאָל זיך קאָננען אַליין די אַרבייטער פערזאָרגען, און צווישען אַרבייטער מיט'ן פאַבריקאַנט האָט זיך בעוויזען דער פערמיטלער. דער נעמט אויף זיך די גאַנצע אַרבייט און פערטהיילט זי צווישען די אַרבייטער.

נאַטירליך פערקלייט דען פאַקטאָרם פערדיענסט דען לוין פאַר דער אַרבייט...

איהר זעהט, אַז אין דער רייכסטער שטאָדט, פונ'ם רייכסטען לאַנד זעננען אויך דאָ אָרימע לייט... און מיינט נישט, אַז דאָס זעננען דווקא פוילע אָדער שכורים, אַז עס איז אמת וואָס די זאַטטע זאָגען, אַז זיער עס ווילל אַרבייטען, דעם פעהלט נישט קיין אַרבייט... ספּענצער, דער פילאָזאָף פון זאַטטע בייכער, האָט מאַקי גע־זאָגט, אַז די אַללע. וואָס נאָכטיגען אין גאַסס און שטאַרבען אין שפּיטאָל זעננען זיך אַליין שולדיג...

נור די סטאַטיסטיק זאָגט אַנדערש; זי ווייזט אויס, אַז אויף 1610 פאַמיליען אָהן ברויט איז געוועזען אין גאַנצען 4 פּראָצענט פוילע, וואָס האָבען נישט געוואָלט אַרבייטען, 14 פּראָצענט אויסברעכער און שכורים — 27 פּראָצענט קראַנקע, און גאַנצע 55 פּראָ־צענט געזונטע אַרבייטער, וואָס האָבען גע־זוכט און נישט געפונען קיין אַרבייט.

פון 2,466 פאַלל פון אָרימקייט, איז געוועזען:

13% שכרות, פערשווענדעריי, נישט־אָרנטליך אויפפיהרען זיך,

19% אונגליקליכע צופאַללע און

68% אָהן אַרבייט!

איהר זעהט, אַז די אַרבייטער אין לאָנדאָן טהיילען זיך אין פערשיעדענע קלאַססען און אַז אַ געוויססע קלאַססע אַרבייטער ליידט הונגער נישט ערגער ווי ביי אונז...

צו דער אָרימסטע קלאַססע מוזען מיר רעכענען אונזערע יודישע עמיגראַנטען. עס עמיגרירען געוועהנליך נור מענשען, וואָס האָבען שוין דאָ די לעצטע האָפנונג מיט'ן לעצטען גראָשען פערלוירען צוזאַמען, לייזדיג־גייער אָדער נישט זעהר פעהיגע בעלי מלאכות. זיי קומען אַריין אין אַ פרעמדע

בערדען... וואָס די אַלטע באָבע פליקט!

צו האָט איהר געהערט פון לעצטען איזיגע באַהן־שטרייק אין אַמעריקאַ? די אַרבייטער און דיענער פון דער באַהן האָבען געוואָלט אַ גרעסערן לוין, די בעלי בתים פון דער באַהן האָבען נישט געוואָלט געבען, האָבען זיך די אַרבייטער מישב געוועזען און אויפגעהערט צו אַרבייטען... דאָס הייסט אויף זייער לשון — אַ „שטרייק״.. דאָס מחלוקת האָט לאַנג געדויערט, די אַרבייטער האָבען פאַר הונגער געמאַכט באַוועריעס, צובראָכען וואַ־גאָנען, פערברענט סטאַציעס... די בעלי בתים האָבען גענומען הילף ביים פּרעזידענט, מען האָט געשיקט סאָלדאַטען מיט ביקסען. מען האָט געשאָסען, עס איז בלוט פערגאָססען געוואָרען... נור דאָס איז נאָך אַ קלייניגקייט... אין אונזערע צייטען הענגט

דער וועלט כמעט ניט אַזאַך נישט אָב פונ'ם בלוט, וואָס זי האָט געקאָסט...

ביי אונז געהען אַללע רעכענונגען, אַללע חשבונות אויף געלד! אויף געלד ווערט גע־שאַצט די אַרבייט; אויף געלד ווערען געשאַצט האַנד און פוס, וואָס מען [illegible] ווערט ביי דער מאַשין און אַפילו אַ גאַנצער לעבעדיגער מענש, אויב ער ווערט אַ מאָל צוקוועטשט צווישען איהרע צאַהן... בפרט אין אַמעריקאַ, וואו מען שאַצט אויף געלד אַפילו אַ קוש, וואָס אַ מיידעל קריגט אָהן איהר גוטען ווילען...

אַלץ ווערט בערעכענט אויף געלד; און אויף געלד איז דער שטרייק ווערט געוועזען גאָר אַ קלייניגקייט: די בעלי בתים פון דער אָבגעשטעל־טער באַהן האָבען געהאַט אַ היזק פון דריי מיליאָן

שטאָרט אָהן געלד, אומגעקענט די שפּראַכע, מיט וועלכער מען דארף זוכען ארבייט און נאַגץ אָפּט גאָר אָהן א פאך אין דער האַנד...

ספּעציעל איבער יודישע ארבייטער טרעפפען מיר אזא נאָטאַטקע:

„אין לאָנדאָן זענען דא 165 טויזנד יודישע ארבייטער. כמעט אללע ליידען נויט... א מאַססע פון זיי פערדינען זייער ברויט מיט שוויצען... עס זענען פערהאַנ־דען גאַרבאַרניעס, וואס ארבייטען אויס די פעלל מיט מענשען־שווייס... אין א פאַסס ווערט אריין געלייגט די פעלל ביז אין דער העלפט, פון אויבען זעצט זיך ארויף א יוד און נעמט איין אויף שוויצען... דער שווייס רינט... און מיט'ן שווייס נעצט ער דורך די פעלל..."

„די ארבייט געשיהט ביינאַכט; בייטאָג האט מען מורא פאר דער פאָליציי... די „שוויצערס" ווערען ארויס געצויגען פאר טאָג נישט טויט, נישט לעבענדיג, פער־חלישט..."

„נאָך ווינדערליכער איז — בעמערקט דער קאָרעספּאָנדענט — אז טהייל גאַרבאַר־ניעס, וואו די לעדער ווערט אויסגעארבייט מיט יודישען שווייס געהערען צו יודען..."

מיר ווינדערן זיך נישט! מיר ווייסען אז האַנדעל און א גרויסער זענען א פאָלק, וואס ווייסען נישט און ווילען נישט וויסען פון וועמים אדערן עס שפּריצט זייער פערדינסט...

אויך דארף אונז דער פאַקט נישט איבערשרעקען, דער פאקט אליין איז שרעקליך, עמפּערענד, נור קוים ווייסט שוין דערפון די פאָליציי וועט ער שוין פערשווינדען...

אויך מוזען מיר וויססען אז דאס טרעפט זיך נאָר די „גרינע", דאס הייסט „פרישגעבאַקענע עמיגראַנטען" די איינינע וואס מען לויפט נאָך נאָך אין די גאַסען בעקוקען די ווילדע רוסיש־פּויליש־יודישע בריאות...

נור מיט דער צייט געוואוינט זיך דער עמיגראַנט צו צום לאַנד־צו זיינע מנהגים און זיין שפּראַכע און האט דאס איינענע ווי אללע ארבייטער.

נור סיי ווי סיי אין לאָנדאָן „לעקט מען אויך קיין האָניג נישט", און אויבוואָהל אָך דעם אללעם זענען די פּרייזען פאר ארבייט העכער ווי ביי אונז, ראָטהען מיר דאָך, עס זאלל זיך יעדער, וואס וויל עמיגרירען, איבערלעגען, צו עס איז איהם נישט גלייכער אריין צו געהן ביי אונז ארבייטען אין א פאַבריק ביי א קלענערן נור א זיכערן לוין, איידער צו זוכען

דאָללאַר, די אויבס־סוחרים אין קאַליפאָרניען, וואס האָבען די סחורה נישט געקאָנט פערשיקען — 5 מיליאָן דאָללאַר; צוואַמכען האָבען די קאַפּיטאַ־ליסטען געליטען אויף 8 מיליאָן און דאַגעגען האָבען די ארבייטער געהאט א היזק פון גאַנצע 10 מיליאָן דאָללאַר!

בכלל איז ווערט געוועזען דער שטרייק איין ערך פון 35,000,000 רובל אונזער געלד!

ביי אונז איז אויך געוועזען א שטרייק... אין קישינאָוו... און א דאָפּעלטער שטרייק... דער בעל טקסא האט אויפגעהאָרט צו צאָהלען שכירות די דיינים, און די דיינים האבען אויפגעהאָרט שאלות צו פּסקנען...

דער שטרייק האט אוודאי געקאָסט, ווי מען זאָגט „ח"י גדולים מיט א קניש" און דאָך האט

א דיין געחלשט אין מיטען גאַסס פאר הונגער...

„שאלת הפועלים!" — די ארבייטער פראַגע! אין איירא‍פּאַ, אז א בעל־בתישער מענש דערמאַנט זיך אין דער פראַגע, ציטטערט אונטער'ם האַנד און פיס... קיין פרומער יוד שרעקט זיך נישט אַזוי אלול פאר'ן שופר, און אויף דער אלטער פאר'ן קבר מיט'ן מלאך דומה, ווי דאָרט א פאַבריקאַנט פאר'ן הונגע־ריגען ארבייטער! דער בעל הבית ווייסט, אז דער ארבייטער איז קיין פויער נישט און האט גאָר קיין חשק נישט אויסצופּאַסטען זיך דאס ליכטיגע גן עדן... אז ער איז הונגעריג ווייל ער שוין נישט מודה זיין, אז דאס האט איהם גאָט הייגט קיין ברויט נישט בעשערט, נור ער מיינט, אז דער פאַבריקאַנט האט א קישקע אָהן א דנאָ... אז דאס ווייב ווערט איהם

א האבערן נור נישט קיין זיבערן לוין אין דער פרעמד.

נור גענעראלנע עצות געבען פאר אללע איז נישט מאגליך און נישט נייטיג. יעדער ווייסט וואס ער האט דא, און מיר האבען איהם געזאגט, וואס ער קען אין לאנדאן האבען.

די פראגע איז נור: ווי אזוי קוקט מען אויף אונזערע עמיגראנטען אין לאנדאן?

ענגלאנד איז טאקי א פריי און א געבילדעט לאנד, דארט ווייכט מען נישט קיין חלוק פון א יוד ביז א קריכט, דער ענגלאנדער אינטערעסירט זיך נישט דערמיט אין וואס עמיץ גלויבט, צו וועמען ער בוקט זיך — נור דורך דער קאנקורענץ פון אונזערע עמיגראנטען פאלט נאך נידריגער דער פרייז פון דער ארבייט. און מאנכע קוקען דערויף מיט א קרום אויג, נישט דורך דעם, ווייל זיי זענען יודען, נור דורך דעם, וואס זיי קאנקורירען מיט'ן היימישען ארימען ארבייטער. אויף אונזערע עמיגראנטען זאגט מען, אז זיי זענען פלייסיגער, מאסיגער און שפיצפינדיגער פאר'ן ענגלענדער, נור איין חסרון האבען זיי, וואס זיי לאזען זיך בענגיגען מיט וואס עס איז און פערדארבען דען פרייז פון דער ארבייט. טהייל האבען שוין געוואלט בעווייזען, אז דער גאנצער דלות פון ענגלישען ארבייטער קומט ארויס פון דער יודישער קאנקורענץ.

נור עס האלט נאך נישט דערביי. מען זאל אונזערע עמיגראנטען שטעהן אין וועג.

די ענגלאנדער ווייסען, אז זיי שיקקען מעהר ארויס עמיגראנטען אלץ זיי נעמען אויף; און אז אויב זיי וועללען פערמאכען די גרעניץ פאר פרעמדע פון אנדערע לאנדער, וועללען אנדערע לאנדער אויך דאס אייגענע טהון פאר זיי. און די ארבייטער אלליין זענען צו קלוג, זיי זאללען נישט פערשטעהן, אז דער הונד איז ערגיץ אנדערש בעגראבען. —

אין דער לעצטער, 27-סטער זיצונג פון די ענגלישע טראדאניאנס *) האט דער פרעזעס אין זיין רעדע, צווישען אנדערע זאכען געזאגט: עס איז איין אוננוצליכע זאך, מען זאל פערמאכען די גרעניצען פאר ארימע לייט. דאס ארבייטער-פאלק דארף זיך פיהלען פערבונדען און סאלידאר מיט די אללע, וואס ליידען גלייך מיט איהם, נישט קוקענדיג אויף לאנד און פאלק...

דר. שטיבצר.

*) ענגלישע חברות פון ארבייטער.

קראנק, אז די קינדער הייבען אן הוסטען, זאגט ער שוין גארנישט, ווי א מאל אין די גוטע, גאלדענע יאהרען, אז עס איז איין אבקוכלייש פאר די זינד, שלאגט זיך שוין נישט אין הארץ אריין און לויפט שוין נישט צום שטריימעל עס זאל איהם ארויס געבען א תשובה... איהם דאכט זיך גאר, אז זיין דירה איז שולדיג, אז ער וואהנט אין א נאססען קבר! און עס דאכט איהם, אז דער פאבריקאנט איז איהם מחויב אויפצושטעללען א הויז!... אז זיין זוהן ביז צו 10 יאהר געהן אין פאבריק אריין ארבייטען, גלויבט ער שוין נישט ווי א מאל, אז ארבייט איז א הייליגע זאך, אז פאר דער ארבייט צאהלט מען אויף יענער וועלט, נור ער איז מאז פאר וואס האבען אנדערע גימנאזיום און אוניווערזיטאט און דערנאך א גוטע שטעללע... און זיינע קינדער נישט! ער זאגט נאך, אז די פאבריקאנטען קאנקורירען אויף זיין חשבון, אז דריי פערטיל סחורה איז זיין שווייס און בלוט...

און אז עטליכע מיליאנען מיינ ען איז ביטטער ווי גאלל!

נור דאס אלץ איז אין אייראפא... ביי אינז איז פון דעם אלעם קיין זכר נישט דא, מיר האבען קיין פאבריקען נישט, קיין ארבייטער נישט... מיר קאנען, דאכט זיך, רוהיג שלאפען... און דאך האבען מיר א קליין „שאלת הפועלים"יל... א קליינס, א חנודיקס... צום קישען!

מיר שטיצען די ארבייטער אין ארץ ישראל...

מאג טאגליך געהען אין המליץ נדבות אויף די פועלים!

און עס איז א גוטע זאך! אויסער וואס די ארבי-

דער שטיף-זוהן שלאפט שוין און אטהמעט שווער, נור קאפיקע רעדט נאך אליין.

„יאסקע", בורצעט ער פון שלאף: —

„יאסקע, דו שלאפסט שוין — הא? א, ווי איך האב מיך דורכגעווארעמט די ביינער א מחיה! אבער דער קאפף? דער קאפף דרעהט זיך מיר עפיס, פונקט ווי איך וואלט אויסגעטרונקען א טאפף שפירט... עס ווילט זיך גרייליך א טרונק, נאר איך קאן עפיס דען קאפף נישט אויפהעבען פון ארט. — אט דאס הייסט זיך דורכגעווארעמט! און ווי גוט איז דאס די בעלי-בתים אין זייערע ווארעמע און ליכטיגע הייזער!...

„ארעמער יאסקע, ווי ער חראפעט דאס! אז איך זעל פערדינען געלד — וועל איך איהם אויפנעהען א ווארעמען פאלטא... מען מוז פעסט צו מאכען די אויגען — עס דרעהען זיך עפיס ארום איבערן אויבען אזוינע גרינע רעדער...

צו מארגענס אין דער פריה האט קאפיקעס וייב געמאכט א געוואלד, עס זענען זיך צוזאמען געלאפען מענשען: קאפיקע און זיין לאמער שטיף-זוהן זענען דערגאנגען געווארען.....

א. קארלין.

נ. גארין.

דאס ביכעלע פון גליק.

(א מעשהלע)

אמאל איז געוועזען אויף דער וועלט (און עס קאנן זיין, אז יעצט איז נאך אויך דא) א קליין אויסגעריבען, פערשמוצט ביכעלע. און א כשוף איז געלעגען בע-האלטען אין דעם ביכעלע: ווער עס האט עס נור אין האנד גענומען, דער איז גע-ווארען גוט, וואהל און פראהליך. און איבערהויפט האט ער האלד בעקומען אללע און האט נור געכלעהרט, ווי אזוי עס זאלל געשעהן, אז אללע זאלל זיין אזוי גוט ווי איהם איז.

דער סוחר האט אויפגעהערט צו נארען, דער גביר האט אנגעהויבען קלערען וועגען ארימאנן, דער גרויסער שררה האט שוין מעהר נישט געמיינט, אז ער האט קיינ-מאל קיין טעות נישט און אז אויף זיין קאפף שטעהט די וועלט.

און דאס אלס איז געשעהן דעריבער, ווייל יעדערער, וואס האט געהאלטען דאס כשוף ביכעלע, האט אין דער מינוט יענעם ליעב געהאט ווי זיך אליין. איז איהם אבער דאס ביכעלע, דורך וואס עס איז פאר א סבה. ארויס געפאללען פון דער האנד,

---

— דאכט זיך — רינט איהר פון מויל נור דער האניג איז פולל ניפט און די מילך איז איראניש וייער און געזעצט. די ווילל נישט פלוני'ן בעליידיגען, דאך איז פון „א פליני זארט" (איזה פלוני) בפרט, און פון א יישארגאן-שרייבער בכלל א העזה צו קרי-טיקירען יעבצן! דאס הייסט (אפנים) אריינברעכען אין דער חברה „שמור לי ואשמור לך" און צו שאנדען מאכען דאס גאנצע „עסק"... זי איז — חלילה! — נישט בייז, נור דער „פלוני" איז א „פרעמד צווייגעל" אויף אונזער בוים, אין אונזער וויינגארטען, און די אשה צנועה ווילל איהן מיט'ן שארפען צינגעל אפשניידען און ארויס-ווארפען — על כל פנים — פאר די אומות העולם.. צו די דריי קנינים, וואס דער רבונו של עולם האט אויף דער וועלט, קומט, אפנים, צו נאך א קנין! הייגט

ווערט דער היליגער קוילעטש געפלאכטען אין פיהרען, פון שכים-זארין, ארץ ישראל, תורה און יעב"ץ — ווער עס גלויבט נישט אין יעבצ'ן — וואן! ארויס פון כנסת ישראל! ווער עס קריטיקירט, ווער עס זאגט ארויס דען אמת צו הויך, צו פראסט, ווער עס רופט אן די זאך ביים נאמען, ווער עס וויל נישט און לאזט נישט נארען דאס פאלק; ווער עס ווילל נישט זיינע ווארטער איינוויקלען אין וואטטע, בעשפריצען מיט ארעקאלאן, פערזיסען מיט צוקקער, ווער עס דערגערוויערט אונז — ארויס!

היסטעריע איז אנשטעקענד; באלד זענען ארויס נאך צוויי „גן-עדן-פאנעס"; און זענען אריין ווי די קוואקעס צוזינגען די מודעות אין הכליץ... זיי קוואקקען אויס דאס יונגע הארצוויטאג, וואס מען האט יעבצן ארויס געריסען די קרוין פון קאפף

האט ער צוריק אנגעהויבען קלערען נור וועגען זיך אליין און פון מעהר שוין גאר נישט געוואלט וויססען; איז דאס ביבעלע איהם ווייטער פאר די אויגען געקומען, האט ער עס מיט די פיס אוועקגעשלײדערט אדער מיט א צווייג אינם פייער אריינגעווארפען, דאס ביבעלע האט זיך געברענט און יענער האט זיך בערוהיגט. — נור אזוי ווי אין ביבעלע האט געשטעקט א כשוף, איז עס קיינמאל נישט פערברענט געווארען און האט זיך ווידער איין אנדערן בעוויזען.

עס איז געוועזען עפיס אפראהליכער יום טוב; ווער עס האט געקאנט, האט זיך געפרייט. נור א קליין קראנק יונגעלע איז געוועזען אומעטיג. איהן האבען שטענדיג געפייניגט שלעכטע קראנקהייטען און לאנג, שוין לאנג האט זיך איהם געדאכט, אז די גאנצע וועלט איז איין אפאטיעקע און אללע אומבעקאנטע מענשען זענען דאקטורים, וואס ווילען איהם שטאפען מיט אללערליי פערשידענע ביטטערע רפואות.

קיינער האט דאס נישט האלד, און דערפאר, שפאצירענדיג מיט דער ניאנקע, איז דאס יונגעלע, ווען אללע אנדערע האבען זיך געפרייט, געגאנגען אומעטיג און פערקלעמט ווי אללע מאל. ער האט געהאט א גרויסען שווערען קאפף וואס האט איהם אראב געצויגען און דעריבער איז איהם לייכטער געוועזען צו קוקען אראב, נישט ארויף, און עס קאן זיין, אז נור דעריבער האט ער דערזעהן דאס קליין פערשמוצטע ביבעלע, און חאטש די ניאנקע האט איהן געצויגען ביי דער האנד פארווערטס איז ער פארט בעשטאנען אויף דאס זייניגע און האט אויפגעהויבען דאס ביבעלע.

ער האט עס געהאלטען שטארק און וואס מעהר ער האט עס צוגעדריקט צו זיך, איז איהם אלץ פראהליכער געווארען אויפ'ן הערצעל.

אז ער איז געקומען אהיים און האט דערזעהן די מאמען, האט ער מיט שמחה א געשריי געטהון: מאמע! און איז צו געלאפען צו איהר.

און חאטש אויף די קולות איז ארויסגעשפרונגען דער טאטע, וואס האט געלייענט א קלוג בוך, און באוהאפט געפראגט זיין קאפריזנעם זוהן, צו ער קאן נישט האבער שרייען — האט זיך דאס קינד נישט בעליידיגט; עס האט פערשטאנען אז דער טאטע שרייט דערפאר, וואס ער האט נישט אזא ביבעלע ווי ער.

די מאמע, דערזעהענדיג איהן אזוי פראהליכען, האט זיך נישט געקאנט איינהאלטען פאר שמחה, זי האט זיך אוואַרף

און זענען מנדר (איך געדענק נישט וויפיעל מאל ח"ו), לטובת הפועלים אין ארץ ישראל!

אזא ערנסט־ערליך־קלוג אריינמישען זיך אין א ליטעראַרישען וכוח, אזא מין פיין אונטערהאלטען זיי עפאללענען גבור, אזא מין סימפאטישע אמעריקאנישע רעקלאמע — שרייבען און התמנגען נור האבמט דעגעריטע דאמען!

איך גלויב, אז זיי שרייבען אמת — אז זיי האבען באמת זייער גאנצע מלליאנגע חכמה אויסגעגאסט פון יעבצ'ס ברוסטען, אז עס צאפעלט זיי באמת דאס הארץ ווייטאגדיג, ווי מען רייסט דער אמם די קעפקע פון אלט־קלוגען קוקף... נור נישט יעדער צאפפעל פון א מוטערל־הארץ דארף נאטיערט ווערען אויף דער ליטעראַרישער בערזע, און אז מען זינגט שוין אב ביי יעבצן — הייבען ערשט אן צו שפאצען צאנדליך, דארף מען ערשט אנהייבען עססען — אנהייבען באמת צו רגנען!

דערנאך איז דער רעדאקטאר ה' ראבינאוויטש אליין ארויס מיט א בעמערקונג, אז די זשארגאניסטען, וואס שרייבען פאר זיצערין און קאבין, וואלטען געדארפט בעססער ווארנען פאר דער מהומה'דיקער עמיגראציע און נישט רעדען פון יעבצן. די קאבין מיט דער זיצערין — מיינט ה' ראבינאוויטש — מאגען נישט וויססען, אז יעבץ „טאנצט אויף די הינטערפיסליך" און „וויל צוריק שלעפען די כנסת ישראל אין מיטטעל־אלטער אריין"...

נור אזוי אומגעריכט קאן מען אויך נישט זיין ביי פעלליג געזונדע נערווען. ווארען — וועמען האבען מיר די מהומה צו פערדאנקען, אז נישט די לשון־קודש'ע קעסטעל־פויקער? צו איז צערבוימס

נֵס חֲנוּכָּה:

(ערצאָהלונג)

I.

איך האָב שוין געהאַלטען דען פּאַלטאָ אין דער האַנד, אונ האָב מיך דאָך אָבּגעשטעלט:

— געהן — אָדער נישט געהן אויף דער לעקציע?

אח, עס איז אַזוי אונאַנגענעהם! אַזאַ שלעכט, אַזאַ פֿויל וועטטער... אַ האַלבּע מייל וועגס... אונ וואָס? נאָך אַמאָל „פּקד פּקדתי", נאָך אַמאָל דער „אַלטער בּעל הבּית", וואָס האָט אָבּגעלעבּט אָהן דקדוק עטליכע זעכּציג יאָהר, איז צעהן מאָל געוועזען אין „לאַפּסק", אַ פּאָר מאָל אין „דאַנציק", שוין נישט אָנגעשלאָגען אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אונ קאָנן אַלץ נישט פֿאַרשטעהן אויף וואָס מען גיט דאָ אוים געלד...

אַ טהייערע מציאה — דקדוק! ווייטער דער „יונגער בּעל הבּית", וואָס ווייסט, אַז פּראַקטישער וואָלט געוועזען צו טראָגען פּאות מיט אַ שטריימעל, אַ קאַפּטאַן מיט סטראָקעס, צו פֿאָהרען צו'ן אַ גוטען יוד אונ נישט צו וויססען פֿון דקדוק. ער איז, נעבּיך, אַ כּשר קרבּן... אַלץ סוחר מוז ער, נעבּיך, קוממען צווישען מענשען, טראָגען אַ קאַפּעלוש מיט אַ געפּרעסט העמד, לאָזען דעם ווייבּ געהן אין טעאַטער אַריין, דער טאָכטער — לעזען בּיכער אונ האַלטען נאָך צום יונגעל אַ לעהרער אויף „רקדוק"...

— איז דען דער טאַטע נישט ג'רעכט? — מאַכט ער — נור די וועלט וויל אַזוי!

אונ דער וועלט קאָנן ער קיינמאָל גאָר נישט אָבּזאָגען!

— טהוט מיר חאָטש צוליעבּ — בּעט ער זיך בּיי מיר — אונ מאַכט מיר איהם נישט קאַליע.

— איך צאָהל אייך — זאָגט ער — אַזוי פֿיעל געלד פֿאַר אַ הויל בּיסל דקדוק; זאָלל ער נישט וויססען, אַז די ערד דרעהט זיך אַרום דער זונן!

אונ איך האָב צוגעזאָגט, אַז ער וועט עס פֿון מיר נישט וויססען, ווייל... ווייל איך האָב אין גאַנצען איין לעקציע געהאַט אונ... אַ קראַנקע מאַמע אין שטוּבּ!...

— געהן — אָדער נישט געהן?

בּיי דער לעקציע פֿילנווועט מיך דאָס גאַנצע הויזגעזינד.

צו זי אויך?

זי זיצט פֿון דער ווייטענס, שטאַנדיג פֿערלעזען, פֿערטיעפֿט... טהייל מאָל הייבּט זי אויף די לאַנגע, זיידענע בּרעמען אונ דעמאָלט ווערט ליכטיג אין שטוּבּ...

נור דאָס געשיהט אַזוי זעלטען, אַזוי זעלטען...

טער וועללען אַ מאָל עפּיס האָבּען פֿונ'ם געלד, איז דאָס דערווייל די בּעסטע רעקלאַמע, וואָס אַמעריקאַ פֿערמאָגט עס נישט!

עס האָט אַ יונגער שנעק ערגיין אַ דרשה געהאַלטען אונ עס וויל קיינער דעריבּער אין צייטונג קיין וואָרט נישט שרייבּען... שרייבּט ער אַליין: „ווייל איך האָבּ אין האַציפּלאַץ פֿאַר די משכילים אין שטאָדט אַ דרשה געזאָגט אונ אַללע זענען שיער אויסגעגאַנגען — שענק איך 18 גדולים לטובת הפועלים". דער מליץ דרוקט אונ די וועלט קלינגט מיט'ן נייעם בּעל דרשן.

שאלת הפועלים איז אפילו אַ סגולה אויף פּראַקטיקע פֿאַר אַ יונגען דאָקטאָר; אויבּ ער האָט נור אַ גוטען פֿריינד, וועט שוין אָן איהם דאָס פּובּליקום נישט פֿערגעססען...

קוים האָט ער געענדיגט דאָס אוניווערזיטאַט, שאַנקט זיין גוטער פֿריינד פֿאַר גרויס פֿרייד, וואָס דער בּעריהמטער קאָפּף האָט געענדיגט מעדיצין — ח"י גדולים! ווערט דער דאָקטאָר אַ חתן — ווייטער ח"י גדולים! האָט ער חתונה — נאָך אַ מאָל ח"י גדולים... מאַכט ער אַ בּרית — ווייטער ח"י גדולים! פֿערשרייבּט ער די ערשטע רעצעפּט עמיצען אויף אַ קאַטאַר — גיט נייע ח"י גדולים פֿון דער נאָדעל! אונ אַזוי ערנאָך קלינגט גאַנץ אייראָפּאַ מיט'ן דאָקטאָרעל, וואָס, ווען נישט די שאלת הפועלים, וואָלט ער געמוסט אַרומלויפֿען אין די גאַססען, שרייען: „אני שלמה!" אונ יעדען אַריינשטופּען אין האַנד אַריין די אַדרעסס...

אַ ליטעראַט האָט פֿערקויפֿט — נישט די פֿעדער, די איז שוין לאַנג פֿערקאַניעט... נור זיך אַליין, פֿאַר עטליכע רובּל נדן! ווער וואָלט גע-

און וואס וועט זיין דערפון ? גאר נישט , אויסער הארצווייטאג ! —

— הארסט ? — וועקט מיך אויף דער מאמעס שוואכע קול פון בעטט — דער רופא זאגט , אז ווען איך זאלל האבען א פאאר ווארימע , וואללענע זאקקען , וואלט איך געמאגט ארויסקריכען פון בעטט .

— מען מוז געהן אויף דער לעקציע !

II.

אויסער דער בעל הבית'טע , וואס האט זיך , ווי איהר שטייגער איז , ארויסגעחאפט , דער שווער זאלל נישט וויסען , אין טעאטער אריין , האב איך געטראפען דאס גאנצע הויז-געזינד ארום זידענדיגען טאמבאקענעם סאמאוואר .

אויף מיין גוט'ן-אווינד — האט דער יונגערער בעל הבית געאנפערט א שוואכען „גוט-יאהר" און נישט אויפגעהערט צו דרעהען אין דער האנד די טאליע קארטען , וואס ער האט געהאלטען , געוויס ווארטענדיג אויף גאסט . אונטער א שפיציגער יארמולקע , איינגעהילט אין א ברייטען טערקיש'ן שלאפראק , לוינט נישט דעם אלטען בעל הבית ארויסצונעמען די לאנגע אנטיפקע מיט'ן ברושטינענעם שפיט'ן פון מויל , אדער אויפצוהייבען די אויגען פון אלטען ליסער סדור . ער שאקעלט מיר קוים מיטן קאפף און פערטיפט זיך ווייטער אינ'ם פירוש צו'ם זמר לחנוכה .

י איז אויך פערטיפט , נור , ווי געוואהנליך — אין איהר ראמאן .

נור אויף מיין תלמיד האט מיין ארייני קוממען א שרעקליכען איינדרוק געמאכט .

— וואס ? שפרינגט ער אב פון טיש און ווארפט טראציג ארונטער דאס שווארצ-געלאקטע קאפעל — היינט אויך לערנען ?

— פאר וואס נישט ? שמייכעלט דער פאטער .

— עס איז דאך חנוכה ! טופעט דער קליינער מיטן פוס און ווייזט מיטן פינגער אויפ'ן ערשטען ליכטעל מיטן שמש , וואס האבען געברענט אונטער דער פארהאנג אויפן פענסטער , צוגעקלעבט צו'ן א שייטעל האלץ .

— גאנץ גערעכט ! בורטשעט אריין דער אלטער .

— נו , נו , מוחל ! מאכט גלייבגילטיג דער יונגער בעל הבית .

עס דאכט זיך מיר , אז ר איז בלאססער געווארען און האט טיעפער אראבגעלאזען קאפף צום בוך .

איך זאג „א גוטע נאכט", נור דער יונגער בעל הבית לאזט מיר נישט אוועק געהן :

— איהר מוזט שוין בלייבען אויף טהיי !

— און אויף „שקצים'לעך מיט מאהן" — האט פרעהליך אויסגעשריגען מיין תלמיד .

וואוסט דערפון ? שאלת הפועלים ! 20 נומערען דורכאנאנד ווינשט מען איהם , און פאר יעדען וואונש קריגען די ארבייטער ח"י גדולים ...

און עס וואקסט פון טאג צו טאג ! ... די גבירה האט דעם גביר געווארפען א ראנדעל אין קאפף אריין : האט זי געטראפען , שענקט דער גבירה'ס מוטטער , ד. ה. דעם גביר'ס שוויגער , ח"י גדולים ! האט זי נישט געטראפען — שענקט די דיענסט , וואס האלט מיט'ן בעל הבית , ח"י גדולים ! געהט די דיענסט אוועק דיקקער ווי זי איז געקוממען , שענקט דעם בעל הבית'ס א גוטער פריינד ח"י גדולים ...

נו , זאגט אלליין , קאנן אזא שאלת הפועלים עמיצען שאטטען ?

מען זאגט אז דא האבען מיר אסך ארימע בעל מלאכות , אז פאר דעם געלד וואלט מען זיי געקאנט ווערשטאטען מאכען , נייי-מאשינען קויפען ...

עס קאנן זיין , נור מיר קאננען נישט אנדערש , מיר מוזען האבען אונזער אייגען , היימיש , ווארם , שטילל שאלת הפועלים'יל !

אין איירעפא זעננען געוועזען פאנאמאס און פאנאמינאס ... און גאנץ איירעפא האט געקאכט ווי א קעססעל !

אין פראנקרייך האבען מיניסטארען גענגנבית און געגאנגען אין קרימינאל אריין ; אין איטאליען האבען סענאטארען געגראבעלט אין דער קאססע , און גאנץ איטאליען האט גערזאטטען ! אין היספאניען האבען א סך אריסטאקראטען געהאט לאנגע פינגער און מען האט זיי נישט געשוויגען ! אין שיקאגא האט מען

ער וואָלט מיט מיר גוט געלעבט, ווען ניט דער „פקד, פקדתי".

איך וויל אָבזאָגען, נור דער לאָבוז חאַפּט מיך אָן ביי דער האַנד, און רוקט מיר צו, מיט אַ שעלמישען שמייכעל אויפ'ן ריהרעוודיגען פנים, אַ שטוהל געגענאיבער דער שוועסטער.

האָט ער עפּיס בעמערקט?

נאַטירליך האָט ער געקאָנט עפּיס בעמערקען נור פון מיין זייט... זי איז שטאָנדיג פערטיעפט און פערלעזען... זי האַלט מיך געוויסט פיר אַ בטלן... אפשר נאָך פאַר עפּיס ערגערס... זי ווייסט דאָך ניט, אַז איך האָב אַ קראַנקע מאַמע אין דער היים!

III.

— עס מוז שוין זיין אָנגעצוויגען! רופט זיך אָן אונגעדולדיג דער יונגער בעל הבית —

— באַלד, באַלד, טאַטישי! — ענטפערט זי האַסטיג און איהר בלאַסס פנים ווערט גערויטעלט.

דער יונגער בעל הבית פערטראַכט זיך ווייטער; מיין תלמיד לאָזט איבערן טיש אַ דריידעל, דער אַלטער לעגט אַוועק דעם סדור און גרייט זיך צו צו דער טהיי.

אונגערעכוויליג האָב איך מיך פערקוקט אויף די חנוכה-ליכט, וואָס ברענגען

איינגעזוצט איין אָסטרייכיש... קאָנסול פאַר געלד, זאַכען; אין ענגלאַנד איז אַריינגעפאַללען, נעבּיך, אַ לאָרד...

אומעטום — סקאַנדאַלען, ערד-ציטטערניש!

ביי אונז איז געוועזען אַ פּאַנאַמיגאַלע — און שטילל! שאַ! —

עס האָבען גאַנץ קליינע מענשעליך געמאַכט אַ גאַנץ קליין חברה'לע צו קויפען ערד אין ארץ ישראל... קוים טויזענד מענשען און אין גאַנצען צו הונדערט פראַנק...

מיט דער צייט, האָט מען אויסגערעכענט, וועט די ערד וואַקסען און וואַקסען, און יעדערער פון די טויזענד מיטגלידער וועט האָבען זיין אייגענע קאָלאָניע אין ארץ ישראל... וואו אַ שניידער, וואו אַ שוסטער, וואו אַ קבצן, האָט פערקויפט דאָס צירונג

מיר געגנע איבער אויפ'ן פענסטער. זיי ברענגען אַזוי טרויריג, אַזוי ניעדערגעשלאָגען און פערשאָמט פאַר'ן פערזילבערטען בליי-לאָמפ, וואָס הענגט איבערן עסס-טיש און בעליכט אַזוי העלל דעם פיינגעדעקטען טיש... עס ווערט מיר נאָך אונמוטהיגער און אין בעמערק ניט, אַז זי דערלאַנגט מיר אַ גלאָז טהיי.

— מיט ציטראָן? וועקט מיך איהר טרויריגע שטימע.

— אפשר מיט מילך? פראָגט דער פאָטער.

— ניין, ניין! די מילך איז אָנגע-ברענט! וואָרענט מיך דער תלמיד.

— ניזנאַשניע! רייסט זיך איהר פון מויל אַרויס.

IV.

עס איז ווייטער שטילל. מען האָרט ניט מעהר נור דעם זייגער פון דער וואַנד, דאָס זופען פון די גלאָזער און דאָס קלינגען מיט די לעפעליך.

פּלוצלינג פאַלט איין מיין תלמיד צו פראָגען:

— לעהרער, וואָס איז אַזוינע חנוכה?

— ווערסט פרעגען מאָרגען דעם רבי'ן אין חדר — מאַכט אונגעדולדיג דער אַלטער.

— עה! מאַכט מיין שילער טראָטציג —

מיט'ן בעטט-געוואַנד, צוגעבאָרגט די רעשט אויף פראָצענט — און אַריינגעטראָגען 100 פראַנק... צו וועמען? מן הסתם צון אַ יוד... וואָס האָט מען דאָ צו פראָגען...

אין קורצען האָט מען געקויפט אַ שטיק ערד, מען האָט עס אַ נאָמען געגעבען „עין-זיתים"... און במשך פון אַ יאָהר זענען געפלויגען פון ארץ ישראל בשורות טובות ווי די טויבען, דער כנסת ישראל צו'ם דערקוויקעניש... די אייגענע, וואָס האָבען די חברה צוזאַמענגעשלאָגען, האָבען דעם גאָרטען געפלאַנצט, ווייַן געבויט... „אונזער ווייַן-גאָרטען — האָט מען געשריבען — וואַקסט פון טאָג צו טאָג, מיט יעדער מינוט וואַקסט זיין ווערט, מעניכען זעהען און גלויבען ניט זייער אייגענע אויגען"... „נור אַזוינאָך — האָט מען געשריבען

דער לעהרער ווייסט וואהל בעסער פאר'ן רבי'ן.

דער אלטערווארפט א באזען בליק אויפ'ן זוהן; דאס האט געהייסען: „זעהסט ?!"

— איך וויל אויך וויסען וואס חנוכה איז! האט זי זיך אנגערופען שטיל.

— נו, אדרבא! מאכט דער יונגער בעל הבית — לא'מיך זעהן וואס ביי'ן אייך איז חנוכה!

V.

— עס איז געוועזען אין דער צייט — האב איך אנגעהויבען — ווען די גריכען האבען אונז אונטערדריקט אין ארץ ישראל.

די גריעכען... נור דער אלטער האקט מיר איבער מיט א זויערע מינע:

— אין שמונה עשרה שטעהט „מלכות יון... הרשעה!"

— עס איז אלץ איינס, מן הסתם — בעמערקט דער יונגער בעל הבית — וואס ביי אונז איז יון — איז ביי זיי אודאי גריכען!

— די גריעכען — האב איך נאך אמאל אנגעהויבען — האבען אונז שרעקליך אונטער־דריקט; עס איז געוועזען די ערגסטע צייט פיר י[illegible]ען. עס האט זיך געדאכט, אז דאס גאנצע פאלק וועט שוין אונטערגעהן און פ[illegible] לוירען ווערען... נאך עטליכע אונגליק־ליכע מרידות איז אונזער גאנצע קראפט צושלאגען געווארען... דער לעצטער פונק

קאנן קומען די גאולה, נור דורך אזוינע חברות קאנן מען אויסגעלייזט ווערען פון גלות.

פלוצלינג איז אבער דער געזעלשאפט איינגע־פאללען ארויסצושיקקען א מענש קיין ארץ ישראל, צו בעקוקקען עין זיתים, און עס איז איהם פינסטער געווארען פאר די אויגען — שטיינער און ביינער!

די 100 טויזענד פראנק — פיו!

נור שטיל! קיין סקאנדאלען מאכט מען נישט! מען האט קיינעם נישט אבגעגעבען „פארדסוד"... וואסרען עס האט זיך אויסגעוויזען דאס אייגענע וואס אין חעלם!

אין חעלם איז אמאל פון שוואונדען געווארען מילך פון א כאפף... און קיינער איז נישט שולדיג געוועזען! די קאץ איז געוועזען געפגרט, דער בעל הבית און די בעל הבית'טע — פלייצ'יג, און פאר דער דיענסט וואלט דער רב געגעבען אגט שווערען...

פון האפפנונג האט זיך אייסגעראשען... מען האט אונז אין אונזער אייגענעם לאנד ווי ווארם מיט די פיס געטרעטטען...

דער יונגער בעל הבית האט שוין לאנג נישט געהערט; ער האט איבערגעביגען דאס אויער צו דער טהיר, צו וועט נישט עמיץ קלינגען פון זיינע גאסט... נור דער אלטער לאזט פון מיר קיין אויג נישט אראב. און אז איך האב נאך אמאל בענוצט דאס ווארט „אונטערדריקט", האט ער זיך נישט איינגעהאלטען און געזאגט:

— א מענש רעד רייגע דבורים...

אונטערדריקט — שמיקט... וואס טויג מיר דארט... מען האט אונז פשוט נישט געלאזט קיין שבת האלטען, קיין יום טוב מאכען, קיין תורה לערנען און אפילו מילה פערווערט!

— שפיעלט איהר נישט פראפעראנס? האט מיך ראפטום געפראגט דער יונגער בעל הבית — אפשר גאר אין אקע?

VI.

עס איז ווייטער שטיל געווארען און איך האב ווייטער פערצעהלט:

— די לאגע איז מיט דעם נאך ערגער געווארען, וואס אונזער אדעל און די רייכע לייט האבען זיך אנגעהויבען מיט זייער אייגען פאלק צו שאמען און אנגעהויבען זיך צו פיהרען גריכיש... מען האט אנגעהויבען צו בעזוכען גימנאזיום'ס...

אין אונגארן איז ערשט נישט לאנג געוועזען א שטארק מחלוקת וועגען חופה וקדושין. די ארים־טאקראטען, וואס האבען דארט א גרויסע דעה, זאגען אז אין חתונה האבען שטעקט א גרויסער סוד א היילינקייט, א הימעל־זאך, און אז חאטש „בת פלוני לפלוני" איז בעשערט און ווערט אויסגערופען נאך 40 טאג איידער גאט טראנספאטירט ארויס די נשמה פון אוצר, מוז איבער יעדען זווג דאס שטריימעל מאכען א ברכה!.. דאס פראסטע פאלק אבער זאגט אז חתונה האבען איז א מענשליכע זאך, אז עס שטעקט דערינגען גאר קיין סודות נישט, און מען דארף דערצו נישט מעהר, נור ער זאל וועלען, זי זאל וועללען און דאס מאגיסטראט זאל פער־שרייבען, אז זיי האבען ביידע געוואלט; כדי מען זאל וויסען, ווער מיט וועמען עס וועט זיך אמאל

זי און דער זיידע קוקען מיך ביידע אן פערוואונדערט!

— נור אין יענע גימנאזיום'ס, האב איך ווייטער געצויגען, האט מען נישט געלערנט ווי אין די היינטיגע... מען האט נור גימנאסטיג געמאכט און דוקא נאקיט, און זכרים מיט נקבות צוזאממען...

ביידע פאר אויגען האבען זיך צוריק אראבגעלאזט, נור פאר דאס האבען זיך דעם יונגען בעל הבית'ס אויגען צופלאמט:

— וואס רעדט איהר?!

איך ענפער איהם נישט און פערציהל ווייטער פון די טעאטערע, וואו מענשען האבען זיך געשלאגען מיט ווילדע חיות און אקסען, און פון אנדערע גריכישע מנהגים, וואס האבען געמוזט דעם יודישען לעבען זיין צו־ווידער.

— נור דאס איז אלץ פאר די גריכען נאך ווייניג געוועזען; זיי האבען געוואלט עס זאלל פון יודישען לעבען קיין צייכען נישט בלייבען. און זיי האבען אויפגעשטעלט א מזבח מיט איין עבודה זרה אין מיטען גאסס און געהייסען צו'ן איהר מקריב זיין קרבנות.

— צא טא זנאטשי? האט זי איבער גע־פרעגט. איך האב איהר פערטייטשט און דער אלטער האט זיך צוהיצט און געענדיגט:

— און א חזיר! דוקא א חזיר זאל מען מקריב זיין.

גט'ען און ווער עס וועט נאך וועמען נעמען ירושה און קדיש זאגען...

אין אונגארן איז דא א פארלאמענט, וואו עס זיצען אויסדערוויילטע פון פאלק, און א הערענהויז, וואו עס זיצען גרויסע הערען — אריסטאקראטען. קיין פראווע איז דארט נישט גילטיג, ביז זי ווערט נישט אנגענוממען אין פארלאמענט, בעשטעטיגט אין הערענהויז און דערנאך ערשט — אונטערגעשרי־בען פון קייזער. נאטירליך האט דער פארלעמענט געוואלט, אז די חתונה זאלל בלייבען א ציוויל־זאך, נישט קיין הייליגער סוד... נור דאס הערען־הויז האט נישט געוואלט, און עס האט זיך נישט אונטערגעגעבען, ביז מען האט עס נישט געניידט מיט מיטגלידער און בלאטע די אריסטאקראטען אין די קאטשען אריין און מיט אויסהאקקען די שויבען. זיי

— און עס האט זיך געטראפען א יוד — האב איך ווייטער אנגעהויבען — וואס איז צוגעגאנגען צום מזבח און האט געוואלט ברענגען א קרבן...

נור אין דער אייגענער רגע איז פון די בארג אראב דער אלטער מאקאבעער מיט זיינע פינף זיהן... נאך איידער די גריכישע סאלדאטען זעננען צו זיך געקוממען, האט זיך דער נידערטרעכטיגער געבאדען אין זיין בלוט, דער מזבח איז געוועזען צו־שטויסען און אין איין סעקונדע האט די מרידה אויפגעפלאמט...

... און די מאקאבעער מיט א קליין ביסל גבורים האבען געזיעגט די הונדערט מאל שטארקערע גריכען...

... זיי האבען די גריכען פערטריבען פון לאנד און בעפרייט דאס פאלק.

VI.

— צום אנדענקען פון דעם זיעג — האב איך געענדיגט מיין ערצאהלונג — צינדען מיר עד היום אונזער ארימע אילומינאציע, אונזערע חנוכה־ליכט.

— וואס? איז אויפגעשפרונגען דער אלטער און האט געציטטערט פאר צארן — דאס איז דאס נס?

— אהער, שמערקע! האט ער א געשריע געטהון צום אייניקעל, וואס האט זיך פאר

האבען זיך אונטערגעגעבען און — היינט מארגען וועט דער קייזער אונטערשרייבען דאס נייע געזעץ, אז חופה וקדושין קאננען זיך בעגעהן אהנ'ם שטריימעל...

ביי אונז איז אויך עפים אהנליכ'ס געשעהען נור... מיט'ן קאפף אראב!

אין א געוויססע שטאדט האבען די „דייטשען", דאס הייסט אונזער ליבעראלע, געבילדעטע פארטיי געוואלט דורכאויס אריינפיהרען די חופה אין שוהל אריין, גלייך צום ארון קודש... און די פרוממע קלאססע האט נישט געלאזט! פאר דער חופה — זאגען זיי — איז גענוג פלאטץ אויפ'ן בארגעל מיסט, אויפ'ן שוהל־הויף...

זעהט איהר, פונקט פערקעהרט ווי אין אונגארן!

די פרוממע קלאסס איז לייכט צו פערשטעהן... זיי וויללען בכלל נישט קיין נייעס... דערצו וויסען

שרעק נאָך ווייטער אָבגערוקט.

דער אַלטער קלאַפּט אין טיש אריין אַז עס קלינגען די טעללער:

— דאָס נס איז געוועזען... אַז מ'האָט אַרויסגעטריבען די טמא יוָנים, איז נישט מעהר געבליעבען ווי איין קריגעל כשר'ן בוימעל...

נור ער האָט זיך צו הוסט און נישט געקענט דען אָטהעם חאַפּען. דער יונגער בעל הבית איז צוגעלאָפען און האָט איהם אַרויסגעפֿיהרט אין דער צווייטער שטוב אריין.

VIII.

איך וויל אַרויס פֿון שטוב, נור זי פֿערהאַלט מיך:

— זי זענען געגען אַסימילאַציאַ? האָט זי מיך געפֿראָגט.

— אַסימיליערען — האָב איך איהר געענטפֿערט — הייסט פֿערצעהרען, אויפֿעססען און פֿערדייען. מיר אַסימיליערען רינדפֿלייש, ברויט און אונז ווילען אַנדערע אַסימיליערען...

זי שווייגט אַ פּאַר סעקונדען און פֿראָגט דערנאָך דערשראָקען:

— וועללען דען איביג, איביג זיין קריעג און שטרייט צווישען פֿעלקער?

— אָה, ניין — האָב איך איהר געענט־פֿערט. אין אַ געוויססען פּונקט מוזען זיך אַללע פֿעלקער פֿעראייניגען!

— און דער איז?

— די מענשהייט!... זאָלל יעדערער בייזיך טהון וואָס מען דאַרף, וועללען זיך שוין אללע צוזאַממען טרעפֿען

זי האָט זיך פֿערטראַכט. איך וויל ווייטער רעדען נור מיר האַקט איבער דער קלאַפּ פֿון דער טהיר...

— די מאַמע געהט! האָט זי שטיל אויסגעשריען און ענטלויפֿט. נור אַוועק־געהענדיג דערלאַנגט זי מיר דאָס ערשטע מאָל די האַנד.

IX.

דען צווייטען טאָג אין דער פֿריה, נאָך ליעגענדיג אין בעט האָב איך דערהאַלטען אַ בריעף דורך אַ פּאָסלאַניעץ.

די קאָנווערט האָט איהר פּאָטערס פֿיר־מאַ „Jakób Berenholc“... דאָס האַרץ קלאַפּט אין מיר ווי ביי'ן אַ גזלן... נור אינעררוייניג איז מעהר נישט געלעגען נור 10 רובל פֿאַר'ן חודש, וואָס האָט זיך נאָך נישט געענדיגט.

אוים לעקציע!

ל. פרץ.

זיי, אַז לויט אונזער געזעטץ איז גענוג, אַז זי שטעקט אויס אַ פֿינגער, ער זעצט אַרויף אַ פֿינגעריל וואָס מוז ווערט זיין ווענינגסטענס אַ פּרוטה און זאָגט „הרי־את“... דערביי דאַרפֿען, נאַטירליך, זיין עדות, ער זאָלל נישט אָבליקענען שטיין און ביין; אַ מנין איז נאָך בעססער, נור אַזוי ווי יעדער קאָנן צו־קוממען צום עמוד, אַזוי קאָנן יעדערער מקדש זיין...

נור וואָס די „דייטשען“ ווילען, פֿאַר וואָס גיט דער ראַבינער חופה וקדושין דוקא ביים ארון קודש אין קאָהר־שוהל, איז נישט צו פֿערשטעהן...

דאַכט זיך, אַז אין דער קלאַסס שטעללען זיך צו דער חופה: אַ חתן, וואָס האָט שוין קיין האָהר און קיין סודות נישט, און אַ כלה, וואָס ווייסט פֿון פֿאַל דע קאָק, זאָלאַ און אַנדערע, אפילו ווי אזוי מען האָט קיין קינדער נישט, אַז עס האָבען נישט חתונה קיין מענשען, נור צוויי בייטעליך געלד... וואָס'זשע דאַרף מען דאָ רען פּרעדיגער?

נור נישט אין דעם געהט אונז...

גענוג, אַז די פֿראַגע, וואָס האָט אויפֿגעקאָכט גאַנץ אונגאַרן, האָט זיך אָבגעשלאָגען אין אונזער טראָפּפען וואַסער, נור מיטן קאָפּ אַראָב!

פֿון דעסטוועגען מיינט נישט, אַז עס איז נאָר אין גאַנצען שטיל! די פֿרוממע חובבי ציון שלאָגען זיך מיט די ליבעראַלע חובבי ציון... אין וואָס עס געהט, איז שווער צו וויססען פֿון די הונדערטער פּאַשקווילען, וואָס ווערען צושיקט אין בריעף אָדער געדרוקט אין צייטונגען... עס מוז דאָך זיין איין אַרט פֿראַגע: וואָס עס איז בעססער, געשאָ־בענער אָדער געריבענער רעטטיך?

דער ל. פ. פֿון רעדאַקציע.

דאָך אַמאָל גֶעווײַנט!

(אַ בילד).

אַ לוסטיגער קבצן איז בערל טראָגער!

זיין דירה איז אין קעללער שטוב, די צווי קליינע פענסטער זענען מיט'ן ברוק צוגלייך, די שויבען זענען פערגראָהט און קויטיג, די וואַנד פייכט, אין די ווינקלעך בלישציעט דער שיממעל און דאָך, אַז עס פאַלט צו די נאַכט, לויפט בערל אהיים מיט אַ שמחה...

ביי דער וואַנד, צווישען די פענסטער, שטעהט אַ טישעל, צוויי פים האָט עס אייגענע, די אַנדערע פערטרעטען צוויי שייטליך האָלץ... דאָך ווינטער־צייט ווערען זיי גאַנץ אָפט פערשוואונדען... נור בערל זאָגט, אַז, אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנד, וועט עס שטעהן „מיט גאָטט'ס הילף..." און עס שטעהט!

דריי ווייסע שטוהלען איז דאָ אין שטוב... נור אללע אָהן אָנלעהנען... קוים איז אַ שטוהל אַ קאַליקע געוואָרען, האָט בערל באַלד אָנגעהויבען זיבען עטליכע נאָגעל, צוריק צושלאָגען דאָס אַראָבגעפאַלענע אבר, נור ער האָט זיך אַזוי די נאָגעל געשאַפט ביז צום ערשטען פראָסט! דערכעלט האָט בערל געזאָגט „כל חמירא" און די אָנלעהן איז אריין אין אויבען אריין...

אין שטוב זענען דאָ צוויי בעטטען, אויף זיי ליגען שמאַטעס, וואָס בערל רופט: קישען און קאָלדרע, און אונטער זיי שטעהען קאָסטלעך, פולל מיט אַנדערע מאָדע שמאַטעס. און בערל זאָגט, אַז דאָס זענען העמדער און נאָך אַזאַלכע זאַכען...

נור בערל זאָרגט נישט:

— וואָס דאַרף איך מעהר? שמייכעלט ער — אַבי געלעבט!

פיער קינדערליך האָט ער. צוויי שלאָפען אין איין בעט מיט איהם און צוויי מיט דער מוטטער צוזאַממען, נור —

— קינדער — זאָגט ער — זענען אַ נחת... עס דאַרף אַסך... אמת... נור פאַר דאָס, אַז איך קומה אהיים, איז דאָ מיט וועמען זיך צו שפּיעלען, מיט וועמען זיך נאַריש צו מאַכען.

די פיער זענען איהם פון זיבען געבליעבען און ער קאָנן זיך אָן יענע דריי אָהן פייכטע אויגען נישט דערמאַנגען! אָבער אַזוי, וואָס פעהלט בערל טראָגער?

פון ווייב איז ער נישט צופריעדען, ד. ה. ער קאָנן נישט ליידען, וואָס זי זיפצט שטאָנדיג און ווײַנט.

וואָס איז? אַ קאָנטראַקט האָט זי פון גאָטט? ער איז איהר מחויב צו געבען? נישט אללע קאָננען זיין ראָטהשילד!

— עט! מאַכט ער, מיין ווייבעל טויג שוין צו גאָר נישט! אַ קלאָג־מוטטער געוואָרען!

קוים ווייזען זיך טרערען אין איהרע אויגען, שטעלט ער זיך איהר געגענאיבער, פערברעכט ברחניש די האַנד, מאַכט אַ וויינענדיג פנים און שאָקעלט נאָך מיט'ן קאָפּף...

— דיר לאַכט זיך אַלץ! ווערט בת־שבע בייז.

— איך גיעס דאָך גאָר! אָנטפערט ער מיט אַ וויינענדיג קול.

— זאָלל מען שוין וויינען נאָך דיר, שטאַרקער פאָטער! דרעהט זי זיך פונ'ם אַוועק.

נור בערל בעליידיגט זיך נישט, וואָס אַרט איהן אַ קללה? עס דאַכט זיך איהם, אַז אָהן „דעם" וואָלט זיך גאָר נישט אַזוי פראָהליך געלעבט.

בייז ווערט ער נור אַז זי הייבט אָן זיך צו שילטען; דערכעלט שילט ער זי צוריק, בפרט נאָך, אַז זי הייבט אָן אויף זיך בעטען דעם טויט...

דערכעלט האַפט עס איהן ביז אין „זיבענטען ריפּ"...

— אוי, אָבדאַרען זאָל דיר די צונג! אָנטפערט ער און שפּייט אויס מיט האַרץ.

זי ווערט שטילל און גיעסט מיט טרעהרען און ער וואַרפט אויף איהר באָזע בליקע.

— און וואָס האָסט דו פון וויינען? פערד!

איהם דאַכט זיך, אַז אַ מענש דאַרף קיינמאָל נישט וויינען, אויסער יום־כפור אויף די זינד...

נור איינמאָל איז געשעהן אַזאַ מעשה:

אַ מאָל אין אַ יומא־דפגרא האָט זיך בערל אַזוי צושפּיעלט מיט די קינדער, אַזוי געבאַריט זיך מיט זיי, אַז ער איז אונטערוויילעכטס אַרויפגעפאַללען אויפן בעטט און — עס איז צושיטט געוואָרען אויף שטיקלעך!

— ברוך דיין אמת! האָט ער אַרויסגעלאָזט אין אַ געלאָכטער, וואַרט קינדער, מיר וועלען מאַכען אַ הספד.

ער בייגט זיך איין ווי דער הויקערדיגער מגיד און וויל אָנהייבען עפּיס צו זאָגען, נור בת־שבע שווייגט נישט:

— אוי, איך קאָנן שוין דאָס נישט איבערטראָגען! האָט זי זיך אָנגעחאַפּט מיט אַ געוויין פאַ'ם קאָפּף, — איך וועל אָן מיר אַ מעשה טהון!

— משוגע ביסט דו, וואָס? שרייט צו'ן איהר בערל.

— טאָמער איז געוועזען די פּאָר בעטלעך אין שטוב, שוין — דאָס אויך נישט, רבונו של עולם! נעם מיך שוין צו פון דער וועלט!

בערל ווערט שוין אין כעס:

דאַרסט אַ קלאָג אַביסל? דאָס בעטטעל איז צובראָכען געוואָרען! בהמה! באַלד — בעע!

— לאַכען זאָלסט דו שוין מיט בלוט, טאַטע געטרייער.

— חע, הע, חע! לאַכט ער שוין צוריק מיט גוטען, — ניין זאָג דען אמת: מה רעש? וואָס קעהרסט דו די וועלט? דאָס בעטט צובראָכען! אַי וואַי, אַ שרעק! דער הימעל לעגט זיך איין! וואָס האָט געזאָלט אויסגעהן צו איינעם פון אונז, האָט זיך

גאר אויסגעלאזט צום בעטט! אי, אי בהמה!

דער געדאנק, אז דאס בעט האט געקאנט זיין א כפרה פאר איינעם פון הויזגעזינד, קריכט איהר אין קאפף אריין. זי ווערט אביסל רוהיגער אונ קלערט דערוויל, וואס מען וועט טהון. מען וועט שוין די קינדער קיין שיך נישט מאכען. פארן ערשטען געלד וועט מען קויפען, אדער אפשר נאך פער־זיכטען דאס בעטט... דערו יי' וועט זי מיט צוויי קינדער שלאפען אויף דער ערד; עס פאלט איהר גאר נישט איין, עס זאלל קאננען אנדערש זיין.... נור פאר וואס לאכט ער נאך?

— ער פערקרימט זיך — ווארטשיט זי מיט כעס — פריזו נור, וואלגער זיך א פאר נאכט אויף דער פאדלאגע, אין דער נעץ, וועסט דו שוין זעהען! זאלסט שוין לאכען פאר'ן טויד, רבונו של עולם!

— חא, חא, חא! — א קלייניגקייט! בערל טראגער וועט שלאפען אויף דער פאדלאגע! קאנסט נישט דען גרויסען פריץ? לאכט בערל נאך האכער.

קינדער — קאמאנדירט ער — שלעפט דען שעננ.יק!...

זי ווערט אונטערגעצונדען:

— נישט דערלעבען וועסט דו צו שלאפען אויף דער פאדלאגע! לאזט זי ארויס א געשריי אונ ווארפט זיך ארויף אויפ'ן שענניק.

בערל קוקט זי אן פערוואונדערט.

— וואס ביזט דו, משוגע צו חסר דעה? דריקט ער מיט די פלייצעס.

— אז דו וועסט שטארבען, וועסט דו ליעגען אויף דר'ערד — אנפערט זי — נישט איצטער!

— מאך נישט קיין קונצען, בת־שבע אונ לאז שלאפען! מאכט בערל שטרענג.

זי ווייזט איהם מיטן פינגער אויף איהר בעטט.

— דארט לעג דיך, פלאגע!

— איך שלאף נישט אין קיין ווייבעריש בעטט, ווייצעלט ער, געה שוין געה! לאז מיך שלאפען! ער נעמט אן דען שענניק.

— איך האב געזאגט: ניין — איז ניין! שרייט אויס בת־שבע אונ חאפט אן דען שענניק מיט ביידע האנד.

— לעג איך מיך אהין דען שענניק! לאזט בערל ארויס א געלעכטער אונ ציהט אראב פון זיך דען פעלץ.

— איך וועלל דיר געבען א „לעגען זיך", אז דו וועסט נישט וויסען, פון וואנעט דיר איז געקוממען! צושרייט זיך בת־שבע אונ שפרינגט צו־איהם צו מיט די נאגעל,

א רויטקייט איז איהר ארויס אויף די באקען, די אויגען ברענגען. בערל קוקט אויף איהר פער־וואונדערט; זי זעהט גאר אנדערש אויס אין כעס. פאר א יאהר צעהן האט זי שטאנדיג כמעט אזוי אויסגעזעהען. ער שמייכעלט:

— א מיין שאן ווייבעל! שרייט ער אויס אונ ווילל זי ארומנעמען. זי רעכענט עס ווייטער פאר חוזק, שטופט איהן צוריק מיט כעס אונ געהט איהם אויסבעטען איהר בעטט.

ער בענוצט די מינוט, חאפט אראב זיין שע־ניק, שליידערט איהן צום אויבען צו אונ [illegible] זיך אויפ'ן ארויף.

— הורא, קינדער! שלאפען קומט!

— אין בעטט אריין זאלסט דו געהן! שרייט זי אויס מיט הארץ.

— מארגען! לאכט ער פון נייעם געלעגער.

— אין בעטט אריין! הערסט, וואס איך זאג דיר?

— אי — הום! ברומט ער מיט א חוזק.

— נא! נא! נא! שרייט זי אונ הייבט אן מיט א ווילדען כעס צו זעטצען מיט די פיס אין איבער־געבליבען בעטט אריין... עס צושיטט זיך אויך... בערל מיט די קינדער שפרינגען אויף דערשראקען.

זי איז אויסער זיך, זי טרעט מיט די פיס די ברעטליך... זי ווילל עס זאלל פון בעטט קיין זכר נישט בלייבען.

בערל ווילל זי איינהאלטען, בערוהיגען זי רייסט זיך פונ'ם אויס; ער חאפט זי ארום אונ האלט זי פעסט, ווילל זי איהן בייסען. — „בת־שבע, זעה! בת־שבע!" שרייט ער אויס מיט שרעק

ער זעטצט זי אנידער אויף א שטוהל; בת־שבע הערבט אן צו זיך קוממען אונ צוויינט זיך. די קינדער העלפען איהר וויינען פאר שרעק.

בערל ווייסט נישט וואס מיט זיך צוטהון; טרויריג שטעהט ער איהר געגענאיבער אונ לאזט פון איהר קיין אויג נישט אראב. די דארע באקקען ברעננען, די אויגען פלאממען...

— בת־שבע! הייבט ער אן ווייך — אונ ריהרט זי געלאססען ביי'ם אקסעל — בת־שבע, האר אויף, איך בעט דיך, צו וויינען!

זיין קול ציטטערט.

— בת־שבע. מאכט ער נאך ווייכער; אין הארץ ווערט איהם וואונדערליך ווייך, אונ אין האלז הערבט איהן אן צו שטיקקען אונ — ער דערפיהלט נאססע טרעהרען אין די אויגען...

דעמעלט האט בערל אויך געוויינט!

דוד פינסקי.

שבת-אויבס.

די צייט.

די אייביגע צייט,
זי געהט זיך איהר וועג
און ווייס קיין מאנאטען,
קיין וואכען, קיין טאג —
זי געהט זיך אהן אויפהאר
איהר אייביגען וועג
און ווייס נישט וואס „גאהנט" איז און „ווייט".

עס העלפען קיין טרערען —
קיין בעטען, קיין צארן;
עס ציהען קיין לייצען,
זי פיהלט נישט קיין שפארן;
זי זעהט נישט קיין גריבער,
קיין שטיין און קיין דארן
און געהט אלץ איהר אייביגען וועג.

עס דונערט וועזובי 1),
עס פלאטערט א שטויב,
עס פישציעט א ווארמיל,
ניאגארא 2) מאכט טויב —
זי הערט זיי ווי אונזער
קריטיק אדער לויב —
און געהט זיך איהר אייביגען וועג. —

וועגן טויזענדער נחת,
וועגן טויזענדער נויטען,
זאלל בלייבען דער „מארגען"
מיט גאלדענע צויטען —
זי גריסט נישט דאס לעבען,
בעוויינט נישט דען טויטען
און געהט זיך איהר אייביגען וועג. —

1) א בולקאן (א פייערשפייענדיגער בארג).
2) דער שטארקסטער וואססער פאלל.

י. ל. פרץ.

באשע לאה

ווער קאן נאך ווי באשע לאה אויסרופען אללע סחורות, וואס ליגען אין קיישעל? אז באשע לאה העבט אן „אויסשרייען" מיט איהר הילכיגען, געזונדען סאפראן: „פרישע אייער ציבעלעם מארמעלאדנע, פעטרושקע, אפפעל־הוילע צוקער בארנעם זיססע האב איך" א. ז. וו. — אז זי העבט עם אן אויסשרייז הארט מען זי אויף דער צעהנטער גאסס. אזוי זאגען עדות אללע אנדערע מארק־ווייבער.

אונ זי שרייט נישט גלאט אזוי, אהן א סדר, אהן א טעם, אבי געשריען. זי מאכט עם מעשה חזן, זי זינגט. „זי טאקט אב", זאגען אללע. ביי איהר קומט עם ארויס מיט אללערליי טאנער, מיט פערשידענע וואריאציעס, אז זי דיענסט מאדלעך דערמאננען זיך דען קאדריל, וואס זיי האבען שבת געטאנצט ביי באשע לאה'ן אין שטוב . . .

— א סחורה א ביסל, — מאכען אויף איהר די איבריגע ווייבער מיט די קאפף, ווען זי זינגט אב —, א שטוקע, פערשטומט זאלל זי ווערען!

נור די קללה איז נישט ערנסט. פערקעהרט. אללע ווייבער ליבען זי אונ גרויסען זיך מיט איהר שטיממע אונ מיט איהר קאננען אבטאקען מעשה חזן. בפרט זייט דער אלטער פריץ גרינקעוויטש, וואס ליגט שוין א פאר יאהר מיט די פיס אונמ'ער זיך, האט, ליגענדיג אין א זוממער טאג ביי'ם אפפענעם פענסטער, אויסגעשריען: „א, יאקי זשידאווקא מא גלאס!" אונ האט זיך געשטארקט אונ אויפגעהויבען זיך א ביסל אונ ארויסגעקוקט דורכ'ן פענסטער אויף באשע לאה'ן. דערביי האט ער צו געשמייכעלט, ווי א מאל אין די גוטע יאהרען, ווען די פיס האבען איהן נאך געטראגען.

באשע לאה איז א יונג ווייבעל פון א יאהר צוויי אונ דרייסיג, פון מיטטעלען וואוקס. זי טראגט א פאריק, נור ער ליגט אויף איהר אזוי קינציג, אז עס איז איהן נישט צו דערקעננען — גלייך אייגענע האר. זי געהט אין א פערלאפעט קליידעל אונ יאקעל, נור ריין ארום זיך, אונ דער קאליער געהט איהר צום געזיכט. א מאל איז זי גאר א שיינהייט געוועזען. היינט איז די הויט אויפ'ן פנים א ביסל צו דיקק; פון די חן־גריבלעך אויף די באקקען זענען קנויטשען געווארען. נור איהרע אויגען פינקלען נאך אונ אויף די ליפען שפיעלט נאך א לוסטיגער שמייכעל. בלינצעלט, שצורעט זי א מאל מיט די אויגען, קריגט איהר פנים אזא פראהליבע מינע, אז איהרע חבר'טעם

די נייע בעוועגונג.

אין מערב־אייראפא, צווישען די שווערבעאפפענטע פאלקער, וואס אטהמען קוים אונטער דער שטאהלענער לאסט; אין מערב־אייראפא, וואו די פרעססע פון האסס צווישען פאלקער, רעליגיאנען, ראססען אונ קלאססען רייסט אונ בייסט מיט ווילדען כעס דען אייזערנען נאמארדניק; וואו די רעגיערונגען נוצען דען אנטיסעמיטיזם אלס דונגער־אבלייטער פאר די גאלדענע פאללען; וואו קינד אונ קייט ווארפט זיך אין וויסטע חלומות פון דינאמיט... אין מערב־אייראפא בעמערקט זיך צונד א נייע בעוועגונג...

איבערן ווילד־ברויזענדען ים פליהט א טויב מיט'ן גרינעם בלאטט פון שלום.

עס מאכען זיך איבעראלל מאראלישע געזעללשאפטען, וואס ווילען, עס זאלל אויפהארען דער איביגער קריעג צווישען רעליגיאנען, פאלקער, ראססען אונ קלאססען; מענשען זאללען אוועקלעגען דאס מארדערישע געוועהר פון האנד, יעדערער זאלל אוועקלעגען דען קאלטען רשע — דען עגאאיזם, מענשען זאללען אנהעבען לעבען מאראליש, מיט יושר, מיט רחמנות...

זיי גלויבען אין דער מאראליטאט, וואס איז נישט דער אבגלאנץ פון דער בלאנקער שווערט, וואס שטעקט נישט אין קרופס קארטאטשען, וואס האלט זיך נישט אין דער געביילטער פויסט אונ געהט נישט האנד אין האנד מיט אייגענוי,

דערמאנגען זיך די „מאדילשע יאהרען" אונ באשע לאה'ס אמאליגע „קונצען"...

— א, יא! דאס איז א פייער געוועזען, א פייער! זאגט מען אונ מען מאכט אויף איהר מיט די קאפף.

— אונ וואס איז זי יעטצט? רופט זיך אב לוסטיג א טראגערן.

— באשע לאה'קע! אנטפערט א צווייטע מיט א טאן, גלייך זי וואלט יעטצט שוין פערענטפערט ווער אונ וואס באשע לאה איז.

באשע לאה האט א סך מינים סחורה, ווי נור פון דאס וועגען, כדי זי זאל האבען א סך אויסצווינגען. שטאנדיג זעהט מען זי מיט א קיישעל אייער אויף דער רעכטער אונ א קיישעל אפפעל מיט בארנען אויף דער לינקער האנד. די עלטערע טאכטער, א מאדעלע פון 13 יאהר צעהן, טראגט איהר נאך א קיישעל פלוימען מיט א קיישעל פעטרושקע, מערען, רעטיך. דערנאך געהט די יונגערע זיבעניאהריגע טאכטער, מיט א קיישעל קרויט, טראגענדיג עס פון פארנט מיט ביידע האנד. אונ צום לעטצט געהט נאך א יונגעלע פון א יאהר פיער—פינף מיט א „קראנו" גרויסע ציבעלעס „מארמעלאדנע" אויפ'ן האלז.

פאר באשע לאה'ן איז אלץ א סחורה. קוים וויזט זיך עפיס א נייער מין סחורה אויפ'ן מארק, וועט מען שוין אין גיכען הערען, ווי באשע לאה זינגט איהן אויס.

אונ שטאנדיג קומט אויס איהר נגון; שטאנדיג געהט עס ביי איהר ארויס אבגעטאקט דורך די שמייכלענדיגע ליפען.

באשע לאה'ן האלט מען פאר א בריה נפלאה. מען זעהט זי קיינמאהל נישט רוהיג זיטצען: שטאנדיג איז זי אין גאנג, שטאנדיג זוכט זי עפיס: איהרע אויגען ווארפט זי אין אללע זייטען

— דאס איז א בראנד! זאגט אויף איהר דער גאנצער מארק.

נור פאר דאס האט זי א שבת, א יום טוב, זעהר א פראהליכען טאג. באלד נאך מיטטאג רוימט זי אויף דאס צימער, וואשט אונ פוצט אויס די קינדערלאך, טהוט זיך אלליין איבער אונ זעצט זיך ווארטען אויף גאסט. איהרע גאסט זענען איהרע קונים פון א גאנץ וואך — די דיענסט מאדלעך פון ווייטע אונ נאהענטע גאססען. עס קומען אויך עטליכע „קאוואליערען" — אונ עס ווערט געטאנצט. אין קליינעם אונ נידריגען שטיבל ווערט צו ענג, נור דאס מאכט נישט אויס, מען צווענט זיך אין בעט, אויפ'ן טיש, אויפ'ן פענסטער אונ וואו נור מען קאנן, אבי מאכען גרוימער אין מיטטען.

באשע לאה איז די פיהרערקע אונ זינ=

שאוויניזם אונ רעליגיאנס=האסס!..

אונ זיי גלויבען, אז דער מענש מוז זיך אויפהאפען פון דען ווילסטען שלאף אונ דערזעהן די ליכט, וואס שלאגט איהם אין די אויגען! ער מוז דערפיהלען, אז ער איז מענש, אונ אז נישט דער עגאאיזם מיט נאגעל אונ באקקצאהן, נור די ריינע מענשליכע מאראליטאט דארף זיין דער קאמפאס, צו פיהרען זיין שיפף איבערן ים!

איהר שאקעלט מסופק מיט די קאפף! אונזער פעססימיזם, וואס איז ארויס ווי א הונדס=שוואם אויפ'ן מיסט פון די לעצטע צייטען, איז א נאכטגעוויקס אונ דרעהט זיך אוועק פאר יעדען ליכטיגען שטראהל...

אונ דער עיקר, עס איז דאך געגען די לעצטע פוסקים! געגען דארווין, ספענצער אונ ליפפערט, געגען די דריי זיילען, וואס האלטען אונטער די בילדונג אפילו אין ישיבות אונ בתי מדרשים.

מען זאגט, אז דער אייגענער בטלנישער לין, וואס האט געוויזען אויף דער האנד, ווי אזוי פראנצויזען אונ פרייסען האבען מלחמה געהאלטען, אונ האט, מיט א שפיי אויף דער האנד, דערטרונקען עטליכע ראטעס סאלדאטען פון ביידע צדדים, האט אמאל אויך אויסגעטייטשט פון וואנגען עס נעמען זיך אזוי פיעל פערשיעדענע מאדען אין וויבערישע קליידער.

יעדער פאבריקאנט — זאגט ער — האט שטעהן א פאססעל מיט מוסטער שטיקלעך; אללע מאל האפט ער ארויס א מוסטער, ארבייט

צערקע אין די טאנץ, זי איז שטאנדיג א„הערר" און פיהרט איהר דאמע „ווי א וואהרער קאוואליער". איהר דרעה, איהר קעהר, איהר קלאפ מיט'ן פוס איז „אויף די קאפף צו שטעללען זיך!".

איהר מאנן, וואס האלט נישט, ווי ער זאגט, פון טאנצען, ציהט זיך אום אויפ'ן אויווען, האלט נעבען זיך דען קליינען זוהן און, אונטערשפארענדיג מיט איין האנד דען קאפף, לאזט ער קיין אויג נישט אראב פון זיין „אלטיטשקער". ער קוועלט פון איהר, ער קלויבט נחת...

און באשע לאה ווערט אלץ פראהליכער, לוסטיגער, אויפגערעגטער. זי קאנן שוין עפים נישט איינזיטצען אויף איין ארט, זי שפרינגט ארום, מאכט מיט די האנד, בלינצעלט מיט די פינקעלדיגע אויגען, שלאגט און בארעט זיך מיט יעדען... יענמאלט שטעהען צו איהר צו די גאסט און בעטען, זי זאלל טאנצען דען „ציגיינער".

און באשע לאה לאזט זיך נישט לאנג בעטען.

— שא, מאכט א ווארע! שרייט זי אוים. די גאסט מאכען איהר ארט, און זי שטעלט זיך אוועק אין עק ציממער, העבט אויף א ביסל מיט דער לינקער האנד דאס קלייד און מיט דער רעכטער א טיכל איבער'ן קאפף, גיט א היטציגען ווארף מיט די אקסלען, א דרעה מיט'ן טיכל איבער'ן קאפף און העבט אן טאנצען, צווינגענדיג זיך אלליין דען נגון.

ווילד איז דער ציגיינער נגון. אין איהם גיסט זיך אוים דאס גאנצע ציגיינערישע לעבען. אט יאגט ער ווי א ווינד אין בריטען, פרייען סטעפ, אן שעפציעט ער ווי ביי'ם ווארזשען, ביי'ם קארטען ווארפען, אט שטארקט ער זיך און ברילט ווי א באר, אט פאלט טיעפער דער טאן, גלייך מען סודעט זיך ארויסצוגנבנען א פערד פון שטאלל און אט העבט ער זיך ווייטער אויף, און דונערט, און הילכט, גלייך ווי טויזענדער מענשען יאגען זיך נאך דעם פערד גנב, און ער, דער פערד גנב, טראגט און יאגט זיך אויפ'ן געגנבטען פערד פייל פון בויגען.

נור נאך ווילדער, נאך שטורמענדיגער איז דער ציגיינער-טאנץ. דאס דרעהט זיך א שטורם ווינד, וואס טראגט מיט זיך גאנצע בערג זאמד, נישט געפינענדיג אין דער גרענצענלאזער סטעפ קיין שום פערהאלטונג, נישט אין דער לאנג און נישט אין דער ברייט.

און וואונדערליך-קונציג טאנצט איהן באשע לאה. די גאכט קאננען די אויגען נישט אוועקרייסען פון איהרע פים, און קאננען קוים בעמערקען, ווי זיי בייגען

נאך א סחורה און — עס ווערט א נייע מאדע! און, אז ער האט דאס גאנצע פאססעל געענדיגט, דרעהט ער עס איבער קאפויר, און עס קומט ארוים גאר א נייע מאדע, וואס די באבע-יאחנע האט נאך געטראגען.

איך וויים נישט, ווי אזוי עס געהט צו ביי פאבריקאנטען, נור אין דער פהילאזאפישער אינדוסטריע איז זיכער אזוי!

אלטע סיסטעמען שטעהען אויף תחית המתים און ווערען צוריק די נייעסטע מאדע... אין א צייט ארום פערליערט דער נייער סיסטעם דאס געזונד, העבט אן הוסטען, קריגט אסטמא — פאלט און ווערט בעגראבען, און אויף זיין ארט שטעהט אויף א נייער שוכן-עפר; א נייע פהילאזאפיע פון דער באבע-יאחנעס צייטען — און די באבע-יאחנע, אויב זי לעבט נאך, טאנצט פאר פרייד, אז איהר צייט איז צוריק געקוממען!

דאכט זיך, אז „כל דאלים גבר" (ווער עס איז שטארקער, ביי דעם בלייבט עס!) איז אין אלטע פהילאזאפיע, נאך פון אדם הראשון'ס צייטען... אין אמת'ע, נאקיטע וואלד-פהילאזאפיע — אלץ ווענדט זיך אין דער פויסט. די וועלט איז א קניזש; ווער עס איז שטארקער, בייסט פריהער אריין; ווער עס האט א בריטערען מויל און בעססערע צאהן, רייסט אב א גראססער און א בעססער שטיק... אדער, ווי מען פלעגט צו זאגען: אויף דער וועלט איז ווי אויף א חתונה — חאפ און פרעסס, חאפ און זויף!

דער סיסטעם איז אזוי אלט, ווי דאס ווילדע לעבען. — נישט איינמאל האט זיך אפילו שוין געדאכט, אז די מאראליטעט, אז דער יושר פון

זיך, און דריקען פערוואונדערט מיט די אקסלען.

— א, א! שדים זיטצען אין איהרע פיס!... שרייט ווער אוים.

— א, א! זענען אללע מודה און שאקלען מיט די קאפף.

נור אט האט זי געענדיגט. זי ווארפט זיך אויף א שטוהל, און עס ווערט א פאטשעריי: בראוואָ! בראוואָ!

— וואס זאגט איהר צו מיין אלטיטשקער? רופט באשע לאה'ס מאנן פון אויווען, אראבקוקענדיג אויף איהר מיט א גליקליכען שמייכעל.

פאר נאכט, אז עס ווערט שוין פינסטער, הערען אויף די טאנץ. עס ווערט שטילל. די גאסט פערנעהמען ארטער — מען גרייט זיך צו עפיס... באשע לאה וועט געבען קאנצערט.

אללע אויגען קוקען אויף איהר; פון אללע זייטען שיטטען זיך בקשות, זי זאלל דאס אדער יענס זינגען. באשע לאה'ס אויגען העבען אן אויפ'ס ניי צו ברעננען; דאס פנים פלאמט. נור זי זעהט יעצט אוים ערנסט, פערקלעהרט און אפילו טרויעריג. זי שטעהט אין מיטטען צימער מיט א חנודיגען שמייכעל אויף די ליפען און קוקט אויף די גאסט. נור זי טראכט יעצט נישט וועגען זיי און זי זעהט זיי ווי דורך א נעבעל, א טומאן.

— נו, שטילל זאלל זיין, הולטייקעס! זאגט זי ענדליך ארוים, און פון איהרע האלב אפפענע ליפען רייסט זיך ארוים א שטארקער ברוסט=טאן — און עס העבט זיך אן דער קאנצערט.

זי זינגט געווארנליך טרויעריגע זאכען.

„א פראהליכם, זאגט זי, געהט עפיס נישט ביי מיר". איהר פנים ווערט אלץ ערנסטער, טרויעריגער, טיעפזיננינגער; דער שמייכעל פערשווינדט פון די ליפען. די באקען פייערן, און די אויגען לייכטען אזוי מילד, אזוי ווייך...

זי פערגעסט אין אללעם. זי קאנן שוין נישט איינשטעהן אויף איין ארט און העבט אן אומגעהן איבערן צימער ווי פערחלומ'ט. און דער געזאנג ווערט אלץ שטארקער און שטארקער, און שטארקער העבט זיך און פאלט די ברוסט, געשווינדער קלאפט דאס הארץ. עפיס איז איהר אזוי שווער, און עס ווילט זיך איהר וואס האכער און שטארקער זינגען, און עס דוכט זיך איהר, אז עפיס וועט זי אויסזינגען, אז עפיס וועט איהר דערנאך ווערען אזוי גרינג, אזוי מחיה=דיג...

אללע ארום זענען ווי פערכשופט, ווי פערשטיינערט. מען גיט זיך נישט קיין ריהר,

---

צאהן-און-נאגעל איז אבגעשוואכט, אבגעניצט, אז מיר האבען די „טהייערע שמאטע" אין ארחיו אריינ=געלעגט, וואו זי איז שוין מיט שיממעל בעוואקסען; אז מיר, מיר מענשען, האבען שוין איינגעזעהען, אז דאס פאסט נור פאר ווילדע חיות און נאך נאקיטע ווילדע לייט, אז מיר דארפען זוכען אונזער גליק אין עפיס אנדערש, עפיס גראססערס, העכערס... און דאך — האט זיך נור אזוי געדאכט! די פהילא=זאפישע פאבריקאנטען פון נייינצעהנטען יאהר=הונדערט: דארווין, ספענצער, ליפפערט און אללע זייערע נאכשלעפער און נאכשטופפער האבען די מאדע בעניי־ערט!

דארווין האט בעמערקט, אז דורך ערציהען, לעבען אויף א געוויססע ארט, אין א געוויססען קלימאט, אין געוויססע בעדינגונגען — פעראנדערט זיך דער קערפער פון מענשען און טהיערע און דערפון איז איהם איינגעפאללען, צו בענייען דען אלטען לאמארקישען סיסטעם, אז גאט האט קיין בעזונדערע מינים נישט בעשאפפען, אז פון זיין האנד איז נור איין לעבען ארוים, אז די אללע מינים, משפחות און סארטען קוממען ארויס מיט דער צייט—איין מין פון צווייטען, איין סארט פון צווייטען; און דאס ווענדט זיך אין די פערשיעדענע פעראנדערונגען, וואס מאכען זיך אינ'ם לעבען... נור — וואס שאדט עס אונז? וואס זאלל אונז דער פוסטער יחוס? אדרבא, עס איז מעהר כבוד, אז מיר האבען זיך אלליין אויסגעארבייט, אלליין מיט דער צייט פאר מענשען געמאכט, דען עקק פערלוירען און אזוי פיעל שכל, אזוי פיעל יושר בעקוממען! נישט איינער זוכט אפשר אין שלאף דען

מען לאָזט נישט קיין פּאַרע פֿון מויל.

דאָס זיבעניאָהריגע טאָכטערל שפּאַרט זיך אָן אין אַ שוים פֿון אַ מאָדעל, מיט ביידע האָנדלעך אונטערהאַלטענדיג דאָס קליינע קעפּעל, און לאָזט פֿון דער מאַמען קיין אויג נישט אַראָב. דאָס קליינע פנימל פלאַמט, די אייגעלעך ברענגען, דאָס האַרץ קלאַפּט שטאַרקער.

זוממער, ווען דאָס פֿענסטער איז אָפֿפֿען, קלינגט באַשע לאה'ס שטיממע ווייט איבער'ן אָרמען גאָססעל.

ביי די טהירען און טויערן פֿון די איינגעבויגענע הייזלעך זיטצען די אָרמע איינוואָהנערינען, אונטערגעשפּאַרטערהייט די קאָפּף, און זינגען זיך צו שטיללערהייט באַשע לאה'ן, און עס ווערט זיי אַזוי אומעדיג און אַזוי גוט צוזאַממען, און זיי האָבען נישט קיין חשק און נישט קיין כח אויפֿהעבען זיך פֿון אָרט, אָבריייסען זיך פֿון באַשע לאה'ס געזאַנג.

און געגענאיבער אין שניידערישען שוהלעכיל שטעהט דער עולם די מעריבדיגע שמונה עשרה. אין שוהלעכיל איז נאָך פֿינסטער, און דער עולם דאַווינט מיט האַרץ און חשק. נור אָט פֿליהט אַריין דורך די אַלטע צופּוילטע פֿענסטער באַשע לאה'ס געזאַנג — און דער עולם ווערט צורודערט, די מחשבות ווערען צושטאָרט און עס ווערט שוואַכער דאָס שאָקלען זיך און שעפּציען. נור זייער רבי, דער פרוש, „שטאַרקט זיך", רייבט דען שטערן און שרייט אויס: „נו, אַ!" און העבט אָן שטאַרקער צו שאָקלען זיך, פֿעסטער צו ברוממען דאָס שמונה־עשרה. דער עולם חאַפּט זיך אויף ווי פֿון שלאָף און העבט זיך אָן ווייטער צו שאָקלען און שעפּציען, נור דאָס האַרץ דריקט דאָך אַזוי מאָדנע...

נור אָט צו גיסט זיך איבער'ן גאָססעל אַ לאַנגער הויכער טאָן — באַשע לאה האָט געענדיגט.

די גאָסט אָטהמען אָב; עס ווערט אַ גערודעריי, אַ שרייעריי: מען לויבט די זינגערן.

— פֿערברענט זאָלל זי ווערען, סאַר אַ זינגען!

— אַי, שטום זאָלל זי ווערען! אַ מין קולכעל!

— אַ האַלז פֿון אַ גוטען זולל וסובא!

— אַ ווייבעלע אַ ביסל!

נור דאָס קליינע טאָכטערל לויפֿט צו צו באַשע לאה'ן, חאַפּט זי אַרום אַרום האַלז און דריקט זי צו זיך שטאַרק, שטאַרק...

— אוי, מאַמעניו, האָב איך דיך האָלט! זאָגט זי אַרוים מיט היטץ.

און דער פֿאַרבער קריכט אַראָב פֿון אויווען און פֿראָגט מיט טרעהרען אין קול

עקק, ווי איין אַלטער דייטש די יאַרמולקע, נישט איינגעם חלום'ט זיך נאָך דער וואַלד... נור מיט דער צייט וועללען די חלומות און דאָס זוכען דען נאָכטיגען טאָג אויפֿהערען, פֿערשווינדען...

אמת איז, אַז אין „בראשית" איז די מעשה אַנדערש פֿערצאָהלט... נור „מעשה בראשית" איז נישט געשריבען פראָסט „כדבר איש אל רעהו" — עס איז כולל סודות; איך זעה עפּים אַנדערש, יענער עפּים אנדערש און דער אַלשיך — עליו השלום — אויך עפּים אַנדערש... ווער ווייסט, אפשר מיינט גאָר דאָס דער פסוק... אַ קשיא אויף אַ מעשה! אַז „חמץ" קאָנן זיין על פי קבלה דער יצר הרע און „מצה" דער יצר טוב, חאָטש זיי שטעהען ביידע נישט אין מעשה בראשית, קאָנן „חוה" זיין די פֿאַנטאַזיע, וואָס טרייבט דען מיינש צו זוכען נייע אמת'ן, נייע וועגען; דער „עץ הדעת" — די קולטור און די שלאַנג — דער „סקעפּטעציזם", דאָס מכופק זיין, דאָס אונרוהיגע פֿראָגען: פֿאַר וואָס און פֿאַר ווען, דאָס וואָס לאָזט אונזער פֿאַנטאַזיע נישט שלאָפֿען און נייט זי, זי זאָלל אַללע רגע אויפֿשטעללען נייע סיסטעמען, נייע הייזליך פֿון קאָרטען, „אויף וועלכע דער פֿויערשער שכל הישר דאַרף נור אַ בלאָז טהון, זיי זאָללען אומפֿאַללען"...

פֿערצייטענס וואָלט מען אַזאַ דאַרשן פֿערברענט, נור היינטיגע קאַלטע צייטען האָט ער אויסגעלעבט זיינע יאָהרען און געפֿונען נאָך אַ גאָטסגעלעהרטען, וואָס האָט אויסגעגלייכט דען פסוק, ער זאָלל פּאַססען צו זיין טעאָריע, גאַנץ־לייך — דעם פסוק צוליעב. —

—נו, וואָס זאָגט איהר צו מיין אַלטיטשקער! האָ?

באַשע לאה שמייכעלט שוין ווייטער.

דוד פינסקי.

משיח.

אין שטוב איז שוין טונקעל. אַ גאַנ־צען טאָג האָט געטריפט אַ קאַלטער, דראָבנער רעגען און דעריבער פאַלט אַזוי געשווינד צו די נאַכט.

עס איז נאָכ'ן שלש־סעודות. דער טאַטע האָט גענומען די גראָבע קאַפּאָטע און איז אַוועק געגאַנגען אין שטיבעל אַריין מעריב דאַווינען; מיך האָט די מאַמע נישט גע־אָזט מיטנעמען: דער זיבען־יאָהריגער, ציטעריגער בן יחיד האָט זיך געקאָנט אין אַזאַ וועטער לייכט פערקיהלען.

זי האָט זיך אַניעדערגעזעצט, ווי איהר שטייגער איז געוועזען, ביי'ם פענסטער און האָט אָנגעהויבען שטיל צו שעפּציען דעם „גאָטט פון אברהם". איך האָב מיך געזעצט אויף אַ באַנקעלע איהר צופיסענס און האָב, אויך ווי געוועהנליך, אָנגעשפאַרט דען קאָפּף אויף דער מאַמעס שויס.

עס איז נאָך טונקעלער געוואָרען; איך האָב שוין נישט געזעהען מיין אייגענע האַנד, וואָס איך האָב געהאַלטען נישט וויט פון די אויגען. אין דער פינסטער האָב איך מיך קיינמאָל נישט היימליך געפיהלט, האָב איך דעריבער נאָך פעס־טער צוגעדריקט דען קאָפּף צו דער מאַמעס קניע.

דאָס בעשטאַנדיגע קלאַפּען פון די טראָפּפען רעגען אין די שויבען אַריין, צו־זאַמען מיט דער מאַמעס טרויעריגען שמיללען, האַלב געזונגענעם „גאָטט פון אברהם", האָבען מיך גאַנץ געשווינד איינ־געשלעפט... איך האָב צוגעמאַכט די אוי־גען, נור אין דרימעל האָר איך נאָך אַלץ דער מאַמעס טרויעריגע שטימע:

כל ישראל'ס קינדערליך זאָללען זאָ־גען: אמן!

מיר זאָללען זוכה זיין משיח'ן אַ קע־גען צוגעהן.

אמן ואמן — עס זאָלל ווערען וואָהר, משיח זאָל קוממען דאָס היינטיגע יאָהר...

— אמן! האָב איך נאָכגעזאָגט פער־שלאָפען, נור מיט'ן גאַנצען האַרץ... איך האָב דעמעלט אַזוי געוואָלט משיח זאָלל שוין קוממען!

אין יענער צייט האָב איך אפילו טהייל

נור דאַרווין איז געפאַללען אויף נאָך איין המציאה. וואָרען די שאלה איז: פאַר וואָס ווערען טהייל פעראַנדערונגען פון וואונדען און אַנדערע האַלטען זיך שטאָהל און אייזען? מיר ווייסען, אַז נישט איינמאָל ווערט געבוירען אַ קאַלב מיט צוויי עקקען, אָדער מיט צוויי קעפּף, מיט זעקס פיס — פאַר וואָס בלייבט פון דעם אַללעם קיין זכר נישט, און פאַר וואָס, אַז עס האָט זיך נור בעוויזען אַ האָרן, האָבען זיך באַלד אַללע בהמות פערקוקט און האָרנער בעקוממען? אויף דעם איז די תשובה: כל דאלים גבר! דאָס לעבען איז איין אייביגע מלחמה, איינער מיט'ן אַנדערן, איין מין מיט'ן צווייטען און איין משפחה מיט דער צווייטער... אַללע שלאָגען זיך שטאַנדיג און גובר איז דער שטאַרקערער — דעריבער איז דאָס קאַלב מיט איבריגע

פיס נעלם געוואָרען, וויל פיער פיס איז איבער גענוג, בפרט — איין קאָפּף! נור דער אָקס מיט'ן האָרן, וואָס איז געוואָרען אַ שור נגח, האָט זיך טאַקי געמעהרט און געפרוכטבאַרט... אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז עס זענען געוואָרען אַ וועלט אָקסען מיט האָרנער און די רעשט אָקסען אָהן האָרנער זענען נעלם געוואָרען... אויסגעפייגערט אָדער אויפגעפרעסען געוואָרען פון אַנדערע בהמות, וויל פון פרעה'ס חלום זעהט אויס, אַז אַמאָל האָבען די קיה איינס דאָס אַנדערע געגעסען גאָר מענשען צו גלייך! פון וואַנען עס האָט זיך דער ערשטער האָרן גענומען, דאָס ווייסט דער טייפעל, גענוג — אַ האָרן האָט זיך בעוויזען און דער ערשטער גליקליכער אָקס, וואָס האָט'ן געקריגען, האָט מוצא חן געוועזען ביי די קיה, ער האָט געהאַט אַ סך

מאל נישט געקאנט פערשטעהן, ווי אזוי משיח — אודאי א יוד א למדן — וועט זיך נישט שאמען צוריטען איבער דער גאסס אויף איין אייזעל און וועט איהם קלאפען מיט די פיס אין בויך אריין, ווי א בעל־עגלה, וואס רייט פאיען א פערד... דאס גאנצע בלוט פלעגט מיר קוממען אין פנים אריין, טראכטענדיג, ווי די „שטאדט־שקצים" וועללען דערזעהען, א יוד מיט א לאנגער גרויז־גראהער בארד רייטענדיג אויף איין אייזעל... זיי וועללען לאכען אין די פויסטען אריין: „יאק זשיד וויערחשעם יעדזיע"... נור די בושה, — האב איך מיך געטרייסט, — וועט געדויערען א רגע — דער־נאך וועלל'מיר זעהען, ווער עס וועט לאכען! עס וועט קוממען א וואהלע, א גליקליכע, גילדענע און אייביגע צייט... דער טאטע וועט שוין נישט זיפצען א גאנצע וואך אויף פרנסה און נאכ'ן עססען, ביי'ם בענשען נישט אזוי וויינענדיג דריקקען די ווארטער: „מידך הרחבה והמלאה!" און די מאמע וועט שוין נישט בגנבה אויסווישען זיך די הייסע טרערען מיט'ן ארבעל... עס וועט שוין קיין פרנסה נישט פעהלען — אויף די ביימער וועללען וואקסען בולקעס...

אויך וועט זיין תחית המתים... מיין יונג ברודעריל, וואס מען האט פאריאהרען ערשט אריינגעלעגט אין דער ערד אריין,

קינדער און האט זיי אללע פערירשענט דען הארן... טרעפט זיך אמאל איינס ווערט געבוירען מיט א גאהלען קאפף — געהט עס לאבור, — ווי איינער אהן כלי זיין אין דער מלחמה מיט שטארק בע־וואפפענטע! טחוירען, למשל, האבען אמאל געלעבט ווי אללע אנדערע חיות ובהמות; פלוצלינג האט איין טחויר אנגעהויבען צו שוויטצען מיט א ריח, ווי פון א בעל־תשובה, נעבען וועלכען עס קאנן אפילו קיין צדיק נישט איינשטערען... מיט דער צייט האט מען אללע טחוירען אויפגעגעססען, נור פאר דען טחויר איז יעדערער ענטלאפען, און ער מיט זיינע יורשים זעננען געבליבען לעבען, און זיי מעהרען און פרוכטבארן זיך, אז מען פיהלט זיי שוין אפילו אין דער ליטעראטור... פאקשיווע (אדער ווי די ליטוואקעס וויללען: קראפיווע) איז

וועט אויפשטעהן און די מאמע וועט ווייטער האבען איהרע ביידע קינדער!

אויך אונס, תלמידים'לעך אין חדר, וועט גוט זיין!... קיין רבי וועט שוין נישט קנייפען, נישט שלאגען!... עס וועט זיין איין ישיבה פאר דער גאנצער וועלט, פאר יונג און אלט צוזאמען, און משיח, און אפשר גאטט אלליין — וועט לערנען מיט'ן עולם, ווי דער דיין מיט דער חברה ש"ס... און זיי וועלל איך זיכער פער־שטעהן... זיי וועללען נישט שפריטצען מיט'ן מויל און נישט רעדען אזוי שטומפיג ווי דער רבי...

* * * *

און די מאמע חור'ט נאך א מאל איבער:

אמן ואמן — עס זאלל ווערען וואהר.
משיח זאלל קוממען דאס היינטיגע יאהר.

— רבונו של עולם, טראכט איך מיר, פאר וואס קומט ער טאקי נישט?

זייט איך געדענק, זאגט אלץ די מאמע דען „גאטט פון אברהם" יעדען שבת פארנאכט מיט א קול, וואס קאנן שטיינער ריהרען... דאס אייגענע טהוען אללע פרוממע ווייבער איף דער גאנצער וועלט! מיר, מאנכ־פערשוינען, שווייגען אויך נישט! מיר דאווי־נען דריי מאל אין טאג און בעטען זיך

א מאל געוועזען א געוויקס ווי אללע געוויקסען, נור פון דער העלער הויט האט איין פאקשיווע אנגע־הויבען צו שטעכען און צו בריהען; מיט דער צייט האט מען אללע מינים פאקשיווע צו טרעטען און אויסגעריססען, נור די בריהענדיגע און שטעכענדיגע זעננען געבליבען! און אזוי צו אללע חיות ובהמות! טהייל פערד האבען אפשר אמאל קיין עקקען נישט געהאט. נור די אהן עקקען האבען די פליגען אויפגעגעססען, און נצול איז געווארען נור דאס פערד, וואס האט זיך געקאנט קראטצען מיט'ן עקק ביז'ן קאפף.

הכלל א מלחמה און מען דארף נור גוט כלי זיין!

נור כל זמן דאס אלץ איז נור נוהג אין וואלד און פעלד, צווישען חיות און בהמות... ארט מיך

אללע אין איינעם: ער זאָלל קומען! און ער — זוימט זיך אַלץ און זוימט זיך!

אַז דער דרדיקי מלמד האָט מיר דאָס ערשטע מאָל פערטייטשט דען אני מאמין, אַז „אחכה לו בכל יום שיבא" איז די טייטש: „איך וואַרט אויפ'ן יעדען טאָג, ער זאָלל קומען", האָב איך טאַקי געמיינט, אַז מען וואַרט אויפ'ן באמת... אַז מאָרגען אָדער איבער מאָרגען מוס ער קומען!...

איבער דער וואָך אודאי! ציינד האָב איך שוין געוואוסט, ווי לאַנג מיר זענען שוין אין גלות, איך האָב שוין געוואוסט וויפיעל הונדערטער יאָהר מיר ריכטען זיך, און ריכטען זיך אומזיסט... און דעריבער האָט מיך דורכגענומען אַ וואונדערליכער האַרצווייטאָג...

מיט'ן גאַנצען יונגען, פרישען האַרץ האָב איך געגלויבט, אַז גאָט איז גערעכט... ער איז אַוראי גערעכט!... אַז דאָס, וואָס משיח קומט נישט, זענען מיר מיט אונזערע זינד שולדיג, אַז משיח קאָן איבער אונזערע חטאים נישט קומען... ער קאָן נישט! נור דאָך... ווען גאָט זאָלל באמת וועללען... וואָלט ער שוין געקומען!

מיין טאַטע איז קענען מיר אויך שטאַנדיג, שטאַנדיג גערעכט... אַז ער זאָגט: „ניין!" ווייסט ער פאַר וואָס, און דאָך...

אַז איך שפאַר מיך איין, אַז איך הייב מיך אָן שטאַרק צו בעטען... קריגט ער באַלד אויף מיר רחמנות און טהוט מיר צוליעב!.. די מאַמע קאָן ביי מיר קיין טרער אין די אויגען נישט זעהן... און פאַר וואָס גאָט?...

עס האָט זיך מיר געגלוסט צו וויינען, נור איך האָב מיך געשאָמט פאַר דער מאַמען. איך האָב מיך איינגעהאַלטען, איך זאָלל נישט אַרויס מיט אַ קול, און איבערגעדרייט זיך אויף אַ זייט, די מאַמע זאָלל אויף דער קניע נישט דערפיהלען די טרערען, וואָס האָבען מיר געקאַפיט און געקאַפיט פון די אויגען.

נור קוים האָב איך מיך איבער געדרייט, האָב איך דערזעהן אַ וואונדערליכע געשטאַלט, וואָס האָט זיך געלאַססען צוגערוקט צו מיר.

און איך האָב מיך אפילו פאַר דער געשטאַלט נישט געשראָקען: אַזוי פיעל גוטסקייט איז געוועזען אויסגעגאָססען אויף איהר פנים!... עס איז געוועזען אַ הויכער שאָנער יוד, מיט אַ לאַנגער גרויזגראָהער באָרד ביז'ן גאַרטעל און מיט אַזוינע ערליכע, גוטע אויגען, מיט אַזאַ ווייכען, רחמנות'דיקען בליק, אַז עס איז נישט מעגליך געוועזען צו [illegible]שרעקען זיך.

ער איז צו געקומען גאַנץ נאָהנט צו

נישט, לוינט אפילו נישט צודערגעהן, פון וואַנען עס האָבען זיך גענומען די ערשטע פראַנדערונגען, דער ערשטער האָרן, דער ערשטער שווערד, דער ערשטער עקק... כדאי זיך דעריבער דען קאָפף צו פערדרעהען, ביי זענען שוין לאַנג פון וואַלד אַרויס, און ביי אונז, דאַכט זיך, איז גאָר פערקעהרט. אָט האָט ושתי אַ האָרן בעקומען, דאַכט זיך אַ וואָהל כלי זיין אין דער מלחמה צווישען מאַן און ווייב און אפילו צווישען ווייבער, און דאָך — איז דער מוסר שטאַרקער געוועזען פאַר'ן האָר: אחשורוש האָט איינגעזעהן מיט'ן שכל פון זיינע עצה־געבער, אַז אַ ווייב דאַרף פאָלגען אַ מאַן, אַז יעדער מאַן מוז האָבען צו שאַפען ביי זיך אין דער היים, אפילו ווען ער איז אַזוי קלוג ווי אחשורוש און דערביי נאָך אַזוי שכור, אַז ער הייסט, די

פלונית'טע זאָלל אַריין קומען גאָר על פי פשט, אָהן איין אַיינהיעל... אמת איז, אַז די ממשלה, וואָס אַ מאַן האָט, איז, כל זמן דאָס ווייב איז אין שטוב, נישט אַזוי פעסט... נור דער „יושר" האָט פאָרט גיבר געוועזען דען האָרן, און ושתי האָט געמוסט אָבטרעטען אסתר המלכה'ן די קרוין.

עס וועלען גאַנץ זאַפט געבוירען מענשען מיט צו שאַרפע צאָהן, צו האַרטע פויסטען, אָדער מיט נשמות פון טהירען און פוקסען, נור מיר האָבען שטאַנדיג געמיינט, אַז פאַר זיערט וועגען טאַקי האָבען מיר קרימינאַלען, אַרעסטען, און טהייל מאָל (בסוד זאָלל עס בלייבען) אַ ביסעל הייסע ריטטער... ביז מען ווערט פון זיי פטור... אונזער לעבען, האָבען מיר געמיינט, רינט שוין כמעט אַזוי קלאָר ווי אַ וואַססער... עס פאַלט אמאָל אַריין

מיר און האט מיר געגעבען מיט רחמנות א לייכטען, לייטזעליגען קניפ אין באקקעל.

— איך בין משיח, האט ער זיך איבערגעבויגען צו מיר און איינגערוימט מיר אין אויער אריין, — איך בין משיח, און, ווייל דו בענקסט אזוי נאך מיר, האב איך מיך דיר בעוויזען...

דאס הארץ איז מיר אוועק פאר תענוג.

— נור באמת קוממען — האט ער צוגעגעבען טרויעריג — קאנן איך נישט... עס איז א גזרה פון גאטט... עס מוסס זיין, ווי דו ווייסט, אדער כולו זכאי — אללע גערכטע, אדער כולו חייב — אללע שולדיג...

און דאס, מיין קינד, האט ער שווער אבגעזיפצט, — איז נישט אזוי לייכט, ווי דו מיינסט!

— פאר וואס? פראג איך, צוגאססען אין טרערען.

— אח, מיין ליעב קינד, מאכט טרויעריג די געשטאלט, — דו ווייסט דען, וואס איך לייד? איך בין דאך שטאנדיג אונטער וועגס... זוממער נעמט מיך דורך די היטץ און ווינטער — די קאלט... שטאנדיג געה איך און געה, און קאנן קיינמאל צו'ן אייך נישט קוממען...

עס מאכט זיך אמאל א צייט און עס דאכט זיך — כולו חייב; איך העב אן געהען — שפרינגט פלוצלינג ארויס א יוד א קבצן, פערזעצט א משכון און קויפט איין אתרוג, א הדר! „צוריק!" — שרייט א בת-קול — און איך מוסס געהן צוריק... עס מאכט זיך ווייטער „כולו זכאי", אמאל אין טויזענד יאהר, איך העב ווייטער אן געהען... נא! טהוט זיך פלוצלינג א יוד אן דייטש... דאס בת-קול רופט ווייטער: „צוריק!"... און איך מוסס רייטען צוריק!

און אזוי שטאנדיג און שטאנדיג...

ווייסט דו שוין, מיין קינד, וואס איך שטעה אויס?

— א מערכה, האט ער צוגעגעבען, — וואס איך געה חאטש נישט צו פוס... זיי וואלטען מיר שוין לאנג געשוואלען געווארען...

דאס הארץ ברעכט מיר פאר רחמנות.

— בא, האט ער צוגעגעבען נאך טרויעריגער, — וואלט איך געהאט א גוט רייט-פערד, פון מצרים... אזוי ווי שלמה המלך האט געהאט, וואלט איך ביי'ם ערשטען בעפעהל: „געה!", ארייגעזעצט איהם די שפארען אין לייב אריין, אז איך וואלט מיט איין שפרונג געוועזען אין „תפוצות ישראל"... דאס בת-קול וואלט געמאגט שוין רופען...

רייט איך אבער אויף איין אייזעל, אויף

א שטיינדעל, מאכט עטליכע ראדליך ארום זיך, נור באלד ווערט עס פערשוואונדען מיט די ראדליך צוזאממען, דער שפיעגעל גלייכט זיך אויס און ריגט ווייטער אזוי ריין, אזוי קלאר ווי דער הימעל... טיעפער איז אפילו קאלט און פינסטער, און דער העכט לאסט דען קארפ נישט שלאפען, נור מיט דער צייט, האט מען געמיינט, ווען מען דארט אויך אריין קוקען... מיט דער צייט וועט דער מענש איינזעהען, אז די ערד קאנן ערנאהרען 10 מאל אזוי פיעל מענשען ווי עס איז דא אויף דער וועלט, אז מיר דארפען איינשטרענגען אונזער אינטעללעגענץ, נישט איינער זאלל דעם צווייטען ארויס רייסען פון מויל, נור מעהר בענוצען די נאטור-קראפטען, וואס דיענען אונז נאך אין גאר א קליינעם פראצענט. איך האב געמיינט, אז איינער וועט אויס נעמען די האנד פון צווייטענס טאש, דער צווייטער וועט אויפהארען צו רייסען דען ערשטענס נאז, און זיי וועללען זיך ביידע נעמען צו די וואססער-פאללען, וואס רוישען, הילכען און בייזערן זיך, פאר וואס זיי פערליערען אזוי פיעל קראפט אומזיסט... איך האב גערעכענט, אז אט, אט וועט ישעיה'ס נבואה פון אייביגען פריעדען מקוים ווערען און אויף דער וועלט וועט ווערען א געקישעריי, א געהאלועריי, אז מלאכים אין הימעל וועללען אונז מקנא זיין...

זענען אבער געקוממען ספענצער און ליפפערט און האבען געזאגט: לא כי! די צוויי פהילאזאפען, מיט א הונדערט נאכשטופפער, ווייזען אויס, אז אויסער דעם, וואס מיר קוממען ארויס פון וואלד, מוזען מיר נאך אייביג שוין לעבען לויט'דעם שלחן-ערוך, וואס איז אין דעם וואלד נוהג... און דער

א ביטער, איינגעשפארט איזעל... קוים וואס עס קריכט...

די געשטאלט איז פערשוואונדען געווארען, און די מאמע האט אלץ געזאגט, אזוי ערנסט געזאגט!

שלחן־ערוך האט נור איין פאראגראף: כל דאלים גבר! ואידך — פירושא (די רעשט איז נור א פירוש): פויסט, נאגעל, באקקצאהן, רציחה, מסירות, פאלשקייט — וואס איהר ווילט אלליין...

דאס איינגענע שווערט האנגט איבער אונזער קאפף אויך! די פויסט איז ביי אונז אויך יושר און עהרליכקייט צוזאממען! דאס גאנצע לעבען, אפילו דאס מענשליכע, איז איין אייביגע מלחמה... יוסעל מיט שמואל'ן, יודען מיט קריסטען, פראנצאזען מיט דייטשען, ווייסע מענשען מיט שווארצע און געלע — אללע מוזען זיך שטאנדיג רייסען ביי די האהר, צופען ביי די נאז, און ווער עס איז שטארקער, דער בייסט פעסטער אינ'ם קניזש...

די פויסט איז אלט ווי די וועלט, ווי דער וואלד מיט זיינע חיות רעות! נור דער סיסטעם האט איין נייען נאמען! די ח"י גדולים קוממען נאך דארווינען: „דער קאמפף אום דאס דאזיין", הייסט עס! דאס איז דער העכט, וואס שווימט ארום אין ספענצערם וואססער, דאס איז די ראפיכע, וואס גראבעלט זיך אזוי אומגעלומפערט ארום אין ליפערטס שווערען שליים... איין אייביגע מלחמה צווישען מענשען, פאלקער און ראססען! און דו מיש דיך נישט, יעדער דארף פאר זיך זארגען!

עס איז שוין אזוי, עס מוז און עס דארף אזוי זיין!

און עס איז א גאנץ איינפאכער סיסטעם:

די גריכען האבען אמאל געטויט קראנקע און פעלערהאפטע קינדער, עס זאלל ארויס א דור מיט סאמע גבורים, און דער ניינצעהנטער יאהרהונדערט ווילל מיט דער פייערדיגער קאנקורענץ אויסברענגען אללע שלימזלדיגע מענשען, עס זאלל ארויס א דור מיט סאמע דורכגעטריבענע שווינדלער...

דאס לעבען איז איין אייביגער קריעג — ווער עס פאלט איז אודאי שכור געוועזען, אדער עס האט זיך איהם אין מיטן דערינגען פערגלוסט צו געניצען... דאס לעבען איז א „מאקאטאווער דראנג" אויסגעשמיערט מיט זייף; ווער עס חאפט זיך ארויף, בעקוממט א צילינדער מיט א זיגעריל...

אמן ואמן — עס זאלל זיין וואהר, משיח זאלל קוממען דאס היינטיגע יאהר. —

. . . .

אברהם פערלאוטער.

און מיט דער צייט וועללען אללע קאננען קריכען!

דער עגאאיזם, דאס אייביגע פערזארגען נור זיך אלליין, דאס אנפיללען נור דען איינענען מאגען — אט דאס זעננען, לויט דער פהילאזאפיע, די געשיכטליכע הייבען, אויף וועלכע עס יאהרט די מענשהייט, און אהן וועלכע זי וואלט געבליעבען ליעגען ווי איין אויסגעטריקקענט טייג אין עקק מולטער — צונד העבט זי זיך און וועט באלד אריבער איבער דעם ראנד! „די איינענליעבע", אט דאס איז, לויט ספענצער און ליפפערט, די שפינגערן, וואס זיצט ביים אייביגען ראדעל פון דער צייט און שפינט אונז די ציוויליזאציע! אפשר שרעקט אייך, וואס דער שטאף איז ברודיג פון אריממען שווייס און רויט פון אונשולדיגען בלוט? וואס מאכט דאס אויס? פון דעם שטאף קוממען דאך ארויס אזוינע שלאפראק, פראק און זיידענע קליידער פאר א צעהנדליגג אויסדערוואהלטע... אייביגע מלחמה, אייביגע קאנקורענץ צווישען מענשען, פאלקער און ראססען; און מענשען, פאלקער און ראססען, וועללען אזוי לאנג אראב פאללען ווי פוילע אפפעליך פון בוים, ביז עס וועללען בלייבען סאמע פאהיגע מאנשעסטער פאבריקאנטען!

איהר פראגט, צי דאס איז מאראליש?

— מאראליש? אנטפערט אייך די פהילאזאפיע, איז דען דא א מאראליטאט? און אונזערע פהילאזאפען זעננען קלאר אין דער סאציאלאגיע ווי ביי זיך אין דער היים און וועלרען אייך פערשיטטען מיט א מילליאן פאקטען, ווי א וואלד מיט שישקעס, און מען וועט אייך בעווייזען, אז יעדעס פאלק האט אין יעדער צייט און אויף יעדען ארט אנדערע דעות, אנדערע מדות, אז וואס ביי איינעם איז רויט, איז בייס צווייטען גרין, וואס איינער האלט פאר א מצוה, האלט דער צווייטער פאר איין עברה... ווי קאנן זיין א מאראליטאט? ווי קאנן זי דיענען א מאטאר אין אונזער מאשין, זיין א לאקאמאטיוו, וואס פיהרט די וואגאנען פון דורות?

(ענדע אין המן־טאש).

נאַטור-קְרֶאפְטֶען.

ז׳) מַאגְנֶעם *).

1 § וואָס איז אַזוינס מאַגנעם?

וואָס שטעקט אין איהם פֿאַר אַ קראַפֿט?

מיר וועללען אָנוואַרפֿען אויפֿ׳ן טיש עטליכע דראָבנע שטיקליך: האָלץ, פּאַפּיער, אַייזערנע נאָגעליך, שטאָהל־פֿעדערן, נאָדלען, גלאָז... אונ צוזעהען זיך צו דעם אַללעם מיט׳ן מאַגנעם, וואָס מיר האָבען געוואָהנליך אין דער געשטאַלט פֿון אַ פּאָדקאָווע.

כל זמן מיר וועללען די זאַכען אָנריהרען נישט מיט די שפּיצען, נור מיט וואָס עס איז פֿאַר אַ טהייל פֿון דער פּאָדקאָווע, וועללען מיר גאָר נישט בעמערקען; די שטיקליך, וואָס מיר האָבען צוואָרפֿען אויפֿ׳ן טיש, בלייבען רוהיג ליעגען יעדעס אויף זיין אָרט.

נישט אַזוי אָבער וועט געשעהן, אויב מיר וועללען זיך צוריהרען צו די קליינ־קייטען מיט אַ שפּיץ פֿון דער פּאָדקאָווע; דעמאָלט וועללען מיר זעהען, אַז רוהיג ליעגען אויפֿ׳ן אָרט וועט נור בלייבען האָלץ אונ פּאַפּיער, בשעת ווען שטאָהל אונ אַייזען וועט זיך בע־העפֿטען אונ אָנהאַלטען ווי צוגעקלעבט צו דעם שפּיץ.

מיר זעהען: 1) אַז דער כח פֿון מאַגנעם ליעגט אין די שפּיצען אונ 2) אַז ער ווירקט נור אויף אַייזען אונ שטאָהל, נישט אויף האָלץ אונ פּאַפּיער.

2 § דער כח פֿון מאַגנעם ווירקט נישט דוקא, ווען ער ריהרט זיך צו צו שטאָהל אָדער אַייזען, נור אפילו פֿון דער ווייטענס. מיר זעהען בחוש, אַז נאָך איידער מיר ריהרען אָן מיט אַ שפּיץ די שטאָהל־פֿעדערען, נאָדלען אָדער דען אַייזערנען שטויב, שפּרינ־גען זיי אַ קעגען אונ ציעפּען זיך אָן אינ׳ם שפּיץ.

נאָך מעהר: דער כח ווירקט אַפילו דורך אַיין אַנדער קאָרפּער, חאָטש אויף איהם אַלליין האָט ער קיין פעולה נישט. דער מאַגנעם, ווי מיר וויסען, ציהט קיין פּאַפּיער נישט צו, אונ פֿון דעסטוועגען וועט ער דורך אַ בויגען פּאַפּיער אָדער אַ דינן האָלצערן ברעטטעל צו ציהען אַ שטאָהל־פֿעדער אָדער אַ נאָדעל (פֿיגורא 1).



פיגורא 1

צושפּרייט אַ ביסל אַייזען־שטויב, בע־דעקט דאָס מיט אַ פּאַפּיער אונ האַלט דערי־בער דען מאַגנעם מיט די שפּיצען אַראָב צום פּאַפּיער צו, וועט איהר דערנאָך, אַז איהר וועט לאַנגזאַם אויפֿהעבען דאָס פּאַפּיער, דערזעהען, ווי דער שטויב האָט זיך צוזאַמ־מענגעזאַמעלט אין צוויי קופּקעליך געגען די שפּיצען פֿון מאַגנעם.

3 § אַז מיר וועללען צוציהען צום שפּיץ פֿון דער פּאָדקאָווע אַיין אַייזערן נאָגעלע, וועט עס, כל זמן עס וועט האָנגען אָן שפּיץ,

*) מאַגנעט, מאַגנית, אַם ריכטיגסטען וואָלט געוועזען מאַגנעז.

האבען דען אייגענען כח וואס דער מאגנעט און וועט צו ציהען א צווייט און דאס צווייטע א דריטע נאגעלע (פיגורא 2); נור קוים וועללען מיר אבברייכען דאס ערשטע נאגעלע פון מאגנעט וועללען זיך אללע נאגעליך יופאללען. מיר זעהען אז:



פיגורא 2

אייזען, וואס ריהרט זיך אן אין מאגנעט, ווערט מאגנעטיזירט נור, קוים רייסט זיך עס אב פונ'ם מאגנעט, פערליערט עס די קראפט.

§ 4 דאגעגען ווערט שטאהל מאגנעטיזירט אויף תמיד. א שטאהלערנע פעדער אדער א נאדעל, וואס האט זיך אנגעריהרט אן א שטארקען מאגנעט, ווערט אלליין א מאגנעט, און פערליערט שוין קיינמאל נישט די קראפט.



פיגורא 3

אויב דער מאגנעט איז שוואכער, מוז מען מיט'ן שפיץ דורכפיהרען אויף און אב, צהין און צוריק, איבער נאדעל. נאך עטליכע מאל דורכפיהרען דעם מאגנעט, ווערט די נאדעל מאגנעטיזירט. אז מען וויל מאגנעטיזירען א שטאהל-פעדער, דארף מען אנהעבען ביי דער ברייטער זייט און צו קוממען צו דעם שפיץ; פון שפיץ גייהען צוריק, צו דער ברייטער זייט פון דער נאדעל, און אזוי דורכפיהרען עטליכע מאל.

§ 5 אויפ'ן ארט פון א נאדעל, וועלען מיר בעססער אנמאגנעטיזירען א שפיזעל פון א זאקק, און מיר וועללען עס איינטונקען אין אייזען-שטויב.

אז מיר וועללען צוריק ארויס נעמען דאס שפיזעל, וועללען מיר זעהען אז דער שטויב האט זיך פערזאממעלט און צוגעציעפעט צו ביידע עקקען פון שפיזעל (פיגורא 3), אזוי אז דאס שפיזעל זעהט אוים ווי א מאפפעלט בעזעמעל. דערזעהען מיר, אז עס איז קיין אונטערשייד נישט, וואס פאר א פארם דער מאגנעט האט, צו ער איז אויסגעבויגען ווי א פאדקעווע אדער ווי א שפיזעל, אז סיי ווי סיי ווירקען נור די עקקען, בשעת וואס די ליניע צווישען זיי בעהאלט זיך רוהיג, און עס ארט זי נישט דאס בעגעגענען זיך מיט שטאהל און אייזען.

ביידע עקקע ווערען גערופען: די פאלען [1]) פון מאגנעט, אדער: מאגנעט-פאלען; דער גאנצער שטח אין דער מיטן, פון איין עק צום צווייטען, הייסט: די אינדיפערענץ [2]) ליניע.

§ 6 עס איז א פראגע: צו איז אינ'ם גאנצען שטח פון דער אינדיפערענץ-

1) פאל — פאליוס — עקן.

2) אינדיפערענץ הייסט „קיין אונטערשייד”. רוהיג זיך אויפפיהרען נעגען עפיס, נישט אינטערעסירען אין מיט עפיס.

ליניע קיין „מאגנעס" נישט דא, אדער דער כח, וואס שטעקט אין דער גאנצער ליניע, קאן דורך עפיס א פערהינדערניס נישט ווירקען.

למשל: א שטיין ליעגט אויף דער ערד — שטעקט אין איהם גאר קיין קראפט נישט; אז מיר ווארפען איהן ארויף אין דער הויך, פאלט ער מיט'ן אייגענעם כח, וואס מיר האבען בענוצט ארויף צו ווארפען דעם שטיין, צוריק אראב אויף דער ערד. אז מיר לעגען אבער דען שטיין אויף עפיס ארויף, אויף א טיש, למשל, האט ער, דער שטיין, אין זיך דען כח אראב צו פאללען, נור דער טיש לאזט איהן נישט, אונ דער כח בלייבט פערהאלטען, דורך דען כח פון טיש, וואס איז שטארקער פאר איהם. דעריבער מוז דער טיש זיין גענוג שטארק, ער זאלל קאננען גובר זיין דען כח, מיט וועלכען דער שטיין דארף אראב פאללען. לעגט א שווערען שטיין אויף א שוואכע זאך, וועט ער זי דורכ-ברעכען. — אז מיר וועללען אבער אבריקקען דען שטיין פון טיש, ווערט דער כח צום אראב-פאללען בעפרייט, אונ דער שטיין פאלט אראב. — דעריבער פראגען מיר ביים מאגנעס: צו איז אין דער אינדיפערענץ-ליניע גאר קיין קראפט נישט דא, אדער זי איז דורך עפיס א סבה פער-האלטען, ווי אין שטיין, וואס האט די קראפט צו פאללען, נור דער טיש לאזט איהן נישט.

מיר קאננען לייכט געפיננען די אנט-ווארט

מיר וועללען איבערברעכען דאס שפיע-על אויף צוויי, אונ פון דעם אייגענעם מאגנעס מיט צוויי פאלען, וועללען מיר שוין האבען צוויי מאגנעסען מיט 4 פאלען, מיט 4 שפיצען, וואס יעדער פון זיי וועט צו ציהען אייזען אונ שטאהל. פון די צוויי האלפטען קאננען מיר מאכען פיער פיערטעל, אכט זעכצענטעל, אונ אזוי ווייטער אהן א שיער, אונ ווי קליין עס וועט נישט זיין דער אבגעבראכענע טהייל, וועט ער אלץ האבען צוויי פאלען, וואס וועללען צוציהען אייזען אונ שטאהל, אונ איין אינדיפערענץ-ליניע אין דער מיטט.

נור קוים וועללען מיר פון די אללע שטיקליך אויסלעגען צוריק איין ליניע, אזוי אז איין פאל זאלל אנריהרען דען צווייטען

אונ פריי וועללען נור בלייבען די עקסטע פאלען, וועללען אללע מיטטעלסטע פאלען, כל זמן זיי וועללען זיך אנריהרען איינס אינ'ם צווייטען, פערליערען די קראפט פון מאגנעס; צוציהען שטאהל אונ אייזען וועללען נור די אויסערע פאללען, די פרייע, וואס ריהרען זיך אין זייערע חברים נישט אן, אונ פון איין עקסטען פאל ביז דעם צווייטען וועט ווערען איין אינדיפערענץ-ליניע.

דערפון זעהען מיר, אז דער מאגנעס שטעקט אינ'ם גאנצען שפיעזעל, נור כל זמן איין מאגנעס ריהרט אן דען צווייטען, ווערט די קראפט אין די מיטטעלסטע פאלען פער-האלטען.

מיר קאננען זיך דעריבער פארשטעללען יעדען מאגנעס אלז א שורה פון די קלענסטע מאגנעסליך אונ ווייל אין דער גאנצער לאנג, אויסער ביי פרייע עקקען, ריהרט זיך אן איין פאל אין צווייטען, דאס הייסט יעדער נארד-פאל אין א זיד-פאל, אונ ווייל דער כח אין די פאלען איז גלייך אונ איין פאל קאנן נישט גובר זיין דען צווייטען, דעריבער ווערען ביידע בטל אדער פערהאלטען, כל זמן מען בעפרייט נישט איין פאל פון צווייטען. מיר האבען למשל 2 מאגנעטען א——ב אונ ג——ד (א' ג' איז זיד- אונ ב' ד' — נארד-פאל). אז מיר וועללען צורוקקען איינס צום צווייטען, וועט אויס-קומען, אז ב וועט זיך אנריהרען אין ג אונ דער כח פון ביידע עט ווערען פערהאלטען אדער — בטל אויף א צייט

§ 7 מיר וועללען אנמאגנעטיזיע-רען א נאדעל אונ אויפהאנגען זי אין דער מיטט אויף א פאדעם, ווי עס איז אויפגעהאנגען דער מאגנעס ח ב אין דער פיגורא 4. נאך עטלי-



פיגורא 4

כע וואָרף, וואס די נאדעל וועט מאכען אין דער לופט, וועט זי זיך בערוהיגען אונ

בלייבען האנגען מיט איין שפיץ קיין נארד (צפון זייט) אונ מיט'ן צווייטען קיין זיד (דרום זייט). מיר וועללען מאכען מיט א שטיקעל קרייד א סימן אויף דעם עק, וואס האלט זיך אין נארד אונ צוריק צודרערן די נאדעל. א געוויססע צייט וועט זי זיך ארום־דרעהען, ביז זי וועט זיך בערוהיגען, צוריק קוממען צו דער ערשטער לאגע אונ דער עקק, וואס מיר האבען בעשטראכען מיט קרייד, וועט ווייטער שטעהען געגען נארד. דאס אייגענע וועט זיין, אז איהר וועט ארויפלעגען די מאגנעטיזירטע נאדעל אויף א קארק אונ ארויף לאזען אויף וואססער אין א שיססעל; דער קארק וועט ארום שווימען אין אללע זייטען, בפרט אז איהר וועט רודערן מיט דער שיססעל, נור דער מאגנעס וועט זיך שטאנדיג אויסדרעהען אונ האלטען אין זיין ליניע, מיט איין עק קיין צפון אונ מיט'ן צווייטען קיין דרום, אונ שטאנדיג מיט די אייגענע עקקען.

דערפון זעהען מיר:

1) אז דער מאגנעס האלט זיך שטאנדיג אין דער לאנג צווישען צפון אונ דרום אונ 2) אז איין זייט ציהט שטאנדיג קיין צפון אונ די צווייטע — שטאנדיג קיין דרום, אונ זיי קאננען זיך קיינמאל נישט פערטוישען.

דעריבער רופען מיר דען שפיץ, וואס ציהט קיין צפון — נארד־פאל אונ דען, וואס ציהט קיין דרום — זיד־פאל.

מיר קאננען דאס זעלבע מאכען אויף איין אנדערן אופן: מיט א נאגעלע אונ א האמעריל וועללען מיר מאכען א קליין טיפען ארט אין דער מיטט פון דער אינגערווענדיגער זייט פון א שטאהל פעדער, אין א קארק וועללען מיר אריינזעצען א נאדעל מיט'ן אויער אראב אונ אויפ'ן שפיץ אויפהאנגען די שטאהל־פעדער ביים טיפערען ארט. די שטאהל־פעדער וועט זיך אויך האלטען שטאנדיג מיט דעם אייגענעם פאל קיין צפון אונ מיט'ן אנדערן שטאנדיג קיין דרום, מיר זאללען זיי טויזענדער מאל איבערטוישען (פיגורא 5).



פיגורא 5

§ 8 מיר געהען צוריק צו דער נאדעל, וואס מיר האבען פריהער אויפגעהאנגען. מיר וועללען אנמאגנעטיזירען נאך איין נאדעל (פיגורא 6) אונ האלטען זי אין דער



פיגורא 6

האנד. מיר ווילען זעהען צו איין מאגנעס ציהט צו דען צווייטען. אונ — א וואונדער־ליבע זאך: אז מיר לעגען צו דען נארד־פאל פון מאגנעס, וואס מיר האלטען אין דער האנד, צום נארד־פאל פון מאגנעס, יואס האנגט אין דער לופט, וועט דער לעצטער אבשפרינגען! דאס אייגענע וועט זיין, אז

מיר זועללען צוריהרען איין זיר־פאל צום צווייטען; וויפיעל מיר וועללען עס נישט פריפען, וועללען מיר אלץ זעהען דאס זעלבע: צוויי גלייכע פאלען שטויסען זיך אב.

צונד וועללען מיר פריפען פערקעהרט: מיר וועללען צולעגען זיך צו נארד און נארד צו זיד — זיי וועללען זיך איינם דאס אנדערע צוציהען; זיי לויפען זיך אקעגען. —

וואס פאר א נוצען מיר האבען פון מאגנעם, קאננען מיר וויססען ערשט דע־מעלט, ווען מיר ווערען בעקאנט מיט עלעקטריציטאט און עלעקטרישע מאשינען, פון וועלכע מיר וועללען רעדען איין אנ־דערט מאל.

דערוויל איז אויך לייכט צו בעמערקען, אז אויף דער אייגענשאפט פון מאגנעם איז געבויט דער קאמפאס (פיגורא 7), דורך וועל־כען עס איז לייכט צו געפיננען נישט נור דען מזרח, וואו צו שטעהן שמנה־עשרה, נור אויך דען וועג אין סטעפ, אין א שיף אויפ'ן ים און אין בערגווערק אונטער דער ערד.

עס בלייבט אונז נאך צו ערצאהלען, אז דען ערשטען, נאטירליכען מאגנעם האט מען שוין לאנג געפוננען אין דער ערד נעבען דער גריכישער שטאדט מאג־נעזיא (פון וואננען עס נעמט זיך דער נאמען מאגנעם) און, אז די קינסטליכע מאגנעזען, וואס מיר מאכען זיך אליין דורך אנרייבען און בפרט דורך עלעקטריציטאט, פון וועלכען מיר וועללען רעדען איין אנדערט מאל, זענען פיעל שטארקער פאר די נא־טירליכע.

ד״ר שטיצער.



פיגורא 7

אינהאלט: די צייט — געדיכט — [י. ל. פרץ]. — באבע לאה — עטיוד — [דוד פינסקי]. — משיח — פאנטאזיע — [אברהם פערלמוטטער]. — נאטור־קראפטען: א) מאגנעם — [דר. שטיצער]. —
פעליעטאן: די נייע בעוועגונג — [דער ליץ פון רעדאקציע]. —

אויסגעפירט!

משה לייב דער „מאַקאַציאָר" איז געבאָרען געוואָרען צו זיין אַיין אַרטיסט, ווי עס זאָגט די גאַנצע שטאָדט — די זעלבע שטאָדט, אין וועלכער ער האָט דאָס ערשטע מאָהל דען מויל געעפענט און וועלכע האָט איהם אַ נאָמען געגעבען „מאַקאַציאָר", פערדרעהענדיג דאָס וואָרט „אַקטיאָר". ער האָט אין זיך אַזאַלכע שטיק, זאָגט מען, אַז מען קאָנן בלייבען אָהן אַ בויך לאַבענדיג. וואו משה לייב איז, דאָרטען איז פראָהליך. שטעלט ער זיך אָרגיטץ צו, וועט שוין אַרום איהם ווערען אַ ראָדעל. דערהויפט געראָטה איהם נאָכמאַכען איין אַלטע פרוי. דאַרף ער נור פערלעגען די אונטערסטע ליפּ אויף דער אויבערסטער, אַרויפלעגען די רעכטע האַנד אויפ'ן באַק און אַרויסלאָזען אַ זויערן טאָן, צולעגט זיך שוין דער עולם פאַר געלעכטער.

נור ער איז געוואָרען אַ שלאָססער, געאַרבייט שטאָנדיג אויף פרעמדע ווערקשטאַטטען און איז געוועזען איין אָרמאַן, ווי גאָטט האָט געבאָטען.

ער איז גאָר נישט געוועזען אַזאַ פראָהליכער. זיין געזיכט איז געוועזען שטאָנדיג ווי מיט אַ וואָלקען בעצויגען; אין זיינע אויגען זענען, דאַכט זיך, שטאָנדיג טרעהרען געשטאַנגען. איהם איז דרייסיג יאָהר — און אין קאָפּף און אין באָרד האָט ער מעהר ווייסע האָר אַלס שוואַרצע. קוקענדיג אויף איהם, ווען ער געהט פערטראַכט פאַרביי, ווילט זיך גאָר וויינען. נור ער האָט געהאַט אין זיך, ווי די שטאָדט האָט געזאָגט, פראָהליכע שטיק: מיט איין וואָרט, ער איז געוועזען איין אַקטיאָר, ריכטיגער געזאָגט — אַ קלאָאון.

דערפאַר איז קיין וואונדער נישט, וואָס זיין בעל הבית, אַבלאָזענדיג די אַרבייטער פורים ביי טאָג, האָט געבעטען איהן צו זיך צו דער סעודה משמח זיין אַ ביסל.

משה לייב איז, ווי עס ווייזט אויס, נישט זעהר צופריעדען געוועזען מיט דער איינלאַדונג און האָט געאָנטפערט מיט אַ האַלבען מויל. דער בעל הבית האָט אויף איהן אַ וואָרף געטהאָן אַ בליק פון אונטער'ן שטערן.

— זאָללסט קוממען, האָרסט דו! האָט ער איבערגעחזרט און געקוקט אויף „זיין מענש", וואָס פאַר אַ מינע יענער וועט מאַכען.

— גוט, האָט אַרויסגערעדט משה לייב שוואַך, נעהמענדיג זיך פאַר דאָס האַנדעל פון טהיר.

— מען זאָלל נאָך דיר נישט דאַרפען

פעליעטאָן.

נייע בעוועגונג.

(ענדע פון שבת־אויבס)

ביי אונז מאָסט מען אויף עללען און קוואָרטען און מען וואָגט אויף לויטען; אין רוססלאַנד ווערט געריכטען אויף אַרשינען און ציעטווערטים און געוואָגען אויף זאָלאָטניקים, אין איראָפּאַ איז אָנגענוממען געוואָרען דער פראַנצאָזישער מעטטער מיט'ן קילאָ... ווילדע מאָסטען אויף דער האַנד און טהייל ווייסען גאָר נישט צו וואָגען... און פון דעסטוועגען וועט קיינעם נישט איינפאַללען צו קלערען: טאָמער איז גאָר קיין מאָס און קיין וואָג נישט פערהאַנדען? מיר האָבען ציפפערן ביז 9 מיט איין נאָל; אַמאָל האָט מען געצאָהלט ביז צוואַנציג, די ראָמער האָבען געהאַט עקסטראַ ציפפערן פאַר 20, 30 א. ז. וו.; טהייל ווילדע קאָנגען מעהר נישט צאָהלען ווי ביז 5, זעקס הייסט שוין אַ סך אָדער מען זאָגט: 5 און 1... און פון דעסטוועגען איז קיינער נישט מסופק אַז צוויי און צוויי איז דאָך נור 4, נישט 3 און נישט 7... מיר נוטצען געלד פון קופער, זילבער און גאָלד; אין טהייל לאָנדער בענוצט מען אויך ניקעל, די גריכען האָבען געהאַט מטבעות פון אייזען, ווילדע שטאַממען האַנדלען און טוישען אויף גרינגע שטיקלעך גלאָז, מושעלן, ביסלעך רייז, און פון דעסטוועגען זענען מיר זיך אַללע מקריב פאַר געלד, און ווייסען, אַז געלד עקזיסטירט...

נור, אַז עס זענען פערהאַנדען פערשידענע מנהגים און דעות ביי פעלקער, ווערט שוין דער עולם

שיקקען! האָט איהם נאָכגעשריען דער פֿאַבריקאַנט.

משה לויב איז אַרויס, און דער פֿאַב־ריקאַנט האָט אַ מאַך געטהאָן מיט'ן קאָפּ אין זיין זייט, ווי ער וואָלט געזאָגט: „וואָס זאָגט מען צו היינטיגע מענשען, ווי זיי מאַכען דאָס אַ ביסל קוראַזש!...“

אויפ'ן גאַסס זענען צו געגאַנגען צו משה לויב'ען דריי אַרבייטער פֿון זיין פֿאַבריק: זלמן לאַמינע, מענדעל קאָסאָי און חיים דער גרינער.

— האָר איהן נישט, האָבען זיי אָנ־געהויבען, איבערשלאָגענדיג איינער דען אַנדערן, — זיי בעססער אין דער היים. מיר וועלען קוממען צו דיר, מיר וועלען פֿערברייננגען. מאַלע ער ווילל! האָר איהן נישט!

— און וואָס אַרט מיך, אַז איך וועל געהן? האָט געאָנטפֿערט משה לויב.

— וואָס אַרט דיך? פּרא־אדם! האָט אויסגעשריען זלמן לאַמינע, — וואָס, ביי דיר איז קיין געזינד נישטאָ?! ביי דיר ווערט מען צו דער סעודה נישט זיבצען?

משה לויב האָט געשוויגען. ער האָט דאָס אַלליין די גאַנצע צייט געקלערט, דערפֿאַר האָט ער דאָך דעם בעל־הבית געאָנטפֿערט מיט אַ האַלבען מויל.

— זיי נישט קיין פֿערד און זיטץ אין דער היים, האָט איבערגעשלאָגען זלמנ'ען מענדעל קאָסאָי, — מיר וועללען קוממען צו דיר און פֿערברייננגען אַ ביסל די נאַכט. איהם ווערט זיין פּראָהליך אָהן דיר, נישט קשה!

— גלאַט, ער ווילל זיך פּראָהליך מאַכען, דאַרף דיין געזינד האָבען אַ פֿער־שטאָרטען פּורים? האָט אונטערגעכאַפּט חיים דער גרינער.

— מיר וועלען זעהען, האָט געאָנט־פֿערט משה לויב מיט אַיין אומעדיגער מינע.

— ניין, האָבען אויסגעשריען די אַרביי־טער, — מיר האָבען נישט וואָס צוזעהען! דו זאָללסט טאַקי זיין אין דער היים!

— זאָללען מיר קוממען צו דיר ביי דער נאַכט? האָט זלמן געפֿראָגט און אַריינגע־קוקט איהם אין די אויגען.

— קומט... מיילא... מיר וועלען זעהען... האָט משה לויב געשטאַממעלט.

— ווי איך בין אַ יוד, אַז דו ביזט אַ גרויסער נאַרר, אַ פֿערד און אַ שוטה דערצו! האָט אויסגעשריען זלמן און איז אָבגעשפּרונגען פֿון משה לויב'ן, פֿערטאַנדער־שפּריטענדיג די האָנד.

— פֿע, טאַקי אַ מאָדנער נאַרר! האָט געזאָגט מענדעל.

— אַ פֿערד, אַ בהמה! האָט צוגעגע־בען חיים.

מסופק צו עס איז פֿערהאַנדען אַ מאָראַליטאָט, קאָנן שוין זיין, אַז „איוב לא היה ולא נברא“, אַז ניט — שטעקט די מאָראַליטאָט טאַקי אין דער פֿרייער קאָנקורענץ — אין דער זיעב, וואָס לאָזט אַרויס די קליינע און דראָבנע און בעהאַלט די גראָבע, גרויסע און פֿעטטע... אין דער זיעב, וואָס ווערט אונז מיט דער צייט אויסשאָקלען הונדערט מיליאָן אַרבייטער און עטליכע מאַנשעסטער — פֿאַבריקאַנטען...

וואָס האָט די מאָראַליטאָט פֿאַר'ן אָרמען אומ־גליקליכען, וואָס פֿאַלט אונטער דער לאַסט? נישט מעהר ווי אַ היתר: קריך אויף! חאַפּ אויף! גלייך מיט'ן בעל־הגדה, ווינטש זי נור: „נעם די מצה!“ דער קניזש ליעגט אין מיט'ן גאַסס, חאַפּ דיך צו!

און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז נור אַ גוטע פֿילאָזאָפֿיע נור פֿאַר רייכע לייט און שטאַרקע פֿאָלקער, אַז די פֿילאָזאָפֿיע קאָנן נור ליעגען אין איין אָנגעשוואָלענעם ברוסט־טאַש און זיין אונטער געשפּאַרט מיט אַ וואַלד פֿון באַגנעטען, אַז אָרימע לייט און שוואַכע פֿאָלקער, וואָס קאָננען לייכט אונטערגעהן אין דער אייביגער מלחמה, וועללען זיך האַלטען אָן די אַלטע מענשליכע אידעאַלען, דעם אַלטען יושר, אָן דער אַלטער מאָראַליטעט.

עס האָט זיך אָבער אויסגעוויזען, אַז עס איז אַ טעות... ווי געזאָגט, קוממען שוין היינט ספּענצער און ליפּפּערט אין ביהמ"ד אַריין, מען שטודירט זיי אין אַללע ישיבות... דער געוועזענער פּרוש, וואָס האָט געלעבט פֿון תעניתים, ווינסט שוין היינט,

— וואָס דו האָסט קיין הייס נישט? האָט אָנגעהויבען ווייטער זלמן.

— ווי לאָזט מען דאָס גלאַט אַ געזינד אַלליין? האָט צוגעגעבען מענדעל.

— איך זאָלל אפילו וויסען, אַז ער וועט מיך מאָרגען אָבזאָגען, וואָלט איך נישט געגאַנגען. ביי מיר איז אויך יום־טוב! האָט גערעדט חיים.

— ווי דען? אַזוי דאַרף זיין! האָט פֿערשטאַרקט זלמן.

— אַוודאי! האָט זיך מענדעל געחתמ'עט.

און... מען איז זיך צוגאַנגען מיט דעם, אַז משה לויב „וועט זעהען"...

— דער בעל־הבית האָט געבעטען, איך זאָלל קוממען צו איהם צו דער סעודה, האָט ער געזאָגט חנה'ן זיין ווייב, קיממענ־דיג אַ היים. ער האָט גערעדט מיט אַ מינע, גלייך איהם וואָלט שווער געוועזען מודה זיין זיך אין עפּיס אַ זינד.

— נו, און דו וואָס קלערסט? האָט דאָס ווייב איהן געפֿראָגט און אַ וואָרף געטהאָן אַ שטעכעדיגען בליק אויף איהן.

— ווייס איך?

— ווי הייסט „ווייס איך"? וואָס טייטש „ווייס איך"? האָט שוין דאָס ווייב ערהאָבערט דען קול.

— מע'דאַרף געהן, רעכן איך, האָט ער שוואַך אַרויסגערעדט.

— ווי הייסט „מע'דאַרף געהן"? און איך מיט די קינדער זאָללען זיטצען און חשך'ן? האָט זי גערעדט מיט אַיין איינגע־האַלטענעם טאָן און אָנגעהויבען בלייך ווערען.

ער האָט געשוויגען און געקלאַפּט מיט'ן פֿינגער אויפֿ'ן טיש.

— ווי לעגט זיך דיר דאָס גאָר אויפֿ'ן זיננען? האָט שוין דאָס ווייב אָנגעהויבען הויך, — ווי איז גאָר דאָס רעכט ביי דיר? וואָס ביזט דו ביי איהם, אַ פֿערקויפֿטער, וואָס?

— ער נויט דאָך מיך נישט פֿון קהל! ער האָט מיך געבעטען, האָט משה לויב פֿערעדט דען בעל־הבית.

— ווי בעט ער דאָס גאָר? האָט זיך צושריען דאָס ווייב, — פֿאַר וואָס זאָלל ער גאָר בעטען? וואָס איז, ער ווייס נישט, אַז דו האָסט אַלליין אַ געזינדל? נור דיך אַרט דאָך זעהר שטאַרק דאָס געזינד! איז זי אַריבער אויפֿ'ן מאַנן און געקריממט זיך, — פֿון דיינעט וועגען מאָגען מיר אַללע אויף דער וועלט נישט זיין! דו ביסט דען אויך אַ מענש?

אין איהר קול האָבען זיך שוין טרעהרען געפֿיהלט.

אַז דאָס בעסטע אבר פֿון אַ מענש איז דער מאָגען, אַז אַללע אַנדערע אברים זענען משרתים, אַז נור ער, דער מאָגען, מאַכט די געשיכטע, אַז נור איינגעגליעבטע שפּינט די קולטור!

אויף ספּענצערס קניע וועט אויפֿגעצויגען ווערען אַ נייער דור פֿון מאַכטע חאַפּערס...

ווי אַזוי דאַרף מען ערציהען קינדער?

קינדער — זאָגט ספּענצער — דאַרף מען ער־ציהען אויף אַזאַ'ן אופן, אַז זיי זאָללען קאָננען גליקליך זיין... זיי זאָללען קאָננען אויסנוטצען דאָס גאַנצע נחת, וואָס די נאַטור וועט זיי געבען, זיי זאָללען זיין ווי אַ שוואָם, איינצוזאַפּען דאָס גאַנצע פֿערגניגען, וואָס זיי וועללען געפֿיננען אויף זייער וועג...

וואָרום — אַז יעדערער וועט האָבען זיך אין זינן, וועט אַללעמען גוט זיין, כּן הסתם!

ספּענצער און ליפּפּערט ווערען אונזערע נייע גאָטטער!

נור דאָס איז אויך נישט קיין נייעס! די יונגע עגיפּציאַנערן, וואָס מען האָט יאָהר־יאָהרליך אַריין געוואָרפֿען אין נילוס אַלס קרבן פֿאַר'ן הייליגען טייך, האָט אַלליין אויך געגלויבט אין זיין הייליגקייט...

די אַמעריקאַנישע קנעכט האָבען זיך געשלאָגען אין איין שורה מיט זייערע בעלי־בתים געגען די, וואָס האָבען זיי געוואָלט בעפֿרייען; אונזערע אַלטע פּויערן זאָגען נאָך, אַז עס איז בעססער צו אַרביי־טען „פּאַנשציזנע" איידער צו צאָהלען פּאַדאַטעק — און מיר, מיר אָרם, צו וואָרפֿען, שוואַכסטע פֿאָלק אויף דער וועלט, העבען אויך אָן צו גלויבען, אַז

— שא, איך געה דאך נאך נישט! האט משה לויב באז אויסגעשריען.

— ניין, פאר וואס זאלסט דו דאס גאר איבעררעדען, האט זי געשריען מיט טרעהרען אויף די אויגען. דער בעל-הבית בעט דיך, דאנק איהם אב און זאג איהם, אז דו קאנסט נישט קוממען, דו האסט אלליין צו געזינד. און גענוג — אוים מארק! וואס איז נאך דא דער ישוב הדעת?

משה לויב האט אראבגעלאזען דען קאפף.

— דו האסט נאך מסתמא צוגעזאגט קוממען? האט חנה געפארשט, איינדרינגענ-דיג אין איהם איהר באזען בליק.

משה לויב האט זיך געשטעלט ביי'ם פענסטער, געשריבען מיט'ן פינגער אויפ'ן שויב און געשוויגען.

— הא? צוגעזאגט, צוגעזאגט? האט חנה גיכטיג געשיפעט. וועלען מיר זעהען, צו וועסט דו געהן, צו נישט! וועלען מיר זעהען! סיידען, דו ווילסט אנמאכען לייטיש געלעכטער, סיידען!

זי האט זיך שוין געווארפען, געשיקט פייערדיגע בליקען דעם מאנן און געקלאפט אין טיש מיט דער קווארט, וואס זי האט געהאלטען.

— ווי איז דאס א מענש מיט א דעת, האט זי אנגעהויבען ארבייטען מיט די האנד.

— וויפיעל בראנפען זאלל איך קויפען?

האט ער זי איבערגעריסען מיט א ברוג-דיגער מינע.

זי האט זיך אבגעהאקט, געהאלטען א ווילע די האנד אין דער לופטען און, אראבלאזענדיג זיי, געזאגט מיט פעראכטונג:

— קויף, וויפיעל דו ווילסט! וואס פרעגסט דו ביי מיר? נייע נייסען! איך זאג טאקי, ווי איז דאס א מענש מיט א דעת, האט זי ווייטער אנגעהויבען איהרס, נור שוואכער.

משה לויב איז ארויס פון שטוב.

— אוי, אוי, אוי, אוי! האט זי איהם נאכגעשיקט, — אללע מענשען, וואס ווינ-שען מיר באז, זאללען זיין אזאלכע מענשען ווי ער איז!

פון דערכטוועגען איז זי פראהליכער געווארען און האט א גאנצען טאג געבאקט און געקאכט „מיט לייטען צו גלייך". ער האט אויך געבראכט פון גאסס „כל-טוב": בראנפען, העריגג, דריי אראנזשען *), א צעהנדליג אפפעל און... האט גערעכענט נאך עפיס צו קויפען.

— ען, האט זי גערעדט בעפריעדיגט, איינשטעללענדיג דאס אלץ אין אלמער'ל, — גלאט וועללען אוועקגעהן צום בעל-הבית!

*) אפעלסינעס, פאמעראנצען.

דער אידעאל פון מענשען איז דער אייביגער קריעג צווישען מענשען און פעלקער, ראססען און קלאססען...

דער דארווין — ספענצער — ליפערטישער סיסטעם, אדער בכלל דער פאפיערענער ליבע-ראליזם, איז דורך גאנץ אייראפא ווי א זאראזע — פרייהייט הייסט דאס רעכט צו מאכען זיך מיט די עללענבויגען אין ארט ביי'ם טיש; וואהלען — הייסט קויפען שטיממען פאר געלד און בראנפען, פאר-לאמענטען זענגען בערזען, וואו פארטייען שווינדלען מיט פאליטישע פאפירען, וואו די דעפוטירטע פערקויפען איינער דעם צווייטען די געקויפטע שטיממען מיט איין אונגעהייערן ראבאט... די „פרייע פרעססע", דער שטאלין פון ניינצעהנטען יאהר-הונדערט, איז א רינשטאק פון בלאגע און שאנטאזש...

נור אייראפא, אויב זי האט נאך נישט אב-געפאקט, איז זי אריבער די געפאהר, האלט זי שוין נאכ'ן קריזיס... די געלעהרטע וועלט פער-צייכענט אללע מאל נייע פאקטען, נייע עדות גע-גען דארווינס סיסטעם; ביי'ם „כל דאלים גבר", אדער פרייע-קאנקורענץ האלטען זיך נאך, נור די אלטע געלעהרטע, מיט שוין פערטריקענטע מוחות, וואס זענגען שוין נישט פאהיג אנצונעמען אין אנדער צורה... אויך אלטע און נייע פראפעססארען — טעללער-לעקקער, וואס לעבען פון עטליכע ביססען, וואס מען ווארפט זיי פון רייכען טיש. זיי מוזען שטאנדיג שטעהן ביי דער באליע און וואשען די רייכע ברודיגע וועש, אדער משונה ארום טאנצען אויף די בארשטען

מיך ארט נישט, אז מען וועט ביי אונז אויך פערברייגגען. שלח־מנות האט מען, דאנק גאט, פערשפילעלט, האט זי ארויסגערעדט מיט א קרעכץ, — בארכ־א־שעם, אויף דאס האפט נישט דאס ביטטערע פרנסה, זאלל נאך דאס שטיקעל סעודה אויך נישט זיין!... דעם פעמפיק ווילט זיך! נישט קשה, ער וועט זיך אנזויפען אהן דיר...

די אייגענע ווארטער האט זי איבערגעחזר'ט, זעטצענדיג זיך צו דער סעודה. זי איז געוועזען צופריעדען, וואס ער האט זי געפאלגט, נור זי האט איהם נישט געקאנט מוחל זיין, וואס ביי איהם איז רעכט געוועזען אוועקגעהן צום בעל־הבית. משה לויב האט דאס אויסגעהארט שווייגענדיגערהייט. ער האט נור געט אכט, וואס וועט איהם מארגען זאגען דער בעל־הבית.

— מיילא, אבשמייסען וועט ער דאך מיך נישט, טראכט ער.

אין שטוב איז געוועזען ריין און ליכטיג. חנה האט זיך איבערגעטהאן יום־טוב־דיג און איהר פנים איז יונגער געווארען. זי האט אויך די פיער קינדערלעך אויסגעוואשען און צוגעקליעבען, ווי זי האט נור געקאנט, פערנאהענדיג פאר נאכט די לאבער און ריססען אין זייערע בגדים־לעך. זי האט זיך געבריה'ט, געוואלט בעצאהלען דעם מאנן פאר איהר נצחון.

נור זיי האבען נאך קיין צייט נישט געהאט אראפשלינגען די ערשטע המוציא, איז געקוממען דעם בעל־הבית קלייגערער זוהן, א יונגעל פון א יאהר פיערצעהן.

— זעה, ער האט זיך גאר אוועקגעזעצט עססען! האט ער אויסגעשריען, — דער טאטע האט געהייסען שוין קוממען!

ער איז צוגעגאנגען און האט אנגענוממען משה לויב'ען פאר'ן ארבעל. משה לויב האט געשמייכעלט און געקוקט אויף דאס ווייב. חנה האט געווארפען ברגז'דיגע בליקען אויפ'ן יונגעל.

— קומם, נו קומם! האט יענער געשלעפט משה לויב'ען.

— וואס „קומם, נו קומם"! האט חנה באז אויסגעשריען, — איהר־ט־צעך בעגעהן אהן איהם אויך! אהן איהם איז ביי אייך די שמחה קיין שמחה נישט?

— נו קומם, נו קומם! האט זיך גערעדט זיינס דאס יונגעל און געצויגען משה לויב'ען, — דער טאטע האט אהן דיר נישט געהייסען קוממען.

— איך וועל אבעכסען די סעודה, וועל איך קוממען, האט משה לויב געזאגט מיט א שמייכעל, קוקענדיג אויף דאס ווייב.

— א האר אויך נישט! האט יענע אויסגעשריען, — ביי אונז איז אויך פורים! ער דארף קיין ארטער נישט זוכען, וואו

אונ אויספוצען די גבירישע דיעלען, מען זאלל נישט דערקענגען די פלעקקען פון שווייס און בלוט...

נור די יונגע, געבילדעטע וועלט פרייט זיך מיט די נייע געזעלשאפטען פון ריינער מאראליטאט, פון דער מאראליזמט, וואס לייקענט אין „כל דאלים גבר" און וויל דער יושר זאל זיין אונאבהאנגיג פון רעליגיאן, לאנדער, פאלקער, קלאססען און ראססען; עס איז א נייע בעוועגונג, וואס וועט אונז אבשניידען די רעשט נאגעל, אוועק האקקען די רעשט אהנליכקייט צו ווילדע טהיערע...

דער אלטער סיסטעם פלאצט... איבער'ן מזבח פון שווייס און בלוט העבט זיך אויף דער

האקק... דערשראקקענע גלחים ענטלויפען און זוכען זיך נאך אלטערע, אויסגעפרוווטערע געטטער, טהייל לויפען צו די טישליך אנקלאפען צו רוחות, טהייל ווילען אויפוועקען די גריכישע געטטער, בעגייען דעם אלימפ, אנדערע ווילען פערגיססען דען ווארם מיט שלאפגעטראנק — מיט בודיזם, נאך אנדערע ציהען און שלעפען צום גאלדענעם פאנטאפעלע אין רוים, נור דער האקק לאזט זיך אליין נידריגער און נידריגער און דער מזבח וועט הייגטמארגען צושפרינגען אין דער לופטען...

און דעמעלט וועט אונז, דאכט זיך, אויך גיט

גמר פון רעדאקציע.

צו משמח זיין! דו וועסט גאָר נישט אָנהעבען צוגעהן, האָט זי געשיפּעט צום מאַנן.

— נו גיכֿער, העב זיך! קומם! האָט איהן דאָס יונגעל געשלעפּט, דורכֿלאָזענדיג פֿאַרביי די אויערען חנה'ס רעד.

— אַז איך האָב געזאָגט, ער וועט נישט געהן, האָט איהר נישט, וואָס צושלעפּען! האָט זי אויסגעשריען, אויפֿשפּרינגענדיג און אַראָבלאָזענדיג זיך צוריק אויפֿ'ן שטול.

— אָהן דיר וועל איך נישט אַוועקגעהן, האָט געטענ'עט דאָס יונגעל, — קומם נו, מען דאַרף זיך גאָר בעטען ביי איהם!

משה לויב האָט נור געקוקט אויף זיין ווייב. דאָס יונגעל האָט דערווייל אויפֿגעזוכֿט משה לויב'ס מאַנטעל און דערלאַנגט איהן משה לויב'ען.

— ווייסט גאָר וואָס, חנה, איך וועל יעצט געהן און וועל באַלד קוממען, האָט ער געזאָגט צום ווייב.

— דרעה מיר קיין קאָפּף נישט! האָט זי אויסגעשריען, פֿעראַנדערפֿיהרענדיג די האַנד, — ער וועט באַלד קוממען! נאָך וואָס וועסט דו זאָגען?! אפילו אויף אַ מינוט וועסט דו אויך נישט געהן!

דערווייל זענען אונטערגעקוממען פֿון בעל הבית צוויי בחורים, משרתים פֿון זיין קראָם.

— וואָס לאָזט'ע זיך אַזוי לאַנג בעטען?

האָט איינער אויסגעשריען;

— וועסט אַרגער מאַכען, האָט דער בעל הבית געזאָגט! האָט צוגעגעבען דער צווייטער משרת.

— די פּלוני'טע לאָזט נישט, האָט משה לויב געשמייכֿעלט.

— ער וועט נישט געהן! ער איז נישט קיין פֿערקויפֿטער! האָט חנה אויסגעשריען, אויפֿשפּרינגענדיג פֿון שטוהל. ער וועט נישט געהן! לאָז ער נישט סטראַשען! אַרגער מאַכֿען! מען נעהמט ביי איהם קיין נדבות נישט! נישטאָ, איך וועל נישט לאָזען! ער וועט נישט געהן! האָט זי זיך גאָר אויף די הויכֿע טאָנער צושריען, דערזעהענדיג ווי די משרתים האָבען גענוממען העבען משה לויב'ען מיט געוואַלד פֿון אָרט. זי האָט זיך אַ וואָרף געטהאָן צו זיי.

— ע, מיר לאָזען פֿון דעם! האָבען זיי געאַנטפֿערט, אָבשטופּענדיג חנה'ן. זיי האָבען גענוממען משה לויב'ען אונטער די האַנד און אַרויסגעפֿיהרט איהן פֿון שטוב. ער האָט נור געשמייכֿעלט...

חנה איז געבליעבען מיט די קינדער. דער כעס האָט אין איהר געברענט, זי האָט עפּיס נישט געוואוסט, וואָס זאָל זי טהון. פֿייערדיגע בליקען האָט זי געוואָרפֿען אין אַללע זייטען, זי האָט באַז אָבגערוקט

דאָס שאַבּטעל.

איהר ווילט וויסען, פֿון וואַננען איך האָב מיך „אויסגעלערנט" יודיש, אָדער, ווי איהר זאָגט, זשאַרגאָן? — איך וועל אייך פֿערצאָהלען.

איך פֿלעג אויך פֿיינט האָבען דאָס קאָסטעל, אין וועלכֿען אַללע פֿאָלקער און אַללע צייטען האָבען אַריינגעשפּיגען צו עטליכֿע ווערטער. — אַז כמעט אַללע נייע שפּראַכֿען קוממען אַזוי אַרויס, האָב איך נישט געוואוסט — דער עיקר: אָהן אַ גראַממאַטיק! וואָס הייסט, עס זאָלל נישט זיין אַ בפירושער, געדרוקטער דין, ווען צו זאָגען אַזוי און ווען אַנדערש?.. גאָר נישט — אַ הפקר וועלט!

אַז עטליכֿע מיללאָנען רעדען אויף דעם לשון, האָט מיך נישט געאַרט — פֿערקעהרט, עס האָט מיך פֿערדראָססען! זאָללען זיי אַוועקוואַרפֿען דאָס מאוסעניש! אַוועקוואַרפֿען דאָס קויטיגע העמד אָנטהון אַ פֿריש און איבערטוישען אַ שפּראַכֿע — איז געוועזען ביי מיר אויף איין משקל; עס ווענדט זיך אָן גוטען ווילען!...

אַז מיין אייגענער טאַטע, מיין מאַמע, מיינע שוועסטער און ברידער בענוצען די שפּראַכֿע (— פֿו, פֿו! „שפּראַכֿע" זאָג איך נאָך! —) האָט מיך ווייניג גערירט — איך בין דאָך טאַקי פֿון מיין משפּחה אַרויס געשפּרונגען ווי פֿון דער ביאָטע און בוכֿהאַלטער געוואָרען! זיי זאָללען וועללען, וואָלט איך זיי די האַנד דערלאַנגט און אויך אַרויסגעצויגען... זיי וויללען נישט, דאַרף מען נישט.

איך האָב צייט געהאַט דען זשאַרגאָן צו פֿיי-

אַללע שטוהלען פֿון טיש; פֿאַרבייגעהענדיג, האָט זי אַראָבגעוואָרפֿען אַ טעללער און צובראָכען. דאָס האָט זי נאָך מעהר צורייצט.

— אַ בראָך זאָלל שוין זיין צו זיינע יאָהרען? האָט זי אויסגעשריען. אונטער־ברעכען זאָלל ער זיך דען קאָפּף!... אַי, מיין לעבען! האָט זי פּלוצלינג אַ קוויטש געטהאָן און געגעבען זיך מיט ביידע פֿויס־טען אין קאָפּף.

די פֿיער קליינע קינדער האָבען זיך דערשראָקען און צוויינט.

— וויינען זאָלט איהר שוין נאָך אייער טאַטען! האָט זי זיך אַרויפֿגעוואָרפֿען אויף זיי, — שטומם זאָללט איהר מיר ווערען! האָט זי געקוויטשעט און אָנגעהויבען שלאָגען אויף רעכטס און לינקס.

די קינדער זענען צולאָפֿען פֿון טיש און בעהאַלטען זיך אין די ווינקעלעך.

— מיין ביטטער הארץ וועל איך אויס־לאָזען צו אייער קאָפּף, צו אייער לייב און לעבען, צו אייערע האָנד און פֿיס! האָט זי געברילט.

זי האָט זיך שווער אַראָבגעלאָזען אויפֿ'ן האָלצערן זיטץ־בעטטעל און מיט אַ ווילדען קוק געקוקט אַרום זיך. עס האָט זיך איהר עפּיס געוואָלט טהון — דאָס הארץ איז איהר שיער נישט אַרויסגעשפּרונגען.

— אַהיים זאָלל ער מיר נישט דערוועגען קוממען! האָט זי געשריען, גלייך איינער וואָלט זי געהאָרט, — דען קאָפּף וועל איך איהם צושפּאַלטען! מיט פּאַמאָיעס וועל איך איהן אָבגיסען! זאָלל ער גאָר נישט דערלעבען קוממען אַהיים!...

זי האָט זיך צורעדט און צושאָלטען. פּלוצלינג פֿאַלט איהר איין פֿון אַלץ מאַכען אַ תל, עס זאָלל פֿון גאָר נישט בלייבען אַ שריד ופליט.

זי איז אויפֿגעשפּרונגען מיט אַ קווי־טייערייי פֿון אָרט און אַ לאָז געטהאָן זיך צו'ם אויווען. נור אין דער מינוט האָט זיך די טהיר געעפֿענט און עס זענען אַריין זלמן לאַמינע, מענדעל קאַטאַי, חיים דער גרינער, מיט ווייב און קינד.

— גוט יום־טוב! וואָס טהוט זיך דאָ? האָט געפֿראָגט זלמן, אַרומקוקענדיג זיך, — וועמען בעוויינט מען דאָ?

— זאָלל מען איהן שוין טאַקי אויף איין אמת בעוויינען, האָט חנה געענטפֿערט, אָבווישענדיג די טרעהרען מיט'ן פֿאַרטוך, — יתומים זאָללען זיי בלייבען!

— ער איז טאַקי אַוועקגעגאַנגען? האָט געפֿראָגט חיים דער גרינער.

דאָס איז געוועזען נאָך נאַפֿט צו דעם פֿייער — און חנה האָט אויפֿגעעפֿענט דען מויל און געשאָטען מיט קללות...

געסטען; און אפשר, האָט זיך מיר נור געדאַכט, אַז איך האָב'ן פֿערגעסען; אַ מענש רעדט זיך אַזוי פֿיעל איין!

נור צייטען אָנדערען זיך, עס איז אַ פּשוט'ע מעשה! איינמאָל האָב איך געדאַרפֿט מיר אַ דירה דינגען, האָט מען מיר גראָד אויף דריי אַרבער דורך איינאַנד קורץ און שאַרף געענטפֿערט: „נישט פֿאַר יודען!"; איך בין באַז געוואָרען און פֿאַר בעס אַריינ־געפֿאַללען צו'ן אַ יוד אויפ'ן סאַמע־ראָדנע גרושיבאָוו... צו איין אברהם שאַכטעל־מאַכער. די שאַכטעל־פֿאַבריק האָט זיך, אַ פּנים, אָבגעשטעלט, זיינע איינענע האָנד זענען געוועזן גענוג; ער האָט אָבגעשאַפֿט די „יונגען" און עס איז איהם געבליעבען אַ לעדיגע שטוב מיט „אַ בעזונדערן גאַנג".

אויפ'ן טאָפּעלע איז געשטאַנען: „12 רובל אַ מאָנאַט" — מיר איז עס רעכט געוועזען; איך האָב געזוכט פֿאַר 15—20!

איך קומם אַריין און פֿראָג אויפ'ן בעל־הבית.

אברהמיל האָט מיך דערזעהען און אַראָב־געהאַפּט דאָס היטעל מיט אַ פּרייד! ער איז מיר אַנטגעגען געשפּרונגען, אַ קונה, האָט ער געדרעכענט, און, צווישען אונז זאָלל עס בלייבען, אַ קונה, ביי וועלכען מען קאָן נעמען אַ מקח... נור קוים איז ער געוואָהר געוואָרען, ווער עס איז, וואָס עס געהט, איז ער ווי פֿערשטאַרט געוואָרען.

— נישט אונטער 12 רובל! שניידט ער מיר אָב מיט פֿערביסענע ליפּען און אַ געבראָכען פּויליש.

— יוסעלע, מאַכט ער צו'ן אַ בלאַס קינד פֿון אַ יאָהר דריי, רוף אַריין די מוהמע. נור יוסעלע איז פֿערנומען מיט גאָלדענע פּאַפּירלעך און

די מאַנסביל מיט די ווייבער האָבען זי גענומען איינהאַלטען.

— בערוהיג זיך, חנה, האָבען זיי גערעדט, — מיר וועלען אויסקוממען אָהן איהם.

— זעטץ זיך, מיר וועללען פערברייננגען! האָט איהר גערעדט ולמן, — איך קאָנן אויך רעדען ווי אַ מכשפה.

— ניין, האָט חנה אויסגעשריען, — אַ טוידטען וועל איך איהן ברייננגען אהער

זי האָט געכאַפּט אַ פּאַטשיילע און פּייל פון בויגען אַרויסגעלאָפען פון טהיר.

— פּראים, וואַהרע פּראים! האָט מען איהר נאָכגעשיקט.

— און וואָס מיינט איהר, זי איז דען נישט גערעכט? האָט געפרעגט איין פרוי.

— גערעכט, ווי דער טאָג! האָבען די מאַנסביל געאָנטפערט.

— אַז דער בעל הבית וואָלט ביי מיר אויפגעלאָפען ווערען, וואָלט איך נישט געגאַנגען, האָט חיים געזאָגט.

— ווי הייסט, און איך וואָלט געגאַנגען? האָט מענדעל אונטערגעכאַפּט.

— ער איז אַ עטיק גאַרנישט, דער משה לויב!

— אַ נאַרר, אַ פערד!

— אַ וואַהרע בהמה!

דער פאָרלאָגע און האָרט נישט.

— אַ שוואַרץ יאָהר — ברומט אברהם אונטער דער נאָז — ווענן מען דאַרף זי, איז זי נישט דאָ...

איך קלער, אַז ער האָט מורא אַריין צולאָזען אַ קאַוואַליער, און בערוהיג איהן, אַז איך בין אַ גאַנצען טאָג אין געשעפט און נעם קיין גאַסט נישט אויף — „קיין שום גאַסט", אַקצענטיער איך.

— נישט אין דעם געהט עס — האַקט ער מיר איבער און קראַצט זיך דען גראָהליבען קאָפּף — צאַ... וויים איך —

ער העבט זיך אָן צו צופּען די באָרד...

— איך בין אַ יוד! זאָג איך איהם.

— איך ווייס — מאַכט ער מיט אַ שמייכעל, ווי איינער רעדט: עס ליגט שוין אויפ'ן פּנים — גיך ביין ווייב — זאָגט ער — אַ פרוממע יודענע...

און חנה איז געלאָפען אין איין אינפּעט, אין איין אָטהעם. זי האָט געברענט אין איין פייער און געפיהלט אין זיך אַ משונה׳דיגען כח.

זי האָט אַ שטאַרקען ריסס געטהאָן דאָס גלאָקעל פון טהיר, האָט זיך גאָר נישט דערשראָקען פאַר דען רעש, וואָס זי האָט אָנגעמאַכט, און אַרויסגערעדט נאָך אַ שאַרפע קללה. פון שטוב האָט זיך געהאָרט אַ שנעלל לויפען. עמיץ האָט אויפגעאַפּפּענט די טהיר און, דערזעהענדיג זי, געלאָזט זיך לויפען צוריק. חנה האָט געהאָרט, ווי אין זאַל האָט עמיץ אויסגעשריען אַיילענדיג: „משה לויב, דאָס ווייב איז געקוממען!"

אַז זי איז צו צום זאַל, האָט מען איהר מקבל פּנים געוועזען און פערשטעלט די טהיר. זי האָט אַריינגעקוקט אין זאַל, נור משה לויב׳ען האָט זי נישט געזעהען.

— וואו איז ער, וואו? האָט זי געשריען, — זאָלל ער בעססער מיט גוטען אַהיים געהן!

— נישטאָ איהן, ער איז אַוועקגעגאַנגען, האָט מען איהר געאָנטפערט.

— איך וועל פון דאַננען נישט אָפּטרעטען, האָט זי שוין געשריען מיט טרערען.

— אָה! אָהנ׳עם ווייב טהוט איהר נישט? נור איך קאָנן נישט וואַרטען!

— נו, קומט!

ער וויזט מיר דאָס שטוב און איך האָב עס געדונגען.

די ערשטע האַלבע יאָהר האָבען מיר צווישען זיך קיין מגע ומשא נישט געהאַט, אויסער וואָס איך האָב געצאָהלט און ער האָט גענוממען דירה־געלד. די „מאַדאַם רחל" האָב איך זעלטען פאַר די אויגען געזעהען: פאַר נאַכט, ווענן איך האָב צייט געהאַט, האָט זי מיט׳ן זאַקק אין דער האַנד וויזיטען געמאַכט. פון מיר איז מען אויך צופריעדען געווען, ווייל עס איז ביי מיר שטילל געוועזען ווי אין רוזשען; קיין איינציגער פון די קאַוואַליערס האָט קיין ח־ק

— מען זאָגט דאָך אײַך, אַז ער איז שוין אַוועקגעגאַנגען! אַ יודענע אַ ביסל.

מען האָט זי אַרײַנגעלאָזען אין זאַל. זי האָט זיך אַרומגעקוקט און משה לויב׳ען נישט געזעהען.

— זאָלסט מיר שוין אַהײם געהן? האָט זי געיאָמערט, קוקענדיג אַרום זיך.

קיינער האָט זיך נישט אָבגערופֿען.

— זאָלסט אויפֿהערען צושפּיעלען זיך מיט מיר! האָט זי געשריען.

— מיאַו! האָט זיך דערהערט אַ קול פֿון הינטער אַ טהיר. דער עולם האָט זיך צולאַכט.

— „מיאַקען" זאָלכט דו שוין דאָס לעצטע מאָהל! האָט זי אויסגעשריען און געוואָרפֿען זיך אויף דעם קול.

— אַ בריס! אַ פּשיק! האָט מען אויף איהר געמאַכט פֿון אַללע זייטען און פֿערשטעלט דעם וועג.

נור משה לויב איז אַרויסגעקראָכען פֿון זיין אָרט. ער איז שוין געוועזען אַ ביסעל פֿראָהליך. ער האָט פֿערלעגט אַ ליפּ אויף אַ ליפּ און אַרויפֿגעלעגט די האַנד אויפֿ׳ן באַק ווי אַיין אַלטע יודענע. דער עולם האָט זיך געקייקעלט פֿאַר געלעכטער.

— שוין זאָלסט דו מיר געהן אַהײם! האָט זיך חנה אויף איהן אַרויפֿגעוואָרפֿען.

— אַוודאי, אַוודאי! האָט ער געלע־פּעציעט ווי אַיין אַלטע יודענע אָהן צאָהן און געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּף.

מיט חנה׳ן האָט זיך אָנגעהויבען אַ איסטעריקאַ. זי האָט זיך צולאַכט און צוויינט, געוואָרפֿען זיך אויף דר׳ערד און געריסען פֿון זיך די האָר.

אַללע זענען אָבהאָנדיג געוואָרען. משה לויב האָט זיך אין איין מינוט אויסגעניכ־טערט און גענומען זי בערוהיגען.

ער האָט אַזש נור געוויינט.

אַז חנה איז געקומען צו זיך, האָט ער זי גענומען אונטער׳ן האַנד און גע־פֿיהרט אַהײם מיט איין אַראָבגעלאָזטען קאָפּף. ער האָט זיך געפֿיהלט פֿאַר אַ שטאַרקען חוטא.

— סאַר׳ אַ שטיק זי האָט דאָס אַ ביסל געמאַכט! דעם מאַנן האָט מען ביי איהר צוגענומען! דאָס עמיץ אַרויסגערעדט, ווען חנה איז געוועזען נעבען טהיר.

חנה האָט זיך אויסגעלייכט. דאָס בלוט האָט אין איהר געקאָכט און זי האָט געוואָלט אויסגיסען צו אַללעמען אין שטוב איהר ביטטער האַרץ. זי האָט זייער געוואָלט זאָגען עפּיס אַ שאַרפֿען, האַרבען וואָרט — אַ וואָרט, וואָס זאָלל אָננעהמען ביי דער זיעבעטער ריפּ, וואָס זאָלל שטעכען ווי מיט שפּיזען. זי האָט זייער אַללעמען געוואָלט ווינשען, זייער זאָללען אַרבייטען

נישט געהאַט וויזיטען אָבצושבאַטניען אויפֿ׳ן סאַמע־ראָדנע גרושיבאָוו...

שפּעטער־צו האָבען מיר זיך דאָך נאָהנטער בעקאַנט.

איינמאָל האָט אברהם געבעטען ביי מיר פּאַר־שוים; דערביי האָט ער זיך געקלאָגט אויף שלעכטע צייטען... מען זעהט נישט קיין אַרבייט... עס האָט זיך געעפֿענט אַ גרויסע שאַכטעל־פֿאַבריק, און האָט ביי אַללע איינבינדער די פּרנסה פֿון מויל אַרויסגעריסען. איך האָב איהם דעם פּאַרשוים געגע־בען און געראַטהען, ער זאָלל זיך נעמען צו קינסט־ליכער אַרבייט, צו קאָנפֿעקטען־שאַכטעל, וואָס ווענדען זיך, זאָג איך איהם. אין געשמאַק פֿון מענש, אין אַרטיזם, און די מאַשין מאַכט נישט אַזוי געשווינד נאָך. נור מיין אברהם׳ל מאַכט אויועק מיט דער האַנד — „עט!" און געהט אַרויס, עפּיס, דאַכט זיך מיר, טרויעריג.

איך האָב מיך מיט מיין עצה נישט אָנגעוואָר־פֿען; איך בין דעראויף צו ליבעראַל געוועזען. נור פֿון דעמעלט אָן האָט שוין אברהם׳ל ביי מיר גאַנץ אָפֿט גענומען דאָס דירה־געלד מיט אַ מאָל פֿריהער און זיך אַלץ געקלאָגט אויף שלעכטע צייטען.

איינמאָל האָט ער געדאַרפֿט עקסטראַ 5 רובל.

— מיין זוהן, פֿערשטעהט איהר מיך — מאַכט ער מיט אַ שטראַהלענדיג פּנים — מיין יוסעלע, העבט אָן חומש, צום מזל! נו, מוז מען שבת עפּיס מאַכען...

נור מאָנטאָג האָט ער מיר די 5 רובל אָבגע־בראַכט מיט אַ פֿרייד: ער האָט געוואונען 75 רובל אויף דער לאָטעריע, און דאָס צעטטעל האָט ער בעקומען ע"פּ נס: דער נומער האָט זיך איהם

אויף פֿרעמדע ווערקשטאַטטען, זיין „יענעמס
א מענש". נור זי האָט זיך איינגעהאַלטען.
זי האָט נור נישט געלאָזען משה לייב'ען
פֿערמאַכֿען די טהיר. זי האָט זי אַלליין
צוגעמאַכֿט מיט א שטאַרקען קלאַפּ.
קראַנק, צובראָכֿען, פֿערוויינט האָט
זיך חנה געשלעפּט אַהיים. אָבער דאָך
האָט זי זיך געפֿיהלט בעפֿריעדיגט.
איהרס האָט זי פֿאָרט אויסגעפֿיהרט.

דוד פינסקי.

געחלומט... דערנאָך האָט ער שיער די פּים צו-
בראָכֿען אונ — דען נוממער נישט געקריגען, נור
ערשט א שעה פֿאַר'ן ציהען, קומט א שכן אין שטוב
אריין אונ נעמט איהן צו פֿאַר א שותף.

ער איז זיכֿער, אז דאָס איז א גאָט'ס זאַך.

— דאָס איז — זאָגט ער — אין מיין יוסעלעס
זכות. די מוטטער, עליה השלום, מיהט זיך פֿאַר'ן!
עס איז זיין געלד! — ער רעכֿענט נישט אויסצו-
זאָגען דעם ווייב אונ אריינטראָגען דאָס געלד אין
שפאַרקאַססע אויף יוסעלעס נאָמען.

איך האָב איהם צוריק געגעבען די 5 רובל,
ער זאָלל אריינלעגען די גאַנצע 75.

— א שאָנעם דאַנק, רופֿט ער אויס מיט פֿרייד
אונ, אַרויסגעהענדיג, הער איך, מאַכֿט ער —
„פֿאָרט א יוד! פֿאָרט א יוד!"

עס איז נאַריש — נור איך קאָנן נישט באַז זיין
אויף אַזוינע, וואָס האָבען קיין כח נישט זיך צו צונעמען
זיך לאָנדער אונ שטאָרט, פֿעלדער אונ וואָלדער, אונ
בעגנוגען זיך נור מיט א מאָנאָפּאָל אויף יושר אונ
רחמנות... אַנדערע טהוען מהר...

אונ... איך האָב אברהם'לען ליעב געקריגען —
חאָטש נאָך אַלץ פֿון דער וויטענס. אונ קוים האָב
איך איהן ליעב געקריגען, בין איך געוואָרען
ווייניגער ליבעראַל אונ האָב געוואָלט, ער זאָלל
זיך ווירקליך נעמען צו קאָנפֿעקטען-שאַכֿטעל, וואָס
עס האָט נאָך געקאָנט זיין א געשאָפֿט. נור מיט'ן
מזיל, ווייס איך, וועלל איך גאָר נישט מאַכֿען. איך
ווייס, אז מיר רעדען איבער, איבערצייגען אונ
ווירקען אויף מענשען נישט מיט די בלויסע ווערטער,
נור מיט די קאָליערען, האַלבע טאָנער, מיט דעלי-
קאַטע שאַטטען, וואָס שטעקקען אין זיי, אונ אברהם'ל,
חאָטש ער האָט אביסל פּויליש פֿערשטאַנגען אונ
גערעדט, איז פֿאַר די עדלערע זאַכֿען טויב
געוועזען; פֿאַר איהם איז דאָס אַלץ פֿערלוירען
געגאַנגען.

מען מוז רעדען מיט פֿאַקטען, טראַכֿט איך.

איך זאָג איהם, אז איך האָב א סך טהייערע
פּאַפּיערען אונ בעשטעלל ביי איהם פֿאַר זייערט
וועגען א קינסטליך, אמת ארטיסטיש שאַכֿטעל.

איך האָב עס איהם אויסגעצאָהלט אונ געפֿראָגט,
צו ער וועט קאָננען אַזוינס מאַכֿען?

— אוי, אוי! פֿאַר וואָס נישט!

— אפשר אויסריסיווען אייך?

— נאָך וואָס? איהר מיינט דאָך אַזוי אונ אַזוי.

ער זאָגט מיר אַלץ איבער מיט זיינע ווערטער;
איך זעה, אז ער פֿערשטעהט, אז ער האָט דאָס
שאַכֿטעל מיט אַללע פֿערציערונגען פֿאַר די אויגען.

— נו, גוט, זאָג איך — עטליכֿע רובל מאָג
עס קאָסטען.

— וועלל'מיר שוין זעהען, שמייכֿעלט ער. ער
ווילל מיר מאַכֿען דערפֿון א מתנה, נור דאָס וואָלט
געוועזען געגען מיין פּלאַן.

דאָס שאַכֿטעל-מאַכֿען האָט געדויערט, אונ איך
בין א פּאָר מאָל געזעססען ביי דער אַרבייט. די
„מאַדאַם" איז אַלץ זעלטען אין דער היים; נעבען
אונז איז געזעססען דאָס בלאַססע יוסעלע, וואָס איז,
זייט ער לערנט חומש, נאָך בלאַססער געוואָרען,
אונ לאָזט קיין אויג נישט אַראָב פֿון פֿאָטער'ס
האַנד... וואָס די אַרבייט קומט מעהר בולט אַרויס,
גראָססער ווערען יוסעלעס אויגען.

— שלאָפֿען גיה, יוסעלע, דערמאַנט איהן
דער פֿאָטער. נור יוסעלע הערט נישט; ער זיצט
פֿערחלומ'ט, אָנגעשפּאַרט מיט'ן קאָפּעל אויף די
האַנד אונ איז פֿערקוקט, ווי פֿערכישופֿט...

מיר האָבען צווישען זיך ווייניג גערעדט, נור
בעמערקט האָב איך, אז אברהם וואַרפֿט אויף מיר
אַללע מאָל אויגען, אז ער ווילל מיך עפּיס פֿראָגען,
אז עס ליעגט איהם עפּיס אויף דעם שפּיץ צונג
נור ער האַלט זיך איין.

איינמאָל דאָך, אז איך האָב א היים געבראַכֿט
דעם זוהן א קאַרמעלקע אונ האָב צום בלאַססען
קינד געשמייכֿעלט, אונ געגלעט איהם די געקריי-
זעלטע, ווייכֿע האָהרליך, זענען אברהם'לען די
אויגען איבערגעגאַנגען. ער האָט זיך נישט איינ-
געהאַלטען:

— איהר האָט, מאַכֿט ער פּלוצלינג, ליעב
א יוד, איהר האָט א יודיש האַרץ, אונ קיין יודיש
וואָלט איהר נישט רעדען!

— איך קאָן נישט! זאָג איך איהם.

— כולי האי! ענטפערט ער מסופק.

— און איך וויל, זאָג איך איהם, — אַז אַללע זאָללען רעדען אַזוי ווי איך. ער העבט אויף מיר אויף אַ פּאָר פערוואונדערטע און שמייכעלדיגע אויגען.

— איהר ווילט?! מאַכט ער — איהר ווילט? אָה!...

ער רעכענט, אַ פּנים, אַז עס איז ווייניג, וואָס איך וויל... אַז עס דאַרפען נאָך אַנדערע וועללען, און איידער די אַנדערע וועללען וועלען, וועט נאָך אַסך וואַסער אַבגעהן פון דער ווייכסעל, אויב משיח וועט נישט דערוויילע קומען...

אַזוי האָב איך אין זיין בליק געלעזען.

דאָס שאַכטעל איז ווירקליך אַרויס אַ מייסטערשטיק. אברהם'ל אַליין האָט דערפון נחת געשעפּט, כאָטש ער האָט גאַנץ אָפט געזיפצט, גאַנץ אָפט פערטראַכט זיך און פערלוירען די מאַניער־פאַססען פון האַנד אַרויס... נור צוגר שטעהט ער אין אַ זייט, כאַפּט פון דער פויסט אַ שפּאָקטיף און דאָס פּנים שטראַהלט איהם... יוסעלע טאַנצט אַרום טיש, ער איז אויסער זיך... נאָך אַ ווייל לאָזט אברהם אַראָב די האַנד אַ שאָטען פערדעקט איהם דאָס פּנים, און ער נעמט דאָס שאַכטעל, שוין נישט קוקענדיג דרויף, און וויל עס אַריין טראָגען צו מיר. דער מיט האָט יוסעלע אַרויסגעשטויסען אַ יאָמערליכען געשריי.

אברהם'ל האָט זיך אָבגעשטעלט און מיט ליעבע און רחמנות געקוקט אויפ'ן זוהן.

— גיט עס איהם! זאָג איך.

נור אברהם'ל ווייגערט זיך.

— ניין, מאַכט ער נאָך אַ ישוב, דאָס איז אייער שאַכטעל, און דו, יוסעלע — ווענדט ער זיך צום קינד מיט אַ מאָדנע ווייכער און ציטערדיגער שטימע — דו וואַרט, דיר וועל איך עפּיס שענערס געבען... איהר מאָגט אויך זעהען — איין אמת'ע צאַצע!

ער האָט זיך אומגעקוקט אויף אַללע זייטען, צי איז אויסער אונז קיינער נישט דאָ, דערנאָך אויסגעשפּיצט די אויערען, צי ער הערט נישט עמיצין קומען, און איז צוגעגאַנגען צום צווייטען אַרבייטטיש און האָט אַפּער געשלעפּט אַ קאַסטיל מיט אַלטע כלים.

ער האָט עס געפּאַפּענט און אין אַ זייט, אָבגערוקט פון האָלץ און אייזען, איז געשטאַנען אַ פּאַפּירען פּאַקקעל. ער האָט עס לאַנגזאַם אַרויס גענומען, בעהוטזאַם געפּאַפּענט — און — עס איז אַרויס אַ קונציג, בלאַס־בלאָה נאָה־געשירר מיט פאַנס און באָרדאָ פערציערונג.

— נאַ — מאַכט ער צו יוסעל'ען — דאָס האָט דיר די מאַמע דיינע געשענקט, געדענק! דו ביסט נאָך צו קליין געוועזען, האָט זי עס ביי מיר איבערגעלאָזט.

— ניין, ניין — האָט ער זיך פּלוצלינג איבערגעהאַקט — דאָס האָט דיר דער העור געשענקט, געדענק... גיב אַ קוש, און, אַז די מוהמע וועט פראַגען —

נור יוסעלע האָרט נישט; ער איז פאַר'ן נייעם שאַכטעל געבליבען אָהן אָטהעם און מיט דאָפּעלט גרויסע אויגען ווי תמיד.

אַ פּאָר טאָג שפּעטער, אַז אברהם'ל איז ווייטער געקומען נאָך געלד, האָב איך איהן געפראָגט, צו עס וואָלט איהם נישט געלאָהנט, ער זאָלל אַרבייטען נור אַזוינע קונציגע זאַכען...

— אַז איהר קאָנט יאָ, זאָג איך.

— קאָננען קאָן איך — ענטפערט ער — נור...

און אין דעם „נור" האָט דאָס אויער געכאַפּט עפּיס אַ וואונדערליך טרויעריגע נאָטע... די אויגען, דאַכט מיר, פערגעהען איהם ווייטער.

— עס גליסט זיך נישט, אָט... שטאַממעלט ער און וויל אַרויס פון שטוב.

איך בעט איהן זיצען, נעם אַרויס אַביסל בראָנפען.

— איך האַלט נישט דערביי — מאַכט ער אָהן חשק.

— שאָמט אייך נישט, ענטפער איך איהם, טהוט אָן דאָס היטעל, מאַכט אַ ברכה, און אין האַרץ האָב איך מיך אויף מיר אַלליין געוואונדערט ווי טאָלערירט איך בין געוואָרען.

נאָכ'ן ערשטען „לחיים" האָב איך איהן נאָך אַמאָל איבערגעפראָגט, פאַר וואָס ער נעמט זיך נישט צו דער בעססערער אַרבייט.

— עס איז, זאָגט ער טרויעריג, אַ מעשה דערביי... איך וואָלט אייך פערצאָהלט, ס'איז קיין סודות נישט... נור...

ווייטער „נור", נור מיט אַ דרך ארץ בליק אויף מיר —

— וואָס נור?

— אויף יודיש — ענטפערט ער שטילל — וואָלט איך געקאָנט.

— איך פערשטעה אַביסל יודיש... זאָג איך איהם, איך קאָן נור נישט רעדען. דאָס אַביסל, נאַטירליך, איז געוועזען, צווישען אונז געשמועסט, שטאַרק איבערגעזאָלצען, איך האָב פערשטאַנען מעהר ווי אַביסל. —

אויף יודיש האָט זיך אברהם'ל צורעדט און איך האָב געהערט אַ וואונדערליך טרויעריגע געשיכטע.

ער איז א בחור געוועזען, א פיעל, אונ מען האט איהם אנגעשלאגען א שידוך מיט'ן שאבטעל־מאכערס טאכטער, וואו ער האט געארבייט. דאס מאדעל איז איהם זעהר געפאללען, נור, ווי דער אמת איז, מען האט זיך וועגען איהר מיט עפיס א דייטשעל פון הויף געסודעט... מען האט געזאגט, אז זיי זעהען זיך, שרייבען בריעף — נור ער האט נישט געקוקט דערויף. „איין עסק! זיי קאנן שרייבען — שרייבט זי!" דער פאטער האט אבגעשטעלט די תנאים, דערנאך — די חתונה אונ איין עק. פאר דער חתונה האט זי איהן אבגעפאסט, גענוממען אין א זייט אריין אונ געזאגט, אז זי האט טאקי ליעב דאס דייטשעל, אז איהן, אברהם'לען, וועט זי קיינמאל נישט ליעב האבען, נור אויב ער וויל, אונ דער פאטער נייט זי, וועט זי זיין זיין ווייב, נור אויף מעהר זאלל ער זיך נישט ריכטען...

וואס „מעהר" האט ער נישט געוואוסט...

אונ האט זיך וועניג געמאכט דערפון, ווארום — „ווער קוקט אויף אזוינע מאדלישע זאכען?" עהרליך איז זי געוועזען, דאס האט ער געוואוסט; ווייטער — חלומות דארטען — זי וועט ווערען א בעלת הבית'טע, וועלען איהר די פלעווים ארויס פון קאפף. דער עיקר — זי איז איהם שרעקליך געפאללען.

„איך האב — זאגט ער — פשוט־ממש קיין עפיס אנדערש נישט אין זיננען געהאט — גלייך מען וואלט זי מיר מיט א האממער אין מוח אריין געשלאגען... איהר וועט מיר גלויבען? יום־כפור ביים „על חטא" איז זי מיר פאר די אויגען געשטאנען...

— וואס העלפט עס, זיפצט ער אב, אז גאט האט נישט געוואלט...

ער לאזט אראב דען קאפף אונ שוויגט פער־טרויערט.

—דאס נאה־געשירר, וואס איהר האט געזעהען— העבט ער אן נאך א רגע — דאס האב איך איהר געמאכט (ער סאפיט), נור נעמען האט זי עס נישט געוואלט...

— האב איך עס בעהאלטען, גיט ער צו מיט א קול אנגעשוואללען מיט וויטאג.

דערנאך איז זי קראנק געווארען — עס איז אריין געקוממען דער דאקטאר, אין א פאר וואכען ארום — דער מלאך המות...

א יתום איבער געלאזט... ער שוויגט ווייטער אביסל, לאזט נאך טיעפער אראב דען קאפף, די קניען ציטטערן איהם...

— אונ וואס טהוט מען מיט א קליין קינד? — מאכט ער פערצאגט — האב איך געמוזט נאך אמאל חתונה האבען...

ער בלייבט זיטצען, קוקענדיג אין דער לופט אריין אונ די טרערען קאפען אזוי אונ קאפען.

טרערען ביי'ן א מאנספערזאן אונ איין אלטערן מענש שניידען צו פיעל ביים הארץ.

— אונ איבער דעם — האקק איך איהם איבער — ארבייט איהר קיין שאנע שאבטעל נישט?

ער שוויגט נאך אביסל, דערנאך העבט ער אויף אויף מיר א פאר טיעפע, גלאנצענדיג פער־חלומט'ע אויגען.

— איהר וועט מיר גלויבען, מאכט ער, — אז איך נעם א שאנערע ארבייט אין דער האנד אריין, דערמאנט זיך מיר באלד דאס נאה־געשירר, איהר אוועק שטופען מיט דער האנד... זי... איהר טרויער... איהר טויט... אונ איך קאנן נישט... קאנן נישט...

ער בארעט זיך אומזיסט מיט די טרערען... ער פערשעלט זיך דאס פנים מיט די האנד אונ געהט ארויס.

פערהאלטען איהן, טרייסטען, אויסרעדען האב איך נישט געקאנט; דאס דארף מען אויף יודיש.

נור מיר האבען שוין אויף זיך אנדערש געקוקט... איינמאל פראג איך איהן:

— וואס וועט זיין מיט אייער יוסעלען?

— וואס זאלל זיין? פראגט ער צוריק פער־וואונדערט.

— וואס ווילט איהר פונ'ם מאכען?

— מאכען? ער געהט אין חדר אריין.

— אונ מכח פרנסה?

— פרנסה גיט גאטט...

— יא אונ פון דעסטוועגען זיצט איהר דאך נישט מיט פערלעגטע האנד.

— וועט ער אויך זיין א שאבטעל־מאכער.

— אונ אויך ארבייטען די פראסטע, וואס די פאבריק רייסט אייך פון דער האנד ארויס...

— וועט ער ארבייטען גוטע...

— וואס ביי'ן אייך הייסט היינט גוטע, וועט שוין דעמעלט ארבייטען די מאשין.

— אמת, מאכט ער, די פאבריק גיט אללע טאג שאנערע זאכען ארויס...

אונ איך גיב איהם צו פערשטעהן, אז קאנקורירען מיט דער פאבריק קאנן נור דער קינסטלער, ווי צום ביישפיעל דער מאלער מיט'ן פאטאגראף; נור איין ארטיסט! איין אמת'ער ארטיסט, וואס האט אין זיך א גייסט, א זעלטענעם געשמאק, וואס האט אידעען... געדאנקען...

— ביי שאבטעל? וואונדערט זיך אברהם'ל.

— נו, זאלל זיין פלאנען, נייע אויפטהון, פארמען, פערציערונגען... מיט איין ווארט מיין

מוז זיין איין ארטיסט.

— וועט מיין יוסעלע זיין איין ארטיסט...

מאכט ער אויף זיכער.

— יא... פאהיג וועט ער זיין... ער האט איין אינטיליגענט פנים, נור... לערנען מוסס מען...

— לערנען? וואס?

— ערשטענס, זאג איך איהם א שפראכע, מען זאלל קאננען אין איהר לערנען, אונ דערנאך צייכנען...

נור ער האקט מיר איבער:

— לערנען... אונ געלד?... אומזיסט וויל קיינער נישט לערנען!

איך ווער ווייטער א גוטער:

— ווייסט איהר וואס, זאג איך איהם, — איך וועל איהן לערנען...

— איהר? מאכט ער פערוואונדערט אונ פערדאכטיג.

איך, אנטפער איך איהם ערנסט אונ, ווי מאגליך, וויך אונ גוט...

אונ אין אברהם׳לס פנים זעה איך א בפירוש׳ע מלחמה: ער וויל מיר דאנקען, נור ער איז מיר עפים חושד דערביי...

די גוטע זייט האט דאך גובר געווען, נור נישט אין גאנצען:

— איהר? — פראגט ער, אונ אויף וואס פאר א לשון וועט איהר איהן לערנען? ווי אזוי וועט ער אייך פערשטעהן?

אונ איך האב אנגעהויבען צו דערמאננען זיך דאס יודיש —

איך האב גאר נישט געוואוסט, אז עס איז אזוי לייכט זיך צו דערמאננען... נור פורים-צייט בין איך שוין געזעסען מיט אברהם׳לען צוזאממען ביי דער סעודה...

י. ל. אהרנשטיין.

דאס געבעט.

(נאכאהמונג)

רבונו של עולם!
נאך ווייניג געליטטען?
ווען וועסט דו, רבונו
של עולם, פערשיטטען

דען אבגרונד, דען טיעפען,
וואס טהיילט דיינע קינדער
אויף שטארקע אונ שוואכע
אויף לאממער אונ שינדער?

* * *

אונ בריוט איז דער אבגרונד,
אונ טיעף ווי א תהום,
אונ זאפט אין זיך איין
אונזער בלוט ווי א שוואם!...

* * *

עס ציטטערט פון דארטען
דער וויטאגס געוויין,
דארט ליעגט די נקמה
אונ קריצט מיט די צאהן...

דארט ליעגט די פערצווייפלונג
דערשראקקען, פערבליפט,
מיט ליפפען ווי קוילען
ביים באכער פון גיפט...

* * *

רבונו של עולם!
נאך ווייניג געליטטען?
ווען וועסט דו דען שרעקליכען
אבגרונד פערשיטטען?...

עס וועהרען אין אבגרונד,
וואו ס׳מעססער נור בליצט,
מיט בלוט אויך די ריינסטע
אידעען בעשפריצט...

דארט ברעכען די פליגעל
די אדלער די גרעסטע;
דארט וועהרען פערשטיינערט
די הארצער, די בעסטע...

רבונו של עולם,
צו שפראצט דענן דיין לויב
אין פוילען, אין פינסטערן
בלוטיגען שטויב?

. . . .

י. ל. פרץ.

נאטור-קראפטען

ב) עלעקטריציטאט.

אין פלוג דאכט זיך, אז בליץ און דונער, טעלעגראף און טעלעפאן, עלעקטרישע בעלייכטונג און איין אנגעריבען שטיקעל בורשטין, וואס ציהט צו שטיקליך שטרוי — האבען גאר קיין שום צוזאממענהאנג ניט. און דאך זעננען זיי נאהנטע קרובים; דאס זעננען פאקטען, וואס קוממען ארויס פון איין נאטור-קראפט.

§ 1 יעדער פון אייך האט שוין אוודאי געפרווט אנרייבען בורשטין אן א שטיקעל וואלל און צוציהען דערמיט שטיקליך שטרוי. דאס זעלבע האבען נאך די גריכען בעמערקט און, ווייל אויף גריכיש הייסט בורשטין: עלעקטראן, דעריבער האט מען דער קראפט א נאמען געגעבען: עלעקטריציטאט. ערשט אין 18טען יאהרהונדערט האט מען בעמערקט, אז ניט בורשטין אלליין האט די אייגענשאפט. דאס זעלבע קאן מען מאכען מיט גלאז, סמאלע, לאק (טריעפוואקס) קאאוטשוג, פאטאזש... מען דארף נור די זאכען גוט אויסטריקענען, בשעת ווען בורשטין האלט זיך שטאנדיג טרוקקען.

§ 2 די אנגעריבענע זאכען (אן וואלל, פלאנעללע, א פוטערל, מיט דער האנד) בעקוממען א ריח פון פאספאר; אז איהר וועט זיי צולעגען צום פנים, וועט זיך אייך דאכטען, אז איהר פיהלט א שפינוועבס; דאס קומט דערפון, וואס די קליינע האהרליך אויפ'ן פנים ווערען צוגעצויגען און שטעללען זיך אויף. אין א פינסטערער שטוב, אז איהר וועט צולעגען צו די אנגעריבענע זאכען א פינגער — וועט פון זיי ארויספליהען א קליינער פונק; דערביי וועט איהר הערען א שטיללען קנאק — א מיליאנטעל פון א דונער און א בליץ!

מיר זעהען, אז די קארפער, וואס מיר האבען אויסגערעכענט, ווערען עלעקטריזירט — אדער אנגעלאדען מיט עלעקטריציטאט — דורך אנרייבען.

§ 3 נעמט איין אנגעלאדען, אדער איין עלעקטריזירט ראהריל פון גלאז און ריהרט דערמיט אן איין אנדער גלאזראהריל, וועט דאס אויך ווערען עלעקטריזירט. דאס אייגענע וועט זיין, אויב איהר וועט אנריהרען מיט איין עלעקטריזירט שטיקעל לאק א צווייט, אויך גוט אויסגעטריקענט שטיקעל לאק. דאס אנגעריהרטע גלאז אדער לאק וועללען צוציהען שטיקליך שטרוי אדער הארציל פון באז (בווינא)...

מיר זעהען, אז די עלעקטריציטאט פערשפרייט זיך פון איין קארפער אויפ'ן צווייטען דורך אנריהרען.

§ 4 און דעריבער, אז איהר וועט אנרייבען א גלאזערן ראהריל, און, האלטענדיג עס אין איין האנד, וועט איהר איבערגעהען דעריבער מיט דער צווייטער האנד, וועט די עלעקטריציטאט פערשוואונדען ווערען — זי וועט זיך פערשפרייטען אויף אייך, פון אייך אויף דער ערד, און איהר פערשטעהט אלליין, וויפיעל עס קאן שוין בלייבען פון דער קראפט אינ'ם ראהריל! און דעריבער, אז מיר וועללען זיך דערנאך צוריהרען מיט דעם ראהריל צו שטיקליך פאפיער אדער צו'ן א הארציל פון באז, וועללען מיר קיין שום בעוועגונג ניט בעמערקען און מיר וועללען זאגען, אז די עלעקטריציטאט האט זיך אויסגעלאדען, און אויב מיר וועללען עס דארפען צוריק אנלאדען, וועללען מיר עס מוזען נאך אמאל אנרייבען.

§ 5 דאס אייגענע וועט זיין, אויב מיר וועללען איבערגעהען איבערן ראהריל מיט וואס-עס-איז א מעטאלל — אייזען, שטאהל (וואס מיר וועללען האלטען אין דער צווייטער האנד): די עלעקטריציטאט

וועט זיך פערשפרייטען און איבערגעהן און דאס ראהרעל וועט אויסגעלאדען ווערען.

נור בלייבען וועט די קראפט נישט געריהרט, אויב מיר וועללען איבערגעהן דאס גלאז־ראהריל מיט סמאלע, לאק, זיידענצייג, פאראפין, קאאוטשוג, גלאז, טרוקקען האלץ וכדומה...

דערפון זעהען מיר, אז בנוגע צו עלעקטריציטאט, טהיילען זיך אויך די קערפער אויף גוטע און שלעכטע לייטער, ווי ביי מאגנעטיזם; טהייל (די גוטע לייטער) לאזען זי דורך און זי ווערט פערשוואונדען און אנדערע (די שלעכטע לייטער) לאזען זי נישט דורך און זי בלייבט אין אנגעלאדענעם קערפער. צו גוטע לייטער געהערען: אונזער קערפער, פייכטע לופט, מעטאללען...

§ 6 אויב מען וויל, דער אנגעלאדענער קערפער זאלל די קראפט נישט פערלירען, מוז מען איהן איזאלירען, ד. ה. אבטהיילען, אבשיידען פון די קערפער, וואס נעמען צו און לאזען דורך די קראפט.

צו דעם צוועק, אויב איהר ווילט אנלאדען א גלאזערן ראהרעל, א שטיקעל בורשטין אדער לאק, זאלט איהר עס ארויפשטעללען אויף א גלאזערן פיסל אדער אויפהאנגען אויף א זיידענעם פאדען.

דערצו מוסס די לופט אין שטוב זיין טרוקקען, ווייל די פייכטקייט ציהט אויך ארויס די עלעקטריציאט. אויב איהר ווילט אויספרייוען פערשיעדענע קערפער, צו זיי לאזען זיך עלעקטריזירען, צו ניין, צו זיי זעננען גוטע אדער שלעכטע לייטער, קאנט איהר אייך לייכט מאכען איין אפאראט דערצו: נעמט א קליין פיצעל קארק אדער באז־הארציל, האנגט עס אויף מיט א זיידענעם פאדען אויף איין אויסגעבויגען גלאזערן ראהרעל אין פארם פון א ר, וואס שטעקט מיט דער צווייטער זייט אין א גרויסען קארק *). — דאס שטיקעל

*) זעה די 6טע פיגור אין „מאגנעטיזם" (שבת־אויבם).

קארק אדער הארציל פון באז האנגט אזוי־ערנאך פריי אין דער לופט און עס וועט אמלייכסטען דערפיהלען וואס־עס־איז פון איין עלעקטרישע קראפט. —

נור דער פראביר־אפאראט וועט אונס צונוטץ קוממען אויף וויכטיגערע זאכען.

§ 7 אז איהר וועט אייך צוריהרען צו דעם אויפגעהאנגענעם באז־הארצעל מיט איין אנגעלאדען שטיקל בורשטין אדער לאק, וועט דאס באז־הארציל פריהער צוגעצויגען ווערען, און באלד דערנאך וועט עס צוריק אבשפרינגען.

אז מיר וועללען נאך אמאל צוריהרען זיך מיט'ן אייגענעם שטיקעל בורשטין אדער לאק, וועט דאס שטיקעל באז־הארציל וויטער אבשפרינגען.

פאר וואס שפרינגט עס אב?

נאטירליך איז דאס באז־הארציל עלעקטריש געווארען דורכ'ן אנריהרען; עס האט איבערגענוממען די עלעקטריציטאט פון בורשטין אדער לאק, און מיר וועללען זעהען — אז צוויי גלייכע עלעקטריציטאטען שטויסען זיך אב.

אנדערש וועט אבער געשעהען, אויב מיר וועללען זיך צוריהרען צום באז־הארציל, וואס איז אנגעלאדען געווארען פון בורשטין אדער לאק, מיט אויך איין אנגעלאדען, נור גלאזערן ראהריל! דאס באז־הערציל וועט זיך אין דער רגע צוציהען.

דאס זעלבע וועט זיין, אויב איהר וועט טהון פערקעהרט, ד. ה. איהר וועט פריהער צוריהרען זיך מיט גלאז און דערנאך מיט לאק אדער בורשטין.

ביים צוריהרען זיך מיט גלאז, וועט דאס באז־הארציל צושפרינגען, דערנאך שוין אללע מאל אבשפרינגען. נור, פערקעהרט — עס וועט וויטער צושפרינגען, אויב איהר וועט צוקוממען דערצו מיט לאק, בורשטין אדער איין אנדערע סמאלע.

דאס אייגענע, נור נאך בעססער, וועט

איהר זעהן, אויב איהר וועט אייך צובריי־טען צוויי פראָביר־אַפּאַראַטליך (§ 6): ביידע שטיקליך קאָרק (אָדער באָז־האָרציל) וועללען איינס פֿון צווייטען אָבשפּרינגען, אויב זיי וועללען אָנגעלאָדען ווערען, אָדער ביידע גלייך פֿון גלאָז, אָדער ביידע גלייך פֿון סמאָלע; דאַגעגען אָבער וועללען זיי זיך איינס דאָס צווייטע צוציהען, אויב איינס וועט זיין אָנגעלאָדען פֿון גלאָז און דאָס צווייטע פֿון סמאָלע (בורשטין, לאַק, קאַאוטשוג).

דערפֿון זעהן מיר, אַז מיר האָבען צו טהון מיט צוויי ערליי עלעקטריציטאָ־טען; אַז די עלעקטריציטאָט, מיט וועלכען עס ווערט אָנגעלאָדען גלאָז, איז נישט די זעלבע, מיט וועלכער עס ווערען אָנגע־לאָדען פֿערשיעדענע מינים סמאָלע, (וואָרום דאָס אָנגעלאָדענע גלאָז ציהט צו דאָס, וואָס די אָנגעלאָדענע סמאָלע שטויסט אָב און פֿערקעהרט) און: אַז צוויי פֿער־שיעדענע עלעקטריציטאָטען ציהען איינס דאָס אַנדערע צו, בשעת ווענן צוויי גלייכע שטויסען זיך אָב.

§ 8 מיר ווייסען שוין, אַז די עלעקטריש אָנ־געלאָדענע קאָרפּער גיבען פֿון זיך אַרויס פֿונקען. צו קאָנן מען די פֿונקען נישט פֿערגראָססערן? דאָס הייסט צו איז נישט מאָגליך אָנצוזאַמלען מעהר עלעקטריציטאָט, די פֿונקען זאָללען שטאַרקער לייכטען?

געוויסס. וואָרום די ערשיינונג, וואָס מיר זעהען אַלס בליץ און האָרען אַלס דונגער, איז אויך נישט מעהר נור אַ גרויסער עלעקטרישער פֿונק

איז דענן אין די וואָלקען פֿערהאַנדען עלעקטריציטאָט?

געוויסס! אַ 150 יאָהר צוריק האָט פֿראַנ־קלין געלאָזט אין אַ געוויטטער (בורזשאַ, בוריאַ) אין דער הויך אַרויף אַ פּאַפּיערענע שלאַנג; אין דער שלאַנג איז געוועזען אָנ־געהאַנגען אַ דראָט, און אין דער דראָט האָט געהאַנגען איין אַייזערנער שליסעל, וואָס האָט זיך צוגעריהרט צו דער ערד. אַז דער וואָלקען איז צוגעקוממען צו דעם אָרט, וואו די פּאַפּיערענע שלאַנג האָט זיך געהאַלטען, האָט פֿראַנקלין צוגעלעגט די פֿינגער צום שליסעל און האָט געהאָרט אַ מין קנאַקקען, און בעקוממען עטליכע פֿונקען.

די פּריוו איז זעהר געפֿאָהרליך; טהייל מאָל איז דער וואָלקען אַזוי שטאַרק אָנגעלאָדען און די פֿונקען אַזוי קראָפֿטיג, אַז זיי טויטען אַ מענש. ביין אַזאַ׳ן אַרט פּריוו איז אין 1853 אַ געלעהר־נער ראַכמאַן אין פּעטערסבורג געהרגעט געוואָרען.

דערפֿון איז לייכט צו פֿערשטעהן: אַז דונגער און בליץ איז אַלץ איינס. דאָס איז דאָס זעלבע, וואָס איהר האָרט קנאַקקען און זעהט פֿינקלען ביין איין אָנגעלאָדען גלאָזערן ראָהריל אין אַ פֿינסטערע שטוב.

§ 9 ווי אַזוי עלעקטריציטאָט צו זאַממלען, בעלייכטען שטאָדט, מאַכען עלעקט־רישע באַהנען, טעלעגראַפֿען, טעלעפֿאָנען, איבערטראָגען אַ קראַפֿט (למשל פֿון אַ וואַס־סער־פֿאַלל) אויף עטליכע ווייערסט, קאָנט איהר געוואָהר ווערען פֿון דער פֿהיזיק; מיר גיבען אייך נור די ערשטע בעקאַנט־שאַפֿט מיט נאַטור קראָפֿטען. נור פֿראַנקלינס דונגער־אָבלייטער (פּיאָרונאָ־חראָן, גראָמאָ־אָטוואָד), וואָס שיטצט אונזערע הייזער פֿאַר׳ן דונגער — קאָנט איהר שוין לייכט פֿער־שטעהן: דאָס איז אַ מעטאַללענע דראָט, וואָס שטאַרט מיט׳ן שפּיץ אַרויס איבער׳ן דאַך און לאָזט זיך אַראָב מיט׳ן צווייטען שפּיץ אין דער ערד אַריין. איהר ווייסט שוין (§ 5), אַז מעטאַלל איז אַ גוטער לייטער און אַז עס געהט דורך איין עלעקטריש אָנגעלאָדענער וואָלקען, נעמט די דראָט איבער די עלעקטריציטאָט און לאָזט זי דורך אין דער ערד אַריין.

ד״ר שטיבער

פרץ'ס

בלעטליך

ושורנאל פיר

ליטעראטור, געזעלשאפט און עקאנאמיע.

II. טער באנד.

פערלאג „פראגרעס", ווארשא.

תרע"ג.

Типограф. ЛЕВИНЪ-ЭПШТЕЙНЪ, Варшава, Павлиная 38.
1913

דִי נֵייטאָרִין.

דִי אוֹיגֶען רוֹיט, דִי לִיפֶּען בְּלַאס,
קֵיין טְרָאפֶּען בְּלוּט אִין בַּאקְק נִישְׁט דָא.
דִי שְׁטֶערְן בְּלַאסס, בֶּעדֶעקְט מִיט שְׁוֵייס,
דֶער אָטְהֶעם אָבְּגֶעהַאקְט אוּנ הֵייס —
עֶס זִיצֶען דְרַייא מֶאדְלִיךְ אוּנ נָאהֶען...

דִי נָאדֶעל — בְּלַאנְק, דָאס לַיינְוַואנְד — שְׁנֵיי;
אוּנ אֵיינֶע טְרַאכְט: אִיךְ נֵיי אוּנ נֵיי,
אִיךְ נֵיי בַּייטָאג, אִיךְ נֵיי בַּיינַאכְט,
קֵיין חוּפָּה־קְלֵייד זִיךְ נִישְׁט גֶעמַאכְט —
וָואס קוּמְט אַרוֹיס — אִיךְ נֵיי?

* * *

נִיט אִיךְ שְׁלָאף אוּנ נִיט אִיךְ עֶסס!
אִיךְ וָואלְט גֶעגֶע'ן אוֹיף מִי'ר בַּ'ל נֵם,
אֶפְשַׁר וָואלְט עֶר זִיךְ גֶעמִיהט —
אַיין אַלְמָן חָאטְשׁ, אַיין אַלְטֶען יוּד,
מִיט קִינְדֶערְלִיךְ אַ שָׁאקְק...

* * *

דִי צְוֵייטֶע טְרַאכְט: אִיךְ נֵיי אוּנ שְׁטָאפּ,
אוּנ שְׁטָאפּ מִיר אוֹיס נוּר גְרָאהֶע צָאפּ',
דֶער קָאפּ — דֶער בְּרֶענְנְט, דִי שְׁלֶעף — זֵי הַאקְט,
אוּנ דִי מַאשִׁין קְלַאפְּט צוּ צוּם טַאקְט...
טָא־טַא, טָא־טַא, טַא!

אִיךְ פֶערְשְׁטֶעה דָאךְ יֶענֶעמְס וִוינְק...
אָהן אַ חוּפָּה, אָהן אַ רִינְג
וָואלְט גֶעוֶועזֶ'ן אַ שְׁפִּיעל, אַ טַאנְץ,
אַ לִיעבֶּע אוֹיף — אַ יָאהר אַ גַאנְץ...
נוּר דֶערְנָאךְ?... דֶערְנָאךְ?!

* * *

דִי דְרִיטֶע שְׁפַּייט מִיט בְּלוּט אוּנ זִינְגְט:
אִיךְ נֵיי מִיךְ קְרַאנְק, אִיךְ נֵיי מִיךְ בְּלִינְד,
עֶס צְוִויקְט דִי בְּרוּסְט בַּיי יֶעדֶען שְׁטָאךְ
אוּנ עֶר הָאט חַתוּנָה דִי וָואךְ...
אִיךְ וִוינְשׁ אִיהם נִישְׁט קֵיין שְׁלֶעכְטְס!

* * *

עֶט! פֶערְגֶעסֶען וָואס אַ מָאל!...
תַּכְרִיכִים וֶועט מִיר גֶעבֶּען קָהָל
אוּנ אַ קְלֵיינְטְשִׁיק פִּיטְצֶעל עֶרְד,
אִיךְ וֶועלל שְׁלָאפֶען אוּמְגֶעשְׁטֶערְט —
שְׁלָאפֶען, שְׁלָאפֶען, שְׁלָאפֶען!

י. ל. פרץ

סאָציאָלאָגיע

און

סאָציאָלאָגישע היפּאָטעזען.

קליין און אָרם איז געװעזען די װעלט פון אַ פּערציטישען, קליינשטאָדטעלדיגען בעל הבית! זיין שטח, זיינע „ד׳ אמות" זענען געװעזען אַ ציאַבנאָװקער קהל, אַרום גענומען מיט שלאַנגבאַנען און איינגעזונקען אין אַ בלאָטע... קורץ איז געװעזען דער װעג פון הײזעל אוים לײם, װאו ער איז געבוירען געװאָרען, ביז צום קלענערן הײזעל אוים לײם, װאו ער האָט זיין אײביגע רוה געפונען; אין דער מיטט האָט ער געהאַט אַ קליינע סטאַציע—אין בית המדרש אונטערן אויבען; דאָרט האָט ער זיך אויסגעקנאַקט די מידע פינגער, פרייער אָבגעאָטעמט און גערעדט פון „װעלט-זאַכען"...

דען קורצען װעג איז ער דורכגעגאַנגען אין עליו השלום׳ס — דען זיידענם קאַפּעל, אין פּאָטערס ראַצימאָרינע יופּע, און — ער האָט זיי נאָך גערעכענט צו פערירשענען קינדער און קינדס-קינדער.

נישט װיסענדיג, װאָס אַמאָל איז געװעזען, נישט קלערענדיג, װאָס שפּאָטער װעט זיין, האָט ער אָבגעלעבט זיין קורצע װירע מינוט לויט איין אַלטער פאָר-שריפט פון טויזענדער יאָהרען צוריק.

װאָס פאַר אַ בעגריף האָט ער געהאַט פון לעבען? עס האָט איהם אויסגעזעהען, װי אַ רוהיג, ציכטיג און שטילל טייכעל, װאָס פליסט אַרויס פון טויער פון גן עדן און װאָלט אַזוי רוהיג, שטילל און ציכטיג צו געריזעלט ביז צום עולם התהו, װען נישט דער יצר הרע, אָדער די שלעכטע תאוה פון מענש, װאָס װאַרפען אַמאָל אַריין אַ שטיין אין װאַססער, צו האַקקען דען קלאָרען שפּיגעל און עס העבען אָן צו שלאָגען ראָדער און װעללען. די גאַנצע ערד איז פאַר איהם אַ ברעט, װאָס האָנגט אין דער לופט, אָנגעשפּאַרט אויף „בלימה" אָדער אויפ׳ן עקק פון לויתן; די ערד איז שוין די גאַנצע װעלט, פאַר איהרעט װעגען איז דער גאַנצער הימעל בעשאַפפען...

קליין איז דאָס װעלטעל פון פערציטישען, קליינשטאָדטעלדיגען בעל הבית און דראָבנע איז איהר צװעק; איהר תכלית איז — אויפצוהאַלטען אַ מנין בטלנים, װאָס זאָללען „הויבען, קריינען, און בעזינגען זיין ליעבען נאָמען"!

דאָס קליינע בעל הבית׳ל האָט זיך פאַר זיין כביכול אַ מאָס גענומען ביים „גרויסען פריץ", װאָס האָט געהאַט ביי זיך אַ חברה כלי זמר מיט אַ מאַרשאַליק און

איינס דאָס אַנדערע געגאָרט.

— שענקט עפּיס אויף פסח! װעקט מיך אַ טרויעריג אַלטע שטיממע פון דער אַרבייט.

— גבריאל?! האָב איך אויסגעשריען דער-שראָקקען און דערפריהלט, אַז אין האַרץ האָט אַ צופּף געטהאָן פאַר װייטאָג און דאָס גאַנצע בלוט שטאַרט אין מיר פאַר **שרעק**.

עס האָט **קיינער** קיין קאָנטראַקט נישט מיט׳ן מזל! דאָס ראָדעל — זאָגט מען — דרעהט **זיך**, היינט פון אויבען, מאָרגען פון אונטען. נור גבריאל, װאָס איך האָב איבערגעלאָזט אויף דער פּראָװינץ אַלץ אַ בעל הבית פון איין אײנפאָהר הויז — פּראָװדע אַ געדונגענע, נור — אַלץ אַ ייד מיט „שיין פרנסה",

אַז גבריאל זאָלל אַרומגעהן פאַר פסח בעטלען, דאָס האָב איך מיך נישט געריכט... װי קומט ער גאָר קיין װאַרשוי?

אין איין אויגענבליק שטעלל איך פאַר אַ שרפה, אַ בלבול, אַ באַנקראָט...

נור גבריאל האָט קיין קרעדיט נישט בענוצט; „בלבולים" זענגען היינט אוים מאָדע און אַססעקו-ריערט — װיים איך געװיסס, איז ער געװעזען...

ער שטעהט װי דערשלאָגען... עס ציטטערן איהם די האַנד, די באָרד, דאָס מויל... ער קאָנן קיין װאָרט נישט אַרויס רעדען. עס איז איהם — בין איך זיכער — גאָר נישט איינגעפאַללען מיך אין װאַרשוי צו טרעפפען, ער בעטעלט דאָ „אינ-קאָגניטאָ" (אומבעקאַנט)...

א פאר „רעזידענטען" אויף קאסט — זיי זאללען חנפינען און אויפבלאזען זיין כבוד . . .

דער מנין בטלנים איז די סמעטענע פון דער וועלט; דאס זענען די זיסע פרוכטען פון בוים, וואס גאט האט געפלאנצט. דער רעשט עולם — זענען בלאטטער, שטאמם אוןווארצלען . . . די אומות העולם אפשר נאך האלץ, שוואמען, וואס ציהען די „שפע" פון בוים . . .

אין דעם קליינעם וועלטעל, וואס האט געקאנט נור זיינע ד' אמות און געוואוסט נור דען היינטיגען און נאכטיגען טאג; אין דעם קליינעם וועלטעל, וואס האט זיך פערמאכט אין די גרעניצען פון א ציאכנאווקער קהל, איז געשעהען צו ווייניג פעראנדערונגען, עס זאלל עמיצען איינפאללען, אז מיר געהען, אז מיר ווערען געצויגען פון איננערליכע און אויסערליכע קראפטען צו'ן א ווייטען, ווייטען, און פאר אונז פערשלייערטען, צוועק. דאס ציאכנאווקער לעבען איז ווירקליך געשטאנען. און, אויב עס האט זיך געמאכט עפיס א שינוי, איז עס געגאנגען וועגען „הודו פאר ברוך שאמר", א „שהחיינו אין סוכה", האכסטענס— וועגען „זמן קריאת שמע"! אויך — האבען אלטע לייט דאריף טרויעריג געשאקעלט מיט די קאפף, געזיפצט, געקרעכצט און געזאגט: אז אט, אט איז שוין עקק וועלט! . . .

נישט אין א בעססערע לאגע זענען געוועזען די „בטלנים" פון אנדערע פאלקער.

נור די גליקליכע צייט איז שוין לאנג און אויף אייביג אוועק!

די שמאלע דראבנע אידען האבען שוין לאנג באנקראטירט.

פערקעהרט— וואס גראססער עס ווערט פאר אונס אונזער וועלט דורך רייזען, איבערוואנדערונגען און עמיגראציאנען, וואס לאנגער די צייט איז, מיט וועלכער די געשיכטע מאכט אונס בעקאנט, וואס ריכטיגער עס ווערט אונזער בעגריף איבער הימעל און ערד דורך דער אסטראנאמיע, מיט איין ווארט: וואס טיעפער, קלארער און ברייטער עס ווערט אונזער וויססען, מעהר און בעססער בעמערקען מיר, אז דאס לעבען איז א גאנג, אז די וועלט מיט דער מענשהייט בעוועגען זיך אהן אויפהאר, אהן רוה און ראסט; אז מיר האבען איין געבאהנטען וועג, אויף וועלכען מיר ווערען געטריבען, און—עס עקזיסטירט א קראפט, וואס יאגט אונס אלץ ווייטער און ווייטער!

מיר דערשרעקקען זיך שוין נישט, אויב דער זוהן איז נישט אהנליך צום טאטען, און דער אייניקעל צום זוהן; מיר פערברעכען שוין נישט די האנד, ווען דער נייער דור קומט מיט האממער און קילאף און ברעכט איין דאס, וואס דער אלטע

און דאס פנים! שטאנדיג פולל, רויט, פעסט — היינט איינגעפאללען, בלאסס אהן א טראפפען בלוט . . . ער וואקקעלט זיך, ער וויל פאללען . . .

איך בין קוים דאך צו מיר געקוממען; איך בין צוגעלאפען, אונטערגעשפארט איהן, אנידערגעזעצט, דערלאנגט א ביסל וואססער . . .

און איך בין געוואהר געווארען, אז מיין גבריאל האט געטהאן א קלייניקייט — ער האט דא אלץ פערקויפט, ארויס קיין ארץ ישראל — און איז צוריק געקוממען נאקיט און בלויז. אין פרייסען האט ער אויסגעבעטעלט אויף הוצאות קיין ווארשוי און אין ווארשוי בעטעלט ער צוזאממען אויף הוצאות אהיים, און ווער ווייסט, צו ער וועט נאך אהיים קוממען אויף פסח!

— אהיים! גלייך איך האב אהיים? און וואס וועלל איך טהון אין דער היים? . . . שלאכיט ער ווי א קליין קינד. מיין ווייב ווייסט נאך נישט פון די אללע צרות . . . איך האב איהר שטאנדיג בשורות טובות געשריבען . . . פאר'ן ארויספאהרען האב איך איבערגעלאזט עטליכע פאסט-מארקען ביי'ן א בעקאנטען, ער זאלל ווייטער שרייבען ישועות . . . זי וועט מיך דערזעהן — וועט זי בלייבען, חס ושלום, אויפ'ן ארט . . .

נור נישט אין דעם געהט עס איהם . . . זי וועט עס אויסהאלטען, זי האט שוין, אפשר, ארגערע צייטען געהאט . . . עס זענען זיי 10 קינדער געשטארבען, און 4 אין איין וואך, אויף איין אונטערגאנג . . . מיט'ן איינפאהר-הויז איז ער נישט געבוירען געווארען . . . ער וועט ווייטער געהען, צוריק

דור האָט מיט אַזוי פיעל נויט־שוויים געבויט. מיר וויסען שוין, אַז די וועלט געהט דאַדורך נישט אונטער; אַז, פערקעהרט — זי פערבעססערט, ענטוויקעלט זיך — אונ ווערט קליגער פון טאָג צו טאָג!

נור ווער איז די קראַפט, וואָס טרייבט אונס אויף דעם לאַנגען וועג? וואו אַהין פיהרט דער וועג, וואו איז זיין אָנהייב, וואו איז זיין סוף?

די נאַטור האָט נישט קיין צופאַללע (מקרים). קיין שום זאַך געשיהט נישט „פון דער העללער הויט". איבעראַלל הערשען געזעטצע (זאַקאָנעס), אויף אַללעם האָבען מיר דאָס רעכט צו פראָגען: פאַר וואָס? ווי אַזוי? אין אַללעם דאַרפען מיר זוכען די לאָגיק פון די פאַקטען, דען צוזאַממענהאַנג צווישען זיי; דאָס, וואָס שטעקט אינ'ם פאַקט, וואָס בעלעבט איהן אונ פיהרט איהן ארויס אויף דער ליכטיגער שיין.

איבער'ן מענש האָבען צו שאַפען די אַללע געזעטצע, וואָס הערשען אין דער טויטער נאַטור; ער קאָנן זיך, גלייך מיט'ן ערשטען בעסטען שטיין, נישט האַלטען אין דער לופט; ער האָט זיין וואָג; ער דאַרף גלייך מיט אַללע קאָרפער האָבען איין אָרט, אונ קאָנן אין איין צייט קיין צווייטער נישט פערנעמען; אַז ער צו־לויפט זיך, קאָנן ער זיך אויך נישט איינהאַלטען, ווען ער וויל, גלייך מיט'ן ערשטען בעסטען רעשעל (קיילעכל), וואָס יאָגט זיך איבער דער פאָדלאָגע. ער ווערט, גלייך מיט אַללע קאָרפער: וואַרם, קאַלט, מאַגנעטעזירט, עלעקטריזירט — מיט איין וואָרט ער פאַלט אונטער די פיזישע קראָפטען גלייך מיט אַללע קאָרפער. נור — אין איהם שטעקט עפּיס נאָך, אַחוץ דעם, וואָס שטעקט אינ'ם שטיין! גלייך מיט אַללע טהיערע — לעבט ער; ער עסט, טרינקט, שלאָפט, וואַקסט אונ פיהלט — דאָס זעננען שוין לעבענס־קראָפטען, וואָס הערשען איבער איהם, ווי איבער אַללעם, וואָס עס לעבט, דאָס זעננען שוין געזעטצע, וואָס ווערען שטודיערט דורך דער „פיזיאָלאָגיע" — דער וויססענשאַפט פון לעבען אונ טויט, זיי פאַלט שוין נישט אונטער די גאַנצע נאַטור, נור די לעבענדיגע וועלט...

דאָך שטעקט אין מענש נאָך עפּיס, נאָך אויסער דעם, וואָס שטעקט אין אַללעם וואָס לעבט; זיין געפיהל, זיין וויססען — מיט איין וואָרט — זיין אינטעלעגענץ איז קלאָרער אונ טיעפער אונ דעריבער האָכער, אַלץ די אינטעלעגענץ, וואָס מיר טרעפען ביי אַללעם וואָס לעבט. דער גייסט, וואָס שטעקט אין איהם, האָט זיינע וואָרצלען נאָך אין דער טהיערישער וועלט, נור זיינע בליטהען בליהען ערשט אין

וויי אַמאָל, אויפ'ן דאָרף... ברויט מיט וואַססער וועט זיין... מיט גאָטט'ס הילף... די אויגען זעננען איהם אביסל קאַליע געוואָרען... בעגעהט מען זיך אָהן שאַרפע אויגען... אונ די בושה? מילא! געבעטעלט האָט ער פאָרט נור אין דער פרעמד. עס וועט אין דער היים קיינער נישט וויססען... פאָרט האָט ער אַ וועלט געזעהען...

— נור די ליגנערס, די ליגנערס — שפרינגט ער אויף מיט כעס — די ליגנערס, וואָס האָבען זיי געוואָלט פון מיר?

צו האָט איהם געקאָנט איינפאַללען, אַז דער טערק — זיין לייבליבער פעטטער — וועט איהן נישט אריינלאָזען אונ האַלב געלד וועט אַוועק געהן אויף דורכשוואַרצען זיך? צו האָט ער געקאָנט וויססען, אַז די אַנדערע האַלפט וועט צונעמען דער פרומער ירושלים־פאַטריאָט, אַז דער פאַקטאָר וועט איהם איינהאַנדלען אַ שטיק ערד לויטער שטיין אונ בין? נור דאָס אַלץ איז גאָר נישט... פאַקטאָר בלייבט פאַקטאָר אונ קיינער האָט נישט געוואוסט, אַז דער טערק וועט נישט אַריינלאָזען...

— נור די היעגע, די היעגע ליגנער, וואָס האָבען זיי געוואָלט? זיי האָבען דאָך דערפון קיין דרייער, קיין שמעקק־טאַביק נישט געהאַט?

אונ איך ווער געוואָהר, אַז מיין גבריאל'ן האָט זיך אַמאָל געטראָפען איין עסק קיין וואַרשוי — אַ שדכנות. אונ זיין פינסטער מזל האָט געוואָלט, ער זאָלל איינשטעהען צוזאַממען מיט דריי יונגע מחברים... איינער אַ שירים שרייבער, דער צווייטער אַ מעשה־ביכליך מאַכער אונ דער דריטטער —

דער מענשליבער!

און דער גייסט, וואס בעלעבט דעם מענש, איז נישט נור א שפיגעל, אין וועלכען די וועלט שלאגט זיך אב מעהר אדער וועניגער ריכטיג און קלאר; דער גייסט איז אויך א „פועל יוצא" — די נאטור ווירקט אויף איהם, נור ער ווירקט צוריק אויף דער נאטור אויך! ווייניג, וואס ער פיהלט און פערשטעהט די וועלט, ער אנדערט זי, ער בעססערט זי, לויט זיינע צוועקקען און זיין לעבענס-נוצען; נישט נור, וואס ער קוקט זיך צו און פערשטעהט, פאר וואס וואססער לויפט, די זונן לייכט, פייער ברענט — ער שפאנט דאס אלץ איין צו זיך אין וואגען און טרייבט אויף זיין וועג מיט דער בייטש אין דער האנד! קוים ווייסט ער, פאר וואס וואססער יאגט — הייסט ער שוין, עס זאלל איהם מאהלען ווייץ און קארן; קוים דערגעהט ער דעם סוד, ווי אזוי פלאנצען וואקסען, נייט ער שוין די ערד, זי זאלל איהם ארויסגעבען נור די פלאנצען, וואס נוטצען און שמעקקען איהם; קוים האט ער בעמערקט די קראפט פון ווארמקייט, מאגנעטיזם און עלעקטריציטאט — פליהען שוין וואגאנען איבער דער ערד און שיפפען אויפ'ן ים ווי די פאגעל, מוסס מען איהם שוין איבער טראגען זיין שטיממע פון איין עקק וועלט

אין דען צווייטען אריין!

צו דער מענש געהט און פיהרט מיט-זיך-מיט די נאטור; אדער דען גאנג פון דער נאטור זעהען מיר נור אמקלארסטען ביים מענש, ווי למשל, דען גאנג פון זייגער ביים אומרוה, די פעראנדערונגען צווישען קאלט און ווארם אין באראמעטער, סיי ווי סיי זעהען מיר פעראנדערונגען און בעמערקען, אז וואס נאהנטער מיר קוממען צו צו אונזער צייט, ווערען זיי אלץ אפטער און ראשער; און אויך — אז מיר געהען נישט צוריק, אז דער „אלף הששי" איז גאר נישט געפאהרליך, אז די וועלט האט גאר נישט אין זינן חרוב צו ווערען, אז עס ציהט זי גאר נישט צוריק איינצושלאפען אינ'ם אלטען „תהו ובהו"...

און אויב מיר געהען אלץ ווייטער און ווייטער, האבען מיר, ווי געזאגט, דאס רעכט זיך אבצושטעללען, בעקוקקען דען וועג, וואס מיר האבען שוין געמאכט, זעהען, וואו ער האט אונס געפיהרט, ווי ווייט מיר זענען שוין געקוממען, כדי מיר זאללען זיך קאננען מאכען א בעגריף: וואו אהין מיר געהען... נאטירליך, שפיעלט אין די גרויסע וועלט-פעראנדערונגען איין איינצעלנער מענש גאר א קליין ראלע; דא ארבייטען גאנצע געזעלשאפטען: מדינות, פאלקער און ראססען, און דעריבער בשעת

אזוי א חכם, א בעל עצה...

אין דער התחלה האט גבריאל פון עולם געלאכט, „עט, סמארקאטע דייטשליך"... ווארום טאקי: „מלמדים און שרייבערליך שטעהען ביי איהם אויף איין מדרגה, עס איז טאקי תורה און להבדיל (דער להבדיל איז גבריאל'ס) חכמה, נור יעדעס קארענדיל תורה אדער חכמה שווימט ארום אין א שיסעל בטלנות... הלמאי א גאון קאנן קיין צוויי נישט צאהלען, קאנן קיין צורת מטבע נישט.

אויך האט ער זיך געהאלטען פון זיי פון דער ווייטענס, אלס איין אמת-פרוממער יוד... אזוינע דייטשליך רעדען אודאי סאמע נבול פה — עססען אומגעוואשען און מאכען חוזק אויס א יוד מיט'ן שלחן ערוך...

און ווי פערוואונדערט איז ער געווארען צו קוקענדיג, אז דאס זענען גאר אנדערע מאדע דייטשליך... געוואשען... געבענשט... געגעססען אין די היטלען... גערעדט פון דער הייליגער תורה און פון ארץ ישראל.

ער האט געמיינט, אז דאס איז א קאמעדיע; מען מאכט איהן צום נארר... מען וויל איהן פיהרען אין באד אריין. ער זעהט אבער, אז עס איז ערנסט, די אויגען פלאממען, די נאזלאכער צו-שפרייטען זיך, אללע מאל שפרינגט איין אנדערער אויף און האלט א גאנצע דרשה, אז ארץ ישראל איז אייביג, די תורה איז אייביג און ישראל איז אויך אייביג — און פלעגט דאס אלץ אזוי בנעימות צוזאממען — חאטש נעם, דרוקק און קוש דען איינבונד!

האט זיך טאקי מיין גבריאל א ביסל צו זיי

ווען די „פסיכאלאגיע", די זעעלען-לעהרע (חכמת הנפש) שטודירט דען איינצעלנען מענש, זיינע געפיהלען, זיין וויססען אונ וויללען, האבען מיר איין עקסטרא וויססענשאפט, א סאציאלאגיע, וואס שטודירט דען גאנצען גאנג פון דער מענשהייט, די ווירקונגען פון שטאממען, פאלקער, ראססען אונ אללערליי געזעלשאפטען; וואס וויל דערגעהן דורך די פעראנדערונגען אינ'ם אללגעמיינעם לעבען פון דער גאנצער מענשהייט, די קראפט אדער דאס געזעץ, וואס הערשט איבער אונזער „ציוויליזאציע", וואס פיהרט אונזער „קולטור"...

אין דער צייט, ווען די וועלט איז נישט נור „געשטאנגען", נור טאג-טאגליך נאך, וואס נאהנטער צום „אלף הששי", מעהר קאליע אונ פערדארבען געווארען, איז נאטירליך, די וויססענשאפט אויך „געשטאנען" אויף איין ארט אדער נאך צוריק געגאנגען... וואס א שפאטער דור האט וויי ניגער דעה געהאט; מען האט זיך אלץ אומגעקוקט אויף „קדמונים". וואס עלטער א ווארט איז געוועזען, פאר הייליגער אונ קליגער האט מען עס געהאלטען; וואס פערפוילטער א בוך איז געווארען, מעהר פערלאזט האט מען זיך אויף זיינע עצות אונ סגולות. מען האט נור געהארט: פארצייטישע חכמים, פארצייטישע מוחות, אונ די וועלט האט הונדערטער יאהרען פערברענגט, שטודירענדיג אריסטו אונ זיינע תלמידים!

גאנץ אפט געהט די צדקה אין גבאי אריין, דער כבוד התורה אינ'ם רב, אונ ערשט נישט לאנג האבען דען גאנצען אויטאריטאט (פאוואגע) פון דער וויססענשאפט צוגענוממען די ג ע ל ע ה ר ט ע! נישט „חקירה", נור חוקרים האבען געהערשט. די חוקרים, די געלעהרטע זעננען ווירקליך ווייט, ווייט אבגעגאנגען פאר'ן המון-עם, אונ זעננען זיינע וועג-ווייזער, זיינע ווערסטען געווארען, נור דערפאר, אז מען איז צוגעקוממען צום וועג-ווייזער, צו דער ווערסט, איז מען שוין שטעהען געבליבען אונ געשלייבט אונ געשלאפט אין א ראדעל ארום אונ ארום, ווי דער חלעמער-רב ארום בוים, נישט צו פערליערען דען שליטמ-וועג!

היינט האט דאס אויפגעהארט!

די קולטור געהט — אונזער וויססען פערפיינערט אונ פערבעססערט זיך אונ, וואס ווייטער אונ ווייטער מיר קוממען, ווערען מיר אלץ קליגער אונ געבילדעטער, ווייל דאס אלטע האבען מיר שוין גערישענט אונ מיר ארבייטען צו ווייטער אונ ווייטער. אונ דעריבער וועט שוין היינט קיינען נישט וואונדערן, אויב מיר וועללען זאגען, אז

צוגעלאזט...

ער האט קיין שלעכטס נישט געמיינט — ער האט נור געוואלט פון זיי געוואהר ווערען: ערשטענס א ביסל נייס פון פאליטיק, צווייטענס — צו עס איז אמת וואס מען זאגט, אז בכמה מקומות שלאגט מען יודען, ווארען טאקי — מאלע וואס מען זאגט, אונ דריטטענס — אויב עס איז אמת: ווער שלאגט? אונ — מאי טעמא? פאר וואס קומט צו שלאגען?

קיין פאליטיש נייס האבען זיי אלליין אבער אויך נישט געוואוסט, נור אויף די אנדערע שאלות האט ער דרייערליי תשובות בעקוממען. דער חכם, דער בעל עצה האט עפיס גערע־ט וועגען א בוים, וואס די ווארצלען מוזען זיין אין דער ערד אונ, אז קוים רייסט מען זיי ארויס פון דער ערד, העבט ער אן דארען... אז ישראל קאנן זיין א בוים, האט גבריאל זעהר גוט פערשטאנגען; ווארום אין מדרש איז ישראל געגליכען צו אלץ. ישראל איז א בוים, ישראל איז וואססער, ישראל איז פייער, ישראל איז א שטערן, א זאמד, א שטויב — אלץ אין דער וועלט קאנן זיין ישראל, אפילו בוימעל אונ עססיג... נור פאר וואס דען בוים קומט צו שלאגען, האט ער אלץ נישט פערשטאנען, צו דערפאר, וואס ער איז אויסגעווארצעלט? אדער מען דארף ווארטען ביז משיח וועט קוממען, א'ניט, אויב עס איז א זינד, זאלל מען געהען אויף טיטוס'עס קבר אונ שלאגען, נאך וואס האט ער אויסגעריססען דען בוים? הא? דען יושר פון שלאגען האט גבריאל באין אופן נישט געקאנט פערשטעהן, בפרט, אז דער „פילוסוף" האט געהאט א שווער לשון, גערעדט האט ער נאך

די „באַציאָלאָגיע", אַלס יונגע וויסענשאַפֿט, וואָס איז ערשט נישט לאַנג פֿון וויגע אַרויס, האָטש עס אַרבייטען אין איהר די גראָסטע געלעהרטע, די בעסטע קעפּף, האָט זי נאָך נישט קיין פֿעסטע דעות, קיין זיכערע מיינונגען; זי פֿערמאָגט נישט קיין געזעטצע ווי: צוויי און צוויי איז פֿיער, וואָרימקייט צושפּרייט זיך, איין קאָרפּער ציהט־צו דען צווייטען... אַלס יונגע וויסענשאַפֿט האָט זי נאָך אַסך פּשט'ליך, מוטהמאַססונגען, היפּאָטעזען, שטות — ביי וועלכע זי וויל גייט און קאָנן זיך פֿערהאַלטען...

נור ווי אַזוי מאַכען זיך מוטהמאַססונגען, היפּאָטעזען?

זיי מאַכען זיך אויף דעם אייגענעם וועג, אויף וועלכען עס שווימען אַרויס אַזויגע מיינונגען, ווי: אַ חלום איז אַ נבואה, אַ גוטער יוד היילט קראַנקע, אין אַמעריקאַ וואַלגערט זיך געלד אין די גאַססען וכדומה אַלטע, אָבגעריבענע, פֿערשימעלטע מטבעות, וואָס געהען איבער פֿון האַנד צו האַנד און עס געדויערט גאַנץ לאַנג, איידער עמיץ בעמערקט, אַז זיי זענען פֿאַלש. אויף אונס מאַכען נור איין איינדרוק און מיר געדענקען נור די חלומות, וואָס ווערען מקוים, מיר האָרען נור פֿון די קראַנקע, וואָס דעם רבינס בוימעל האָט געהאָלפֿען, מיר וויסען נור פֿון די עמיגראַנטען, וואָס שיקקען אַרויס פֿון אַמעריקאַ זייער פֿאָטאָגראַפֿיע מיט אָפּפֿענע ראָק, גאָלדענע קייט־און־זייגער און אַלס ביילאַגע: עטליכע דאָללאַר פֿאַר ווייב און קינד. דאַגעגען — פֿון די חלומות, וואָס האָבען זיך „אויסגעלאָזט אַ בוידעם", בלייבט קיין זכר נישט אין מוח; פֿון די עמיגראַנטען, וואָס שטאַרבען דאָרט אויס פֿאַר הונגער, האָרען מיר נישט אַ ציכען; אַזוי אויך געהט קיינער נישט אַרויס פּויקען אין די גאַססען, וועלכע קראַנקע עס האָבען אומזיסט געגעבען פדיונות! ווענן מיר זאָללען האָבען פֿון די אַללע זאַכען אַ סטאַטיסטיק; ווענן מיר זאָללען וויססען: וויפֿיעל חלומות מיר האָבען געהאַט און וואָס פֿאַר אַ פּראָצענט עס איז מקוים געוואָרען, וויפֿיעל עמיגראַנטען עס זענען אַרויס קיין אַמעריקאַ און אויף וויפֿיעל אַמעריקאַנישע ירושות מיר האָבען זיך צו ריכטען; וויפֿיעל קראַנקע עס פֿאָהרען אַ יאָהר צו גוטע יודען און וואָס פֿאַר אַ טהייל פֿון זיי ווערט געניזען, וואָלט דאָס אַללעס גאָר אַנדערס אויסגעזעהען, וואָלטען מיר קיינמאָל נישט געזוכט דען נומער פֿון לאָטעריע, וואָס קומט אונס צו חלום, נישט געמאַכט הוצאות צו „הייליגע לייט" און נישט אַזוי געשווינד עמיגריערט.

אַביסל לאַטוויניש: „איזם"... איזם... און נאָך אַמאָל איזם... און דעריבער, חאָטש ער האָט איהן געהאַלטען ביי ביידע קנאָפּף פֿון קאַפּאָטע און געשאָקעלט זיך איבער איהם ווי אַ לולב, האָט גבריאל גאָר נישט פֿערשטאַנען. ער האָט נור געפֿיהלט אינ'ם וויקלען זיך ווי אַ שלאַנג, פֿערדרעהען ווי אַ קנויל און אין די ווילדע תנועות מיט'ן גאַנצען גוף, אַז עס איז עפּיס איין ענין, אפילו אַ טיעפֿער ענין, אַ שטה, אַ שכל'דיגע שטה, נור אין קאָפּף אַריין קריכט זי נישט!

עס האָט זיך גענוממען צו'ן איהם דער מעשה ביכליך מאַכער...

ער האָט איהם אָנגעהויבען צופֿערצאָהלען אַ גאַנצען ראָמאַן... אַ פֿערליעבעניש... אויסגעמישט מיט אַ געוויין פֿון רחל'ס קבר, מיט דער לבנה איבער'ן כותל מערבי („גלייך דאָרט וואָלט אין אַנדערע לבנה געווען, אומשטיינס געזאָגט")... דער לבנון — קרעכצט ער — טריקענט איהם אויס, צו ער ווערט פֿערשטיינערט; מיין דאגה — טראַכט איך — אַז משיח וועט קומען, וועללען אויף טרוקענע בוימער אויך וואַקסען בולקעס! און וואָס טויג מיר אַ מעשה?... „איך בין אַ מענש אין די יאָהרען, אויסגעגעבענע קינדער" —

און דער דריטטער האָט'ן גענומען אין דער האַנד אַריין, דער „גראַממען מאַכער"...

ער האָט איהם ערשט אויף קלאָר (חאָטש אין ריימען) געגעבען צו פֿערשטעהן, אַז דער, וואָס שלאָגט, איז אונזער גוטער פֿריינד, ער מיינט אונזער טובה... זיין אייגענע אויך, נור אונזערע דער עיקר.

אויף דעם איינענעם אופֿן ווערען בעשאַפֿפֿען היפּאָטעזען.

דאָס זענען מיינונגען, וואָס ווערען געבויט אויף אַ קליין ביססעל פֿאַקטען, און וואַקלען זיך און פֿאַללען אום, וואָס מעהר און נייערע פֿאַקטען מיר ווערען געוואָהר! עס זענען דעריבער פֿערהאַנדען בעססערע און ערגערע, שוואַכערע און וויכטיגערע היפּאָטעזען, וויל וואָס מעהר פֿאַקטען אַ היפּאָטעזע האַלט אויס, וואָס מעהר זי פֿערטייטשט, אַלץ נאָהנטער איז זי צום אמת, וויכטיגער פֿאַר דער וויססענשאַפֿט. נור מען טאָר די פֿאַקטען נישט צו שלעפּען צו דער היפּאָטעזע ביי די האָהר, מען טאָר זיי נישט דריקקען, אַנדערן, אויסביינגען דער היפּאָטעזע צו ליעב! מען דאַרף אַלץ בעטראַכטען אויף קאַלט, אָהן רחמנות, אָהן דרך ארץ, אָהן חנופה! ליידער איז זעלטען, אַ געלעהרטער זאָלל זיין פֿריי פֿון די אַללע פֿעהלער! גערן אָדער אומגערנווילליג, מישט ער צו עטליכע טראָפּען געפֿיהל צום שכל און „שטעלט איהן״ — גאַנץ אָפֿט צו שוואַך! יעדער טאַטע האָט ליעב זיין קינד; יעדער פֿילאָזאָף זיין שטה! מען דאַרף דעריבער דען גראָסטען געלעהרטען קוקען אויף די האַנד ווי אויף אַ קונצענמאַכער; ביי יעדען „בודק חמץ״ זיין, און זוכען אין אַללע שפּאַלטען און לאָכער, און נישט אַזוי צופֿאַללען צו דעם אַללעם, וואָס דער פּראָפֿעססאָר זאָגט פֿון קאַטעדר אַראָב... גלויבען, וואו מען דאַרף וויססען און פֿערשטעהן, הייסט אַרויסגעהן פֿון דער פֿינסטערער שטוב אין גאַסס אַריין זעהען, נור מיט פֿערמאַכטע אויגען! גלויבען דעם גראָסטען געלעהרטען, קרעדיט געבען דעם בעסטען קאָפּף איז געפֿאָהרליך. אין דער וויססענשאַפֿט מוס מען זיך נהג זיין ווי דער גראָסטער ליחוויאַרז, וואָס וויל קרעדיטירען אַ גרויס פֿערמאָגען — ער נעמט אַ משכון, איין אַקט ביים נאָטאַר, אַ חרם־קוויטעל דערצו, און שלאָפֿט דאָך נישט רוהיג; ער פֿערגעסט נישט אַ רגע, אַז זיין פֿערמאָגען איז אין פֿרעמדע האַנד...

און דערהויפּט בעהוטזאַם מוז מען זיין מיט היפּאָטעזען אין אַזאַ וויססענשאַפֿט, ווי סאָציאָלאָגיע איז.

אַז אַ פֿיזיקער שטעלט אונס אַ היפּאָטעזע, אַז איין קערפּער ציהט צו דען צווייטען, האָט ער אַ כשר'ן עדות אין דער אַסטראָנאָמיע, וואָס פֿערטייטשט לויט דער איינענער היפּאָטעזע די בעוועגונגען פֿון זונען און שטערן; די בעוועגונגען, וואָס מיר קאָננען בשום אופֿן אַנדערס נישט פֿערשטעהן, און דערצו האָט ער נאָך טויזענדער, טויזענדער פֿאַקטען אונטער דער האַנד; איינפֿאַכע פֿאַקטען, וואָס געשעהען אונס

די מעשה איז אַזוי. די אומות העולם וויללען טאַקי, די יודען זאָללען געהען קיין ארץ ישראל... וואָס איז דאָ פֿאַר אַ וואונדער? הלמאי כורש האָט געוואָלט? און אַז ער וויל מען זאָלל געהען, ווארפֿט ער טאַקי שטיינער! איי כורש האָט געוואָלט און נישט געוואָרפֿען, איז עס דאָך טאַקי כורש געוועזען... און אַזוי איה, אַז מען מיינט נור דאָס, צו האָט מען בראָדסקין געוואָרפֿען אַ שטיין? חס ושלום! נור ביי קבצנים די פֿענסטער אויסגעהאַקט! און וואָס האָט מען צו קבצנים?

פֿון בראָדסקין האָט גבריאל געהאָרט. ער ווייסט, אַז דאָס איז דער קיעבער מלך פֿון צוקקער און אַז אַ שדכן האָט ביי'ן איהם פֿערדיענט 10 טויזענד רובל שדכנות... מילא אַזאַ בראָדסקין קאָנן מען טאַקי מקנא זיין און אַמאָל מכבד זיין מיט אַ שטיינדעל... אָבער קבצנים? וואָס?

די דייטשליך העבען אָן צו האָבען רעכט!

ביי די וואָרטער זענען מיר שוין געוועזען אין דער היים. איך נעם אַרויס פֿון ביבער־שאַנק דען „וועקקער״ און דעקלאַמיער.

„איוואַן חאַסקעלעוויטש, נור דיך וויל איך פֿראָגען!

„איך פֿראָג דיך מיט גוטען! דו סוואָלאָטש! סליש!

„פֿון דער היים האָסט דו געבראַכט דיין פֿערמאָגען?

„איוואַן ווילסט דו הייסען, בן — ישי, בן קיש?״

— וואָס געדרוקט איז עס, געדרוקט? וואונדערט זיך גבריאל.

אין די אויגען, דא אויף דער ערד! די גרויסע קויל ציהט אלץ צו זיך צו, אלץ פאלט אויף איהר אראב: דער אפעל, אז ער ווערט שווערער, פון בוים; דער שטיין, אז מען רוקט איהן אוועק, פון דער וואנד; א מענש, אז עס ברעכט זיך איבער א שטאפפיעל, פון דער לייטער. יעדע מינוט האט אזוינע פאקטען, יעדער מענש זעהט זיי אונ קאנן זיי אויספרייוען! אונ די פאקטען נעמט דער פיזיקער פון דער ערשטער האנד אונ מיר קאננען איהם נאכגעהן טריטט ביי טריטט, בעטראכטען די זעלבע פאקטען אונ אויספרייוען דאס זעלבע גלייך מיט איהם.

גאר אין איין אנדערער לאגע איז דער סאציאלאג: פון דער ערשטער האנד האט ער נור די פאקטען פון היינטיגען טאג אין געבילדעטען לאנד. אונ די פאקטען, וואס ער האט פאר זיך, זענגען נישט קיין בעווייזען, קיין ראיות צו'ן א שטה: זיי זענגען אלליין דאס ראטזעל, די הארבע שאלה, וואס מיר דארפען שטודירען אונ דערגעהן. ווארום דער סאציאלאג דארף דאס היינטיגע לעבען ארויס פיהרען פונ'ם גאר, גאר גראהען, אלטען, פראסטען לעבען פון אדם הראשון'ס צייטען; פון די אלטע יסודות, וואס האבען אמאל, מיט טויזענדער, טויזענדער יאהרען צוריק עקזיסטירט,

— אודאי, זאג איך אונ דעקלאמיר ווייטער.

„האסט, דאך אויך א לאנד, דאכט זיך,
פאלעסטינא.

„צו איז דיר צו היים דארטען אינ'ם כנען?

„וואס דו ווילסט דיך קיהלען דא אין מיין
מדינה?

„אינ'ם קאלטען קורסק צו אין אסטראחאן!"

— טאקי, טאקי, אט דאס איז עס — מאכט גבריאל. עס גלאנצען איהם ווייטער די אויגען; די גרייזען געפאללען איהם צונד אויך, חאטש זיי האבען איהם אזוי פיעל געקאסט.

איך דעקלאמיר ווייטער:

„אויף גארבען פון קאניעלען האסט דו דאך
געריטטען

„אונ שאפעליך האסט דו געפאשעט ביים פרת...

אדער וואס עקזיסטיר'ען נאך ערגיץ היינט ביי די ווילדע פאלקער, וואס האבען זיך וויניג געבילדעט, שוואך ציוויליזירט אינ שטעהען נאך כמעט אויף דער זעלבער מדרגה, אויף וועלכער די ערשטע מענשען זענגען געשטאנגען. נור — וואו נעמט מען די פאקטען, אויף וועלכע מען דארף די שטה בויען? די ווילדע, וואס מען האט ערשט נישטלאנג ענטדעקט, לאזען נישט גערן צו זיך צו, זיי היטען זיך פאר אייראפעער אונ האלטען פאר זיי זייער גלויבען אונ בילדונג בסוד; גאנץ אפט נאררען זיי אב אונ פערפיהרען די געלעהרטע אויפ'ן שאנדליכסטען אופן... אט, מיר יודען האבען וויניגער סודות צו בעהאלטען, לעבען שוין אזוי לאנג אין אייראפא, פיהרען איין אהנליכע שפראכע (זשארגאן—דייטש), האנדלען, וואנדלען אונ לעבען געזעללשאפטליך מיט אנדערע פאלקער, א געוויססער פראצענט קריסטליכע געלעהרטע קאנן אונזער ליטעראטור, מאססען פון אונס ערציהען זיך אין קריסטליכע גימנאזיען אונ אוניווערזיטאטען, האבען א גרויס חלק אין אללע קריסטליכע ליטעראטורען, אונ דאך ווי וויניג קאנן מען אונס! וואס פאר א דומהייטען, וואס פאר א שקרים, וואס פאר איין אונמאגליכע זאכען ווערט איבער אונס געשריבען אונ געגלויבט! מאססען גייסטליכע אונ אזוי געלעהרטע

„וואס דארפסט דו דיך לעגען דא אין מיין
שליטטען

„אונ אויף מיין לשון צו זינגען: „מאראז" ?!"

— יא, יא, מאראז!, אזוי האט ער טאקי געזאגט... נור וואס איז אזוינס מאראז?

נור איך דעקלאמיר ווייטער:

„בוימעל, מאראנצען, פייגען אונ מאנדלען—

„קארגע פראדוקטען געפינט זיך ביי דיר?

„ווילסט דו פאדראדען, וואכערן, האנדלען

„קומסט דו, מאשעגניק, שענקען ביי מיר?"

אט דאס האט אויף מיין גבריאל'ן אזא שטארקע פעולה געהאט! פייגען אונ מאנדלען האט ער ליעב דאס לעבען, בוימעל אונ מאראנצען אויך... א סחורה איז עס אויך נישט קיין שלעכטע! אונ בפרט, אז אנדערע פראדוקטען פיהלען אויך נישט,

קאננען העברעאיש, די שפראכע, אויף וועלכע אונזערע ספרים זעננען געשריבען; אונזער שוהל, ווי אונזערע הייזער, זעננען אפפען פאר אללע, מען זעהט ווי מיר לעבען, גלויבען אונ האפפען — אונ ווי ווייניג קאנן מען אונס! אונ אויב געגען אונס מאכט מען אזוינע נארישע גריזען, וואס פאר א נישט געשטויגענע אונ נישט געפלויגענע מעשות מוזען די רייזענדער פערצאהלען פון ווילדע שטאממען אין אזיען, אפריקא אונ אמעריקא, וואס זיי שטודירען קוים א קורצע צייט, פון ווילדע הארדען, וואס ווייסען גאנץ גוט, אז דער אייראפעער ברענגט זיי קראנק אונ טויט, אז נאך דעם געלעהרטען, וואס זעהט אויס דען אינזעל מיט'ן פאלק, וועט קוממען דער סוחר מיט'ן סאלדאט, צונעמען ביי זיי די ערד מיט אללע איהרע אוצרות אונ איבערלאזען אבצאהרונג אונ סיפילים!

נישט פיעל בעססער געהט עס מיט די היסטארישע פאקטען.

איין איינצעלנער מענש, וואס לאזט איבער זיין אייגען לעבענס-בעשרייבונג, ווייסט אויך נישט שטאנדיג, וועלכע פאקטען עס וועללען אונס אינטערעסירען אונ וועלכע נישט. אויך, אויב ער בעשרייבט אפילו זיינע גוטע אונ שלעכטע זייטען, ווערען נישט גערן-וויללינג זיינע חסרונות פערקלע-נערט אונ די מעלות פערשאנערט! אויף זיך אלליין שרייבט מען נישט דען גאנצען אמת. דען איינענען שקר האט איהר אין יעדער געשיכטע פון יעדען פאלק. איבער א פאקט צווישען פראנקרייך אונ פרייסען, ווערט גאנץ אנדערס פערצאהלט אויף פראנ-צאזיש אונ גאנץ אנדערס אויף דייטש! אויך פערשרייבט זעלטען די געשיכטע די פאקטען פון מענשליכען לעבען, וואס קאננען נוטצען דעם סאציאלאג. די אלטע געשיכטע, אינטערעסירט זיך מעהר מיט מלחמות, קאניגליכע הייזער אונ גענעראלער, אלס מיט'ן פאלק אונ זיין קולטור, זיין לעבענס ארט אונ גלויבען. נאך פאר א קורצע צייט האבען מיר קיין פאלקער-גע-שיכטע נישט געהאט, נור געשיכטען פון קאניגע אונ פעלדהערען! אונ ווי לאנג איז די גאנצע געשיכטע? ווי לאנג איז, אז מענשען שרייבען? די געשיכטליכע צייט איז א טראפפען אין ים געגען דער לעבענס-צייט פון דער מענשהייט! אמת איז, אז מיר האבען נאך אנדער מאטעריאל, אוי-סער געשיכטע. די דורות, וואס האבען נאך נישט געשריבען, האבען אונס דאך איבערגעלאזט וויכטיגע צייכען, וואס עק-זעסטירען ביז היינט אונ ערצאהלען אונס פון זייער לעבען. מיר האבען שוין דער-מאנט, אז דער מענשליכער גייסט איז א „פועל יוצא" אונ ווירקט אויף אללעם ארום

קאנן מען שוין פרנסה האבען, אונ ביז משיח וועט קוממען, איידער עס וועללען גרויטע בולקעס וואקסען, קאנן מען זיך ווי עס איז דורכשטופען...

נור איך לעז איהם וויטער:

„פון פאלמע אונ צעדער האסט דו דארט וואלדער,

„נור האקקען ווילסט דו בעריאזע אונ דוב"...

אונ מיין גבריאל האט גוט פערשטאנען, אז פילמען אונ צעדערן זעננען אויך האלץ אונ מען קאנן זיי צו שטעללען דעם טערקישען מיליטער, אזוי ווי דא שטעלט מען צו אין דער ראטע „בעריאזע" אונ „דוב", אונ ער איז טאקי באז געווארען אויף אללע יודען, וואס האבען זיך דוקא צוגעציעפט צו „דוב" אונ „בעריאזע".

„קארג האסט דו דארטען, אי לייבען, אי טיגער?

„צו זעננען די פוטטערליך פאר דיר צו פראסט?

„דארפסט א קאמציאטקע? ווילסט זיין א היעגער,

„סיבירענעם ביבער דארפסט דו, פראחוואסט!"

ביים לעצטעןווארט ציטטערט גבריאל נאך היינט... עס איז צו שטארק! דען גאנצען פעליע איז ער מוחל, נאקיט אונ בלויס וואלט ער געגאנגען, אבי דאס ווארט זאלל ער נישט הארען! עס דערגערווערט איהן.

„דו ווילסט דיך סליאיען? אה! ד'האב פער-געססען —

„ווילסט העלפען מיר טראגען א טשין א מונדיר—

„איך דארף נישט קיין שותף חזיר צו עססען

„אונ א קאמארינסקי טאנץ איך אהן דיר!"

זיך, די אלטע דורות, האבען וועניגער געאנדערט די וועלט אלץ מיר, אונ דאך האבען זיי, דורכגעהענדיג, איבערגעלאזט א שליאד פון זייערע טריטט אונ מיר הערען ביז היינט דען ווידער-קול פון זייערע רייד! זיי האבען זיך וואהנונגען געבויט, נעסטען אויף סקאלעס אונ הייזער אויף זיילען אין טייכער געמאכט, זיי האבען טייכער רעגולירט, טייכער געגראבען, בעגרעניצט זיך — אונ במעט איבעראלל געפינגען מיר נאך זייערע ווערק, וואס רעדען צו אונס אונ פערצאהלען אונס מאססען פערבארגענע זאכען! —

נור דער גראסטע טהייל פאקטען פון אלטען לעבען איז דאך פאר אונס פערלוירען געגאנגען, בשעת ווען דאס קליינע ביסל איבערגעבליבענע, קאננען גאנץ לייכט ווערען שלעכט פערטייטשט! איהר זעהט, אז דאס מאטעריאל, פון וועלכען די סאציאלאגיע בויט זיך איהר משכן איז נישט אזוי פעסט!

נור אהן היפאטעזען איז נישט מאגליך צו מאכען א שריטט אין דער וויססענשאפט; אונזער זכרון איז אהן א סיסטעם נישט אומשטאנד צוזאממען צו האלטען די מענגע פאקטען, דאס אונגעהייערע מאטעריאל, וואס ווערט גראססער פון טאג צו טאג.

די היפאטעזען מוזען געבוירען ווערען, לעבען א צייט אונ אונטערגעהען, אונ אבּריינגען דען פלאץ פאר נייערע אונ בעססערע היפאטעזען, וואס האבען בריינטערע פליגעל אונ קאננען פערדעקקען א גראססערע מענגע פאקטען.

די הקדמה האבען מיר געברויכט, עס זאלל אייך נישט וואונדערן, אויב מיר וועללען אייך דורכפיהרען א שורה קורצלעבענדיגע סאציאלאגישע היפאטעזען, וואס זעננען ארויף אונ אראב איינער נאך דער צווייטער, ווי די שאטטען, אויב מיר וועללען פאר אייך אין די אויגען אויפבויען אונ אומשטערצען די גראסארטיגסטע אידעען, ווי הייליך פון קארטען.

י. ל. פרץ.

קריטיק.

י"ז בן אריה: א וועלט מיט וועלטעלעך

(ווילנא, תרנ"ד).

דער מחבר וויל, אז מיר זאללען זיך איבערצייגען, אז: 1) די ערד איז קיילעכדיג, נישט א ברעט מיט זייטען אונ עקקען. 2) אז זי בעוועגט זיך ארום דער זונן, נישט די זונן ארום איהר, 3) אז די ערד ציהט צו-זיך צו אלץ, וואס אויף איהר איז, פונקט אזוי ווי זי אלליין ווערט צוגעצויגען צו דער זונן

חזיר" איז געוועזען דאס צווייטע, נאך שטארקערע ווארט — גבריאל'ן...

אונ פון אללעם צוזאממען איז איהם א ליכט אויפגעגאנגען אין די אויגען...

ווי הייסט א ליכט! יענץ איז זיין, דא איז פרעמדס... דארט איז מאנדעלן, מאראנצען, פייגען אונ בוימעל (פוטטער פון טיגער אונ ליבען, איז ער מוחל) אונ דא א סאלדאטסקי מונדיר (פון קיין אנדערן חלומט איהם נישט), נישט טשין (פון עפאלעטען חלומט זיך איהם אודאי נישט) אונ אלץ איז אויס געשמיערט מיט חזיר-שמאלץ... אה! א קאלט געהט איהם דורך די ביינער...

אונ עס פראהט איהן, אז „דער עולם" פאהרט; אז „אללע פאהרען"; עס זאלל זיך אויספיהרען דער שדוך, וואלט ער אלליין אויך פאהרען! ער האט

אפילו קיינמאל נישט געהאלטען פון „סליאיען", ער ווייסט אפילו נישט רעכט, וואס דאס ווארט בעטייט, נור פאר וואס נישט פאהרען? אונ א גאט'ס זאך (האט זיך איהם געדאכט): דער שידוך, וואס האט געהאנגען אויף א שפינוועבס, האט זיך דוקא אויסגעפיהרט... די מחותנים האבען זיך שוין געהאט צושאלטען ביז אין די אבות אריין — אונ גבריאל האט פארט געחאפט א הונדערטער! ער זעהט בחוש, אז דאס איז אויף הוצאות קיין ארץ ישראל... צונד קאנן ער פאהרען. אונ עס איז אזוי לייכט: ער וועט זיך נור אריבער שווארצען איבער דער גרענין, די דייטשליך וועללען נור א פיפין געבען צום בערלינער רב... ווי א פוטטער וועט עס געהן! איין זאך נור שטעהט איהם אין וועג... פון וואנען קומט עס צו די דייטשליך, צו די בטלנים! פאר וואס איז ער

און 4) אַז דורך דער אַטראַקציאָן (אַזוי הייסט די קראַפט, מיט וועלכער איין קאָרפער ציהט צו דען צווייטען) בעוועגען זיך די הימלישע קאָרפער (זונן, לבנה, שטערן, ערד) איינס אַרום צווייטען...

נור, כדי מיר זאָללען וועללען זיין זיינע לעזער, כדי מיר זאָללען וועללען נעמען אין האַנד אַריין אַ וויסענשאַפטליך ווערק, נישט סאַמע באָבע-מעשיות און ראָמאַנען, נאַרט אונז י"ז בן אריה אַריין אין ביבל, ווי אַ מלמד נאַרט דאָס קינד צום אלף-בית... דער רבי זאָגט איהם צו אַפאַנעלע, און י"ז בן אריה — אַ „האָלבסט אינטערעסאַנטע ערצאָה-לונג"! דערזעהענדיג דען שער — רעכענט דער מחבר — וועללען מיר נישט קאַרגען די צעהן קאָפיקעס און דערנאָך איז פערפאַללען! מיר וועללען שוין אונזער געלד דורכ'ן פענס-טער נישט אַרויסוואַרפען און וועללען שוין דורכלעזען דאָס ביבל...

נאָכ'ן שער געהט איין הקדמה: „ניט אַללע מענשען — זאָגט דער מחבר — האָבען [די] מאָגליכקייט אין זייער יוגענד צו לערנען [אַ] וויסענשאַפט" — טהייל ווערען געבוי-רען ביי אָרמע אָלטערן... (אין דער שווערער אַרבייט) געהט אַוועק אַ יאָהר נאָך אַ יאָהר און „מען וואַקסט אויס גאָר אָהן וויסענשאַפט". נור „מזל איז ביי גאָטט [אין דער האַנד], דאָס אָרמע קינד... ווערט רייך... וואָס טהוט עס זשע אָהן וויסענ-שאַפט?... אָט „פאַר אַזאָלכע מענשען, וואָס ווילען נישט פערשאָמט ווערען געגען די געלערנטע" — זאָגט י"ז בן אריה — שרייבט ער זיין ביבל.

נור מיינט נישט, אַז ער שרייבט דוקא נור פאַר די, וואָס וועללען אַ מאָל רייך ווערען, אָדער דוקא נור פאַר די, וואָס וועללען האָבען די געלעגענהייט פערשאָמט צו ווערען פאַר געלערנטע... איך בין איהם אין דעם נישט חושד! די הקדמה זעהט אויס, איז, גלאַט אַזוי, געשריבען אין איילעניש און איז אַרויס אָהן האַנד און פיס... וואָרום י"ז בן אריה פערשטעהט גאַנץ גוט, אַז פאַר אָרמעלייט, וואָס ווערען רייך, איז נישט כדאי צו שרייבען, ווייל — עס טרעפען זיך אַזוינע לייט וואָס אַ טאָג וועניגער און וועניגער... אויך ווייסט ה' י"ז בן אריה, אַז אָרמע לייט דאַרפען מעהר וויסען ווי רייכע און דאָס וויסען קומט זיי אויך מעהר צו נוטץ. פון אמת וויסען האָט מען, אויסער דעם גייסטיגען פערגניגען, אויך — פרנסה, ברויט און גאַנץ אָפט מיט פוטטער! די בושה, וואָס דער אונגעלערנטער האָט פאַר'ן געלערנטען, איז אויך אַ זעלטענע זאַך, מעהרסטענטהיילס געשיהט פערקעהרט!.. מיר שעמען זיך אַסך מעהר מיט אַ צורים-סענעם שטיפעל ווי מיט אַ לעדיגען מוח,

---

אַללײַן, גבריאל, ביז אַהער נישט געפאַללען אויפ'ן שכל?

מילא „ער יאַק ער" (האָט ער געטראַכט) — נור למשל חיים-בינם, דער וועלט חכם אויף דער פראָווינץ, געהט שוין דריי יאָהר אַרום אָהן אַ געשעפט; יוסעל האָצקים, וואָס מען האָט איהם די פאַכט אויסגעדונגען... אַ דאגה אַזאַ וועלט מיט לעדיגעהער, מיט אָרמע לייט, מיט לופט-שלינגער און סאַמע חכמה, סאַמע גמרא-קעפליך, סאַמע דורכגעטריבענע יונגען... פאַר וואָס איז זיי נישט איינגעפאַללען אַריבער צו חאַפען זיך קיין ארץ ישראל, און נישט, ווי מאַנעס דער שוחט פטור צו ווערען חבוט הקבר מיט גלגול מחילות, נור טאַקי צו מאַכען זיך אַ מסחר'ל!... וואָרום באמת — אַ קליינינקייט האַנדלען... בוימעל... פי! פי! בפרט אַז מען קאָנען בעזרע זאַכען יוצא זיין!

נור דאָס האָבען איהם די דייטשליך באַר וואָהל פערזאָגפערט:

דער ענין דערפון איז, אַז וואָס פשוט'ער און קלאָרער אַ זאַך איז על פי שכל, פאַלט אויף איהר דער עולם אַלץ וועניגער... יעדערער זוכט נור עפיס טיפער אָדער אין דער זייט, וואָרום דאָס, וואָס איז געלעגען פון אויבען אָן, אויפ'ן גלייכען וועג, האָט מען אודאי שוין לאַנג אויפגעהויבען!..

אָבער באמת — ווי קאָנען זיין אַ פשוט'ערע זאַך, אַז דער „טאַטע זאָל צוריק נעמען די מאַמען"? אַז יודען זאָללען זיך ביסלעך-ווייז איבערטראָגען קיין ארץ ישראל? וואָס קאָנען זיין פשוט'ער, לייכטער, געזונדער און גלייכער?

נור, ווייל עס איז גלייך, טויג עס נישט; דער

און אויך — די בושה, וואס איינער צווישען הונדערט ליידט, אז ער ווייס נישט דאס, וואס יענער ווייס, איז נאך נישט דער עיקר... די בושה קאנן זיין א נוצליכע זאך, נור אין לעבען פיהרט זי געוואהנליך נור צו עטליכע ווארטער פראנצאזיש און א קאדריל...

וויססען אלליין איז נוטצליך און נייטיג, און דאס האט ה' י"ז בן אריה געדארפט בעווייזען אין זיין הקדמה, אדער זיך אהן איין הקדמה בעגעהן.

נור דאס איז א קלייניגקייט. די הויפט־פראגע איז, ווי אזוי ערפילט ה' י"ז בן אריה זיין פערשפרעכען? האלט ער באמתווארט? גיט ער אונס אמת וויססען?

ערשטענס מוזען מיר בעמערקען, אז ה' י"ז בן אריה מאכט נישט קיין אונטערשייד פון „וויססען" ביז „וויססענשאפט", פון „ידוע" ביז „חכמה", און, אויב ער רעדט פון וויססענ־שאפט, מיינט ער נישט מעהר נור וויססען און אזויערנאך וויל ער ווענייגער, אלס ער זאגט צו, נור — זאל זיין וויססען!

מיר האבען דורכגעלעזען דאס ביבעל — וואס וויסען מיר דערפון? צו וויסען מיר באמת, אז די ערד איז קיילעכדיג, אז זי איז א קויל נישט קיין ברעט? אז זי בעוועגט זיך ארום דער זונן, נישט פערקעהרט און אזוי אנדערע זאכען.

ליידער נישט.

דער, וואס לעזט דורך דאס ביבעל, האט קיין איינציגען ריכטיגען בעווייז, אז עס איז אזוי און נישט אנדערש! ער הארט א פשטיל פון א מגיד, א מיינונג פון א בוכ־האלטער, א מין שטה, א מוטהמאססונג — און עס פעלט איהם גאר נישט איין, אז דאס זענען נישט קיין שכליות'ן, וואס פליהען אין דער לופטען, נור אמת'ע, בעווי־זענע זאכען, און אזוי זיכער בעוויזען, ווי 2 און 2 איז 4! נאכ'ן איבערלעזען טראכט געוויס דער לעזער: עס קאנן זיין, אז די ערד זעהט אויס ווי א קאוואן און מיר זעהען אויס ווי די פליגען, וואס געהען אויפ'ן קאוואן ארום! עס איז גאנץ מאגליך, אז די ערד דרעהט זיך ארום דער זונן ווי א גלאז וואססער אין דער רייף, וואס מען דרעהט ארום אויף א שטריקעל, אדער ווי א שטיינ־דעל אויף א שטריקעל, וואס פליהט ארום ווי א ראד ארום דער האנד. עס איז קרוב לאמת... עס לאזט זיך הארען, עס לייגט זיך אויפ'ן שכל, נור — אז עס איז זיכער אזוי, דאס ווערען מיר נישט געוואהר. קיין איינציגער וויכטיגער בעוויז, וואס זאלל ארייין ווי א האלץ־שרויף אין מוח! און אין א האלב יאהר ארום וועללען מיר פערגעססען דען איינדרוק פון ביבעל און צוריק גלויבען אונזערע אויגען — אז די ערד איז א פלאץ מיט עקקען און קאנטען און די זונן דרעהט

דייטש וויל דוקא זיך „סלייאען", דער פרוממער ווארט אויף משיח'ן... נור ווי קומט דאס צו משיח'ן?

משיח וועט טאקי אויסלייזען פון גלות, אבער דערווייל מאג מען דאך זיין ביים טערק אין גלות? נישט גלייכער צו ווארטען אויפ'ן ארט?

ער האט נור געפראגט, צו זענען דארט קיין פאגראמען נישט פערהאנגען.

— חס ושלום! זענען אויפגעשפרונגען אללע דריי משכילים מיט די האנד אויף די הארצער, חס ושלום! אזא נאהנטער קרוב! א לייבליכער פעטטער!

היינט ווייס ער שוין דאס קרבות...

ער האט געזעהען שוחד נעמען ארגער ווי ווייס איך וואו, שמייסען מיט נאהייקים ווייבער אויף די ברוסטען, ארגער ווי קיטיי...

צוריק צו וועגס האט ער געהארט, אז די טערקען האבען דערווייל אויסגעקוילט מיט איין מאל 8—6 טויזענד מענשען—פראוודע— ארמעניער, נישט יודען!...

נור איין ערד, איין ערד האבען זיי עס איינ־געהאנדעלט, ברעכט זיך גבריאל די האנד און קרעכצט, — זאלל זיי גאט נישט געדענקען!

נור דאס אלץ איז ער זיי מוחל... דער פאק־טאר דארט... מילא א פאקטאר! די דייטשליך, האבען איהן אנגערעדט — מאלע — בטלנים... א והא ראיה — וואס טויג זיי די פרומקייט? זיי וויללען זיך איינקויפען אין דער חברה? אי! אט האבען זיי מיך גענארט... אבער אזוי, דערקענט

יך אַרום איהר! מיר וועללען פֿערגעססען אַזוי דען מגיד, ווי דען בוכהאַלטער. אונ דאָך איז גענוג געוועזען צו דערמאַננען די רייזען, וואָס מען מאַכט אַרום דער ערד; צו דערמאַננען, אַז אַנדערש איז זיך שווער, אָדער אונמאָגליך פֿאָרצושטעללען דען לקוי לבנה; צו דערמאַננען, ווי אַ זאַך, וואָס קומט אונס אַלץ נאָהנטער אונ נאָהנטער, ווערט גראָססער אונ גראָססער, אונ פֿערקעהרט, וואָס מעהר זי דערווייטערט זיך, ווערט זי אַלץ קלענער אונ קלענער, חאָטש מיר זעהן זי אין ביידע פֿאָללען אין גאַנצען, אַז עס פֿעהלט פֿון איהר נישט קיין האָהר, וואָס איז אויך נישט מאָגליך, נור סיידען, אַז די ערד איז אַ קויל...

דאָס איז אַ שטאַרקער פֿעהלער!

נאָך ערגער איז דאָס, וואָס דער לעזער וועט קריגען זעהר אַ שלעכטען בעגריף פֿון „וויססענשאַפֿט" בכלל. עס וועט זיך איהם דאַכטען, אַז וויססענשאַפֿט בכלל איז עפּיס אַ לייכטע זאַך, אַ שכל'דיג שפּיעלעכיל, אַ דוים, אַ שאָך — אַ פּשטיל! ווען פֿון י"ז בן אריה'ס לעזער וועט גאָר איינפֿאַללען, וויפֿיעל מיה אונ מאַטער, וויפֿיעל בלוט עס האָט געקאָסט, וויפֿיעל דורות עס זענען אַריבער, וויפֿיעל צרות מענשען האָבען געליטען, וויפֿיעל אַנשטרענגונגען מען האָט געדאַרפֿט, איידער מען איז צוגעקומען צו דער דעה? עפּיס שווימט זי דאָך ביי איהם אַרום ווי אויף אַ וואַססער!

נאָך אַ שטאַרקער פֿעהלער שטעקט אין דעם ביכעל: די ידיעות זענען נישט אין גאַנצען ריכטיג... דער לעזער דאַרף וויססען, אַז די ערד זעהט נישט אַזוי אַקוראַט אויס ווי אַ קאַוואָן; אַז די ערד האָט נישט די קראַפֿט פֿון אַ מאַגנעס, וואָס ציהט צו נור אייזען אונ שטאָהל נישט האָלץ, למשל, אונ פּאַפּיער, אונ ווערט אַלליין פֿון גאָר נישט צוגעצויגען; אונ בכלל, אַז די אַטראַקציאָן איז נישט נוהג נור ביי ערד אונ זונן. נאָכ'ן משל פֿון מאַגניט, מוז מען דעם לעזער אויף קלאָר ערקלערען, אַז אַללע קאָרפּער אָהן אויסנאַמציהען צו איינס דאָס צווייטע, אַז דער כח שטעקט אַזוי גוט אינ'ם קלענסטען שטויב, ווי אין דער זונן!...

נאָך אַ פֿעהלער שטעקט אין ביכל, וואָס דער מחבר האָט זיך ליעב צו פֿערגלאַפּיערען אונ צו זאָגען אַזוינס, אין וועלכען אַללע זענען ווענינגסטען שטאַרק מסופּק. נאָך דער לופֿט (למשל) האָט ער אַ ליידיג אָרט... אונ אַ טער?

נור די אַללע פֿעהלער קאָננען לייכט פֿערריכט ווערען ביי'ן אַ צווייטע אויפֿלאַגע, אונ דאָס ווערק'ל קאָנן ווערען אונגעמיין נוצליך דעם פֿאָלק. מען דאַרף די משלים נור נאָך זיי מוזען קוממען קלאָרע בעוויזע

מען זיי שוין אינ'ם ריח הפּה... הכלל — כּטלנים, דייטשערישע מלמדים.

— נור פֿאַר וואָס (ציטטערט זיין קול פֿאַר כּעס) — פֿאַר וואָס, אַז איך בין צוריק געקוממען, פֿאַר וואָס האָבען נאָך די איינענע דריי גבורים, אָבגעלייקענט אַלץ שטיין אונ ביין? פֿאַר וואָס האָבען זיי מיר אין די אויגען געזאָגט, אַז זיי האָבען מיך נישט צו-גערעדט? אַז זיי האָבען שטאָנדיג געשריגען: זיצט אויף איין אָרט... לויפֿט נישט... אַז זיי האָבען געמיינט דען דריטטען, דען פֿערטען דור, נישט מיך?

— וואָס טויגען די ליגען? קלאַפּט ער אין טיש אַריין פֿאַר צאָרן.

— אונ דו, גבריאל, — פֿראָג איך איהן — האָסט גנבות געזאָגט?

— ווי היינסט? שפּרינגט ער אויף — זאָלל מיר די צונג דאַרען...

— זיין נור, זיין — בערוהיג איך איהן — די צרות, וואָס דו דערצאָהלסט, ווייס איך זענען אמת, נור דיין ווייב וואָס האָסט דו געשריבען?

אָה, איהר? זי איז דאָך מיין ווייב... איך האָב געוואָלט...

— גוט, האַקק איך איהם איבער, — דו האָסט געוואָלט איהר גוטס... נור צו האָט זי אַלליין, נור זי דיין ווייב געלעזען די בריעף, נישט גאַנץ קהל הקדש? —

גבריאל לאָזט אַראָב די אויגען.

— עס איז טאַקי דורך מיינע בריעף נאָך איינער געקוממען...

— איינ?

מען דארף אסך ארומרײדען פאר'ן אנפאנגער, נור — מען טאר דען קלענסטען גרייז נישט ארויסלאזען פון מויל... און דאס וויססען דארף זיך פארט נישט איינבעטען אונטער דער מאסקע פון א האכסט אינטערעסאנטע ערצאהלונג... עס פעהלט נאך אויפ'ן שער זאלל שטיין: אזוי אינטערעסאנט ווי—שמ"ר!

מיר האבען נאך עפּיס געגען דער שפּראכע.

צו וואלט געשאדט, מען זאלל שרייבען: דאס קינד, נישט דער קינד; דאס, נישט דער געזינדל? אב (אבזאגען, אב־לערנען) נישט א פ? נישט דער, נור די שטאדט? ווענן דער ליטווישער זשארגאן זאלל וועללען נאכגעבען די קלייניגקייטען, אזוי ווי דער פּאלנישער גיט נאך אללע מאל מעהר פון זיין זייט, וואלטען מיר זיך איינם מיט'ן צווייטען און ביידע צוזאממען מיט אדעסס בעססער פערשטאנדען

נור נאך די אללע פעהלער איז דאס ביכעל אים אללגעמיינעם געשריבען מיט איין אויסגעצייכענטען הומאר און עס לעזט זיך ווירקליך ווי איין ערצאהלונג.

דאס ביכעל איז אויך זעהר ביללינ: עס האלט 64 זייטען, עס האט עטליכע, נישט שלעכטע, בילדער אין טעקסט — און קאסט אין גאנצען 10 קאפ' מיט פּארטא! פאר די, וואס ווילען (און עס איז א יושר) דאס ביכעל פערשפּרייטען, גיבען מיר אויף די אדרעססע: מ. קאצענעלענבויגען, בוכהאנדלונג, ווילנא.

בן תאר.

— און ארויס בשן ועין... ער בעטעלט נאך אין פּריי' ן.

— און פון וואננען ווייסט דו, אז דו אלליין האסט אזוינע בריעף געשריבען?

— ווער זאגט דענן? — מאכט גבריאל — אללע האבען אזוי געטהאן...

— און אללע האבען געמאכט נייע עמיגראנטען?

— אבי געזונד!

— און פון וואננען ווייסט דו, אז אונזערע דייטשליך האבען נישט געקריגען זייער התלהבות אויך נור פון אזוינע בריעף?

— ווי הייסט? — אפּפּענט גבריאל אפאר אויגען — ווי זענגען דארט נישט געוועזען?

— ניין!

— וואס דענן?

— זיי האבען געלעזען טאקי נור אזוינע בריעף צו ווייבער און כלות...

גבריאל'ן געהט ווייטער אויף ווי א ליכטעל אין די אויגען.

— אזוינע „מחבלים" זענגען זיי? אזוינע?

— ואס דענן? אויסער עטליכע, וואס האבען ווי יענער פאקטאר, געהאט א גוטע פרנסה דערפון, זענגען די רעשט אללײן אויך גענארט געוועזען...

— און פאר וואס דענן — שפּרינגט ער אויף — זענגען זיי אליין נישט געפאהרען?..

— נאך אזוינע נאראנים זאללען זיי זיין! עס איז זיכערער, אז יענער פּרופט... נור גענארט האבען זיך אללע; און געקאסט האט עס אונז אזוי פיעל געלד און בלוט נור דעריבער, וואס קיינער האט א לאנגע צייט קיין כח נישט געהאט מודה צו זיין, אז מען האט זיך גענארט...

— און היינט?

— טהייל נארט מען זיך נאך... אסך האבען זיך ליעב צו נארען... אסך זענגען שוין צו ווייט פערקראכען...

— נור ווער האט עס אויסגעקלערט, ווער? אינטערעסירט זיך גבריאל, וועמען איז עס איינ־געפאללען? א פּראסטען יוד אודאי נישט...

— געוויסס נישט... איינגעפאללען איז עס אזוינעם, וואס וויל זיך טאקי „סליאיען"... וואס האט גירעכענט, אז קוים וועט מען פּטור ווערען די פּראסטע, ארמע מאססע, וועט ער מיט דער קליינער רעשט שוין נבלע ווערען בנעימות ובשתיקה...

און די רעשט — ווי געזאגט — האט איינם דאס אנדערע און זיך אלליין גענארט.

פיתוך אנגאראשו.

א סוף.

(מאנאלאגען פון א שלים־מזל)

1.

... ענדע! א סוף! איין עק!

און וואס ווייטער? וואס וועט ווייטער זיין מיט מיר? יעצט האבען זיך שוין אללע קוואללען אויסגעטריקענט. איך האב זיך געווארפען אויף אללע זייטען, געוואלט אללע עבודה־זרות איבערדינען — און אומזיסט. פון וואס לעבט מען? וואס עסט מען?

עס מישט זיך מיר אין מח, עהרענווארט! איך קאנן שוין נישט טראכטען וועגען אללע מיינע פלאנען, זיי קריכען מיר גאר אין קאפף נישט. עסען — עססען וויל איך! ברויט — א שטיקעל ברויט! צו וועל איך דענן שטארבען פאר הונגער? גאטט מיינער, עס פערהאפט מיר דער אטהעם, עס שוידערט מיר דער לייב, עס בעגיסט מיך מיט שווייס! איך וועל שטארבען פון הונגער! איך וועל שטארבען פון הונגער!

עס ברענט מיר אין קאפף. אט איז א סוף פון אללע מיינע פלאנען: זעלבסטשטאנדיגקייט, זיין א בעל הבית אויף זיך, נישט ווערען געטראטען פון יענעמס פיס... אוי! א! עס ווילט זיך מיר עפיס טהון! ברעכען, רייסען, בייסען, צופען! גאטט מיינער, איך וועל שטארבען!

אוף! מיט מיר וועט זיין, דאכט זיך, א קאנוואולסיע. די נערווען לאפען. איך וועל, דאכט זיך, משוגע ווערען. וואס איז די פעולה, איך רייב דען שטערן. רייב היינט, רייב מארגען!

וואס טהוט מען? וואס העבט מען אן צו טהון?

שא, איך האב נאך עפיס צו פרובען. אויב דערפון וועט זיך גאר נישט אויסלאזען — יענמאלט, יענמאלט וועט מיר צונויץ קוממען דער טשוואק אין באלקען.

הא, הא, חא! זעלבסטשטאנדיגקייט, א פריי לעבען, העלפען מענשען, לעבען פון דעם אנדערנס זויגען — און א טשוואק אין באלקען, הונגער־טויד, חא, חא, חא! ניין, מען דארף געהן אין א „פאדריאד". איך האב, דאכט זיך, א גרויסען טאלענט מצה ראדלען, חא, חא, חא! איך לויף. לעבען זאללען טאלענטירטע הענד!

2.

געלונגען! זוי איך בין א יוד, געלונגען!

דער פאדריאדטשיק האט מיך בעקוקט פון קאפף ביז די פיס, שטרענג נעקוקט אויף מיר: מיינע צוריססענע קליידער און דער קאטה אויף מיר זענען איהם, א פנים, געפאללען געווארען. עס

פאסט פאר א מצה־ראדלער. דערנאך האט ער א שמייכעל געטהאן. איך וועל שווערען מיט זיינע בארד און פאות, אז ער האט פערשטאנען, וואס איך בין. פערשאלטענע בילדונג, דו קריכסט פון די אויגען! נור היינטיגען מאל האט זי מיר נישט קאליע געמאכט. ער האט נור א שמייכעל געטהאן און געהייסען אבראדלען א מצה. ביי'ם עקזאמען האב איך אזוי נישט געציטטערט. רבונו של עולם, ווענן איך האלט נישט אויס דען עקזאמען! נור דען עקזאמען האב איך אויסגעהאלטען. דאס מצה ראדלען איז מיר גליקליכער אראב, ווי די לאטיינישע איבערזעטצונג. וויוואט דאס מצה־ראדלען! איך וואלט שווערען, אז די בילדונג האט מיר נאך דאס מאל א טובה געטהאן, איך וואלט זיך דאס פון איהר נישט געריכט. דער פאדריאדטשיק האט מיר אפילו געזאגט „דו", נור געגעבען מעהר ווירער איין אנדערן, אזוי האט ער על כל פנים געזאגט; איך וועל איהם גלויבען.

און איך בין א מצה־ראדלער געווארען. מיר האט זיך שטארק געוואלט, אז אין „פאדריאד" זאלל אריין איינער פון אונזער שטאדט, איך וואלט איין אמת פערגניגען געהאט. איך וואלט טייוולאניש געלאכט. איך וואלט עפיס יענען דורכשטעכען. פאר וואס? ווייס איך נישט. נור מירווילט זיך נקמה נעמען פון אללע מיינע שטאדטיגע. ר־ר־ר־ר, ברדר, נקמה! ציארט איך פאדערי!!..

איך בין באז אויף דער גאנצער וועלט! איך וואלט יעצט, דאכט זיך, א מענשען געקוילעט און רוהיג געקוקט, ווי עס גיסט זיך פון איהם דאס בלוט, ווי ער חארהעלט, ווי ער ווארפט זיך; זיין קרעכצען, זיין שרייען, זיין וואיען, וואלט ביי מיר געוועזען די בעסטע מוזיק. איך וואלט איהן נאך אפשר דערביי געקניפען, געביססען, געשטאכען!..

דאס הארץ צורייסט זיך מיר, אוף!

נור איך וועל דאך אזוי משוגע ווערען. איך האב אין זיך אללע סמנים פון א משוגענעם. פע, יעצט משוגע ווערען — איך בין דאך עפיס א מצה־ראדלער! חא! חא! חא!

איך וועל בעססער טראכטען וועגען פאדריאד. א פינסטרע גרוב, פערשטיקטע לופט; צושויבערטע קאפף, אויסגעדארטע געזיכטער, צופיצעלטע קליידער, הונגעריגע נפשות, איבריגע נשמות, לעריגע מיילער, קאטה פון לעבען, קללות, חרמות, ציניזם, גראבהייט...

נו, און וואס נאך? שא, אין ווינקעל, ענטגעגען טהיר — א הויכע מאדעל, עדעל־פריש, שווארצע אויגען, א געמאכטע נאז, הן־גריבלעך... ווי איך בין א יוד, מען דארף גאר אנהעבען שפיעלען א ראמאן, חא, חא, הא! א ליובקע אין פאדריאד צווישען דעם מצה־ראדלער און א האלגערקע. אויף

אַ דוּעֶל אַרױסגערופֿען דען מצה־װעטצער, בּעקומען אַ װאונד אין האַרצען מיט דער לאָפּעטע און פֿאַ־ טיש אױסגעצױגען דאָס קאַלטע ראָדעל נעבּען דער בּלײַבּער קאַטשעלקע.

טפֿו! איך װער דאָך טאַקי משגע!

3.

הײנט האָבּ איך זיך אָנגעגעסען פֿאַר אַללע הונגריגע טאָג פֿון אַ גאַנץ יאָהר און װאָלפֿיל גע־ קאָסט. איך האָבּ געגעסען מצה. דערצו האָבּ איך מיך דערמאָנט, אַז איך האָבּ ליעבּ געהאַט מצה מיט מילך. דאָס איז געװעזען לאַנג, גאַנץ לאַנג... האָבּ איך זיך געקױפֿט מילך און גע־ שטאָפּט זיך אַ גאַנצען טאָג מיט מצה און מילך, דער בּעל־הבּית קוקט מיר אין די אױגען אײַן לאַבּט. אָט, אַ שופֿט! ער פֿערשטעהט, װאָס איך בּין.

— װי לאַנג האָסט דו שױן קײן מצה נישט געגעסען? האָט ער מיך געפֿראָגט מיט אַ חיטרען שמײכעל.

װען ער װאָלט קײן לאַנגע קאַפּאָטע נישט געטראָגען און קײן פּאַריאַטשיק פֿון מצה בּאַקען נישט געװעזען, װאָלט ער זיכער װײט אַװעק.

ער העבּט שױן אַן אַרײַנבּרײַנגען מיך אין בּעם מיט זײַן קוקען. װאָס װיל ער? ער װיל אַבּיסל שפּאַס טרײַבּען אױף מײַן חשבּון? דאָס װעט איהם נישט געלינגען! איך האָבּ הײנט שאַרפֿע צאָהנער. זײ האָבּען זיך שטאַרק אָנגעשאַרפֿט, זינד איך האָבּ אױפֿגעהערט צו עססען. ער װעט בּײ מיר אַרױס בּשן ועין.

און נישט ער אַלײן — אַללע קוקען אױף מיר, אפֿילו דאָס שאָנע מאָדעל קוקט אױך. נור דאָס איז שױן אײן אַנדער קוקען. איך האָבּ קײן שפּיגעל נישט, נור איך גלױבּ, אַז איך בּין זעהר שאָן אין דעם װײסען פֿאַרטוך, װאָס פֿערדעקט מיר די שמוא־ טעס מײנע.

זײ פֿערשטעהען אַללע, אַז איך בּין נישט קײן „אײַנפֿאַכער" מצה־ראָדלער. פֿון װאַנען פֿערשטעהען זײ דאָס? פֿון די אױגען, אַרױסקריכען זאָללען זײ! נור די ־רהױפּט שולדיג איז די בּילדונג. איך װײס נישט, מיט װאָס פֿאַר אַ קללה איך זאָלל זי שילטען.

איך האָבּ געװאָלט עפּיס רעדען מיט זײ, נור איך האָבּ נישט געקאָנט. איך געפֿין עפּיס קײן טעמא נישט, איך האָבּ נישט פֿון װאָס צו רעדען מיט זײ. שװײג איך; לאָזען זײ פֿון מיר. נור איך װאָלט נישט געקאָנט רעדען, װען איך װאָלט אפֿילו געהאַט פֿון װאָס. איך קאָן נישט רעדען. איך בּין בּאָז! איך װיל זיך זידלען. און איך װעל זיך מיט זײ זידלען. דער בּעל הבּית זאָלל בּעססער מײַט גוטען פֿון מיר אַנטרעטען!

די שאָנע װאָלגערקע מאַגנעטיזירט מיך. זי קוקט אױף מיר, איך אױף איהר. זי קוקט אַזױ ערנסט, מיט אײן אומעדיגען בּליק, גלײך זי װאָלט מיך בּעדױערען. איך האָבּ זי געװאָלט אָנרופֿען „נאַרר"— נור איהרע אױגען בּעװײזען אױף שכל. איך װעט זיך, אַז זי איז גאָר קײן נאַרר נישט.

איך האָבּ געװאָלט אָנהעבּען שרײען, װאָס קוקט זי אַזױ אױף מיר, נור פֿון קולות האָבּ איך זיך אײַנגעהאַלטען און אײַנגעדרונגען אין איהר אַ בּאָזען קוק. זי האָט אַראָבּגעלאָזען אַ פֿריהער די אױגען און דערנאָך אױפֿגעהױבּען זײ צוריק און װידער געקוקט אױף מיר. נור איהר קוק האָט זיך געבּיטען. זי האָט שױן געקוקט אױף מיר מיט אַ פֿאַר־ װאורף, װי זי װאָלט געזאָגט: „פֿאַר װאָס בּעלע־ דיגסט דו מיך?"

איך װאָלט געשװאָרען, אַז זי אױך האָט גע־ האַלטען עקזאַמען אַ פֿריהער אין גימנאַזיום און דערנאָך אױף מצה־װאָלגערן. נור פֿאַר װאָס קוקט מען אױף איהר נישט אַזױ, װי אױף מיר? נײן, דאָס איז אַ רײן קינד פֿון פֿאָלק, אַ ראָזע צװישען דאָרנער, אַ בּריללױאַנט צװישען שטײנער, שאָנהײט צװישען אַללערלײ האָסליכקײטען. נור בּילדונג קריכט איהר נישט פֿון די אױגען, נײן. איהרע אױגען דריקען עפּיס אַנדערס אױס: טוגענד, צניעות, גרױסמוטה, עדעלקײט, גוטהערציגקײט און שכל, שכל, שכל. בּילדונג װאָלט געװעזען אַ שאָנער ראַם; אַזױ איז זי אַ פּראָבּטפֿאַללעס בּילד אָהן אַ ראַם. נור דאָס בּילד בּלײבּט דאָך אַלײן פּראַכטפֿאָלל.

איך קוק אױף איהר און קאָנן זיך נישט אָבּ־ קוקען, איך בּין שױן נישט אַזױ בּאָז. אָבּער װאָס בּעדױערט זי מיך אַזױ? װאָס זעהט זי אין מיר? איך װאָלט זי שױן געפֿראָגט — שטעהט זי פֿער־ רוקט אין װינקעל, אָרום און אָרום מיט װאָלגערקעס און מען קאָנן אַ װאָרט נישט רעדען. פֿאַר נאַכט אַרבּײט זי זיך אָבּ פֿריהער פֿון מיר. מאָרגען, װען זי װעט זיך אָבּאַרבּײטען, מוז איך װאַרפֿען דאָס ראָדעל און לױפֿען נאָך איהר. אַזױ װעט עס זײן.

דער בּעל הבּית האָט בּײ מיר הײנט שױער נישט געקראָגען, נור ער האָט זיך אָבּגעטראָגען צו דער צײט. ער קלײבּט נחת, ער האָט עפּיס אַ װילדע הנאה, װאָס איך בּין בּײ איהם אַ ראָדלער. ער האָט הײנט געבּראַכט מיט זיך נאָך אײניגע לאַנגע קאַ־ פּאָטעס און געטײטעלט זײ מיט די פֿינגער אױף מיר. זײ האָבּען געלאַכט און געשאָקעלט צו מיר מיט די קאָפּ. איך בּין זיכער, אַז מאָרגען װעלען נאָך קומען כּהנה וכהנה. ער װעט בּאַלד מאַכען

בילעט'ן אונ צריינלאזען קוקען אויף מיר. ער וועט פערגולדטען ווערען.

מיר האט בשעת מעשה דאס בלוט אנגעגאססען אין געזיכט. שלעכט! זיי פייערן דען נצחון פון פינסטערניס אויף ליכטיגקייט, פון נאכט אויף טאג. זיי וועלען מיך שטעללען פאר א משל — דאס הייסט, אט צו וואס בילדונג ברייגגט! אין זייערע פאמיליען וועט שוין קיין מאהל קיין שטראהל פון בילדונג נישט אריינשיינען, פערפאללען. אונ שולדיג בין איך. ווי ער האט עס אבער דערשמעקט. איך בין איהם גרויס צושווערען, אז איך בין א האר נישט געבילדעט, אז איך וויים אונ קאנן גאר נישט, אז איך האב אויפ'ן עקזאמען בעקוכימען פון לאטייניש א צוויי. איך בין גרויס דייטליך צו ערקלעהרען איהם, אז א צוויי איז ארגער פאר א דריי, אז א צוויי איז א סימן, אז מען וויים נישט.

זי איז בלייך געווארען, ווען ער האט די יודען געטייטעלט אויף מיר מיט די פינגער. איך האב עס בעמערקט. זי האט זיך אבער פאר מיר בעלעדיגט, פאר דען מענשען, נישט פאר דער בילדונג. נור ווער וויים זי! ווער איז זי? וואס איז זי?

איהר אנטפערט מיר, שטערן,
איך וועל אייך בעשווערען...
פע, א נאררייש ליעדעל!

5.

איך האב נאכטען נביאות געזאגט: היינט האבען געשאטטען יודען קוקען אויף מיר. איך וועל ווערען איין אנטיסעמיט: יודען זענען חיטרע. ערשטענס האבען זיי געטראפען, אז איך בין א ליטוואק, צווייטענס, אז איך בין איין ארמער בעל־עברה'ניק, דריטטענס, אז מסתמא האב איך גוט געהונגערט. דאס האבען זיי גערעדט צווישען זיך בסוד, אז איך האב געהערט אונ זי מסתמא אויך. איך האב געזעה'ן נאך איהר.

איינער האט געפראגט, פון וואנגען קוגען איך דאס אזוי ראדלען.

דער צווייטער האט געאנטפערט, אז א ליטוואק קאנן אלץ. דאס האט ער שוין געזאגט א ליגען. נור איך בין איהם עס מוחל.

זיי האבען זיך אנגעשטעלט קוקען אויף מיר איך בין אין כעס געווארען.

— וואס קוקט איהר? האב איך א פראג געטהאן שטרענג. איך האב געפיהלט, אז זי האט א ציטטער געטהאן.

זיי האבען זיך צולאכט; איך בין נאך מעהר אין כעס געווארען.

— וואס האט איהר זיך אנגעשטעלט קוקען, זשידי פארשיווויע! האב איך שוין אויסגעשריען אויף די הויכע טאנער. איך האב געפיהלט איהר פאר־

ווירפליכען בליק. איך האב געוואלט חרטה האבען אויף מיינע לעטצטע ווארטער, פעראנטפערן זיך. נור איך בין נאך מעהר בעז געווארען. איך האב זיך קוים איינגעהאלטען נישט ארויפווארפען זיך מיט די פויסטען אויף די יודען.

— אז מיר זענען „פארשיווע זשידי", וואס ראדעלסט די יודישע מצה? האט מיך איינער פון זיי געפראגט.

ער האט מיר גענעבען מיט א שטיין אין קאפף. עס האבען זיך פעראנדערגעלאכט די יודען, עס האבען זיך פעראנדערגעלאכט די וואלגערקעס, דער זעטצער, דער גיססער, דער שיטטער; די מצות דאכט זיך, האבען געלאכט! נישט געלאכט האט זי נור, ברגז אנרוקענדיג די שאנע ברעמען אויף די ליכטיגע אויגען אונ אנקנייטשענדיג דען הויכען ווייסען שטערן. נישט געלאכט האב איך, ווייל דאס הארץ איז מיר פערגאססען געווארען מיט בלוט. איך בין שיער נישט צולאפעט געווארען פון כעס, פון שוואכקייט, פון נישט קאננען אנטפערן. מיין כעס האט דערגרייכט די העכסטע מדרגה. נור איך האב זיך איינגעהאלטען. איהר מילדער קוק האט מיר געהאלפען.

— וואס ווילט איהר? האב איך כמעט מיט א קרעכץ ארויסגערעדט, — וואס ווילט איהר? איהר ווילט וויסען, ווער איך בין? א ליטוואק. וואס איך בין? איין ארמער בעל־עברה'ניק. ווי קום איך אהער? איך האב געהונגערט. פאר וואס האב איך געהונגערט? דארפט איהר דאך צעהן מאל מעהר נאררישער זיין, ווי איהר זייט, דארף דאך ביי אייך א פריהער דער מארך זיך איבערקעהרען, איידער איהר זאלט פראגען אזא קשיה! וואס זייט איהר געקוממען קוקען? האב איך ערהאכערט די קולות מיט פערצווייפלונג, — איהר ווילט זעהען, ווי איינער, ראטעווענדיג זיך פון הונגער-טויד, פון דעם טשוואק אין באלקען ביי זיך אין צימער, איז ענטלאפען ראדלען מצה?.. וואס ווילט...

— ראדעל, ראדעל! האט מיך איבערגעריססען דער זעטצער, — ער האט זיך צו דרשנט! מע'קענן אייערע חברה, אין גהינם אלליין וועט עס נישט בעססער ווערען.

ער האט שוין עפיס גערעדט נישט צו דער זאך אונ פערטשעפעט א נייע טעמא. נור איך האב זיך ארויפגעווארפען אויף די מצה אונ מיט אללע כחות גענוממען עס ראדלען. עס האט זיך מיר געוואלט א ווארף טהון דאס ראדעל, א שפיי טהון אללעמען אין צורה אונ ענטלויפען, ענטלויפען. איך האב געראדעלט מיט וואוטה, מיט ווילדקייט, מיט נייענציג פראצענט פון א שטארקען, שטירמישען משוגענעם. די טויג האט זיך צום ראדעל געקלעבט, איך האב צוריסען א פיער מצות. איך האב גע־

וואַרפֿען דאָס ראָדעל אויף דר'ערד און געחאַפּט זיך פֿאַר'ן קאָפּף. מען האָט זיך דערשראָקען. די יודען זענען זיך גלייך צוגאַנגען; די וואָלגערקעס האָבען מיך גענוממען בערוהיגען. זי איז געוואָרען נעבען מיר.

— בערוהיגט זיך, האָט זי גערעדט מיט אַ זיסער קלינגענדער שטיממע, — וואָס דאַרפֿט איהר זיך פֿון אַ זאָלכע פּראָים אָבעססען דאָס האַרץ? איהר זייט אַ קינד.

אין איין מינוט האָב איך אַלץ פֿערגעססען און נור צוגעהאָרט זיך צו דער פֿיינער, ליעבער שטיממע. מיר איז געוואָרען מאָדנע אומעדיג — עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך וועל זיך צו־וויינען. זי האָט אויפֿגעהויבען דאָס ראָדעל, גוט אויסגעווישט עס און דערלאַנגט מיר.

— ראָדעלט, ראָדעלט, האָט זי געזאָגט, מאַכט זיך נישט אויס פֿון זייערע פּוסטע דבורים. עס פּאַסט נישט פֿאַר אַ געבילדעטען מאַנן.

איך האָב אויפֿגעהויבען אויף איהר די אויגען: פֿון וואַנען ווייס זי עס? איך האָב איהר געוואָלט עפּיס זאָגען און נישט געוואוסט וואָס. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז מען דאַרף איהר בעדאַנקען פֿאַר די טראָסט־וואָרטער, נור זי איז שוין געוועזען אויף איהר אָרט. האָב איך איהר פֿון וויטען בעדאַנקט פֿאַר דאָס ראָדעל, וואָס זי האָט אויפֿגעהויבען און אויסגערייניגט.

— נישטאָ פֿאַר וואָס! האָט זי געאָנטפֿערט מיט אַ ליעבליכען שמייכעל.

איהר שמייכעל, איהר קוק האָבען מיך דערקוויקט. עס האָט זיך מיר פֿערוואָלט אַרויפֿפֿאַללען איהר אויפ'ן האַלז, וויינען ביי איהר אויפ'ן האַרץ, טראָסטען זיך מיט איהרען אַ קוש...

איך האָב שוין געוואַרט מיט אומגעדולד, ביז זי וועט זיך אָבאַרבייטען. אָבער אומזיסט: מען האָט מיך בשום אופֿן נישט אָבגעלאָזען — נישטאָ קיין צווייטער ראָדלער. איך האָב געמיינט, איך וועל פּלאַטצען.

פֿוי, די טייפֿעל! איך קאָנן נישט איינשלאָפֿען: דאָס מאָדעל קריכט מיר פֿון קאָפּף נישט, זי שטעהט מיר פֿאַר די אויגען; איהר שטיממע קלינגט מיר אין די אויערן; אָט זעה איך איהר מילדען קוק. ווי ער דרינגט מיר אַריין אין האַרץ! עפּיס ווערט מיר אַזוי וואַרם, אַזוי אַנגענעהם. עפּיס צוגיסט זיך מיר אַ זיסקייט איבער אַללע גליעדער. פֿון וואַנען קומט עס צו איהר? וואָס איז דאָס פֿאַר אַ מאָדעל? איין אַלטע קשיה! ווי אַזוי האָב איך ביז אַהער נישט דערוואוסט? עס איז אפשר נישט מעגליך געוועזען? כזב ושקר! ווי אַזוי האָב איך טאַקי נישט דערוואוסט? וואָס האָב איך נישט דערוואוסט? טפֿוי, די טייפֿעל, עס מישט זיך מיר אין מח!

ווי זי שטעהט דאָס פֿאַר די אויגען! איך האָב עפּיס קיינמאָל נישט געזעה'ן אַזאַ...

וואָס איך וועל היינטיגע נאַכט נישט שלאָפֿען? ניין, איבערגעקעהרט זאָלל וויערען אויף דער אַנדער זייט און איינגעשלאָפֿען! איך וועל צאָהלען ביז הונדערט. איינס, צוויי, דריי, פֿיער, פֿינף, זעקס, זיעבען... ווי עס קלינגט איהר שטיממע! וואָס פֿיר אַ זיסקייט! קלינגט אַמאָל אַזוי אַ פֿאָרטאָפּיאַנאָ? עפּיס קלאַפּט מיר שטאַרקער דאָס האַרץ. עס פֿעהלט מיר מעהר נישט פֿערליעבען זיך! נור איך בין נישט פֿעהיג אויף אַ זאָלכע זאַכען. איך האָב זי נישט ליעב; איך האָב זי אפילו פֿיינד. ווען זי שטעהט יעצט נעבען מיר, וואָלט איך... זי איינשלינגען. אוי־אוי־אוי, איך האַסס זי, איך קאָנן זי נישט ליידען! וואָס בין איך משוגע! איך וויללל זיך איינשמועסען, אַז איך האָב זי פֿיינד, און דאָס בלוט לויפֿט אין מיר שנעללער, שטאַרקער, הייסער; אין די שלעפֿען קלאַפּט אַזש נור. פֿוי! מען מוז איינשלאָפֿען, האַלטען קאָפּף און צאָהלען, דאָס איז אַ גוטע סגלה. איינס, צוויי, דריי, פֿיער...

בין איך פֿערליעבט, האַ? וואָס פֿערליעבט בין איך? וואָס פֿאַר אַ קוק ביי איהר איז?! אַ שאַרפֿעס שווערט... איך טראַכט שוין ווייטער וועגען דאָס מאָדעל!... איינס, צוויי, דריי, פֿיער, פֿינף... איך וועל גאָר טראַכטען וועגען איין אַנדער זאַך. מען דאַרף פֿון זיך דאָס מאָדעל אָבטרייבען. וואָס זאָגסט דו צו דיין בעל הבית? ווי פֿערשטעהסט דו די יודען? דער פֿאַנאַטיזמוס איז נאָך זעהר שטאַרק, שטאַרק איינגעוואָרצעלט געוואָרען אין די הערצער און מהות. זיי האָבען אַ ווילדע הנאה, וואָס אַ געבילדעטער הונגערט: זיי זעהען אין דעם „בעשיינפערליך" אַ גאָטט'ס זאַך. בילדונג איז ביי זיי שטאַרק צוזאַממענגעבונדען מיט פרנסה. נאָך איין אָרמען געבילדעטען דאַרף מען נאָכלויפֿען אין די גאַססען. וואָס איז פֿערהאַנן צוקוקען, וואָס איך ראָדעל מיצה? איך ראָדעל... ראָדעל... ראָדעל... ווי שאָן זי שטעהט ביי'ם וואָלגערן! זי דרעהט זיך נישט איין אין פֿיער'ן, ווי אַללע. זי שטעהט שלאַנק, עדעל, גראַציאָז, ווי אַ בוים... איך וועל פּרובען אַזוי ראָדלען... געחאַפּט דאָס ראָדעל און אַ שליידער געטהאָן אויף דר'ערד... „וואָס דאַרפֿט איהר זיך אָבעססען דאָס האַרץ?"... „ראָדעלט, ראָדעלט"...

אַח, ציאָרט וואָזמי! איך ברעדיע דאָך. איינס, צוויי, דריי, פֿיער, פֿינף, זעקס, זיעבען, אַכט, נייען...

(פּ. פּ.)

דוד פּינסקי.

וו. גאַרשין.

דאס, וואס איז נישט געוועזען.

אין א שאנעם שרעקליך־הייסען זוממער-טאג, א יוניגאר 12, ווען די זונן האט פשוט געברענט, איז אלץ כמעט געשלאפען: מענשען האבען אבגעגעססען מיטטאג און געלעגט זיך אברוהען; די פאגלעך זענען שטילל געווארען, אפילו פליגען האבען זיך בעהאלטען פאר דער היטץ. וועגען די הויזליבע טהירע איז גאר נישט דא וואס צורעדען: בהמות, גרויסע און קליינע, האבען זיך בעהאלטען הינטער'ן שפייכלער פון תבואה; דער הונד האט זיך דארט אויסגעגראבען א גרוב, אנידערגעלעגט זיך און, מיט האלב פערמאכטע אויגען, שווער געאטהעמט און דערביי ארויסגעשטעקט די רויטע צונג כמעט אויף א האלב ארשין; צייטענווייס, געוויס פון מרה שחורה, האט ער געגעניצט אזוי הויך ווי פון א האָרן. מאדאם „צוויין" האט זיך מכריח געוועזען צום ברעג פון טייכעל און אויסגעצויגען זיך דארטין מיט איהרע דרייצעהן קינדער־לעך. פון דער שווארצער, פעטטער בלאטע האבען ארויסגעשטארט די חזירשע שנויצען, אהנליכע צו מטבעות מיט צוויי לאכער, וואס האבען געאטהעמט, לאנגליכע, מיט בלאטע אויסגעשמירטע, חזירשע רוקענס און גרויסע, לאנג אראבגעלאזטע אויערן. נור היהנער אלליין האבען זיך נישט געשראקען פאר די היטץ. זיי האבען ווי עס איז פערטריבען די צייט, גראבענדיג מיט די פיסלעך די טרוקענע ערד געגענאיבער דעם גאנעק פון קיך, חאטש זיי האבען גוט געוואוסט, אז זיי וועלען קיין איינציג קארענד'ל נישט געפינגען. דער האהן האט זיך, א פנים, אויך נישט גוט געפיהלט; ער האט עפיס בעקוממען א צורה פון א גולם און מיט'ן גאנצען כח געשריען: „א סקאנדאל א ביסל!"

אין גארטען, אויף איין ארט, וואו עס איז הייסער געוועזען ווי אומעטום, איז געזעססען א גאנצע געזעללשאפט פון נישט אויסגעשלאפענע שררות, דאס הייסט, געזעססען זענען נישט אללע: דער אלטע גניאדי, למשל, האט פון שרעק פאר אנטאן דעם שמייסערס בייטש גאר נישט געקאנט זיטצען: אנטאן האט דא נישט ווייט צו-ווארפען א הויפען היי; א ווארמיל, פון וועלכען עס וועט מיט דער צייט ארויס א זוממער-פליגעלע, איז אויך נישט געזעססען, גיכער — געלעגען אויפ'ן בויך. נור עס רעדט זיך שוין אזוי... זיי זענען געזעססען! דארטין אויפ'ן ארט, נישט ווייט פון הויפען היי, אונטער'ן שאטטען פון א קירשענבוים האט זיך פער־קליבען גאר א קליינע, נור זעהר א וויכטיגע קאמפא־ניע: א שנעק'ל, א מיסט־קאפער (זשוק), א עגדיס'ל (יאשציערקע) און דאס אויבען דערמאנטע ווארמיל; צו זיי איז אונטערגעשפרונגען א היישערעק; דער־ביי איז געשטאנען דער אלטע גניאדי און צוגעהארט זיך מיט איין גניאדען אויער, פון וועלכען עס האבען ארויסגעשטעקט א פאר גראהע האר; אויפ'ן גניאדי זענען געזעססען א פאר פליגען. די קאמ־פאניע האט גאנץ ערעל, נור לעבענדיג געפילא־זאפירט, „געחקרנט זיך". ווי עס פיהרט זיך, האט איינער דעם צווייטען נישט נאכגעגעבען, ווייל יעדער האט הויך געשאטצט זיין אייגענע מיינונג.

— נאך מיין מיינונג, האט געזאגט דער מיסט־קאפער, — דארף א לייטישע בריאה אם אללעם־ערשטען זארגען פאר קינדער. דער, וואס טהוט ווי געהעריג דאס, צו וואס ער איז בעשאפען געווארען, דער געהט בדרך הישר; ער ווייס זיין זאך, און וואס עס זאל נישט געשעהען, איז ער פטור פון אחריות. גיט א קוק אויף מיר! ווער הארעוועט נאך מעהר פון מיר? ווער קייקעלט גאנצענע טאג נאך אנאנד אהן איין אויפהער אזא שווערע גרויסע קויל? א קויל, וואס איז אזוי קונציג קיילעכיג ארויס פון מיסט און דיענט צו אזא גרויסען צוועק, עס זאללען זיך האדעוועז אין איהר אזוינע מיסט־קאפער, ווי איך בין? דערפאר ווייס איך נישט, אויב נאך איינער קאן מיט אזא ריינעם געוויססען און רוהיגען הארץ זאגען: „יא, איך האב געטהאן אלץ, וואס איך האב געקאנט און געדארפט טהון!" אויב נאך איינער קאן זאגען די ווארטער, ווי איך, ווען אויף דער וועלט קומט אן א נייער דור מיסט־קאפער. אט וואס הייסט פראצע!

— נו טראג זיך, ברודער, מיט דיין פראצע! האט געזאגט די אמייזע (מוראשקע), וואס האט נישט קוי־קענדיג אויף די היטץ געבראכט צושלעפען א גרויס שטיק טרוקען שטענגעל, בשעת דער מיסט־קאפער האט גערדשנט. זי האט זיך אויף א מינוט אבגע־שטעלט, צוגעזעצט זיך אויף די הינטערסטע פיסלעך און מיט ביידע פאדערסטע אבגעווישט דען שוויס פון פנים. — איך הארעווע דאך אויך, און כעהר פאר דיר! נור דו ארביייסט פאר זיך אדער פאר דיינע קליינע קאפער. נישט אללע זענען אזוי גליקליך... דו וואלסט געפרובט שלעפען קלאטצער אט ווי איך. איך ווייס אלליין נישט, וואס עס צווינגט מיך, איך זאלל הארעוועז, קריכען אויס דער הויט אפילו אין אזא היטץ. קיינער וועט דערפאר אפילו קיין דאנק נישט זאגען. מיר אונגליקליכע ארבייטס־אמייזען הארעוועז אללע מיט'ן לעטצען כח! און וואס איז אונזער לעבען? א מזל א ביסל!..

— איהר, העדר מיסט־קאפער, קוקט צו פראסט, און איהר, פרוי אמייזע, מאהלט דאס לעבען אין צו פינסטרע פארבען, האט אנגעהויבען דער היישערעק

צו קנאקען: — ניין, הערר קאפער! אמת, איך האב טאקי ליעב א קנאק, א טאניץ, א שפרונג, אבער נישט מעהר... דאס געוויססען פלאגט אבער נישט! גלאט זייט איהר אראב אן א זייט און פערי אנטפערט גאר נישט די פראגע, וואס פרוי עגדיס האט געשטעלט, זי האט געפראגט: „וואס הייסט א וועלט?" און איהר רעדט וועגען א מיסט-קויל! דאס איז זאגאר נישט עדעל. די וועלט איז, נאך מיין מיינונג, שוין דערפאר אלליין א גוטע זאך, וואס אין איהר איז דא פאר אונז א יונג גראזעל, א זונן, א ווינטעל. און די וועלט איז גרויס. איהר קאנט דא צווישען די בוימער גאר קיין בעגריף נישט האבען, ווי גרויס זי איז. ווען איך בין אין פעלד, שפרינג איך אונטער אין דער הויך, ווי איך קאן נור — און גלויבט מיר בנאמנות, איך דערגרייך בענוג-גענוג הויך — יענמאלט זעה איך ערשט, אז די וועלט האט גאר קיין סוף נישט.

— אמת! האט טיעפזיניג בעמערקט דער גניאדי, — קיינער פון אייך האט נישט געזעהן א הונדערט חלק פון דעם, וואס איך האב זיך אנגעזעהן אויף מיין לעבען. שארע, וואס איהר קאנט נישט פערשטעהן, וואס איז דאס אזוינס א וויארסט. א וויארסט פון דאנגען איז דא א דארף לופאווקא — אהין פאהר איך יעדען טאג נאך וואסער — נור דארטין קארמעט מען מיך קיינמאל נישט. און פון צווייטען זייט איז דא נאאומאוקא, זויעראווקא — דארטין איז דא א מקום קדוש מיט א נר תמיד; ווייטער איז א דארף סוועטי דוך און דערנאך באגאיאוולענסק. אין באגאיאוולענסק גיט מען מיר היי, נור שלעכטע; אט אין ניקאלאיעוו — דאס איז אזא שטאדט, אבט און צוואנציג וויארסט פון דאנגען — איז גאר גוטע היי און מען גיט נאך האבער אויך. איך האב אבער פיינד אהין צו פאהרען: אהין פארט אויף אונז דער אדון אלליין און הייסט דעם קוטשער אונטערטרייבען, און דער קוטשער שמייסט שוין מיט צו פיעל חשק... עס איז נאך דא גלופאווקא, בעלאזיערקא, חערסאן — אויך א שטאדט... נו, קאנט איהר דאס אלץ פערשטעה'ן? אט דאס הייסט א וועלט! דאס איז נאך אויך נישט גאר, אבער דאך שוין א היבש שטיק וועלט.

און דער גניאדי איז ענטשוויגען געווארען, נור די אונטערסטע ליפ האט זיך נאך בעוועגט ביי איהם, פונקט ווי ער וואלט נאך עפיס געשעפטשעט. דאס איז געוועזען פון אלטקייט. ער איז שוין געוועזען אלט זיעבצעהן יאהר און פאר א פערד איז דאס אלץ איינס, ווי ביי א מענשען זיעבען און זיעבציג.

— איך פערשטעה נישט אייערע פערדישע רעד און, דען אמת זאגענדיג, יאג איך זיך גאר נישט

ווי צו פערשטעה'ן, האט געזאגט דאס ווארמיל. — איך דארף נור האבען א לאפוך און גענוג. אט קריך איך שוין פיער טאג און עס איז נאך נישטא דער ברעג. נאך דעם לאפוך איז דא נאך א לאפוך, און אויף יענעם זיצט נאך א ווארמיל. אט האט איהר אין גאנצען, און איך דארף גאר ארגיץ נישט שפרינגען — דאס איז אלץ אויסגעקלערטע זאכען, פוסטע מעשות. זיצן זיך דיר, עסס דאס בלאטט, אויף וועלכען דו זיטצסט. אז איך וואלט זיך נישט געפוילט, וואלט איך שוין לאנג אוועקגעגאנגען פון אייך און אייער געשפרעך. פון אייער פלוידעריי העבט אן דער קאפף וועה צו טהון און מעהר גאר נישט.

— ניין, אט לאזט נור, פאר וואס-זשע? האט איבערגעשלאגען דער הוישערעק, — קנאקען איז זעהר אנגענעהם און איבערהויפט וועגען א זאלכע הויכע ענינים. פערשטעהט זיך, עס זענען פערהאנן פראקטישע נאטורען, וואס טראכטען מעהר נישט, ווי אנצופאקען דען בויך, אט ווי איהר, הערר שמעטטערלינגס-ווארמיל...

— אח! זעהט, לאזט מיך, איך בעט אייך, טשעפעט מיך נישט! איך טהו עס נור צוליעב עולם הבא, צוליעב יענע וועלט.

— וואס פאר א יענע וועלט? האט געפראגט דער גניאדי.

— איהר ווייסט דען נישט? האט געאנטפערט דאס שמעטטערלינגס-ווארמיל, — אז נאכ'ן טוידט וועל איך ווערען א פליג, א שמעטטערלינג מיט פערשיעדענפארביגע פליגלען?

דער גניאדי און דאס עגדיס'ל האבען דאס גאר נישט געוואוסט; די פליגען האבען עפעס יא געהאט א בעגריף דערפון, נור זעהר א שוואכען. אללע האבען געשוויגען, ווייל קיינער האט נישט געקאנט זאגען וואס עס איז וועגען יענער וועלט.

— פעסטע איבערציינגונגען זענען ווערטה דען גרעסטען כבוד, האט א קנאק געטהאן דער הוישערעק, — ווינשט פיליייכט נאך ווער עס איז צו רעדען? פיליייכט איהר? האט ער זיך געווענדט צו די פליגען, און די עלטסטע פון זיי האט אנגעהויבען צורעדען:

— מיר קאנען נישט זאגען, אז אונז איז שלעכט. מיר קוממען ערשט פון די גרויסע זאלען: די מאדאם האט אנגעשטעלט אין שאלען קאנפעטורען און מיר זענען פערקראכען אונטער די דעקלעך און גענאשט. מיר זענען צופריעדען. אונזער מאמעניו איז דערשטיקט געווארען אין די קאנפעטורען, נור וואס זאלל מען טהון? זי האט שוין איהר וועלט'ל אויסגעפיהרט און מיר זענען צופריעדען!

— רבותי! האט געזאגט דאס עגדיס'ל, — איך קלער, אז איהר זייט אללע דורכאויס גערעכט;

נור פון צווייטען זייט...

נור דאס עגדיס'ל האט זיך אבגעהאקט אונ האט טאקי אזוי נישט אויסגעזאגט, וואס איז פון צווייטען זייט, ווייל זי האט געפיהלט, ווי עפיס האט איהר שטארק צוגעדריקט דען עק צו דער ערד.

דאס איז געוועזען דער שמייסער אנטאן, וואס האט זיך ערשט אויפגעכאפט פון דרעמיל אונ איז נעקוממען נאכ'ן גניארי. ער האט אונגערן ארויפגעטראטען מיט זיינע גרויסע שטיפעל אויף דער געהערטער קאמפאניע אונ האט זי צערוניק; מעהר נישט די פליגען זענען אוועקגעפלויגען ארומ־לעקען זייער טוידטע מיט קאנפעטורען בעשמירטע מוטטער, אונ דאס עגדיס'ל איז ענטלאפען מיט איין אבגעריסענעם עק. אנטאן האט אנגענוממען דען גניארי פאר'ן טשוב, ארויסגעפיהרט איהן פון גזרטען איינצושפאנען אין פאס אונ פאהרען נאך וואסער אונ דערביי געזאגט: „נו שלעפ זיך, דו, עקיגער!" דער גניארי האט דערויף שטיל געמור־מעלט.

אונ דאס עגדיס'ל איז געבליעבען אהן איין עק. אמת, אין א צייט ארום איז ער אבגעוואקסען, נור אויף איבריג געבליעבען א ביסל טעמפ אונ שווארצליך. אונ אז מען פלעגט פראגען דאס עגדיס'ל, ווי אזוי האט זי דען עק פערלארען, פלעגט זי אנטפערן מיט ענוות:

— מען האט מיר איהן אבגעריסען דערפאר, וואס איך האב מיך בעשלאסען אויסצוזאגען מיינע איבערצייגונגען.

אונ דאס עגדיס'ל איז געוועזען גאנץ גערעכט.

איבערזעצט דור

אהרן הורוויץ.

שלמה דער ווינער.

ערצאהלונג.

ר' שלמה דער ווינער אדער ר' שלמה דער חסיד, ווי אנדערע פלעגען איהן רופען, איז געוועזען באמת א גרויסער חסיד. ערשטענס האט זיין גאנצע קליינע איינגעהיקערטע פיגור, דאס מערידין־געזיכט, דאס אויסגעקראכענע, שיטטערע, שפיטציגע בארדעל, די בלינדליבע, רינגענדיגע אויגען, עדות געזאגט, אז ער איז א חסיד; צווייטענס, איז ער געזעסען ביי'ם ווייב אויף דער האלז אונ האט נישט א קלאפ געטהאן זיין גאנץ לעבען א פינגער אין א פינגער; דריטענס איז ער געלאפען אלע טאג אין דער פריה אין מקוה ארצוב צושווייגקען די עברות, וואס האבען זיך אויף איהם פאר א טאג אנגעקליעבען; פיערטענס פלעגט ער גאנצע טאג אבזיטצען אין בית המדרש. ער האט פייגד געהאט צו זיין אין דער היים: וואס וועט ער דארטען טהון? קוקען אויף דער פלונית'טע? אין בית־מדרש פלעגט ער איינקוקען אין א ספר, חאפען א ווארט מיט א למדן א בטלן, דורכשמיעסען זיך מיט ליזבע דעם מלמד, וואס האט געהאט טויזענד איין נאכט צו דערצאהלען פון דעם אלמען, מיטטעלען אונ יונגערען רבי. דארטין איז געוועזען זיין וועלט; דארטין האט ער געלעבט, געפיהלט, אז ער לעבט.

בין מנחה למערב פלעגט ער זאגען „עין יעקב" פאר'ן עולם. זיין זאגען איז געוועזען „אהן פליטע־לעך", נור פון דעסטוועגען האבען אללע מסכים געוועזען, אז ער איז א יוד א מופלג.

אפט פלעגט מען איהן זעה'ן ארומגעה'ן מיט ליזבע דעם מלמד קלייבען נדבות אויף איין ארמע כלה, אויף איין אלטען בטלן, אויף דעם שמש'ס ווייב, וואס ליעגט אין זיעבעטען קינדבעטט, אונ נאך אזעלכע זאכען.

זיין ווייב פרומה גיטעל איז געוועזען די שפייז־זערין. דאס געשאפט האט זיך געהאלטען נור אויף איהר. דען ווייין האט זי אלליין געכאפט, אלליין געפראוועט, אלליין ארומגעטראגען איהן אללע ערב שבת אונ יום טוב צו די בעלי־בתים. צוזעהן די קינדער איז אויך געוועזען אויף איהר. נור זי האט זיך נישט געקלאגט: זאלל ער ארבייטען וועגען יענער וועלט, זי — וועגען דער וועלט אונ ממילא וועלען זיי שוין זיין איביגע שותפים.

נור איין טאג אין יאהר איז געוועזען, וואס ר' שלמה פלעגט פערלאזען די „דלית אמות" פון בית מדרש, דאס ארבייטען וועגען יענער וועלט אונ עוסק'ן זיך א ביסל אין דער וועלט. דאס פלעגט זיין ערב פסח, דער יריד ביי די ווייגער. אין יענעם טאג זענען זיינע האנד געוועזען „פולל מיט ארבייט": אויסשווייגקען די קונים'ס כלים, פערצייכנען אין רעעסטער, נעהמען געלד, געבען אויסגאב אונ שווערען בנאמנות, אז דער ווייין איז גאר איין אנטיק, א הפלא, אז דער מלך מאג איהן טרינקען.

איינמאל ערב פסח איז ר' שלמה געבליעבען אלליין אין קעלער: פרומה גיטעל האט נאך געהאט אסך מלאכה אין שטוב. עס איז שוין געוועזען שפאט, ר' שלמה האט זיך צוגעקליעבען פער־שליסען דען קעלער. פלוצלינג איז אריינגעפלויגען פערסאפעט משה דער שניידער, א לאנגער, דארער יוד, מיט איינגעפאללענע אויגען אונ א מאגערען געזיכט, וואס איז געוועזען בעוואקסען מיט א ברייטער גראהליכער בארד. אונטער דער האנד האט ער געהאלטען א פלאש.

— ווי פֿערשפּאַטיגט זיך אַ יוד מיט ווייַן נעהמען? האָט איהן ר' שלמה פֿאָרווירפֿליך געפֿראָגט. — ווייַן נעהמען דאַרף זיין דאָס ערשטע זאַך, די כּוסות, אַ קלייַנגקייַט די כּוסות!

— אוף! האָט אָבגעסאַפּעט דער שניידער, — ביז יעצט האָב איך געדראַפּט אַרבייטען ירוחם דעם מעהלער'ס קאָסטיום...

— טאָ מאַך זשע יעצט קיין שהיות, האָט ר' שלמה איהן איבערגעריסען, — עס איז שוין גאַנץ שפּאָט. נו, וואָס פֿאַר אַ ווייַן ווילסטו? שטאַרקען, זיסען, שוואַכען? וויפֿיעל ווילסטו נעהמען? נו, גיכער.

ער האָט אַרויסגענומען ביי משה'ן די פֿלאַש פֿון האַנד, אָנגעגאָסען וואַסער און גענומען עס רייניגען.

— איך ווייס? וועלכען איהר וועט געבען, וועט איהר געבען, האָט משה געענטפֿערט, — און וויפֿיעל זאָלל איך נעהמען? ווייס איך, וויפֿיעל איך זאָלל נעהמען? מיר קומט פֿון אייך אַ רובעל, גיט מיר אויף דען רובעל.

ר' שלמה האָט אָבגעהאַקט אין זיין אַרבייט און פֿערוואונדערט אַ קוק געטהאָן אויפֿ'ן שניידער.

— פֿאַר וואָס קומט דיר אַ רובעל? האָט ער געפֿראָגט.

— אָט נאָך פֿון פֿאַר פּורים אָן, האָט געענטפֿערט דער שניידער.

— זעהסט, דאָס איז שוין גאָר איין אַנדער זאַך האָט ר' שלמה אויסגעצויגען, — איך קאָן דיר פֿערקויפֿען מעהר נישט ווי אויף גרויטע...

— ווי הייסט, און מיין אַרבייט איז דענן קיין געלד נישט? האָט זיך משה בעלעדיגט.

— אָהן איהר ווייס איך גאָר נישט, האָט איהם ר' שלמה ערקלעהרט.

— איהר מאָגט מיר גלויבען, איהר קאָנט מיך שוין נישט דען ערשטען טאָג, אַז איך זאָג, מיר קומט, קומט מיר, האָט זיך געעקשנט דער שניידער בעלעדיגט.

— מאַך קיין שהיות נישט, משה, שוין שפּאָט, האָט איהן איבערגעריסען דער וויינער ווינך, — האָסטו געלד, טאָ נעהם ווייַן, באַלמוטשע נישט.

— ווי הייסט, מיר קומט אַ רובעל! האָט שוין דער שניידער ערהאָבערט די שטימע.

— דאָס איז איהר געשאָפֿט, האָט אָבגעשניטען ר' שלמה. דו ווייסט דאָך, איך מיש זיך עפּיס אַ סך?

— איז וואָס זאָלל איך טהון? האָט ביטטער אַרויסגערעדט דער שניידער, — איך האָב ביי זיך נישט אַ צובראָכענעם שיללינג.

— זאָג אַלליין, וואָס קאָן איך דיר העלפֿען? האָט ר' שלמה אָבגעקרעכצעט.

— זאָלל זיין, אַז עס קומט נישט. נייַן, נו, עס קומט נישט, האָט אָנגעהויבען דער שניידער, בין איך ביי אייך קיין בעל־בטוח נישט אויף אַ רובעל? גיט אויף אַ האַלבען, גיט אויף צוויי גילדען.

— גלויב מיר בנאמנות, האָט ר' שלמה געזאָגט מיט אַ געבעט, — אַז איך קאָן נישט. אָהן איהר ווייס איך גאָר נישט און טאָר גאָר נישט טהון; דאָס איז איהר געשאָפֿט. זי האָרעוועט, איז זי די בעל־הבית'טע. איך ווייס גאָר נישט...

— וועט איהר נישט געבען? ז'יז ביי אייך רעכט, איך זאָלל בלייבען אָהן ווייַן? האָט דער שניידער אויסגעשריען.

אודאי פֿערדריסט עס מיך זעהר, האָט ר' שלמה פֿרום אַרויסגערעדט און גענומען זיך פֿאַר די שלאָססער, — איך וואָלט געוועזען דער בעל־הבית, וואָלט איך...

— עך, ר' שלמה, זאָלל מיינע איבערגעהן. האָט איהן אָבגעהאַקט מיט פֿעראַכטונג דער שניידער אַריינלאָזענדיג די האַנד אין קעשענע, — איך האָב געוואָלט קויפֿען מיין טאָכטער אַ פּאָר שיך אויף יום־טוב, טאָ זאָלל זי אומגעה'ן באָרפֿיס, גיט מיר ווייַן. האָט ער באַלד אויסגעשיפּעט פֿון די צוזויפֿגעדריקטע צאָהנער, אָוועקלעגענדיג אַ רובעל

— ווייַן דאַרף זיין דאָס ערשטע זאַך, האָט ר' שלמה געמוסרט איהן, — די כּוסות, אַ קלייַניגקייַט די כּוסות!..

הייס כ״ץ.

עפּיס געטהון

נאַטור-קרעפֿטען.

ג) וואַרעמקייט.

מיט דער וואַרמקייט טרעפֿען מיר זיך אין לעבען אויף יעדען שריט און טריט; מיר אַלליין אַרבייטען זי אויס אין אונזער קאָרפּער און פֿערליערען זי ערשט מיט'ן לעבען צוזאַממען; זי איז אַ לעבענס-בעדינג פֿאַר אַללעם, וואָס לעבט און וואַקסט; פֿאַר אַללעם, וואָס בעוועגט זיך. נעמט צו די וואַרמקייט — האָרט אויף דאָס לעבען, פֿערשווינדט יעדע בעוועגונג; אַלץ ווערט טויט און פֿערשטאַרט, אָהן אַ תנועה, אָהן אַ קלאַנג. אַנדערע וויססענשאַפֿטען וועללען אייך לערנען, פֿאַר וואָס עס וואַרמט די זונן, וואָס פֿאַר איין אוצר היטצ' עס שטעקט אין דער ערד, וואָס שפייט מיט פֿייער דורך הוילע בערג און שפּריצט וואַרמע, הייסע און זידענדיגע קוועלען; פֿאַר וואָס עס בעווייזט זיך וואַרמקייט ביי פֿערשידענע „חעמישע פּראָצעססען”, ווי ביי יעדען ברענגען, קאַללעך-לעשען און אַנדערע פֿערשידענע צוזאַממענמישונגען פֿון קאָרפּער; ווי אויך — ווי אַזוי אַלץ, וואָס לעבט און וואַקסט, אַרבייט אין זיך אויס די וואַרמקייט, וואָס עס ברויכט צום לעבען. — מיר, וואָס ווילען בעקאַנט ווערען מיט פֿיזישע קראַפֿטען, וועללען נור רעדען פֿון דער וואַרמקייט, וואָס בעווייזט זיך אונז מעכאַניש, ביי יעדער אַרבייט, ביי יעדער בעוועגונג און בכלל — וואָס פֿאַר איין אייגענשאַפֿטען די וואַרמקייט האָט. —

א. וואַרמקייט איז איין אויסגענוצטע קראַפֿט.

§ 1 אַז ביי יעדער אַרבייט דערוואַרמט זיך אונזער קאָרפּער, האָט איהר געוויסס בעמערקט. איהר זעהט גאַנץ אָפֿט, ווי אַ טראָגער דערשוויצט זיך אונטער דער לאַסט אין מיטטען גאַסס, אין גראָסטען פֿראָסט. אַז עס ווערט אונס קאַלט און מיר האָבען קיין נוצליכע אַרבייט נישט, לויפֿען מיר אַרום איבער דער שטוב, שלאָגען מיט איין פֿוס אין'ם צווייטען, מיט איין האַנד אין דער אַנדערער, און פֿון דער בעוועגונג, וואָס איז אויך נור איין אַרבייט פֿון אונזערע גליעדער, דערוואַרמען מיר זיך. איהר צווייפֿעלט נישט, אַז — ביי יעדער אַרבייט בעווייזט זיך וואַרמקייט.

§ 2 אויך איז אייך לייכט געוועזען צו בעמערקען, אַז דער דין איז נוהג נישט ביי לעבענדיגע קאָרפּער אַלליין. ביים שמיעדען (קאָוען), אפילו אויף קאַלט, דערהיצט זיך דאָס אייזען, אין וועלכען מיר שלאָגען, גלייך מיט'ן האַממער און אַמבאָס; רייב מיט אַ מעטאַללענען קנאָפּ איבער'ן טיש — דערוואַרמט און דערהיצט ער זיך געשווינד. אַמאָל איז דאָס געוועזען (און ביי די ווילדע איז עס נאָך היינט) דאָס אייִנציגע מיטטעל פֿייער צו מאַכען: מען נעמט צוויי טרוקענע קיהנדליך און מען רייבט איינס אין'ם צווייטען ביז זיי דערוואַרמען, דערהיצען זיך און צינדען זיך אָן. רייב צוויי שטיקליך אייז וויינטער אין גאַסס, איינס אין'ם צווייטען, וועללען זיי זיך אויך דערוואַרמען און צוגעה'ן. אַז מען שמיערט נישט דעם וואָגען, צינדען זיך געשווינד אונטער די אַקסען פֿון די ראָדער, וואָס רייבען זיך אַרום זיי. ביי'ן אַ וואַססער-פֿאַלל איז דאָס וואַססער אונטען, פֿונ'ם אַראָבפֿאַללען, וואַרמער אַלץ אויבען אין דער הויך — ביי אַרבייט אָדער בעוועגונג, דערוואַרמען זיך אַללע קאָרפּער.

§ 4 נור וואָס פֿאַר אַ שייכות האָט די וואַרמקייט צו דער אַרבייט אָדער דער בעוועגונג? איהר האָט געוויסס נישט איינמאָל בעמערקט, אַז, וואָס שווערער די אַרבייט איז, מעהר בעווייזט זיך וואַרמקייט;

אז אין אייזערן קיילעכיל וועט זיך קאָללערן (קייקלען) איבער דער פּאָדלאָגע, וועט זיך עס, וואָס ווענינער גלאַט די פּאָדלאָגע איז, געשווינדער דערוואַרמען. עס איז לייכטער אויסצומישען לופט אלס וואַססער, צו מישען וואַססער, אלס צו קנעטען אין ליים, וואַקס, סמאָלע אונ דערגלייכען ווייכע קאָרפּער; שווערער איז אויסצובייגען האָלץ, נאָך שווערער — שטיין, ווער שמיעסט אייזען אָדער נאָך שטאָל; אונ דעריבער אז איהר מאַכט מיט דער האַנד אין דער לופט דערוואַרמט איהר אייך ווענינער, אלס שלאָגענדיג מיט איהר אויף שטעהענדיג וואַססער; געשווינדער וועט איהר אייך דערהיצען, אויב איהר וועט שלאָגען אין פּוטטער, נאָך געשווינדער — אין סמאָלע, וואַקס, זיגעל-לאַק אונ נאָך געשווינדער אין האָלץ, שטיין, אייזען, שטאָל. איהר זעהט בחוש — אז וואָס האַרטער דער קאָרפּער איז, וואָס מעהר ער שטעלט זיך אייך ענטגעגען, וואָס ווענינער איהר קאָנט אויפ'ן ווירקען, „פּועל יוצא" זיין, אנדערש מאַכען — מעהר אונ געשווינדער קומט אַרויס די וואַרמקייט.

אונ דעריבער ווערט דער ענבויר, וואָס בויערט אין ווייך האָלץ, נישט אזוי געשווינד הייס, ווי ביים בויערען אין שטיין; ביים בויערן אין שטיין — ווענינער, ווי ביים בויערען אין אייזען; די קויל, וואָס ווערט אַרויסגעשאָססען פון אַרמאַט, האָט אינ'ם פליהען נור גובר צו זיין די לייכטע לופט — דערהיצט זי זיך ווענינ; טרעפט זי אבער אויף א האַרטע וואַנד פון א פעסטונג, וואָס זי קאָנן נישט דורכבויערן, דערהיצט זי זיך אונ ווערט צו שמאַלצען אויפ'ן אָרט.

ביי יעדער אַרבייט גיבען מיר אויס אונזער קראַפט אויף א געוויססע בעוועגונג; צו מישען מיר לופט אָדער וואַססער, צו מיר קנעטען אונ בייגען ווייכע קאָרפּער, צו מיר קאָווען מעטאַללען, סיי ווי סיי גיבען מיר אויס אונזער כח אויף א געוויססע בעוועגונג, וואָס דאַרף געשעהען אינ'ם קאָרפּער, איבער וועלכען מיר אַרבייטען. דעריבער ווערט אונס הייסער פון געה'ן אויף א שלעכטען וועג, אין א זאַמד אָדער אויף שטיינער, ווי אויף א גלאַטטען; ווייל — וואָס ווענינער עס געשיהט פון דער בעוועגונג, מעהר בעקומען מיר פון דער וואַרמקייט!

§ 4 אז מיר שלאָגען אַריין א נאָגעל אין א ווייכע הילצערנע, אָדער ליימינע וואַנד — דערוואַרמט זיך דער האַממער מיט'ן נאָגעל גאַנץ ווענינ. דען כח, וואָס מיר בענוצען ביי דער אַרבייט, געהט כמעט אין גאַנצען אויף דער בעוועגונג, וואָס דער נאָגעל מאַכט, אונ נור פון א קליין ביסל ווערט וואַרמקייט. — טרעפען מיר אויף א ציגעל — דערוואַרמען זיי זיך געשווינדער, ווייל דער ציגעל איז האַרטער, ווייל מיר מוזען שוין לאַנגער קלאַפּען, פון יעדען קלאַפּ בעזונדער קומט שוין אַרויס ווענינער בעוועגונג אונ מעהר וואַרמקייט. איז אבער דער נאָגעל שוין אַריין אין דער וואַנד ביז'ן קאָפּ אונ קאָנן שוין ווייטער נישט געהן אונ מיר שלאָגען ווייטער — ווערט פון דעם גאַנצען כח, וואָס מיר בענוצען אויף די קלאַפּ, — וואַרמקייט, ווייל קיין ווייטערע בעוועגונג איז שוין נישט מעגליך.

מיר זעהען, אז די קראַפט, וואָס מיר בענוצען ביים בעשעפטיגען זיך מיט עפּיס, געהט אין א געוויססען טהייל אויף אַרבייט אָדער בעוועגונג אונ אין א געוויססען טהייל אויף וואַרמקייט; אז ביידע — אי אַרבייט אָדער בעוועגונג, אי וואַרמקייט — זענען א בענוצטע, אויסגעטוישטע קראַפט, א פערביטענער כח; אָדער, אז וואַרמקייט אונ בעוועגונג זענען צוויי געשטאַלטען פון דער זעלבער קראַפט, אונ דעריבער — אז די קראַפט בעקומט די ערשטע געשטאַלט (פון וואַרמקייט) נור ווי ווייט די צווייטע געשטאַלט (די בעוועגונג) איז נישט מעגליך.

ב. וואס געשיהט, אז א קערפער דערוואַרמט זיך.

§ 1 נעם א פערבונדענען נור צוזאמענגע־קנייטשטען, צוזאממען געלעגטען בלאַז (פאחיר, פוזיר), אדער איין איינגעפאללע־נען באַלל. לעג זיי אין א ווארמען אויבען אריין. קוים דערווארמט זיך די לופט, איז איהר שוין קליין דער פלאַץ אין דעם איינ־געפאללענעם באַלל, ווערט איהר שוין ענג צווישען די קנייטשען פון בלאַז! זי צו־שפרייט זיך און צוציהט ביידע: דער בלאַז און דער באַלל הייבען אן אויפגעהן, זיי ווערען אנגעבלאָזען אדער — פערפולט מיט דער לופט. נעם זיי פון אויבען אַרויס, לאָז זיי אָבקיהלען — פאַללען זיי צוריק איין; די אָבגעקיהלטע לופט פערנעמט שוין צוריק דען איינענעם פלאַץ ווי פריהער— עס איז איהר שוין נישט ענג. פון דער וואַרמקייט ווערט לופט צו־שפרייט, אויסגעדעהנט.

§ 2 נעם א דינן גלאָזערן ראָהריל, גיס עס אן נישט פולל מיט וואַססער, מאַך א ציינכען, ביז וואַנען דאָס וואַססער געהט; דערוואַרם דאס ראָהריל ביי'ן א ליכט אדער א לאָמפיל, — וועט שוין דאָס וואַססער אַריבער איבער'ן ראָהריל, און עס וועט שטייגען, וואָס מעהר דו וועסט עס וואַרמען. געשווינדער וועט דאָס שטייגען צו־געהן ביי שפירט. עס איז גענוג דו זאָלסט רייבען מיט א וואָללענע טאַשמע א דינן שמאָל האָלזעל ביי'ן א פלאַש מיט ספירט, ער זאָלל זיך אויפהעבען איבער'ן געמאַכטען ציינכען. דעריבער לויפען אויס דערהיצטע, נישט פולע סאַמאָווארען, טעפּף מיט מילך אדער זופע, ווייל — אללע פליססיגקייטען ווערען פון דער וואַרמקייט אויסגע־דעהנט.

§ 3 וואַקס, זיגעל־לאַק, סמאָלע און אַללע אַנדערע ווייכע קערפער ווערען פון דער וואַרמקייט אויסגעצויגען און צו־גאָססען. נור צו צו־שפרייטען זיך פון דער וואַרמקייט אפילו די האַרטע קערפער צ. ב. ש. מעטאַללען? איהר ווייסט, אז ביי'ן א גרויסע היץ ווערען צו טאָפּיעט אייזען, שטאָהל, גאָלד און אַללע אַנדערע מעטאַלען; נור דאָס אויסדעהנען קאָננען מיר בעמערקען ביי'ן א סך קלענערע גראַד וואַרמקייט: אז א שטאָפּער (פּראָבקא) וויל נישט אַרויס פון פלאַש, איז גענוג צו רייבען מיט א וואָללענע טאַשמע דאָס האָלזעל, עס זאָלל זיך דערוואַרמען, צוציהען, און דער שטאָפּער זאָלל אַרויס. ביי'ן א פייער פלאַצען די שויבען, ווייל זיי ציהען זיך אויס און דער הילצערנע ראַם קאָנן זיך אזוי געשווינד נישט נאָכגעבען (שפּעטער וועללען מיר זעהען, אז האָלץ דערוואַרמט זיך נישט אזוי געשווינד ווי גלאָז). מאַך א לאָכעל אין א ברעטטעל, עס זאָלל פונקט דורך וואָס עס איז פאַר א מטבע; דערהיץ די מטבע ביים פייער, וועט זי שוין דורך דאָס לאָכיל נישט דורך. נעם איין אייזערן רעשעל (קיילעכיל) און א רינג, וואָס זאָלל זיין עטוואָס קלענער פאַר'ן רעשעל, עס זאָלל נישט קאָננען דורכ־פאַללען. מאַך אויפ'ן רעשעל א ציינכען, ביז וואַנען דער רינג דערגעהט. דערהיץ דען רינג, וועט ער אַראָבפאַללען נידריגער פאַרן ציינכען; לאָז איהן אָבקיהלען, געהט ער צוריק נור צום ציינכען צו; דער־היץ צינד דאָס רעשעל, וועט שוין דער רינג בלייבען שטעה'ן האָכער, איבער'ן ציינכען. דער שמיעד זעצט די צוהיצטע רייף גאַנ'ן לויז אַרויף אויפ'ן הילצערנען ראָד, נור אָבגעקיהלטערהייט פרעסט עס איין דאָס האָלץ און זיצט פעסט. נעם אַראָב איין אייזערנע רייף פון א פאָססעל, דער־גליה זי, און פריוו זי צוריק אַרויפצוצען — זי פאַלט אַראָב פון גאַנצען פאַס. די שינעס פון דער אייזענבאַהן מוזען ווערען געלעגט אָבגעטרעטען איינס פון צווייטען, אז ניט וואָלטען זיי זיך זוממער אויסגעצויגען און אויסגעבויגען. מיר זעהען, אז אויסגעדעהנט

פון דער ווארמקייט, ווערען אפילו די הארטסטע קערפער, און מיר זאגען מיט רעכט, אז — די ווארמקייט דעהנט, ציהט אוים אללע קערפער.

ווי אזוי דאס געשיהט, וועללען מיר אנדערש ניט פערשטעהען, ציימען מיר וועללען אננע־מען די היפאטעזע, אז אללע קערפער בע־שטעהען פון קליינע, גאנץ דראבנע טהיילכען (חלקים), וואס מיר זעהען ניט, ניט מיט די אויגען, ניט אפילו אויף א פערגראססער־גלאז; די וויססענשאפט רופט די טהיילכען: מאלעקו־לען. לויט דער היפאטעזע קומט אויס, אז וואס ווייטער עס ליגט איין מאלעקול פון צווייטען, מעהר ארט פערנעמט דער קערפער, שיטטערער, וויכער, לופטיגער איז ער, און פערקעהרט — דער קערפער איז שווערער און געדיכטער, וואס ענגער, וואס הארטער די מאלעקולען ליגען איינס נעבען אנדערן; ווארמקייט (זאלל עס הייסען) צו שיידט די מאלעקולען, דער ווייטערט זיי איינען פון צווייטען; דעריבער פערנעמט דער דערווארמטער קערפער מעהר פלאץ — ער ווערט צושפרייט, אויס געדעהנט.

אויספיהרליכער (פאדראבנער) דעריבער קאננען מיר ביי דער „ערשטער בעקאנטשאפט מיט נאטור־קראפטען" ניט רעדען. אויך קאננען מיר דא ניט אויסטייטשען, פאר וואס שווימט ארום הארט אייזען אויף צוטאפיעטס, אדער — פאר וואס פערנעמט געפרוירען וואס־סער (אייז) מעהר פלאץ ווי געוועהנליכם. (שטעלל ארויס אויפן פראסט א שאפ־וואססער, ווערט דאס וואססער געפרוירען, אויסגעצויגען און צוזעצט דאס שאפף).

ג. ווי אזוי קערפער דערווארמען זיך:

§ 1 א מעטאלל'ן לעפעלע דערווארמט זיך פון הייסען טהיי אין גאנצען, האטש ער שטעקט נור אין דער פליססיגקייט ביז אין דער העלפט; לעג צו א שפיזעל מיט איין עקק צום פייער, ווארמט און בריהט דיך דער צווייטער עקק אין דער האנד; דאס פייער ברענט אין הרובע און דערהיצט ווערט דער גאנצער אויבען, און, אז מען פעמאכט איהן — דאס אייזערנע טהירעל; אין א געהייצטער שטוב דערווארמען זיך אללע כלים; פון דער פלאמם אין לאמפ דערהיצט זיך דאס גלאזעל, פון גלאזעל — דאס ריעם־

טאללעריל אין דער הויך, און דער קלאש ארום; ביי'ן א גראססערע שרפה שפירט מען די היץ ווייט און ברייט אין גאסס — ווארמקייט צו שפרייט זיך אין גאנצען קערפער און געהט איבער פון איין קערפער צום צווייטען

§ 2 נור דער אויבען ווארמט די שטוב, ביז ער אליין קיהלט זיך אב; אז דו אפפענסט א פענסטער אין שטוב, געהט די ווארמקייט ארויס און אין שטוב ווערט קאלט ווי אין גאסס; אז דו גיסט צוזאמען צוויי גלאז וואססער, א הייסס און א קאלטס, דערווארמט זיך טאקי דאס קאלטע, נור דאס ווארמע קיהלט זיך אב און דו בעקומסט צוויי גלאז ווארם, לוי (לאבליך) וואססער: אפפען א טהיר צווישען א הייסע און א קאלטע שטוב, ווערט מיט דער צייט אין ביידע גלייך ווארם — די ווארמקייט צושפרייט זיך אזוי לאנג, ביז זי ברענגט די קערפער צו איין טעמפעראטור (גראד ווארם־קייט).

§ 3 אין אללע קערפער צו שפרייט זיך די ווארמקייט, אללע לאזען זי דורך, נור ניט אין דער אייגענער מאס, און דערי־בער טהיילען מיר די קערפער אויף גוטע און שלעכטע ווארם־לייטער.

לעג ארויס זוממער אויף דער זונן פערשידענע מעטאללען (זילבער, אייזען, קופער וכו'), מינעראלען (צוקקער, וויסמוט, זאלץ וכו') פלאנצען־זאכען (אוינע זאכען, וואס קוממען ארויס פון געוויקסען: האלץ, פאפיער, פלאנעלע וכו') וועסט דו ארויסשפירען מיט דער האנד, אז די מעטאללען דערווארמען זיך אמגעשווינדסטען, שפעטער געהען די מינעראלען און דערנאך ערשט — די פלאנצען־זאכען. דעריבער אויך, אז דו ריהרסט דיך צו אין א קאלטע שטוב צו'ן איין אייזערנען שליססעל, דאכט זיך דיר, אז ער איז קאלטער פאר א שטיק זאלץ, אדער צוקקער, און די לעצטע

שפיערסט דו קאלטער, אלס א שטיק האלץ אדער א בויגען פאפיער — וויל דאס אייזען נעמט ביי דיר געשווינדער צו די ווארמקייט פון דער האנד, אלס זאלץ אונ צוקקער, אונ די ביידע ווייטער טהוען עס געשווינדער אלס האלץ אונ פאפיער. אז מיר לעגען א מעטאללענע דראט מיט איין עקק אין פייער אריין, בריהט אונס דער צווייטער עקק אין דער האנד, בשעת ווען איין אנגעצונדענע זאראלקע אדער א ברענענדיגען בויגען פאפיער, האלטען מיר אין דער האנד, ביז דאס פייער קומט נישט צו צו די פינגער; צו סאמאווארען, אדער כלים, וואס מיר שטעללען צו צום פייער, מאכען מיר דעריבער האלצערנע אונ ביינערנע אויערען אונ האנדטליך; בשעת ווען צו אייזערנע אויערען, אדער קופערנע האנדטליך, קאנן מען זיך נישט צוריהרען אהן א טיכעל. דעריבער אויך ווינטער, ווען מיר וויללען דערהאלטען די ווארמקייט פון אונזער לייב, קליידען מיר זיך אין פלאנעלע, וואטע, פעלצען, פוך; מיר בעוואהרענען די פענסטער פון אונזערע וואהנונגען מיט וואטע, גראז אונ פאפיער; די פענסטער פון קעללער אונ די ברינעם אויפ'ן הויף, ווערען ..ויף שטארקערע פראסט בעוואהרענט מיט שטרוי; פרוכטען קאנענ בעוואהרען זיך (האלטען זיך פריש) זעהר גוט אין וואקס; אייז, עס זאלל נישט צוגעהען, בעשיטטען מיר מיט זאלץ אדער צוקקער אונ וויקלען ארום מיט וואללענצייג; אונטער'ן קישען אדער אונטער'ן איבער־בעטט לעגען מיר אייז, עס זאלל נישט צוגעהען אונ שטעללען ווארם עססענווארג, עס זאלל זיך נישט אפקיהלען; אז מיר לעגען זיך אין קאלטען בעטטגעוואנד אריין, דערווארמען מיר עס מיט אונזער לייב, נור דאס בעטטגעוואנד פערהיט שוין די ווארמקייט, זאלל נישט ארויס אויף דער שטוב; מיט איין ווארט: מעטאללען זעננען די בעסטע ווארמליטער, ארגערע זעננען מינעראלען, נאך

ארגערע פלאנצען־זאכען.

§ 4 לייג צו די עקקען פון צוויי דראטען, איין אייזערנען אונ א קופערנען צום פייער; די צווייטע עקקען האלט אין דער האנד. פריהער וועסט דו דערשפירען די ווארמקייט פון דער קופערנער, דערנאך ערשט פון דער אייזערנער דראט. די קופערנע דראט וועסט דו אויך פריהער ארויסווארפען פון דער האנד: זי וועט דיך פריהער אנהעבען צו בריהען, — צווישען די מעטאללען זעננען אויך פערהאנדען בעססערע אונ ארגערע ווארמליטער.

§ 5 נעם גלייך דיננע דראטען פון פערשידענע מעטאללען, בעדעק פון איין זייט די שפיצען מיט וואקס; לעג זיי זוממער אין א זונן אויפ'ן פענסטער, אונ זעה, אז די שפיצען, וואס זעננען פריי פון וואקס, זאללען ליגען אויף דער זונן אונ די אנדערע, די בעוואקסטע, זאלל בלייבען אין שאטטען; די שטראהלען פון דער זונן וועללען דערהיצען די מעטאללענע דראטען; די ווארמקייט וועט זיך אין זיי צושפרייטען אין דער גאנצער לאנג, נור נישט אין אללע דראטען גלייך: דאס וואקס וועט טאפיען פריהער אויף זילבער, דערנאך אויף קופער, גאלד, צינן, אייזען, בליי, פלאטינא, ווימסמוט, — וואס פריהער מיר האבען אנגערופען א מעטאלל, א בעססערער ווארמליטער איז ער.

צווישען מינעראלען געהט דער סדר (פון גוטע ביז ארגערע ווארם־לייטער): קווארץ, מארמאר, שטיין, ציגעל, זאלץ, צוקקער, זאנד וכו'.

צווישען פלאנצען־זאכען: וואקס, סמאלע, זיעגעל־לאק, האלץ, האזען־פעלץ, פלאנעלע, פוך, וואטע, קארק וכו'.

§ 5 נעם א פיערקע מיט ברענענדיגע קוילען אונ זעץ ארויף אויף א גלאזערנען סלאי מיט וואססער. דערביי וויקקעל ארום די וואנד פון דער פיערקע מיט פלאנעלע, זיי זאללען נישט אנריהרען די

וואנד פון סלאי, ער זאלל זיך נישט דערהיצען; זעה, אז די פרייע דנא פון דער פייערקע זאלל זיך אנריהרען אינ'ם וואססער. אין א קורצע צייט וועט דער אייבערשטער שטח פון וואססער זיך דערווארמען, דערהיצען, אנהעבען קאכען אונ זידען, אונ אונטען וועט דאס וואססער בלייבען קאלט. אויב דו ווילסט דורכאוים דאס וואססער זאלל זיך דערהיצען ביז אראב, מוזסט דו האלטען אזוי די פייערקע איין ערך פון א 36 שטונדען אונ אויפרישען אללע מאל די קוילען.

דאס זעלבע קאנסט דו לייכטער אויספיהרען ביי'ן א גאלדשמיעד, וואו די פלאמם, וואס ער בענוצט צו דער ארבייט, געהט, געבלאזען פון אטהעם, דורך א ראהריל אין דער זייט; דו קאנסט צו שטעללען צו דער פלאמם א גלאזערן ראהריל מיט וואססער; אויבען וועט עס אויפקאכען אין דער רגע, נור אונטען וועט עס בלייבע קאלט: וואססער אונ אללע פליססיגקייטען זעננען ארגערע ווארמליטער אלס מינעראלען*).

§ 6 נאך איין ארגערער ווארמליטער איז די לופט. ווען דער קלאש פון א ברענענדיגע לאמפ איז שוין שטארק דערהיצט, אז ער בריהט שוין ביי'ם אנריהרען, איז די לופט צווישען קלאש אונ דעם גלאזעל נישט אסך ווארמער אלס אין מיטען שטוב. אין דער פראקטיק וויסען מיר דאס שוין לאנג: מיר טראגען ווינטער הארינגע זאכען, צווישען וועלכע עס האלט זיך די לופט. מיט זעגעכטס וואס האלט אין זיך לופט, בעשיטען מיר אויפ'ן ווינטער קארטאפעל, גרינצייג אונ פרוכטען; מיר בעוואהרינען ווינטער די שויבען מיט טאפעל-פענסטער, וואס האלטען, דורך דער פערמאכטער לופט צווישען די שויבען, די ווארמקייט פון שטוב אסך בעססער" ווי א פענסטער מיט דאפעלטע דיקקע שויבען. דורך דער לופט, וואס האלט זיך אין דער מיטט, זעננען צוויי דינגע קליידער ווארמער אלס איין ראק, וואס קאנן דיקקער זיין פאר ביידע; אויסגעארבייטע לייבליך אונ האנדשוה זעננען ווארימער, וואס גראססער די אויגלעך זעננען... ווייל — לופט אונ אללע גאזען זעננען ארגערע ווארמליטער אלס פליססיגקייטען.

§ 7 פאר וואס דענן קיהלט זיך אזוי געשווינד אב די שטוב, אז מען אפפענט א פענסטער? פאר וואס קאכט אזוי געשווינד אויף א טאפף וואססער אדער מילך, אויב עס האט דאס פייער פון אונטען, ווי אויף דער ענגלישער קיך, אדער ווענינגסטענס פון א זייט, ווי אויפ'ן געוואהנליכען קוימין? פאר וואס ווערען מיר אזוי געשווינד געפרוירען אין גאסס, בפרט אין א פייכט וועטטער? ווייל וואססער אונ לופט מישען זיך אונ צום פייער, אדער צום ווארימען ארט, קומט אללע מאל צו פריש וואססער אדער פרישע לופט. נעם א פראבירקע**), גיעס אן מיט קאלט וואססער אונ שיטט אריין עטליכע שטיקליך זעגעכטס פון הארט דעמבינע האלץ (אפילק'עס)—דאס זעגעכטס האלט זיך רוהיג פון אויבען, עס שווימט ארום אין דער הויך. דערווארם די פראבירקע פון אונטען (ביי'ן א ליכט אדער א לאמפ), וועסט דו זעהן, ווי דאס זעגעכטס העבט זיך אן גאר אנדערש אויפצופיהרען, עס שווימט שוין אראב אונ ארויף; עס פאלט אראב ביז צו דער דנא. עס העבט זיך צוריק אויף אונ פאלט ווייטער אראב אונ עס דויערט אזוי לאנג, ביז דאס גאנצע

*) דאס וואססער אין טייך דערווארמט זיך אויבען גאנץ געשווינד פון דער זונן, נור עס דויערט גאנץ לאנג, איידער עס דערווארמט זיך טיעפער; ווייזער ווערט עס פון אויבען געפרוירען אונ אונטען האלט זיך דאס ביססעל ווארמקייט, וואס עס האט שוין איבער'ן גאנצען ווינטער — אז נישט וואלט נישט מעגליך געוועזען דאס לעבען פון פיש.

**) עפרובעטקא — א גלאזערן ראהריל, אפפען פון איין זייט.

וואַסער אין דער פּראָביִרקע העבּט אָן קאָכען. אין דער בעוועגונג פֿון זעגעכטס זעהסט דו בחוש, ווי דאָס וואַסער מישט זיך. נור — פֿאַר וואָס מישט זיך דאָס וואַסער?

נעם צוויי גלאָזער און טאַריוועס זיי אויף אַ גוטער וואָג, זיי זאָללען וואָגען גלייך; גיס אָן איין גלאָז מיט הייס און דאָס צווייטע מיט קאַלט וואַסער, וועסט דו זעהען, אַז דאָס צווייטע וואָגט איבער דאָס ערשטע. עס איז לייכט צו פֿערשטעהן, פֿאַר וואָס: מיר וויסען שוין, אַז וואַסער ווערט (ווי אַללע אַנדערע קאָרפּער) אויסגעדעהנט און דיננער פֿון דער וואַרמקייט; אין אַ גלאָז וואַרם וואַסער איז דעריבער דאָ וועניגער וואַסער ווי אין אַ קאַלטס — און דעריבער טאַקי מישט זיך דאָס וואַסער, אויב עס האָט דאָס פֿייער אונטען אָדער אין אַ זייט, ווייל דאָס דערוואַרמטע וואַסער איז לייכטער און העבּט זיך אויף אין דער הויך און דאָס קאַלטע איז שווערער און פֿאַלט אַראָב; דערנאָך ווערט דאָס קאַלטע, וואָס איז אַראָב געפֿאַללען דערהיצט און הייבּט זיך אויף, און דאָס וואַרמע פֿון אויבען איז שוין צינד שווערער און פֿאַלט אַראָב... און אַזוי ווייטער און ווייטער, ביז עס קאָכט אויף דאָס וואַסער אין גאַנצען. די וואַרמקייט צושפּרייט זיך געשווינד אין פֿליססיגקייטען, ווייל זיי מישען זיך.

§ 8 דאָס זעלבע איז ביי לופֿט. דו האָסט געוויס נישט איינמאָל בעמערקט, אַז אין באָד, כאָטש מען הייצט אונטען, איז, וואָס אַ באַנק האָכער, וואַרמער; גאָר אין דער הויך ברענט כמעט די לופֿט; אויף דער האָכסטער באַנק ווערט דיר דאָך לייכטער אָבצואָטמען, אויב דו דרעהסט איבער דאָס געזיכט צו דער; באַנק אין אַ געוואָהנליכע קיהלע שטוב, ווערט אויך פֿון זיצען פֿריהער קיהלער אין די פֿיס, אַלס אין גאַנצען קאָרפּער. זוממער, איז אין די הייזער, וואָס אַ שטאָקק האָכער — הייסער. דאָס נאַטירליך קומט אַלץ דערפֿון, וואָס די לופֿט, וואָס ווערט אויסגעדעהנט פֿון וואַרמקייט, איז לייכטער אַלס די קאַלטע לופֿט און העבּט זיך אויף אין דער הויך. עפֿפֿען אַ טהיר פֿון אַ קאַלט אין אַ וואַרם צימער אַריין, געה צו מיט אַ ברענענדיג ליכט און האַלט עס אין דער מיטט טהיר — די פֿלאַמם האַלט זיך גראַדע; העב אויף דאָס ליכט האָכער, בייגט זיך אויס די פֿלאַמם פֿון דער וואַרמער אין דער קאַלטער שטוב אַריין; נעם עס נידריגער, אונטער דער מיטט, דרעהט זי זיך אויס און יאָגט זיך פֿון קאַלטען צימער אין וואַרמען אַריין. פֿון דער פֿלאַמם דערקענסט די בעוועגונג פֿון דער לופֿט — אויבען אַרום געהט די וואַרמע פֿון וואַרמען אין קאַלטען צימער אַריין און אונטען געהט די קאַלטע פֿון קאַלטען צימער אַריין אינ'ם וואַרמען. — דו קאָנסט דאָס זעלבע נאָך אַנדערס אויספּרובען: קלעב אָן מיט איין עקק איין שטיקל פּאַפּיער אין פֿענסטער אין דער פֿוטרינע אין דער הויך און דאָס צווייטע אין דער פֿוטרינע אונטען; עפֿפֿען דאָס פֿענסטער — דער פֿרייער עקק פֿון פּאַפּיער וועט זיך איבען יאָגען אַרויס און אונטען אַריין.

דערווייל זעהען מיר, אַז די וואַרמקייט צושפּרייט זיך: א) דורך גוטע וואַרם לייטער און ב) דורך דעם מישען זיך פֿון פֿליססיגקייטען און גאַזען.

(פֿ. פֿ.)

ד״ר שטוצער

פריהלינג.

דו זעהסט? די ערד האט זיך בעפרייט
פון שלאף, אונ פראסט, און שניי;
דו זעהסט? די ערד האט זיך דערוואכט
אונ לעבט, אונ אטהעמט פריי!

ווי מיט דער שטארר־פערהאקטער פעלל
האט לייכט געמאכט איין עקק
דער בלאהער טייך! אונ אויף דער שטעלל
איז ער זיין וועג אוועק!

ווי פרילינגשאקקעלט האט דער וואלד
דען שניי אונ בליהט, אונ שפראצט,
אונ אויך דאס שוואכסטע גראזעל שפאלט
זיין „אונטער דער ערד" אונ גלאצט,

אונ זעהט די זונן, די פרייע וועלט,
אונ ציהט, אונ זויגט זיין גליק!
אונ הארכט, ווי איבער בערג אונ פעלד —— :
„טשיריק! טשיריק! טשיריק!"

טשיריק! איך לעב אונ שוועב, אונ וויל —
איך שלאף שוין נישט, אה, ניין!
. . . .
נור, אח, דער טויטער מאנן ליגט שטילל
נאך נישט געוועקט, אח, ניין!

י. ל. פרץ

סאָציאָלאָגיע.

סאָציאָלאָגיע — האָבען מיר געזאָגט — איז אַ נייע וויססענשאַפט, אין איהר אַרבייטען ערשט עטליכע דורות און עס איז דעריבער נישט אַזוי לייכט אָבצוגרעניצען איהר פעלד, אויף וועלכען זי אַרבייט, צו בעשטיממען דען אָרט, וואָס זי פערנעמט צווישען אַנדערע וויססענשאַפטען.

וויססענשאַפטען האָבען מיר אַ סך; יעדע שטודירט אַ בעזונדערע אַרט פאַקטען, האַנדעלט מיט בעזונדערע ערשיינונגען. און דאָך — הייסט „וויססען" — קענגען די נאַטור, און די נאַטור לאָזט זיך נישט אָבטהיילען אויף פראָווינצען און לאַנדער, אַרומצוימען מיט גרעניצען און שלאַגבוימס, מיר זאָלען אין יעדער מדינה אַריינזעטצען אַ בעזונדערען געלעהרטען גענעראַל-גובערנאַטאָר מיט אַ שטאַב פראָפעססאָרען צו הילף. אויך ווערען קיין נייע ערשיינונגען נישט געבאָרען; עס שווימען נישט אַרויס קיין נייע אינזלען פון ים, מיר זאָלען ברויכען אַללע מאָל צו גרינדען אַ נייע וויססענשאַפט צום נייעם סטודיום; די מענשהייט: שטאַממען, פעלקער און מדינות, מיט וועלכע די סאָציאָלאָגיע האָט צו-טהון, איז עלטער פאַר דער געשיכטע (היסטאָריע).

נאָך וואָס האָבען מיר אַזוי פיעל וויססענשאַפטען, ווי אַזוי האָבען זיי זיך איינגעטהיילט מיט אונזער וועלט?

אַז מען וויל ערקלערען איין אַנפאַנגער, פאַר וואָס די קיילעכדיגע ערד זעהט איהם אויס פלאַך ווי אַ ברעט, הייסט מען איהם, ער זאָלל זיך פאָרשטעללען אַ פליעג אויף אַ גרויסען קאַוואָן; די פליעג זעהט נור אַ קליין פיצעל קאַוואָן מיט אַ מאָל און מיינט געוויס אויך, אַז זי געהט אַרום אויף אַ פלאַכען ברעט. צו קאָן איין אָהנליכער בייספיעל נישט דיענען צו אונזער צוועק? מיר וועלען זיך פאָרשטעללען אַ טויזענד פליעגען, וואָס שפּאַצירען אַרום אויף אַ קאָליערט טישטוך און וויללען שטודירען זיין דעסען (רימונאָק). דער דעסען איז איינער, נור ער איז צו גרויס פאַר דער פליעגס אויג און מוח, זי זאָלל איהן חאַפּען מיט אַ מאָל, און זיי צוּוואַרפען זיך דעריבער אויף אַ מאַססע קופּקעליך, צו שפּרייטען זיך אויפ'ן גאַנצען טישטוך; יעדעס צעהנדליג שטודירט בעזונדער אַ קליין פיצעל אָרט און דערנאָך, רעכענען זיי, וועלען זיי זיך צוזאַממענקוממען, איינע וועט דער אַנדערער איבערגעבען, וואָס זי ווייס, און עס וועט אַרויס אַ ריינער, קלאָרער בעגריף איבער'ן גאַנצען בילד.

קאָט מורליקא'ס מעשה'לעך*).

פון רוססישען.

פאָררעדע.

ווער איז געוועזען קאָט-מורליקא?

אַרויסגעבענדיג די מעשה'לעך פון קאָט-מורליקא, מוזען מיר זאָגען האָטש אייניגע ווערטער וועגען זייער מחבר

דאָס איז געוועזען איין עלטער און זעהר אַ געעהרטער קאָטער, נ"י, צום בעדויערן, פולל מיט ווידערשפּריכע; ער איז געוועזען אַלט און פון דעסטוועגען האָט ער שטאַנדיג געזונגען דאָס ליעד:

נישט אַלץ, וואָס אַלט, איז גוט!...

דערפאַר גופא האָט ער בשום אופן נישט געקאָנט ווערען נישט קיין אַנטיקוואַריוס — קיין האַנדלער מיט אַלטע זעלטענהייטען, נישט קיין אַרכיוואַריוס — אַ שומר אין אַרכיוו, חאָטש אין אַ וועלכען עס איז אַרכיוו פיהרען זיך די פעטסטע מייז.

ער איז געוועזען, בלי ספק, אַ בכבוד'טער קאָטער, נור שטאַנדיג איז ער געוועזען געגען כבוד אָבגעבען; ער האָט עס גערופען „חינעזישע

*) אונטער דעם נאָמען „קאָט-מורליקא" שרייבט אַ בעוואוסטער פּראָפעססאָר וואַגנער, מיט וועלכען מיר רעכענען בעקאַנט צו מאַכען אונזערע לעזער דורך אַ גאַנצע רייהע פון זיינע מעשה'ליך.

ניט, וועלען מיר זיך אפשר פאָרשטעללען די חקירה אין גאַנצען אלס אַ בערג-ווערק (רודניק) און די געלעהרטע הוקרים אלס אַרבייטער — רודאָקאָפּען? ביידע אַרבייטען אין דער פינסטערניס, קוים ביי'ן אַ שוואַכען שיין: די רודאָקאָפּען — פון קליינע לאָמפּליך, וואָס זיי טראָגען אויף דער ברוסט, און די געלעהרטע — פון שוואַכען מענשליכען שכל אין מוח; אַזוי ווי אַללע רודאָקאָפּען זוכען דאָס זעלבע מעטאַלל, צום ביישפּיעל — גאָלד, אַזוי זוכען אויך אַללע געלעהרטע דאָס אייגענע וויססען, דען זעלבען אמת; און אַזוי ווי די אַרבייטער אין בערג-ווערק צוטהיילען זיך אויף פערשיעדענע חברות, שניידען זיך אויס פערשיעדענע וועגען, אַרבייטען-אויס פערשיעדענע שיכטען, — אַזוי גראָבען זיך אויך די געלעהרטע אין פערשיעדענע וועגען אונטער דער נאַטור, קאָפּען, פערלאַנגערן און פערברייטערן פערשיעדענע שיכטען, נור אַלץ מיט דעם זעלבען צוועק, צו זוכען דאָס זעלבע מעטאַלל... מיט דער צייט ווערען די וואַנד צווישען די אויסגעברייטערטע שיכטען אַלץ דיננער און דיננער; פון אַללע שיכטען וועט אַ מאָל ווערען איין סאַראַן, און פון אַללע וויססענשאַפטען — איין וויססענשאַפט.

אַנדערע וועלען אייך אפשר זאָגען, אַז די וויססענשאַפטען צו-וואַקסען זיך ווי אַ בוים: פון איין שטאַם יאָגען זיך אַרויס הונדערטער צווייגען, פון יעדער צווייג שפּראָצען אַרויס מאַססען קלענערע, און דאָס קלענסטע צווייגעל האָט נאָך שטראָנגעליך, און יעדער שטראָנגעל — בלאַטטער!

און אפשר וועלען מיר נעמען אַ ביישפּיעל פון דער האַנדעלס וועלט? מיר וועלען זיך פאָרשטעללען אַ גרויסע קאַנטאָר מיט פערשיעדענע געשעפטען, הונדערטער טישען, ביכער און הילפס-ביכער, בוכהאַלטער און שרייבער? דאָ האָבען מיר שוין אפילו ספּעציאַליטאַטען; דער, וואָס מאָסט, וואָגט און פערשרייבט האָבער, האָט גאָר נישט צו טהון מיט וואַלד; דער בוכהאַלטער פון וואַלד איז נישט קלאָר אין פּאָדריאַד און אַזוי ווייטער? נור דער בעל הבית אַלליין, אָדער דער אָבער-בוכהאַלטער, דער פיהרט די קאָנטראָלע פון אַללע געשעפטען צוזאַמען, ער האַלט אין דער האַנד אַללע פאָדעם, ער ספּעקולירט אויף אַללעם און ווייסט פון אַללעם; דאָס איז אפשר טאַקי דער פילאָזאָף, וואָס וויל אויף אַללע וויססענשאַפטען בויען זיין אַללגעמיינען סיסטעם איבער דער גאַנצער וועלט.

און אפשר זענען גאָר די וויססענשאַפטען אָהנליכער צו'ן אַ לייטער? די לייטער איז גרויס; זי שטעהט מיט די פיס אויף

צערעמאָניע".

ער האָט געליעבט די וויססענשאַפט און ליידען נישט געקאָנט די געלעהרטע. ער האָט געליעבט די קונסט און תכלית שנאה פיינד געהאַט די קינסטלער: דערהויפּט יענע, וואָס האָבען זייער גאַנץ לעבען געזונגען פאַלשע נאָטען.

מיט איין וואָרט דאָס איז געוועזען גאָר אַ בעזונדערער, אָריגינעלער קאָטער, האָטש ער האָט יעדע בעזונדערהייט, יעדע אָריגינעליטאַט, יעדעס „יוצא מן הכלל", נישט ליעב געהאַט און פערפאָלגט: ערשטענס שוין דערפאַר אַלליין, ווייל ער האָט נישט געקאָנט מאַכען אַ חלוק צווישען אָריגינעל און מאָדנע, און דערהויפּט, דערפאַר, וואָס די אַללע בעזונדערהייטען, אויסנאַהם-זאַכען, די „אַי-אַי-אַי-ען", פערשטעללען פאַר אונז דאָס געוואָהנליכע, דאָס איינפאַכע, דאָס פּשוטע, וואָס מיר מוזען גוט אויסשטודירען אָדער וואָס פאָדערט אונזער הילף.

דער אָרטער קאָטער איז געוועזען אַ ביסל מטורף; איהם האָט זיך פערזעטצט אין קאָפּף אַ געדאַנק, פון וועלכען עס האָבען איהן נישט געקאָנט אויסהיילען אַללע אייראָפּעאישע און אַמעריקאַנישע רופאים.

— איך, האָט ער געזאָגט, בין געבאָרען געוואָרען אויף דער וועלט מיט'ן קאָפּף אַראָב און פון יענמאָלט אָן דאַכט זיך מיר, אַז אַלץ אַרום מיר איז מיט די פיס אַרויף.

— אויבען שטעהען שטאַרקע און שאַנע גאָלדענע קאַלבער, פאַר וועלכע אַ סך קניען, אָדער לכל הפחות טאַנצען און שפּרינגען אויף די הינטערסטע פיסלעך, און מיר דאַכט זיך, אַז אויבען

דער ערד און מיט'ן קאפף ווילל זי שפאלטען דען הימmעל ? די לייטער איז אונזער וויססען בכלל, און — די ספעציעלע וויססענשאפטען בפרט זעננען די שטאפפעל פון דער לייטער, וואס העבען זיך איינע האָכער איבער דער צווייטער, ניט איבער צושפרינגען.

ליידער וועלען די אללע ביישפיעלען און נאך טויזענדער, וואס מיר קאָננען לייכט געפיננען, אונס קיין ריכטיגען בעגריף, ווי אזוי עס טהיילען און מעהרען זיך די וויססענשאפטען, ניט געבען! בכלל זעגען אין דער נאטור קיין צוויי גלייכע זאכען ניט פערהאנדען; קיין איינציגער משל איז ניט גאָר אין גאנצען אהנליך, ניט פאָלליג גלייך צום נמשל.

די ערשיינונגען אין דער נאטור, דאס הייסט: די פאקטען, וואס מיר שטודירען אין פערשידענע וויססענשאפטען, זענען זיך גאר ניט גלייך. דער פאקט, אז א שטיין איז אראבגעפאללען, מיט וועלכען עס בעשעפטינט זיך די פיזיק; דאס לעבען פון פלאנצען און טהירע, וואס געהאָר צו דער פיזיאָלאָגיע; אונזער וויללען, וואס די פסיכאָלאָגיע שטודירט, און צ. ב. ש. — דאס צוזאממענשמעלצען זיך פון מענשען אויף ראססען, פאָלקער און רעליגיאָנען, איבער וועלכען עס ארבייט די ניי-געבאָרענע סאָציאָלאָגיע — די אללע פאקטען זענען ניט אויף איין מדרגה! זיי ליעגען ניט ווי דער דעסען אויף איין שטח פון א טישטוך; עס איז ניט קיין דעסען, צו וועלכען די פליעגען פון משל קאָננען בענוטצען איבעראלל דאס זעלבע אויג, די זעלבע פיסליך, און יעדער פליעג איז דעריבער לייכט איבער צוגעהען פון איין קופקעלע צום צווייטען; פון א פיזיקער ביז א סאָציאָלאָג איז צו וויים.

עס איז דעריבער אויך ניט קיין בערגווערק, וואו אללע זוכען דאס זעלבע. פערקעהרט יעדע וויססענשאפט זוכט איין אנדער מאטעריאל, אנדערע מאָדע פאקטען און אויב פון דעם פערשידענעם מאטעריאל, וועט זיך אפשר לאָזען אמאל אויפבויען איין פאלעץ, איין פאלאטץ, איין ריכטיגער בעגריף פון דער נאטור, האָט דאך דערוויל יעדער געלעהרטער צו טהון גאר מיט איין אנדערער וועלט!

די וויססענשאפטען וואקסען אויך ניט ווי בוימער! יעדע וויססענשאפט קאָפּירט, פאָטאָגראפירט א געוויססען טהייל פון דער נאטור; און די נאטור, דאס אָריגינאל, צו וועלכען די קאָפּיע אָדער די פאָטאָגראפיע דארף אהנליך זיין, האפט גאָר ניט דען אנבליק פון א בוים.

ספעציאליזירטער זענען שוין די פערשוין לאנג אויף א זייט, און אויף איהר ליעגען מענשען און חזר'ן פון גוטען און פולען הארצען:

„ווער איז שכור, דער איז קלוג"!

— אויבען שטעהט די וועלט-מנורה, ווייל קיינער שטעלט זי ניט אונטער דעם טיש, און איך זעה, אז זי שטעהט טאקי אונטער דעם טיש, אויף וועלכען עס עסט די גוטע גאָטטין „דומהייט" און כשופט-וואראָזשעט אללעמען, וועמען עס לעבט זיך גוט אויף דער וועלט.

— אויבען שטעהט דער אמת, וואס וויל, אז יעדער געשעהענער פאקט זאָלל זיין פריי, אז ווי נור א פאקט איז בעשטימmט געוואָרען, זאָלל מען איהן ניט פערדעקען, פערדרעהען, בעהאלטען — און מיר דאכט זיך, אז אויבען רויכערן זיך אָט יענע אלטע קטורת-פאנגען, וואס שטעהען דאָרטין פון שטעהען אָט יענע קליינינקע וואָרמלעך, וואס גראָבען זיך טאג-טאָגליך אין דר'ערד איבער א שטיקעל טרוקען ברויט.

— — — — — — — — —

— — — — — — — — —

— אויבען שטעהט די מענשענפריינדליכע ברידערליכקייט און גיט אוועק דעם נאָכסטען דאס לעצטע איינציגע העמד פון לייב, — און מיר ווייזט אויס, אז אויבען שטעהט גאר אָט יענס איינענע העמד, וואס איז נאָהנטער צום אייגענעם לייב, אלס אללע אנדערע העמדער.

— אויבען שטעהט דער „עמור-אש", די זייל פון פראָגרעסס, פון געה'ן פאָרוואָרטס, און בעווייזט מיט א האנד, וואהין מענשען זאָללען געהן —, און מיר דאכט זיך, אז די זייל ליגט

שיעדענע געשאַפֿטען אין דער גרויסער קאַנטאָר, נור יעדעס געשעפֿט קאָנן דאָרט געפֿיהרט ווערען בעזונדער, האָבען אַ בעזונדערן בעל הבית, איינ'ס איז נישט אָבהאָנגיג פֿון צווייטען, און די וויססענשאַפֿטען זענען אַללע פֿערקניפּט און פֿערבונדען; יעדע ערפֿינדונג, יעדע נייע אידעע אין איין וויססענשאַפֿט, קעהרט איבער וועלטען אין אַללע וויססענשאַפֿטען צוזאַממען, ווייל די וויססענשאַפֿטען זענען איינע אויף דער צווייטער געבויט!

און דאָך זענען זיי קיין לייטער נישט! מיר האָבען נאָך נישט קיין איינציגען פֿערטיגען שטאַפּעל, ער ווערט געאַרבייט אויפ'ן האָכסטען און אויפ'ן נידריגסטען צוזאַממען, מען שטודירט סאָציאָלאָגיע (דאַכט זיך דער האָכסטער שטאַפּעל), נור די פֿיזיק (דער נידריגסטער) איז נאָך גאָר נישט געשלאָססען, מען אַרבייט אין איהר אויף אַללע כלים, טאָג־טעגליך געשיהט נייעס!

און ביי דעם אַללעם שטאַרקט זיך דער בעגריף, ווערט פֿעסטער אונזער איבערצייגונג, אַז מיר האָבען צו טהון מיט איין וועלט, מיט איין נאַטור, אַז אַללע ערשיינונגען, די איינפֿאַכסטע און די פֿערוויקקעלטעסטע, זענען פֿאַרט, ווי מען זאָגט: „מעור אחד" — פֿון איין פֿעלל!

דער בעגריף פֿון דער איינהייט דער נאַטור איז נישט קיין געבוירענער.

דער ערשטער מענש האָט, גלייך מיט'ן היינטיגען קינד, בעמערקט און בעגריפֿען נור דאָס, וואָס עס האָט איהם, אינ'ם פֿערשלאָפֿענעם מוח אַריינגעבּרענגט דאָס בלויסע אויג. נאַטירליך האָט ער אויפ'ן ערשטען בליק, ביי'ם ערשטען שוואַכען שיין און אָבער־פֿלאַכליכען בעטראַכטען, געזעהען סאַמע אָבגעטהיילטע, בעזונדערע, דורכאויס זעלבסט־שטאַנדיגע, אַלליינהערשענדע זאַכען און קראַפֿטען. פֿערשיעדענע זאַכען, פֿערשיעדענע קראַפֿטען, פֿערשיעדענע ווירקונגען: פֿייער ברענדט, וואַססער לעשט, ווינטען בלאָזען, בערג שפּייען מיט פֿייער, די זונן לייכט און רעגיערט ביי טאָג, לבנה און שטערן ביי נאַכט... טהייל מאָל פֿליהט דורך, אָדער עס שלאָגט אַריין, אַ דונער; עס טרייבט זיך דורך אַ וואָלקען און שפּייט אויף דער ערד מיט וואַססער פֿון הימעל... עס האָט איהם גאָר נישט געקאָנט חלומ'ען, אַז די אַללע ערשיינונגען זענען זיך גאַנץ נאָהנטע קרובים, אַז אונטער טויזענד־אַרטיגע קליידער און מונדירען בעוויזט זיך די זעלבע קראַפֿט, ווי אונטער פֿערשיעדען־פֿאַרביגע הויטען און קליידער — דער זעלבע מענש! פֿערקעהרט, ער האָט איבעראַלל געזעהען שונאים, וואָס געהען

נור אויך דאָ האָט ער קיין רוה נישט געהאַט. אויך דאָ זענען צו איהם צוגעשטאַנגען אַללערליי קאָפּף־פֿערדרעהער, וואָס האָבען איבערגעזיפּט יעדען געדאַנק זיינען, יעדעס וואָרט.

— וואָס חלומסט דו? האָט געפֿרעגט איין פֿערדרעהער, — פּאַססען דען אַ זאָלכע צאַרטליכקייטען צו דיינע גראָהע וואָנסען?

— געה גאַרב אויס דיין פֿעלל, — האָט געענטפֿערט דער קאַטער, — און דאָס האַרץ אויך, אויב דיר געפֿאַלט נישט קיין ווייכקייט, קיין צאַרטליכקייט, איך האַלט דיך נישט אָב.

— וואָס ווידערשפּרעכסט דו זיך אַלליין? האָט געזאָגט אַ צווייטער פֿערדרעהער.

— נור אַ שטעקען איז גלאַט, אָהן ווידערשפּרוכע, האָט געבורטשעט דער קאַטער, איך וויל

דער צייט פֿון די אַלטע פֿאַלשע נביאים, און אונטען... נור אונטען קאָנן מען גאָר נישט זעהען, ווייל דער רויכיגע וואָלקען מאַכען שיער בלינד.

— אַח! ווען וועט זיך מיר שוין פֿאָרשטעללען, אַז מענשען געהען מיט די קאָפּף אַרויף און וואַרפֿען נישט מיט די פֿיס אין דער לופֿטען?...

און דער אָרמער קאַטער שאָקעלט שטאַרק מיט'ן עק, טאָמער וועט ער פֿערטרייבען פֿון זיך דען אונרוהיגען, אין איהם איינגעוואָרצעלטען, געדאַנק. נור דאָס מיטטעל האָט, פֿערשטעהט זיך, נישט געהאָלפֿען, און ער האָט זיך גענוממען קנורען (מורליקען) אונענדליכע ליעדער און מעשה'לעך. קינדער האָבען איהן אַרומגערינגעלט און צוגעהערט; צווישען זיי איז זיין אַלטען האַרץ געוועזען וואַרם און היימליך.

זיך איינער דעם אַנדערן אויפ'ן לעבען; פיינד, וואָס יאָגען זיך, שלאָגען, טאָדטען, ווי איין מענש דען צווייטען, ווי איין טהיער דאָס צווייטע! אַללע מאָל איז איין אַנדערער גובר, אַללע מאָל פאַלט איין אַנדערער; די וועלט ווערט דערפון פולל מיט שטורם און גערויש: דאָס קראַכטצען די געפאַללענע, דאָס שאַללען און יאַכצען די זיעגער! — די זונן איז אַ גרויסער אָקס, וואָס טרינקט אויס דען ים, וואָס פערניכטעט דאָס וואַססער, און דאָס וואַססער איז זיך נוקם און פערגיעסט און פערלעשט יעדעם פייער — יעדע ברעננענדיגע שלאַנג! אין איין וועגס איז דער ים אַ ווילדע חיה מיט איין אונגעהייערן מאַגען, וואָס שלינגט איין, פערדייעט, קאָכט איבער: ערד, שטיינער, פלאַנצען, טהיערע און געוויקסען! אַלץ, וואָס פאַלט אין וואַססער אַריין, ווערט אויפגעפרעססען! דער ווינד שלאָגט זיך מיט וואָלדער און בערג און פאַטשט דען ים אין פנים אַריין, אַז דער ים לויפט־אויף מיט וועללען ווי מיט ביילען! און אַז דער באַרג קומט אין רציחה אַריין, אָפּענט ער אַ מויל און שיטט מיט פייער! די ערד, איז, דאַכט זיך, גאָר אַ גוטע, געטרייע מאַמע... זי זייגט אויס און האָדיוועט־אויף ביי דער ברוסט אַללע געוויקסען, ערנאָהרט אַללע מענשען און טהיערע — נור טהייל מאָל ווערט זי אויך באָז, ציטטערט פאַר כעס, שפאַלט זיך און שלינגט איין איהרע אייגענע קינדער... היינט: אַ לייב, אַ באָר, איין עלעפאַנט אָדער, „אַ ברעננענדיגער עגדים" — אַלץ זענען פאַר איהם בעזונדערע כחות, בעזונדערע זאַכען, און אַללע לעבען מיט אייגענעם ווילען; זיי קאָננען טהון די גראָסטע טובות און די גראָסטע רעות, און מען מוסס זיך ביי זיי אויסבעטען דאָס לעבען, אויסקויפען זיך, אָדער ענטלויפען, בעהאַלטען זיך, אַוועק גנבינען... אַלץ וואָס איז שטאַרקער פאַר'ן מענש איז זיין גאָטט! און ער איז אַרומגערינגעלט מיט טויזענדער געטטער, מיט טויזענדער באָזע בלוטזיכטיגע גאָטטער; אַללע ווילען בעזונדערע מזבחות, עבודות, קרבנות און אַללע דאַרפען די „כהנים", וואָס האָבען פאַר זיי געגעססען, געטרונקען, געבייזערט זיך, איבערגעבעטען, געהערשט, געלייטזעליגט און געשטראָפט... דער גאָטטער־כבוד איז געוועזען אַ מטבע, וואָס מען האָט קיינעם נישט געקאַרגט, עס האָט זי בעקומען אַ רויטע קוה, אין גאַנצען אַ פרה אַדומה, אָדער דוקא מיט „שתי שערות" — מיט צוויי שוואַרצע האָרליך, אויף אַ געוויסען אָרט! פאַר'ן מיטעל איז נישט צו נידריג געוועזען: אַ שלאַנג, אַ טייך! אפילו אַ שטיין אויפ'ן פעלד (אבני השדה) האָט געהאַט

נישט זיין קיין שטעקען.

— אַ פאַר וואָס דערצאָהלסט דו אויף קינדער לשון נישט קינדערשע מעשות? פראָגט אַ דריטטער, קאָננען דיך דענן קינדער פערשטעה'ן?

נור דאָ האָט שוין דער קאָטער פערלאָרען די גאַנצע געדולד. ער איז אויפגעשפרונגען און מיט ווילדקייט אַרויפגעוואָרפען זיך אויף אַללע פערדרעהער.

— און איהר ווייר זייט?! האָט ער געשריען. זייט איהר אַלליין דענן נישט קיין קינדער אין דעם זעלבען וואוקס פון יענעם קינד, וואָס מען רופט מענשהייט, פונ'ם קינד מיט דעם משנה'דיגען, שווערען קאָפף, וואָס וואָגט איהן איבער אַראָב?

— זי, אייער הויכע מענשהייט, האָט אָבגעלעבט אַזוי פיעל יאַהר־הונדערטער און ווייס נאָך אַלץ נישט: ווי אַלט זי איז?...

— ביז יעצט קאָנן זי זיך אַלץ נאָך נישט בעפרייען פון די אַלטע וויקעלעך, פון די גאַנגעלבאַנדער, אויף וועלכע מען פיהרט זי...

— זי יאָגט זיך נאָך אַלץ נאָך שאָנע פליגעלעך, אָדער נאָך אומלויפענדע פייערלעך, וואָס בליטצען אויף איבער יעדער בלאָטע.

— יעדע מינוט איז זי גרייט צושלאָגען זיך, דראַפען זיך ביז בלוט, פאַר יעדעס שטיקעל קאָטיגע ערד, פאַר יעדען אוננוטצליכען גראָגער.

— זי בעריהמט זיך מיט איהר וויססענשאַפט און קאָנן נאָך אַלץ נישט איבערלייענען איין וואָרט „מענשליכקייט", דאָס אַללוועלטליכע וואָרט, וואָס עס האָבען זי געלערנט די בעסטע מענשען פון דור דורות.

— אַוועק מיט אייערע קשיות! געהט לערנ־

עפּיס אַ דעה אויף דער וועלט, האָט אויך געקאָנט נביאות זאָגען, סודות פערצאָהלען, אונ עס זענען שוין געוועזען אוינע, וואָס זענען מיט די שטיינער געוואָרען גרויסע מחותנים אונ אויף זייער לשון אויסגעצייבענט פערשטאַנגען אונ — דעם פאָלק פערטייטשט!

אונ פאַר'ן פאָלק האָט מען שוין געהאַט פאַרטיגע, פעסטגעשטעלטע פילאָזאָפיען, פון וועלכע עס זענען מיט דער צייט רעליגיאָנען געוואָרען... דאָס זענען געוועזען גרייטע פאָרמען, ווי אַזוי צודינען דען אָדער יענען גאָט; אָבגעפאַסטע השבעות — זיי צו בעשווערען; אָבגעשטעלטע מנהגים, זיי צו געפאַללען; געוויסע קרבנות, וואָס האָט זיי אָמבעסטען געשמעקט! — דאָס פאָלק האָט דען עול פון שטודירען די גאָטטער אַראָבגעוואָרפען פון קאָפּ אונ איבערגעגעבען די פערמיטלער (די פאַקטוירים), וואָס מען האָט צוגעשטעלט צווישען זיך אונ די גאָטטער... די פערמיטלער האָבען שוין קיין אַנדערע בעשאַפטיגונג נישט געהאַט, אונ האָבעןווירקליך שטודירט, געקלערט, געלערנט אונ אַ סך דערגאַנגען! בשעת ווען, למשל, דאָס עגיפּטישע פאָלק (מצרים) האָט מאָדליך געוואָרפען אין נילוס אַריין אונ קאָלבער געקושט, האָבען שוין זיינע „כהנים" אַסך, אַ סך געוואוסט, נור דעם פאָלק נישט אויסגעזאָגט! אויסזאָגען, וואָלט געהייסען פערליערען די פעטטע פרנסה, אַרויסלאָזען די ממשלה פון דער האַנד! די וויססענשאַפט האָט מען געהאַלטען בסוד; די גייסטליכע זענען געוועזען אַ בעזונדערע, אָבגעשלאָססענע קאַסטע, אַ בעזונדער שבט; אונ די וויססענשאַפט — אַ בעהאַלטענע קבלה, אַ סוד וואָס איז איבערגעגאַנגען פון איין דור צום צווייטען אונ מיט וועלכען מען האָט שאַרלאַטאַנישע שוואַרצע קונצען בעוויזען!

נור די ליכט לאָזט זיך נישט בעהאַלטען: זי שטראַהלט דורך אונ קומט דאָך צו צום פאָלק! נאַטירליך נישט דירעקט, נישט גלייך! די געלעהרטע אונ אפילו די געבילדעטע קלאַססע איז נאָך עד היום אָבגעגרעניצט פון דער רעשט וועלט, אונ ווי לאַנג איז, אַז די געלעהרטע וועלט האָט נאָך געהאַט איהר בעזונדער לשון — לאַטיין? מיט דער צייט האָט דאָך דער שכל הישר געמוזט גובר זיין; אויב די וועלט האָט דעם ווילדען אויסגעזעהן, ווי אַ היינטיגער ציַרק, אַלס אַ סצענע פאַר גלאַדיאַטאָרען צום באָרען זיך אונ שלאָגען, האָט דאָך דער קלאָרער שכל אַללע מאָל איינציגווייז אַראָבגעשלעפּט איין גלאַדיאַטאָר נאָכ'ן צווייטען פון דער סצענע אונ געשיקט אין זיין רוה אַריין... מיט דער צייט האָט מען דאָך געמוזט

זיך בײ פון קליינע די קלענסטע, אויף וועלכע איהר קוקט מיט פאַלשען גענאָד. אין זייערע הערצער איז אַללײן די נאַטור, אַ פּשוטע, אַ ריכטיגע, אַ הויכע. זיי זענען עלטער פאַר אייך אויף אַ גאַנצען דור; האָבער פאַר אייך אויף אַ גאַנצען קאָפּ, ווייל אין דעם קאָפּ זענען שוין אויסגעלעגט יענע וועגע, צו וועלכע עס האָבען זיך געוואָלט דערשלאָגען אייערע טאַטעס אונ זיידעס, אונ האָבען זיך פאָרט נישט דערשלאָגען!..

נו, וואָס!.. עס קאָנן זיין, אַז דער משוגענער קאַטער איז טאַקי געערבט געוועזען, — האָטש אַ ביסל? נור איבריגענס, זאָללען אונזערע קינדער פערענטפערן די פראַגע.

קורילקא*).

אַ מאָל איז געוועזען... נישט קיין רב, נישט קיין רביצין, נור אַ קורילקא. אָט טאַקי דער אייגענער קורילקא, וועגען וועלכען עס זינגט זיך אים רוססישען ליעדעל:

ווי עס זענען בײ אונזער קורילקא
די פיסעלעך דינגינקע,

---

*) אַ רויבער־האָלין, אַ קיהנדעל. עס איז אַ מין קינדער־שפּיעל: מען צינדט אָן אַ קיהן אונ איינער גיט עס איבער שנעל דעם אַנדערן. בײ וועמען עס פערלעשט זיך, דער דאַרף שטראָף צאָהלען. דערבײ זינגט מען אַ ליעד.

בעמערקען, אַז דער גבור קומט נישט אויף דער סצענע אַרויף, ווענן ער וויל, געהט נישט אַוועק, ווענן עס פֿאַלט איהם אַיין, און טהוט נישט, וואָס ער וויל! די אַלטע וועלט האָט נאָך בעמערקט, אַז די זונן און לבנה און שטערן, ליזיווען (ביטען זיך) נישט, ווענן עס פֿאַלט זיי אַיין, נור זיי בעוויזען זיך שטאַנדיג צו דער ריכטיגער, בעשטימטער צייט; שפּעטער איז מען דערגאַנגען, אַז די ערד איז קיילעכדיג און מען האָט אָבגעשאַפֿט ביידע לאָכער אין הימעל, דורך וועלכע זיי קומען אַרויס און אַריין! די זונן שלאָפֿט זיך שוין נישט אויס איבער דער נאַכט, אין דעם צושטראַהלטען מאָרגענרויט זעהט מען שוין נישט דער זוננס צושויבערטע, גאָלדענע צאָפּף; זי פֿאָהרט שוין נישט אַרויס אויף אַ וואָגען; די לבנה איז שוין קיין קוואָקע נישט, וואָס זאָלל יעדען פֿאַרנאַכט אַרויס טרייבען די הינדליך אויף דער בלאָהער פּאַשע און אַהיים טרייבען זיי פֿאַר טאָג, די זונן זאָלל זיי די אויגען נישט אויסברענגען!

דער ווילדער ים ווערט אויך אויס פֿיינע'בריה; פֿריה בעמערקט מען, אַז ער האָט עפּיס אַ גרעניץ! — מען קאָנן נאָך נישט וויסען, אַז דער ים צורייבט די פֿעלזען, אַז פֿון די פֿעלזען ווערט זאַמד, וואָס בעטט אויס זיין געלעגער, און אַז דער ים טוישט דאָס געלעגער אָדער ציהט זיך אַיין, בלייבט דאָס זאַמד פֿריי, נור מען האָט זיך פֿאָרגעשטעלט, אַז עפּיס אַ האָבערע קראַפֿט האָט אָנגעשיטט פֿון זאַמד אַ גרעניץ פֿאַר'ן ים און אָנגעוויזען: וויטער זאָלסט דו דיך נישט רוקקען; דערנאָך האָט מען ערשט בעמערקט, אַז עבבע און פֿלוט מוזען זיין צוויי מאָל אין מעת־לעת!

גאַנץ שפּאָט ווערט מען געוואָהר, אַז דער ווינד איז נישט קיין בעזונדערע זאַך; אַז דאָס פֿליהען נישט אַרום קיין גאָטטער וואָס פֿיהרען מלחמה מיט בערג, וואָלדער און ימים — דאָס מישט זיך נור די וואַרמע מיט דער קאַלטער לופֿט! די ערד, ווערט מען געוואָהר, איז אַ קויל, וואָס האָט אַ מאָל אין גאַנצען געברענט און קיהלט זיך אַללע מאָל אָב. די אָבגעקיהלטע קאָרע, די הויט פֿון אויבען, ווערט, אַללע מאָל דיקקער, נור אינענווענדיג ברענט נאָך און עס טאָפּען זיך און צוגעהען מעטאַללען. און דער באַרג איז דעריבער גאָר נישט שולדיג, אויב דאָס פֿייער גיעסט זיך דורך זיין האַלז אַרויס! עס פֿלעגט אַ מאָל זיין אַ הונד אין הימעל, וואָס האָט די לבנה געביססען, און מען האָט געמוזט יעדען חדש קנעטען אַ נייע; אַ לויתן, וואָס האָט זיך אַמאָל צוגעחאַפּט איינצושלינגען די זונן! דען הונד מיט'ן לויתן האָט מען געמוזט אָבשרעקקען

די נשמה אַ קורצינקע!

קורילקאַ איז געוועזען פֿון איין עכטען פּיכטען (סאָסנאָווע) שפּאָנדעל מיט אַ שוואַרצען קאָפּעל.

איינמאָל האָבען זיך צוזאַמענגענומען אין אַ גרויסען זאַל אַ סך אויסגעפּוצטע קינדער, מאָדלעך אין ווייסע און ראָזע קליידעלעך און יונגלעך אין שאָנע ראָקלעך און העמדלעך. זיי האָבען זיך געזעטצט אין אַ קרייז, אָנגעצונדען דען קורילקאַ און ער האָט אָנגעהויבען אַרומגעהן פֿון האַנד צו האַנד. יעדער האָט געשווינד איבערגעגעבען קורילקאַ'ן דעם שכן און אַללע האָבען פֿראָהליך געזונגען:

„עס לעבט, עס לעבט קורילקאַ,
עס לעבט, איז נישט געשטאָרבען".

— זעהסט, ווי אַללע האָבען מורא, איך זאָלל חס ושלום נישט שטאַרבען! האָט קורילקאַ געטראַכט, היינסט עס, אַז איך בין אַ וואָהלער יונג. און פֿון פֿערגניגען האָט ער אַללעמען געלאָזען רויך אין די אויגען. נור ביי איין יונגעל מיט אַיין ווייסען קאָפּף האָט ער זיך פֿערלאָשען.

— אַח, דו שלעכטער קורילקאַ, האָט געזאָגט דאָס יונגעל, האָסט נישט געקאָנט פֿערלעשען זיך ביי אַיין אַנדערן!

קורילקאַ האָט זיך בעלעדיגט און, ווענן ער איז נור ווידער אַריינגעפֿאַללען צו דעם יונגעל, האָט ער זיך שוין אויף להכעיס פֿערלאָשען.

— נו, האָט געזאָגט דאָס יונגעל, קורילקאַ האָט דערעססען, לאָ'מיר שפּיעלען אין פֿאַנטען.

און ער האָט אַ שליידער געטהאָן קורילקאַ'ן, אָבער אַזוי געשיקט, אַז ער איז פֿון זאַל פֿער־

מיט פויקען, טראמפייטען און געוואלטען, מען זאלל ראטיווען די ליכט פון דער לבנה ביי נאכט און די ליכט מיט דער ווארמקייט פון דער זונן ביי טאג — היינט ווייסט שוין א פויער אויפ׳ן דארף, ווען עס וועט זיין לקוי חמה, און קינדער אין וויעג רעדען פון מולד! פייער איז אויס מיוחס געווארען — מען רייבט איין שטאקעלע אינ׳ם צווייטען, דערווארמען זיי זיך און צינדען זיך אן! אמאל האט עס געהייסען „אונריין פייער", אדער „פרעמד פייער", א מין כשוף, א פייער פון דער סטרא אחרא! צום מזבח האט מען געמוזט האבען ריין פייער, פייער היילינס, פון הימעל אראב — היינט ווייסען מיר שוין, אז דער דונער איז דער זעלבע עלעקטרישע פונק, וואס מיר נארען ארויס פון א שטיקעל טריעפוואקס, און אז אללע פייערן זענען גלייכע מיוחסים...

נאטירליך קריגען די גאטטער די דימיסיע (אטסטאווקע) נישט מיט א מאל, זיי ווערען אללע מאל קלענער און קלענער, און מיר געפינען זיי נאך היינט ארומוואנדערן מיט שפארען און שליפעס אין ערגיץ א העקק... פריהער ווערען פון גרויסע — קליינע גאטטער, וואס פאללען אונטער איינעם, א גרויסען גאטט; דערנאך פאללען זיי אראב אויף געצען — אויף סענאטארען צו מיניסטארען ביי גרויסע גאטטער, שפאטער — פראסטע משרתים ביי זיי, ביז זיי פאללען אראב אויף שדים און רוחות... אויף סימבאלען און קמיעות... וואו האט איהר נישט נימפען, וואססער מענשען? וואו ווארפט מען נישט א מעססער אין א ווירבעל-ווינד אריין צו דערזעהען א טראפפען בלוט פון א שד? אין וועלכע וואלדער און מדבריות וואלגערן זיך עס נישט ארום די פערצייטישע גאטטער אין געשטאלט פון רוחות? די זעלבע, וואס האבען אמאל געפיהרט די וועלט ביד רמה, וואס האבען פאלאצען און טעמפעל געהאט, וואס מען האט זיי געבויט מזבחות, געשטאפט מיט קאלבערן פעץ און בלוט, גערייכערט מיט קטורת; צו וועלכע מען האט צוגעשטעלט ראטעס כהנים פאר לאקעען — די זעלבע בעהאלטען זיך היינט אין חורבות אלס לצים און ווארפען מיט קארטאפעל... און פון אלטען לבנה-סדור איז ביי אונז קוים א קליין בלאטטעל געבליבען מיט א הויבען „שלום עליכם"!

די מפלה פון גאטטער, אבגאטטער, געצען און געצליך האבען מיר צו פערדאנקען דעם טיעפערן בעגריף, וואס דער מענש האט בעקוממען איבער דער נאטור — ער פיהלט איהר איינהייט און זוכט איהר איינציגען גאטט!

צו הילף קוממט אלס וייטער און

פליגען אין גאסטצימער, פון גאסטצימער אין קינדערצימער, און דארטין האט ער געטראפפען אין ווינקעל צו דעם שפיעלצייג.

— שלום עליכם, וואס מאכט איהר? האט אויסגעשריען קורילקא, — איך בין געקוממען מיט׳ן עקסטרענגעם צוג גלייך פון גרויסען זאל, דארטין איז זעהר א גרויסער עולם, א שאנע שטארקע בעלייכטונג און אלין פון מיינעט וועגען. דארטין האט יעדער געוואלט האלטען מיך חאטש א ביסל אין די האנד, ווייל דאס איז, פערשטעהט אלליין, זעהר א גרויסער כבוד. אללע האבען זיך געפראהט, וואס איך בין נישט געשטארבען און האבען געזונגען: „עס לעבט, עס לעבט קורילקא!" איך האב זעהר ליעב אזא בענעהמען זיך מיט מיר. מען האט מיך געטראקטירט מיט אפעל, קאנפעקטען, איינגעמאכץ, נור איך האב דאס אלץ נישט גענעססען, ווייל איך האב נישט געוואלט! איך האב נור גערויכערט טהייערע, גוטע ציגארען, — פוף, פוף, פופ-ף און אללע זענען געוועזען ענטציקט פון מיין רויכערן. ענדליך האבען זיי מיר אללע דערעססען און איך בין געקוממען אהער צופאהרען מיט׳ן שנעללסטען צוג אויף די פליגעל פון א ווינד-מיהל, ווי א פויגעל — שששש!

— וואס פיר א באלבאטון לאזט מיך נישט שלאפען, האט געזאגט דאס לימענע ענגטיל, א גאנצען טאג פייף איך, וואלט איך חאטש ביי דער נאכט א ביסל א דרימעל טהון. עפיס א שפאנדעל איז געקוממען צו פליהען און רוישט, ווי איך ווייס נישט וואס.

— מאדאם! זייט מוחל, איך בין גאר נישט

וויטער די וויססענשאפט.

די וויססענשאפט טהיילט זיך, זי צווארפט זיך אויף טויזענדער פלעץ, געהט אויף טויזענדער פערשידענע וועגען, נור זי פיהלט אלץ טיעפער און טיעפער די איינהייט פון דער נאטור, און איהר איבערציינונג, אז זי האט צו־טהון מיט איינעם ווערט פעסטער פון טאג צו טאג. טאגליך פאלט אום איין אנדערע וואנד, וואס האט אבגעטהיילט צווייערליי ערשיינונגען, איין אנדערע גרעניץ צווישען וועלטען און עס ווערט פערשיטט איין אנדער אבגרונד צווישען פאקטען...

ווי וויט איז א מאל געוועזען צווישען הימעל און ערד! א בלאה פרוכת האט אבגעטהיילט ביידע וועלטען — איבער'ן הימעל איז סאמע רוחניות, דארט וואהנט גאט און זיינע מלאכים, אונטער'ן הימעל סאמע גשמיות, סאמע עפר ואפר אש און שטויב... דער הימעל אליין — זענען גלגלים, אזוינע רעדער, אין וועלכע די שטערן זענען אריינגעשלאגען ווי נאגעל... מיימאנידעס (רמב"ם) האט צושפאלטען דען אמת אויף צווייען; האלב האט ער אוועק־געגעבען משה רבינו, האלב — אריסטו'ן... „ביז צו גלגלים" האט אריסטו רעכט, וואס איבער די גלגלים — משה רבינו! דאס איז געוועזען די נאטירליכע גרעניץ צווישען „אמת'ע רעליגיאן" און „אמת'ע פילאזאפיע", וואו עס האבען זיך געענדיגט דער ערשטערס פים האט זיך אנגעהויבען דער צווייטערס קאפף, אדער בעססער געזאגט: משה רבינו האט צוגעדריקט אריסטו'ס ציופרינע! די גרעניץ איז אבער געפאללען! די אסטראנאמיע האט אויסגעריססען די ערד פון מיטטעלפונקט און אריינגעשלידערט צווישען דער מחנה שטערן — אונזער ערד איז א שטערן, די שטערן זענען אויך אזוינע ערדען, נור גראססערע קוילען; אללע זענען וועלטען, אללע האבען גלייכע פאליטישע און ציוויל־רעכטע אין דער נאטור! און עס איז בעשאפפען געווארען א „הימלישע פיזיק" וואס שטודירט מיט דער הילף פון ספעקטראסקאפ די קערפער פון „יענע וועלטען", וואס רעכענט אייך אויס מיט דער גראסטער זיכערהייט די מעטאללען, וואס געפינען זיך דארט! אוים גרעניץ!

אויף דער ערד אלליין האבען מיר אמאל דריי אבגעטהיילטע וועלטען געהאט: „דומם, צומח, חי!" 1) די טויטע וועלט (דומם), צו וועלכער עס האבען געהערט אללע קערפער, אויסער געוויקסען און לעבענדיגע, 2) די פלאנצען וועלט (צומח), צו וועלכער עס האט געהערט אללעס, וואס וואקסט און לעבט ניט, און 3) די לעבענדיגע וועלט (חי), צו וועלכער עס געהערען

קיין שפאנדעל. איהר זייט א פראסט לוימען ענטיל, קאנט איהר מיך נישט שאצען. איך בין קיינמאל קיין שפאנדעל נישט געוועזען. מיין זיידע איז געוועזען קורילקא, מיין באבע — קורילקא און איך אלליין בין איין עכטער קורילקא, גראף קורילקא! אט אזוי איז עס! פערשטעהט איהר?

— הארט, גראף קורילקא, האט זיך אבגערופען א פופע (קוקלע), ביי וועלכער קורילקא איז געלעגען צופוסען אויף דער דילע (פאדלאגע). איהר וואלט אונז אללעמען געטהאן א גרויסע טובה, ווענן איהר וואלט ענטשוויגען געווארען.

— אך! מאדעמואזעל! איך בעט טויזענדער מאל מחילה, וואס איך האב אייך גלייך נישט בעמערקט. נור איהר האט מיך פשוט פערבלענדט! אזא שאנע דאמע האב איך [illegible] קיינמאל נישט געזעה'ן. איהר זייט געוויס געוועזען אין גרויסען זאל; דארטען האבען אללע פרוילין געטראגען מיך אויף די האנד, נור קיין פרוילין האט נישט אזא שאן לאיקאווע האנט'ל, אזוי ווי איהר. איך ליעג פאר אייערע פים; ריהרט עס דענן אייך נישט און איהר וועט מיר אייער האנד און הארץ נישט אוועקגעבען? קוקט נישט, וואס איך האב קיין שיך נישט. איך בין געקליידעט נאך דער מאדע: איך האב דאך דינגינקע פיסעלעך, א קורצינקע נשמה'לע. איינמאל בין איך געגאנגען אין דעם בעסטען מאגאזין קויפען שוהוואקס פאר די לאיקאווע שיכלעך. וויפיעל, זאג איך, קאסט ביי אייך א באנקע מיט דעם בעסטען שוהוואקס־רייבאקס: בעט טהייער, ווייל איך בין א גביר. — „צוויי קאפעיקען מיט א גריווונע". — „דאס איז וואלפיל, שניידט מיר אב

מענשען און טהיערע, וואס וואקסען, נור לעבען אויך און קאננען זיך פריי בעוועגען. היינט זענען די גרעניצען אויך אבגעפאלען! צווישען דעם „דומם" מיט'ן „צומח" ליגען אללע קריסטאללען, וואס וואקסען אין געוויססע פארמען; וואס וואקסען צוריק אין דער אייגענער פארם, אויב זי ווערט דורך עפיס צושטארט; צווישען „צומח" און „חי" ליגען מאססען בריות, וואס לעבען און ריהרען זיך נישט פון ארט, מאססען פלאנצען, וואס קאננען זיך פריי בעוועגען, און די ביידע וועלטען שווימען ארום אין א דריטטער, אללגעמיינער וועלט פון איינצעלנע צעללען, פון בעזונדער לעבענדיגע קאמערליך! זי איז ארומגערינגעלט מיט איין אונערמאססליכער וועלט פון לעבענדיגען מאטעריאל, פון וועלכען עס ווערען געבויט אי די פלאנצען, אי די טהיערע און מענשען! און וויטער — יעדע „צעללע", יעדעס קאמערל בעזונדער, בעשטעהט פון אטאמען, פון די זעלבע קליינע חלקים, פון וועלכע אללע קארפער (די טוידטע, די דומם'ס נישט אויסגעשלאססען) זענען געבויט! עס איז ריכטיג, אז דער מענש איז פון ליים געקנעטען, אז דאס שיינדיל, די קרוין פון דער וועלט, איז אויך נור שטויב פון דער ערד!

נור איהר קאנט זאגען, אז נישט אינ'ם מאטעריאל שטעקט דער אונטערשיעד, נור אינ'ם תוך, אינ'ם גייסטיגען לעבען, אינ'ם רוחניות! עס וועט זיך קיינער מיט אייך נישט שפארען, אז דאס מענשליכע אויסגעבילדעטע לעבען איז האכער, אז דאס גייסטיגע לעבען איז ענטוויקעלטער ביים מענש אלס ביי טהיערע, ביי טהיערע ווי ביי פלאנצען און מיר קאננען עס נישט ארויסשפירען ביים „דומם", ביי'ם מינעראל, ביי'ם שטיין — נור א טראפפען, וואס איז אריינגעפאללען אין א פאסס וואסער עקזיסטירט דאך, כאטש מיר קאננען איהן נישט ארויסשפירען! אויך לאזט זיך נישט די נאטור אזוי ריכטיג איינטהיילען אויף קארפער און גייסט, ווארום — וואס איז אזוינס בעוועגונג? א גוף אדער א נשמה? און אללעס בעוועגט זיך, אללעס אנדערט זיך, קיין איינציגער שטויב האט קיין רגע רוה — אין אללעס שטעקט בעוועגונג, און קיין קארפער איז זי זיכער נישט! היינט — וואס איז דער שכל, מיט וועלכען דער הונד לערנט זיך אויס יאגען און חאפען א האז; א[י]ן אלטער פוקס — נישט אנצוריהרען פערסמטע געלקים, וואס די יאגער ווארפען איהם אונטער, פערד — צו פערשטעהען „רעכטס" און „לינקס" אהן א בייטש, אויך א געבוירענער אינסטינקט? אז א מענש — בעוויזט זיך דאס ערשטע מאל אויף א ניי

פאר א האלבען א האלבע". — „מיט'ן גראסטען פערגניגען, אנטפערן זיי, נור מיר האבען יעצט נישט קיין שניידער, אללע אויסגעגאנגען"...

— נעמט דארטין ווער איין דען פלוידערזאק, האט אויסגעשריען דער פויק, קיינעם גיט ער קיין רוה נישט, ער האט אללע שוין מויב געמאכט.

— זייט מוחל, מיין ליעבער הערר, איך בין גאר קיין פלוידערזאק נישט. איך בין פירסט (קניאז) קורילקא און דערצו זעהר א טאפפערער העלד. איינמאל האב איך זיך צושלאגען מיט א דיקער שייט האלץ. זי איז מיר געלעגען איבער'ן וועג און האט געזאגט: פאח! האב איך איהר — טראח! און זי טררר... אין גאנצען צופלויגען געווארען אויף שטיקלעך, פערשטעהט איהר?

— ני, ווארט! האט געזאגט א האלצערן סאלדאט'ל, זאללען נור אללע איינשלאפען. איך וועלל דיר בעווייזען אזא טראח, וואס דו האסט נאך קיינמאל נישט געזעה'ן.

— פאר וואס! וואס הייסט? איך האלט עהרליך אללע סאלדאטען, איך בין אליין א סאלדאט. ווען איך בין געוועזען גענעראל קורילקא, בין איך ארויפגעשפרונגען אויפ'ן אויווען און אללע גלייך צו מיר, רוישען, שרייען: „עס לעבט, עס לעבט קורילקא, ער לעבט, איז נישט געשטארבען"! פיהר אונז אין פייער און מיר אללע נאך דיר: אין פייער און אין וואסער. און איך האב זיך גלייך געווארפען אין רעכטען פייער, אויף אללע קאנאנען. פלוצלינג בום, באה, א הארמאט דורך מיר, איך דורכ'ן הארמאט, בראח, קראח!...

נור קיינער האט איהן שוין נישט געהערט.

אינזעל, ווייסען נישט די פֿאָגעל, אז מען דאַרף פֿאַר איהן ענטלויפֿען, נור נאָך עטליכע גוט געציעלטע שאָסס — דערקענען זיי אין איהם אַ שונא און פֿליהען פֿאַר איהן אַוועק.
אז מען האָט דורכגעצויגען טעלעגראַפֿישע דראָטען אין ווייטע, אָבגעלעגענע אָרטער אין אַמעריקאַ, זענען טויזענדער פֿאָגעל טאָגליך פֿון זיי אינ'ם דורכפֿליהען איבערגעשניטטען און געהרגיט געוואָרען. נור די פגרים זענען טאָג־טעגליך וועניגער געוואָרען און האָבען מיט דער צייט אין גאַנצען אויפֿגעהערט; די פֿאָגעל האָבען זיך אויסגעלערנט אויסצוווייכען די געפֿאָהרליכע פֿאָדעם! די, וואָס זענען בעקאַנט מיט'ן לעבען פֿון פֿאָגעל, ווייסען, אַז די יונגערע לערנען זיך זינגען און נעמען מאַכען ביי די עלטערע! טויזענדער, טויזענדער פֿאַקטען ווייזען אונז אויס, אַז דער שכל ביי חיות איז אויך נור אזוי ווייט אַ געבוירענער, ווי ווייט בכלל אַללע זאַכען קאָננען קוממען בירושה, נור אַז אין יעדען מין זענען פֿערהאַנדען קליגערע און נאַררישע איינצעלהייטען (יחידים), און אויבוואָהל די טהיערע ענטוויקלען זיך וועניג און אזוי לאַנגזאַם, אַז מיר קאָננען די ענטוויקעלונג נישט בעמערקען, און מיר האָבען דעריבער נור אַ קליין ביסל פֿאַקטען, אַלס בעוויזע דערויף — איז דאָך לייכט איינצוזעהען, אַז מיר מוזען שוין דען „אינסטינקט" לעגען אין אַלטען אַרחיוו אַריין, אַז — וואו מיר האָבען נור צו טהון מיט „לעבען", דאָרט האָבען מיר אויך צו טהון מיט געוואָהנליכע פסיכישע ערשיינונגען. נאָך קהלת האָט געצווייפֿעלט, צו עס איז אמת, אַז דער גייסט פֿון מענשען געהט אַרויף (אין הימעל אַריין) און דער גייסט פֿון טהיערע בלייבט אונטען 1)... און אין אונזער סדור האָט זיך אַריינגענאַרט דער זאַץ: „און דער מענש איז נישט מעהר ווערטה פֿאַר דעם פֿיה, וויל אַללעס איז נור אַטהעם" (אָדער: נישט, נאַרריש) 2).

ענדליך זענען מיר געוואָהנט געוועזען איינצוטהיילען אַללע ערשיינונגען אין דער נאַטור אין צוויי גרויסע האָלפֿטען, אין: „קאָרפּער" און „גייסט". „קאָרפּער" הייסט אַללעס, וואָס האָט אַ געוויכט, פֿערנעמט איין אָרט, אָדער קירצער געזאָגט — וואָס שטעלט זיך אונז ענטגעגען! „גייסט" — איז אַללעס, וואָס איז קיין קאָרפּער נישט, ווי: זעעלען (לויט דער אַלטער פסיכאָלאָגישער שוהלע) אָדער (לויט דער נייער) אידעען, בעגריפֿפֿען, געפֿיהלען, פֿערלאַנגונגען... דאַכט זיך, אַז איין קלאַססע פֿון דער צווייטער

1) מי יודע רוח בני האדם העולה הוא למעלה וכו׳.
2) ומותר האדם מן הבהמה אין כי הכל הבל.

אַללע האָבען פֿערשטאָפּט די אויערן און, ווי יעדער האָט גור געקאָנט, איז מען שטאַרק געשלאָפֿען. און ער האָט גערעדט — גערעדט, געברומט — געברומט, און לסוף אַלליין איינגעשלאָפֿען.

האַלבע נאַכט האָט זיך דאָס גאַנצע שפּיעלצייג אויפֿגעהאַפּט, וויל עס שפּיעלט אין זיך אַלליין — נור יענכאָלט, ווען אַללע שלאָפֿען שוין אין שטוב.

— „קיקורעקו!" האָט אויסגעשריען דער קאַרטאָנער האָהן. דער פּויק האָט אויסגעקלאַפּט „זאָריע". דאָס ענטיל האָט אָנגעהויבען פּייפֿען, דאָס טראָמפּייטל צו בלאָזען און דער פּאָרצעללאַנענער פּאַפּעגיי האָט געזאָגט: באָן זשור, פּאַפּאַ! די קאַטץ האָט געזאָגט: „לאָ'מיר זינגען, מיך האָט קיינער נישט דורכגעבלאָזען שוין דעם דריטטען טאָג און ביי מיר האָט זיך דאָס בייכ'ל פֿערשטאָפּט". זי האָט אָנגעהויבען צו שפּרינגען און צו שרייען: מיאַו, מיאַו, מיאַו!..

— אַח, דאָס איז היבש, האָט אויסגעשריען קורילקאַ און איז אויפֿגעשפּרונגען אויף די פֿיס, — לאָ'מיר טאַקי זינגען! ווען איך בין געוועזען אין גרויסען זאַל, האָבען דאָרטין אַללע געזונגען, נור איך בעסער פֿון אַללעמען. איך בין אַ וואונדערבאַרער מוזיקאַנט און האָב פֿערפֿאַססט איין אויסגעצייכענט ליעד, וואָס מען זינגט אומעטום! און ער האָט אָנגעהויבען צוקוויטשערן מיט זעהר אַ דינגעם קול'כעל:

עס לעבט, עס לעבט קורילקאַ,
ער לעבט, איז נישט געשטאָרבען.
אַללע האָבען פֿערשטאָפּט די אויערן.

— אַ, ניין, מיר וועללען בעססער טאַנצען, האָט אויסגעשריען דאָס דריידעל (גאָר), — עס איז

איז פעסט אבגעגרעניצט, און דאך, וואס טהוט מען מיט'ן אטהער אהן געוויכט, וואס די פיזיק מוס אננעמען, כדי צו פערשטעה'ן די בעוועגונגען: ליכט, עלעקטריציטאט, ווארמקייט א. ד. ג.? און וואס איז די בעוועגונג אלליין? וואס איז דער ליכטשטראהל, דער עלעקטרישער פונק, דער כח פון מאגנעט? — וואס זענען אללע „קראפטען", וואס ווירקען אין דער „טויטער" נאטור? נשמות? אנדערע ווילען צוטהיילען די ערשיינונגען אויף — 1) מעכאנישע, וואס געשעהען שטאנדיג לויט געזעץ: דער שטיין מוסס ארונטערפאללען, לייכטערע קערפער אלס לופט מוזען זיך אויפהעבען און פליהען און דערגלייכען און 2) בעשענקטע מיט פרייען ווילען, מיט דער מאגליכקייט צו וואהלען, אויסצוקלייבען (דער מענש וו י ל ל געהען שפאצירען, לערנען און לעדיג געהען א. ז. וו.). ליידער איז אין דעם פאך אויך נישט געלונגען; ערשטענס, ווייל די היינטיגע פסיכאלאגיע נישט מודה זיין, אז עס איז פערהאנדען א בעזונדערע קראפט „ווילען"; זי זאגט, אז אזוי ווי, למשל, דער וואלד עקזיסטירט נישט, נור בוימער, נישט קיין שטאדט, נור הייזער און מויערן, אזוי עקזיסטירט נישט קיין ווילען אלס א בעזונדערע קראפט נור איינצעלנע פערלאנגונגען, איינצעלנע „וועללען־

דאך אזוי אנגעגעהם דרעהען זיך און זומזען.

— לא'מיר טאנצען, האט מסכים געוועזען די פופע, מיין קאוואליער וועט זיין דער פאפעגיי, די קאטץ וועט טאנצען מיט'ן האהן, די טרובא מיט'ן פויק און דאס האלצערנע סאלדאט'ל מיט'ן ענטיל.

— טאנצען, טאנצען! האט אונטערגעכאפט קורילקא, צושטעלט זיך גיכער, לעבעדיגער, פראהליכער. איך וועל אייך שוין בעוויזען א וואונדערליכען טאנץ. איך האב איהן געטאנצט אין קיעוו פאר'ן קעניג אלליין, אין איינעם מיט זיין קאזאק. קוקט, מען דארף נור זעהען שפרינגען האבער פאר זיך: אט אזוי, איינס צווי, אט אזוי, איינס צוויי, אט אזוי, עי דו, געה דו, דרעה זיך, פראה זיך! — און קורילקא האט זיך אזוי צושפרונגען, אז ער האט א נידערגעווארפען אפריהער דען גאר, דער־

עפים" און בעגעהרען, און זיי, די פערלאנגונגען, זענען נישט פריי; וואהלען הייסט: נעמען דאס בעססערע, אויסקלייבען דאס נוצליכע; מען קאנן האבען מעהר אדער וועניגער שכל, ארגער אדער ריכטיגער אבשאצען, וואס עס איז בעססער און ניצליכער, אבער פ ר י י, גאר אהן א סבה, וואהלען איז נישט מאגליך; און פון דער צווייטער זייט בעמערקען מיר אין פיזיק און כעמיע וואונדערבארע ערשיינונגען, אז אטאמען און קארפער ציהען זיך צו און שטויסען זיך אב, גלייך זיי וואלטען ג ע פ י ה ל געהאט און שונאים אדער פריינד געוועזען!

מיר זעהען, אז די נאטור לאזט זיך נישט טהיילען, אז די ערשיינונגען לאזען זיך אין דער ווירקליכקייט נישט אבגרעניצען איינע פון דער צווייטע. מיר האבען איבעראלל צו טהון מיט קארפער, אין וועלכע עס געשעהען די נידריגסטע און האכסטע, די איינפאכסטע און פערוויקעלטעסטע בעוועגונגען, און, די וויססענשאפט בעווייזט, אז אונטערן נאמען „בעוועגונג" קאנען מיר פערזאמלען אללע ערשיינונגען פון דער געוואהנליכסטען בעוועגונג, ווען א קארפער בייט זיין ארט, ביז דער האכסטען בעוועגונג אין מוח — דעם געדאנק. די כעמיע לערנט אונס, ווי אזוי פון די זעלבע אטאמען, אבהאנגיג פון דעם סדר, לויט וועלכען זיי

נאך דאס ענט'ל, דאס פערד'ל, די טרובא און די פופע.

— נעמט איין, זייט אזוי גוט, דען קיבען־עזות פנים, האבען אללע געשריען. ער האט זיך אזוי צודרעהט, אז ער ווייס נישט, אויף וואסער וועלט ער איז. מיט איהם קאנן מען פראסט נישט שפיעלען.

— קורילקא — נארר! האט זיך געבאזערט דער פאפעגיי.

— וואס! איז אויפגעשפרונגען קורילקא, ווי דערוועגט איהר זיך מיר אזוי מיעז צו זיין, איהר האט אנגערירט מיין כבוד, איהר האט מיך בעליידיגט, איהר מוזט זיך מיט מיר שלאגען אויף א דועל אין דער מינוט, אין דער סעקונדע, שוין אויף דעם ארט, אין צורה ארויין, אויף פיכטאלעטען,

לעגען זיך איינער נעבען צווייטען, ווי אויך פון זייער צאהל, ווערען די טויזענדארטיגע קערפער; אונ די פיזיק בעווייזט אונס, אז פון די זעלבע בעוועגונג, אבהאנגיג פון דער געשווינדיגקייט אונ דער לאנג פון דער פאליע, ווערען פערשיעדענע ערשיינונגען, ווי ליכט, מאגנעטיזם, עלעקטריצטאט א. ז. וו.

וויססען הייסט: קעננען די נאטור; קעננען די נאטור הייסט דערגעהען די געזעצע, לויט וועלכע עס געשעהען אללע פעראנדערונגען אין איהר, אונ דאך מוזען מיר האבען צו טהון נור מיט איין געזעץ, ווייל איבעראלל, וואס מיר שטודירען נישט, האבען מיר אלץ צו טהון מיט דעם זעלבען שכל, מיט דער זעלבען לאגיק, ווי אויך מיט די אייגענע מאטעמאטישע ציפפערן. דער אייגענער שכל דיענט צו אללע וויססענשאפטען, מיט די זעלבע ציפערן בערעכענען מיר די צאהל פון הערינג אין פאסס, פון שטערן אין הימעל, די געשווינדיגקייט, מיט וועלכער א ליכט־שטראהל פליהט ארויס פון דער זונן אונ שלאגט זיך אן אין דער נעץ פון אונזער אויג, א־ער דער עלעקטרי־פונק פליהט איבער דער דראט פון טעלעגראף, ווי אויך די געשווינדיגקייט, מיט וועלכער עס קומט צו איין איינדרוק פון א שפילקע־שטאך פון דער הויט ביז'ן מוח צריין, אונ פערקעהרט — ווי לאנג עס דויערט, איידער עס קומט אן צום שפיץ־פינגער פון פוס דער בעפעהל פון מוח, ער זאל זיך איינבייגען!

איבעראלל די זעלבע אטאמען, די זעלבע בעוועגונג אונ די זעלבע ארדנונג!

פאר וואס דענן זעהען אונס די ערשיינונגען אזוי פערשיעדענארטיג אויס? פאר וואס שטודירען מיר זיי אין פערשיעדענע וויססענשאפטען?

גאנץ איינפאך: 1) ווייל אויפ'ן וועג פון איינפאכסטען ביז דעם פערוויקעלטעסטען האבען מיר עטליכע „איקסען", עטליכע איבערגאנג, וואס מיר קאננען נישט פערשטעהען, ווי אויך, 2) ווייל אונזער מוח איז נישט אימשטאנד אללעס גלייך גוט צובעגרייפען, אללעס אין איין לעבענסצייט צו שטודירען.

מיר האבען, דאכט זיך, אטהער, אהן א וואג, ווי אזוי ווערט פון איהם דער דינסטער גאז, וואס לאזט זיך וואגען? איקס! אז ער תיקו, ווי איהר ווילט. מיר האבען א: אמגן, נור ווי אזוי פון די זעלבע אטאמען ווערען, אבהאנגיג פון זייער צאהל אונ ארדנונג, פערשיעדענע קערפער מיט פערשיעדענע, ענטגעגענגעזעצטע אייגענשאפטען, וויסען מיר נישט! פון די זעלבע אטאמען שטעללען זיך צוזאממען לעבענ־

דיגענס, שפיזען, שווערטער, מעססער, פיקעס, האק, גראבליעס. — שוין שטעלט זיך מיר ענטגעגען, פערטהיידיגט זיך!

— עי! פאן! האט אויסגעשריען דאס האלצערנע סאלדאט'ל אונ געחאפט קורילקא'ן פאר'ן קאלנער, דו ביזט אפילו נישט שכור, נור א סקאנדאליסט. מען דארף דיך א ביסל אבקיהלען.

קורילקא האט זיך געפרובט אויסרייסען, נור דאס סאלדאט'ל איז געוועזען אסך געזונדער. ער האט איהן אזוי דורכגעטראסעלט, אז פון ארמען קורילקא'ן זענען אללע סקאבקעס ארויסגעשפרונגען.

— אי, אי, זעהט! האט קורילקא געיאמערט, הערר סאלדאט, וואשע בלאגאראדיע, איך האב דאך אויף צופלייסען, איך האב דאך גלאט אזוי, איך בין דאך זעהר א רוהיגער, איך ציעפע דאך קיינעם נישט, איך אכטע דען העררן פאפעגיי אונ אללע סאלדאטען...

— אין קארב'ל איהן, אין לעדיגען קארב'ל, האבען אללע געשריען, זאלל ער דארטען זיטצען ביז אין דער פריה.

מען האט אבגעפיהרט קורילקא'ן אין קארב'ל, אריינגעזעטצט אונ פערדעקט מיט'ן דעק. ער האט דארטין געקלאפט, געריססען, געדראפעט, לסוף האט ער געפינען א שפאלט, ארויסגעשטעקט דורך איהן דען קאפף אונ אויסגעשריען.

— עי, חברה! אט בין איך דער העלד קורילקא! אונ איהר זייט אללע וויסע חברה'ניקעס, כל־בוניקעס, קאלבאסניקעס, שלעפער, שמאטעס, לעקער, פלאקער, שטעקער, קאלב־פליש, שוויינ־

דיגע צעללען, מיר קאָננען כעמיש די צעללע צונעממען, מיר קאָננען וויססען, וואָס פאַר אַ כעמישע סובסטאַנצען (חמר) עס געהען אין איהר אריין, נור, אַז מיר נעמען די זעלבע סובסטאַנצען און לעגען זיי צוזאַממען קומט דאָך אונס קיין צעללע נישט אַרויס, בעווייזט זיך דאָך קיין לעבען נישט! ווייטער וויסען מיר, אַז אַללע קאָרפּער פון מענשען, טהיערע און פלאַנצען בעשטעהען פון איינצעלנע צעללען; מיר קאָננען אויך אַללעס וואָס לעבט, טאָדטען, די צעללען צוריק צוזונעממען, נור קיין צוויי צעללען צוזאַממענשטעללען, זיי זאָללען ווערען איין קאָרפּער, איין אָרגאַניזם — קאָננען מיר נישט! אַזוי ווי די אָרגאַניזמען בעשטעהען פון איינצעלנע צעללען, אַזוי בעשטעהען געזעלשאַפטען (שטאַממען, פעלקער, ראַססען) פון איינצעלנע אָרגאַניזמען, און דאָך ווערט זיך קיינער נישט אונטערנעמען אויסצוקנעטען אַ נייע פאָלק, בשעת ווען היסטאָרישע גבורים ווי, למשל, טימום, האָבען אַ סך פעלקער צו שניטטען, צערשטיקקעלט און צוואָרפען אויף שבעה ימים און פון מאַססען איז קיין זכר נישט געבליעבען.

וואו עס מאַכט זיך איין איקס, אַ תיקו — דאָ איז אַ גרעניץ צווישען איין וויססענשאַפט און דער צווייטער! מיר וויסען, למשל, אַז דער געדאַנק ווערט געבוירען

עקען, שימעל, בלאָטע, שלים־מזלניקעס, הקדש'ניקעס, חאַפּער, לאַפּער, טאַפּער!... נור אַללע האָבען געטאַנצט און קיינער האָט קורילקאַ'ן נישט געהאָרט, און ער האָט געשריען, געברומט, געליאַרמט, ביז'ן העללען טאָג.

ווען אין דער פריה זענען די קינדער צוגעגאַנגען צו די שפּיעלכלער, זענען זיי אַללע געלעגען אויף זייערע אָרטער און אפילו קורילקאַ איז געלעגען ביי דער פופע צופוסען, גלייך ווי עס איז גאָר נישט געשעהען.

— זעהט נור, האָבען געזאָגט די קינדער, דאָס האָט זיך דאָך דער נאַכטיגער קורילקאַ אַהער פערקליעבען: וואָס זאָגט מען אויף איהן? דאָ איז דען דיין אָרט? אַך, דו! אַרויס! און מען האָט איהן אַרויסגעוואָרפען דורכ'ן פענסטער.

אין מוח, אַז יעדעס אבר האָט זיין פונקציע, זיין דיענסט; אַז אַזוי ווי די האַנד נעמט אָן, דאָס אויג זעהט, דאָס אויער הערט, אַזוי אויך דענקט דער מוח; אַז מיר מאַכען דען מוח צו שאַנדען דורך אַ ראַנע, אַז אויב מיר שוואַכען איהן אָב מיט נישט עססען, נישט שלאָפען אָדער צופיעל אַרבייט, הערט ער אויף צו ווירקען, פונקט ווי איין אַנדער אבר אין דער זעלבער לאַגע; און דאָך וויסען מיר נישט, ווי אַזוי דער געדאַנק קומט אַרויס! און מיר מוזען האָבען איין עקסטרא פיזיאָלאָגיע, וואָס שטודירט פונקציאָנען פון פערשיעדענע אברים און איין עקסטרא פסיכאָלאָגיע, וואָס האָט בעזונדער צו טהון מיט פיהלען, וויססען און דענקען. אַזוי האָבען מיר אויך איין עקסטרא כעמיע, וואָס שטודירט, ווי אַזוי די אַטאָמען פערבינדען זיך צו מאַכען קאָרפּער און איין עקסטרא פיזיק, וואָס שטודירט זייערע אייגענשאַפטען; און אויב די פסיכאָלאָגיע האָט שוין פיעל דערגאַנגען וועגען פיהלען, וויססען און דענקען פון דעם איינצעלנען אָרגאַניזם, קומט אַ נייע וויססענשאַפט סאָציאָלאָגיע און וויל שטודירען גאַנצע געזעלשאַפטען, גרויסע אָרגאַניזמען ווי: ראַססען, פעלקער און שטאַממען!

יעדע וויססענשאַפט האָט איהר איינצעלהייט, ביי וועלכער זי העבט אָן. די

— אַט ז'ייד איך יעטצט פאַר'ן אכת און גלייך אין סיביר, האָט געשריען קורילקאַ. אוף, ווי שנעלל! און חלאָפ! קורילקאַ איז געפאַללען אויף אַ שטיין אין גאַסס.

— אַך! האָט ער געקלאָגט זיך פאַר דעם שטיין. זעג, איהר וואָלט געוואוסט, פון וואַננען איך בין געקוממען צופאָהרען, פון וואָס פאַר אַ הויכען אָרט איך האָב זיך אַראָבגעלאָזען! איך בין געוועזען דאָרטין, דאָרטין אין גרויסען זאַל. איך האָב געהאַט אַ סך שפּיעלצייג: אַ פויק, אַ טראָמפּייט, אַ פלייט, איין ענטיל, אַ הינדעל, אַ שאַן מאַמזעל, וואָס האָט געוואָלט חתונה האָבען דוקא מיט מיר, אַ נאַררישען פּאַפּעגיי, וועלכען איך האָב גערופען „פּאַפּקאַ — נאַרר" און אַ שלעפּטען, האָלצערנען סאָלדאַט. ער איז געוועזען אַ שרעקליכער סקאַנדאַ־

כעמיע — דען אַטאָם, די פֿיזיק — דען קאָרפּער, די ביאָלאָגיע (די לעהרע פֿון לעבען) — די צעללע, די פֿיזיאָלאָגיע — דען אָרגאַן (אבר), די פסיכאָלאָגיע — דען נערוו, (פֿון וועלכען עס פֿערבינדען זיך „קניפּען" ביי נידריגע און געהירן (מוח) ביי האָכערע טהיערע) און די סאָציאָלאָגיע — די געזעללשאַפֿט.

די גרעניצען צווישען זיי זענען, ווי געזאָגט, די איקסען אָדער די תיקו׳ס: דאָס הייסט, דאָ, וואו אונזער וויססען (נישט די נאַטור) רייסט זיך איבער ווי אַ פֿאָדעם און מיר קאָננען נאָך נישט צוזאַממענבינדען איין עקק מיט׳ן צווייטען.

וועגען ספּעציאַליטאָטען, וואָס ערלייכטערן דאָס שטודירען, וועלען מיר רעדען אויף איין אַנדער אָרט; דאָ וויללען מיר נור בעמערקען, אַז אַזוי ווי די כעמיע שטודירט די אַטאָמען אום צו דערקעננען דען בוי פֿון גאַנצע קאָרפּער, אַזוי ווי די פֿיזיק שטודירט איינצעלנע קאָרפּער, אום צו דערקעננען די נאַטור־ערשיינונגען פֿון קאָרפּער, אַזוי, ווי די ביאָלאָגיע העבט אָן ביי צעללען אום צו קוממען צו׳ן אַ בעגריף פֿון לעבען בכלל, און די פֿיזיאָלאָגיע העבט אָן פֿון פֿונקציאָנען פֿון איינצעלנע אָרגאַנען (גליעדער), אום צו פֿערשטעהען די אַללגעמיינע ווירקונג פֿון גאַנצע אָרגאַניז־מען, אַזוי אויך איז דער צוועק פֿון דער סאָציאָלאָגיע, וואָס העבט אָן ביי געזעללשאַפֿטען, צו דערגעהן דען וועג פֿון דער גאַנצער מענשהייט.

י. ל. פּרץ.

דעם רבי׳נ׳ס ציבוק.

מענשען, נישט דוקא אַלטע יודען, געדענקען נאָך, ווי ביי שרה רבקה׳ן האָט אַמאָל געפֿעהלט, נישט דוקא קינדער, נור אפילו ברויט, רחמנא לצלן! פשט־פשוט — ברויט! חיים ברוך אַלליין, דער מאַנן איהרער, איז שטאָנדיג געוועזען אַ גרויסער חסיד; טאַקי פֿון דער התחלה אָן, זייט דער שווער זיינער (עליו השלום — איין ערליכער יוד געוועזען) האָט איהן אַראָבגעברענגט פֿון אונטער לובלין. מען האָט באַלד געזעהען, אַז עס איז אַ כלי, אַ ברכה פֿון זיין ליעבען נאָמען; אַז עס איז אַזוינס, וואָס, אויב עס ברענגט נישט משיח׳ן, צאַפּט משקה פֿון דער וואַנד! ער האָט שוין אַזאַ צורה געהאַט: אין די טיעפֿע, אונטערגעשלאָגענע אויגען, האָט שטאָנדיג עפּיס געציטטערט אַ מין בעהאַלטען שיינדעל, גלייך עמיץ דרייט זיך אַרום מיט אַ ליכט אין אַ פֿינסטערע שטוב! אַ בלאַסס פּנים, נור ביי וואָס־עס־איז, האָט עס אויפֿגע־

ליסט, אַ שור המועד, נור איך האָב איהן וויניג געמאַכט, געכאַפּט פֿאַר׳ן קאָלנער, אַ טראָסעל געטהאָן — טראַח און אין קאָרב׳ל אַריין. אַח! ווי גוט עס וואָלט געוועזען, אַז יעדען נאַרר זאָלל מען פֿערזעטצען אין אַ קאָרב׳ל און יעדעס קאָרב׳ל זאָלל שטעה׳ן אויפֿ׳ן טראָטואַר אַנשטאָט אַ טומבע. איהר גלויבט, ווי שאָן דאָס וואָלט געוועזען.

— האָרט, האָט געזאָגט דער שטיין, ווי וואָלט איך וועללען פּלאַצען און אַריין נייען קלאַפּטער אין דר׳ערד, אַבי נישט ליעגען אונטער אייך...

— אַח, איך פֿערשטעה אייך, איך פֿערשטעה אייך, האָט געקלונגען קורילקאַ. איך וויים, אייך איז שווער, איהר קאָנט נישט דערטראָגען, איך בין צו גרויס פֿאַר אייך. נור גלויבט מיר, אייער פֿער־דיענסט וועט נישט פֿערפֿאַללען ווערען ביי די דאַנק־באַרע שפּאָטערע דורות. אויף אייך וועט מען אָנשרייבען מיט גאָלדענע אותיות: דאָ איז געלעגען באַראָן פֿאָן קורילקאַ, אים יאַהר...

נור דאָ האָט אונטערגעכאַפּט קורילקאַ׳ן דער בעזים, מיט וועלכען דער הויזקנעכט האָט געקעהרט דען טראָטואַר, און ער איז אַראָבגעפֿלויגען פֿון שטיין.

— קעהר, קעהר! האָט ער געשריען, — איך האָב ליעב ריינקייט. אַוועק מיט דעם מיסט, מיט דער אונריינקייט! אָט אַזוי, אָט אַזוי!

און ער איז געשפּרונגען איבער׳ן טראָטואַר אין איינעם מיט׳ן מיסט, ביז ער האָט זיך פֿערפּלאָנטעט אין בעזים.

— נו, יעטצט וועל איך פֿאָהרען רייטענדיג אויפֿ׳ן בעזים, האָט ער געשריען, אַדיע! איך פֿאָהר

בליהט ווי א רויז, אזא דינען הייטעל האט ער געהאט; ביי די שלעפען האט בע־שטאנדיג זיך עפיס געווארפֿען, געהאקט — און מיט א פשוט'ן יוועפאווער גארטעל האט זיך די ברואה 10 מאל ארום גענוממען, און אפשר מעהר?!

פֿערשטעהט זיך אלליין, אז פֿון פשוט לערנען איז נישט געוועזען וואס צו רעדען, אוינס געהט טיעפֿער און טיעפֿער: זהר, עץ־חיים... וואס איהר ווילט נור אלליין! מיט'ן רבין, זאלל לעבען, פֿלעגט ער אבזיצען שעה'ן לאנג, און זיי האבען צווישען זיך אפילו קיין ווארט נישט גערעדט, נור אלץ אויפ'ן אויג, מיט'ן וואונק! נו, רעד מיט א זוינעם מכח פרנסה?!

פֿאר וואס האט'ן דער בית המדרש גערופֿען „חיים ברוך שרה־רבקה'ס", אדער בקיצור: „שרה רבקה'ס מאנן", פֿאר וואס האט מען אנגעהאנגען אללע „שערי בינה" אינ'ם טאפף ארבים מיט'ן ביסעל הייבען, מיט וועלכע שרה רבקה האט געהאנדעלט, איז טאקי נישט צום פֿערשטעהן. זי אלליין — שרה רבקה — האט געהאט ווילד עגמת נפש דערפֿון. עס איז טאקי — האט זי געפֿיהלט — א כבוד, וואס ער הייסט אויף איהר נאמען, נור — זי האט אבער אויך געוואוסט, אז אזוי ערנאך קומט זי אב מיט אביסעל נחת אויף דער וועלט! זי פֿלעגט גאנץ אפט, כמעט א פאר מאל אין דער וואך, קוממען אין בית המדרש אריין מיט'ן טאפף ארבים. „חיים ברוך!" האבען די ישיבה־בחורים אויסגעשריגען, „דיין שפייזערין געהט". נור חיים ברוך, זעהט אויס, האט נאך געפֿיהלט איהר גאנג אויף די טראפ: ער האט שוין לאנג פֿערשטעקט די צורה אינ'ם זהר, און איבערן שטאנדער ציטטערט נור דאס פעטטע, פֿערפֿעדערטע שפיצעל פֿון דער יארמולקע. נור אפילו אויף דעם שפיצעל קוקט זי אויך נישט; זי קוקט בכלל נישט אין זיין זייט אריין, זי ווילל נישט זעהען ווי די שכינה רוהט איבער זיין לערנען, זאללען זיך איהרע אויגען נישט פאשען אויף דער וועלט. אלץ — טראכט זי — דארטין, דארטין, אויף יענער וועלט! נור אין הארץ פֿיהלט זי דאך א ווארמקייט, א נחת, טהייל מאל פֿיהלט זי זיך אביסל ווי בערוישט, ווי נאך אויסטונקען א גאנץ קעלעשיקל צוקקער־בראנפֿען אויף א ברית; די ישיבה־בחורים וויסען שוין דערפֿון און... נאררען זי אב אויף דער מאס, נעמען ארויס א גראס־סערע רעשט, מען חאפט ביי'ן איהר אזוי אביסעל ארבים... און פֿערפֿאללען! פֿון בית המדרש געהט זי ארויס עפיס ווי אויפֿגעוואקסענער, גראססער, מיט א העללערן, פֿרייערן בליק! עס איז זי גאר נישט צו דערקענגען, אז זי איז שוין א ווייבעל פֿון

גלייך אין חינא צו'ם חינעזישען קיסר, ער מאכט מיך פֿאר א יורש פֿון זיין טראן.

נור דער הויקנעכט האט איהן אוועקגעטראגען אין איינעם מיט'ן בעזים אין קיך אריין און אוועק געשטעלט אין ווינקעל נעבען אויבען.

— גוטען מארגען! האט אויסגעשריען קורילקא: איך בין געקוממען צו פֿאהרען פֿון דעם חינעזישען קיסר. דארטין איז געוועזען א סך ליכט...

— נו, דאס איז שוין נישט אמת, האט גע־זאגט דער בעזים, איך האב דיך פשוט אויסגעקעהרט פֿון גאסס.

— ווי דערוועגסט דו זיך רעדען מיר ענטגעגען, האט זיך געהיצט קורילקא, דו, דו, פראסטער פויער! איך וועל דיך גלייך אין צירקעל פֿערזעטצען און דארטין וועט מען דיר געבען א גאנצען טאג די גאסס קעהרען.

— אח! האבען געזאגט די שפאנדלעך, וואס זיינען געלעגען אויף דער הרובע, — זעהט נור, דאס איז דאך דאס שפאנדעל, וואס מען האט נאכטען צוגענוממען פֿון אונז ארויף. אח, סאר א שלעכט, אבגעברענגט, קאטיג שפאנדעל דאס איז געווארען, נור דאך אונזערער א קרוב. וואס מאכסט דו, ליעב ברודער'ל?

— וואס פֿאר א ברודער'ל בין איך אייך! האט געליארמט קורילקא, איהר קיכען־געזינדעל, האלץ־פלאקער! איך בין פֿירסט, גראף, באראן פֿיש, פֿון קורילקיר! און קורילקא איז ארויסגעשפרונגען פֿון בעזים און געפֿאללען אויף דער דילע נעבען אויבען.

— ווי קאנן מען נישט ארויס פֿון די בלים, האט ער שוין שוואכער געברומט, — נור איך בין

עטליכע און צוואַנציג יאָהר — אָהן אַ קנייטש אויפ'ן שטערן, מיט אַ גערייטעלט חנוריג פּנים'ל, גלייך זי איז ערשט פון אונטער דער חופה אַרויס! און פון דעם טאַקי — אַז זי דערמאַנט זיך — האָט זי נאָך מעהר עגמת נפש. עס וועט איהר, — טרויערט זי אין האַרץ, — גאָר נישט בלייבען אויף יענער וועלט, זי וועט אַרויפקוממען ווי איין אָבגעפּליקטע גאַנז, אָהן אַ פעדער פון אַ זכות אויפ'ן לייב... וואָרום, וואָס טהוט זי דענן? זי דרעהט זיך אַרום מיט'ן טאָפּ אַרבּים אין גאַסס, טראָגט אָב פון איין דאָנערשטיג צום צווייטען די הייבען אין עטליכע הייזער אַריין! וואָס האָט ער פון איהר? כל זמן דער פאָטער עליו השלום האָט נאָך געלעבט און דאָס ראָדעל האָט זיך געדרעהט, איז געוועזען אַ דירה און צו עססען, און צו טרינקען טאַקי כיד המלך. היינט? אויף אַללע שונאי ציון געזאָגט! דער נדן איז ערגיץ פערפאַללען געוואָרען, דאָס הייזעל פערקויפט! אין דער פּריה פּיש-גריץ — קאַרטאָפּעל מיט וואַססער, ביי נאַכט אַ יאַכיל מיט אַ נאָכטיגען בייגעל! אָט דאָס איז זיין עולם הזה! שוין 7 יאָהר האָט זי איהם אפילו קיין קאַפּאָטע נישט געמאַכט... אויף פּסח — אַ היטל, אַ פּאָר שטיפעל, נישט מעהר! משבת לשבת גיט זי איהם אַרויס אַ העמד; אומשטיינס געזאָגט — אַ העמד!

שפּינוועבס? זי טראָגט שוין אַ ברילל דורך די העמדער; צערע און צערע און גאָר נישט...

„רבונו של עולם, — טראַכט זי, — אַז מען וועט נעמען אויף יענער וועלט איין אות פון זיין תורה אויף איין וואָגשאָל, און אויף דער צווייטער וועט מען אַרויפלעגען אַללע מיינע יאַכליך מיט פּישגריצען מיט מיינע אויגען צו... וואָס וועט איבערוואָגען?

זי ווייסט אפילו, אַז עס איז פערקניפּט אויף דער וועלט, איז פערבינדען אויף יענער אויך! אַז נישט אַזוי געשווינד טהיילט מען דאָרט אָב אַ מאַנן פון אַ ווייב! און ער וועט דענן לאָזען? אַזאַ בריליאַנט ווי ער איז? זי זעהט דענן נישט, ווי ער ווילל דוקא זי זאָלל אויך טועם זיין ביי'ם עססען... עס איז נאַרריש, ער וועט דאָך נישט רעדען, נור מיט די אויגען מאַכט ער; און אַז זי מאַכט זיך נישט וויססען, ברומט ער, ווי אין מיט'ן שמונה עשרה... לאָזען וועט ער נישט — ניין! ער וועט נישט בעשטעה'ן, ער זאָלל זיצען אויף דער פאָטער-שטוהל צווישען צדיקים און אָבות, און זי זאָלל זיך ערגיץ אַרום וואַלגערן אין עולם התהו, אין וויסטע וואָלדער... וואָס העלפט עס אָבער, אַז ערשטענס וועט איהר גלייכט זיין אַ חרפּה די אויגען אויפצוהעבען צווישען די אמות: די בושה וועט זי פערברענגען;

גישט קיין נוטר שנאה: איך האָב ליעב צוואַרמען זיך נעבען אַ הרובע.

ווען דו רייזט זיך דורך און קוממסט צוריק,
איז דער רויך פון פאַטערלאַנד אונז אַנגע
נעהם און זיס.

אַלץ איז דאָ אַזוי גוט. איך האָב זיך אומגעקעהרט אין מיין כמשלה. גוטען מאָרגען, העדר קאָטער וואַסקאַ, איך וועל אייך מאַכען פאַר מיין אינטענדאַנט: ביי אייך פינקלען אַזוי די אויגען. איך קאָנן אויך פינקלען. ווען איך בין געוועזען אין גרויסען זאַל, האָט ביי מיר אויפ'ן קאָפּ געפינקעלט אַ שטערן אין דונקעלע וואָלקענס.

— האָרט, האָט געזאָגט דער קאָטער, איהר זייט דאָס אונגוטצליכסטע וועזען אין דער גאַנצער וועלט. עס וואָלט יעהר גוט זיין, ווען מען וואָלט

אייך אַריינגעוואָרפען אין אויבען. לכל הפּחות וואָלט איהר געבען אַ ביסל היטץ.

דעם קאָטער'ס וואונש איז ערפיהלט געוואָרען. די קאָכין האָט אויפגעהויבען קורילקאַ'ן און אַריינגעוואָרפען אין אויבען.

— זעהט אַללע! האָט ער אויסגעשריען, זעהט!

איך געה אין פייער פאַר דאָס פאַטערלאַנד!

נו! לעבעדיגער צו דער זאַך! איהר אַללע נאַררישע האַלץ! לערנט זיך פון מיר, אָט אַזוי דאַרף מען ברעננען, טראַח, פּיש, טוק, טשיק!!.

און קורילקאַ איז פערברעננט געוואָרען, פון איהם איז געבליעבען נור אַ ביסעלע אַש.

און ווען דו וועסט אַמאָל נעהמען אַש אין האַנד אַריין, טאָ היט זיך, האַפּ זיך נישט מיט דער האַנד פאַר די אויגען: אין זיי קאָנן אַריינפאַללען

און צווייטענס האט זי קיין קינדער נישט...
„יאהרען ציהען, יאהרען פליהען"... 7 יאהר וואהנט זי שוין, נאך דריי בעשריגענע יאהר און — א גט! זי וועט איהם דענן רעדען דאס אנדערע ווארט? איין אנדערע וועט זיין פוסבאנקעלע זיין אין גן עדן און זי וועט זיך, גאטט ווייסט, מיט וואס עס איז פאר א שניידער, פינסטערן ערגיץ אין גיהנום... וואס? עס קומט איהר מעהר?

נישט איינמאל קומט איהר א שניידער אדער א שוסטער צו חלום און זי חאפט זיך אויף מיט א יללה. ער וועקט זיך אויף דערשראקקען. ביי נאכט אין דער פינסטער רעדט ער אפילו, פראגט: וואס איז? נור זי אנטפערט: גאר נישט! זי וויינט, בעט גאטט, עס זאלל איהר אריין א ברכה אין די ארבים אדער אין די הייבען.

און ער איז טאקי געוועזען א בריליאנט! א נארישע יודענע, טראכט ער, אין וואס איהר גערהט דא! און פון דעסט וועגען — קלערט ער — דארף מען עפים צו טהון דערינגען! אפשר וועט זי זיכער אמאל עפים נעמען אין מויל אריין, פערגיננען זיך!

ער האט געזוכט אין די ספרים און געזוכט, נור אמאל מאכט זיך, אז וואס מען זוכט, געפינט מען דוקא נישט! אזוינע זאכען קוממען בהיסח הדעת, אומגעריכט!

טהייל מאל — דאכט זיך איהם — אז ער איז שוין אויף א דרך, איז איהם, מעשה שטן, עפים מבלבל, און ער מוז אנהעבען זוכען אויף-דאס-ניי! ער האט זיך מישב געוועזען צו מאכען דערפון א שמועס מיט איהם, זאלל לעבען! עס איז אבער שווער געגאנגען. איינמאל האט דער רבי נישט געהערט, פערטראגען געוועזען; צווייטמאל האט ער געשאקעלט מיט'ן קאפף נישט אהין און נישט אהער, דאס דריטטע מאל האט ער געאנטפערט:

— הום! א ודאי וואלט א יושר געוועזען, נור דערוויל איז עמיץ אריין געקוממען.

דערנאך, איז ער עקסטרא געפאהרען און געפראגט: נו?

—נו! נו! האט דער רבי געאנטפערט, און וויטער גאר נישט.

איינמאל זיצט חיים ברוך ביים רבי'ן ערב שבת און גיט א זיפץ.

— קיין שטייגער — באזערט זיך דער רבי — מיינס א חסיד זיפצט נישט. ווארען טאקי, וואס?

— די הייבען — אנטפערט חיים ברוך.

— מען האט שוין אין כל תפוצות ישראל חלות געבאקקען — אנטפערט דער רבי! פרייטאג נאך צוועלפען רעדט מען נישט פון קיין הייבען!

נור שבת-צונאכטס האט שוין חיים ברוך

א שכויב פון קורילקא'ן, — אח, ווי דאס וועט דיר די אויגען אויסעססען!

און ווייסט דו? די קורילקא'ס זענען פון דעסטוועגן נוטצליך. זיי מאכען פעטט די ערד מיט זייער שטויב, נאך זייער טויד. ווענן דיר וועט זיך אמאל מאכען אויף דיין לעבען בעגעגנען א קורילקא'ן, וואס דערעסט אללעמען, פלוידערט א סך און טהוט גאר נישט, ווייס, אז דאס איז נישט אנדערש, ווי איין אונגעהייערע מאשין אויף מיסטיגען דיין ערד, אויף בעדעקען זי מיט זיין דינגער (נאוואז). דאס איז גאר!

ד. פוס.

צעסלאוו.

אויף דער געפרוירענער שויב.

(פון פאלנישען, פריי איבערזעצט).

אמאל, פאר יאהרען, בין איך געוועזען אבער גאר אויף א הויכע מדרגה... טאקי נישט ווייט צום הימעל! אז איך האב אין א שטיללע נאכט א פענסטער געאפפענט, האב איך געהערט ווי מלאכים זינגען, און אז אונטען אין גאס האט געפאטשט א רעגען, א ווינד האט זיך געשפיעלט מיט זאמד און מענשען די אויגען פערשיטט, איז ביי מיר, אויבען אין דער הויך, געוועזען אזוי רוהיג, אזוי שטילל, אז מען האט געהערט יעדען דראפ אין די מייזען-לאכליך. עס האט זיך מיר אפילו

אַרויסגערעדט בפירוש:

— רבי, — מאַכט ער, — אפשר וואָלט איהר זיך מכנים געוועזען אין דער זאַך?

נור דער רבי ווערט ווייטער בּאָז:

— און דו — מאַכט ער — ביזט חולה? פאַר דיין תפלה איז דער הימעל, חס ושלום, פערמאַכט?

חיים ברוך האָט בפירוש געהאָרט „חס ושלום", עס איהם אַראָב אַ שטיין פון האַרץ און פון דעסטוועגען איז וויטער אַוועק אַ פּאָר הדשים און גאָר נישט... אויף ראש השנה איז ער געקוממען נאָך אומגעפועלט. מוצאי יום=טוב גיט איהם דער רבי פּלוצ=לינג אַ קלאַפּ אין די פּלייצעס אַריין בפני קהל ועדה און פראָגט: „חיים ברוך, וואָס פעהלט דיר?" ער איז פערשאָמט געוואָרען און געאָנטפערט: „גאָר נישט!"

— שקר! מאַכט דער רבי, — דיר פעהלט עפּיס.

—וואָס? פראָגט חיים ברוך פערציטטערט און אויף דער צונג איז איהם שוין געלעגען די „ברכה אין הייבען און אַרבּים", נור דער רבי האָט איהם נישט געלאָזט צום וואָרט קוממען און אָבגעצאָהלט וואָרטער ווי פּערל:

— „דיר — חיים־ברוך — פעהלט — אַ — ליולקע=ציבוק!"

דער עולם איז נבהל ונשתומם געוואָרען.

— דו רויכערסט, מאַכט דער רבי, פון אַ פּיפּקעלע ווי אַ בעל=עגלה!

חיים ברוך'ן איז אַרויס דאָס פּיפּקעלע פון מויל, און ער האָט קוים אַרויסגע=שטאַממעלט:

— איך וועל זאָגען שרה=רבקה'ן.

— זאָג, זאָג, מאַכט דער רבי. זאָל זי דיר קויפען אַ גרויסע ליולקע=ציבוק... נעם דיר=מיט מיין יום=טוב'דיגע פאַר אַ מאָס; כהויה זאָלל זי זיין.

און ער האָט איהם איבערגעגעבען זיין ליולקע=ציבוק.

און דאָס איז עס געוועזען אין גאַנצען!

נאָך איידער ער איז אַהיים געקוממען, האָט מען שוין אין שטאָדטעל געוואוסט, אַז חיים ברוך פיהרט דעם רבינס יום=טוב=דיגע ליולקע=ציבוק...

— נאָך וואָס, נאָך ווענן? האָט מען געפראָגט אין אַללע גאָסליך, אין אַללע הייזליך. — נאָך וואָס? האָבען געצאַפּעלט אַללע יודישע נשמה'ס?

נאָך וואָס? האָט מען זיך אַלליין גע=אָנטפערט — מן הסתם אויף קינדער!

חיים ברוך, דאַכט זיך, ליידט נאָך אויף דעם, וואָס אַללע לומדים ליידען, מן הסתם וועט דער רויך פון רבינס יום=טוב=דיגע ליולקע האָבען אויף דעם אויך אַ פּעולה! אַהאַ! נאָך עפּיס: שרה=רבקה

געדאַכט, אַז די זונן שיינט ביי מיר אין אַללע ווינקעלעך!

עט, וואָס אַמאָל איז געוועזען...

אַ מענש איז געוועזען יונג, מיט אַ געזונדען מאָגען; טאָג מיט גאָלדענע פּלאַנען, נאַכט מיט בריליאַנטענע חלומות... זוממער, וואַלד, רויזען. און צווישען די רויזען האָט געקלונגען עמיצינס אַ געלאַכטער אַ קלינגענדיגס, אַ ריינס ווי אַ זילבער'ן גלאָקקעל... אַ הימעל מיט שטערן, גאָלדענע, חנודיגע שטערנדליך אויפ'ן העלל=בלאָהען הימעל... צווישען די שטערן איז איינער מיין געוועזען, אודאי!

טרויעריגע מענשען האָב איך ווענינ געזעהען, קלאָג=לידער ווענינ געהאָרט... צווישען מיר און דעם לעבען האָט אַ מלאך אַ זיידענע גאַזע אויפגע=האַנגען, דורך וועלכער אַללע טרערען זענען פּאָעטיש געוועזען, אַללע זיפצען זענען דער ליעבעס איינינק=ליך; און אויב עמיץ צו ברעכט אַ פוס, קריגט ער באַלד אַלס נאָגראַדע אַ פּאָר ברעננענדיגע אויגען, צוויי אַלאַבאַסטער האָנטליך און אַ גאָלדען האַרץ, וואָס טרעטען זיין בעט נישט אָב, ביז ער געהט מיט זיי אונטער דער חופה...

אויסער דעם האָב איך געהאַט אַ זיכערע אידעע גליקליך צו מאַכען די גאַנצע וועלט...

עס איז געוועזען, איך געדענק גאַנץ גוט — פעברואַר. אַהיים בין איך געקוממען געפרוירען; עס איז געוועזען אַ פראָסט, אַ שטאַרקער, נור אַליין אונטען; די שטערן אין דער הויך האָבען געלאַכט אויס איהן אין די קליינע פּויסטען און געגליטשט זיך איבערן יידענען טישטוך. און ביי מיר איז אויך

לײדט אויף די אויגען, צו 22 יאהר טראגט זי א ברילל, דער רבי האט עס אודאי אין זינן געהאט, א קלײניגקײט חיים־ברוך'ס ווייב!

אונ גלאט: צו וואס העלפט נישט אזא ציבוק? אונ נאך א יום־טוב־דיגער ציבוק?!!

אונ אײדער חיים ברוך איז אראב פון דער פוהר האבען איהן שוין הונדערט מענשען געבעטען, ער זאלל בארגען דען ציבוק אויף א חודש, א וואך, א טאג, א שעה, א מינוט, א רגע... מען וויל איהן אבגילטען!

נור ער האט אללעם געאנטפערט:

— איך ווײס? פראגט שרה רבקה'ן...

אונ א נבואה איז איהם ארויס פון מויל...

שרה רבקה האט א וואהל געשאפט...

ח"י גדולים פאר א ציה פון דער ליולקע־ציבוק! ח"י גדולים, נאך נישט א גראשען ווענינער! אונ דער ציבוק העלפט! שרה רבקה האט שוין איהרם א הײזעל, א שאן געוועלבעל, א סך הינבען, א סך אנדערע סחורות. זי אללײן איז פוללער געווארען, געזונדער, אויסגעגלײכט! זי האט דעם מאנן שוין נײע וועש געמאכט אונ די בריללען אוועק־געלעגט...

פאר עטליכע וואכען איז מען געקוממען נאכ'ן ציבוק פון פריץ וועגען! מען האט אנידער־געלעגט דרײ זילבער־רובל, ווי דענן!

— אונ קינדער? ווילט איהן וויססען.

— אודאי! שוין דרײ צו פיער... ער איז אויך א גאנצער מענש געווארען...

אין בית המדרש איז שטאנדיג א פלפול. טהייל זאגען, אז שרה רבקה וויל נישט אונ וועט נישט אבגעבען דעם רבין דען ציבוק; אנדערע זאגען, אז זי האט איהן שוין לאנג אבגעגעבען אונ דאס איז איין אנדערער אונ ער אללײן, חיים ברוך, שווײגט.

ווארום טאקי, למאי נפקא מיניה? אבי ער העלפט!

היתום אנטאירזוו.

גוט געוועזען; קײן מלאכים־געזאנג האב איך דורכ'ן פערמאכטען פענסטער נישט געהערט, נור זילבערנע שטראהלען האבען ארומגעטאנצט אין שטוב, א מחיה! עס איז מיר געוועזען גוט, עס איז מיר וואהל געוועזען... עס האט זיך מיר נישט בעגלוסט אנצוצינדען א ליכט; איך האב מיך געווארפען אויפ'ן בעטט אונ פערקוקט אויפ'ן פענסטער...

פלוצלינג איז מיר א ביסל טרויעריג געווארען...

— אהא! דערמאנן איך מיך; עס געהט צו זוממער... עס פיהלט זיך די היים...

איך טראכט אונ קוק ווייטער אויפ'ן פענסטער...

די פערפרוירענע שויב זעהט זעלטען אוים מיט די אלאבאסטער ווײסע צווייגלײך אונ בוימליך, וואס בייגען זיך איבער אונ לעגען זיך אײנס איבערן צווייטען... דא, וואו עס ריהרט אן א שטראהל, בליצט ווי א קרעלל אויף דער צווייג — דארט ליגט זיך א שטיקל דיננע זילבערנע קאראנקע...

איך בעמערק עס ערשט ווי צום ערשטען מאל, אונ עפיס אין הארץ ווערט ווייכער אונ טרויעריגער, אין די אויגען פערדרעהט זיך א טרעהר אונ דורך דער טרעהר זעהט ווייטער אללעס גאר אנדערס אוים, עס אנדערט זיך דאס גאנצע בילד אויף דער שויב...

עס איז נישט קײן זילבערנע נעץ, זי פערברענט זיך אונ איך זעה בחוש אונזער דאך, זוממער בעוואקסען מיט מאך... אט, נידריגער ברענגען די קלײנע שייבליך... עס מוס זיין פארנאכט אונ די מאמע שטעהט ביים קוימען אונ קאכט וועצערע; פון פלאמם ברענגען די שויבען... אין דער זייט ליגט מיין ברידערל אויף דער פאדלאגע, מיט ברעננענדיגע אויגען, א שאנער יונג וועט פונ'עם זיין, נור בלאסס איז ער אונ שטאנדיג פערטראכט, גלײך אין די דרײ יאהר, וואס ער איז אויף דער וועלט, איז איהם שווער דען הימעל צו פערגעססען... דער טאטי איז געווים ביים דאווינען, נור ערנסט שטעהט אונ גרײט צום טיש די שוועסטער, אויך בלאסליך, מיט האהר לאנגע, ווייכע ווי לען...

א! ווייט, ווייט איז נאך דאס אללעס... נאך עטליכע וואכען צום פרײען דארף, צום זוממערדיגען לעבען...

פלוצלינג ווערט טונקעל די שויב —
א וואלקען האט דען הימעל בעדעקט.

אונ א וואונדערליכע זאך: דען זעלבען פארנאכט איז אונזער הויז פערברענט געווארען.

ל. פינגאל.

קריטיק.

אַ. קאָטיקס עט אַ. ברעסלערס אויסגאַבען. וויססענשאַפטליכע פאָלקס-ביכער. ערשטעס בוך: ווי האָבען מענשען געלעבט מיט איינינגע טויזענד יאָהר צוריק. פערפאַסט פון פּאַוולאָוויטש. איבערזעצט דורך קאָטיק און ברעסלער.

האָרט אַ מעשה, וואָס איך וועלל אייך פערצאָהלען מיט קאָטיק עט ברעסלערס לשון, מיט זייער גראַממאַטיק און לאָגיק:

די מעשה איז אַזוי: דער לעבען מיט די אָבסטאָיאַטעלסטוועס דרעהען זיך, די פרעדמעטען מיט די פּאָלאָזשעניעס ראַזוויוואַיען זיך. עס איז געוועזען איין אונגעדענקטע צייט, וואָס אַללע מענשען האָבען נישט פערזוכט פון עץ הדעת! די אַללע פרעדמעטען, וואָס מיר ניטצען יעצט, זענען נישט בעשאַפּען געוואָרען ערב שבת בין השמשות! אין דער פעריאָדע (צייט) פון נאַרישע, פערגראָבטע מנהגים, פיהרונגען, וואָס עקזיסטירט ביי אַמאָליגע עלטערן מיט'ן ניט-צייטיגען און ניט-ראַזוויטנע שכל און קליינע ספּאָסאָבנאָסטען, איז, פּאָניאַטנע, וועגען ליטעראַטור מיט איהרע גוטע, ליעבע איינדרוק, אין זיננען, ווי מיר מיינען האָבען זיי קיין בעגריף! ביים אָטשטאַג פון ליטעראַטור האָט זיך ראַספּאָריאַזשאַיעט שמ"ר און אַנדערע קליינע פּיה, וואָרע שמ"ר, זיי אַלליין האָבען דערקאַזשעט איינצוסטראָיען ביכליך און האָבען מיטן ספּאָרטשענעם מאָזג געספּאָלניט אַללע זאַראַטשעס! די פלאַכע קריטיק מיט'ן וואַרפענדען געוועהר האָט ניט געהאַט די דרייסט און די חיטראָסט צו בראַקיווען, אַביזשאַיען; זי האָט זיך ווי אַ געפּגר'ט פאָגעל איינגעבויגען אין אַ דוגא און פערבעהאַלטען אין פּעטשעריס.

און שמ"ר'ס נישט איסקוסטוויענע, נישט פּיטאַטעלנע, פאַנטאַסטישעסקע ווערק, זענען פּאָכאָזשע אויף זשילים און וואָרע די גראָז, וואָס וואַקסט אַלליין אויף די פעלד אָהן אַ גענעשטיין, אָהן אַ נאַפּאַדיעניע, נאַפּראַטיוו מיט פּאָלנע אַוואַזשעניע. זיינע האָלצערנע פלאַסטינקעס, אומגעשמירט מיט וויכע שמירונג, האָבען דעם עולם געקלונגען ווי פּריאַטנע בובענטשיקעס און זיין לויב האָט זיך געהערט ווי אויסשוסקלאַפּען פון שטאָהלערנע געשיקט-שיסענדע פּיסטאָלעטען!

נור, ווי געזאָגט — די אָבסטאָיאַטעלסטוועס דרעהען זיך — און מען האָט אָנגעהויבען וואַזשנער קוקען אויף די פעלד מיט די גראָז און די אָדער יענע געוויקסע און פערלאַנגט פּראָבעס אויף די ווייץ, ווערען בעקאַנט מיט תבואות, קריגען פיזיטשעסקע מאָגליכקייט בעקוממען שפּייז אַ חוץ די סטאַרע — שמ"ר עט קאָמפּאַניע.

עס איז געוואָרען אַ בורע, אַ סטראַשנע האַלאַס! שלום עליכם האָט דער ערשטער גערעשעט צו טאָפּטשען מיט די פיס, אויסטשאַראָפּען די פּאָטשווע, צו שרייען: גראַביאָזש! און צומאַכען אַ סילנע נאַפּאַדיעניע אויף שמ"ר'ס קרעפּאָסטען און אוקרעפּלעניעס און האָט איהן גאַנץ איינגינעהם געהאַרגעט...

און אַז שמ"ר איז שוין טויט (אָדער אין אַמעריקאַ), פאַר וואָס זאָללען זיך קאָטיק עט ברעסלער נישט מאַכען אַ סאָאָבשציעניע און מיט אָבשצע סילעס, איבערזעצענדיג דען בעריהמטען פּאַוולאָוויטש, געבען נאָך אַמאָל שמ"ר'ן אַ קאָפּף? וואָס שאַדט עס? נאָך אַמאָל געפינגען אַמעריקאַ!

נור לצנות אָן אַ זייט! אפשר ווילט איהר וויסען, ווי אַזוי אַ מענש האָט זיך אויסגעלערנט רייטען? אפשר מיינט איהר, אַז פערצייטישע דורות זענען געוועזען האָבער, שטאַרקער און עס האָט זיך געקאָנט טרעפען, אַז איין אדם הראשון איז

גראד געשטאנען פערבראכט איבער א רינשטאק, בשעת א פערד איז אין אינפעט דורכגעלאפען דורך זיינע צושפריטע פיס, אונ דער מענש איז געבליבען זיצען רייטענדיג? אפשר מיינט איהר גאר, אז א מענש האט געוואלט חאפען א פערד, אונ האט עס טאקי אנגעחאפט ביי דער ציופרינא, נור ער האט נישט געוואלט, דאס פערד זאלל איהן בייסען, האט ער זיך ארויפגעחאפט איהם אויפ'ן רוקען אונ איז אוועק רייטענדיג? איך קאנן אויך גאר איינפאללען, אז ער האט געזעהען ווי א פליג רייט אויף א פערד אונ האט אויך געפרובט די זעלבע קונץ? פון פאוולאוויטשען (אויב די איבערזעצער האבען איהן געטריי איבערגעגעבען) וועט איהר ערשט געוואהר ווערען דען גאנצען אמת; די מעשה איז אזוי געוועזען: דער מענש האט שוין געוואוסט, וואס מען מיינט א חמור, אדער א פערד, למשא; ביים איבערציהען פון איין ארט צום צווייטען, האט ער זיינע זאכען ארויף געלעגט אויפ'ן „פערדס פלייצע" אונ דערנאך איז איהם ערשט איינגעפאללען, אז דאס פערד קאנן איהן אלליין אויך טראגען! נישט גוט, הא?

פון פאוולאוויטשען וועט איהר געוואהר ווערען א שכל פון א באר, הארט! אז „א בער שטעהט שלעכט אין דער מלחמה (!) מיט זיינע שונאים (!), חאפט ער מיט די פאדערשטע לאפעס גרויסע שטיקקער האלץ, מאכעוועט מיט זיי אונ מיט דעם פערטרייבט ער זיינע שונאים!" איהר האט אודאי נאך אזוינס נישט געהערט. עס איז אייך אודאי שווער צו גלויבען! נור איהר טארט נישט פערגעססען אז דאס איז נישט דער באר פון נייענצעהנטען יאהרהונדערט, וואס האט שוין לאנג דען שכל פערלארען, נור איין אלטער, אמאליגער באר, ביי וועלכען מיר האבען זיך (לויט פאוולאוויטשען אדער זיינע איבערזעטצער) אויסגעלערנט בענוטצען זיך מיט א שטעקען! דער מענש האט א מעלה, „אז ער קאנן ריהרען, ארבייטען מיט זיין מארך פון קאפף, וואס גיט איהם מאגליכקייט מיט אזוינע זייטיגע קלוגע מיטלען ערפיללען זיין געברויך, וועלכעס מיט זיין קארפערליכען בוי איז ער נישט אימשטאנד דאס צו בעקוממען" אונ „קאנן ווארפען א שטיין אדער א שטיק האלץ אויף א ווייטע שטרעקע אונ הרגענען דערוויל זיין שונא, די ווילדע טהיר, איידער זי אוספעיעט צו געהען צו איהם" נור „האבענדיג מארך אין קאפף, אונ קאננענדיג מיט איהם ריהרען, האט ער דאך געמוסט אסך לערנען, איידער ער האט געקריגען, למשל, „אונזער וויססען וועלכע שפייז אונ געטראנקע ערווארעמט דעם קארפער" ווי אזוי „צו פערטרייבען די פעהלערען פון די נאטור".

נור אמוויכטיגסטען איז צו וויססען, ווי אזוי דער מענש האט זיך אויסגעלערנט צו מאכען א בויגען! דערצו דארף מען פערשטעהן דען דין פון עלאסטיציטאט (דאס צוריק שפרינגען פון פערשיעדענע קארפער) אונ פאוולאוויטש ווייס דען דין אונ פערצאהלט כהויה, ווי אזוי עס איז געוועזען:

„וואהנענדיג אימער אין וואלד אונ קוקענדיג אויף אללעם, וואס געפינט זיך ארום איהם, האט דער מענש געמוזט ניט וויללענדיג בעמערקען די נאטור פון די חיות אויך די נאטור פון די בוימער. עס האט זיך געטראפען אז וויללענדיג חאפען א פויגעל (,) וועלכע איז געשטאנען אויף איין צווייגעל אונ איינבויגענדיג דאס (,) אום צו חאפען די פייגעל, ווען ער האט גראדע ניט וויללענדיג אבגעלאזען דאס צווייגעל, איז מיטען קלאפ, וואס זי האט געגעבען, קומענדיג צוריק אויף איהר ארט, איז דאס פייגעל געהארגעט געווארען! דאס האט איהם ארויף געפיהרט אויף א געדאנק (,) בענוטצען זיך מיט דעם קראפט פון איינגעבויגענעם האלץ אונ אזוי איז ארויסגעקוממען א באגען".

אונ אזוי איז ארויס דער „פערוואביטנער" אמאהליגער בויגען! אללע קאננען זיך אינ-

טערעסירען מיט דער פראגע, ווי אזוי א
מענש האט זיך אויסגעלערנט „בעהאלטען
אויף שפאטער". מען ווייסט, אז די ווילדע
פאלקער האבען דערפון קיין בעגריף נישט,
אז דא פרעסט מען צוזעצטערהייט, פער-
פעהלט עססענווארג — שטארבט מען פאר
הונגער. נור פאוולאוויטש איז צו אריגינעלל,
ער זאלל זיך אינטערעסירען מיט דעם,
וואס אללע אינטערעסירען זיך. ער פראגט
פערקעהרט: ווי אזוי האט ער זיך אויס-
געלערנט צו וויססען, אז פלייש קאנן מען
נ י ש ט בעהאלטען? אונ פאוולאוויטש'עס
שכל, געקליידט אין קאטיק עט ברעסלערס
פארם, אנטפערט כהאי לישנא: מען דארף —

געדענקען אין די גוטע צייט אז עס קאנן
קוממען א שלעכטע, אונ איבערלאזען א פאר-
ראטה (זאפאס) דאן ווען עס איז דא איבעריג
אויף די צייט וואס וועט פעהלען, אלזא,
נאכדעם ווי ער האט זיך זא בעטראכט, ווען
עס האט איהם געגליקט למשל אמאל אויף
דער פאלעוואניע, האט ער בעהאלטען א זאיאנץ
(האז) מיט א פאר פאגעל, ווי מען זאגט, נא
טשארני דען אויף מארגען איז איהם גראדע
איינגעפאללען איבערבייטען דעם ארט. ער
גייט, טראגט זיך מיט דער משא אויף די
פלייצעס אונ עס איז איהם צוליעב דעם דער
גאנג שווערער, עס פערמאטערט איהם, ער
קאנן זיך נישט ריהרען, ער איז עפיס ווי
געבונדען דעריבער האט ער ניט געקאנט
חאפען צוויי הערשען וועלכע זענען איהם
פערביי געלאפען אויפ'ן וועג. נור פון דעסט-
וועגען האט ער ווי עס איז פארט געהאפט
א טהירכען (א חיה'לע) האט זיך אנגעגעססען
אונ גייט ווייטער אונ צופריעדען מיט דעם
וואס זיין זאפאס איז גאנץ אונ קען איהם נאך
דינען אמאל אין א נויט. אין איינינע טאג
ארום איז טאקי געקוממען דער נאג אויף ווערל-
בען ער האט זיך שטארק געריכט אונ אונזער
ווילדער נעמט זיך צום פאקעל וואו עס ליגט
דער זאפאסנער זאיאנץ. אבער דער לעצטערער
איז ניט געלעגען אויף א לעדניק, נור די
הייסע שטראהלען פון דער זאננע האבען איהם
געווארעמט דעריבער איז ער געווארען פער-
עפושט אונ פערווארימט. דער יאגער ווערט
באז אויף דעם זאיאנץ,ווארפט איהם אוועק.
אונ נעמט זיך צו די פאגעל, נור דא זעהט
ער איז אויך דאס זעלבע ווי ביי'ן זאיאנץ „נו,
קלערט ער, שוין גלייכער ליידען אביסעל
הונגער, איבערקוממען ווי עס איז מיט א ביסעל
יאגדעס, שוואמען, איידער עססען אזא שמוטץ.
נור צו וואס האט מיר נאך געטויגט טראגען
אזא פערדארבענעם עססען וועלכעס איך קאנן
ניט געברויכען? צו וואסערע כפרות האב איך
מיך איינגעמאטערט מיט דעם, אונ לא די
וואס איך האב מיך נור דערשוויצט ביי איהר,
האט זי מיר נאך געשטערט חאפען דעם געש-
מאקען הערש". הכלל, דער ווילדער איז גע-
קוממען צו דער דעה אז קיין זאפאסען מיט
פלייש קאנן מען ניט מאכען..."

אזוינע פערל פון חכמה, שכל הישר,
גראממאטיק אונ ארטאגראפיע געפינט מען
אינ'ם קליינעם ביכל פולל אונ פיעל! אלץ איז
אנגעוויזען „איבער איין אויער", אלץ איז
ארויסגעזאגט ווי פון א שטוממען אונ אלץ איז
געשריעבען „נח מיט זיעבען גריזען".

עס איז אונס שווער געוועזען צו בעקומ-
מען דאס אריגינאל, אום צו וויססען, צו
האבען מיר די אללע דומהייטען צו פער-
דאנקען פאוולאוויטשען אלליין אדער זיינע
איבערזעצער. נור פאר אונס איז עס נישט
וויכטיג: גענוג, אז דאס פאלק קריגט אין
דער האנד אריין א ווערקיל, וואס קאנן נישט
ליכטיג, נור פינסטער מאכען אין מוח. —

בן תאר.

אַסוף *).

אַ ראָמאַן אין מאָנאָלאָגען.

1.

דאַנקען גאָטט, איך האָב זיך שוין געפונענע ארבייט! איך שטעלל מיך אין אַ פאָדריאַד וואָלגערן מצה. מאָרגען שטעלט מען זיך באַקקען. אָט זעה איך טאַקי, אַז אַ מענש טאָר נישט זאָרגען. איך האָב געמיינט, דער הימעל לעגט זיך שוין אויף דר'ערד, און אַז גאָטט האָט געוואָלט, האָב איך זיך געפונען ארבייט. פיערציג קאָפיקעס אַ טאָג — און מצה, ־זאָטש עסס זיך איבער! יעצט וועל איך ערשט לעבען אַ טאָג. איך וועל זיך מאַכען מצה־בריען... איך וועלל נאָך קויפען אַ שטיקל שמאַ־ין. מען וועט נור דאַרפען באַלד דירה־געלד איינצאָהלען, יאָ, און די שיך פערריכטען. נו, און לאה'ן קומט אויך אַ רובל אָנדערט־האַלבען. אוי, אוי, אוי, וואָס איך דאַרף האָבען געלד! איך וועל בעססער גאָר נישט קלערען...

זאָלל שוין לאה קוממען פון איהר נייטאָרען. ווי זי וועט זיך דערפראָהען, וואָס איך האָב געפונען איין אַרבייט. וואָס זי איז נעביך אויסגעשטאַנגען זיך פון מיר. אומעטום אַרומגעפיהרט מיך, אַרומגעשלעפט זיך מיט מיר. „דורך מיר, זאָגט זי, זייט איהר אַוועקגעפאָהרען פון דער היים, דאַרף איך פאַר אייך זאָרגען". זאָלל איהר גאָטט בעצאָהלען, מאַר' אַ טייערע נפש דאָס איז. בעססער ווי אַ לייבליבע שוועסטער...

די לייבליבע שוועסטער האָבען מיר דען ביססען נישט פערגונגען, פערשאָלטען מיר דאָס לעבען. זיי וואָלטען געקאָנט, וואָלטען זיי מיך דערטרונקען אין אַ לאָפפעל וואַססער. לייבליבע שוועסטער! זאָללען זיי... נור איך וועל זיך נישט שילטען. פע, מען דאַרף זיך פאָרט אָבגעוואָהנען פון די קללות.

לאה ווערט אין כעס, אַז איך רעד אויף מיינע שוועסטער. זי זאָגט, אַז מלאָכים וואָלטען נישט בעססער געוועזען. דער'אמת'ן טאַקי, עס זיצען זיעבען גרויסע מוידען, איינע גראָססער פאַר דער אַנדערער, ביי אָרמע עלטערן, וואָס ציהען זייער פרנסה פון אַ קליינעם גאַלאַנטערעי קראָמעל און פון דירה־געלד. די עלטערן זענען בעלי־גאוה־גיקעס, בלאָזען פון זיך איבער זייער יחוס. און זיצען די זיעבען מוידען טהוען גאָר נישט, גיבען נישט אַ קלאַפ אַ פינגער אָן אַ פינגער, ווייסען נישט פון קיין אַרבייט, קאָנגען אַ וואָרט נישט איבערלייענען — טאָ וואָס זאָללען די מוידען טהון? זיצט מען גאַנצע טאָג און מען רייסט זיך.

איך לאַך, ווען איך דערצאָהל, ווי מיר האָבען זיך אויפגעפיהרט, ווי מיר פלעגען זיך רייסען. נור לאה האָרט זיך צו אַזוי ערנסט — זי שמייכעלט אפילו נישט. נישט דאָ פון וואָס צו לאַכען, זאָגט זי. דאָס פערשטעה איך שוין נישט; מיר דוכט, אַז מען דאַרף זיך קייקלען פון געלעכטער. אַז איך דערמאַנן מיך, לאַך איך.

חאַ, חאַ! זיעבען גרויסע מוידען — איך, די יונגסטע, בין גראָססער און דיקער פאַר די עלטערע זעקס — זיצען צונויפגעלעגט די האָנד און האָבען קיין אַנדער געשעפט נישט, ווי צו קריגען זיך. פריהער שלאָפט מען ביז'ן האַלבען טאָג, ווי די פריצות; דערנאָך העבט זיך אָן, ווער זאָלל פריהער אויפשטעהן.

— גנענדיל, טאָמער וועסט דו אויפשטעהן? שרייט צו מיר די עלטסטע שוועסטער דבורה־גישע.

איך האָב שוין לאַנג געוואָלט אויפשטעהן. נור אַז זי וועקט מיך, ווילל איך איהר דאָס פערגניגען נישט אָנטהון און מאַך זיך שלאָפענדיג.

— פריצה, מאָגסט שוין אַרויס פון בעטט! שרייט צו מיר נאָך אַ שוועסטער, ציהענדיג זיך.

— זי וואַרט, מען זאָלל זי אַראָבוואַרפען פון בעטט! שרייט פון אונטער קאָלדרע אַ דריטטע שוועסטער, וואָס ליגט צונויפגעדרעהט ווי אַ בייגעל.

איך ענטפער נישט.

— שטעה אויף, דו! בריקעט מיך מיט די פיס די שוועסטער באַשע, וואָס שלאָפט מיט מיר אין איין בעטט.

איך שווייג.

— פערגיב איהר דאָרטין אַזוי, אַז איהר זאָלל נישט ניחא זיין דאָס שלאָפען, שרייט מען צו איהר פון יֵ בעטט.

באַשע איז גאָר קיין פאָלגערקע נישט, נור, אַז מען הייסט איהר שלאָגען, פאָלגט זי. זי גיט מיר אַ קניפ מיט די נאָגעל, אַז עס פערחאַפט מיר דער אָטהעם. איך האַפ זיך פאַר באַשעס פנים, באַשע פאַר מיין נאָז; די איבריגע שוועסטער שפרינגען אַראָב אייגציגוויים פון די בעטטען און קוממען העלפען באַשען; אין אַ ווייל־ע אַרום ליעג איך שוין אויף דר'ערד אין גאַנצען צוקניפען און צודראַפעט. נור אַללע זענען שוין אויף די פיס — מען איז אויפגעשטאַנגען. און די שבנים אַרום קייבען פון געלעכטער.

און אַזוי יעדען טאָג, ווי ביי גאָטט אַ טאָג! היינט ווי זאָלל מען נישט לאַכען? ביי אונז אין שטאָדט זענען מיר אַ שם דבר, ווי וואַהר איך לעב! יאָשע געצילס געזינד — ווער ווייס עס נישט? און מיר אַללע ווייסען, אַז מען ווייס פון אונז, אַז מען רעדט וועגען אונז אומעטום אין אַללע הייזער,

*) זעה „כל חמורא".

אז מיר זענען אויף אללע צונגען — אונ גאר נישט, עס ארט אונס, ווי די וואנד. יעטצט ווארפט זיך מיר דאס בלוט אין פנים פאר בזיון, איך שאם מיך דען קאפף אויפצוהעבען — אונ דארטין גאר נישט. קיין בושה אונ קיין חרפה איז גאר נישט דא! אוי, רבונו של עולם, ווי לעבט מען דאס גאר אזוי! איך מאג מאקי דאנקען אונ לויבען גאטט, וואס איך האב זיך ארויסגעריססען פון דעם היים, א גליק איז מיר געשעהען. כל זמן איך וועל לעבען, וועל איך לאה'ן נישט פערגעססען. זי, מאג מען זאגען, האט מיין לעבען געראטעוועט.

מיט א האלב יאהר צוריק, איידער איך האב זיך מיט איהר דערקאנט, בין איך געוועזען ווילד, ווי אללע מיינע שוועסטער; איך האב געוואוסט נור זיטצען אונ רייסען זיך מיט אללעמען...

אט קלינגט זי, דאכט זיך... לאה'טשקע, איך האב שוין ארבייט!..

2.

די ערשטע פערדיענטע פיערציג קאפיקעס! די ערשטע אנגעהארעוועטע גראשען! עס ווילט זיך מיר טאנצען, שפרינגען! טרא-לא-לא, טרא-לא-לא, טרא-לא-לא!.. די ערשטע פערדיענטע פיערציג קאפיקעס! צמא! צמא! איך וואלט זי, דאכט זיך, געקושט אהן איין אויפהער! א, ליעבע, טייערע, גאלדענע! איך האב אייך פערדיענט, איך אלליין מיט מיינע האנד, אט מיט די מאזאליעס! איך האב אייך נישט אויסגעבעטען ביי'ם טאטען אין קראם, נישט בעקוממען פאר אייך א פאר קללות פון דער מאמען אונ קניפ אונ שטופ פון די שוועסטער! איהר זייט מיינע, מיינע אייגענע, פון מיין שוויים, פון מיין מיה! איך מאג מיט אייך טהון, וואס איך וויל, איך דארף קיינעם קיין חשבון פון אייך נישט אבגעבען — איך בין די בעל־הבית'טע! געזונד זאלט איהר זיין, מיינע פיערציג קאפקעליך!

סאר' א נייער „צוואנציג-קאפיקעס"... פון טויזענד אכט הונדערט זיעבען אונ אכציגסטען יאהר... זעה — אונ נאך א נייער. אט דער „פינף-קאפיקעס" איז גראד שוין פערשיממעלט, קוים וואס מען קאן לייענען. קוק נור — ערשט פון צוויי אונ נייענציג-סטען יאהר!... חע! אט א מאדנע זאך!... דער „צוואנציג-קאפיקעס" איז אלטער אונ נייער...

אוי-אוי-אוי, מיינע פיערציג קאפקעליך! מיין ערשטע ארבייט, מיין ערשטע הארוואניע! איך וואלט זיי וועללען ווייזען מיינע שוועסטער. וואס, שוועסטערליך, איהר ווייסט דען טעם פון א פער-דיענטען גראשען? נאררעלעך! זיי דארפען נאטיג זיטצען אונ רייסען זיך, אויסעססען זיך דאס הארץ מיט די עלטערן איבער יעדע קאפיקע. א רחמנות אויף זיי, זאלל איך אזוי לעבען! איך מוז זיי אללע אריבערשלעפען אהער. נאך פסח וועל איך... אי, מיינע טייערע קאפיקעס! עס ווילט זיך מיר גאר נישט אויסגעבען אייך, איך וואלט וועללען אייך אייביג, אייביג האלטען, אויפ'ן האלז טראגען, אללעמען ווייזען...

א-ביטען איז מיר גאר נישט שווער געוועזען! איך האב געארבייט מיט אזא פערגניגען, אזוי לייכט, אזוי פלינק. די האנד ברעכען מיר אפילו, נור דאס איז אלץ פון די זאכען! איך וויל זיך אפילו נישט צוהארען. ניין, א ליגען, עס טהוט גאר נישט וועה, עס העבט מיר גאר נישט אן וועה צו טהון. ביי דער ארבייט האב איך געוואלט זינגען, שפרינגען. מיר איז געוועזען אזוי פראהליך, א! עס האט זיך מיר געוואלט ארומנעמען אללע וואלגער-קעס, קושען זיי, האלזען זיי ווי שוועסטער... נישט ווי מיינע, נאטירליך. וואס וואלטען געזאגט מיינע שוועסטער, ווען זיי וואלטען מיך דערזעהען אין פאדריאד? עס וואלט זיך פון זיי קעהרען די וועלט! גאר, אויס, איך האב זיי שוין פערשווארצט די אויגען, זיי וועלען שוין קיין שדוך נישט קאנגען טהון... אונ פון די עלטערן וואלט זיך דאס א ביסל געטהאן! או-הא! זיי וואלטען קברים געריססען. ס'טיימיש יאשע געציל'ס מאכטער שטעהט אין א פאדריאד! מען דארף זעהען, אז זיי זאללען זיך דערוויסען... זאללען זיי... אוי, סאר' א שלעכטע איך בין! לאה וואלט שוין מיר אויסרעדען. אהן א גאלל איז ... די לאה...

נור באז איז דער מצה-ראדלער ביי אונז אין פאדריאד! ער שטעהט מיט אזא מינע, גלייך עס ווארט, מען זאלל איהם נור זאגען א ווארט, ער זאלל זיך אנהעבען צו זידלען. ער האלט די אויגען אויף די מצות אונ העבט זיי זעלטען אויף. אויף זיינע איינגעצויגענע ליפען ליגט א שלעכטער, באזער שמייכעל...

לאה'טשקע, זעהט נור, מיינע ערשטע פער-דיענטע פיערציג קאפיקעס!...

3.

ווער איז צו מיר גלייך? א קרומער א ודאי נישט. אט האב איך נאך פיערציג קאפיקעס! נאכטען האב איך געוואלט מאכען א באל פאר די ערשטע אנגעהארעוועטע, מיט'ן אייגענעם שווייס פערדיענטע, פיערציג קאפיקעס. לאה האט מיך געוואלט אבהאלטען. איין עברה געלד, האט זי געזאגט. נור איך האב זי נישט געפאלגט. איך האב געקויפט איין אפעלסין אדער, ווי מען רופט עס דא אן, א פאטעראנץ, פאר גאנצע אכט גראשען, פיער קאפיקעס... איך האב געקוקט דער יודענע, ביי וועלכער איך האב איהן געקויפט, אין די אויגען אריין: צו פיהלט זי, אז די אכט גראשען

האב איך אללײן פערדינט? איך האב איהר געוואלט וויזען דאס גאנצע געלד... איך האב איהר געוואלט טאקי זאגען, אז די גאנצע פיערציג קאפּיקעס האב איך אנגעהארעוועט אין איין טאג, איך האב איהר אפילו די מאזאליעס געוואלט וויזען... איך האב געוואלט רעדען א סך, א סך; נור איך האב עפּיס קיין ווארטער נישט געפונען.

— זעהט, האב איך זיך לסוף נישט אײנגע־האלטען, דער פיערציגער איז א סך אלטער פאר'ן צעהנער אונ דאך נײער...

— איז וואס, האט מיר די יודענע געאנטפערט, ארויסנעהמענדיג א הויפען קלײן־געלד פון קעשענע אונ זוכענדיג א קאפּיקע רעשט פון צעהנער, — דער צעהנער איז אין מעהר האנד איבערגעוועזען...

— וויפיעל פערדינט איהר א טאג? איז מיר אײנגעפאללען צופראגען אונ האב געטראכט, אז אויב זי פערדינט נישט קיין פיערציג קאפּיקעס א טאג, וועל איך איהר איין עצה געבען, שטעללען זיך אין א פאדריאד.

— וויפיעל עס מאכט זיך, האט מיר די יודענע געאנטפערט מיט א האלבען מויל אונ אפילו נישט א קוק געטהאן אויף מיר.

זי האט מיר אבגעגעבען דען אויסגאב. נור מיך האט עפּיס דער צעהנער שטארק פערדראססען. איך האב געפיהלט, אז איך בײנק נאך איהם. איך האב א קוק געטהאן אויף דער יודענעס קעשענע, זוי איך וואלט דארטין וועללען דערזעהען מיין צעהנער, מיין אײגענען צעהנער... עס האט מיר עפּיס באנג געטהאן, וואס איך האב לאה'ן נישט געפאלגט אונ געקויפט דען אפעלסין... מיר איז אומעטיג געווארען... חא, חא, חא, סאר' א נארר איך בין! לאה האט שוין פון מיר געלאכט. געבען איהר בין איך ווידער פראהליך געווארען. מיר האבען געמאכט א סעודה. איך האב געגעססען מיין חלק מיט א גרויסען טעם. צו לאה'ן זענען געקוממען נאך א פאר מאדלעך אונ איך האב זיי געגעבען צושטיקלעך אפעלסין אונ אויסגערופען: „איז מען מכבד מיט א שטיקעל אפעלסין, וואס גנענדיל בת יאשע געציל'ס האט געקויפט פאר אײגענע געלד, אנגעהארעוועטע אין פאדריאד פון מצה וואלגערן!" זיי האבען געלאכט, לאה האט געלאכט, אונ איך האב געטאנצט אונ געשפרונגען אונ אללעמען דערעססען מיט מײנע קוססען...

לאה האט געוואלט לײענען פאר אונז א בוך, נור איך האב נישט געלאזען! מיר איז גאר נישט געקראכען אין קאפף. איך האב נור דערצאהלט פון אונזער הײמישען אויפפיהר אונ זיי האבען געלאכט. עס איז טאקי א וואהרער טעאטער.

די זיבען מוידען טרינקען טהע, אללע זיצען אנגעבלאזען — מען זוכט זיך עפּיס, ווי צו בינדען זיך אײנגע צו דער אנדערער.

— ביי דיין דוואשקע'ן אין קראם איז שוין איין שטיקעל ציטין, זאגט די אלטערע שוועסטער דבורה גישע צו דער פיערטער, צו שׂימע'ן.

— אזוי פיעל וואונדען דיר, וויפיעל מעהר אלס איין שטיקעל, אנטפערט שׂימע.

— אח, הלואי! איך האב אללײן געזעהען, שוועהרט דבורה גישע.

— זאלסט אזוי זעהען א חתן! שילט זי שׂימע.

— זעה דו קײן חתן נישט! שרײט ארויס דבורה גישע, וועלכער עס געהט שוין דאס נײען אונ צוואנציגסטע יאהר.

— איך וועל שוין גערואד זעהען, נור דו... אוי־הום, א סברא אז פערפאללען! לאכט די דרײ אונ צוואנציג־יאהריגע שׂימע, אין וועלכער עס ליעבט זיך דוואשקע דער שניטט־קראמעריגס זוהן.

דבורה גישע געפינט קײן ווארטער נישט אונ גיעסט ארויף אויף שׂימע'ן דאס גלאז טהע... נו, אונ עס ווערט שוין א מלחמה!

לאה זאגט, אז אין זיי זענען שולדיג די עלטערן, אונ אין די עלטערן וויטער איז שולדיג דאס גאנצע יודישע לעבען. צווישען די יודען, זאגט זי, הערשען נאך א סך מאוסע מנהגים אונ געוואהנהײטען. מען האלט נאך פון יחוס; די פרומע וחסנים האבען פײנד מלאכה אונ בעלי־מלאכות, וויכען אויס די בילדונג. די עלטערן, זאגט זי, האבען נישט געקאנט פערשטעהן מעהר, ווי אללע יודען... הום! ביי איהר איז קײנמאל קײנער נישט שולדיג. אונ מען מוז איהר מודה זיין: זי גיט עפּיס אלין אזוי ריכטיג צו פערשטעהן. נאך אין דער הײם, אז זי האט מיר אנגעהויבען אויפוויזען, אז איך לעב שלעכט, נישט ווי א מענש דארף לעבען, איז מיר יעדעס ווארט ארײנגעקראכען אין הארצען... איך האב איהר נישט געוואוסט וואס צו אנטפערן. אונ, דאכט זיך, א פראסטע נײטארין!

דער ראדלער ביי אונז אין פאדריאד איז, ווי איך פערשטעה, אויך קײן פראסטע זאך נישט. ער ווייזט אויס זעהר איין עדעלמאנן. ער האט זעלטען קלוגע אויגען—שווארצע אויגען, פייערדיגע. א שאנער יונג! איך וואלט שווערען, אז ער איז אהנליך צו... נײן, ביי יענעם זענען גאר גרויע אויגען אונ בלאנדע האר...

איז ער אבער נאך באז, א גרויל! ער מוז נישט זעהר צופריעדען זיין, וואס ער ארבײט אין פאדריאד: איהם מוז עס נישט אנשטעהן. סאר' א נאררעלע! ערד גראבען, שטײנער טראגען, האלין האקען, אבי זיין זיך אללײן א בעל־הבית, נישט זיטצען ביי די עלטערן אויפ'ן קארג אונ רייסען זיך מיט די הײמישע. ווי פערשטעהט ער דאס נישט? ער האט געמוזט א סך צרות איבערטראגען,

געביך, מען זעהט נאך זיין פנים, נאך זיינע קליידער... א־אח!...

שא, מען דארף שוין אוועקגעבען די שיך פערריכטען.

4.

איך קאנן עפּיס גאר נישט טהון, איך וועל היינט נישט קאנגען צוהארען, ווען לאה וועט ליינען. מיין קאפּף איז פערנוממען... עס איז מיר פאר זיך אלליין... מיין קאפּף איז פערנוממען מיט'ן ראדלער. וואס קלייבען זיך די לאנגע קאפּאטעס צוקוקען אויף איהן? וואס איז ער, א באר, וואס? ווילדע מענשען עפּיס, פע!

ער האט אויף מיר אויך אפּאר מאל אנגעשמעלט די אויגען מיט אזא כעס, אז איך האב מיך דערשראקען. פאר וואס איז ער אין כעס אויף מיר? אז איך קוק אויף איהן, טהו איך איהם עפּיס שלעכטס? נור אז ער וויל נישט, דארף מען נישט. איך האב אראבגעלאזען די אויגען; איך האב זיך אבער נישט לאנג געקאנט איינהאלטען. איך ווייס אלליין נישט — מיר ווילט זיך עפּיס קוקען אויף איהן; איך וויל טרעפען, ווער איז ער? וואס איז ער פאר א מענש? איך האב אויפגעהויבען די אויגען, איך האב איהם געוואלט זאגען, אז אויף מיר דארף ער נישט זיין באז. ער האט אויף מיר אויך א קוק געטהאן, נור שוין נישט אזוי צארניג. ער האט מיך אנגעקוקט נייגיעריג, גלייך ער וואלט וועללען וויסען — ווער איך בין?

איך וואלט עס איהם גריילוך געזאגט: איך שאם מיך גאר נישט, זאללען אללע וויסען, אז יאשע געצילס טאכטער איז א מצה־וואלגערין, א גרויסע זאך! איך וועל מיך אפילו שטעללען דינען, אבי צו פערדינען מיין ברויט.

ווען איך וואלט געהאט געלד, וואלט איך מיך געלערענט איין ארבייט. לאה'ס בעל־הבית'טע בעט ביי מיר דרייסיג רובעל.

אי, געלד, געלד!.. ווען איך וואלט געהאט געלד!... א, וואלט גוט געוועזען, איך וואלט די ערשטע זאך... איהם געהאלפען... איך וואלט איהם געליהען געלד... נאט, טהוט אייערס, לערנט זיך, וואלט איך איהם געזאגט. מען זעהט נאך איהם, אז ער האט זיך געלערנט.

איך וואלט זיך אויך געלערנט... נור — מאלע וואס!..

. . . .

פאר' א ביטטער רחמנות אויף איהן מוז זיין!

ער נעמט מיר אוועק דאס לעבען..

5.

איך בין אויסער זיך, אויסער זיך בין איך! רבונו של עולם, וואס וויללען זיי פון איהם? קלייבען זיך ארום איהם, רייצען זיך מיט איהם, נעמען איהם אוועק דאס געזונד! וואס שניידען זיי איהם דאס הארץ?

ער האט אלץ געקוקט אויף מיר, גלייך ער וואלט ביי מיר אום הילף געבעטען; זיינע אויגען האבען געברענט. נור איך האב איהן געוואלט בערוהיגען, איך האב צו איהם געשמייכעלט, איך האב איהן געבעטען מיט די אויגען, ער זאלל נישט אנהעבען מיט די יודען. מיר האט זיך עפּיס נישט געוואלט, ער זאלל זיך קריגען... ער האט זיך אבער נישט איינגעהאלטען...

שולדיג בין איך! פאר וואס האב איך געשוויגען? נישט ער האט געדארפט קריגען זיך, איך האב דאס געדארפט טהון. איך בין א גרויסער נארר, א שוטה — ווען מען דארף רעדען, שוויג איך! אט, מיט די שוועסטער, א, קאנן איך זיך רייסען.. אוי־אוי־אוי!

— איהר ווילט זעהען, האט ער געשריען, ווי איינער ראטעוועט זיך פון הונגער־טויד, פון א טשוואק אין באלקען?...

איך האב זיך שיער נישט צו וויינט... איך האב זיך קוים איינגעהאלטען, איך האב געפיהלט, אז מיינע טרערען וואלטען איהן נאך מעהר צורייצט.

אזוי פיעל יאוש, אזוי פיעל יאוש... ווי ער האט דאס א ווארף געטהאן דאס ראדעל, ווי ער האט זיך געהאפּט פאר'ן קאפּף!

איך האב מיך דערשראקען, ער זאלל חלילה נישט אראב פון זינגען, און בין צוגעלאפען צו איהם בערוהיגען איהן...

. . . .

איך וואלט געוואוסט, וואו ער וואהנט, וואלט איך געגאנגען צו איהם. ער קאנן נאך קראנק ווערען פון עגמת נפש... ער איז נאך דא אפשר איין עלענד...

רבונו של עולם, דאס הארץ צורייסט זיך מיר.

שטארקער גאט, העלף איהם אין זיינע נויטען!...

דוד פינסקי.

נאטור-קרעפטען.

ג) װארמקייט.

ד. װעטטער-ערשיינונגען.

§ 1 לעג אריין א שטיקעל אייז אין א טאפף בײ׳ם פייער. דער הארטער קארפער — דאס אייז — צולאזט זיך פון דער װארמקייט, עס װערט פון איהם א פליססיגקייט: װאססער; גיעס אב די האלפט אין איין אנדערע כלי און שטעלל ארויס אויפ׳ן פראסט — װערט צוריק פון װאססער אייז. די צווייטע האלפט װאססער, װאס דו האסט איבערגעלאזען בײם קאכען — פארעט אויס; פון דער פליססיגקייט איז געװארען דונסט — פארע. האלט די האנד איבער דער פארע, זעצט זי זיך אב אויף דער פלאכע פון דער האנד אין געשטאלט פון טראפפען װאססער. — דאס זעלבע װאססער בעקומסט דו, מיט דער הילף פון װארמקייט, פון האגעל און שניי; נישט מעהר װי געװאהנליך װאססער איז דער רעגען, װאס פאלט, און דער טהוי, װאס זעצט זיך אב זוממער פאר טאג; נעם צוזאממען זייערע טראפפען און שטעלל זיי אויף איין אייז-קאסטען, װערען זיי געפרוירען אויף געװאהנליך אייז; מיר זעהען, אז: אייז (װי אויך האגעל און שניי), װאססער (אין טייך, פון רעגען און טהוי) און פארע זענען איינס און דערזעלבער קארפער, װאס בעװייזט זיך אונס נור אין פערשיעדענע געשטאלטען לויט דער טעמפעראטור.

§ 2 דאס אויסדונסטען געשיהט נישט דוקא מיט דער הילף פון פייער; עס געשיהט אויך אין דער געװאהנליכער, נישט פייכטער לופט. שטעלל ארויף זוממער אויפ׳ן פענסטער א פלאכען טעללער מיט װאססער, װעסט דו, נאך עטליכע שטונדען, בעמערקען, אז עס פעהלט א געװיססער טהייל װאססער. אז מען װילל פייכטער מאכען די לופט אין שטוב — שטעלט מען ארויף אויף א שאפע א שיססעל װאססער. מיר אפפענען די פענסטער, די לופט זאלל ארויס ציהען די פייכטיגקייט פון די װאנד; מיר האנגען ארויס אויף דער לופט נאססע װאש צו טריקקענען; די לופט זאפט אין זיך אריין די פייכטיגקייט אויף דעם זעלבען אופן, װי עס טהוט עס צוקקער, ביבעלע-פאפיער... נעץ זיי איין אין איין עקק, װעסט דו זעהן, װי דאס װאססער צוגעהט זיך אויף די גאנצע קארפער. אזוי אויך װערט נאססליך אין א פייכטע שטוב: זאלץ, סארע, קאללעך, געװאהנליכע װאטטע, א. ד. ג.; מיר קאננען אויסציהען א גאנץ גלאז װאססער, אויב מיר װעללען זיך צוריה-רען דערצו אללע מאל מיט א פריש שטיקל ביבעלע-פאפיער. אזוי אויך איז מיט דער לופט; אויב מיר לעגען ארויס פייכטע זאכען אדער שטעללען ארויס א טעללער װאססער אויף א צוג, װאו די לופט מישט זיך און אללע מאל קומט צו א פרישע, נאך טרוקענע לופט, געשיהט דאס אויסטריקקענען און אויסדונסטען גאנץ געשװינד. זוממער פארנאכט זעהען מיר די פארע, װאס טראגט זיך איבערן טייך, אין דער פריה האבען מיר גאנץ אפט פייכטע נעפעל, װאס זענען אויך נישט מעהר, װי װאססערדונסט; מיר פיהלען בײ׳ם אטהמען, צו די לופט איז טרוקען אדער אנגעזאפט מיט פייכטיגקייט.

זוממער, נאך פאר׳ן רעגען, פיהלען מיר גאנץ אפט, אז די פארע לאזט זיך נידריגער אראב און זאממעלט זיך אין טראפ-פען; מיר זאגען ריכטיג, אז עס איז א שװערע לופט, װייל װאססער איז שװערער פאר לופט, און דעמעלט מוזען מיר שוין צו העלפען די לונגען בײ׳ם אטהמען, בשע װען אין געװאהנליכער, אין דער מאס מ קענער לופט — אטהמען די געזונדע ל אללײן, און מיר בעמערקען עס אפילו

אזויערנאך קאנגען מיר פערשטעהען: וואלקען אונ רעגען. פון טייבען אונ ימים, ווי אויך פון דער פייכטער ערד ווערט איינגעזאפט אין דער לופט די פארע; אז זי קיהלט זיך א ביסל אב, ווערט זי דיקקער אונ זאממעלט זיך צו־נ־אויף אין געשטאלט פון געפעל אונ וואלקען; ווערט נאך קיהלער, ציהען זיך די טהיילכען פון דער דיקקערער פארע צוזאממען אלס טראפפען וואססער 1); דעטעלט זענען זיי שווערער פאר דער לופט אונ פאללען אראב אלס רעגען.

§ 3 די פייכטע וואנד, וואס פריערן זוממער־צייט, ווערען ווינטער אין פראסט מיט רייף 2) בעדעקט. נאססע וואש וועט אויפ'ן פראסט נישט אויסדונסטען, נור די פייכטיגקייט וועט זיך צוזאממענציהען אויף רייף; ווינטער פאלט אויך קיין רעגען נישט, נור שניי. זוממער אז עס ווערט פלוצלינג קיהל, ווערט פון די גאנצע טראפפען פון רעגען־וואססער — האגעל. —

§ 4 אז מיר האלטען די האנד איבער דער פארע פון א טאפף, א סאמאוואר אדער א הייס גלאז טהיי, זעצט זי זיך אב אויף איהר אין געשטאלט פון דראבנע טראפפען וואססער; שטעקק אריין אין א קאכענדיג גלאז טהיי א קאלט לאפפעלע, וועט עס אין דער הויך, וואו עס ריהט זיך נור אן מיט דער פארע, אנהעבען צו שוויצען. אזוי אויך, אז מיר לאזען ארויס די פארע פון מויל אויף א גלאטטע שטאהלערנע קלינג פון א מעססער, זעצט זיך אב די פארע אין געשטאלט פון דראבנע טראפפען וואססער. טראג אריין א קאראפקע קאלט וואססער אין אווארמע שטוב, ווערט דאס קאלטע, גלאטטע גלאז בעדעקט מיט טראפפען; דו ווייסט, אז גלאז נעצט נישט דורך: דער „שוויים" קומט דערפון, וואס אין דער לופט פון שטוב האלט זיך פייכטיגקייט, אונ די פארע, וואס ריהרט זיך אן אינ'ם קאלטען גלאז, ווערט אבגעקיהלט, איינגעצויגען אונ בלייבט זיצען אלס געוועהנליך וואססער. מיר ווייסען שוין, אז מעטאללען זענען גוטע ווארם־לייטער, זיי ציהען געשווינד ארויס די ווארמקייט, אונ דעריבער שוויצט דאס לאפפעלע אין גלאז טהיי, די בעהויכטע קלינג פון מעססער, וואס מיר ווילען נישט בעמערקען אויף א האנטוך צו א טישטוך אין שטוב. צו דערמאנט עס אייך נישט אין טהוי (ראסע)? אין דער שטיללער זוממער־נאכט, מישט זיך וועניג די לופט, אונ, ווייל זי איז א שלעכטער ווארם־לייטער, דעריבער קיהלט זי זיך וועניג אב. דאגעגען קיהלען זיך אב אסך געשווינדער די פלאנצען: בלעטער אונ גראז; זיי ווייטער ציהען ארויס די ווארמקייט פון דער פייכטער לופט, וואס ריהרט זיך מיט זיי אן. די פייכטיגקייט, וואס טהיילט זיך מיט די פלאנצען מיט איהר ווארמקייט, ווערט קיהלער, פון דער פארע ווערען טראפפען; טראפפען וואססער זענען צו שווער, זיי זאללען זיך טראגען אין דער לופט אונ זעצען זיך דעריבער אויף די בלעטער אונ גראז, אונ מיר האבען: טהוי, וואס קאן זיך אין קיהלע, ווינדיגע נעכט נישט בעווייזען, ווייל די לופט האט זיך געמישט אונ גלייך אדער מעהר אבגעקיהלט אלס די פלאנצען — טהוי קומט פון פייכטיגקייט אין דער לופט. —

§ 5 איהר האט, דאכט זיך, שוין אלליין געטראפפען, אז ווינטען זענען נישט מעהר נור די בעוועגונג פון דער לופט, וואס מישט זיך אויס צו קריגען איין טעמפעראטור. יעדער ווינד ברענגט איין אנדערע טעמפעראטור, אלס מיר האבען: א ווארמערע אדער א קאלטערע, א פייכטערע אונ שווערערע אדער א טראקקענערע אונ לייכטערע אונ איהר וועט שוין, מיין איך, אומזיסט אין „ווירבעלווינד" קיין מעססער מעהר נישט אריינווארפען!

ד״ר שטיבער.

1) ואד יעלה מן הארץ וגו׳.
2) שראל, איגעי, אזא מין דינגער שניי.

לשנה טובה תכתבו.

לשנה טובה תכתבו!
אללע, אללע, וואו איהר זייט;
איך האט דאס הארטע מזל
אויף א וויסטען סטעפ פערזייט;

צו איהר קיהלט די הייסע שטערען
ביי דער קאלטער מערב־וואנד,
צו איהר שיפט איך איבער ימים
צו׳ן א ניי פערשפראכען לאנד..

איהר בראגט די יאך, די שווערע
מיט א שמייכעל: איי, ווי גרינג!
און איהר קויפט די לופט צום לעבען,
און איהר צאהלט פאר יעדען שלינג——

. . . .

די בעסטע וויניש צום יאהר, צום נייעם
יעדער שפראך און יעדען קלייד——
לשנה טובה תכתבו
אללע, אללע, וואו איהר זייט!

ל. פרץ.

חתונה געהאט.

(ערצאהלט פון א פרוי)

איך געדענק מיך נאך פון דער צייט, ווען איך האב אין צייכען געשפּיעלט און זוממער-צייט אויפ'ן הויף פון ליים חלות געבאקקען; ווינטער בין איך א גאנצען טאג געזעססען אין שטוב און געוויעגט א קליין ברידערל, וואס איז געבוירען געוואָרען קראנק און האט געקראנקט ביז צום זיבענטען יאהר, ווען עס איז געשטארבען אויף איין אונטערגאנג. —

זוממער, כל זמן די זונן האט געשיינט, איז דאס אומגליקליכע בעשאפענים געזעססען אויפ'ן הויף, געוואַרמט זיך אויף דער זונן און געקוקט, ווי איך שפּיעל אין צייכען. ווינטער איז עס פון וויעג נישט ארויס, און איך האב איהם מעשות פערצאהלט און ליעדליך געזונגען. די רעשט ברידער זעננען אללע אין חדר געוועזען. די מאמע איז שטאנדיג געוועזען פערנוממען, אפשר 10 פרנסות האט זי געהאט, די אָרימע מאמע: א פשעקופקע געוועזען, לעקקאך געבאקקען, אויף ברית'ן און חתונות געגאנגען... טיקקערין געוועזען, קברים מאסטערין, זאגערין, און אזוי איין איינקייפערין פאר בעלי-בתישע הייזער. דער טאטע איז פאר 3 רובל א וואך געוועזען א שרייבער ביי ר' זיינוויל טערקעלבוים אין וואלד — און דעמאלט זעננען נאך די גוטע צייטען געוועזען: די מלמדים — בעצאהלט, דירה-געלד — כמעט צו דער צייט, און קיין טרוקקען ברויט אין מויל אריין האט קיינמאל נישט געפעהלט. טהייל מאל האט די מאמע אויף וויעטשערע א „קולישע" געמאכט, און דעמאלט איז א גאנצער יום-טוב געוועזען. נור דאס האט זיך זעלטען פאססיערט; די מאמע פלעגט מעהרסטען טהיילס אהיים קוממען שפּאט, מיעד און גאנץ אפט פערוויינט און פערביטטערט. זי האט זיך געקלאגט, אז עס ווערען איהר ביי די בעלי-הבית'טעס די חובות פערפאללען; אז מען הייסט איהר אויסלעגען, דערנאך — קוממען מארגען און איבערמארגען... דערווייל האט מען נייע קניות געמאכט, און צום סוף, אז עס קומט צום חשבון, געדענקט נישט די בעל-הבית'טע, צו זי האט נישט בעצאהלט פאר'ן אייערנאכטיגען האלב-קווארטירעל פוטטער... מען „שטעלט עס אוועק", ווייל זי מוסס פראגען דען מאנן, וואס איז דערביי געוועזען: ער האט איין אייזערנען זכרון און וועט א וודאי געדענקען, ווי אזוי דער חשבון איז געוועזען. צום מארגענס ווייזט זיך אויס, אז דער מאנן איז אהיים גע-

די נייע עקידה *).

איין ערב ניין א זייגער אין דער פריה איז פארטיג געוואָרען דאס גראָסארטיגע קלייד. דאס מאל האט עס ערשט א פנים געהאט. עס האט בעקוממען צוויי ווינדערליך שאנע „באקים", אז חיים אלליין האט זיך פערקוקט אויף זיין ארבייט: ווי גלאט, ווי פיין, ווי געשיקט איז עס ארויס פון זיין נאדעל! ער וויל זעהן, ווי אזוי עס וועט אויסזעהן אויפ'ן לייב, און הייסט מלכה'ן, זי זאלל עס אנמאסטען. מלכה האט נור וואס געהאט געענדיגט דאס איבערשוואנקען דען „נאכטיגען טאפף", פון וועלכען זי האט ארויסגעשיטט עטליכע שאקק שווערע, שווארצע ווארם. ער רופט זיך צו; זי וויים שוין, וואס מען מיינט, און ווישט זי אב מיט דער שארץ די האנד, וואס זעננען פערברודיגט ביז נאכ'ן עללענבויגען; זי געהט צו מיט א שמייכעל, נעמט ביי חיים'ן דאס קלייד פון דער האנד ארויס, שטעלט זיך ארויף אויף א באנקעל און ווארפט זיך דאס נייע מייסטער-ווערק איבער'ן קאפף. פון קלייד, וואס איז בעפוצט מיט זיידענצייג, העללע בלאנקע קנאפף און א שרייענדיג-פאנסענען קראגען, קוקט מלכה'ס צערשויבערטער קאפף ארויס גאר מאדנע! נור נישט אויף מלכה'ס קאפף קוקט חיים, ער שעפט נחת פון זיין „מעשה ידי"! דאס פנים העבט איהם אן צו שמייכלען פון די רינצלען ארויס, ער גלאטט זיך די בארד, פערריבט די יארמאלקע און זאגט צו

*) זעה „תמוז".

קוממען צו שפּאט פון בית־המדרש און זי האט'ן פערגעסען צו פרעגען; דען דריטטען טאג פערצאהלט זי מיט א נחת, אז זי האט געפרעגט דען מאנן, נור ער האט זיך אויף איהר געבאזערט, וואס זי פערדרעהט איהם דען קאפף: „ער האט מעהר נישט וואס צו טהון, נור אויסצוהערען ווייבערשע חשבונות!" און עס בלייבט, אז זי וועט זיך אלליין דערמאננען. דערנאך העבט זיך איהר אן דאכטען, כמעט אויף זיכער, אז זי האט דאס האלבע־קווארטיערל פוטטער פערגעסען; שפּעטער וואלט זי מוירען דערויף געשטעלט. און, אז די ארימע מאמע דערמאנט נאך אמאל וועגען קווארטיערל פוטטער, הייסט זי שוין א חצופה, מאכט זי אבלבול, ווילל זי אויסנארען א האלבען גולדען און מען איז זי מתרה, אז אויב זי וועט נאך אמאל א פּיפּיץ טהון וועגען דער פוטטער, זאלל זי זיך שוין אויף די אויגען נישט ווייזען!

די מאמע, וואס איז א מאל א „גבירישע טאכטער" געוועזען, און וואלט, ווען נישט דער פריץ, וואס האט איהר צוגענוממען דען נדן, אלליין א בעל־הבית'טע געוועזען, האט עס נישט געקאנט לייכט איבערטראגען; זי פלעגט טהייל מאל אהיים קוממען מיט געשוואללענע אויגען, געווארפען זיך מיט א געוויין אויפ'ן בעטט און פלעגט אזוי אבליגען א גרויסע ווילע און וויינען, און ביטטערליך וויינען, ביז זי האט זיך אויסגעוויינט דאס ביטטערע הארץ, און איז אויפגעשטאנען און אבגעקאכט אונז אביסל קליסקאליך מיט באבערליך.

טהייל מאל האט זי אויסגעלאזט דען כעס צו אונז; אייגענטליך, דער עיקר צו מיר: דעם קראנקען בעריל האט זי קיינמאל גאר נישט געזאגט, די ברידער פון חדר אויך גאנץ זעלטען — זיי פלעגען נעביך אהיים קוממען אזוי אויך מיט בלאנעבלאהע, אויסגעקניפּענע באקקען און אונטער געשלאגענע אויגען; נור איך האב גאנץ אפט געלייזט איין אומזיסטען ריסס ביי די האהר אדער אזוי א מתנת יד.

„דו ביסט נישט קראנק געוועזען דערוויל אנצולעגען א פייער, צו שטעללען א טאפּעל וואססער" — נור, אז איך האב עס אמאל געטהאן, איז נאך ארגער געוועזען: „זעה נור מיין בעל־הביתטע! גאר נישט, א פייער לעגט זי אן, דאס האלץ זאלל זיך דערוויל אויסברעננען... עס ארט זי עפּים מיין פראצע? בדלות מאכט זי טיך!"...

טהייל מאל האט דער טאטע געלייזט אונטער די אויגען; די מאמע פלעגט זיך אנידערזעצען אויפ'ן בעטט מיט'ן פנים צום פענסטער, און, ארויסקוקענדיג אין דער לופט אריין, בורטשען: „עס ארט איהן

פאמעליך און ערנסט: זעהר גוט, זעהר גוט!

אין ארגע ארום איז שוין דאס קליינד געוועזען איינגעפּאקט צום אבטראגען. דאס מאל האט מען שוין לייזערלען נישט געוועקט; חיים איז אלליין געגאנגען און איז ארום פון איהר הויז אהן א מכשול פון הונד און קאבין און אהן דער ארבייט צוריק צו פערריכטען.

עס איז א זעלטענער ווינטער־טאג. די זונן שיינט מיט בריליאנטען. דער פראסט איז שטארק, נור דער הימעל איז אזוי לויטער, אזוי רוהיג־העלל און עס איז אזוי שטילל אין דער קאלטער לופט און אויף דער ווייסער ערד — אז עס דאכט זיך, אז אלץ ארום שמייכעלט.

די גאססען־מענשען ציהען זיך אפילו איין, נאר אבוועניגסטען זיך אויסצושטעללען אויף דער קאלט, און פערשטופּען די האנד אין די ארביל אריין; די בעלי־עגלות קלאפּען מיט'ן גאנצען כח איין האנד אין דער צווייטער אריין, נישט פערשטארט צו ווערען פאר קאלט; די פערד זעננען אויסגעווייסט גרויז־גראה און ביי די מארק־זיצערס זעננען די וואנסען און בארד צו געשמידט צו די שאללען אויף די האלזער, נור ביי דעם אללעם איז אלץ אזוי פריי און לייכט, אז דאס גאנצע שטאדטיל זעהט גאר אנדערס אוים.

חיים שמייכעלט אויך ווי דער ווינטער טאג; נישט אומזיסט האט ער גענאהט א גאנצע נאכט; עס איז איהם אלץ געראטהען! די אפּאטייקערין האט אזוי פיעל נחת געעפּט פון קליינד, אז זי האט אן דעם גאנצען „יתור" פערגעססען, צומאל אויף די שטיקער נישט געפראגט! און דער עיקר־שמחת

עפּים? ער זיצט זיך דאָרט אין וואַלד, ווי אַ חראַביע, שמעקט פרישע לופט, ליעגט זיך אויפ'ן גראָז, פרעסט זויער מילך, אפשר גאָר סמעטענע, איך ווייס? און דאָ דאַרען מיר די קישקיים!..״

נור ביי דעם אַללעם איז גאַנץ גוט געוועזען. מען האָט קיינמאָל קיין הונגער נישט געליטטען, און נאָך דער וואָך מיט פערשידענע קליינע צרות, איז געקוממען אַ פּריווילעגער, על כל פּנים, אַ רוהיגער שבת. דער טאַטע איז גאַנץ אָפט אַהיים געקוממען, די מאַמע האָט זיך אַרום געדרעהט אין אַללע ווינקעליך און בסוד סודות געשמייבעלט. פאַרנאַכט, פאַר ליכט בענשען, האָט זי מיך עטליכע מאָל געקושט אין קאָפּף אַריין... איך האָב געוואוסט, וואָס דאָס בעטייט! וואָרען אַז עס האָט געטראָפען און דער טאַטע איז איינמאָל נישט אַהיים געקוממען אויף שבת, בין איך אַ „מכשפה״ געוועזען! די מאַמע האָט מיר מיט'ן קאַממעל האַלב האָהר אויסגעריססען און דערצו נאָך עטליכע בוך געגעבען אין די פלייצעס אַריין. און איך האָב נישט געוויינט, מיין קינדיש האַרץ האָט געפיהלט, אַז דאָס בוכעט די מאַמע נישט מיך, נור איהר טרויעריג מזל!

דערנאָך האָט זיך דער וואַלד אויסגעהאַקט, דער טאַטע איז אין דערהיים געבליבען און עס האָט גאַנץ אָפט געפעהלט אין מויל אַריין. געפעהלט, אייגענטליך, האָט נור דעם טאַטען, דער מאַמען און מיר; די רעשט קינדער האָבען ווענעג וואָס געוואוסט דערפון; דאָס קראַנקע ברידערל האָט גאָר נישט געדאַרפט, עס האָט געזופּט אַמאָל אַביסל גריץ, אויב מען האָט איהם דערלאַנגט, און אַלץ אין איינעם געקוקט אויפ'ן בעליק... די אַנדערע, נעביך, „געהען אין חדר אַריין, זיי מוזען האָבען אַ לאָפּעל געקאָכטס״... נור איך בין גאַנץ אָפט הונגעריג געוועזען.

דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבען שטאָנדיג דערמאַנט די אַמאָהליגע צייט מיט טרערען אין די אויגען; איך — פערקעהרט! איך האָב מיך אין דער שלעכטער צייט בעססער געפיהלט. זייט עס האָט געפעהלט ברויט אין שטוב, האָט מיך די מאַמע טאָפּפעלט ליעב בעקוממען; ביים קאָממען האָט זי מיר קיין האָהר נישט געריססען, אין די דאַרע ביינער אַריין נישט געבוכעט; דער טאַטע פלעגט מיר ביים וואַרימעס גלאָטטען איבער'ן קאָפּף און פערשפּיעלען מיך, איך זאָלל נישט זעהען, ווי מען פערטהיילט מיך, און איך בין נאָך ביי מיר גרויס געוועזען, אַז, ווען מען דאַרף פאַסטען, פאַסט איך גלייך מיט'ן טאַטען און מיט דער מאַמען, אַז איך בין שוין אַ גרויסע מויד!

איז — אַז ער טראָגט אַהיים געלד, פרנסה אויף אַ גאַנצע וואָך, און — מען האָט איהם נאָך צוגעזאָגט פרישע אַרבייט! מיט איין וואָרט — עס איז איהם גוט אויפ'ן האַרץ און ער וויל זיך מיט'ן נחת טהיילען.

נאָהנט פון דער היים, האָט ער אָבגעטרעטען אין אַ קראָמעל און געקויפט פאַר די קינדער פאַר אַ גאַנצען צעהנער בייגעל. ער טראָגט זיי און שמייכעלט: ער שטעלט זיך פאָר, ווי די קליינע רבקה וועט איהם אַקעגען לויפען מיט אויסגעשפּרייטע האַנטליך; ווי, איידער זי וועט פאַרטיג ווערען מיט איהר בייגעל, וועט זי שוין אָנהויבען אויסצונאַרען שטיקליך ביי די רעשט קינדער, וואָס זעננען עלטער און האָבען דאָך ווענינער שכל פאַר איהר.

„אַי, אַ חכמה איז זי! אַ חכמה!״ זי איז זיין אויג אין קאָפּף, דאָס זיסקייט פון זיין לעבען! ליזערל איז זיין „העלפער“, זיין עצה-געבער, מען קאָנן זאָגען — זיין חבר, פאַר וועלכען ער רעדט זיך אַמאָל אָב דאָס האַרץ, נור די קליינע רבקה איז זיין גאַנצע לוין פאַר דער שווערער אַרבייט! נאָך היינט וועט ער איהר אויפנאָהען דאָס קלייד'על פונ'ם יתור — און „וועט זי אויסזעהען, — טאַקי ווי אַ צוקערל!״

מיט אַ שיינענדיג פנים און אַ האַרץ פולל מיט נחת, איז ער אַריין אין טויער פון הויף, וואו ער האָט געוואָהנט. אפילו דער הויף זעהט היינט אַנדערש אויס! נור ביים אַראָבלאָזען זיך פון די גליטשיגע טראָפּ אין זיין קעללער-שטיב אַריין, האָט ער דערהאָרט איין אונגעוואָהנליך גערידער, אין וועלכען עס האָט זיך שטאַרק אָבגעשניטטען מלכה'ס יאָממערליך געוויין.

בלאַסס און פערציטטערט לויפט ער געשווינד

באלד דערנאך איז דאס קראנקע ברודערל געשטארבען. געשעהען איז עס אזוי: איינמאל האט זיך די מאמע אויפגעחאפט און געזאגט איבער'ן בעטט צום טאטען: „ווייסט, בערלען איז אוודאי בעססער, ער איז א גאנצע נאכט געשלאפען, קיין איינציג מאל מיך נישט געוועקט". איך האב עס דערהערט — איך האב שטאנדיג א לייכטען שלאף געהאט — און בין מיט א פרייד אראב געשפרונגען פון מיין גלאנער אויפ'ן קאסטען, און צוגעלאפען זעהען מיין „איינציג ברידערל" (אזוי האב איך עס גערופען, אזוי ליעב האב איך עס געהאט). איך האב געהאפט צו דערזעהען אויפ'ן פארמיטנעם פנים'ל א שמייכעל, וואס פלעגט זיך בעווייזען א מאל אין א יאהר... נור איך האט א טויט פנים געפונגען.

עס איז געווארען א שבעה... דערנאך איז דער טאטע נישט געזונד געווארען און דער רופא האט אנגעהויבען צו געהען אין שטוב אריין...

כל זמן עס איז געוועזען, ווי עס איז צו צאהלען, פלעגט אריינגעהען דער אלטער רופא אליין; דערנאך, אז דאס גאנצע בעטטגעוואנד מיט'ן האנגעלייכטער, מיט'ן טאטענס ספרים-שאנק, וואס די מאמע האט א צייט נישט געלאזט ריהרען, זענגען אריין אין רפואות, האט ער אנגעהויבען שיקקען דען „יונג". דער יונג איז דער מאמען שראקליך נישט געפאללען: עס שפראצען איהם עפים שפיציגע „וואנסאליך", געהט אנגעטהאן ווי א גוי, און דערצו ווארפט ער אללע מאל אריין עטליכע ווארטער פויליש.

איך האב פאר'ן מורא געהאט, עד היום ווייס איך נישט פאר וואס, און, ווען ער האט געדארפט קוממען, פלעג איך ארויס לויפען אויפ'ן הויף און איבערווארטען ביז ער וועט אוועק געהען.

איינמאל איז א שכן קראנק געווארען, אויך איין ארממאנן. און אויך א פנים נאך אללע כלים אין שטוב, און דער יונג (עד היום ווייס איך נישט, ווי אזוי ער האט געהייסען) איז פון אונזער שטוב אריבער געגאנגען צום שכן. דורכגעהענדיג דען הויף, האט ער מיך געטראפען זיצען אויפ'ן קלאץ.

איך האב אראבגעלאזט די אויגען, און, דערפיהלענדיג, אז ער קומט צו מיר נאהנטער, איז מיר קאלט געווארען אין די קנאכעל און דאס הארץ האט מיר אנגעהויבען שטארק צו שלאגען.

ער האט מיך אנגענוממען ביי דער גאמבע, אופגעהויבען מיר דען קאפף און געזאגט דוקא אויף פראסט יודיש:

— „א שאנע מויד, ווי דו ביסט, דארף נישט זיין צו שויבערט, און דארף

אראב פון די טראפ און פאלט צו צו דער טהיר; ער אפפענט זי און פערשטעהט נישט, וואס ער זעהט; מלכה שרייט, וויינט און שילט, די קינדער האלטען איהר אונטער, אפילו דער קלייגער יוסל, פערלאזט פון אללע, קווימשעט מיט'ן גאנצען כח. חיים קוקט זיך אום און א שרעקליכער געדאנק האט איהם פלוצלינג אויפגעבליצט אין מוח.

— ליזערל! — האט ער אויסגעשריען און איז צו געפאללען צום אויבען.

אין האלב פינסטערן אונטערן-אויבען ליעגט ליזערל אויף דעם איינגענעם ארט, וואו ער האט זיך נאכטען געלעגט. דער לאנגע, אויסגעצויגענע שווארצע לייב ליעגט ווי א גולם אויף דעם הויפען שמאטעס. דער קאפף, בעדעקט מיט שווארצע פלעקקען, איז טיעף איינגעפאללען אינ'ם ברודיגע קישען.

חיים בייגט זיך איבער'ן בלאססען קינד און זעהט, ווי א דינגער שטראם פון בלוט זייערט זיך איהם פון מויל ארויס...

— „גאטט, גאטט!" האט זיך ארויסגעריססען פון חיימס ברוסט. פארזיכטיג, נור מיט כח, האט ער מיט איין מאל אויפגעהויבען דאס קינד פון געלעגער. ער ריהרט זיך נישט. די האנד און פים האנגען אראב; אזוי האנגט אויך אראב דער קאפף, מיט די צוגעמאכטע אויגען און שרעקליך געאפענטען מויל. א ביסל פערשטארט בלוט האט זיך אראבגעלאזט איבער'ן פאטערס אקסעל, בשעת ער האט איהן געטראגען פון ווינקעל אונטערן-אויבען און געלעגט אין שטוב, אופ'ן בעטט.

מיט א יאממער האט זיך מלכה געווארפען צום קינד; חיים שטרעקט אוים די האנד, און לאזט זי

זיך פֿאַר קיין בחור נישט שאָמען!"

ער האָט מיך אָבגעלאָזט און איך בין אַריינגעלאָפֿען צוריק אין שטוב אַריין. איך האָב געפֿיהלט, אַז דאָס גאַנצע בלוט שלאָגט מיר אַלץ אין איינעם אין פנים אַריין. איך האָב מיך פֿעררוקט אין טונקעלסטען ווינקעל אונטער'ן אויבען, מכלומרשט, אויסצאָהלען די ברודיגע וואָש... דאָס איז געוועזען מיטוואָך. פֿרייטאָג האָב איך דאָס ערשטע מאָל דער מאַמען אַלליין דערמאַנט, אַז מען דאַרף מיר אויסוואַשען דען קאָפּף, אַז איך בין צושויבערט.

— אַ בראָך איז צו מיר! האָט די מאַמע פֿערבראָכען די האָנד, איך האָב זי דאָך דריי וואָכען נישט געקאָמט!

פּלוצלינג איז זי באָז געוואָרען.

— מכשפה, האָט זי אויסגעשריגען, אַזאַ גרויסע, באָז־געוואַקסענע מויד קאָנן זיך אַלליין נישט צוואָגען! איין אַנדערע אויף דיין אָרט וואָלט נאָך די אַנדערע קינדער געוואַשען!

— שרה'לע, שריי נישט! בעט זיך דער טאַטע. נור דער מאַמעס כעס ווערט שטאַרקער און שטאַרקער.

— מכשפה, האָרסט! שוין זאָלסט דו דיך צוואָגען! האָרסט — די אותה רגע! האָרסט!

און דאָ האָב איך מורא צו צוגעהען צום קוימען, וואו עס איז הייס וואַססער געשטאַנען, ווייל, דורכגעהענדיג דורך דער מאַמען, וואָלט איך געלייזט אַ בוך. געראַטיוועט האָט מיך, ווי געוועהנליך, דער טאַטע:

— שרה'לע, האָט ער געקראָכצט, שריי נישט, מיר טהוט דער קאָפּף אַזוי וויי!..

דאָס איז גענוג געוועזען: דער מאַמעס כעס איז ווי מיט דער האַנד אַוועק גענוממען געוואָרען... איך בין פֿריי דורכגעגאַנגען די שטוב און צו געקוממען צום טאָפּף־וואַססער.

איך צוואָג מיך אומגעלימפּערט און איך זעה, אַז די מאַמע איז צוגעגאַנגען צום טאַטען און האָט געוויזען אויף מיר מיט אַ שווערען זיפֿץ:

— רבונו של עולם, עס וואַקסט נעביך, ווי אויף הייבען, — מאַכט זי שטיל צום טאַטען, נור מיין אויער חאַפּט יעדעס וואָרט — שאָן ווי אַ גאָלד... און וואָס?

דער טאַטע האָט געענטפֿערט מיט נאָך אַ טיעפֿערען זיפֿץ.

דער רופא האָט עטליכע מאָל געזאָגט, אַז דעם טאַטען איז גאָר נישט, נור דאָס עגמת נפש האָט זיך איהם געלעגט אויף דער לעבער, דעריבער איז זי אויפֿגעשוואָללען און דריקט צו דאָס האַרץ; מעהר נישט צו.

— וואַססער! — האָט ער אַרויסגעזאָגט מיט אַ הייזעריג קול, נור מיט אַזאַ בעפֿעהל, אַז מלכה האָט זיך אין דער רגע געוואָרפֿען צום פֿאַסס־וואַססער.

נאָך לאַנג בעגיסען, מינטערן און רייבען, איז חיים'ן געראָטען אויפֿצובלאָזען דען פֿונק פֿון לעבען, וואָס האָט שוין געצאַנקט צום אויסלעשען; דאָס קליינע הערצעל האָט שטאַרקער אָנגעהויבען צו שלאָגען, עטליכע טיעפֿע זיפֿצען האָבען צורידערט די אויסגעטריקנעטע ברוסט, און פּאַמעליך־שווער האָבען זיך ענדליך אויפֿגעמאַכט די אויגען.

אויף מלכה'ס געשריי איז זיך דערווייל צוזאַמענגעלאָפֿען דער גאַנצער הויף. די שטוב איז שוין פֿולל מיט צערשויבערטע קעפּ, נישט געוואַשענע פּנימער, וואָס זענען אַוועק פֿון מיט'ן דער אַרבייט! פֿון ווערקשטעל, פֿון קרעם, פֿון ראָנדלעס און באַליעס. אַללע האָבען זיך געשטופּט צו ליזערלס בעטט. די טהיר איז געשטאַנען אָפֿען און פֿון דרויסען האָט זיך אַריין געריסען אַ פֿאַרע, פֿון קיהלער, פֿרישער לופֿט.

— דער דאָקטאָר איז נאָך נישט דורכגעפֿאָרען? — האָט חיים געפֿראָגט ביים ערשטען, וואָס איז איהם אין די אויגען אַריין געפֿאַללען.

צווישען עולם ווערט אַ גערויש; איינער פֿראָגט איבער דען צווייטען.

— נאָך נישט — האָט זיך עמיץ אָנגערופֿען ביי דער טהיר.

— מלכה — זאָגט חיים — לויף גור געשווינד און שטעלל דיך ביים מהויער!

נישט! דער עיקר זאלל ער מיך טרינקען, קיין עגמת נפש נישט האבען און ארויס געהען אין גאסס אריין... רעדען, שמועסען און זוכען זיך איין עסק... נור דער טאטע האט געזאגט, אז די פים ווילען איהן נישט טראגען. פאר וואס, בין איך ערשט שפעטער געוואהר געווארען: איינמאל זוממער פארטאג האט מיך אויפגעוועקט א שמועס צווישען טאטע=מאמע:

— ביזט דו דיך אין וואלד, נעביך, אנגעגאנגען, מאכט די מאמע.

— א שאלה דאס איז, אנטפערט דער טאטע, אין וואלד האט מען אויף צוואנציג ארטער געהאקט אויף איין מאל. פער=שטעהסט, דער וואלד איז דעם פריץ'ס, נור די פויערען האבען דארטין סערוויטוטען: זיי קומט די צווייגען, וואס פאללען אראב און וואלגערן זיך ארום אין וואלד, ווי אויך דאס האלץ פון די בוימער, וואס א דונער האט צערשלאגען... אז מען האקט אויס דען וואלד, האבען זיי היזק דען סערוויטוט און מוזען זיך קויפען האלץ צום בויען און הייצען. האבען זיי, פערשטעהסט זיך, גע=וואלט לעגען איין ארעשט, אראב ברענגען דעם קאמיסאר. זיי האבען זיך אבער צו שפאט מישב געוועזען. ר' ויינוועלע האט נור דערזעהען, אז זיי קראצען זיך אין די קאפף, האט ער געגעבען א בעפעהל, מען זאלל אנידער שטעללען נאך 40 האקקער! עס איז געווארען א גיהנם, אפשר אויף 20 ארטער האט מען געהאקט! און זיין מוז מען אומעטום... וואס קלערסט דו? די פים פלעגען מיר געשוואלען ווערען ווי די בארקים...

— ווי א מענש זינדיגט! — קראכצט די מאמע — איך האב געמיינט, אז דו האסט דארט גאר נישט וואס צו טהון...

— אודאי! שמייכעלט טרויעריג דער טאטע, נור פון גראהען טאג ביז שפעטער נאכט אויף די פים!

— און אלץ פאר דריי רובל א וואך? באזערט זיך די מאמע.

— ער האט מיר צוגעזאגט צו דער=לעגען; דערווייל, ווייסט דו דאך, איז איהם די טראטווע 1) אונטערגעגאנגען... ער האט געזאגט, אז ער איז בדיל הדל געווארען...

— און דו גלויבסט איהם?

— עס קאנן זיין...

— שטאנדיג — באזערט זיך די מאמע — ווערט ער בדיל הדל און דאס פערמאגען וואקסט און וואקסט.

—אז גאט העלפט, זיפצט דער טאטע. עס איז שטילל א ווייל.

— ווייסט נישט, וואס מאכט ער? פראגט דער טאטע, וואס איז שוין כמעט א

1) פליטען.

מלכה איז זיפצענדיג און קראכצענדיג ארויס פון שטוב.

דעם דאקטארס שליטטען בעוויזט זיך יעדען פאר מיטטאג אין שטאדט'ל. ער שטעלט זיך אב כמעט פאר יעדען צווייטען טהויער, און דער אלטער דאקטאר קריכט אראב, העבט זיך אויף אויף טראפף, לאזט זיך אראב אין קעללער, געהט דורך די שמאלע, לאנגע און פערמיסטיגטע הויף און איז שטאנדיג בעגלייט פון קאלעקעס און קראנקע, וואס פראגען איהן אויס אויפ'ן וועג...

אויף דען שליטטען האט מלכה געווארט; איינ=געוויקעלט אין דער גראבער שאלל, ציטטערט זי דאך מיט'ן גאנצען לייב פאר קאלט און שלאכצען צוזאממען, און די גרויסע פינקעלנדע אויגען זענגען ווייט פערקוקט אין גאסס אריין, איהר גאנץ הויות האט זיך צונד צוזאממענגעשמאלצען אין די אויגען, וואס ברענגען מיט אונגעדולד, צו דערזעהען דען דאקטאר. אט האט זיך שוין בעוויזען דער ווייסער קאפף פון דאקטארס פערד. זי וואלט עס צווישען טויזענדער דערקאנט! זי איז אקעגען געלאפען, אבגעשטעלט דען שליטטען, צו שטופט דען עולם, וואס האט דערווייל זיך שוין פערזאממעלט, און איז געבליבען שטעהן פאר'ן דאקטאר אהן אטהעם און אהן א ווארט אין מויל. נור דער אלטער דאקטאר פער=שטעהט, וואס די גרויסע אויגען ווילען, וואס די אויסגעשטרעקטע האנד פערלאנגען, בשעת ווענן זיי בעטען און גראזשען צוזאממען. ער רוקט זיך אב, נעמט זי אויף צו זיך אויפ'ן שליטטען און הייסט פאהרען; ער ווייסט שוין וואו אהין, און וואו צו בלייבען שטעהן. ער קאנן דאס פערקרימטע, אלטע

יאָהר נישט אַרויס פֿון שטוב.

— וואָס זאָלל ער מאַכֿען? ער האַנדעלט מיט פֿלאַקס, מיט אייער; אַ שענק האָט ער...

— און זי וואָס מאַכֿט?

— זי איז נעביך קראַנק...

— אַ שאָד, אַ גוט מענש —

אַ בריליאַנט! — די איינציגע בעל־הבית'טע, וואָס „מאַכֿט נישט איין אַ גראָשען"; זי וואָלט אפילו געצאָהלט צו דער צייט, נור זי האָט ביי'ן איהם ווייניג וואָס צו שאַפֿפֿען.

— דאַכֿט זיך, מאַכֿט דער טאַטע, דאָס דריטטע ווייב.

— אַוודאַי! בעשטאָטיגט די מאַמע.

— זעהסט, שרה, מאַכֿט דער טאַטע, דאַכֿט זיך שוין — אַ יוד אַ גביר... האָט ער קיין מזל נישט צו ווייבער... יעדערער האָט זיין פּאָקקעל.

— און אַזאַ יונג בלוט! האָט צו גע־געבען די מאַמע, — אין גאַנצען עטליכֿע און צוואַנציג יאָהר.

— נו גענוג ווייס? ער איז אַוודאַי אַ זיבציגער און — אַייזען שטאַרק.

— ווי היינט — ניסס קנאַקט ער!

— און אָהן אַ ברילל!..

— און זיין גאַנג; די פּאָדלאָגע ציט־טערט!

— און איך, זעהסט דו, ליעג אין בעטט.

עס האָט מיך דורכֿגענומען ביי די לעצטע ווערטער.

— גאָטט וועט העלפֿען, טרייסט די מאַמע.

— נור זי, זי... קראָכֿצט ווייטער דער טאַטע און וואַרפֿט אַ בליק צו מיר אויפֿ'ן קאַסטען. זי וואַקסט, קיין עין הרע, ווי אויף הייבען... פּאָרנט... האָסט געזעהן?..

— אַ שאלה דאָס איז!

— און אַ פנים... שיינט ווי די זונן...

עס איז ווייטער שטילל געוואָרען אַ ווײַלע.

— ווייסט, שרה'לע, מאַכֿט ווייטער דער טאַטע, מען איז נישט יוצא פֿאַר גאָטט.

— מיט וואָס?

— מיט איהר! ווי אַלט ביסט דו גע־וועזן צו דער חתונה?

— יונגער פֿאַר איהר!

— נו?...

— נו... וואָס?

אין דער אייגענער מינוט האָט מען צוויי קלאַפּ געטהאָן אין לאָדען.

די מאַמע איז אַראָבֿגעשפּרונגען פֿון בעטט. אין איין רגע האָט זי אָבֿגעריססען דאָס שטריקעל, אויף וועלכֿען דער לאָדען האָט זיך געהאַלטען, און אויפֿגעפּראַללעט דאָס פֿענסטער, וואָס האָט שוין לאַנג קיין

הייזעל, דען נידריגען פֿינסטערן קאָרידאָר און ער מאַכֿט זיך שוין מיט'ן שטעקקען אַ וועג צווישען מיסט. ביים ערשטען בליק, וואָס ער וואַרפֿט אין שטוב, ווייסט ער שוין אַלץ. אָהן אַ שנוי אין רוהיגען פנים, אָהן אַ צייכֿען פֿון אויפֿרעגקייט אָדער רחמנות, בעוועגט ער זיך צווישען אַיינגעריכֿטע קינדער אויף דער פּאָדלאָגע.

לייזערל ליגט הויך אויף די קישענס, אָהן בעוועגונג. דער פּאָטער זעצט ביין איהם אויפֿ'ן עקק פֿון בעטט, ער לאָזט פֿון איהם קיין ניט אַראָב, און האַלט איהם די האַנד אין זיינע.

פֿאַר'ן דאָקטאָר איז גענוג געוועזען צו־וואַרפֿען איין בליק אויפֿ'ן קראַנקען, ער זאָלל וויססען, אין וואָס עס געהט. מיט עטליכֿע ווערטער בערוהיגט ער מלכה'ן, היינט צו לעגען קאַלטע קאָמפּרעססען. ער רייסט אויס אַ בלאַטטעל פֿון אַ ביכֿל, וואָס ער נעמט פֿון בוזעם אַרויס, זעצט זיך אויפֿ'ן ערשטען בעסטען באַנקעל און פֿערשרייבט אַ רעצעפּט אויף די קניען; דאָס רעצעפּט דערלאַנגט ער מלכה'ן און הייסט איהר לויפֿען געשווינד אין אַפּאָטהייק אַריין. זי דרעהט זיך איבער, נור ער פֿערהאַלט זי; ער וואַרפֿט נאָך אַ מאָל אַ בליק אויף די קינדער, אויפֿ'ן קאַלטען אויבען, אויף דער גאַנצער שטוב, רייסט אויס נאָך אַ בלאַטטעל פֿון ביכֿל, שרייבט אויף נאָך עטליכֿע ווערטער און דערלאַנגט איהר:

— נאַ, וועז דעם אַפּאָטהייקער, וועט ער געבען אָהן געלד! צונד לויף! — צונד ערשט נעמט ער זיך דען קראַנקען נאָהנטער צו בעטראַכֿטען; ער לעגט צו דאָס אויער צו דער ברוסט, וואָס האָט שווער גע־אַרבייט. חיים האָט זיך דערווייל אָבגערוקט צום פֿענסטער, ער נעמט אַרויס פֿון קעשענע דאָס געלד

בעשלאָג נישט געהאַט.

— וואָס איז? האָט זי אַרויסגעשריגען אין גאַסס אַריין.

— רבקה זיינוועלים איז נפטר געוואָרען.

די מאַמע איז צוריק געשפרונגען פֿון פֿענסטער.

— ברוך דיין אמת! האָט דער טאַטע אַרויסגעזאָגט... שטאַרבען איז גאָר נישט...

— ברוך דיין אמת, מאַכט די מאַמע, ערשט גערעדט פֿון איהר!

דעמאָלט האָב איך געהאַט אַ וואונדערליך אונרוהיגע צייט. איך ווייס אַלליין נישט, וואָס מיט מיר איז געוועזען.

טהייל מאָל בין איך גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפֿען. אין די שלעפֿען האָבען מיר ווי האַממערס געקלאַפּט און דאָס האַרץ האָט אַזוי געגאָגט, גלייך ווי עס וואָלט זיך געשראָקקען פֿאַר עפּיס, אָדער נאָך עפּיס שרעקליך געבאַנקט; טהייל מאָל איז מיר ווייטער אַזוי וואַרם און ווייך געוועזען אויפֿ'ן האַרץ, אַז איך וואָלט געוואָלט אַלץ אַרום נעמען און קושען און האַלזען.

נור די ברידערליך האָבען צו זיך נישט געלאָזט, אפילו דער 5 יאָהריגער יוחנן האָט געקאָפּעט און געשריי'ען, אַז ער וויל זיך נישט שפּיעלען מיט קיין מאָדעל. די מאַמע, אויסער דעם, וואָס איך האָב פֿאַר איהר מורא געהאַט, איז שטאַנדיג געוועזען בּאַז און פֿעריאָגט, און דער טאַטע — נאָך קראַנקער. אין אַ קורצע צייט איז ער אין גאַנצען גראָה געוואָרען ווי אַ טויב, דאָס פּנים איז איינגעשרומפּען געוואָרען ווי אַ פּאַרמיט, און די אויגען האָבען אַרויסגעקוקט אַזוי אונבעהאָלפֿען און מיט אַזאַ שטום געבעט, אַז עס איז גענוג געוועזען, איך זאָלל עס דערזעהען און אַרויס לויפֿען פֿון שטוב מיט אַ געוויין.

דעמאָלט פֿלעג איך מיך דערמאַננען אָן מיין בערלען... איהם וואָלט איך געקאָנט אַלץ דערצאָהלען, קושען און האַלזען... נור ער ליגט דאָרט אין דער קאַלט'ער ערד און עס האָט מיך אָנגעחאַפּט נאָך אַ ביטטערליכער געוויין...

די טרערען, איינענטליך, פֿלעגען זיך מיר בעווייזען גאַנץ אָפּט אָהן אַ טעם.

טהייל מאָל האָב איך אַרויסגעקוקט פֿון פֿענסטער אויפֿ'ן הויף אַרויס און געזעהען, ווי די לבנה שווימט און שווימט צו אַללע מאָל נאָהנטער צום אויסגעווייסטען פּלאַץ, וואָס איז געגען אונזער פֿענסטער, און קאָנן דען פּלאַץ נישט אַריבער. און פּלוצלינג האָב איך רחמנות בעקומטען אויף דער לבנה, עס האָט מיר אָנגעהויבען קלעממען ביים האַרץ און די אויגען צו

וואָס ער האָט ערשט נישט לאַנג בעקוממען, און העבט אָן צו צאָהלען אויף דער האַנד. מלכּה'ס אונרוהיגע אויגען האָבען עס אינ'ם אַרויסגעהען בעמערקט, זי האָט זיך צוריק געוואָרפֿען צום מאַנן און האָט נייגיעריג אַריבער געקוקט איבער זיין אַקסעל; זי דערזעהט, ווי ער צאָהלט דאָס קופּער געלד.

— האָרסטו! גיט זי איהם אַרוים אין אויער אַריין — ס'איז צופֿיעל! וואָס, רייך בּיסט דו? זי שטעלט זיך איהם פֿון פֿאָרנט און רוקט אָב מיט'ן פֿינגער איין מטבע נאָך דער צווייטער; ענדליך האָט זי איבערגעלאָזט איין צאָהנער און צו גענוממען די רעשט.

— מען קאָנן נישט אַזוי! — בעט ער זיך ביי איהר.

מלכּה'ס אויגען שיעסען שוין מיט פֿייער, אַ טונקלער, רויטער פֿלעקק איז איהר אַרויס געטרעטען אויפֿ'ן פּנים, זי האָט צוגענוממען דען לעצטען צאָהנער אויך, און האָט אַלץ צוזאַממען אַראָבגעלאָזט צו זיך אין קעשענע. חיים קוקט און ווייסט נישט, וואָס דאָס זאָלל בעטייטען.

— טס — שווייג! איך ווייס שוין וואָס צו טהון, נישט דיין זאַך!

חיים שטעלט זיך נישט אַקעגען; ער ווייסט, אַז מלכּה האָט שכל, אַז מען מאָג זיך אין אַזוינע זאַכען אויף איהר פֿערלאָזען און געהט צוריק צו ליזער'לם בעטט.

— נו וואָס, הערר דאָקטאָר? וואָס זאָגט דער הערר דאָקטאָר צו'ן איהם? — פֿראָגט ער ערנסט און טרויעריג, און קוקט אונרוהיג אין דאָקטאָרס אויגען אַריין, דער דאָקטאָר האָט זיך אַוועק געדרעהט, און

גיעסען און גיעסען.

טהייל מאל וויטער פלעג איך ארומגעהען מאטט, איך האב מיך געוואקקעלט אהן כח מיט א בלאסס פנים און אונטער געשלאגענע אויגען; אין די אויערן האט מיר לייכט גערוישט, דער קאפף איז מיר שווער געוועזען און עס האט זיך מיר געדאכט, אז עס איז מיר אזוי נישט גוט אויף דער וועלט, אז עס וואלט אמבעסטען געוועזען צו שטארבען. דעמאלט וויטער האב איך בערלין שטארק מקנא געוועזען... ער ליעגט זיך דארט אזוי רוהיג..

גאנץ אפט האט זיך מיר אויך געחלומט, אז איך שטארב, אז איך ליעג אין קבר, אדער, אז איך פליה ארום אין הימעל אין איין העמד מיט צולאזטע האהר און קוק אראב און זעה, וואס אויף דער וועלט טהוט זיך. און פונקט דעמאלט האב איך געהאט פערלוירען די אללע חבר'טעס, מיט וועלכע איך האב אין צייכען געשפיעלט, און האב שוין קיין אנדערע נישט בעקוממען. איינע פון זיי איז שוין ארויסגעגאנגען שבת מיט איין אטליסענע יופע און א קייט און א זייגער: עס האט שוין געזאלט זיין איהר חתונה. און אנדערע זענען „כלה מאדליך" געווארען. שדכנים און מחותנים פלעגען „אבהאקקען די טהירען" און מען האט זיי געקאמט, געוואשען, געקלייידט, בשעת ווען איך בין ארום געגאנגען בארפיס, אין איין אלטע בעזשינע, קורצע ספאדניצע, און איין אויסגעבלאקיווטען ציצינען סטאניק, וואס האט אויף מיר אויפ'ן סאמע־ראדנע פראנט אין עטליכע ארטער געפלאצט, און איך האב איהן צו געלאטעט מיט איין אנדער קאליער ציץ..

די כלה־מאדליך האבען מיך געמיידט און מיט יונגערע קינדער האב איך מיך געשאמט צו חבר'ן; אויך האבען מיך שוין די צייכען נישט אינטערעסירט. ביי טאג פלעג איך מיך דעריבער נישט ארויסווייזען אין גאסס אריין, די מאמע וויטער האט מיך אין ערגיץ נישט געשיקט, און אפילו, אז איך האב א מאל געוואלט געהען א גאנג, נישט געלאזט; פאר דאס פלעג איך מיך ארויס חאפפען פאר נאכט און ארומגעהען הינטער'ן הויז ביי די שפייכלער, נישט וויט פון טייך, זומטער פלעג איך זיצען ביז שפאט אין דער נאכט אריין.

אין אנהייב פלעגט די מאמע צו מיר ארויסגעהען; צוגעגאנגען איז זי קיינמאל נישט, נור אין טויער זיך געשטעלט, אומגעקוקט זיך און אוועקגעגאנגען, — דערביי פלעג איך הערען פון וויטענס, אז זי זיפצט. מיט דער צייט האט דאס אויך אויפגעהערט.

און איך פלעג אבזיצען איינע אלליין

נישט קוקענדיג אויף חיים'ן, שטיל געאנטפערט.

— א דאקטאר איז קיין גאטט נישט! מען טהוט, וואס מען קאנן!

חיים'ס קאפף האט זיך נאך טיעפער אראבגעבויגען.

— איהר האט א סך קינדער — מאכט דער דאקטאר, ווייזענדיג אויפ'ן יונגווארג, וואס האט זיך פאר איהן בעהאלטען אין די ווינקלען, — וואו עס איז דא א סך, דארט האלט זיך עס שווער! נור ער מאכט אוועק מיט דער האנד, גלייך ער וואלט שוין חרטה געהאט אויף די ווארטער, וואס ער האט געזאגט. ער נעמט דען שטעקקען און לאזט זיך צו דער טהיר; חיים חאפט זיך אויף פון זייגע טרויעריגע געדאנקען און געהט איהם נאך.

— אח, הערר דאקטאר — זאגט ער נאך טרויעריגער און ערנסטער — איך דאנק זעהר דעם הערר דאקטאר, זאלל דער הערר דאקטאר אייביג לעבען...

ביי דער טהיר האט אויפ'ן דאקטאר שוין מלכה געווארט. זי האט איהם זעהר שאן געדאנקט און געבעטען, ער זאלל מארגען נאך א מאל קוממען; דערביי האט זי איהם דערלאנגט א קליינען פאפיערן פאקעל. דער דאקטאר קוקט זיך נישט אום. ער נעמט שווייגענדיג צו דאס פאקעלע און לאזט עס אראב אין קעשענע אריין. ער זאגט נאך אמאל אן, מען זאלל דעם קראנקען נישט שטארען און טהון אללעס, וואס ער האט געהייסען, און געהט ארויס.

אין שליטטען האט ער געלאנגט צו דער קעשענע און ארויסגענוממען דאס פאפיערל. מיט

גאנצע שעה'ן און איינהארען זיך, ווי עס רוישט דאס קליינע טייכעל, ווי עס שפרינגען די פראש פון גראז אין טייך אריין, אדער נאכיאגען א לייכטען וואלקען אויפ'ן הימעל..

טהייל מאל פלעג איך האלב איינשלאפען מיט אפענע אויגען.

איינמאל האב איך דערהערט פון ווייטענס א טרויעריג ליעדעל. דאס קול איז געוועזען יונג און פריש און האט זיך מיר מיט'ן טרויער אויסגעגאסען אינ'ם גאנצען לייב; עס איז געוועזען א יודיש ליעדעל. דאס זינגט דער „רופא־יונג", טראכט איך, ווארען אנדערע וואלטען זמירות, נישט קיין ליעדליך געזונגען.

איך טראכט, אז מען מוס אריין אין שטוב און אזוינע ליעדלעך נישט הערען און מיט'ן רופא־יונג זיך נישט טרעפען. נור אויפגעהויבען האב איך מיך נישט; איך בין עפיס ווי פערחלומט געוועזען, מאטט, און בין געבליבען זיצען אויפ'ן ארט, חאטש דאס הארץ איז אומרוהיג געוועזען. דאס ליעדעל קומט צו אלץ נאהנטער און נאהנטער, עס געהט פון יענער זייט טייך אריבער איבער דער בריקק. איך האר שוין טריטט אויפ'ן זאמד, איך וויל ווייטער ענטלויפען, נור די פיס פאלגען מיך נישט און איך זיץ ווייטער. ענדליך איז ער צוגעקוממען צום ארט, וואו איך בין געזעססען.

— דו ביסט עס, לאה?

איך אנטפער נישט. אין די אויערען רוישט מיר נאך שטארקער, די שלעפען שלאגען נאך מעהר און עס דאכט זיך מיר, אז איך האב קיינמאל אזא גוט און זיס קול נישט געהארט.

ער מאכט זיך וועניג דערפון, וואס איך אנטפער איהם נישט. ער זעצט זיך אנידער נעבען מיר אויפ'ן קלאץ און קוקט מיר גלייך אין פנים אריין. זיין בליק האב איך נישט געזעהן, ווייל איך האב די אויגען נישט אויפגעהויבען, נור געפיהלט: עס האט מיר געברענט אויפ'ן פנים.

— ביסט א שאנע מויד, לאה, מאכט ער צו מיר, א שאד!

עס האט מיך אנגעחאפט א שרעקליך געוויין און איך בין ענטלאפען.

דען צווייטען אבענד בין איך שוין נישט ארויסגעגאנגען; דען דריטטען אויך נישט. נור דען פיערטען, פרייטאג צו נאכט, איז מיר שוין אזוי שווער געוועזען אויפ'ן הארץ, אז איך האב געמוסט ארויסגעהען; עס האט זיך מיר געדאכט, אז איך וועלל דא דערשטיקט ווערען אין שטוב. ער האט אויף מיר, א פנים, אין שאטטען, אין ווינקעל, געווארט, ווייל קוים האב איך מיך אנידער געזעצט אויף מיין ארט, איז ער מיר ווי אויסגעוואקסען פון אונטער דער ערד.

א גוטען שמייכעל האט ער עס אויפגעוויקעלט. דער שמייכעל איז איבערגעגאנגען אין א שטילל, לוסטיג געלעכטער, אז ער האט דערזעהן אינ'ם פאפיערל דריי אלטע קנאפ! מיט דעם זעלבען געלעכטער האט ער זיי צוריק געלעגט אין קעשענע אריין און שטילל צו זיך געזאגט:

— הא, הא, היינט נאך א בעססערער טאג אלס נעכטען!

א גאנצען טאג איז לייזערל געלעגען אהן בעוועגונג און האט גאר נישט גערעדט. שווייגענדיג, האט ער זיך געלאזט צו לעגען די קאלטע קאמפרעססען, גענוממען די מעדיצין, געלאזט זיך געוואלטיג האלזען און קושען פון דער מוטטער; נור דערפון איז איהם לייכטער נישט געווארען.

עס פאלט צו דער אבענד, די לעצטע שטראה-

לען פון דער זונן לעשען זיך, און מיט זיי צוזאממען דאס ארמע לעבען... עס געהט, דאכט זיך, אויס גלייך מיט דער מעדיצין אין פלאשעל... לייזערל רוקט פאמעליך אב פון קאפף די נאססע שמאטעס, וואס דער פאטער לעגט איהם צו; ער וויל זיך א ביסל אברוהען...

ער איז נאך שטיללער געווארען, ער האט אפילו אויפגעהערט צו הוסטען, ער פיהלט זיך בעססער. דאס פנים גלייכט זיך איהם אויס, עס פערשווינדט דער שאטטען פון ווייטאג און, אויסגעלייטערט, זעהט עס כמעט פראהליך אויס.

די מוטטער בייגט זיך איבער איהם איבער.

— שלאפסט? פראגט זי.

ער אנטפערט נישט.

— ווילסט שלאפען? שלאפסט שוין? — פראגט

— ענטלויף נישט פאר מיר, לאה! האט ער זיך מיט א וויינ, הארציג קול געבעטען — גלויב מיר, איך וועלל דיר קיין שלעכטס נישט טהון.

דאס ערנסטע, וויינע קול זיינס האט מיך בערוהיגט.

ער האט אנגעהויבען ציהען א שטילל טרויעריג ליעדעל און מיר זעננען וויטער געקוממען די טרערען אין די אויגען ארייין. איך האב מיך אומזיסט געוואלט איינהאלטען; איך האב אנגעהויבען שטילל צו וויינען.

— וואס וויינסט דו, לאה! האקט ער אב און פראגט, אננעמענדיג מיך ביי דער האנד.

— דו זינגסט אזוי טרויעריג — האב איך איהם געאנטפערט און ארויסגעצויגען די האנד פון זיינע.

— איך בין א יתום, מאכט ער, איינער אלליין, אין דער פרעמד.

עס האט עמיץ זיך בעוויזען אין גאסס און מיר זעננען זיך צולאפען.

דאס ליעדעל האב איך מיך אויסגעלערנט און פלעג עס זינגען שטיללערהייט ביינאכט אויפ׳ן געלעגער; דערמיט בין איך איינגעשלאפען, דערמיט בין איך אויפגעשטאנען. נור גאנץ אפט האב איך ביטטערליך און יאממערליך געוויינט, וואס איך האב מיך בעקאנט מיט א „רופא־יונג", וואס קליידט זיך דייטש און גאלט זיך דאס בארדעל. וואלט ער נאך אזוי געגאנגען ווי דער אלטער רופא, וואלט ער א פרוממער יוד געוועזען... איך האב געוואוסט, אז ווען דער טאטע ווערט עס געוואהר, שטארבט ער, חס ושלום, פאר עגמת נפש; די מאמע וואלט אין זיך א מעשה געטהאן! דער סוד איז מיר געלעגען ווי א שטיין אויפ׳ן הארץ און, ווען איך בין צוגעגאנגען צום טאטענס בעטט, דערלאנגען איהם עפיס, אדער ווען די מאמע קומט אהיים פון גאסס, פלעג איך מיך דערמאנען אן מיין זינד און האנד און פים האבען אונטער מיר געציטטערט, בשעת ווען דאס פנים האט דען לעצטען טראפען בלוט פערלוירען. און דאך האב איך איהם יעדען טאג צוגעזאגט, אז איך וועל מארגען אויך ארויסקוממען, און איך האב קיין אורזאך נישט געהאט פון איהם צו ענטלויפען. ער האט מיך שוין אפילו ביי דער האנד נישט אנגענוממען, מעהר נישט געזאגט, אז איך בין א שאנע מויד, נור ער האט מיט מיר גערעדט און געלערנט מיך ליעדעליך... איינמאל האט ער מיר א שטיקל באקסער געברענגט.

— עסס, לאה!

איך וויל נישט נעמען.

— פאר וואס? פראגט ער טרויעריג,

זי נאך א מאל און ריהרט איהן ביים אקסעל.

— איך וויל שלאפען — אנטפערט ער איהר שטילל און העבט אויף איהר אויף א פאר אויגען מיט א שמערצליכען בליקק.

— שלאף מיין קינד, שלאף! און זי גלייכט איהם אוים דאס קישען — נור אזוי האסטיג, אז דער קאפף פאלט צו צו דער וואנד, — שלאף לייזערל, איך וועלל דערווייל לויפען נאך מעהל...

— געה שוין געה — מאכט חיים — איך וועל ביי׳ן איהם זיצען.

— געה, געה! — יאגט ער זי. ער פיהלט, אז דער קראנקער דארף רוה.

אין א פאר מינוט שפעטער, אז עס איז אין שטוב אין גאנצען שטילל געווארען, האט לייזערל געעפפענט די אויגען:

— די מאמע איז אוועק געגאנגען? — האט ער געפראגט.

— יא.

— איך וועלל נישט שלאפען; איך וויל נישט שלאפען, מיר טהוט שוין גאר נישט וועה, עס איז מיר שוין בעססער... וואלט איך געקאנט אבופצען טיעף, האטש איין מאל... עס איז מיר אזוי ענג...

חיים זעצט זיך צו אויפ׳ן בעטט און נעמט לייזער׳לם דארע האנד אין ביידע האנד אריין.

— טאטע, אפשר וואלסט דו געעפפענט דאס פענסטער?

— ס׳איז א גרויסער פראסט.

— איך דארף אבער לופט, א סך לופט... מען טאר נישט?

פֿאַר וואָס ווילסט דו בײַ מיר נישט נעמען?

איך האָב מיך אַרויס געכאַפּט, אַז איך וואָלט בעסער געגעסען אַ שטיקעל ברויט.

ווי לאַנג אונזער צוזאַממענזיצען און זינגען האָט געדויערט, ווייס איך נישט. איינמאָל איז ער געקוממען טרויעריגער ווי שטאַנדיג, איך האָב עס באַלד אין זיין פּנים דערקאַנט, און האָב'ן געפֿראַגט, וואָס איז איהם.

— איך מוסס אַוועק פֿאָהרען.

— וואו אַהין? האָב איך איהן געפֿראַגט אָהן אַ קול.

— צו דער סובּרעוויזיע.

איך האָב איהן אַנגעכאַפּט בײַ דער האַנד:

— אַ זעלנער וועסט דו זיין?

— ניין, האָט ער מיר געאַנטפֿערט און צוגעדריקט מיר די האַנד — איך בין אַ שוואַכער... איך לייד אויפ'ן האַרץ. קיין זעלנער וועל איך נישט זיין, נור שטעללען מוז איך מיך...

— וועסט צוריק קוממען?

— אַוודאי...

מיר שווייגען אַ ווײַלע.

— עס וועט דויערען, מאַכט ער, אַ פּאָר וואָכען.

איך שווייג און ער קוקט אויף מיר מיט אַ געבעט.

— וועסט בענקען נאָך מיר?

— יאָ... האָב איך אַלליין קוים געהאָרט מיין תשובה.

מיר שווייגען ווייטער אַ ווײַלע.

— לאָ'מיר זיך געזעגענען.

מיין האַנד איז נאָך געלעגען אין זיינע.

— פֿאָהר געזונד! האָב איך איהם געזאָגט מיט אַ פֿערציטטערט קול.

ער האָט זיך איבּער געבויגען, מיר אַ קוש געגעבען, און איז פֿערשוואונדען געוואָרען.

איך בין לאַנג געשטאַנען ווי שכּור.

— לאָה! האָב איך דערהאָרט דער מאַמעס קול, נור דאָס אַלטע ווייכע, כּמעט זינגענדיגע קול, פֿון דער צייט, ווען דער טאַטע איז נאָך געזונד געוועזען.

— לאה'שע!

אַזוי האָט מען מיך שוין לאַנג נישט גערופֿען. איך האָב נאָך אַ מאָל אַ ציטטער געטהאָן און בין מיט די נאָך ברענענדיגע ליפּען אַריינגעלאָפֿען אין שטוב. נור איך האָב די שטוב נישט דערקאַנט. אויפ'ן טיש זעננען געשטאַנען צוויי פֿרעמדע לייכטער מיט ברענענדיגע ליכט, עס איז געשטאַנען בראָנפֿען מיט לעקקאַך — דער טאַטע איז געזעססען אויף אַ שטוהל אָנגעלעהנט אויף אַ קישען, דאָס פּנים האָט

חיים האָט זיך אומגעקוקט אין שטוב; עס איז קיינער נישט דאָ, אויסער די צוויי יונגסטע קינדער, וואָס האָבען זיך בעהאַלטען אונטער'ן אויבען; ער הערבט זיך אויף און מאַכט אַ ביסל אויף דאָס פֿענסטער. אַ שטראָם קאַלטע לופֿט רייסט זיך אין שטוב אַריין; לייזערל האָט טיעף אָבגעזיפֿצט.

— אַזוי איז גוט — האָט ער שטיל געזאָגט — טאַטע, בייג מיר צו דען קאָפּף צום פֿענסטער... אָט אַזוי, נאָך אַ ביסל! איך וויל זעהן, צי עס איז שוין דאָ שטערן... צי זיי לייכטען שוין? נור בײַ אונז אין שטוב זעהט מען זיי קיין מאָל נישט... נישט קיין שטערן, נישט קיין זונן...

חיים דערשפּירט אַ ציטטער פֿון דער קליינער האַנד.

— דו האָסט איהר אָבגעטראָגען ס'קלייד? —

פֿראַגט לייזערל און די אויגען האָבען איהם פּלוצלינג אויפֿגעבליצט.

חיים גלאַט לייזערלס האָהר.

— ד'האָב אָבגעטראָגען, אַוודאי... ווי דו געדענקסט אַלץ!

— צופֿרידען געוועזען? נישט געזידעלט? געלד האָט זי געגעבען?

— זי האָט געגעבען, און נישט געזידעלט נור — לאָז אָב, לייזערל, וואָס טויג דיר דאָס, לייזערל?!

— אַזוי איז גוט, גאַנץ גוט! איך האָב פֿיינד, אַז מען זידעלט! מען דאַרף נישט זידלען, — נישט אמת? דו אַרבייטסט שטאַנדיג, טאָג אַזוי נאַכט, און טהוסט קיינעם קיין שלעכטס נישט! פֿאַר וואָס קומט צו זידלען אַזוינעם, וואָס אַרבייט שטאַנדיג.

איהם געשמייכעלט פון יעדען רינצעל אַרוים. — עס זענען געשטאַנענען נאָך באָנקליך ביים טיש, אויך פרעמדע — עס זענען דאָ פרעמדע מענשען געוועזען — נור די מאַמע חאַפּט מיך אַרום און קושט מיך און האַלזט מיך:

— מזל טוב, טאַטער, טאַטערשי, לאה'שי, מזל טוב!

איך פערשטעה נישט, וואָס מען מיינט, נור דאָס האַרץ שרעקט זיך און קלאַפּט און קלאַפּט אַזוי מורא'דיג! אַז די מאַמע האָט מיך אַרויסגעלאָזט פון די אָרם, האָט מיך דער טאַטע צוגערופען. איך האָב קיין כח נישט געהאַט צו שטעהען און האָב מיך אַראָבגעלאָזט צו איהם אויף די קניען און אָנגעשפּאַרט דען קאָפּף אויף זיין שוים. ער גלאָט מיר דען קאָפּ, קרייזעלט מיר די האָהר:

— וועסט שוין, קינד מיינס, נישט ליידען קיין הונגער, קיין נויט; וועסט שוין, קינד מיינס, נישט אַרומגעהען נאַקט און באָרוויס... וועסט זיין אַ נגידה... דו וועסט זיין רייך... דו וועסט פאַר דיינע ברידערליך מלמד־געלד צאָהלען... מען וועט זיי שוין פון די חדרים נישט אַרויסוואַרפען... דו וועסט אונז אויך העלפען... איך וועל געזונד ווערען..

— און ווייסט, ווער דער חתן איז? פרעגט די מאַמע, מיט אַ פרייד — טאַקי ר' זיינוויל! טאַקי ר' זיינוויל, ער האָט אַלליין אַ שדכן געשיקט...

איך ווייס נישט, וואָס מיט מיר איז געשעהן, נור אויפגעחאַפּט האָב איך מיך אויפ'ן געלעגער אין מיטן טאָג.

— געלויבט איז גאָטט! האָט די מאַמע אויסגעשריגען.

— געלויבט איז זיין ליעבער נאָמען! דער טאַטע.

און מען האָט מיך ווייטער געהאַלזט און געקושט. נאָך מעהר — מען האָט מיר איינגעמאַכטס דערלאַנגט!.. אָפּשר ווילל איך וואַסער מיט סאָק? אפשר אַ ביסל ווין?

איך האָב צוריק די אויגען פערמאַכט און געקייכט מיט אַ שטיקענדיג געוויין.

— וואָהל, וואָהל — פרייט זיך די מאַמע — זאָלל זי זיך אָבוויינען, מיין אָרם קינד! מיר זענען זיך אַלליין שולדיג, אויף אַ מאָל אַזאַ נחת דערצאָהלט! אַזוי פלוצלינג! עס קאָנן איין אָדער פּלאַצען! רבונו של עולם! נור געלויבט איז גאָטט, ווין דיר אָב דאָס האַרץ, זאָללען אַללע צרות אַוועק שווימען מיט די טרערען און אַ ניי לעבען זאָלל זיך אָנהעבען, אַ נייע לעבען...

דער מענש האָט צוויי מלאכים — אַ גוטען און אַ שלעכטען מלאך, און איך בין

און טהוט. קיינעם קיין שלעכטס נישט?... מען זעהט נאָך נישט קיין שטערן?

— אויף דער גאַס אפשר יאָ.

עס איז ווייטער שטילל. די פינסטערקייט פון דער נאַכט איז אַריין אין די קליינע פענסטערליך.

חיים האָט זיך פערקוקט אויף לייזערלס פנים, וואָס האָט אין דער טונקעלקייט פון אָבענד פערלוירען די שאַרפע ליניען און איז עפּיס ווייכער געוואָרען.

— צו איז דער הימעל אונטער די לאַמטערנס? פראָגט לייזערל.

— אונטער די לאַמטערן? פראָגט חיים דערשראָקקען; ער מיינט, אַז לייזערל רעדט פון וועג.

— אונטער די שטערן — פערטייטשט לייזערל — זיי זענען דאָך גאָטט'ס לאַמטערן... און גאָטט וואָהנט דאָך דאָרט אין הימעל, האָבער — א י ב ע ר די שטערן... ער זיצט אויף אַ גאָלדענעם שטוהל, הויך, און די מלאכים זינגען פאַר איהן זמירות...

ער רעדט שטילל, ווי צו זיך אַלליין; די לעצטע ווערטער זענען זיך צערפלאָססען אין דער שטילקייט ווי איין איינגערוימטער סוד.

חיים האָרט און קוקט זיך איין, און עס דאַכט זיך איהם, אַז לייזערלס פנים ווערט אַללע מינוט ליכטיגער און דורכזיכטיגער; עפּיס זעהט עס איהם אויס אַזוי הייליג ווי אַ פנים פון אַ מלאָך. ער האָט פעסטער צוגעדריקט די קליינע האַנד.

— טאַטע — רופט זיך ווידער אָן לייזערל — אמת — אַז דאָרט אין הימעל איז בעססער ווי דאָ?

זיכער געווען, אז דער גוטער מלאך הייסט מיר אינ'ם רופא־יונג פערגעסען, עסען ר' זיינוועלים איינגעמאכטס, טרינקען זיין סאק מיט וואסער און קליידען זיך אויף זיין חשבון, בשעת ווען דער שלעכטער מלאך האט מיר איינגערעדט, איך זאלל איינמאל פאר אללע מאל זאגען דעם טאטען און דער מאמען, אז איך ווילל נישט, באין אופן נישט.

ר' זיינוועלין האב איך נאך נישט געקאנט, איך האב'ן אפשר א מאל געזעהען, נור — אדער פערגעססען, אדער באלד נישט געוואוסט, וועמען איך זעה... נור אונטער די אויגען האב איך איהן פיינד געהאט.

באלד די צווייטע נאכט האט זיך מיר געחלום'ט, אז איך שטעה אונטער דער חופה. דער חתן איז ר' זיינוועלע און מען פיהרט מיך 7 מאל ארום איהם, נור די פיס זענגען מיר ווי פערשטארט און די אונטערפיהרעקעס טראגען מיך אין דער הייך — דערנאך האט מען מיך א היים געפיהרט; די מאמע האט אקעגען געטאנצט מיט א קוילימש און עס געהט שוין די גאלדענע יאך. איך האב מורא די אויגען אויפצוהויבען, איך בין זיכער, אז איך וועלל דערזעהן א בלינדען, אהן איין אויג, און א לאנגע, א שרעקליך לאנגע נאז... עס קומט מיר א קאלטער שווייס אויפ'ן לייב —

נור פלוצלינג רוימט ער מיר איין אין אויער:

—לאה'שע, א שאנע מויד בימט דו!

און דאס קול איז גאר נישט פון קיין אלטען מאנן — עס איז יענעמס קול... איך עפפען אביסעל די אויגען — עס איז זיין פנים...

— טס! רוימט ער מיר איין, זאג נישט אויס. איך האב ר' זיינוועלין פערנארט אין וואלד אריין, אריינגעלעגט אין א זאקק, צוגעבונדען א שטיין און אריינגעווארפען אין טייך (אזא מעשה האט מיר אמאל די מאמע פערצאהלט) און איך בין צוריק אויף זיין ארט!

איך האב מיך אויפגעחאפט פערציטטערט. דורך דער ברייטער שפארע פון לאדען האט אריינגעשלאגען א ליכט פון דער לבנה, און האט בעלייכט די גאנצע שטוב, איך בעמערק ערשט, אז אין מיטן באלקען האנגט צוריק דער העגגלייכטער, טאטע־מאמע שלאפען אויף בעטטגעוואנד — דער טאטע שמייכעלט פון שלאף, די מאמע שנארכט רוהיג... און דער גוטער מלאך זאגט מיר: אז דו וועסט זיין גוט און פרום, וועט דער טאטע געזונד ווערען, די מאמע וועט אויף דער עלטער נישט ארבייטען אזוי שווער און ביטטער, און פון דיינע ברידערליך וועללען ארויסגעהען למדנים, רבנים, גאונים; גרויסע, גרויסע

אמת, אז דארטין נאהט מען נישט?

— דארטען רייסט מען שוין נישט, מען זאלל דארפען נאהען — אנטפערט חיים ביטטערליך.

— און קיינער זיצט נישט דארט א גאנצען טאג אזוי, אז עס פערחאפט דאס הארץ?

און ער אנטפערט זיך אלליין:

— דארט מוזען אללע קינדער, אללע קליינע קינדער ארומגעהען א גאנצען טאג שפאצירען איבער'ן הימעל; זיי שפיעלען זיך אודאי מיט די יונגע מלאכים, מען הייסט זיי נישט ארבייטען... דארטין זענגען קיין שניידערשע טישען נישט פערהאנן, קיין נאדלען, קיין שער! די מאשין קלאפט נישט, דער קאפף טהוט נישט וועה, עס איז אזוי שטילל, אזוי שטילל...

ער ווערט ענטשוויגען, פערזונקען אין חלומות פון נחת אין הימעל.

— טאטע — מאכט ער פלוצלינג מיט א גאנץ לויטער קול — פערצאהל מיר עפיס פון יעקב'ן אדער פון יוסף'ן; דו קאנסט דאך אזוינע שאנע מעשות!

— ניין לייזערל, דו בימט נעבך קראנק... אז דו וועסט מיט גאטס הילף געזונד ווערען...

דאס קול איז איהם פלוצלינג שטעקען געבליבען אין דער קעהל, עס האט איהם עפיס צוזאממענגעקלעמט דאס הארץ ווי מיט צוואנגען, און ער האט נישט געקאנט ענדיגען.

— דערצאהל, דערצאהל! — האט זיך לייזערל געבעטען, אפשר גאר פון יצחק'ן, פון דער עקדה?

— אח, קינד! האט חיים ארויסגעקראכצט.

— צו האט אברהם שטארק געוויינט, ווען גאט האט'ן געהייסען אוועק געבען זיין איינציג קינד?

יודען, ווייל מען וועט פאר זיי בעצאהלען מלמד־געלד.

— נור קושען — זאגט דער שלעכטער מלאך — וועט דיך ר׳ זיינווילע... ער וועט זיך צו דיר צוריהרען מיט פערראצטע וואנסען... ער וועט דיך ארומנעמען מיט ביינערדיגע האנד... אויך וועט ער דיך פייניגען ווי יענע ווייבער, און וועט דיך יונגערהייט יאגען אין גרוב אריין. און ער וועט קוממען צו פאהרען און וועט עגמת נפש האבען, דיך קיין ליעדליך שוין נישט לערנען, וועסט שוין מיט איהם אבענד אויף אבענד נישט זיצען... דו וועסט זיצען מיט ר׳ זיינוועלין...

— ניין! היממעל און ערד זאלל צוזאממען קוממען! צורייסען די תנאים!

איך בין שוין נישט געשלאפען ביז אין דער פריה.

די ערשטע האט זיך אויפגעחאפט די מאמע; איך וויל מיט איהר רעדען, נור איך בין געוואהנט אין אללע געפאהרען צום טאטענס הילף. אט, וועקט זיך שוין דער טאטע.

— ווייסט, שרה׳לע — זעננען זיינע ערשטע ווארטער געוועזען, איך פיהל מיך גאר גוט; וועסט זעהען, איך וועלל היינט ארויסגעהען אין גאסס אריין.

— געלויבט איז זיין ליעבער נאמען!

אלץ אין אונזער טאכטערס מזל, אלץ אונזער טאכטערס, דער צדקה׳ס, זכות.

— און דער רופא איז טאקי גערעכט.

די מילך שמעקט מיר זעהער וואהל...

זיי שווייגען און דער גוטער מלאך זאגט מיר:

— אז דו וועסט גוט און פרום זיין, וועט דער טאטע ווערען געזונד; קוים וועט פון דיינע ליפפען ארויס א זינדיג ווארט — פאלט ער אנידער און שטארבט.

— הערסטו, שרה׳לע — מאכט ווייטער דער טאטע — האר שוין אויף צו זיין א פשעקופקע...

— וואס רעדסטו דו?

— וואס דו הערסט! — איך וויל היינט נאך זיין ביי זיינוועלין... ער וועט מיך צונעמען צו׳ן א געשעפט אדער בארגען עטליכע רובל, וועללען מיר זיך מאכען א געוואלבעל, איך וועלל שטעהען א ביסל, דו אביסל — דערנאך וועל איך אנהעבען צו האנדלען מיט תבואה...

— הלוואי זאלל גאטט געבען!

אודאי וועט גאטט געבען — אז דו וועסט היינט נעמען אויף חתונה קליידער, זאלסט דו דיר אויך נעמען... חאטש אויף צוויי קליידער. און פאר וואס נישט? ער האט געהייסען נעמען, וואס מען דארף; און דו וועסט דאך נישט זיין אויפ׳ן אויפרופען אין

— עה, לייזערל! נאך וואס רעדסט דו דערפון? בעט זיך דער פאטער.

נור לייזערל, דאכט זיך, הארט נישט.

— יצחק — זאגט ער, וויל צו זיך אלליין, — האט א ו ד א י נישט געוויינט! ער האט זיך געטראכט, אז, ווענן ער וועט קוממען אין היממעל אריין, וועט ער פון דארט אויך קאננען שטאנדיג אראב קוקען אויף דער היים... און ער וועט דארט בעטען דעם איבערשטען, ער זאלל דעם פאטער גרינגער מאכען די פרנסה, ער זאלל איהם ארוינשיקען די ברכה, ער זאלל הייסען, זיינע מלאכים זאללען איהם חאטש אביסל העלפען...

די לעצטע ווארטער זעננען זיך ווידער צופלאססען אין א שטילל שעפטשען. די אויגען זעננען בלייך געווארען; די ברעמען האבען זיך פאמעליך און שווער אראבגעלאזט, און איבער׳ן פנים איז דורכגעפלויגען א שאטטען. נור שפעטער האט ער נאך אמאל געעפנט די אויגען און געווענדט זיך צום פאטער:

— פאר וואס דאס — איך געדענק נישט — פאר וואס? וואס איז עס?

— פאר וואס געדענק איך נישט? — האט ער זיך דערשראקען אלליין איבער געהאקט — א הא! דער אינספעקטאר וועט זיך באזערן! — טאטע, זאג איהם דו! איך האב שוין פערגעססען... בעט ער זיך מיט א וויינענדיג קול און דריקט דעם פאטער די האנד מיט א בקשה.

— וואס מיינסט דו, לייזערל?

— פאר וואס דאס — וועגען וואס האב איך געוואלט פרעגען? איך געדענק נישט — האט ער

דיינע בגדים.

— געה שוין געה! אַנטפֿערט די מאַמע — דער עיקר מוז מען די קינדער עפּים מאַכען — ראובן געהט באָרוויס, ער האָט זיך יענע וואָך אַ האַלץ אַריינגענוממען, לאָמט ער נאָך... און עס געהט צו ווינטער, מען דאַרף לייבליך און העמדליך, וואַטאָווע קאַפּאָטליך.

— נעם, נעם...

— האָרסט, מאַכט דער גוטער מלאך, אַז דו וועסט רעדען אַ שלעכט וואָרט, וועט די מאַמע דיינע קיין קלייד נישט האָבען און דו ווייסט, אַז דאָס אַלטע פֿאַלט איהר אַראָב פֿון לייב; דיינע ברידערליך וועללען ווינטער צייט אין די גראָסטע פֿראָסט לויפֿען אין חדר אַריין באָרפֿיס, און זוממער וועללען זיי זיך אַריינגעמען האָלצער אין די פֿיס...

— איך זאָג דיר דען אמת — מאַכט די מאַמע, מען וואָלט געדאַרפֿט אַלץ אויס־רעדען „ברחל בתך הקטנה", וואָרען זעהר אַ גוטער מענש איז ער נישט... מען דאַרף אָברעדען, וויפֿיעל ער וועט איהר פֿערשרייבען — וואָרען יורשים וועט זיין ווי האָלץ... ווען אפּילו נישט קיין אַקט — זאָל ער חאָטש געבען אַ חרם־קוויטיל, וואָרען טאַקי, ווי לאַנג קאָנן אַזוינער לעבען? נאָך אַ יאָהר, נאָך אַ יאָהר...

— ביי וואָהלטאָג — זיפֿצט דער טאַטע — לעבט מען לאַנג.

— לאַנג! פֿערגעס נישט — 70 יאָהר... טהייל מאָל ווערט איהם עפּיס ווי טויט אונטער די אויערען...

און דער שלעכטער מלאך זאָגט: אַז דו וועסט שווייגען, וועסט דו געהן אונטער דער חופּה מיט אַ טויטען, מיט אַ מת וועסט דו לעבען... מען וועט דיך לעגען־פֿיהרען מיט אַ מת...

די מאַמע זיפֿצט.

— אַלץ איז ביי גאָטט אין די האַנד — מאַכט דער טאַטע. די מאַמע זיפֿצט ווייטער און דער טאַטע זאָגט:

— און וואָס קאָנן מען טהון... מען האָט געקאָנט בעססער מאַכען? אַוודאי, ווען איך בין געזונד, קען איך פֿערדינען, ווען עס איז חאָטש דאָ טרוקקען ברויט אין שטוב... ער האָט אָבגעהאַקט; מיר האָט זיך געדאַכט, אַז עפּיס ווייגט דעם טאַטען אין האַרץ.

— וואָלט זי חאָטש יונגער געוועזען מיט אַ פּאָר יאָהר, וואָלט איך דאָס לעצטע געטהאָן... ווייס איך? אפשר אויף דער לאָטעריע געשטעלט...

און איך האָב געשוויגען.

מיין 70 יאָהריגער חתן האָט געגעבען

שטיל אַרויסגערעדט און דער קאָפּף איז איהם שוואַך אַראָבגעפֿאַללען אויף דער ברוסט.

עס איז אַ לאַנגע ווייל שטיל געוועזען און אין דער שטילקייט האָט זיך נור געהאָרט זיין אָטהעם, וואָס האָט זיך שווער אַרויסגעאַרבייט פֿון דער ברוסט.

אין אַ מינוט אַרום האָבען זיך לייזערל'ס אויגען נאָך אַמאָל אָנגעצינדען, אָבער שוין נור די אויגען אַלליין; דאָס פּנים איז געבליבען טונקעל און קאַלט. אַרויסגעצויגט פֿונ'ם גאַנצען לייב, האָט זיך דאָס לעבען נאָך צוזאַממענגעזאַמעלט אין דעם ברענענ־דיגען בליק.

— טאַטע, שעפּציעט לייזערל, און פֿערטיעפֿט איהם פֿאָטער דען שטאַרען און ברענענדיגען בליק, אונטער וועלכען חייב'ן ווערט דער אָטהעם פֿער־חאַפּט — טאַטע, פֿאַר וואָס האָט יצחק געזאָלט שטאַרבען?

— אַ קרבן! — האָט חיים אַרויסגעקראַכצט.

— אַ קרבן? צו וואָס טויג אַ קרבן? צו וואָס מקריב זיין קינדער? איז דען נישט אַ שאָד? — פֿראַגט לייזערל און נעמט אַלץ נישט אַראָב דען פֿלאַקקערדיגען שטאַרען בליק פֿון פֿאָטער.

דער פֿאָטער שווייגט און לייזערל העבט זיך פּלוצלינג אויף פֿון געלעגער, שטרעקט אויס די האַנד צום פֿענסטער און בייגט נאָך שטאַרקער צו דען צערשויבערטען קאָפּף.

— צו וואָס טויג אויך דער קרבן? — רופֿט ער אין דער לופֿט אַריין — צו וואָס? נעמט מיך נישט, נעמט מיך נישט! נעם...

ער פֿערליערט דען אָטהעם, העבט אַן שווערער

אויף חתונה־קליידער, עטליכע הונדערט גילדען דעם טאטען און מיר א תוספת־כתובה אויף 1500 גילדען...

מענשען האבען געזאגט: א וואהלער שדוך! איך האב חבר'טעס בעקוממען; די מיט דער סאמיטינע יופע און גאלדנען קייט־און־זיינער פלעגט ביי מיר זיין צוויי דריי מאל אין טאג און איז געוועזען גליקליך ווי די וועלט, וואס איך האב זי דערזאגט און מיר האבען חתונה אין איין חדש! איך האב געהאט נאך חבר'טעס, נור זי האט זיך צוגעקלעבט צו מיר. „יענע זענען דאך סמארקאטע מאדליך; ווער ווייסט, ווי לאנג עס וועט נאך ביי זיי דויערן!"

רבקה האט חתונה פון דער פרעמד, נור עססען קאסט וועט זי פריהער אין דער היים, 2 צו 3 יאהר. איבער דער גאנצע צייט וועללען מיר זיך האלטען צוזאממען; זי וועט אריינלויפען צו מ י ר אויף ציקאריע, איך צו'ן איהר אויף ציקאריע, אדער שבת נאכען שלאף אויף ביילעך־יאך.

— און אז איך וועל ווערען א קינפעטארען — מאכט איינמאל רבקה און דאס פנים שטראהלט איהר — וועסט דו זיצען ביי מיר — יא?

איך שווייג.

— וואי! — מאכט רבקה — וואס טרויערסט דו אזוי? עס טרעפט זיך צו 70 יאהר אויך...

— געה שוין, געה! — טרייסט זי מיך ווייטער — אז גאטט וויל, שיעסט א בעזעם! און ווען נישט — ווי לאנג, מיינסט דו, וועט עס דויערן? א מענש לעבט דאך נישט איביג! אזא יאהר אויף מיר, וואס פאר א יונגע אלמנה דו וועסט זיין! די פינגער צו לעקקען!

רבקה ווינשט ר' זיינוועלין נישט קיין שלעכטס.

— ער איז אפילו א כלב שבכלבים! יענם ווייב האט ער געפייניגט... נור יענם ווייב איז א קראנקע געוועזען, און „דו ביסט געזונד ווי א נוסס... דיך וועט ער גוט בעהאנדלען, נאך ווי הייסט גוט!"

ע ר איז צוריק געקוממען!

דעם טאטען איז טאקי בעססער, נור עס האט זיך איהם פערגליסט א ביסל טרוקענע באנקעס — אזוי האט ער מורא געהאט ארויס צו געהען. ער פיהלט, אז פון ליעגען, און דער נאך זיצען אלץ אין איינעם, האט זיך איהם דאס בלוט פערזאממעלט אויף איין ארט, מען דארף עס צו שלאגען! — אביסל אויך ברעכען איהן די פלייצעס און אויף דעם איז טרוקענע באנקעס א רפואה ברוקה. איך האב אנגעהויבען ציטטערן ווי אין א פיעבער: מיט טרוקענע באנקעס

צו ארבייטען מיט דער ברוסט; ער שלינגט א פאר מאל לופט, פערחלישנעט זיך, טהוט א צאפפעל, דאס פנים ווערט איהם בלאנע־בלאה און פערקרימט, די אויגען — פערגלייסט, און ער פאלט צוריק אויפ'ן קישען.

חיים גיט זיך צו'נ'איהם א ווארף.

— לייזערל, לייזערל! — האט ער פערצווייפעלט גערופען און געגלאט איהן, געטוליעט, געמינטערט מיט וואססער און מיט'ן רעשטעל מעדיצין. א לאנגע צייט איז פארביי, איידער לייזערל האט מיט'ן רעשטעל לונגען געקאנט דען אטהעם חאפען.

— רעד שוין נישט... שווייג... ליעג רוהיג... בעט זיך דער פאטער.

לייזערל ליעגט שוין רוהיג און רעדט נישט א ווארט. ער האט זיך אנגעשטרענגט ביים אטהעם־חאפען, און די רעשט כח פערלוירען. די אויגען האלט ער געשלאססען, די האנד אויסגעצויגען און דען קאפף אראבגעלאזט אויף דער ברוסט... דער גאנצע לייב איז שטאר, נור די ברוסט אלליין ארבייט.

עס דאכט זיך, אז א לאמפ צאנקט מיט'ן לעצטען ביסל נאפט...

חיים זיצט אלץ אויפ'ן עקק פון בעטט מיט'ן טיעף געבויגענעם גראהען קאפף, מיט די עללענבויגען אויף די קניען, און דאס פנים בעהאלטען אין די האנד; די פינגער זענען איהם טיעף און פעסט אריין אין די גראהע האהר.

ער טראכט...

ער וויל דערגעהן, פאר וואס דאס קינד פער־

קומט דער „יונג", נישט דער רופא אליין.

— וועסט אריין רופען דען רופא? פרעגט מיך דער טאטע.

— וואס רעדסט דו? פאלט די מאמע אריין אין די רייד, א כלה=מאדעל!... און זי איז אליין געגאנגען.

— וואס ביסט דו אזוי בלאסס געווארען? פרעגט מיך דער טאטע דערשראקקען.

— גאר נישט.

— שוין עטליכע טאג... פארשט דער טאטע.

— עס דאכט זיך דיר, טאטע.

— די מאמע זאגט אויך...

— עה!

— היינט — וויל מיך דער טאטע דערפראהען — וועט מען דיר שוין מאסטען די חתונה=קליידער.

איך שוויג.

— דו פראהסט זיך גאר נישט? פרעגט דער טאטע.

— פאר וואס זאל איך מיך נישט פראהען?

— דו ווייסט דאך אפילו גאר נישט, וואס מען מאכט דיר.

— מען האט דאך מיר א מאס גענומען!

דערווייל איז אנגעקוממען די מאמע מיט'ן רופא אליין. עס איז מיר גרינגער געווארען אויפ'ן הארץ. נור אין איין וועגס האט אין מיר עפים געקלאגט: דו וועסט איהן אפשר שוין מעהר נישט זעהען...

— אוי א וועלט, — קומט אריין דער רופא, סאפענדיג און קראכצענדיג, — ר' זיינוועלע האט חתונה מיט א יונגע מויד און לייזערל דעם נבאים ווערט א פרוש — ענטלאפען פון ווייב!

— לייזערל? שרייט אויס די מאמע פערוואונדערט.

— ווי איהר הארט! היינט געה איך ארום צו 60 יאהר פון אין דער פריה ביז נאכט אויף די פים, און מיין יונג לעגט זיך אין בעטט אריין...

איך העב אן וויטער צו ציטטערן.

— האלט נישט אזא גוי!

א גוי? מאכט דער רופא, ווי הייסט א גוי?...

— וואס טויג מיר די מעשות, האקט איבער אומגעדולדיג דער טאטע, טהוט בעססער אייערס.

מיין טאטע איז בטבע געוועזען א גוטער; עס האט זיך מיר שטאנדיג געדאכט, אז ער קאנן קיין פליעג אויף דער וואנד נישט ציעפען, און דאך האט אין זיינע רייד געשטעקט א גאנצער תהום מיט בזיון פאר'ן רופא. אלס קראנקער אין בעטט פלעגט ער גליקליך זיין, אז עמיץ איז

לאזט איהן אזוי פלוצלינג און אויף אייביג? פאר וואס ווערט עס אויסגעריססען פון דער וועלט ווי איין אויסגעטריקענט גראזיל, וואס קיינער דארף עס נישט, וואס עס נוצט נישט קיינעם? פאר וואס שטארבט אזוי לייזערל, וואס האט איהם אזוי פיעל געהאלפען?

פאר וואס שטראפט איהן גאטט אזוי שווער?...

און עס דאכט זיך איהם, אז לייזערל איז מאקי א קרבן; אז ער, חיים, איז דער צווייטער אברהם אבינו, וואס איז שטאנדיג גרייט געוועזען מקריב צו זיין זיין זוהן יצחק...

דער ווארשטאט, דאכט זיך איהם, וואקסט אין דער פינסטער און וואקסט, און זעהט שוין אויס ווי א מזבח. אט דאס איז די „עקדה" — די מאשין! די שער, אין וועלכער עס שלאגען זיך אב די שוואכע אבענד=שטראהלען איז דער חלף, מיט וועלכען ער אליין האט זיין קינד געשחטען...

נור ער איז נישט שולדיג; גאטט האט אזוי געוואלט! דאס האט ער איהם אזא שווערע פרנסה בעשערט! דאס האט איהם גאטט געהייסען מקריב זיין לייזערלען, זיין זוהן!... אברהם'ן האט ער אויך געהייסען...

נור דארט האט צודער רעכטער צייט א מלאך געריפען: „שטעה!" און דא...

— אפשר וועט ער נאך רופען, אפשר, אפשר!

און ער בייגט זיך איבער מיט דער לעצטער האפפנונג איבער'ן זוהן.

— ניין! ער וועט שוין נישט רופען! —

W. Dal.

אריינגעגאנגען און באַלאַקעט מיט איהם, נור מיט'ן רופא האט ער קיינמאל נישט געקאנט רעדען א וואָרט. ער האט איהם שטאנדיג איבערגעהאַקט אין מיטן און געהייסען, ער זאל זיינעם טהון. נור צונד האט אינ'ם קול אזוי פיעל בעליידיגונג געשטעקט, אז מיר האט אנגעהויבען דאס הארץ וויי צו טהון... ווארען, ווי אזוי וואלט ער נאך יענעם בעליידיגט, יענעם, וואס ליעגט נעביך קראַנק!...

פאַר וואס איז ער קראנק?

ער האט געזאגט, אז ער האט א הארץ=פעהלער. וואס דאס איז, האב איך נישט געוואוסט, נור מן הסתם איז עס אזוינס, וואס לעגט א מאל אין בעטט אריין. און דאך — האט מיר דאס הארץ געזאגט, אז איך מוס אויך האבען א שטיקעל שולד דערביי.

ביי נאכט האב איך אין שלאף געוויינט; די מאמע האט מיך אויפגעוועקט און געזעצט זיך ביי מיר אויפ'ן בעטט.

— שא, קינד מיינס, האט זי מיר געזאגט, לאָ'מיר דען טאטען נישט וועקען. און אונזער שמועס איז געוועזען פון מויל אויף אויער. די מאמע, האב איך בעמערקט, איז שטארק צורודערט: זי קוקט אויף מיר פארשענדיג, זי וויל עפּיס ביי מיר דערגעהן, און איך האב מיך בעשלאססען איהר גאר נישט צו זאגען, על כל פנים נישט וועגן דער טאטע שלאפט.

— קינד מיינס, וואס האסט דו געוויינט?

— איך ווייס נישט, מאמע.

— פיהלסט דיך געזונד?

— יא, מאמישי! נור מהיי'ל מאל טהוט מיר דער קאפף וועה.

זי איז געזעססען האלב אנגעשפאַרט אויפ'ן בעטט און איך האב צוגערוקט דען קאפף און אנגעלענט אויף איהר הארץ.

— מאמע — פראג איך — וואס קלאפט ביי דיר דאס הארץ?

— פאר מורא, טאטעשי!

— דו האסט אויך מורא ביינאכט?

— ביי נאכט און ביי טאג, איך האב שטאנדיג מורא.

— וואס האסט דו מורא?...

— איך האב מורא פאר דיר...

— פאר מיר?

די מאמע אנטפערט נישט, נור איך פיהל, אז עס פאלט מיר א טרער אויפ'ן פנים, א ווארעמע טרער.

— דו וויינסט, מאמישי?

די טרערען פאללען אפטער און אפטער.

„איך וועלל נישט זאגען". בעפעסטיג איך מיך אין דער דעה.

פון דער לייטער אראב.

(נאכאהמונג).

די יודישע באראנעססא חאפלאפּ איז געוועזען נישט אין גוטען הומאר. דאס איז צו שוואך געזאגט געווארען. זי איז געוועזען אין א טייוולאנישען הומאר — דאס איז שוין כמעט ריכטיג. זי איז געוועזען אין א טייוולאנישען הומאר און, ווען זי וואלט געקאנט, וואלט זי דערטרונקען די גאנצע וועלט אין א לאפּפעל וואסער, אין דעם אייגענעם לאפּפעל, פון וועלכען זי האט שוין א פאר טאג דורך אנאנד נישט געקאנט אראבשלינגען א ביסל געשמאקסטען בוליאן, ווייל איהר איז נישט געגאנגען אין האלז, ווייל זי איז געוועזען אין א טייוולאנישען הומאר. די סבה פון איהר ביטטערן הומאר איז געוועזען צו וויכטיג, מען זאל עס קאנגען לייכט אראבשלינגען. אויף דעם באלל ביי'ם גראף האהענשטיין האט מען זי אנגאזשירט ערשט צו'ם פיערטען קאדריל און נישט פארגעשטעלט דעם הערצאג מיט זיין פרוי, וואס זענען געוועזען אויפ'ן באלל.

דאס איז טאקי געוועזען א שרעקליכע בעליידיגונג. פאר וואס? פאר וועגן?

דען טיטול באראנעססא האט זי נאך געירשנט פון איהר פאטער. ער, עליו השלום, איז געוועזען א גרויסער קאפף=מענש. ער האט אנגעהויבען, ווי מען זאגט, מיט די פינף פינגער. נור דער שכל האט איהם אונטערגעזאגט דריי זאכען: א גוט אויג, געשיקט זיין און... האפּען — און ער איז מיט

אין אַ ווײַלע אַרום פֿרעגט מיך פֿלוצלינג די מאַמע:

— צו האָט דיר נישט רבקה עפּיס אַנדערצײַלט?

— וועגען וואָס, מאַמע?

— וועגען דײַן חתן?

— פֿון וואַננען קענען זי מײַן חתן?...

— זי זאָלל איהן קענען, וואָלט זי נישט גערעדט; נור אַזוי, ווי אין שטאָדט... ווײַסט נישט, פֿאַר קנאה... אַ יוד אַ גביר, האָט כח צו נעמען אויף דער עלטער אַ בתולה, רעדט מען אַוודאי... ווײַס איך? צו האָט מען דיר נישט געזאָגט, אַז דאָס לעצטע ווײַב זײַנס איז געשטאָרבען, ווייל ער האָט זי געפּײַניגט?

איך זאָג איהר גאַנץ קאַלט בלוטיג, אַז איך האָב עפּיס געהאָרט דערפֿון, נור פֿון וועמען, ווײַס איך נישט.

— אַוודאַי פֿון רבקה'ן — דאָס מויל זאָלל איהר היינטיגען שטעהן — באָזערט זיך די מאַמע.

— פֿון וואָס דען — פֿראָג איך — איז זי אַזוי פּלוצלינג געשטאָרבען?

— פֿון וואָס? אַ האַרץ־פֿעהלער האָט זי געהאַט...

— נו וואָס? אַז מען האָט אַ האַרץ־פֿעהלער שטאַרבט מען?

— אַוודאַי.

מיר האָט עפּיס געקנאַקט אין מוח...

. . . .

איך בין געוואָרען אַ „ווידען קינד" — מען האָט מיך אין אַללע הייזער געלויבט; די טאַטע־מאַמע האָבען עס גאָר נישט געקאָננט פֿערשטעהן; דער שנײַדער אַוודאַי נישט. איך האָב מיר גאָר נישט אויסגעבעטען: וואָס די מאַמע האָט געוואָלט, האָט זי געמאַכט, וואָס פֿאַר אַ מאַטעריע, וואָס פֿאַר אַ שניט, וואָס פֿאַר אַ קליידער... אַלץ וואָס זי האָט נור אַלליין געוואָלט.

רבקה פֿלעגט אַרײַנקומען און קנײַפּען זיך אין די באַקקען: „ווער פֿערלאָזט זיך אין מאָרע זאָגען צ״ף אַ מאַמען — אַ יודענע פֿון דער אַלטער וועלט?! וועסט שבת נישט קאָננען זיך ווייזען, נישט אין שוהל, נישט אין גאַסס, אין ערגיץ נישט!

— דו קוויליסט זיך! האָט זי געענדיגט.

מיר איז אײַנגעפֿאַללען, אַז איך בין שוין לאַנג געקווילט. און איך האָב רוהיג געוואַרט אויף שבת נחמו, ווען מען האָט געזאָלט פֿערבעטען דען חתן אויף קדוש...

דערנאָך וועט זיין אַ אויפֿרופֿען, דער נאָך אַ חתונה.

דעם טאַטען איז ווירקליך בעססער. ער געהט טהייל מאָל אַרויס אין גאַסס אַריין, ער העבט אָן געוואָהר צו ווערען וועגען תבואה. רעדען, ווי ער האָט גע־

דער צײַט געוואָרען פֿון די גראָסטע אונטערנעהמער, פֿון די גראָסטע פּאָדריאַדטשיקעס, און האָט געבראַכט זעהר פֿיעל נוטצען דעם פֿאַטערלאַנד. פֿאַר איהם האָבען זיך אויפֿגעעפֿענט אַללע טהירען און אַ סך פֿון די גרויסע שררות האָבען זיך אָנגעהויבען מיט איהם אָפּט עצות האַלטען וועגען זייערע געפֿעהרליכע עסקים. בקיצור — ער איז געוואָרען אַ באַראָן.

זיין טאָכטער איז שוין אַ געבאָרענע באַראָנעסטאַ. איהר בלוט איז שוין ריין באַראָניש בלוט — און פּלוצלינג אַזאַ בעליידיגונג! אמת, איהר מאַנן האָט דערגרייכט צום טיטול באַראָן צוליעב דעם שווער... זי האָט פֿערשטאַנען דען טאָג, וואָס זי האָט נאָכגעגעבען דעם פּאַפּאַ און חתונה געהאַט מיט אַ יודען. וואָלט ער איהר דען נישט געקאָנט קויפֿען דען ערשטען בעסטען גראַף? יודישקייט אָדער יודען האָבען איהן דען געאַרט? ער האָט מעהר נישט דאָס געלד געקאַרגט!..

נור פֿאַר'ן מאַנן זאָגט זי עס נישט אַרויס.

— איך זאָג דיר, — קלאָגט זי זיך פֿאַר איהם, פֿאַהרענדיג אַ היים פֿון באַלל, — אַז מען טאָר די אַללע גראַפֿען און באַראָנען אויף דער שוועלל נישט לאָזען. זיי זענען אָרגער, איך ווײַס נישט פֿאַר וועמען, זיי מאַכען אויך אַ חלוק „יודען־קריסטען". זיי דאַרפֿען דאָך געוויס וויסען, אַז, ווען מען זאָלל גוט בעטראַכטען, זענען יודען די גראָסטע יחסנים.

דער מאַנן האָט איהר גאָר נישט געאַנטפֿערט. ער איז געוועזען שטאַרק פֿערנומען מיט זיינע געדאַנקען: ער האָט בעטראַכט, וועמען זאָלל ער איינלאַדען צו'ם מאָלצייט, וואָס ער וועט געבען,

קלערט, דעם חתן וועגען אַ הלוואָה, האַלט ער נאָך פאַר צו פריה; ער רעכענט שבת־נחמו צו פערבעטען איהן אויף שלש סעודות, און, נאָכ׳ן שלש סעודות, אַריין צו וואַרפען עטליכע ווערטער.

אַז עס איז שוין אַזוי גוט, איז צייט אָבצושיקען דעם רופא; מען האָט אפילו היינט קרעדיט, ער שיקט שוין נישט זיין יונג און קומט אַלליין, נור עס איז צייט, זאָלל זיין אַיין עקק. וויפיעל מען האָט אָבגעשיקט, ווייס איך נישט, נור דער שליח איז געוועזען אַברהמ׳ל, וואָס האָט גע־זאָלט, דורכגעהנדיג אין חדר אַריין, דער־לאַנגען די עטליכע גילדען.

שפּעטער איז פּלוצלינג אריינגעקוממען דער יונג...

— וואָס? ווענין געשיקט? בעגעגענט איהן דער טאַטע.

— ניין, ר׳ יהודה — איך בין מיך געקוממען געזעגענען.

— מיט מיר? פראָגט דער טאַטע פערוואונדערט.

אַזוי ווי ער איז אַריינגעקוממען, בין איך אַנידער געפאַללען אויפ׳ן ערשטען באַנקעל, וואָס איז געשטאַנען נעבען מיר; נור ביי די ווערטער האָב איך מיך פּלוצלינג אויפגעשטעלט און אין קאָפּף האָט אויפ־געבליצט אַ געדאַנק, אַז איך דאַרף איהן

שיטצען, נישט לאָזען בעליידיגען. נור עס איז נישט געקוממען דערצו.

— איך פלעג דאָ אריינקוממען — האָט ער געמאַכט מיט זיין ווייך, זיס און טרויעריג קול, וואָס האָט זיך געגאָססען אין יעדען האַרץ ווי בוימעל — ציינד פאָהר איך אַוועק, אויף שטאָנדיג... האָב איך געמיינט —

— נו, נו, אדרבה — מאַכט שוין גע־לאַססענער דער טאַטע — זעץ דיך, יונגער מאַנן, עס איז אפילו שאָן פון דיין וויט, אַז דו געדענקסט אין אַ בעל־בית...
אדרבה...

— טאַכטערשי, מאַכט ער צו מיר, מען דאַרף איהם עפּיס געבען!

ער האָט זיך אויפגעשטעלט בלאַסס, מיט ציטטריגע ליפּפען און פייערדיגע אויגען, נור אין דער רגע האָט זיך איהם דאָס פנים צוריק מרה שחורה׳דיג געאָנדערט.

— ניין, ר׳ יהודה, איך דאַרף נישט, איך דאַנק אייך — זייט געזונד!

ער האָט די האַנד נישט אויסגעצויגען צו קיינעם, נור אויף מיר האָט ער אַ בליק געוואָרפען.

אין דעם בליקק האָט געשטעקט אַ פאָרוואורף. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ער בעשולדיגט מיך, אַז ער וועט מיר

צוליעב דעם אָרדען, וואָס ער וועט היינט־מאָרגען בעקוממען.

און ווען די פרוי באַראָנעססאַ איז געוועזען אין טייוולאָנישען הומאָר, האָט ער איהר פאָרגעשטעללט אַ צעטטעל פון די, וועמען ער קלערט איינלאָדען, מיט אַיין אָנגעקניטשטען שטערן און מיט אַ רויטען בלייששטיפט אין דער האַנד האָט זי גענוממען איבער־קיקען דען צעטטעל. פּלוצלינג האָט זי זיך האַסטיג אַ וואָרף געטהאָן מיט׳ן גאַנצען קאָרפּער, געוואָרען רויט ווי צונטער און די אויגען האָבען געשאָסטען מיט פונקען. זי האָט אַ וואָרף געטהאָן דען צעטטעל אויפ׳ן טיש און אָנגעהויבען האַסטיג צו שטרייכען מיט דעם בלייששטיפט אויף אַיין אָרט.

דאָס איז געוועזען די פאַמיליע פון אַ יודישען סוחר, פון וועלכען איהר מאַן האָט זייט ער לעבט

טובות געהאַט.

— וואָס איהם קאָנן איינפאַללען? האָט זי זיך צורעדט. — גראַפען און באַראָנען און אַ פּראָסטער זשיד! אַז דו וועסט מאַכען אַ באַלל פאַר יודען, מאָגסט דו איהן דען ערשטען רופען, אפילו דען גאַנצען אויבען־אָן אַוועקזעצען! אָבער מיט גראַפען, באַראָנען?!.. אָט, דאָס איז דאָך די מעשה, וואָס איך קאָן דיך נישט אָבגעוואָהנען פון דיינע יודישע שטיק! ווי לעגט זיך דיר דאָס גאָר אויפ׳ן שכל? מילא, איך וואָלט נאָך קאָננען איינרעדען איינעם פון די עדעללייט, ער זאָלל זי, די זשידאָווקאַ, צו־פיהרען צום טיש — אַ מאַנסביל וועט זיך גראָד אַזוי נישט בעליידיגען. אָבער ער, דער זשידלאַק, זאָלל צופיהרען איינע פון די גראָסאַרטיגע דאַמען? דאָס וואָלט שוין געוועזען די גראָסטע בעליידיגונג!

ניט מוחל זיין — וואָס, האָב איך רעכט אַלליין ניט געוואוסט. נור איך בין ווייטער אין חלשות געבליבען.

— שוין דאָס דריטטע מאָל! — האָר איך — זאָגט די מאַמע צום טאַטען...

„עס מאַכט ניט אויס, אין די יאָהרען טרעפט זיך עס... נור חס ושלום ווערט ר׳ זיינוועלע געוואָהר, שיקט ער אָב די תנאים... ער האָט שוין גענוג געהאַט יענע חולנית..."

נור קיין חולנית בין איך ניט געוועזען.

אין חלשות בין איך אין גאַנצען נאָך איין־אײנציג מאָל געפאַללען: ביי דער גאָלדנער יאָך, אַז איך האָב „ר׳ זיינוועלין" דאָס ערשטע מאָל רעכט דערזעהן...

און ניט מעהר.

אפילו נאָכטען, ווען דער רופא, וואָס שנײדט מיין „ר׳ זיינוועלען" אויס אַללע חודש די נאָגעל, וואָס וואַקסען איהם אין די פיס אַריין, האָט מיך, אַרויסגעהענדיג, געפרעגט, צו איך געדענק זיין יונג, און דערצעהלט, אַז ער איז געשטאָרבען אין וואַרשאַווער שפיטאָל — בין איך ניט געפאַללען אין חלשות, און קוים אַ טרער געלאָזט. איך האָב אַלליין ניט געוואוסט פון איהר, נור דעם רופא איז זי, די טרער, געפאַללען.

— איהר זייט אַ גוטע — האָט ער געזאָגט, און דערמאָלט האָב איך זי ערשט דערפיהלט אויף מיין באַקק.

מעהר ניט!

איך בין אַ געזונטע; איך לעב שוין 5 יאָהר מיט ר׳ זיינוועלען...

ווי אַזוי, וועלל איך אפשר אַיין אַנדערסמאָל פערצאָהלען.

י. ל. פרץ.

אַלט און יונג.

1.

פריהער פלעגען אַלטע זינגען
פרומע, טרויעריגע לידער,
און די יונגע פלעגען האָרען
און זיך בעטען: זינגט אונז ווידער!

צו דעם הימעל פלעגען ד׳אַלטע,
צו דעם הימעל מיט די שטערען,
אויפצוהעבען פרום די אויגען,
קוקען און נתפעל ווערען.

און די יונגע פלעגען פרעגען,
וואָס די אַלטע זעהען אויבען;
ד׳אַלטע זאָגען זיי: „מלאָכים!" —
און די יונגע פלעגען גלויבען.

יענע וואָלט מיר געוואָרען אַ דם־שונא! און איך אַלליין וועל דאָס אודאי ניט וועללען, אַז ער זאָלל מיך צופיהרען צו׳ם טיש...

— ביי אונזער באָרען איז היינט אַ באַלל און אונז האָט מען ניט גערופען, — האָט געזאָגט דער סוחר צום ווייב.

— זעהר פיין פון זייער זייט! האָט זיך דאָס ווייב געקרימט. — מיר האָבען דאָס טאַקי פערדיענט ביי איהם! נור ער איז געוויס ניט שולדיג. דאָס איז איהר קאַפּעל: זי שעמט זיך דאָך שוין מיט אַ יודען! ווי וועט איהר דאָס גאָר אָנשטעהן צו זיטצען מיט אַ יודען ביי איין טיש? מען קאָנן זי גאָר ניט, די פריצה — זי שעמט זיך אויך מיט אַ יודען! ווי לאַנג האָט איהר מאַמע פערקויפט

אייער אויפ׳ן מאַרק?!. איך זאָג דיר טאַקי, אַז אונזערע יודען זענען ניט ווערט, וואָס זיי לעבען אויף דער וועלט. ווי זיי ווערען נור אַ ביסל ערהויבט, ווערען זיי שוין גאַנצע מיוחסים ביי זיך — און די ערשטע זאַך איז — אויסווייכען אַ יוד. ווי דער יוד איז דאָס אין צווייען אין גלות?! נו, רבונו של עולם!..

און איהר הומאָר האָט זיך פערצויגען מיט וואָלקען. און געראָד דאַן האָט זיך דעם קויפמאַן פערוואָלט מאַכען אַ באַלל — ווייל ער איז שוין 25 יאָהר סוחר.

אין צעטטעל פון די גאַסט זענגען געשטאַנען די גראָסטע לייט און סוחרים.

— ווייסט, וועמען איך וואָלט נאָך גערופען? האָט ער געזאָגט דעם ווייב, איך וואָלט נאָך גערופען

און אז אויף דעם בלויען הימעל
וואלקען שווערע, גרויע ציהען
פלעגען ד'אלטע זיך פערקוקען
און פערצאהלען, אז דאס פליהען

די נשמות פון צדיקים,
די נשמות פון רשעים,
די נשמות פון דער חברה,
פון שמשים און גבאים.

נור נשמות פלעגען ד'אלטע,
זעהען אין די וואלקען אויבען.
און די יונגע פלעגען הארען,
און די יונגע פלעגען גלויבען.

2.

דורות ציהען, דורות פליהען —
יונגע פלעגען אלטער ווערען
און די יונגערע צו לערנען
וועגען וואלקען, הימעל, שטערען...

און די אלטע ווערען אלטער,
גראהער, שוואכער און זיי שיידען
פון דער וויסטער וועלט און ווערען
„אויפגענומען אין גן־עדן!"

און די ענקעל פלעגען פראגען,
וואס די זיידעס טהוען אויבען?

דען רב מיט דער רביצין, זיי..
— וואס נאך וואלסט דו זאגען? האט איהן דאס וויב איבערגעריסען מיט היטץ. דארפסט זיי דא נאטיג האבען, דאס שיינדעל? ער זאלל זיך מיר אוועק זעטצען אין איין אויבען־אן אין זיין לאפסערדאק און יארמאלקע, און זי אין דעם אנדערן אין ציפיק! וואס איז, אהן א רב קאנסט דו נישט אויסקוממען? אוי, אוי, אוי! מיט דיר קאנן מען טאקי פיהרען א הויז מיט לייטען צו גלייך! איהם פעהלט דער יוד, די לאנגע פאות פעהלען איהם!...

זי האט איהן דערביי דורכגעשטאכען מיט א בליק, אז ער האט זיך נישט דערוואגט א ווארט איבער צו רעדען.

———

— זעהר פיינע יודען האבען מיר, נישט דא

— „תורה לערנט מען אין גן־עדן"
און זיי הארען, און זיי גלויב[illegible]

3.

פון סעקונדען ווערען שטונדען
און פון שטונדען ווערען טאג
[illegible]ון חדשים געהען איבער,
יאהרען ציהען זייער וועג —

און עס קוממען נייע צייטען,
נייע מענשען שטעהען אויף —
און די יונגע זינגען ליעדער,
און די אלטע הארען אויף.

ליעדער נייע פונ'עם לעבען,
פונ'עם לעבען דא אויף דר'ערד,
זינגט דער נייער דור און פרייט זיך
און [illegible]ער אלטער שווייגט און הארט.

און צום הימעל העבען יונגע
אויף די אויגען, צו די שטערען.
און זיי זאגען: „דאס איז וועלטען" —
און די אלטע מוזען הארען.

אללע שטערען זענען וועלטען,
און די וואלקען זענען פארע.
און עס שטעקט קיין פיצעל רשע
אדער צדיק אין דער המארע...

וואס צו רעדען, האט די רביצין געמורמעלט, — מען מאכט א באלל פאר א האלבע שטאדט און דען רב רופט מען נישט. דער רב וועט זיי דאך די אויגען פערשווארצען — מען שאמט זיך דאך, ברוך השם, היינטיגע צייטען מיט א רב. עס איז טאקי דען א וואונדער, וואס דער יוד האט צרות? ווי פיעל ער האט, איז נאך אלץ ווייניג! ער האט נאך געדארפט האבען כפל כפלים. זיי זענען א סך ערגער פאר אללע אנטיסעמיטען! א קריסט איז דאך בעססער פאר זיי! א קריסט האט שוין מעהר דרך ארץ פאר א רב...

— מילא, האט איהר דער רב געאנטפערט, מען טאר אויף א יודען קיין שלעכטס נישט רעדען! לא'מיר בעססער מאכען א צעטטעל, וועמען מיר זאללען רופען אויף אונזער שמחה.

און דער הימעל איז קיין פארמיט—
אנדערש איז עס גאר דארט אויבען—
און די אלמין ריזען האַרען.
נאר זיי קאָננען דאָס נישט גלויבען.

4



ד"ר היינריך נוסבוים:

דער גוף און די נשמה *)

ב.

אויב עס זענען געזונד די חושים, די נערווען און דער מוח, ד. ה.: אויב די טויערען זענען אפפען, די וועגען — פריי און די פאבריק אין ארדנונג, ווערט פון די איינדריקע, פון די"ם רויהען מאטעריאל, וואס די וועלט שטעלט אונז צו, אויסגעארבייט די רוחנישע, גייסטיגע סחורה, וואס מיר רופען: געפיהלען, וויססען און וויללען.

נור צו וועללען אלליין איז נאך וועניג! מען קאָנן פיהלען הונגער, וויססען מיט וואס מען קאָנן איהן שטיללען און דעריבער וועללען עססען און דאך שטארבען פאר הונגער נישט וויט פון ברויט אדער אנדער עססענווארג, אויב מען איז צו'ם ביישפיעל, פאראליזירט און מען קאָנן זיך פון ארט נישט ריהרען.

אויסער פיהלען, וויססען און וועללען מוז מען זיך נאך קאָננען בעוועגען, ריהרען זיך מיט'ן גאנצען קארפער פון איין ארט אויפ'ן צווייטען אדער ריהרען מיט איינציגע גליעדער.

קיין שום זאך אין דער נאטור קאָנן אהן בעוועגונג נישט לעבען, אפילו די שנעקקען, וואס לעבען צוגעוואקסען מיט זייערע הייזלעך צו'ן א פעלזען ביים ים, האָ[...]ן אין די הייזלעך א פענסטערל, פון וועלכען זיי שטעקען ארוים די קאפלעך און חאפפען זיך אריין זייער עססענווארג פון דער לופט. אפילו דער בוים, וואס עס דאכט זיך, אז ער ריהרט זיך נישט, האט אויך זיין פרייע בעוועגונג, אהן וועלכער עס וואלט נישט מאגליך געוועזען זיין לעבען. די בעוועגונג זיינע שטעקט אין די ווארצלען, וואס רוקען זיך אונטער

*) זעה „תמוז".

דער רב האט אויך א יום טוב! ער איז אלט געווארען 50 יאהר, און נישט יעדער קאָנן אזוינס בעווייזען! ער האט אנגעהויבען אויסרעכענען אללע פיינע בעלי-בתים פון שטאדט, דערנאך איז ער אריבער צו די כלי-קדש: צו די שוחטים, שמשים, מלמדים, בטלנים...

— בטלן, א, בטלן! האט איהן די רביצין איבערגעריססען, — דו קאנסט נישט ליידען, אז ביי דיר וועט זיין א ביסל ריין אין שטוב? דארפסט דוקא האבען די בלאטע ביי זיך? נישט קשה, מען וועט זיך בעגעהן אהן זיי אויך! אוועקזעטצען ביי איין טיש הערן לאבערזאק אדער לאנגהאנד מיט די פערפושטע שלעפער — וואס נאך וועסט דו וועללען? פון זייערט וועגען דארף איך נישט מאכען אזא פאראד! אז איך וועלל וועללען גאר יוצא זיין, וועללען מיר זיך מארגען מאכען פון זייערט וועגען איבערגייס א טיש!...

און וועגן ביי דעם רב איז די שמחה, זיטצט א צעהנדליג בטלנים אין קלויז ארום אויבען און קלאגט זיך:

— היינטיגע רבנים! אללע גלוחים האט מען פערבעטען און פון אונזערע לייט קיין איינציגען נישט — אפילו ר' יונה'ן, דען שוחט, נישט גערופען! שאן, נישט דא וואס צו זאגען!

— עה! האט אוועקגעמאכט מיט דער האנד א בטלן, — נישט דא וועגען וועמען צו רעדען! פאלגט מיך און לא'מיר איהם צו להכעיס שיקקען נאך א ביסל משקה!...

און בשעת זיי האבען געטרונקען לחיים און

דער ערד, מיידען אוים שטיינער אונ זוכען זיך אב זייער חיונה, זייער פייכטיגקייט אונ זאלצען, מיט וועלכע זיי שפייזען דען בוים.

מיט דער הילף פון א מיקראסקאפ ענט־דעקקען מיר אין א טראפפען וואססער מילליאנען קליינע בעשאפפניססען, נור יעדע ברואה האט אין דעם טראפפען א פרייען פלאטץ צו בעוועגען זיך אום אוים־צוזוכען זיין לעבענסמיטטעל!

אויסער דעם, וואס די בעוועגונג איז נוטצליך פאר'ן גוף, וואס איהר צו פער־דאנקען, קאננען מיר נעמען זיך דאס נוטצליכע אונ אויסמיידען דאס שאדליכע, איז די בעוועגונג נישט וועניגער נוטצליך פאר דער נשמה, פאר דאס גייסטיגע לעבען.

מיר וויסען שוין, אז דאס גייסטיגע לעבען בעשטעהט פון פיהלען, וויססען אונ וועללען, אונ — אז די דריי מינים סחורה ווערען אויסגעארבייט פון דעם רויהען מאטעריאל, פון די איינדריקען, וואס מיר בעקוממען פון דער וועלט. נור וואס פאר איין איינדריקע וואלטען מיר געהאט, אדער ווי ארם וואלטען זיי געוועזען, ווען מיר וואלטען זיין אהן בעוועגונג, ווען מיר וואלטען געבארען ווערען אונ געשטארבען אויפ'ן איינענעם ארט?

די בעוועגונגען, וואס מיר מאכען, געשעהען מ י ט אדער א ה ן אונזער וויללען. די בעוועגונגען, וואס מיר מאכען מיט'ן גאנצען קארפער, געשעהען דאס רוב מ י ט אונזער וויללען, דאך דרעהען מיר זיך איבער,ווארפען זיך אום אין שלאף, אונ נאכט־וואנדלער (לונאטיקעס) קריכען אין שלאף אויף די גלייכע וואנד. דאגעגען געשעהען די בעוועגונגען פון די אינגער־ווייניגסטע גליעדער אין אונזער קארפער גאר אהן אונזער וויללען אונ וויססען: דאס בלוט רינט אהן אויפהאר אין די אדערן, צו מיר וויללען יא צו נישט, אונ ביז א קורצע צייט האבען מיר גאר נישט געוואוסט, ווי אזוי דאס בלוט ריזעלט. אזוי אויך ארבייט דאס הארץ, ציהט זיך איין אונ צושפרייט זיך, נעמט אריין בלוט אונ שטויסט עס ארוים אין די אדערן אריין, אויך גאר אהן אונזער ידיעה. דעסגלייכען אטהמען די לונגען אומגעפראגט אונזער דעה. דער מאגען, די געדארם, די ניערען, די גאלל — דאס זענען גאנצע פאבריקען אין אונזער קארפער אונ זיי טהוען זיך זייערס אהן אונזער רשות.

יעדע בעוועגונג, סיי זי געשיהט מ י ט אדער א ה ן אונזער וויללען; סיי עס מאכט זי דער קארפער אין גאנצען אדער א גע־וויסס אינגערוועניג אדער אויסענוועניג גליעד — געשיהט מיט דער הילף פון פלייש.

דער יסוד פון אונזער גוף איז א ביי־נערנער סקעלעט; דער סקעלעט איז געבויט פון מאססען פערשיעדענארטיגע ביינער. די „געלענקען" זענען די ארטער, וואו צוויי ביינער קוממען זיך צוזאממען אונ קאננען זיך פריי בעוועגען ווי אויף זאוויאסען. איבער'ן סקעלעט קומט דאס פלייש.

ביים מיטטאג, ווען איהר עסט פלייש, אדער בעססער נאך אין יאטקע, וואו עס ליגען די „פרעדקיס", קאנט איהר לייכט בעמערקען, אז דאס פלייש פון בעל־חי בעשטעהט נישט פון איין שטיק, נור פון פערשיעדענע פאססען וואס וויקלען

בעוואונשען זיך, יודען זאללען האבען בעססערע רבנים, זענען אריין אין קלויז קארל אונ זרח די נאכט־וואכטער, אנצוווארמען זיך.

— יהודים! האט זיך אנגערופען א בטלן, — מען דארף נתנ'ן דעם ערל א ביסל משקה — מיפני דרכי שלום.

— זרח'ן שוין אויך, האט נאך איינער פארגע־לעגט.

— זרח'ן? פעך! נאך מיט דעם נאכטוואכטער האבען צו טהון!

דוד פינסקי.

ארום די ביינער אויף פערשיעדענע וועגען און פערשיעדענע ארטען. יעדער איינציגער פאסס אדער „מוסקול" קאנן זיך איינ=און אויסציהען און אזויערנאך קאנן די בע= וועגונג געשעהען. אז דער מוסקול למשל פון עללענבויגען, וואס בעשטעהט פון צוויי ביינער מיט א געלענק ציהט זיך איין, נעמען מיר די האנד צו זיך, ציהט זיך דער מוסקול אויס — ציהען מיר אויס די האנד!

די מוסקעלן אלליין (אהן געהירן און נערווען) קאננען זיך דאך נישט בעוועגען, נישט איינציהען און נישט אויסציהען. זיי ערפילען נור דען בעפעהל, וואס קומט פון די געהירן אין קאפף אדער אינ'ם מארכ= ביין, דען בעפעהל, וואס די נערווען ברענגען זיי צו!

דער מוח (וואס ליעגט אין קאפף און אינ'ם מארכביין) איז אזויערנאך א פאבריק, אין וועלכער די נערווען פיהרען אריין ידיעות און פיהרען ארויס בעוועגונגען. יעדע פאבריק, וואו מען פיהרט אריין און ארויס, מוז האבען: אדער צוויי ערליי וועגען, אדער איין וועג א ברייטען, וואס קומען אריין, זאללען זיך קאננען מיידען מיט די, וואס פיהרען ארויס. נאטירליך איז בילליגער אויפצוהאלטען איין ברייטען וועג איידער צוויי שמאלע, נור די נאטור איז א רייכע פריצה און ערלויבט זיך אויפצוהאלטען צוויי ערליי וועגען — צוויי ערליי נערווען: „עמפפינדונגס=נערוועו", וואס פיהרען די איינדריקע פון דרויסען אין מוח אריין, און „בעוועגונגס=נערווען", וואס פיהרען פון מוח ארויס די בעפעהלען אויף בע= וועגונגען!

מיר האבען, זעהט איהר, צו טהון מיט צוויי ערליי פראצעססען אדער צוויי ערליי אקטען. מיר וועללען נעמען א פראסטען ביישפיעל: עס האט זיך אונס געשטעלט א פליעג אויפ'ן שטערן און מיר טרייבען זי אוועק מיט דער האנד. די גאנצע גע= שיכטע האט געדויערט א רגע און דאך זענען דא צוויי פראצעססען געשעהען.

דער ערשטער פראצעסס העבט זיך אן אויף דער הויט פון שטערן, וואו די פליעג האט זיך געשטעלט; די הויט ווערט געררייצט, דער חוש המשוש בעקומט איין איינדרוקק און שיקט איהן דורך דען עמ= פפינדונגס=נערוו אין מוח אריין. דארט ווערט דערפון דער בעגריף, דאס וויססען, אז עפיס רייצט אונס דען שטערן. ווייל עס איז אונס נישט דעם ערשטע מאל, מיר האבען שוין הונדערטער און אפשר טויזענ= דער מאל געפיהלט אזא מין קראצען די הויט און מיט דער הילף פון די אויגען האבען מיר געזעהען, אז דען איינדרוקק האבען מיר דער פליעג צו פערדאנקען, דרינגט זיך דער מוח, אז דער יעצטיגער איינדרוקק קומט אויך ארויס פון א פליעג און ער קומט צו דער דעה, אז — א פליעג שטעהט אויפ'ן שטערן! טהייל מאל נארט ער זיך אב. אז עמיץ פיהרט אונס הינטען לייכט איבער דען האלז מיט איין עק פון א שטרוי — מיינען מיר אויך, אז עס איז א פליעג. נור אין דעם פאלל, וואס מיר רעדען, האט זיך דער מוח נישט טועה געוועזען: דער בעגריף איז ריכטיג — עס שטעהט א פליעג! מיט דעם בעגריף „א פליעג שטעהט" האט זיך געענדיגט דער ערשטער פראצעסס: אנגעהויבען האט ער זיך אויף דער הויט און אויסגעלאזט אין מוח!

ציינר געהט א צווייטער, פערקעהרטער פראצעסס, וואס האט זיין אנהעב אין מוח און וועט זיך ענדיגען אויף דער הויט: דער מוח אנטפערט אויף דעם רייצען פון חוש המשוש גאר נישט פריינדליך, ער וויל די פליעג נישט האבען און עס געהט ארויס פון מוח א בעפעהל, און עס טראגען איהן די בעוועגונגס=נערווען, עס ערהאלטען איהן די מוסקעלן פון דער האנד און זיי ציהען זיך איין אויף אזא אופן, אז די האנד בעוועגט זיך און יאגט אוועק די פליעג.

צו דער פראצעסס געדויערט לאנג און מיר בעמערקען איהן און וויסען פונ'ם, צו ער געדויערט צו וועניג, אדער מיר זענען

מיט עפיס אנדערס פערנוממען און דער גאנצער טאפעלטער אקט געשיהט אהן אונזער וויססען, סיי ווי סיי קאנן קיין איינציגע בעוועגונג נישט געשעהן אהן דעם בעפעהל פון די געהירן.

און אזוי ווי ביים ערשטען אקט, כדי ער זאלל ריכטיג אויסגעפיהרט ווערען, מוזען געזונד זיין: די חושים, די עמפפינדונגס=נערוון און דער מוח, אזוי מוזען ביים צווייטען אקט געזונד זיין: דער מוח, די בעוועגונגס=נערוון און די מוסקעלן, ווי אויך די ביינער מיט זייערע געלענקען.

צו יעדער בעוועגונג מוזען ערשטענס געזונד זיין די געלענקען, די זאוויאסען, אויף וועלכע די ביינער ריהרען זיך, דערנאך די פאססען פלייש, די מוסקעלן, וואס וויקלען זיי ארום — כדי זיי זאללען זיך קאננען איינציהען און אויסציהען, אויס= און אוועקבייגען אדער צוריק אויסגלייכען די ביינער; ווערט איין אנצינדונג ביי די געלענקען, אדער ווערט ביי סאלדאטען פון אסך רייטען אדער מארשירען פערהארטיוועט דאס פלייש פון די פיס, איז די בעוועגונג נישט אויסצופיהרען. אין ערשטען פאלל לאסט זיך נישט בייגען דאס ביין, אינ'ם צווייטען פאלל — קאנן זיך נישט איינ= און אויסציהען דאס פלייש, עס זאלל ריהרען די ביינער. אז עס מאכט זיך אויף איין ארט אינ'ם פלייש א מכה קאננען מיר שוין מיט דעם ארט נישט ריהרען.

געזונד מוזען אויך זיין די נערוועןן. אז עס האקט זיך איבער א בעוועגונגס=נערוו, בלייבט א געוויססער מוסקול האנגען, און מיר קאננען מיט איהם נישט ריהרען. טהייל מאל בלייבט האנגען פון א שניט אין דער באקק, וואס האט איבערגעהאקט א געוויססען נערוו, די גאמבע מיט דער אונטערשטער ליפ און מיר קאננען דאס מויל נישט פערמאכען; ביי אלטע איז דער זעלבער נערוו אבגעשוואכט און זיי האלטען שטאנדיג אפפען דאס מויל. פאראליזש, ביי וועלכען דער קראנקער פערליערט די בעוועגונג אין גאנצען אדער אין א טהייל פון קארפער, איז א קראנק פון די בעוועגונגס=נערוון; דער מוח הייסט ריהרען זיך, דאס פלייש איז געגרייט אויסצופיהרען דען בעפעהל, נור דער נערוו, די פערבינדונג צווישען געהירן און פלייש, איז איבערגעהאקט, פערדארבען, און דער מוח האט איבער'ן גוף, אדער איבער אטהייל פונ'ם גוף, נישט צו שאפפען!

עס פערשטעהט זיך, אז דער עיקר מוסס געזונד זיין דער מוח! דער מוח קאנן קראנק זיין אויף אזא אופן, אז ער וועט נישט אומשטאנד זיין אויסצוארבייטען דען בעפעהל פאר די מוסקעלן, אז עס וועט גאר נישט געבארען ווערען דער ווילען זיך צו בעוועגען!

אונזערע געהירן בעשטעהען: 1) פון צוויי האלבע קוילען און א קליין מוח'ל אונטער די קוילען, וואס ליגען אין קאפף, און 2) פון לאנגען מוח וואס לאזט זיך אין מארכביין אראב. די געהירן מיט אונזערע אברים פון גוף זענען פערבונדען מיט איין אונגעהייערע נעץ פון עמפפינדונגס= און בעוועגונגס=נערוון. נישט אלץ געשיהט מיט דער הילף פון גאנצען מוח, נור יעדעס טהייל האט זיין ווירקונג. מיר קאננען מיט דער הילף פון קינסטליכע אפעראציעס אויסשניידען ביי חיות פערשידענע פיצליך געהירן און לויט דעם וועט דאס טהייער פערליערען א געוויססען כח אויף א געוויססע ווירקונג. אויף איין ארט מאכען מיר צושאנדען דאס זעהען, דאס הארען, דאס פיהלען, דאס אנטאפפען; אויף אנדערע ארטער—דאס פיהלען, וויסען אדער וועללען! מען האט אסך מאל אפעריערט הינד און טויבען אויף אזא'ן אופן, אז זיי זענען אין גאנצען געזונד, נור עס פעהלט זיי נישט מעהר ווי די מעגליכקייט צו וועללען! אז מען לעגט זיי אין מויל אריין עססענווארג, קייען זיי, שלינגען און פערדייען, נור נעמען זיך עססען, עס מאג ליגען נעבען מויל—קאננען זיי נישט, וויל

זיי קאָננען נישט וועלען עסכען. אַזוי אויך קאָננען זיי געהען אָדער רוהען, נור אָנהעבען צו געהען אָדער — אויפֿהאָרען און אָבשטעללען זיך קאָננען זיי נישט, ווייל זיי קאָננען נישט וועללען געהען אָדער וועללען שטעהן אויף איין אָרט. שטעהען זיי, וועללען זיי זיך קיינמאָל אַלליין נישט ריהרען פֿון אָרט; שטויסט מען זיי אַוועק, וועללען זיי אַזוי לאַנג געהען, ביז עס וועט זיי עמיץ אָדער עפּיס פֿערהאַלטען!

דאָס זעלבע טרעפֿט זיך ביי'ם מענש, אויב דער פּאַססענדער טהייל געהירן ווערט געשאָדיגט דורך אַ וואונד אין מוח; וואָס עס טרעפֿט זיך גאַנץ אָפֿט ביי סאָלדאַטען, וואָס ווערען געראניעט אין קריעג.

מיר זעהען, אַז דער גוף מיט דער נשמה, אָדער, ריכטיגער געזאָגט, דאָס גייסטיגע מיט'ן קאָרפּערליכען לעבען זעננען אַזוי פֿערקניפּט און פֿערבונדען, אַז עס איז נישט מאָגליך, איינם זאָלל אויפֿ'ן צווייטען נישט ווירקען. מיר האָבען שוין דערמאָנט, אַז אונזער גוף — יעדער פֿאָדעם פֿלייש, יעדעס פּיצעל ביין, יעדער טראָפּען בלוט — בעשטעהט פֿון דראָבנע איינציגע קאָממערליך, און יעדעס קאָממערל איז אָבהאָנגיג פֿון אונזער געמיט און גייסטיג-לעבען; און פֿערקעהרט — אונזער גייסטיג לעבען ווי אויך אונזער געמיטה זעננען אָבהאָנגיג פֿון דעם בעשטאַנד, אין וועלכעם עס געפֿינט זיך יעדעס איינציגע קאָממערל אין אונזער גוף!

עס בלייבט אונס צו ברענגען עטליכע ביישפּיעלען, וואָס וועללען אייך בעווייזען, ווי וויט עס דערגרייכט די פּעולה פֿון אונזער געמיטה אויפֿ'ן קאָרפּער:

עס איז בעקאַנט אַ פֿאַקט, אַז ביי'ן אַ געוויססער דרייצעהן-יאָהריגער אידיאָטקע, וואָס האָט געליטטען אויף דער שווערער קראַנקהייט, פֿלעגט זיך אַללע וואָך, טהייל מאָל אַללע צוויי וואָכען, בייטען דאָס געמיטה (דער הומאָר) און מיט איהם צוזאַממען — די פֿאַרב פֿון די האָהר! דאָס געמיטה פֿלעגט איבערגעהען פֿון פֿריילליכקייט אויף מרה שחורה און פֿערקעהרט, און די האָהר — פֿון העלל-בלאָנד אויף פֿלאַמם-רויט און פֿון פֿלאַמם-רויט אויף העלל-בלאָנד.

איין אַנדערער חולה־נופל פֿלעגט פֿאַר יעדען צופֿאַלל אַריינפֿאַללען אין אַ מרה שחורה און דערפֿון פֿלעגען איהם די האָהר צו ווערען האַרט געקרייזעלט און רויט, איז אָבער די מרה אַריבער, זעננען די האָהר צוריק געוואָרען ווי פֿריהער — פֿיין, ווייך און טונקעל-בלאָנד מיט אַ גלאַנץ! עס איז בעקאַנט געוועזען אַ גאַנצע משפּחה, ביי וועלכער די האָהר פֿלעגען זיך קרייזלען פֿאַר פֿרייד און אויסגלייכען פֿון עגמת נפש. פֿלעקקען אויף דער הויט, וואָס קוממען אַרויס פֿון פֿערשידענע ערעגונגען, ווי גרויס פֿרייד, צאָרן ובדומה, האָט געוויסס יעדערער געזעהן.

אַז מיר פֿערלאָזען די הויט, וואָס איז די גרעניץ, וואָס טהיילט אָב דען מענש פֿון דער רעשט וועלט, בעגעגנען מיר זיך מיט די מוסקולן, — מיט'ן פֿלייש, וואָס קראַנקט גאַנץ אָפֿט דורך מאָראַלישע סבות. יעדער קאָרפּער, און יעדער אבר אינ'עם קאָרפּער, האָט אַ געוויססע מאָס פֿון קראַפֿט צו דער אַרבייט. טהייל מאָל איז אָבער אונזער וויללען אַ שלעכטער בעל הבית און ער נאָטיגט די אברים, זיי זאָללען מעהר אַרבייטען, אַלץ זייער כח טראָגט אויס. דעמעלט אַרבייטען מיר זיך איבער, מיר ווערען מיעד, עס טהוט אונס וועה דאָס גאַנצע לייב, עס ברעכען די ביינער. גאַנץ אָפֿט טרעפֿט זיך, אַז פֿון איבעראַרבייטען פֿאַללען מיר אין אַ שווערע קראַנק אַריין, און מיר מוזען, ווענינגסטענס אויף אַ צייט, גאָר אין גאַנצען אויפֿהאָרען צו אַרבייטען. טהוען מיר עס נישט, דרויט (גראָזשעט) אונז אַ פֿלייש-אָבצעהרונג, דאָס איז אַ קראַנק, אַז די מוסקאַלן „וואַקסען צוריק", זיי ווערען אַללע מאָל דיננער, שמאָלער

און קירצער, און מען זעהט כמעט ווי זיי שווינדען! דעמאלט האבען מיר עס נור דעם מוח צו פערדאנקען, אויב אונזער לייב געהט צו גרונד! ביי געוויססע גייסטעס־קראנקהייטען טרעפט זיך „קאטאלעפסיא", דאס איז א ווינדערליכער צושטאנד פון לייב, ווען די מוסקעלן ווערען שטאר ווי פערשטיינערט און קאננען זיך נישט איינציהען אדער אויסביינגען. דער מענש איז אזוי שטייף ווי א ברעט און מען קאנן איהן אנשפארען מיט'ן שפיץ קאפ אויף איין באנקעל און מיט די פינגער פון די פיס אויף א צווייט, און ער וועט אזוי ליגען אויסגעצויגען ווי א דראט, חאטש מען וועט איהם ארויפלעגען א גרויסע לאסט אויפן בויך.

ביינער־קראנקהייטען טרעפען זיך אויך: פאר שרעקק ווערען די געלענקען אנגעשוואללען און מיר קאננען קיין בעוועגונג נישט מאכען.

וואס פאר איין איינדרוקק אונזער געמיטה האט אויף די אינערווייניגסטע אברים, ווי אויף לונגען און הארץ, ווייסען מיר שוין; עס איז אויך גענוג יעדער זאלל זיך דערמאנען, ווי אזוי ער אטהעמט אין שרעק, ווי אזוי עס קלאפט איהם דאס הארץ און דערגלייבען.

מיר האבען דא קיין פלאץ נישט צו בעשרייבען די ווירקונג, וואס אונזער מאראליש לעבען האט אויף ניערען און לעבער, ווי אויך אויף אנדערע איברים; עס איז גענוג, אז מיר ווייסען שוין, אז אונזער לייב און אונזערע געהירען זענען פערבונדען מיט א נעץ פון נערוועו; אז דורך די נערווען, וואס קוממען צו צו יעדען קאמערל אין לייב, איז אונזער „גוף" און „נשמה", אונזער גייסטיג און קארפערליך לעבען, אזוי צוזאממענגעבונדען, אז איינס קאנן נישט געזונד אדער קראנק זיין אהן דעם צווייטען.

דאס דארפען דער עיקר געדענקען די עלטערן, וואס ווילען גוט ערציהען זייערע קינדער. מען דארף אכטונג געבען נישט נור אויף קאפף און הארץ נור אויך אויפן לייב, אויפן קארפער בכלל, מען דארף זעהען, אז דאס קינד זאלל זיך רעגעלמאססיג גלייך ענטוויקלען, נישט איבערארבייטען זיך, נישט צופיעל לעדיג געהען. און בעשאפטיגט זאללען זיין אללע אברים, ד. ה.— דער קארפער מיטן גייסט צוזאממען! דער קאפף דארף לערנען, דאס הארץ פיהלען, די מוסקעלן ארבייטען, נור — אלץ אין דער מאס.

רעפערירט און פאפולאריזירט פון

ד״ר ג. לווין.

די ליעבע.

דאס וואלט געוועזען, ווען גאטט זאלל די ליעבע
אונז נעמען אוועק?
די וועלט וואלט געווארען א מדבר, א וויסטע,
א זאמד אהן א ברעג!

דאס הארץ וואלט דערשראקקען געצאפפעלט אין מיטן
פאר ווייטאג פערדארט;
און, גלייך אהן א זונן, וואלט די וועלט זיך פערחשכט
פערגליווערט, פערשטארט!

און ס'לעבען וואלט אונזערם א שונא געוועזען!...
און דער, וואס עס האט
דאס לעבען בעשאפפען, דער וואלט נישט געוואלט שוין
זיין איהם א גאטט!

י. [illegible].

דאס טעאטער.

— א שאנעם איידים האסטו דיר איינגעהאנדעלט, אויף אללע מיינע שונאים געזאגט — מאכט ביילע מיט כעס צום מאנן — עס איז אין איהם שוין ווידער אריין דער דבוק, ער קומט שוין ווידער אהיים שפּאט ביי נאכט, אזוי ווי פאר יאהרען, נישט היינט געדאכט!

— וואס? ער איז שוין אפשר ווידער אין טהעאטער? — האט זיך משה אויפ־געכאפּט דערשראקען.

— די שרים ווייסען — האט זי באזו געאנטפערט — איך קוק איהם דען נאך, וואהין ער געהט? נענוג, אז דריי, פיער מאל אין דער וואך קומט ער שוין ווידער אהיים איינסען—צוויען ביי נאכט.

— אשאנע ריינע כפרה מיט דעם יונג — האט ער געגעבען א קלאפּ מיט דער האנד אן טיש אריין, דאס שווארצע יאהר ווייסט, וואס פון איהם איז געווארען; אזא פייערדיגער קאפּף, אזאן עלוי אונ פלוצלונג — אזא מפלה. — אונ וואס זאגט מלכה? —

— מלכה? — האט זי ווידער גע־פרעגט — מלכה? זי איז אקינד, זי האט איהן אוודאי ליעב, אשאנער יונג איז ער, מאקי — הויך געוואקסען, ווי א בוים, נו, גט'ען וועט זי זיך מיט איהם אוודאי נישט!

— ווער רעדט פון א גט? — האט ער זיך אנגעכאפּט. ער הייבט זיך אויף אונ געהט איבער דער שטוב; פערזארגט אונ צופּענדיג די באָרד, רעדט ער ווייטער:

א גט? ווער רעד פון א גט? פערגעסט רב צדוק'ס איין איינינקעל, אונ ווער ר' צדוק איז, ווייסט דו? ר' צדוק — ער שטעלט זיך אב מיט א גדלות — איז איינער פון די ל"ו צדיקים! אזא מחותן צו האבען איז דאכט זיך קיין קליינינקייט נישט, הא? ווי מיינסט דו? קיין בושה, דאכט זיך, הא?

יא... וויללביילע קוממען צום ווארט, נור ער האט נאך נישט געענדיגט זיינס —

אונ זארג נישט — האקט ער איהר איבער — פון דוד'לען וועלל איך, מיט גאטס הילף, דאס משוגעת ארויסטרייבען, אזוי ווי איך האב ארויסגעטריבען פאר יאהרען. ער שטעלט זיך ווייטער אב פאר ביילען:

— געדענקסט די מארינארקע?

ער פאלט ווייטער אריין אין א גדלות:

— איך האב זי צו שניטטען אויף שטיקק־שטיקקלאך; דעם סטודענט, וואס האט'ן אנגערעדט דערצו. האב איך

די נשמה.

(קוואללען: טעילאר—לעבאק—ספענצער).

איינס פון די שטארקסטע בעווייזען, אז אללע מענשען קוממען ארויס פון איין שטאמם, איז דאס, וואס מיר טרעפפען אין אללע צייטען אונ אויף אללע ערטער אהנליכע אידעען איבער גאטט, וועלט אונ מענש.

איינע פון די אלגעמיינסטע אידעען איז דער גלויבען אין נשמה, גייסט אדער זעעלע.

פון וואנגען נעמט זיך דער גלויבען? ווי אזוי האט ער זיך ענטוויקעלט? פון דעם וויללען מיר רעדען אין איינינע ארטיקלען.

א) ווענען גייסט אונ זעעלע.

וואס נידריגער דער מענש שטעהט אין דער בילדונג, מעהר איז ער געניינט צו האלטען אלץ, וואס רינגעלט איהן ארום, פאר טאפּעלטע, צוויי־פאכינע זאכען.

אויסער דעם, וואס ער זעהט מיט די אויגען, טאפּט אן מיט דער האנד אונ קאנן הארען אונ פיהלען... זעהט ער איבעראלל נאך איין איינגער־ווייניגסטע, א באהאלטענע, זיין עוועלערע זאך, וואס לאזט זיך נישט זעהען, נישט אנריהרען, אונ דאך מוזס עס זיין דער אינהאלט, דער תוך פון דער זאך, דאס — וואס עס לעבט אין איהר!

פון וואנגען קומט ער צו דעם געדאנק?

עס וועט אונז לייכט זיין צו געפינען דען וועג.

גאנץ גוט אנגעווידעלט און ארויס געמריבען; ער אליין האט געלייזט א פייערדיגען פאטש...

ביילע דערשרעקט זיך!

— איך בעט דיך, משה — ווער נישט באלד אזוי צוקאכט; מיט גוטען קאן מען אמאל בעססער אויספיהרען, בעססער ווי מיט באזען...

— אוודאי, וועלל איך פריווען פריהער מיט גוטען!

— דער עקר — מאכט ביילע, — געהט מיר אין מלכה'ן. זי האט דעמאלט א האלב לעבען פערלוירען, איך האב געמיינט, זי וועט עס נישט אויס האלטען...

איי! נו, פטור! נור, אז דו ווילסט, רעד פריהער מיט מלכה'ן... אפשר ווייסט זי עפיס דערפון...

— עס וואלט אלץ גוט געוועזען, מאכט ביילע, ווען ער זאלל דאווינען מיט דיר אין איין שטיבעל...

— ווילל ער נישט, דער שייגעץ!

— און אפשר — פריווט זיך ביילע — וואלסט דו צו זיינעם געפאהרן?

— וואס? משוגע ביסט דו? ווילסט לייזען פון מיר א פארציע! וועסט מיך אנרעדען צו אללעס באז? נאך ווייניג, אז ארץ קומט ארויס פון דיר?

פון מיר? — בלאזט זיך אן ביילע — פון מיר? איך האב'ן פאריאהרען א מארינארקע געמאכט? א סטודענט געברענגט? אין טעאטער געפיהרט?

— נו, נו. א מויל, קיין עין־הרע, ווייס איך, האסט דו... אין איין שטיבעל זאלל'ן מיר דאווינען!... וואלסט דו דיך בעססער נישט איינגעשפארט אויף א בעזונדערן אלקיר... וואלטין מיר בעססער געוואהנט צו זאממען, וואלט ער שוין נישט אהיים געקוממען שפאט!

— איך האב דיר שוין געזאגט, אז מען קאן נישט, היינט קאן מען שוין נישט... היינט מוז א פאר פאלק וואהנען בעזונדער, היינט...

— היינט? ווייטער היינט און אבער היינט! וואס איז היינט? די וועלט קעהרט זיך איבער, וואס? נור, וואס וועל איך רעדען אומזיסט, האסט אויסגעפיהרט און גענוג...

ביילע שווייגט בעליידיגט.

נו, וואס טהוט מען? פראגט זי נאך א ווייל.

— וואס מען טהוט? איך געה אין זיין שטיבעל אריין! געפינן איך איהן דארט, וועט זיין זיין טויט! און דו געה אריין צו מלכהן, שמועס מיט איהר איבער די זאך!

מיר, למשל, ווייסען איין אונטערשייד צווישען לעבען און נישט לעבען. מיר ווייסען איין אונטערשייד צווישען א שטיין, א שטיק ערד, א טייך און אנדערע טויטע זאכען — ביז א פלאנץ, וואס וואקסט ארויס פון דער ערד; צווישען די וואס וואקסען, ציי‍בענען זיך נאך אויס די אללע, וואס לעבען און בעוועגען זיך פריי; צווישען אללע לעבענדיגע איז דער האכסטער דער מענש מיט זיין שפראכע און קלארען פערשטאנד... עס שטעקט אפילו אין דעם א שטיקל טעות, אין דער נאטור זענען נישט דא קיין שארפע גרענניצען; צווישען אללע מינים, וואס מיר מאכען זיך, געפינען מיר אזוינע בעשאפענישען, וואס מיר ווייסען נישט, וואס מיט זיי טהון; צו שטעללען זיי לינקס צו רעכטס, און אויף וועלכען שטאפעל פון דער קונסטליכער לייטער, וואס מיר האבען זיך געמאכט, אנרופענדיג איינם האכער און איינם נידריגע. דאך וועט קיינער נישט גלייבען א מענש צו'ן א בער, א בער צו'ן א בוים און דאס אלץ נישט פערטוישען מיט א ברילע ערד אדער א שטיק אייזען; עס וועט קיינעם נישט איינפאללען די אללע ערשיינונגען, וואס מיר זעהען ביי זיך, צו זוכען ביין א שטיק מעטאלל...

נור, צו ווערען מיר מיט דעם אונטערשייד צווישען זאכען געבווירען?

געוויסס נישט; אונזערע קינדער באזערן זיך אויפ'ן פום פון טיש, וואס האט זיי א בייל געמאכט, שלאגען א שטוהל, זידלען א שטיין, וואס פערהאלט זיי אין וועג.

קלענערע קינדער ווילען זויגען ביי זייערע אייגענע פינגער, ביים עקן פון קישעלע, ווי אויך

מלכה איז געזעסען אויפן בעט, פערטראכט, מיט איין אראבגעלאזענען קאפף. דאס נאכט-לאמפיל האט געווארפען א בלאססע שיין אויף איהר דראבנע חנו׳דיג טרויעריג געשטאלט.

— דאס ביסט דו, דוד? — האט זי זיך אויפגעחאפט, דערהארנריג ט־יטט. נור זי האט דערזעהן די מוטטער, און איז געבליבען שטעהן פערשאמט מיט א געדייטעלט פנים.

— איך האב געמיינט ס׳איז דוד — האט זי זיך פערענטפערט. און זיך צוריק געזעצט.

— דיין דוד, זעהבאוים, איז שוין זוייטער א וואהלער יונג — האט ביילע געזאגט מיט א חווק און ביטטערקייט, עס איז שוין 9 ־ער זייגער און ער לאזט דיך נאך אליין זיטצען...

מלכה קראכצט.

— פאריאהרען האט ער ג־ידאט צו טהון מיט סטודענטען, ביכער, שמאנצים... היינט וואס?

— איך ווייס?

— א גרגול שטעקט אין דעם יונג! —

— ווייס איך? מאכט מלכה שטילל — ער זאגט, עס איז אידם דא דושנע.

— דושנע? עס איז גאר ני־ט דושנע, שקר שקרים... און אז יא — אפענט מען א פענסטער!

— ער זאגט — פיהרט מלכה ווייטער און דאס קול ווערט איהר נאך טרויעריגער — ער זאגט, אז ער פיהלט זיך דא געבונדען, נישט פריי...

— אזוי? פריי? הפקר וויל ער זיין? אהן השגחה? ביזערט זיך ביילע, און וואס זאגסט דו, הא?

מלכה שוויגט, זי האט נאך נידריגער אראב געלאזט דען קאפף און פערביססען די אונטערשטע ליפפ, זי זאלל נישט ארויס מיט א געוויין, וואס האט איהר די ברוסט צו שפארט. ביילע קריגט אויף איהר הערצליך רחמנות. זי רוקט זיך צו און נעמט זי אן ביי דער האנד. די האנד ציטערט.

נו, נו — מאכט ביילע מיט א געלאססען און ווייך קול — נו, נו, שרעק דיך נישט, עס וועט זיך אלץ אויסגלייכען...

מלכה בייגט זיך איבער און בעהאלט דען קאפף אין דער מוטטערס שויס, די מוטטער גלעט איהר דאס שייטעל.

אלץ וועט מיט גאטטס הילף גוט זיין — טרייסט זי זי, נור העלפען מוכט דו אונז... מיר מיטן טאטען... דו מוסט אונז אלץ, אלץ זאגען...

— אלץ? — שטאהנט מלכה.

— אוודאי! ערשטענס מוזט דו איהן

ביים שפיץ פון דער וויעג...

אבציישיידען איין זאך פון דער צווייטער, בא, אפילו זיך פון דעם אייגעס, וואס איז ארום אונס, פערלאנגט שוין א קלארערען שכל.

אונזערע קינדער מוזען פריהער אסך גרית האבען דורך קינדלען, און שפערטצען דורך ווענה טהון, פון זייער אייגען האנדטעל אדער פיסעל, איידער זיי ווערען גיוואהר, אז עס זענען זייער אייגענע גלידער, טהיילען פון זיי אליין.

די מענשהייט אין גאנצען האט אויך איהר קינדער-יאהרען געהאט!

טאג-טאגליך ווערען מענשען נייעס געוואהר; טאג טאגליך ווערט אונזער וויססען ברייטער, טיפער, ריכטיגער, גענויער, און דעריבער אנז אונזער צייט־וועזע א זאך, וואס וואקסט פון טאג צו טאג. היינט, אז מיר זאללען קאנען צוריקקוקען די וועג, וואס מיר האבען ביז אהער געמאכט, וואלט ן מיר געוויסס צוריקגעקוממען צו דעם פונקט, פון וועלכען אונזער מענשליכע ציוויליזאציע האט א געהויבען קוים וואס ארויס צושפראצען...

וואו איהרע ווארצלען שטעקקען, וואו איהר זאמען ליעגט — איז איין אנדערע פראגע, פון וועלכער מיר וועלען אפשר רעדען אויף איין אנדערען ארט, נור ציינד מוזען מיר מודה זיין, אז עס איז געווען א צייט, ווען די מענשהייט איז ערשט ארויס פון וויעג, ווען זי האט קיין אונטערשיעד צווישען זאכען נישט געוואוסט, ווען זי האט זיך אליין, נישט ריכטיג געקאנט.

ווי עקסטרא, אלץ בעווייז פאר אונז, לעבען נאך ביז היינט אוינע ווילדע שטאממען (שבטים).

נאַכקוקען, נאָכגעהען, וויסען מיט וועמען ער געהט...

מלכה שווייגט.

— האסט נישט עפּיס בעמערקט? פראגט ווייטער ביילא.

— ניין...

— יאָ — דערמאָנט זיך די מוטטער — גיב נאָך אַכטונג אויפן טלית קטן... זעה נור, צו ער לאָזט איהן נישט אַמאָל איבער אין דער היים.

— פערשטעהסט, קינד? — האָט די מוטטער ווייטער געצויגען — אַ יוד, וואָס געהט אין אַ טלית קטן, שלעפּט זיך נישט אַרום ביי נאַכט — עס חאַפּט זי אָן אַ נעגיץ און זי ווארפט איין אויג אויפן זייגער.

— אייַ! עס איז שוין טאַקי אמת שפּעט, צעהנען דער זייגער; נאָכטען אין דער צייט האָב איך מיך שוין איבערגעדרעהט אויף דער לינקער זייט.

זי הייבט זיך אויף.

— געה שלאָפען מלכה, וואַרט נישט אויפן הולטיי, נישט קשה, ער וועט לייזען פון טאַטען!

די מוטטער איז אַרויסגעגאַנגען און מלכה האָט אָנגעהויבען צו געהן אַרום דער שטוב, מיט פערבראָכענע האָנד און ציטטערדיגע ליפּפּען, דער מוטטערס ווארטער האָבען זיך איהר געלענט ווי אַ שטיין אויפן האַרץ...

„מען וועט איהן שלאָגען! איהר דורן! נור אפשר איז ער טאַקי אויף אַ שלעכטען וועג, זי ווייסט נישט; זי פערשטעהט נישט, וואָס פון איהם איז געוואָרען, וואָס פאַריאָהרען איז געוועזען און וואָס היינט איז; נור געוואָלט וואָלט זי בעססער, „מען זאָלל זי זיערלען און שלאָגען אידער דורן". „און פאַר יאָהרען איז ער נאָך אַ קינד געוועזען; איבערן יאָהר איז ער וואונדערליך אויפגעוואַקסען, איבער דער אייבערשטער לופּ האָבען איהם שוין האָהרליך — אַזוינע זיסע וואָנסאָלאָך ארויסגעשפּראָצט, און אויגען האָט ער אויך גאָר אַנדערע, אַזוינע הייסע, לעבענדיגע, און באַקקען אַנדערע, און תנועות אַנדערע"... „נור פאַר וואָס איז איהם דושנא?" „פאַר וואָס ענטלויפט ער אַללע נאַכט פון דער היים? פאַר וואָס רעד ער נישט מיט איהר"?

זי זעצט זיך צוריק אויפן בעט און שפּאַרט אָן דאָס יונג-פערזאָרגטע פּנים'ל אויף די האָנד... „שלעכטע חברים האָט ער, זי ווייסט, חאָטש דער מוטטער וועט זי נישט זאָגען, דעם פאָטער אַוודאי נישט... שפּיעלען לערנט ער זיך...!"

„נאָכטען איז עמיץ ביין איהם געוועזען; אַוודאי דער, וואָס לערנט איהן שפּיעלען...

וואָס זעהען שוין אונז אויס אַזוי קינדיש, אַזוי נישט ענטוויקעלט, גלייך זיי וואָלטען נאָך ביז היינט פון דער קינדער-וויעג נישט אַרויס — און אַט — ביי די שטאַמכיען טאַקי קאָנגען מיר שטודירען די אַלטע, גראָהע צייט, ווען דער מענש האָט זיך בעוויזען מיט אַ פערשלאָפען געהירן (מוח), ווען ער האָט קוים וואָס אָנגעהויבען צו אָפּפענען די אויגען, ווען ער האָט נאָך זיך אַלליין געקאָנט נישט קלאָר, נאָך אַיידער ער איז אין גאַנצען צו זיך געקוממען!

קיין אונטערשייד צווישען זאַכען האָט ער נישט געוואוסט און נאָך וועניגער האָט איהם געקאָנט איינפאַללען, אַז ער אַליין איז עפּיס האָכערס און בעססערס פאַר דעם אַללעם, וואָס רינגעלט איהן אַרום. פערקעהרט — אַלץ אַרום איהם האָט איהם אויסגעזעהען גראָבער, שטאַרקער און האָכער, ווייל אַלץ אַרום איז געוועזען שטאַרקער פאַר איהם; ער איז גרייט געוועזען אַללעס צו פערגאָטטערן — ווילדע חיות, בוימער, וואַססערן — אַלץ, אַלץ וואָס האָט איהן אַזוי געוואונדערט, אַזוי ענטציקט און געשראָקקען צוזאַמכען.

און דעריבער האָט דער ערשטער מענש געגלויבט, אַז אַלץ וואָס שטעקט אין איהם, שטעקט איבעראַלל אין אַללע זאַכען, צווישען וועלכע ער לעבט. דעריבער האָט ער אַלץ, וואָס ער האָט געפיהלט אין זיך, געזוכט און געפינען אין דער „גאַנצער וועלט" — דאָס הייסט אין דעם קליינעם וועלטעל, וואָס ער האָט געקאָנט.

מען זאָגט, אַז „זיך איז אַמשווערסטען צו קאָנגען", עס איז אמת, נור זיך אַלליין דערפיהלען בייר ראָך אַמגעשווינדסטען און אַמבעסטען! און

א קלעזמער מוסס ער זיין . . . זיי האבען פון טעאטער גערעדט"; עס חאפט זי אן א געוויין, אונ זי ווארפט זיך אין גאנצען אויפען בעטט מיטן פנים אין קישען אריין, דאס געוויין צו פערשטיקקען, אויפן געדאנק, אז ער געהט אפשר אין טעאטער אריין, בלייבט איהר דאס הארץ שטעהן פאר שרעק! זי איז נאך קיינמאל אין טעאטער נישט געוועזען. זי וויים אפילו וואו עס איז, זי איז שוין מיט א חברה'ע ביי דער קאססע געוועזען, געזעהען וואו מען קויפט בילעטען, אויך האט זי געזעהען די טרעפ, אויף וועלכע מען געהט ארויף, מארמארנע, ווייסע טרעפף, די חברה'ע האט זי אויך אנגערעדט, נור זי איז נישט אראב פון רעכטען וועג; זי האט נישט איינמאל פון פאטער געהערט, אז אין טעאטער זענגען עבודה-זרה'ס, עס טאנצען שקצים מיט שיקסעס, אונ אללערליי כשוף-מאכער מאכען נאך רעגען אונ דוננערן אונ בליצען גאטט אויף להכעים, פונקט ווי א מאל די כשוף-מאכער אין מצרים! די חברה'ע האט אפילו אנדערש געזאגט, זי האט געזאגט, אז אין טעאטער זינגט מען, להבדיל, שאנער ווי אין שוהל. . . נור האט מאקי פאר דער ליגענד אבגעהאקט פון דער חברהטע; זי וויל זי שוין מעהר נישט קאננען . . . וואס טויג איהר צו האבען צו טהון מיט כשוף? אונ איהר דוד איז אין טעאטער, צווישען עבודה זרה'ס, כשוף-מאכער אונ — וואס זי וויל נישט ברענגען איבער די ליפפען!

עס דאכט זיך איהר, אז איהר דוד שטעהט איבער געבויגען איבער א טיעפע ברינגע אונ וועט נור וואס אריינפאללען . . .

א קאלטער שוויים בעדעקט זי פאר שרעקק, זי שפרינגט אויף.

— ראטיוועען מוז מען איהן, ראטיוועען; אונ זי אליין; זי וויל נישט די מוטטער זאלל איהן זידלען, דער פאטער זאלל איהן, חס ושלום, שלאגען; ניין, זי וועט עס נישט אויסהאלטען. . . נור זי אליין וועט אלץ טהון! זי ווייסט שוין וואס צו טהון! זי וועט צו'ן איהם געהן אין טעאטער אריין אונ וועט איהן ארויסרייסען פון די גוישע האנד; גאטט וועט איהר העלפען אונ זי וועט נישט נזוק ווערען, אונ ער וועט זי פאלגען. . . ער האט זי טהייל מאל אזוי ליעב, אזוי ליעב. . . אונ זי וועט וויינען פארן. . . מיט ביטטערע טרערען וויינען! עס טרעפפען זיך אזוינע זאכען, אז א ווייב ראטיוועט ארוים דען מאנן פון גיהנם! די מוטטער האט איהר א מאל פערצאהלט, ווי איהרם א מוהמע האט א היים געשלעפט דען מאנן פון גאר א מיאוסע חברה. . . זי האט איהר נישט

דאס, וואס דער ערשטער מענש האט געפיהלט אין זיך, האט ער געזעהען אומעטום. אט, דאס איינענע געפיהל מאקי, איז געוועזען דער גרונד (יסוד) פון דער אלטסטער מענשליכער פהילאזאפיע; אויף דעם שוואכען זעלבסט-געפיהל זענגען אללע אלטסטע רעליגיאנען געבויט.

דער ווילדער מענש פיהלט, אז ער האט אין זיך א קראפט (א כח), וואס ווערט אמאל שטארקער, א מאל שוואכער; די אייגענע קראפט פערלאזט איהן אמאל במעט אין גאנצען, דערנאך קומט זי צוריק; מיט אייןווארט — עס שטעקט אין איהם אזוינס, וואס עקזיסטירט אונ לעבט, חאטש עס לאזט זיך נישט אנטאפען מיט די האנד, נישט פיהלען מיט דער נאז, נישט הארען מיטן אויער, נישט פערזוכען מיט'ן גומען, אונ נישט זעהען מיט די אויגען. — עס מוסס זיין עפים אזוינס — וואס איז צו עדעל (אדער ווי דער ווילדער דריקט זיך אוים: צו דינן) מען זאלל עס קאננען אנגעמען! נור די קראפט איז דא, ער פיהלט זי! מיט דער הילף פון איינגערווייניגסטען „דינגעם עפים" ריהרט ער מיט זיינע גליעדער; מיט דעם עדעלער קראפט רוקט ער זיך פון איין ארט צום צווייטען, מיט דער קראפט טהוט ער, וואס ער דארף; עס טרעפט זיך, אז פון דער קראפט פליהט פון איהם אביסל ארויס, אונ דעמאלט ווערט ער שוואך, ער קאנן נישט ארבייטען, ריהרען זיך פון ארט; דעמאלט פאלט ער אנידער אונ חאפט זיך אויף ערשט דעמאלט ווען די קראפט קומט צוריק.

די זעלבע קראפט, וואס ער האט געפיהלט אין

געוואלט זאגען ווער און וועגן און וואס, נור מסירת־נפש, האט די מוהמע געהאט! מען האט זי געוואלט שלאגען! און זי וועט זיך אויך פאר איהר דוד'לען מוסר נפש זיין... נור — זי וועט נישט געהן ווי יענע מיט א בעזעם, זי וועט איהן נישט אהיים שלעפען ווי יענע ביי די אויערען... זי וועט נור זיך בעטען ביי'ן איהם... בעטען, וויינען, די פיס ארומנעמען און קושען, זי וועט פועלען... ער האט זי טהייל מאל אזוי ליעב!

— אלא נישט, ווילל זי פערפאללען ווערען צוזאממען מיט איהם!

געלד אויף א דראשקע מיט א בילעט האט זי, עס ליעגט נאך ביי'ן איהר אפשר. האלב „דרשה־געשאנק" געלד... אוועק בארגען אויף פראצענט, ווי דער פאטער האט געהייסען, האט זי נישט געוואלט, זי האט עפיס ליעב געקריגען די באנקא־צעטעל, וואס זי האט פאר זיין דרשה בעקוממען... און מיט דעם געלד טאקי וועט זי איהן ראטיוועט...

פאהרינדיג אין דער דראשקע איבער דער גאסס, פערמאכט זי די אויגען — זי שאמט זיך דער גאסס אין פנים אריין צו־קוקען, זי ווילל קיין היימישען מענש נישט זעהן. אנגעלעהנט אין א ווינקעל, פיהלט זי ווי דאס הארץ ווארפט זיך ביי'ן איהר פאר שרעקק...

„אפשר טהוט זי נישט גלייך? פאר א יאהרען, ווענן מען האט דוד'לען גע־שלאגען, און זי האט זיך נישט געקאנט טרייסטען פון עגמת נפש און הארץ וועהטאג, האט איהר די מוטטער געזאגט, אז ער איז נישט ווערטה איהרע טרערען, אז ער איז איין אבגענארטע זאך, א ווארמיגע פלוים, אז מען וועט איהן נאך מיט'ן מיסט ארויס ווארפען, אז זי וועט נאך א שאנערן און א בעססערן מאנן בעקוממען...

נור דעמאלט האט זי נאך מעהר גע־וויינט... ווארען „ווען א מלך זאלל קוממען, א מלך מיט א בריליאנטענע קרוין אויפ'ן קאפף, וואלט זי אויך איהר דוד'לען נישט פערטוישט"... „די מאמע ווייסט דען, וואס פאר א זיס דוד'דל זי האט? זי פיהלט דען?... ער ווייטער האט דעמאלט געוואלט ענטלויפען... געפאקט האט ער זיך! נור דערנאך ער האט אויף איהר גע־קוקט און געקוקט, ביז דאס הארץ איז איהם ווייך געווארען... זי האט קיין ווארט נישט געקאנט ארויס רעדען, נור ער איז צוגעפאללען צו'ן איהר און האט...

— פררו!

שוין דאס טעאטער. פאר דער קאססע איז לעער; זי ווילל א בילעט „פאר וויפיל

זיך, האט ער געזוכט אוניטום.

צו האט דענן נור ער דען אלליין די קראפט? צו נור ער אלליין רוקט זיך, טהוט און ארבייט? צו שאקעלט זיך נישט און וואקסט דער בוים? צו יאגט נישט דאס וואססער מיט א כח און א כעס? צו ווארפט עס נישט אום אזוינע פעסטע בוימער, צו רייסט עס נישט אב אזוינע שטיקקער פעלזען, וואס ער, מיט זיין קראפט, וואלט אפילו פון ארט נישט געריהרט? צו לויפען נישט אויבען אויפ'ן היממעל די וואלקען, וואס האבען איהם אויסגעזעהען ווי א סטאדע ווייסע, גראהע און שווארצע שאפסען? צו הויבט זיך נישט אויף דער שטויב אין דער הויך און לאזט זיך דערנאך אראב? צו שטעקט אינ'ם שטעקקען, וואס ער נעמט אין דער האנד אריין, זיך צו וואהרען, נישט א בעזונדערער כח איבער דער קראפט, וואס שטעקט אין זיין אייגענער האנד? צו קאנן זיין האנד אהן דעם שטעקקען אזא פעסטען זעץ טהון? צו קאנן זי אזוי הויך און וויט שליידערן א שטיין, ווי הויך און וויט ער פליהט, פון א שליידער־שטעקקען געווארפען? צו שטעקט אין פיילענבויגען (אויבוואהל ער האט איהן אל ליין צוזאממענגעשטעלט) נישט א בעזונדערע קראפט? צו קאנן ער אלליין אזוי וויט ווארפען א פייל און אזוי ריכטיג טרעפפען אין ציעל? צו שטעקט נישט... דער אונטערשיעד, די איבריגע קראפט, דער מאטעריאל, פון וועלכען ער האט דאס העלקנייג, דאס געוועהר געמאכט? צו שטעקט זי נישט אינ'ם האלץ, פון וועלכען עס קוממען ארויס שטעקקען און בויגען; אין דער אדער פון דער חיה, ... האט אלץ סטרונע אויסגעצויגען?

עס איז"; זי לעגט אנידער דאס בייטעלע, דער קאסירער בעמערקט איהר פערלעגענ־הייט, גיט איהר א בילעט און נעמט זיך אליין ווי פיעל עס קומט.

„אויף ערשטען שטאק, זאגט ער איהר, רעכטס... נומער 110"...

זי איז אין טעאטער און דרעהט זיך צוועק מיט'ן פנים פון דער סצענע; זי פיהלט, אז דארטען מוס זיין דער רעכטער כשוף, די אמת'ע עבודה זרה... עס זאלל נישט זיין אזוי ענג, אזוי אונמאגליך די האנד ארויס צו בעקוממען, וואלט זי זיך די אויערן פערשטעלט; על כל פנים וועט זי די אויגען צו מאכען, ביז עס וועט נור שטיללער ווערען... דא מוס דאך אויך זיין, להבדיל, איין „אויסנעמענס", איין איבער האקקעכעטץ, און דעמאלט וועט זי איהן שוין אבזוכען, א מייל וויים וועט זי איהן דערקאננען.

זי פערמאכט די אויגען, נור אין די אויערן רייסט זיך איהר אריין די מוזיק... און מען זינגט, און מען שפיעלט אזוי טרויעריג, אזוי וויינענדיג, אזוי פון הארץ ארויס, אז עס פאכט פונקט פאר איהר מול, פאר איהר הארץ־וויטאג...

און די סצענע, וואס האט זי אזוי געשראקקען, הייבט זי ציגד אן צו ציהען ווי א מאגנעס; אומזיסט ווילל איהר „יצר־טוב" איינהאלטען די ברעמען, זיי אפפענען זיך אליין און חאפען יעדער שטראהל ליכט, ווי דאס אויער יעדען טאן... און אלץ קומט איהר אין הארץ אריין, און דאס הארץ איז אזוי וויך, אזוי ווינדערליך וויך, אזוי אנגעזאפט מיט טרערען...

„ס'אפשר גאר קיין גיהנם נישט?" בליצט איהר אויף אין מוח — נור דער געדאנק וויקקעלט זיך נישט ווייטער — די סצענע רייסט זיך איהר מיט געוואלט אין הארץ און אין מוח אריין, זי קאנן דא אפילו איהר דודן פערגעססען... אז עס רופט זיך אן די קאססעל־פויק אדער די „געפלאכטענע טראמייט" ציטטערן אונטער איהר די פיס, נור אז די פיעדעל זינגט אדער א קלארנעט וויינט, אה דעמאלט פיהלט זי זיך אזוי גוט...

— געלויבט איז גאט, — טראכט זי — וואס היינט איז באמת אהן כשוף־מאכערס און אהן עבודה־זרה'ס... אהן שיקסעס אפילו... עס שטעהן נור פאננים אין סאמיטענע און זיידענע קליידער, און פריצים שטעהן אין געלבע שטיפעל, קרומע שווערטען און גאלדענע און זילבערנע קליידער... און איינער, דער שאנסטער פון זיי, שטעהט אין דער מיטט און האלט זיך צו מיט דער רעכטער האנד דאס

אין די אללע זאכען מוזען שטעקקען בעהאל־טענע קראפטען... וואס מען דארף זוכען און געפינען!

דער נביא מאכט חוזק אויס'ן געציענדיגער, ער האט זיך ויליין — זאגט ער — אבגעהאקט א שטיק האלץ, אלליין בעארבייט, פון די שפאנער זיך א פייער געמאכט, אויף זייערע קוילען זיך עפיס אבגעבראטען... דעם שטיק האלץ האט ער אלליין מיט'ן מעססער געגעבען א פא־ם, געשניצט לויט זיין אייגענער פאנטאזיע, און דערנאך פאלט ער פאר זיין אייגענער „מעשה ידיו" פאר דעם אייגענעם שטיקק האלץ, אויף די קניע און בעט איהן וועגען לעבען און טויט, הונגער און זעטט...

דער נביא האט רעכט, נור דער ווילדער מענש האט זיין פהילאזאפיע געהאט, ער איז געוועזען און איז נאך היינט אין דער אייגענער לאגע ווי אונזערע קינדער מיט זייערע פופפען 1), עס דארף נור האבען עפיס איין אהנליכקייט צו'ן א קינד, טהוט שוין די פאנטאזיע די רעשט! עס ווערט שוין געשאקעלט, געקארמיט, איינגעשלאפט, געקושט און געהאלוט.

אונזער היינטיגע וויססענשאפט לערנט אונז, אז אללע קארפער בעשטעהען פון גאנץ דראבנע חלקים (אטאמען), וואס מיר זעהען נישט מיט די אויגען און האבען נאך דערצו קיין געניגענדע פערגראססער־גלעזער נישט; זי וויזט אונז אויס, אז, ווענינגסטענס, אין דער טויטער וועלט, איז

1) קיקלא, ליאלקע.

הארץ, עס מוס איהם דאס הארץ וויי טהון, אונ ער זינגט מיט א יאממער אונ אללע אנטפערן איהם מיט טרייסט, נור ער לאזט זיך נישט טרייסטען אונ יאממערט אלץ מעהר אונ מעהר...

פלוצלינג האט זיך דורך די פריצים מיט די פאננעס דורכגעריסען איין אלטער מאנן; ער איז גראה ווי אטויב, נור א קול האט ער ווי א לייב אונ — א פיסטאלעט אין דער האנד! מיט כעס האט ער גערעדט צום יונגען מאנן, וואס האט געיאממערט, ער האט'ן עפיס געפראגט, איין מאל אונ צוויי מאל, אונ דערנאך האט ער געחאפט דעם פיסטאלעט אונ האט'ן דער שאססען אויפ'ן ארט!

אונ צונד האט זיך ערשט אנגעהויבען דאס גיהנם, די פארהאנג איז אראב געפאללען אונ מענשען האבען אנגעהויבען צו פאטשין מיט די האנד, צו טיפפען מיט די פים אונ צו שרייען אונ צו מאכען משונה'נע קולות! זיי וויללען געוויס, מען זאלל זיי ארויס געבען דען אלטען רוצח, זיי ווערלען איהן אויף שטיקער צורייסען; עס ווערט איהר פינסטער פאר די אויגען, זי פיהלט, אז זי וועט עס נישט אויסהאלטען אונ לויפט ארויס פון טעאטער...

דערשראקקען אונ און אטהעם איז זי קוים צוגעפאללען צו דער טהיר פון דער אלטערנס דירה, זי קאנן צום גלאקקיל נישט טרעפפען, קלאפט זי ביי דער קלאמקע, נור אונגעוואהנליך שטארק; דאס דיענסט-מיידעל אפפענט מיט'ן קיך-לאמפיל אין דער האנד אונ לאזט עס שיער נישט אראב פאר שרעקק.

— מלכה'לע, וואס איז מיט אייך, מלכה'לע?

עס בעווייזט זיך די מוטטער אין איין העמד:

— וואס איז געשעהען, רבונו של עולם...

— שרעק דיך נישט, מלכה'לע, הארט זיך דערווייל דעם פאטערס קול. — ער איז אויך ארויס פון בעטט אונ שטעהט אונטער דער טהיר — שרעקק דיך נישט מלכה'לע, ער זיצט אין שטיבעל, אין שטיבעל איז ער, איך בין געוועזען ביי'ן איהם... ער האט א מזל פון א גוי, אפשר 10 גילדען געווינגען.

אין עטליכע טאג ארום איז דוד פארנאכט ארומגעגאנגען אין שטוב אונ וויטער געקלאגט זיך, אז עס איז איהם דושנע, אז מען האט איהן לעבענדיגער הייט אין א קבר אריין געלייגט... אונטערוויילכטס איז צו'ן איהם צוגעקוממען מלכה, זי האט איהם פערווארפען די האנד אויפ'ן האלז,

---

אללעס אבהענגיג פון דעם סיסטעם, לויט וועלכען די אטאמען האלטען זיך איינם ביים צווייטען. טהייל ווילען אפילו אויף דעם איינגענעם אופן אויסטייטשען די ערשיינונגען ביי פלאנצען אונ טהירע, נור סיי ווי סיי זוכען מיר דען אונטערשיעד צווישען קארפער שוין טיעפער, בשעת ווען אונזערע קינדער אונ דער ווילדער מענש בעמערקען פארערשט די קאליער אונ דערנאך קוים די פארם פון דער זאך! אונ מיינען, אז אלץ הענגטאב פון דער קאליער אדער פון דער פארם, וואס די זאך האט.

א קינד, וואס ברוהט זיך אב אין פייער קריגט מורא פאר אללעם, וואס עס איז רויט; וועגן עס הארט שוין אויף צו שמאכיטקען שטיין אונ ביין, ציהט עס נאך ביים פינגער, ווייל עס איז אהנליכער צו דער ברוסט...

בכלל איז דער ווילדער מענש, ווי אויך אונזערע קינדער אונ אונגעבילדעטע מענשען, זעהר לייכט צום פערגלייכען אונ זעהר שווער צום אונטערשיידען. קוים געפינט מען עפיס איין אהנליכקייט פון איין זאך צו דער צווייטער, איז עס שוין דאס זעלבע, א בארשטעל האט האהר אונ א קינד האט האהר, איז א בארשטעל איין אויסגעצייכענטע פופפע; ביים ווילדען זענגען די וואלקען סטאדעס פון שאפסען; ביי'ם פראסטען פאלק הארט מען גאנץ אפט אזא געשפראך: „וואס האט דער דאקטאר פערשריבען?" „א וויים פלאשעלע"... „גים מיר אויך אב א ביסל, מיין יונגעל האט אויך היץ". די רפואה, מיינען זיי, שטעקט אין דער קאליער, אדער, על כל פנים, אז יעדע רפואה מוז האבען איהר קאליער. די ווילדע מענשען, וואס האבען דאס ערשטע מאל ביי די

צוגעבויגען דאס ברענענדיגע פנים צו זיינע אויערען און מיט א ציטטערדיג קול איינגעדרומט: — וועלל־מיר געהן אין טעאטער אריין? א יא דוד'ל.

ער האט זי אנגעכאפט, אויפגעהויבען און אנגעהויבען מיט איהר ארומטאנצען אין שטוב...

אין מיט'ן טאנצען רוימט זי איהם ווייטער איין:

— אז דו ווילסט, מאגסט דו אויסטהון דען טלית קטן.

— נאך וואס? פרעגט ער פערווינדערט.

סאלאמאן פערל.

ש. ראפפאפארט.

די כתבים.

אין א קליין נידעריג ציממערי'ל אויף איין אויבערשטיב'ל איז געזעסען א יוד פון א יאהר 50—55; א דארער, מיט א לאנגער נאז, גרויסע אויגען, געדיכטע ברעמען און א ברייטען געקנייטשטין שטערין אונטער א פערשמאלצענער יארמולקא, און מיט א פאר לאנגע, דינגע פאות, וואס האבען זיך ארא‍בגעלאזען אין די זייטען ביז צו דער צופלאססנער בארד.

דאס איז געוועזען יענקי'ל עטי'ל'ס, דער קאלינאווער קרעצמער, אדער — ריכטיגער געזאגט — דער קאלינאווער קרעצמעריגם מאן.

דאס ציממערי'ל איז געוועזען קליין און האלב פינסטער. זיין מעבעל איז בעשטאנען פון א בעטי'ל, א קליין טישי'ל, א באנקעל און איין אלמער מיט ספרים.

יענקי'ל איז געזעסען ביים טיש, פערטיפט אין א גרוים ספר, ער האט זיך ניט גערירט פון ארט; נור פון צייט צו צייט פלעגען זיך ביי איהם די קנייטשען אויפ'ן שטערן אויסגלייכען דער פערטראכטער בליק פלעגט זיך אברייסען פון ספר און קוקען אין פענצטערי'ל, דורך וועלכען עס האט זיך מעהר נישט געזעהען, ווי א שטיק בלאער הימעל. באלד אבער פלעגט זיך דער שטערן נאך שטארקער פערקנייטשען און די אויגען צוריק אנהייבען לויפען איבער די קליינע אותיות פון די געדיכטע שורות אין א גרויסען ספר.

אפשר א שעה איז געזעסען יענקי'ל איבער דעם זעלבער בלאט, ביי דעם זעלבען ענין, וואס ער האט עטליכע מאל איבערגעטראכט. ענדליך, ניט ארא‍בלאזענדיג די אויגען פון ספר, האט ער זיך לאנגזאם אויפגעהויבען, גענעבען א טריטט

אייראפעער בעקומען אייזען אין געשטאלט פון נאגעל, שליססעל אדער רינגען... האבען זי עס פערזוכט; אז די ערד גיט אב דען זאמען מיט אזוינע פראצענט, ווערט זי מיט נאגעל, שליססעל און רינגען אויך דאס זעלבע טהון.

און — אויב אלץ האנגט אב פון דער אהנליכקייט, איז קיין וואונדער נישט, אז ביי דער קלענסטער אהנליכקייט פון א מענש ביז א טהיער — האט מען געגלויבט, אז ער איז א בער, אדער א לייב, לויט דעם צו וועלכען ער איז אינגעדליך (מיט'ן כאראקטער) אדער אויסערליך (מיט'ן פנים) אהנליך געוועזען; נאך זיין טויט, האבען זיינע ווייבער און קינדער נישט געטארט עססען לייבען אדער בערען־פלייש, ווייל זיי וואלטען געגעססען זייערע קרובים... ביי גאנצע שטאממען ווערען פ..רשיעדענע טהיערע גערעכענט פאר „אבות"

און דאס טהיער, פון וועלכען מען קומט ארויס, איז „טאטעם" (היילינ, פערוועררט) און מען טאר עס אין דעם שטאמם נישט טויטען, נישט עססען; אללע אלטע נאמען פון מענשען האבען דעריבער די בעדייטונג פון טהיערע. א געוויססע צייט האט מען געהאלטען אין אייראפא א געוויססע פלאנץ „עאופראזיא" פאר געזונד צו די אויגען, ווייל איהרע בלימעלען האבען די פארם פון אויגען.

ביי דעם ווילדען מענש שפיעלט דעריבער נור קאליער און פארם די ראללע. ער מיינט אז פערשיעדענע קראנקהייטען האלטען זיך אין פערשיעדענע פארבען און פערשיעדענע פארמען.

טהייל מאל וויל ער מאכען נאך עפיס בעססערס און שטארקערס פאר דער נאטור; ער וויל פערייניגען איינע פארמען צו זאמען, נעמען

צו דעם אלמער, וואס איז געשטאנען נאהנט ביים טיש, האט ארויס גענומען פון א גאנצען הויפען צוואָרפענע, פערשריבענע, גרויסע און קליינע שטיקליך פאפיר, געלעגט זיי אויפ'ן טיש, האט זיך געזעצט און ווידער פערטראכט איבער'ן ספר. אין אווילע ארום האט ער גענומען די פאפירען, האט זיי לאנגזאם פאנאנדערגעקליבען, אויסגעקנייטשט, צוזאממען געלעגט, דורכגעקוקט, האט אויפגעזוכט דאס לעצטע ניט דערשריבענע בלאט, און האט צוגעריקט צו זיך דעם טינטער מיט דער גענוצענער פען און האט געשווינד אנגעהויבען צו שרייבען.

— יענקיל! יענקיל! — האט זיך דערהערט פון אונטען א געזונטע ווייבערשע שטיממע

יענקיל האט זיך אויפגעכאפט פון שטהול, ווי צום לויפען. נור ער איז געבליבען אזוי שטיין איינגעבויגען איבער'ן טיש, און, ניט ענטפערענדיג, האט ער ווייטער און נאך געשווינדער געשריבען.

— יע־יע־יענקיל!! מען קען זיך איהם ניט דעררופען! — האט זיך ווידער דערהערט די זעלבע שטיממע, שוין העכער, מיט צארן.

יענקיל האט זיך גיך אויסגעגלייכט, האט אוועקגעטהון די פען און איז געשווינד אראבגעלאפען אין קרעציים — א גרויסע בלאטיגע שטוב, פערפוילט, פולל מיט פויער'ן, וואס האבען גערעדט און געטומולט. עטיל, די קרעטשמערין — א נידריגע דיקע יודענע, איז געשטאנען ביים שענק־טיש און געמאסטען בראנפען.

יענקיל איז צוגעגאנגען צום שענק־טיש. נור דאס איז שוין ניט געווען דער פריהערדיגער יענקיל: זיין פנים, אויף וועלכען עס האבען זיך נאר וואס אבגעשפיגעלט הויכע געדאנקען, איז געוועזען יעצט פערביטערט, ערשראקען; די גרויסע פערטראכטע אויגען האבען געקוקט מיט א געבעט, רחמנות'דיג.

— קום אמאל! — האט זיך אנגערופען מיט כעס די שענקערין — פערקריכט ער צו זיך ארויף, קען מען זיך איהם ניט דעררופען... נא, נעם און פאר אריבער מיט איוואנען צו איהם אין דארף, ער וועט דיר געבען א פוד פלאקס... זאלסט אבער זעהען, וואס ער וועט דיר געבען, הערסט? וועסט דארטען איבערנעכטיגען ביים שוחט און וועסט מארגען ברענגען צוטראגין.

יענקיל האט זיך נאך מעהר איינגעהויערט, זיין פנים איז געווארען נאך רחמנות'דיגער און ער האט ארויסגעשטאממעלט שטיל:

דאס שאנסטע און דאס בעסטע פון אללערליי מינים און מאכען דערפון איינס! זיין אידעאל האט געקאנט זיין: דער עקק פון וואללפיש, די גריזווע פון א לייב, די פיסס פון א בער, און א קאפף, פון א שאן ווייב — גאנץ אפט האט מען פערגאטטערט די געשטאלט פון איין עלעפאנט מיט פליגעל פון איין אדלער! און הונדערטער, און טויזענדער יאהרען האט די קונסט אזוינע פאנטאזיען געשניצט... און עס איז גאנץ נאטירליך, אז קוים איז דעם ווילדען מענש ארויס עפיס שראקליכס און שטארקס פון דער האנד, איז ער אליין נתפעל געווארען פאר זיין אייגען ווערק, איז ער געפאללען אויף די קניע און האט פערגאטטערט זיין אייגענע ארבייט; ווייל אין דער פארם שטעקט די קראפט, וואס מען קאנן בענוצען, אויסבעטלען, אויבהייבען, אויסקניען...

נור סיי ווי סיי אלץ איז א פארם, און אללע פארמען זעננען נאסטען, וואו עס האלטען זיך די אללע קראפטען, וואס בעווייזען זיך און שרעקקען איהן פון אללע זייטען!

וואו ער ווארפט זיינע אויגען, רייסען זיך ארויס פון דער ערד פערשיעדענע געוויקסען; דאס קלענסטע ביימעל טרייבט זיינע ווארצלען אין דער ערד אריין טיעף, טהייל שפאלטען דורך שטיינער; דארט שפרינגט אראב א שטיק ערד פון א בארג; אין יענער זייט רעדט עפיס און רוישט דער וואלד, דא ווייטער ברומט און באזערט זיך א טייך — אין אללע זייטען זעננען פולל בעהאלטענע כחות, און ער קומט צו'ן א פעסטע דעה, אז אלץ, וואס ער זעהט, איז נור נאסטען, וואו עס וואהנען בעהאלטענע רוחות און גייסטער! און א והא ראיה — די

— איך בין... ניט קיין גרויסער מבין... איך וועל אפשר...

נור די שענקעריין האט איהם איבער־געשלאגען.

— „וועסט אפשר"! וואס וועסטו אפשר — הא? וועסט אפשר א מיתה משונה איינעמען? אוי, לא יוצלח! צו וואס דו זאלסט זיך ניט צוריהרען — פירסט דו דאך איבער! צו וואס דו זאלסט זיך ניט נעמען, מאכסט דו קאפויר מיט די פים!...

יענקיל האט מיט אפערבארגענעם זיפץ א קוק געטהון אויף דער טיר פון זיין קאממערל.

— א־א! עס ציהט דיך שוין אהין? דו קוקסט שוין? דארטען איז ווארעמער? איי, אז גאט וואלט מיך אויסגעלייזט פון דיר מיט צוואנציג יאהר צוריק, וואלט איך אפשר געוויסט, אז איך לעב אויף דער וועלט!...

יענקיל שווייגט, ער ריהרט זיך נישט פון ארט,

נו, וואס שטייסט דו? דער גויווארט דאך! נעם שוין, לייםענער גולם, חאפ אויף דיר דאס פוטער, און פאהר; אבער געדענק זשע, וואס איך זאג דיר: זעה, דאס צעהנטע מאל זאג איך דיר, זעה, ער זאל דיר געבען סחורה, ניט קאסטרע! ווייסט דאך, אז א גוי איז א גנב, בפרט נאך, אז ער גיט דאס פאר איין אלטען הוב...

רעדענדיג, האט זי איהם דערלאנגט דאס פוטער און דאס היטעל. יענקיל האט זיך אנגעטאן און איז אוועקגעפאהרען.

אויף מארגען, אזייגער צוועלף ביי־טאג, איז יענקיל אריין אין קרעצמע, דורכגעפרוירען, פערמאטערט, בעדעקט מיט שנייז, און מיט א זאק אויף די פלייצעס.

— געשווינד געקוממען! ניטא וואס צורעדען! — האט איהן עטיל בעגעגענט — נאך דעם מלאך המות דארף מען דיך שיקקען... נו, ווייז אקארסט, וואס האסטו דארטען געבראכט!

נור ווי זי איז צוגעגאנגען צום זאק, האט זי זיך אחאפ געטאן פאר'ן קאפף.

— געוואלד!! גזלן!! אט דא איז פאר 6 רובל פלאקס?! איי, אויסגעריסען זאלסטו ווערען! גולם! וואס האבטו דאס געבראכט?! דאס איז דאך קאסטרע!! נארר! נא־א־אר!! — האט זי געשריען אויסער זיך, און אויסגעשטעלט ביידע פויסטען.

יענקיל איז געשטאנען ווי א פער־משפטער, מיט איין אראבגעלאזטען קאפף און האט געשוויגען. עטיל האט געשריען, געשאלטען און ענדליך א געשריי געטהון מיט האכם.

נו, שטייסט נאך? אוועק פון מיינע

קארפער זענגען נישט אין איינביגע בעוועגונג, ערשט איז דער שטיין געפלויגען, פון א גייסט (א ווינד) געיאגט, צונד ליעגט ער ווי א גולם, ווי א טויטער... טהייל מאל איז דאס וואססער רוהיג און טויט, טהייל מאל איז שטיל און שטום דער וואלד.

מיר האבען שוין דערמאנט, אז דעמעלט איז נאך דער מענש נישט אזוי שטאלץ געוועזען ווי היינט! פערקעהרט, ער האט זיך געגען דער נאטור געפיהלט ווי דער שוואכסטער ווארם! עס האט זיך איהם נאך נישט געחלומט, אז ער וועט אמאל איבער אללעם הערשען, אללעם רעגולירען, אז עס וועט זיך אין איהם אויפוועקען א וויללען, וואס וועט זיך אויסגיסען איבער דער גאנצער ערד און אללע איהרע כחות וועללען זיין זיינע משרתים...

דעמעלט איז ער נאך געשטאנגען געגען דער נאטור אונבעהאלפען, אונגעלומפערט... און דעריבער האט ער אלץ פערגאטטערט, ווייל אלץ האט איהם געדראהט, ער האט זיך פאר אללעם געשראקקען! און דעריבער האט ער איבעראלל געזעהען נאך מעהר ווי איינפאך לעבען!

עס איז שווער זיך פארשטעללען, ווי אזוי דער ערשטער מענש, מיט'ן נאך פערשלאפענעם און טונקעלעם שכל, האט זיך געפיהלט אויף דער אונבעקאנטער, וואונדערליכער וועלט, מיט איהרע טויזענדער בעהאלטענע כחות, וואס לאקקערן אויף זיין לעבען. דאס, וואס אונזער יונגע קינדער אדער אלטערע נור אומגעבילדעטע, אדער נערוועזע מענשען, פיהלען, בשעת זיי בלייבען אלליין אין דער פינסטער, קאן אונז געבען קוים די שוואכסטע פארשטעללונג פון דער שרעקק, וואס דער ערשטער

אויגען, גולם! ערווארט נאך, דער קאליקע!!

יענקיל האט זיך שטיל אוועקגעשלעפט צו זיך אין ציממערל.

שטילל איז ער אריין אין צימער, שטיל איז ער צוגעגאנגען צום טיש, האט זיך אנגעלעהנט אויף איהם, האט אונטערגעשפארט די קאפף מיט די האנד און פערקוקט זיך אוממוטיג אין פענצטער. כמעט א שעה איז ער אזוי געשטאנען איבערגעבויגען ניט רירענדיג זיך פון ארט, ער האט צוויי דריי מאל אבגעזיפצט טיעף און פערשטיקט.

אופ'ן טיש איז אלץ געווען, ווי ער האט געלאזען, נור די פאפירען האבען געפעהלט. יענקיל האט דאס ניט בעמערקט און איז אלץ געשטאנען און געטראכט. ענדליך האט ער זיך אקערגעטאן, איז צו געגאנגען צו דער אלמער און האט זי געוואלט עפענען. פלוצלינג האט ער בעמערקט אויף דער פאדלאגע א שטיקעל פערשריבען פאפיר. ער האט עס אויפגעהויבען, א קוק געטאן, איז צוגעגאנגען צום טיש, און, דערזעהענדיג, אז דארטען זיינען ניטא די פאפירען, האט ער זיי גענוממען זוכען מיט גרויס אומרוה. ער האט אויפגעהויבען דאס ספר, איבערגעקוקט און איבערגעשאקעלט אלץ, וואס איז געווען אופ'ן טיש — די פאפירען זיינען ניט געווען.

— וואהין האבען זיי געקענט אהינקוממען? איך האב זיי, דוכט זיך, געלאזט אויפ'ן טיש — האט ער ארויסגערעדט פאר זיך.

מיט ציטטערענדע האנד האט ער איבער געווארפען אללע ספרים אין אלמער — ניטא! ער האט איבערגעקערט אלץ, וואס עס איז געוועזן איז ציממעריל — אומזיסט! די פאפירין זיינען ערגיץ אוועק געקוממען.

דאס הארץ האט ביי יענקלען שטארק געקלאפט, האנט און פיס האבען איהם געציטטערט, ער איז געבליבען אין מיט'ן צימער, ווי פערשטיינערט, מיט גרויסאויפגעריססענע אויגען, בלייך און ערשראקען:

— אפשר האט זי זיי געזעהען?... האט ער ענדליך ארויסגערעדט מיט א ציטטערענדע שטיממע און האט זיך געווענדט צו דער טיר. נור ער איז ניט ארויסגעגאנגען. ער האט ווידער אנגעהויבען זוכען. עטליכע מאל איז ער אזוי צוגעגאנגען צו דער טיהר, און יעדעס מאל האט ער זיך אלץ אומגעקערט צוריק און נאך א מאל און ווידער א מאל איבערגעקוקט און איבערגעזוכט אין יעדען ווינקעלע. ענדליך האט ער זיך געמאכט א הארץ און איז אראב אין שענק אריין. עטיל האט געגרייט צום טיש און האט איהן ניט בעמערקט.

מענש האט געהאט פאר דער נאטור!

די אידעע, אז אללעס לעבט, וואלגערט זיך נאך ארום אין אונזער פאעזיע, וואו די בוימער האבען צווישען זיך סודות, די טייכליך שמועסען מיט דער לבנה, דער הימעל וויינט מיט טרערען וכו' וכו' זי איז אויך נאך נישט אין גאנצען ארויסגעטריבען פון דער פהילאזאפיע! אסך רעכענען: אז לעבען שטעקט איבעראלל, וואו מיר זעהען קראפט און בעוועגונג.

און קראפט און בעוועגונג האט דער ערשטער מענש געזעהען גענוג ארום זיך!

היינט וויסען מיר, אז אין דער נאטור ווערט קיין זאך נישט פערלוירען, דער קלענסטער שטויב ווערט נישט צו נישט! די פהיזיק לערנט אונז, אז דאס אללעס, וואס ווערט אונז פערשוואונדען, ווי למשל אליכט וואס האט אויסגעברענט; וואססער, וואס האט אויסגעפארעט; א זאך וואס איז צושטויבט געווארען, אז דאס אלץ איז נישט געגאנגען לאבוד, נור דערפון זענען געווארען אזיינע קערפער, וואס מיר ווערען פון זיי מיט אונזערע 5 חושים נישט געוואהר; צו טהייל דארפען מיר א שפאקטיעף, מיר זאללען זיי דערזעהן, צו אנדערע מוזען מיר בענוצען חעמישע, קונציגע המצאות, מיר זאללען זיי דערקאנגען; מיט'ן שפאקטיעף דערזעהען מיר די קלענסטע ברואים, וואס לעבען און מעהרען זיך אין דער לופט און וואססער, און מיט חעמישע מיטטעלן ווערען מיר געוואהר פון לופט און פערשידענע גאזען... און היינט איז אונז לייכט צו בעווייזען, אז אלץ, וואס ווערט פערשוואונדען פער

עטליכע מינוט איז ער געשטאַנען און געקוקט אויף איהר, ענדליך האָט ער אַרויסגערעדט מיט אַהייזעריגער שטימע:

— עטיל...

דערהערענדיג אַזאַ שטימע, האָט זיך עטיל דערשראָקען און געשווינד זיך איבער־געדרעהט. נאָר, דערזעהענדיג יענקלען, האָט זי אַרויסגערעדט מיט אַ באַזען שמייכעל:

— וואָס איז? עסען פערוועלט? אַ? האָסט דאָך שוין פערדינט אַ וואַרמעס, בעל־מפרנס מיינער!

— ניין... האָט זיך יענקיל אָבגע־רופען שטיל — צו האָסטו ניט געזעהען די כתבים, וואָס זיינען געלעגען ביי מיר אויפ'ן טיש?...

זיין קול איז געווען אַזאַ רחמנות'דיגער, אַז עטיל האָט איהם געענטפערט גאַנץ ווייך:

— כתבים?... איך ווייס ניט...

אַ־אַ! יע! נעכטען האָב איך דאָרטען ביי דיר גענומען עפּעס שטיקלעך פּאַפּיער: איך האָב געדאַרפט איינוויקלען טאַביק און הערינג...

ביי יענקלען איז דאָס האַרץ איינגע־פאַללען.

דו האָסט אַלץ... פאַרטאָן...? האָט ער קוים אַרויסגערעדט.

— ווייס איך? גיב אַ קוק אונטערן שענק טיש: דאָרט מוזען נאָך ליגען עטליכע שטיקלעך...

יענקיל האָט זיך אַוועקגעטאָן צום טיש. ער האָט איבערגעזוכט אומעטום און האָט געפונען אַ פּאָר בלעטלעך פון זיינע כתבים. נאָר זיי זיינען געווען אַזוי פערשמירט אין הערינג־ראָסיל, אַז ער האָט זיי נישט געקענט פאַנאַנדערקלייבען.

— עטיל! — האָט זיך ביי איהם אַרויסגעריסען אַביטערער יאָמער. — זאָג, וועמען האָסטו אַוועקגעגעבען די כתבים! האָב רחמנות!

— איך געדענק זייער וועסען! גוים! — האָט זי געענטפערט רוהיג און פארגעזעצט. — וואָס זיך, מיר וועללען עססען וואַרמעס.

— עטיל! האָט יענקיל ווידער אַרויס־גערעדט מיט אַוויינענדער שטימע — עטיל, איך וועל דיר דריי טעג ניט עססען — זאָג, וועמען האָסטו אַוועקגעגעבען די כתבים!

עטיל איז שוין אין כעס געוואָרען:

— דער איבערשטער זאָל אויסהיטען, אַז דער שוטה ציעפּעט זיך צו! וואָס ביסטו צוגעשטאַנען ווי אַ סמאָלע? איך ווייס ניט און אַ סוף! ליימענער גולם! אָט איז דיר אַ טאַטע פון קינדער, אַ בעל הבית, אַ בעל מפרנס!

יענקיל האָט ניט געהערט איהרע רייד און האָט זיך מיט אַפערקלעמט האַרץ צוריק געשלעפּט צו זיך אין צימער. ער האָט ניט געהערט, ווי זי האָט איהם נאָכגעשריען: „איז וואָס, גייסט ניט וואַרמעס עססען?" ער האָט ניט געהערט, ווי זי האָט איהם נאָכגעשיקט אַ קללה, ער איז אַרויף צו זיך אין צימער, איז צוגעגאַנגען צום טיש, האָט זיך אָן כוחות אַראָבגעלאָזט אויפ'ן שטול. שטיללע הייסע טרערען האָבען זיך אָנגעהויבען גיסען פון זיינע אויגען און זיין פערמאַטערטער קאָפּף האָט זיך אַלץ נידע־ריגער אַראָבגעלאָזט איבערן ספר...

איבערגעזעצט פון

א. רייזן.

שווינדט נור פאַר אונז, בשעת ווען די נאַטור אַלליין האָט קיינמאָל קיין היזק נישט, בשעת ווען איהר מאַטעריע ווערט קיינמאָל נישט מעהר, נישט ווייניגער, די מאַטעריע בעקומט נור איין אַנדערע פאָרם, איין אַנדערע צורה — היינט ווייסען מיר שוין אַז פון די פערשוואונדענע זאַכען ווערען פערשידענע לייכטע גאַזען...

(פ״פ).

ג״ר שטוצער

ביי דעם פרעמדען חופה קלייד.

א סצענע פון ווארשויער לעבען.

אין א מאדע, מאגאזין. פערזאנען: די מאדאם, צוויי מאדיסטקים אונ האנד־מאדליך. ?

מאדאם

היינט ווערט געשטעפט אונ גענעהט,
היינט וועט כען לעדיג נישט זיצען!
טורייי — טוריי — טוריי!
זעהט נור די גאזען, די שפיצען!
זעהט, ווי דאס זיידענס וועט בליצען!

אשלעפע וועט זיין גאר א מורא!
א וודאי צעהן עללען די שלעפ!
היינט־שע — ברילאנטענע קנאפ!
זעהט — מען געטרויט אזא סחורה!

האנד־מאדליך (כאר).

אט האט איהר א וואנדער,
א וואנדער, א שפאס!
צו הייסט דען נישט „פאווע" —
יא פאווע — די גאסס,

וואו ס'שטעהט זיך א מויער
גאנץ געלבליך אונ בלייך,
דאך פעסט ווי א פעלזען
דריי שטאק אין דער הייך!

די פענסטער אין אייזען,
די טויערן פערמאכט...
עס געהט נאך א זעלנער
ארום אויף דער וואכט!

איי! דארטען צו וואהנען
איז טרויריג אונ באנג;
עס שלאגט דורך די טויערן
דאס קייטען־געקלאנג...

עס קלינגט אזוי טרויריג
דין־דאן אונ דין־דאס!
אה, ריהרט נישט דאס זיידענס,
ניט־טשעפיט, מאדאם!

דיא ערשטע מאדיסטקא

סאטען־דע־ליאן... אונ שפיצען אונ גאזען,
עס פעהלט נאך ברילאנטען צום ריכמעל...
דיוואנען אונ בלומען, אונ לאמפען... די כלה
וועט אויסזעהן — א מלאך פון הימעל!

האנד־מאדליך־כאר...

נישט קיין גראשען פאר דער דירה,
אונ אין מויל קיין ביסען;
ד'וויל ביי'ם מלאך פארשום בעטען,
נײן! זי וויל נישט וויסען!

מלאך, גיב פאראיס א רובל,
ניין! זי גיבט נישט פריהר!
ד'וויל פערצאהלען איהר פון הונגער, —
ווייזט זי מיר די טהיר!

אוּן עס וועצט מיר אין די שלעפען,
דאַכט זיך מיר, אָט־פאַלל'יך,
„נור אָהן קונצען, נור אָהן פאַקסען!"
לאַכט מיך אוים דער מלאך!

. . . .

אוּן, מיך האָט דעם מלאך לאַכען
ביז אהיים געהעצט!
אוּן איך האָב דעם מלאך ווידענס
אויף אַ ברויט פערזעט!

אוּן עס איז אַראָבגעפאַללען
פלוצלינג ווי פון הימעל,
אוּן, דער מלאך מיט אַ לאַפּאַטע[1],
טאַקי צו צו'ם רימעל!

אוּן מיך האָט פערזאָרגט דער מלאך
אויף די גרויסע פראָסט,
אוּן, אויף גאַנצע דריי חדשים
מיט קוואַרטיר אוּן קאָסט!

דיא צווייטע מאָדיסטקאָ.

בלאַס איז דאָס ווידענציג פונקט ווי מיין פּנים'על
דורכזיכטיג־דינן ווי מיין הויט...
ריהרט מען עס, קרעכצט עס „אוי!", פונקט מיינע ביינדעליך —
דאָס הייסט אַ גליקליכע מויד!

הייגט וועללען קוממען ברילאַנטענע קנעפּאַליך
גרויסע, ווי אָרימע טרעיען!
נו, איל דיך ראָדעלע, איל דיך טרעקאָמיטע נור
ד'זאָלל מיינע ביינדליך נישט הערען!

טראַך — טראַך ביינדאַלע, טור — טור — טור ראָדאַלע,
שלאָג'מיר דאָך גלייך מיטן זינגער...
טראַך — טראַך ביינדאַלע, — טור — טור — טור ראָדאַלע —
ווען וועל'מיר רוהען, אַ שטיינער?

האַנד־מאַדליך (כאָר).

עס איז פערהאַן אַ שטיבאַלע
אויף אַ שטיללער גאַסס!
ס'האָט קיין טהיר, קיין פענסטעריל —
אייביג שטילל אוּן נאַסס!

חאָטש מען צאָהלט קיין דירה־געל'ד
וואַרפט מען נישט אַרויס!
דאָרטען רוה'ן אויף אייביג שוין,
די ביינדאַליך זיך אויס!

פון קיין שטעפּען ווייס מען נישט,
עס ווערט שוין נישט גענייט,
צום שטיבאַלע קומט אימליכער
אויף אייביג שוין בעקלייד!

[1] מיסטשיק.

די צווייטע מאָדיסטקאַ.

שטעפּ, נאָדעל, שטעפּ די בראַבאַנדערנע שפּיצען —
פֿאַר איהר, פֿאַר איהר!
תכריכים'לעך וועסט דו נאָך גיך אונ באַלד שטעפּען —
פֿאַר מיר, פֿאַר מיר!

עס בלישציען בריליאַנטען, עס שמייכעלט די כלה —
ווי שאָן, ווי ליעב!
ווען וועט אַ שמייכעל מיין פּנים בעשיינען?
אין גריב, אין גריב!

ער וועט זי טוליען, צו קנייטשען די שפּיצען
אין האַרציגען שטאָרם!
דיך ווער וועט גלעטען אונ פּיעשטשען, אונ טוליען?
אַ וואָרם, אַ וואָרם!

„לוסטיג לעבען"

(אַ יונג האַנד־מאַדיל.)

וואָס פֿערסמט איהר מיר דאָס לעבען?
זינגט נישט אַזוי שראָקליך!
ד'האָב קיין סאַמיט אונ קיין אַטלאַס —
נור די רויטע באָקליך!

ד'האָב קיין שפּיצען, קיין בריליאַ...
ווייס איך, וואָס זיי טויגען!
ד'האָב אַ האַלז, אַיין אַלאַבאַסטער,
צוויי בריליאַנטען — אויגען!

ד'דאַרף קיין פּערל, ווערט די צאָהנדליך,
אַח — ווי זיי געפֿאַללען!
אונ די יונגע, פרישע ליפּלעך
זענען מיינע קרעללען!

פֿעהלט מיר גאָלד דען? זעהט די לאָקקען!
אונ וואָס גליק איז ווייס איך!
לאָסט מיך לאַבען, לאָזט מיך לעבען
„לוסטיג־לעבען" הייס איך!

האַנד־מאַדליך (אויסער לוסטיג־לעבען)

אויף יעדער גאַסס, אין יעדען הויז
שטעהט אַ קאַסטען מיסט!
קלויבען לאָזט מען פראַנק אונ פריי
שמאַטעס גאַר אומזיסט!

אונ — ווערט „לוסטיג־לעבען" אַלט,
ווייסט איהר, וואָס איהר גליסט?
מאַכט אַ שטעקאַלע זיך פֿיין,
גראַבילט זיך אין מיסט!

דיא ערשטע מאָדיסטקאַ

יונגער־הייט אַ האָזאַלע
בעשפּרונגען אונ געקישט;
צונד האָט עס קיין נאָזאַלע
אונ קיין גיעכען נישט!

(פ"פ).

י. ל. פּרץ.

וו. גאַרשין.

דער סיגנאַל.

סעמיאָן איוואַנאָוו איז געוועזען אַ וואַכטער אויף דער אייזענבאַהן. פֿון זיין הייזעל איז געוועזען: צו'ן איין סטאַנציע 12, צו דער אַנדערער — 10 ווערסט. אַ ווערסט פֿיער פֿון זיין הייזעל האָט מען נאָך פֿאַריגעם יאָהר אויפֿגעשטעלט אַ גרויסע שפּינערייפֿאַבריק! דער קוימען פֿון דער פֿאַבריק איז איבערגעוואַקסען דען וואַלד. און האָט פֿון ווייטענס אויסגעזעהן ווי איין אונגעהייער הויכער, דאַרער און שוואַרצער ריז, וואָס יאָגט פֿון מויל אַרויס אַ געדיכטען, שוואַרצען רויך... אין די פֿיער ווערסט איז, אויסער אַנדערע אייזענבאַהן-הייזלעך, קיין מענשען-וואָהנונג נישט געוועזען.

סעמיאָן אַליין איז געוועזען אַ קראַנקער און אַ שוואַכער מענש. אַ יאָהר ניין צוריק איז ער געוועזען סאָלדאַט און האָט דורכגעמאַכט אַ מלחמה, אַלס דענשציק ביי'ן איין אָפֿיציער. געוואָהנליך, האָט איהם קיין צרות נישט געפֿעהלט: ער האָט געליטען הונגער און דורשט, היץ און קאַלט. עס איז גאַנץ אָפֿט אויסגעקומען צו מאַכען אַ פֿערציג-פֿופֿציג ווערסט צו פֿוס אין גראָסטען פֿראָסט אָדער אין דער גראָסטער היטץ; עס האָט זיך איהם אויך גאַנץ אָפֿט געטראָפֿען צו זיין אויסגעשטעלט אויף אַ קויל, צו ציטטערן פֿאַר דער אייגענער הויט! אָבער עפּיס האָבען די פֿייערדיגע קוילעכליך ווי דרך־ארץ געהאַט פֿאַר סעמיאָנען; זיי האָבען איהן נישט אָנגעריהרט און, פֿייפֿענדיג, פֿאַרביי געפֿלויגען... איינמאָל איז זיין פּאָלק אין רעכטען פֿייער געשטאַנען. אַ גאַנצע וואָך האָט מען זיך מיט דעם טערק מיט פֿייערדיגע קייקלעך געביטטען: דאָס רוססישע מיליטער ליעגט אויף זיין אָרט, אַקעגען, איבער אַ קליינע לאָנקע, דאָס טירקישע, און, פֿון פֿריהמאָרגען ביז שפּעט אין דער נאַכט, הערט מען נישט מעהר, ווי דאָס הילכיגע קנאַללען פֿון ביקסען און דאָס טרוקענע פֿייפֿען פֿון קוילען. סעמיאָנ'ס אָפֿיציער איז אויך אויפֿ'ן פֿעלד געוועזען, און סעמיאָן פֿלעגט איהם ברענגען דריי מאָל אין טאָג פֿון קיך צו עססען, אַ חוץ הייסע סאַמאָוואַרען... אויפֿ'ן פֿרייען פֿעלד געהט אַ מאָל סעמיאָן מיט'ן סאַמאָוואַר אין די האַנד; די קוילען פֿייפֿען, סווישטשען און זינקען מיט אַ ברום אין דער ערד; סעמיאָן ציטטערט, עס ווערט איהם קאַלט אין גאַנצען לייב, ער וויינט, און — טראָגט דען סאַמאָוואַר ווייטער. די אָפֿיציערען

די נשמה.

(פֿאָרטזעצונג פֿון „לכבוד שבת").

פֿון דעם אַללעם האָט דער ווילדער מענש נישט געוואוסט!

פֿערקעהרט, ער האָט געזעהן בחוש, אַז אַלץ קאָנן צושאַנדען ווערען! אָט האָט אַ דונער אַריין געשלאָגען אין אַ בוים. ער זעהט אין'ם פֿייער אַ שרעקליכע, פֿייערדיגע חיה, וואָס איז באַפֿאַללען דען הויכען ריז — דען בוים; עס ווערט צווישען זיי אַ שטאַרקע, ברענענדיגע מלחמה: דער בוים קנאַקט, זעצט און טראַסקיט פֿאַר כעס... נור דאָס פֿייער סיצט און ציששט ווי אַ שלאַנג, און האַפּט אַרום דען ריז מיט צעהנדלינגער רויטע צונגען, און עסט איהן אויף!... דער בוים פֿאַלט — ער איז שוין טויט, עס בלייבט פֿון איהם נור קויל, אַש — און דאָס לעצטע ווערד אויך מיט דער צייט צושטויבט און פֿערשוואונדען...

די אייגענע שרעקליכע מלחמה פֿיהרט דאָס וואַססער מיט די פֿעלזען; מיט די ריזיגע פֿעלזען, וואָס שטעהן אַרום וואַססער, ווי אויף דער וואַך, און האַלטען דען שרעקליכען, באָזען ים אין תפֿיסה! נור דער ים שווייגט נישט און באַרעט זיך; ער שטרעקט אויס זיינע ווילדע האַנד — די פּאַליעס און פּאַטשט די פֿעלזען, און רייסט פֿון זיי שטיקקער... און אַללע מאָל פֿאַלט איין אַנדער שטיק פֿעלזען אין ים אַריין און ווערט דאָרט צוריבען און צומאַרשטען... די זון ווייטער טרינקט אויס די וואַססערן.

זענגען מיט סעמיאנען זעהר צופריעדען געוועזען; א פריש, קאבענדיג גלאז טהיע שמעקט אויפ'ם פעלד מיט א ריח פון גן־עדן!

פון דער מלחמה איז סעמיאן אהיים געקוממען א גאנצער, אהן א שום ראנע. נור א שוואכקייט און א בראכעניש אין האנד און פים איז איהם שוין געבליבען אלס איין איביג אנדענקען. נישט וועניג צרות איז סעמיאן אויסגעשטאנען נאך דער מלחמה: א היים געקוממען, האט ער זיין אלטען פאטער שוין נישט געטראפען; זיין אייגענעם א פיער־יאהריג איינציג יונגעל האט זיך אויך איבערגעטראגען אויף יענער וועלט; עפים האט איהן אין האלזעל געווארגען און דערשטיקט, און סעמיאן מיט'ן וויב זענען געבליבען נאקט און בלויס. צוריק אויסארבייטען זיך אין דער ווירטשאפט איז אונמאגליך געוועזען. מיט געשוואללענע האנד און שוואכע פים לאזט זיך נישט ארבייטען אין פעלד! און סעמיאן מיט'ן וויב האבען זיך אוועקגעלאזט אין דער פרעמד אריין. זיי האבען געזוכט גליק אין חערסאן, אויפ'ן דאן, נור אין ערגיץ עס נישט געפונען; עס איז געקוממען דערצו, אז סעמיאנס וויב האט זיך אין א הויז פאר א דיענסט געשטעלט, און סעמיאן איז ווייטער געגאנגען וואנדערן און זוכען גליק...

אויף א געוויססער סטאנציע אויף דער באהן האט איהם דער נאטשאלניק אויסגעזעהן בעקאנט; סעמיאן קוקט זיך צו גוט, און דער נאטשאלניק קוקט אויך אויף סעמיאנען. ביידע קיים דערמאנען און דערקאננען זיך! עס איז געוועזען איין אפיציער פון סעמיאנס פאלק.

— וואס, איוואנאוו? — פרעגט דער אפיציער.

— ריכטיג, וואשע בלאהאראדיע, דאס בין איך!

— נו, ווי קומסט דו אהער?

סעמיאן פערצאהלט זיינע צרות; אזוי און אזוי...

— וואהין פאהרסט דו איצטער?

— ניע מאגו זנאט, וואשע בלאהאראדיע.

— ווי הייסט, נארר איינער, ווער דען זאלל וויססען?

— טאטשנא טאק, וואשע בלאהאראדיע! איך וויים נישט; איך האב מיך נישט ווי א הין צוטהון! מען מוס זוכען ארבייט!

דער אפיציער האט ווי איבער געטראכט, ארום געקוקט און דערנאך געזאגט:

— ווייסט דו וואס, ברודער, בלייב דערוויל דא, ביי מיר אויף דער סטאנציע. דו ביסט, דאכט זיך, בעווייבט, וואו זשע איז דיין וויב?

די שאכסען אין הימעל (די וואלקען) זופען פון ים... איבעראלל קריעג! אומעטום פערניכטעט איינער דען צווייטען...

שפאטער וואקסט זיין אייגענע קראפט, און ער הייבט אן אלליין אויך אין דעם קריעג א גרויסע ראלע צו שפיעלען. ער האט זיך אויסגעלערנט פייער מאכען און ברענט וואלדער און סטעפים, צוזאממען צו יאגען די חיות, אויף וועלכע עס יאגט (פאליוויט) — ער עסט און טרינקט און פערדארבט אויך א היבש ביסל זאכען...

פריהער טהוט ער עס מיט מויל־שראק, פון וועלכער דער הייטיגער ווילדער מענש איז נאך נישט אין גאנצען בעפרייט; ער שיעסט א וואלף, און פאלט פאר'ן פגר אויף די קניע, און בעט ביין איהם מחילה: נישט א מיינע, זאגט ער, האב איך עס געטהון;

איך האב גאר אין דער וועלט ארײן געשאססען, דאס האט דער ווינד, דיין שונא, אויף דיר געטראגען די פייל, אבער: נישט איך, נור א ווייסער מענש האט דיך געשאססען! נור וואס אמאל ווערט די שראק שוואכער און אונזער ווילדער מענש מאכט אליין צושאנדען, צו ער ברויך, צו ניין, און מיטן אייגענעם פערגניגען, מיט וועלכען אונזערע קינדער צוברעכען אלין אין שטוב. ער וויל אויך זעהן וואס איננערווענדיג שטעקט... וואס איננערווענדיג שטעקט ווערט ער, נאטירליך, נישט געוואהר, נור ער געוויינט זיך דערצו, אז אלץ אין דער וועלט קאנן פערדארבען, פערניכטעט ווערען; און פערשוואונדען, עס זאלל דערפון קיין זכר נישט בלייבען, גלייך עס וואלט קיינמאל נישט געוועזען. נור דאס וועט פערשוואונדען די איבערשטע גראבע הויט פון

— טאַק טאַטשנאַ, וואַשע בלאַהאָראָדיע, בעוויַבט. דאָס וויַב דיִענט ביי'ן אַ סוחר אין קורסק.

— נו גוט, שריַיבּ איִהר, זי זאָלל אַהער קוממען. איין אומזונסטען בילעט וועל איך איִהר שוין שאַפען, מיר דאַרפען אַ וואָכטער אויף דער ליִניע, וועל איך די שטעללע אויסבעטען פאַר דיר.

— אַ גרויסען דאַנק, וואַשע בלאַהאָ־דאָריע, — האָט סעמיאָן געאָנטפערט צו־פריִדען.

און סעמיאָן איז אויף דער סטאַנציע געבליבען, צוגעהאָלפען ביי'ם נאַטשאַלניק אין קיך, געשפאָלטען האָלץ, געקעהרט דען הויף, די פלאַטפאָרמע. אין 2 וואָכען אַרום איז דאָס וויַב געקוממען, און סעמיאָן איז מיט איהר אויף אַ האַנד־וועגעלע איבּערגעצויגען אין זיין הייזעל אַריין אויף דער ליִניע. אַ הייזעל האָט ער בעקוממען אַ נייעס, אַ וואַרעמס. האָלץ צו הייצען — ווי פיעל דו ווילסט, אַ קליין גאָרטעל און אַ האַלבע דעסיאַטין ערד פון ביידע זייטען ליִניע. סעמיאָנען איז גאָר פראַהליך גע־וואָרען: סטייטש, אַליין אַ בעל־הבית! און ער האָט שוין אָנגעהויבען טראַכטען וועגען אַ קוה, וועגען אַ פערדיל קויפען.

געגעבען האָט מען איהם אַללעס, וואָס מען דאַרף צו זיין דיִענסט: אַ גריִנע פאָהן, אַ רויטע פאָהן, לאַטערנען, אַ טראָמפּייט, אַ האַמער, אַ שליסעל צו וויטרים, אַ קילאָף (לאָם), אַ לאָפּאַטע, בעזעמער, שרויפען, און צוויי ביכלעך מיט פאָרשריפטען (דינים), ווי אַזוי ער דאַרף זיך בענעהן און ווען יעדער צוג (פּאָיעזד) קוממט, די ערשטע צייט איז סעמיאָן גאַנצע נאָכט נישט געשלאָפען, אַלץ דעם גאַנג פון די ציגע געחזרט: אין צוויי שעה אַרום קוממט אָן דער צוג, און ער געהט שוין אויף זיין שטיק פּלאַנט, אָדער ער זעצט זיך אויפ'ן באָנקעל נעבען הייזעל, קוקט און האָרכט איין, צו ראָשען שוין נישט די רעלסען, צו פּייפט נישט די לאָקאָמאָטיוו. זיינע פאָרשריפטען האָט ער זיך אויסגעלערנט ווי אַ וואַססער אויסענ־ווענדיג, חאָטש עס איז איהם גענוג שווער געוועזען דאָס לעזען!

זוממער צייט איז עס געוועזען. די אַרבייט איז נישט שווער, קיין שניי אָב־שאַרען בעדאַרף מען נישט, ציגע געהען אויך נישט אָפט. סעמיאָן געהט אַרום און בעקוקט זיין ווערסט אַ פּאָר מאָל אין טאָג; דרעהט צו אַ שרייפעל וואו מען דאַרף, גלייכט אויס די שטיינדליך, קוקט אַרום די וואַססער־ראָהרען און געהט אַ היים צו זיין הויז־אַרבייט. די שטוב־אַרבייט וואָלט אויך גוט געגאַנגען, ווען נישט דאָס

דער זאַך; וואו קוממט אַהין דער תוך? דער עדעלער, דינגער תוך, וואָס שטעקט אין יעדער זאַך?

וואו קוממט דאָס אַהין? צו ווערט דאָס אויך צושאַנדען, פערלוירען? ווי אַזוי? וואָס ווערט עס? אויסגעטריקענט, פערברענט אָדער צערשטויבט? ער האָט זיך באַין אופן נישט געקאָנט פאָרשטעללען קיין מיטעל, דורך וועלכען דאָס עפּיס זאָלל קאָנען ווערען אויס עפּיס! דאָס אַללעס, וואָס פיהרט איבער אַלע קאָרפער, קאָנן אויף דעם „עפּיס" קיין שליטה נישט האָבען...

ווי אַזוי קאָנן מען צובּרעכען, צערשטויבען, פערברענען אָדער פערניכטען דאָס, צו וועלכען מען קאָנן נישט צוקומען מיט די האַנד, צו וועלכען מען קאָנן זיך נישט צורירען?

דאָס מוזס איביג לעבען!

וואו דען קוממט עס אַהין, ווען די זאַך, אין וועלכען דאָס „עפּיס" האָט געוואוינט, איז פער־דאָרבען געוואָרען? וואו טהוט זיך דאָס עפּיס אַהין, ווען עס פערליערט די שאָל, אין וועלכער עס איז געוועזען איינגעהילט; די דירה, אין וועלכער עס האָט געוואוינט?

אויף דעם איז דאָ אַ לייכטע תשובה. נישט איינמאָל טרעפט זיך דעם ווילדען מענש, אַז ער מוזס זיין דירה פערלאָזען; עס טרייבט איהן פון דער הייל, אָדער פון שפּאַלט אין אַ פעלזען אַרויס, דער הונגער, די שרעק פאַר אַ ווילד טהיר, אָדער אַ שטאַרקערער ווילדער מענש... און דעמאָלט מוזס ער זיך אויסזוכען איין אַנדערן שפּאַלט אין אַ פעל־זען, איין אַנדערע היים, איין אַנדערע דירה...

דאָס עפּיס מוזס אויך אַזוי טהון!

אונגליק, וואס אליין טאר מען גאר נישט טהון. דארף מען עפיס, טוס מען פרעגען דען וועגמייסטער, דער וויטער פראגט א האבער'ן און איידער עס קומט די ערלויבניס, געהט איבער די צייט און מען קאן שוין גאר נישט טהון. און סעמיאנען מיט זיין ווייב האט אנגעהויבען צייטענווייס ווערען אונטוטהיג...

עס זענען אוועק א פאר חדשים; סעמיאן האט זיך א ביסעל בעקאנט מיט זיינע שכנים, מיט די נאהנטע וואכטער: איינער איז געוועזען א גאנץ אלטער מענש; מען האט איהם שוין גערעכענט אבצוזאגען, ער האט זיך שוין קוים וואס געקאנט ריהרען פון הייזעל, און דאס ווייב זיינס איז אויף זיין ארט ארויס אויפ'ן וועג. דער צווייטער וואכטער, נאהנטער צו דער סטאנציע, איז געוועזען א יונגער מאנן, עפיס א דארער און א מרה'שחורה'דיגער. דאס ערשטע מאל האט איהם סעמיאן אויף דער ליניע בעגעגנעט, אראב גענוממען דאס היטעל, געניינגט זיך:

— גוט מארגען, שכן.

דער שכן האט איהם אנגעקוקט א ביסעל פון דער זייט, קוים געאנפערט: „גוט מא..גען — גוט יאהר", אוועק געדרעהט זיך און אוועק געגאנגען ווייטער.

די ווייבער האבען זיך אויך א פאר מאל געטראפען. סעמיאנ'ס ווייב, ארינא, האט, ווי געוואהנליך, בעגריסט די שכנ'טע, יענע אבער האט זיך אין קיין שמועס'ן נישט אריין געלאזט און איז אוועק איהר וועג. איינמאל בעגעגענט זי סעמיאן: „וואס איז דאס עפעס, — זאגט ער, — ביי דיר פאר א מאנן, א זא פערשלאססענער?"

יענע האט א ווילע געשוויגען, דערנאך זיך אנגערופען: „נו, וועגען וואס זאלל ער מיט דיר רעדען? יעדער מענש האט דאס זייניגע... געה דיר דיין וועג!

עס איז אוועק נאך א חודש צייט, און די שכנים זענען פארט געווארען פריינדליכער צווישען זיך. וואסיל מיט סעמיאנען קוממען זיך צונויף אויף דער ליניע, זעצען זיך אין א זייט, פעררייכערן די ליולקעס און פיהרען א שמועס, יעדער דערצעהלט וועגען זיין לעבען. וואסיל פערברענגט מעהר די צייט מיט שווייגען און סעמיאן פערצעהלט פון זיין דארף, וועגען מלחמה...

נישט ווענינ — זאגט ער — בין איך אין מיין לעבען אויסגעשטאנענען, און וויפיהל האב איך נאך צו לעבען? קיין גליק האב איך נאך ביז אהער נישט געזעהן. ווי נאטט בעשערט אזוי איז שוין, יעדער מענש האט זיין מזל... אזוי, אזוי, ברודער וואסיל.

און וואסיל האט די ליולקע אויסגע-

דאס עפיס, דער תוך פון דער זאך, די נשמה, אז זי פערליערט דען קארפער, וואס זי האט בעוואהנט, געהט זי איבער צו'ן איין אנדערן קארפער, ציהט זי זיך איבער אין איין אנדערע דירה אריין.

די עגיפציאנער (מצריים), וואס האבען געגלויבט אין תחית המתים, וואס האבען זיך פארשטעלט, אז ביים שטארבען פליהט נור די נשמה פון גוף ארויס, נור זי קאנן צוריק קוממען, האבען זיך טאקי בעמיהט צו דערהאלטען איהר די דירה אין ארדנונג, זי זאלל האבען אין וואס זיך צוריק אריינצוציהען; זיי האבען די טויטע געפאלמיסט.

און דער ווילדער האט מאססען בעווייזע דערויף: דאס זעהט ער אויף שריטט און טריטט.

אט חלישט ער פאר הונגער, ער פיהלט, אז די כחות (נאטירליך, האט ער געזאגט: די נשמה) געהען איהם אויס, דאס לעבען וויל איהן אין גאנצען שוין פערלאזען, נור פלוצלינג געפינט ער א פיש, וואס ווארפט זיך, ארויסגעווארפען פון ים אויפ'ן יאנד; א וויכטהיר, איבערגעלאזט פון דער פאלע אויפ'ן פעליען, אדער א חיה'לע, וואס האט זיך נישט געשראקען, אדער קיין צייט נישט געהאט צו ענטלויפען — און ער לעבט צוריק! ער האט א פרישע נשמה בעקוממען, א נייע לעבען, עס האבען זיך איהם די כחות בעניירט.

וואס איז געשעהען? פון וואנען נעמט זיך עס?

ער איז זיכער, אז ער האט מיט'ן לעבענדיגען עססענווארג איינגעשלונגען זייער נשמה, אז זי איז איבערגעגאנגען צו'ן איהם, אז צונד לעבט אין איהם א נייער כח! למשל דער כח פון א פיש!

דער גלויבען דערינגען איז אזוי שטארק צווישען

קלאַפּט אָן רעלס, אויפגעשטעלט זיך און געזאָגט.

— ניין, ברודער, נישט דאָס מזל עסט אויף מיך מיט דיר, נור מענשען. עס איז נישט דאָ אויף דער וועלט אַ חיה ווילדער און שלעכטער פאַר'ן מענש! איין וואָלף פרעסט נישט דעם צווייטען און איין מענש שלינגט איין דעם צווייטען לעבענדיגערהייט.

— נו, ברודער, אַ וואָלף עסט אויך דעם צווייטען, זאָג דאָס נישט.

— עס רעד זיך נור אַזוי! אָבער אין אמת'ן איז קיין אַרגערע חיה אויף דער וועלט נישט דאָ; ווען נישט, וואָס דער מענש איז אַזוי שלעכט, וואָלט גאָר נישט שלעכט געוועזען. יעדער זוכט נור דיך צו פּאַקען, אויסרייסען פון דיר אַ שטיק פלייש און אויפצופרעססען.

סעמיאָן האָט זיך פערקלערט.

— איך ווייס נישט, זאָגט ער, — עס קאָנן זיין אַזוי ווי דו זאָגסט, נאָר אויב עס איז אַזוי, איז דאָך עס אויך פון גאָטט.

— נו, אויב אַזוי, — רופט זיך אָן וואַסיל, — האָב איך מיט דיר נישט וואָס צו רעדען. אַז מען זאָל יעדעס אונרעכט אַריפוואַרפען אויף גאָטט, און זיצען אין ליידען מיט פערלעגטע האַנד, הייסט, לויט מיין מיינונג, נישט זיין אַ מענש, נאָר אַ שטיק פיה! אַט האָסט דו מיין מיינונג אין גאַנצען.

ער האָט אָבגעזאָגט זיינס און אַוועק אָהן אַ „גוטען טאָג". סעמיאָן האָט זיך אויפגעהויבען.

— שכן, — שרייט ער, — וואָס זירעלסט דו נאָך?

יענער אָבער האָט זיך נישט אומגעקעהרט און איז אַוועק זיין וועג.

לאַנג, לאַנג, האָט איהם סעמיאָן נאָכגעקוקט, ביז ער איז פערשוואונדען געוואָרען אונטערן בערג'ל. סעמיאָן איז געקומען אַ היים און געזאָגט צום ווייב:

— נו, אַרינאַ, האָבען מיר דאָס אַ ביסל אַ שכן, אַ חיה רעה, נישט אַ מענש!

צוקריגט אָבער האָבען זיי זיך נישט; זיי האָבען זיך ווידער בעגעגענט, ווידער צורעד און שטאָנדיג וועגען דעם אייגענעם.

ע... ע... ברודער! ווען נישט מענשען וואָלטען מיר מיט דיר שוין נישט געזעססען דאָ אין די הייזליך, — זאָגט וואַסיל.

— נו, וואָס איז דאָ דאָס הייזעל אַזוי שלעכט? לעבען דאָ קאָנן מען — מיינט סעמיאָן.

— לעבען קאָנן מען, לעבען קאָנן מען — אַח, דו מענש איינער! געלעבט האָסט דו לאַנג, נור ווייניג געלעבט! גע-

די ווילדע שטאַממען, אַז זיי קוממען נאָך צו דער דעה, אַז די אויפגעגעססענע נשמה, האָט אַ שטאַרקען איינדרוק אויפ'ן מענש. ווער עס עסט, למשל, בערען-פלייש ווערט אַזוי שטאַרק ווי אַ בער. ביי טהייל שטאַממען האָט מען פערוועהרט די פרויען זאָללען עססען פלייש פון אַ לאָמפּערט, ווייל אפילו אַ ווילדער מענש וויל, אַז די פרוי זאָל זיין גוט און געלאַססען... די מאַלאַיער פון זינגאַפּאָר נוצען אַסך טיגער-פלייש; עס איז (זאָגען זיי) נישט געשמאַק, נור דערפון ווערט מען געשיקט און שטאַרק. די דאַיאַקען פון באָרנעאָ האָבען איין אָבשיי פאַר הירשענפלייש; דערפון פערליערט מען דעם מוטה! דערייבער עססען עס נור פרויען און קליינע קינדער. אַרצייטען פלעגט מען געבען עקרות פראָש (זשאַבּים), זאָללען האָבען אַסך קינדער. קאַראַיבען עססען נישט קיין חזיר-פלייש און קיין שילדקרעט — זיי זאָללען נישט קריגען אַזוינע קייליגע אויגען ווי די ברואים האָבען; דאַקאָטאַנער עססען הינדס-לעבער, זיי זאָללען קריגען דאָס געשווינדיגקייט פון הונד און זיין חוצפא! די אַראַבער עססען דערייבער קאַמעלען-פלייש, צו קריגען זייער איינגעשפּאַרטקייט און ליידענשאַפּט (תאוה). די חינעזער גלויבען, אַז מען ווערט אַ גבור, אויב מען עסט אויף אַ האַרץ פון אַ גבור... די ניי-זעלאַנדער גיבען די קינדער איינצושלינגען שטיינדליך, זיי אַלליין זאָללען ווערען אַזוי געהאַרטעוויט... אַ געלעהרטער האָט געהערט, ווי ביי אונס האָט אַ מיידעל געזאָגט צו'ן אַ יונגעל: עסס נישט קיין סך גאַנזען-פלייש, עס וועט פון דיר ווערען אַ נאַרישע גאַנז. — ביי אונס גיט מען קיין חדר-יונגעליך נישט צו עססען די הערצליך פון עופות —

קוקט האסט דו א כך, נור ווייניג געזעהען. איין ארוממאן דא אין הייזעל, אדער אנדערש וואו, ווייס פון קיין לעבען נישט! די מענשען-פרעססער פרעססען דיך אויף אין גאנצען, דריקקען אוים פון דיר די גאנצע זאפט אונ קראפט; דערנאך, ווערסט דו אלט ווערען, וועט מען דיך ארויסשליי-דערן ווי א פערפוילטע קארטאפעל פאר חזירים... וויפיעל בעקומסט דו א חודש?

— א ביסל ווייניג... 12 רובעל.

— אונ איך בעקום דרייצעהן מיט א האלבם! פאר וואס-זשע, פראג איך דיך, איז דאס אזוי? לויט פארשריפט קומט אללע גלייך; די קאססע גיט ארוים פאר יעדען 15 רובעל א חודש, בעהייצונג אונ בעלייכ-טונג; פאר וואס-זשע, פראג איך דיך, גיט מען אונז צוועלף, אדער דרייצען מיט א האלבם? אונ דו זאגסט נאך, מען קאנן אזוי לעבען! איין זאך, בעט איך דיך, פערשטעה, אז איך רעד נישט וועגען די אנדערטהאלבען אדער דריי רובעל. זאללען זיי דאס גאנצע צונעממען... איך רעד נור... ווארט: אט בין איך פאריגען חודש אויף דער סטאנציע געוועזען; דער דירעקטאר איז פארביי געפאהרען, איך האב איהן געזעהן, איך האבע די עהרע געהאט! ער פאהרט אין א בעזונדערן וואגאן; ער איז ארוים געגאנגען אויף די

זיי זאללען נישט קריגען קיין פערשטאפטע הארצליך אונ נישט פערגעססען דאס לערנען. אין דער קבלה איז בעקאנט די מיינונג, אז וואס מען עסט, דאס ווערט מען.

אונ אין דעם, ווי אין יעדער זאך, שטעקט אויך א שטיקל אמת. עס איז פיזיאלאגיש בעוויזען, אז דאס עססען האט א שטארקע ווירקונג אויפ'ן מוח. טהייל מאכלים מאכען דאס דענקען שווער, טהייל לייכט, טהייל הייבען די פאנטאזיע וכו' נור, נאטיר-ליך, האט עס גאר קיין שום אנהאנג מיטן כאראקטער פון לעבענדיגען טהיר...

די וועגעטעריאנער (וואס ווילען, מען זאלל אויפהערען צו עססען פליישׁ אונ בעגנוגען זיך מיט פלאנצען) פערשפרייטען די מיינונג, אז אללע אונ-זערע שלעכטע מדות אונ תאוות האבען מיר דערפון,

פלאטפארמע אונ שטעהט... ניין, איך וועל שוין דא לאנג נישט פערבלייבען; איך וועלל אוועק וואהין די אויגען וועללען מיך טראגען!

— וואהין-זשע וועסט דו געהן סטע-פאנימש? ווארף נישט אוועק קיין ברויט צו זוכען בראקלעך. האסט א הייזעל, עס איז דיר ווארם, אונ א שטיקעל ערד אויך דערצו... דאס ווייב דיינס ארבייט...

— ערד! וואלסט א קוק טהון אויף מיין ערד, וואלסט דו דאן זאגען! א שפענ-דעל איז אויף איהר ניטא. אויף זוממער האב איך אביסל קרויט פערזייעט, איז דער וועג-מייסטער אנגעפאהרען.

„וואס איז דאס? — מאכט ער — פאר וואס האסט דו נישט געפראגט? שוין, אין דער מינוט זאלל זיין אוים קרויט!" ער איז שכור געוועזען, א נישט וואלט ער גאר נישט געזאגט, א צונד האט עס איהן אנגעחאפט: דריי רובעל שטראף!"

וואסיל שווייגט א ווײלע, גיט א זייג פון דער ליולקע אונ זאגט ווייטער שטיל:

— נאך א ווארט, וואלט איך איהן צו טוידט געשלאגען!

— נו, וואסיל, דו ביסט דאך עפים א כעסן, עפים צו הייס!

— גאר נישט קיין כעסן, גאר נישט צו הייס! איך טראכט אונ רעד מעהר

וואס מיר עססען פלייש פון בעשעפענישען, אין וועלכע די שלעכטע מדות אונ תאוות שטעקקען.

נור די נשמה פערלאסט די דירה, נישט דוקא דעמעלט, ווען זי ווערט צושאנדען אונ פערדארבען.

גאניץ אפט בלייבט עפים ליגען טויט אונ-פערדארבען, אונאויפגעגעססען; גאניץ אפט בלייבט עפים ליגען אהן לעבען, אהן כח אונ עס איז נישט צו דערגעהן, פאר וואס דער נשמה איז נמאס געווארען די דירה אונ וואו אהין דער גייסט, די נשמה, וואס האט די זאך בעלעבט איז אהין גע-קוממען? די נשמה, זעהט אוים, איז א פרייער פויגעל, ווען זי וויל פליהט זי ארוים פון נאסט; נור — וואו קומט זי דעמאלט אהין?

צו קאנן זי נישט ארום פליהען אין דער לופט? נאטירליך האט אגוע... דער מענש פון דער

ניִשט, ווי דער אמת איז; נו, ער וועט נאָך פֿון מיר האָבען, דער פּיאַניצא, איך וועל מיך נאָך ביים הויפּט־נאַטשאַלניק בע־קלאָגען, מיר וועללען זעהן!

און ער האָט וואָרט געהאַלטען; בעקלאָגט זיך.

איינמאָל איז דער הויפּט־נאַטשאַלניק דורכגעפֿאָהרען און אַלץ בעטראַכט. אין דריי טאָג אַרום האָבען געזאָלט קוממען עפּיס גרויסע לייט פֿון פּעטערסבורג אויף אַ רעוויזיע, האָט מען געמוזט אַלץ אין אָרדנונג ברענגען. מען האָט אָנגעשיטט, אויסגעגלייכט, די שפּאַלען איבער געזעהן, צו געדרעהט די שרויפֿען, איבער גע־מאָלט די קלאָצלעך. סעמיאָן האָט אַ גאַנצע וואָך געאַרבייט, אַלץ פֿער זאָרגט, דען ראָק פֿערלאַטעט, אויסגערייניגט, און זיין מעש־בלעך מיט אַ ציגעל אַזוי אָבגע־ריבען, אַז עס האָט געבלאַנקט; וואַסיל האָט אויך געאַרבייט. געקוממען איז דער נאַטשאַלניק אויף אַ וועג־וואָגענלע. די מאַשינקע פֿליהט, גלייך רוחות וואָלטען זי געטראָגען, אַ ווערסט צוואַנציג אין אַ שעה; און די ראָדער קוויטשען דולל צו ווערען! ער איז צו געפֿלויגען צו סעמיאָנס הייזעל; סעמיאָן איז אַרויסגעשפּרונגען, פּאַר־קאָזיראָק, ווי אַ סאָלדאַט; אַרומגעקוקט, אַללעס אין אָרדנונג!

— דו ביסט שוין לאַנג דאָ? — פֿראָגט דער נאַטשאַלניק.

פֿון צווייטען מאַי, וואַשע בלאַהאַראָדיע.

— גוט. אַ דאַנק. און ווער איז אין נומער הונדערט פֿיער און זעכציג?

דער וועג־מייסטער, וואָס פֿאָהרט מיט איהם, האָט געאָנטפֿערט:

— וואַסיל ספּירידאָוו.

— ספּירידאָוו... ספּירידאָוו... אַ הא, דאָס איז דער זעלביגער, אויף וועלכען איהר האָט דאָס פֿאָריגע יאָהר איין אויג געוואָרפֿען?

— דאָס איז ער.

— נו, גוט, לאָמיר זעהען דען וואַסיל ספּירידאָוו, מאַרש!...

דאָס וועגעלע פֿליהט ווייטער.

סעמיאָן קוקט פֿאַר זיך און טראַכט: דאָרט וועט זיין אַ חתונה!

אין אַ פּאָר שעה אַרום איז סעמיאָן אַרויס אויף דער ליניע. פֿון אונטער'ן באָרגיל, זעהט ער, רוקט זיך עפּיס אַ פֿיגור מיט עפּיס ווייס איבער'ן קאָפּף; ער קוקט זיך צו, עס איז וואַסיל. אין האַנד אַ שטאָקען, אויף דער פּלייצע אַ קליין פּעקיל און די באַק מיט אַ ווייס טוך פֿערבונדען.

— וואָהין, שכן? — שרייט סעמיאָן.

וואַסיל איז צוגעקוממען נאָהנטער. ער זעהט אויס שרעקליך: דאָס געזיכט ווייס

לופֿט, וואָס מיר קאָננען אַלץ גאַז, ניִשט געוואוסט, ער האָט נור געזעהען איין אונגעהייער גרויסען, לייִדיגען, געהיימניספֿאָללען פּלאַץ צווישען הימעל און ערד... וואָס טהוט זיך דאָרט? צו איז עס טאַקי באמת לעער?

טהייל מאָל הייבט אָן אין דעם לייִדיגען אָרט עפּיס צו קלאַפּען, צו רוישען, צו באַוועגען זיך, צו יאָגען, צו רייבען... עפּיס אַזוינס, וואָס מען זעהט ניִשט, הייבט זיך אויף מיט איין אונגעהייער קראַפֿט און יאָגט דורך און פֿערניכטעט אַלץ, וואָס עס טרעפֿט אויפ'ן וועג... ריזיגע בוימער פּלאַצען, די אָבערפֿלאַכע (דער אייבערשטער שטח) פֿון וואַסער קריגט אַ גאַנזיגע הויט פֿאַר שראָק, עס הייבט אָן דער ים צו ציטטערן... די סטאַדעס אויפ'ן הימעל ציטטערן אויך און יאָגען, זיך און ענטלויפֿען...

וואָס איז עס אַזוינס? וואָס איז געשעהן?

וואָס שרייט, וואָס קרעכצט, וואָס בעט זיך, וואָס צאָרנט, וואָס דונגערט, וואָס יאָגט, וואָס קריצט מיט די צאָהן?...

אָה! דאָס זעננען זיכער די רוחות, די גייסטער, די נשמות, וואָס פֿערליערען, אָדער פֿערלאָזען זייערע דירות אויף דער ערד...

צו וואַרפֿט איהר ניִשט עד היום אַ מעססער אין ווירבעלווינד אַריין, צו דערזעהען אַ טראָפּפען בלוט פֿון אַ שד! ניין?

(פ"פ)

ד"ר שטייצר.

ווי קרייד, די אויגען ווילד, ער רעדט און די שטיממע ברעכט זיך איהם.

— אין שטאָדט אַריין, — זאָגט ער, — קיין מאָסקוואַ... צום דירעקטאָר.

— צום דירעקטאָר?... אָ האָ! קלאָגען זיך, הייסט עס? לאָז אָב, וואַסיל, פערגעסס.

— ניין, ברודער, איך וועלל נישט פערגעססען; צו שפּעט צו פערגעססען! זעהסט דו? ער האָט מיר דאָס גאַנצע פּנים צושלאָגען, צובלוטיגט. זייט איך וועלל לעבען, וועלל איך עס נישט פערגעססען.

סעמיאָן חאַפּט איהן אָן ביי דער האַנד:

— לאָז אָב, סטעפּאַניטש, איך ראָט דיר גוט: דו וועסט בעסער נישט מאַכען. ווי עס איז — איז.

— וואָס זאָגסט דו מיר דאָרטען „בעססער!“. איך ווייס אַלליין, אַז בעססער וועט נישט זיין; דו האָסט אמת געזאָגט, אַז אַללעס העננט אָב פון מזל. זיך וועלל איך בעססער נישט מאַכען, אָבער פאַר'ן אמת, ברודער, מוז מען שטעהן!

— זאָג חאָטש, וואָס איז דאָרט ביי אייך געוועזען?

— וואָס זאָל זיין?... אַלעס אַרום געקוקט, — פון דער דרעזינע אַראָב געגאַנגען — אין הייזעל אַריינגעגאַנגען. איך האָב פאָראויס פערשטאַנגען, אַז מען וועט שטרענג אַרומקוקען, עס איז אַלץ אין אָרדנונג געוועזען. ער האָט שוין געוואָלט ווייטער פאָהרען, בין איך צוגעגאַנגען מיך בעקלאָגען אויפ'ן וועג-מייסטער... הייבט ער אָן שרייען: דאָ, זאָגט ער, וועט באַלד אַ רעוויזיע זיין, און דו, אַזוינער און אַזוינער, האָסט אין זינן אַ גאָרטיל! דאָס שמעקט, זאָגט ער, מיט „טיינע סאָוועטניקעס“ און דו קריכסט מיט דיין קרויט! איך האָב נישט אויסגעהאַלטען, עפּיס אַ וואָרט געזאָגט, נישט זעהר קיין גראָבס, נור עס האָט זיך איהם געדאַכט... נו, גיט ער מיר אַ פאָהר איבער'ן פּנים... איך שטעה, גלייך ווי איך וואָלט איהם רעכט געגעבען... זיי זענען אַוועק געפאָהרען, איך האָב מיך אַביסל דערמאַנט, אָבגעוואַשען דאָס פּנים, און אַזוי געה איך.

— נו, און דאָס הייזעל?

— דאָס ווייב איז געבליבען, זי וועט אויך קאָננען! איבעריגענס, חאַפּט זיי דער רוח מיט זייער וועג אין איינעם!

וואַסיל האָט זיך אָבגעשטעלט.

— בלייב געזונד, סעמיאָן, איך ווייס נישט צו וועלל איך געפינגען וואָס איך זוך.

— שוין געהסט דו? צו פוס?

— אויף דער סטאַנציע וועלל איך אַריין אין אַ טאָוואַרנע... מאָרגען אין מאָסקוואַ.

די שכנים האָבען זיך אָבגעזעגענט. וואַסיל איז אַוועק און האָט זיך אַ צייט נישט געוויזען. דאָס ווייב האָט אויף זיין אָרט געאַרבייט, טאָג און נאַכט נישט געשלאָפען, און מיט שרעק געוואַרט אויפ'ן מאַן. אויפ'ן דריטטען טאָג איז די רעוויזיע אָנגעפאָהרען: אַ לאָקאָמאָטיוו, אַ באַגאַזש-וואַגאָן, צוויי ערשטע קלאַססע, און וואַסיל איז נאָך אַלץ נישט געוועזען. אויפ'ן פירטען טאָג דערזעהט סעמיאָן זיין ווייב: דאָס געזיכט פון טרערען געשוואָלען, די אויגען רויט.

— וואָס, געקוממען דער מאַנן? — פרעגט סעמיאָן.

דאָס ווייבעל האָט אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד, נישט געאָנטפערט, און איז אַוועק אין איהר זייט.

* *
*

נאָר אַ מאָל, נאָך יונגעלוויס, האָט זיך סעמיאָן אויסגעלערנט פייפלעך צו מאַכען פון ווימשקעס. דאָס האָרציל פון דער ווימשקע פלעגט ער אויסברעננען, אויסבויערען לאָכעלעך וואו מען בעדאַרף; אין עקק אַריינזעצען אַ קליין פלאָקעלע, און אַזוי גוט אויסריכטען, אַז — שפּיעל חאָטש וואָס דו ווילסט. אין אַ ליידיגע צייט פלעגט ער אָנאַרבייטען אַ מאַססע פייפעלעך און דורך אַ בעקאַנטען קאָנדוקטאָר שיקקען אין שטאָדט

אריין, וואו ער פלעגט ליגען צוויי קאפיקעס אשטיק. צום דריטטען טאג נאך דער רעוויזיע האט ער געלאזט דאס ווייב פאר דעם נאכטצוג אויף דער ליניע און האט גענוממען א קליין מעסער'ל און איז געגאנגען אין וואלדעל אריין אנשניידען וויטשקעס. ער איז אבגעגאנגען א ווערסט; דארט דרעהט זיך אויס דער וועג; ער האט זיך אראבגעלאזט פון דער ליניע און איז אוועק אין מיט'ן וואלד בארג-אב. אין א האלבע ווערסט ווייטער איז געוועזען א גרויסער זומפף, וואו עס זענען געוואקסען די בעסטע וויטשקעס. ער האט אנגעשניטטען פון זיי א גאנצען הויפען און געלאזט זיך צוריק א היים. די זונן האט זיך שוין גאנץ נידריג אראבגעלאזט, גלייך זי וואלט זיך געזעצט אויפ'ן שפיץ בארג'ל. עס איז אזוי שטילל ווי אויף א בית-עלמין, עס הערט זיך מעהר נישט, ווי די פייגעלעך פישטשען, פיהרען צווישען זיך א ליעבליכען שמועס, און ווי עס ברעכט זיך אונטער די פיס א צווייגיל נאך א צווייגיל. סעמיאן איז אבגעגאנגען נאך אביס'ל; באלד איז שוין די ליניע, און עס דאכט זיך איהם, אז ער הערט עפיס א גערויש, גלייך עס וואלט געקלאפט איין אייזען אן דעם אנדערן. סעמיאן איילט זיך, מאכט גראסערע טריט. „וואס קאנן עס זיין?" טראכט ער זיך. ער געהט ארויס פון וואלד — ער האט פאר זיך די ליינוואנד (נאסיפ), ארויף צו צוהער, אויף דער ליניע, זיצט א מענש איינגעהויקערט און טהוט עפיס; סעמיאן געהט ווייטער. „מסתמא, טראכט ער, גנב'עט ווער עס איז מוטערקעס". ער קוקט — דער מענש האט זיך אויך אויפגעהויבען; אין די האנד האלט ער איין אייזען, מיט'ן אייזען גיט ער א קלאפ אין רעלס און רוקט איהן אב אן א זייט. עס איז איהם פינסטער געווארען אין די אויגען; ער וויל שרייען — ער קאנן נישט. ער קוקט — וואסיל!... ער לויפט מיט די לעצטע כוחות בארג-ארויף און יענער קייקעלט זיך ווי א דריידעל בארג-אב פון יענער זייט.

— וואסיל! ברודער! קעהר זיך אום! גיב דאס אייזען! מיר וועללען צוריק לעגען דען רעלס, קיינער וועט נישט וויססען, קעהר זיך אום, ראטיווע דיין נשמה פון אזא שרעקליכע זינד!

וואסיל קעהרט זיך נישט אום און איז שוין אין וואלד.

סעמיאן שטעהט נעבען דער אויסגעדרעהטען רעלס, די וויטשקעס ארויס געלאזט פון דער האנד. א צוג געהט מיט פאסאזשירען, פול געפאקט מיט מענשען. איהן אבשטעללען קאנן ער נישט: ער האט קיין פאהן; די רעלס צוריק זעצען קאנן ער אויך נישט; מיט די בלויסע האנד קאנן מען נישט, — מען בעדארף לויפען, נישט אנדערש ווי לויפען א היים נאך א אינסטרומענט, נאך א געצייג. העלף גאטט!...

און סעמיאן לויפט צום הייזעל, אז עס פערחאפט איהם דער אטהעם. ער לויפט — אט — אט — פאלט ער, ניין, ער איז שוין ארויס פון וואלד — ביז'ן הייז'ל איז נאך א קלאפטער הונדערט, נישט מעהר, — ער הערט, אויף דער פאבריק גיט מען א פייף, עס הייסט: 6 א זייגער, און 2 מינוט אויף זיבען געהט דורך דער צוג! גאטט!... ראטייוע אונשולדיגע מענשען! און סעמיאנען דאכט זיך, אז אט — אט קוממט אן די לאקאמאטיוו מיט דען לינקען ראד אויף דער איבערגעריסענער רעלס, אט, פערציטטערט זי, בייגט זיך איבער, די שפאלען רייסען זיך אויס, ברעכען זיך אויף שפענדלעך, און דא דרעהט זיך אויס דער וועג, און דער צוג קייקעלט, קייקעלט זיך פון דער ליינוואנד אראב, פון עלף קלאפטער די הייך! און דארט'ן אין דריטטען קלאסס זענען מענשען! פול אנגעפאקט: ווייבער, קליינע קינדער... איצטער זיצען זיי נאך גאנץ רוהיג: קלערען גאר נישט, און דאווארט אויף זיי דאס קבר... ניין, לויפען ביז'ן הייזיל און צוריק קוממען איז שוין קיין צייט ניטא...

און סעמיאן לויפט צוריק נאך גיכער, ווי פריהער. ער לויפט מיט די לעצטע כחות, נישט וויססענדיג נאך אליין, וואס ווייטער וועט זיין. ער איז צוגעלאפען צו דער אבגעדרעהטער רעלס: די וויטשקעס זיינע ליגען אויפ'ן ארט. ער האט זיך איינגעבויגען, געחאפט איינע, אליין נישט וויססענדיג צו וואס; ווייטער אוועק געלאפען, און עס דאכט זיך איהם, דער צוג יאגט אין קבר אריין. עס הערט זיך א ווייטער סווישטש, די רעלסען האבען אנגעהויבען שטילל צו ציטטערן און צו טאנצען. ווייטער לויפען איז נישט דא קיין כחות. אבגעשטעלט האט ער זיך א קלאפטער הונדערט ווייט פונ'ם שרעקליכען ארט, דא האט איהם א ליכטיגער געדאנק, ווי דורכגעבליצט דורכ'ן מוח, ער האט אראב געחאפט דאס היטעל ארויס גענוממען פון דארט א טיכעל; ארויס געחאפט א מעססער פון שטיוועל, געטורמעלט: „גאט זיי צו הילף"; א זעץ מיט'ן מעססער אין דער לינקער האנד, איבער'ן עללענבויגען, דאס בלוט האט א שפריץ געטהון, א גאסס געטהון ווי א הייסער שטראם: איינגענעצט דאס טיכל, פאר נאנדער גענוממען, אויסגעצויגען, אנגעבונדען אויף דער וויטשקע און ארויס געגעשטעלט א רויטע פאהן!

ער שטעהט, דרעהט די פאהן אהין און אהער, און פון ווייטענס ווייזט זיך שוין דער צוג; דער מאשיניסט בעמערקט איהן נישט! אז ער וועט צו קוממען נאהנט, אויף א הונדערט קלאפטער, ווער ווייס, אויב ער וועט קאננען אבשטעללען דען שווערען צוג! —

און דאס בלוט גיסט און גיסט. סעמיאן דריקט צו די וואונד צו דער זייט, ער ווילל דאס בלוט פערהאלטען, נור עס העלפט נישט; ער האט, זעהט אויס, צו טיעף דאס מעססער אריין געזעצט. אין קאפף האט זיך ביי איהם אנגעהויבען דרעהען, שפרינגען; פאר די אויגען שפרינגען, טאנצען שווארצע פליעגען, און מיט אמאל ווערט פינסטער; אין די אויערען קלינגט שרעקליך... ער זעהט נישט דען צוג, הערט נישט דאס רוישען; איין געדאנק זיצט אין מוח: איך וועל נישט אויסשטעהן, איך וועלל פאללען, איך לאז ארויס די פאהן; דער צוג וועט דורכפליהען איבער מיר... העלף-זשע גאט, א העלף!...

און עס איז איהם געווארן פינסטער אין די אויגען, פוסטע אין הארץ און די פאהן איז פון האנד ארויס געפאללען. נור נישט אויף דער ערד איז די בלוטיגע פאהן געפאלען: עמיצענס א האנד האט זי אונטער געחאפט און אויף געהויבען אין דער הייך, אקעגען דעם לויפענדיגען צוג. דער מאשיניסט האט זי דערזעהן: פערמאכט דען רעגולאטאר און געגעבען דעם לאקאמאטיוו א צוריק-שטויס, — דער צוג האט זיך געשטעלט.

*

*

פון די וואגאנען זעננען מענשען ארויס געשפרונגען, זיי זעהן: א מענש ליעגט פערחלישט אין א טייך בלוט; א צווייטער שטעהט נעבען איהם מיט א בלוטיג טוך אויף א וויטשקע.

וואסיל האט אלץ ארומגענוממען מיט איין בליק; ער האט אראב געלאזט דען קאפף:

— בינדטס מיך, זאגט ער, — דאס האב איך אבגעדרעהט די רעלס...

איבערגעזעצט דורך

אבא הגרוני.

ביי דעם פרעמדען חופּה קלייד.

א סצענע פון ווארשויער לעבען.

(פארטזעצונג)

דיא צווייטע מאדיסטקא

זי וועט זיצען צווישען בלומען
אויף א דיוואן—רייך!
אונ מיר מאכט אויף דר'ערד א ביסל
שטרוי נור גלייך!

זי דארף שפיגלען, זשיראנדאלען,
לאמפען אללערליי;
מיר צו קאפּענס — גראשענדיגע
ליכטליך צוויי!

אהן מוזיק אויף פיהרט מיך לעגען,
האטש הײנט ביינאכט,
ווילט איהר דוקא — וויינט א ביסל,
ווילט איהר — לאכט!

מאדאם

שטיללער, שטיללער, שטיללער,
שטיל איין אויגענבליק!
טורײַ — טורײַ — טורײַ!
אט, דאס הייסט מוזיק!

וואס האט איהר פון די לידער?
דריקעניש נישט מעהר!
עס ציטטערן די ברעמען,
אט, אט, פאלט א טרער...

אונ, אז טרערען פאללען
פון דער שווערער נויט —
אויף די ווייסע קליידער
ווערט א פלעק אויף טויט!

טורײַ — טורײַ — טורײַ!
אט, דאס הייסט מוזיק —
האט איהר ניט קיין אייגענס
זינגט פון פרעמדען גליק!

אללע (כאר)

עס איז געוועזען א מיידאלע,
אמיידאלע א פראכט. —
עססען עסט עס יעדען טאג,
שלאפט זיך יעדע נאכט!

ליפּליך האט זי רויטענקע,
רויטענקע, וואס נישט?
נאך נישט קיין צוביססענע,
נאך נישט אויסגעקישט!

אונ זי האלט דאס קאפּאלע
חנו'דיג, אונ שטאלין! —
זארגט עס אויף א ברויטאלע?
קוילען אדער האלץ?

אונ אייגאלוך — פערחלומטע,
בלומעליך-געניי!
בלומאלעך, אונ כלה-חן
ליגט אויף זיי ווי טוי!

צונד געהען מיר דעם מאדאלע
צו מזל אונ צו גליק —
א וויידען חופּה-קליידאלע
א קליידאלע א שיק!

מען וועט איהר גע'ן א מאנאלע,
איי, דעם יונגען בלוט...
איי — איי — איי! דאס מאנאלע
קאנגען מיר דאך גוט!

מאדאם

אוי נארישע קנאה,
איך קאנן דיך פון לאנג
איך קאנן אויך דיין צינגעל —
די גיפטיגע שלאנג!

אוי נארישע קנאה
די גאלל איז דיין הארץ —
גאלד וואס איז? בלאטע!
דער שניי איז דיר שווארץ!

די זונן האָט דאָך פֿלעקקען,
די שטערן — צו קליין!
מיינט, זי פֿרעסט יענעם
אונ פֿרעסט זיך אַליין!

(אַללע באַר)

עס איז געווע'ן אַ מאַמאַלע,
אַ מאַמאַלע, אַ פֿיינס!
זי האָט געהאַט אַ טאָכטעריל,
אַ טאָכטעריל אַ קליינס!

אונ עס האָט דאָס מאַמאַלע
דאָס טאָכטעריל געקושט,
געקושט, געהאַלזט, געוואָהרענט עס:
זיי קיין נאַשער נישט!

קוק נישט אויף קיין איינגעמאַכטס,
די אויגען האַלט פֿערגלייסט!
טהו נור וואָס דער טאַטע וויל,
אונ וואָס די מאַמע הייסט!

אונ וואָס גוטע, פֿרומע לייט
עס ראָטהען דיר, מיין קינד!
זעהסט דו נאַשען, קוק אַוועק!
בעססער — מאַך דיך בלינד!

זאָגט מען, חס ושלום, דיר:
„איינגעמאַכטס איז זיסס",
זאָלסט דו ווערען פֿייער-פֿלאַם,
טופּען מיט די פֿיס!

פֿאַר דאָס וועלל איך שפּאָטער דיר
קויפֿען אויפֿ'ן מאַרק,
אם ירצה השם, אַ ניססעלע,
ווייסט, איך בין נישט קאַרג.

פֿאַר אַ גאַנצען גראָשען געלד —
אַ ניססאַלע פֿון גאָלד,
פֿאַר דיר אַליין אַ ניססעלע,
דו וועסט עס האָבען האָלד!

פֿאַר אַ גאַנצען גראָשען געלד
אַ נוסס פֿאַר דיר אַליין..
אונ די וועסט עס קישען פֿריי,
אונ קנאַקקען מיט די צאָהן!

אונ עס פֿאָלגט דאָס טאָכטעריל
וואָס טאַטע-מאַמע הייסט,
אונ זי האַלט אַ גאַנצען טאָג
די איינגאַלעך פֿערגלייסט!

רייטעלט זיך, אַז איינגעמאַכטס —
זאָגט מען איהר — איז זיסס,
ס'צאַפּפּעלט איהר דאָס האָרצאַלע —
זי טופּעט מיט די פֿיס!

עס קומט די צייט, דאָס מאַמאַלע
האַלט איהר וואָרט נישט קאַרג!
פֿאַר אַ גאַנצען גראָשען געלד
קויפֿט זי איהר אין מאַרק

אַ פֿערגאָלדעט ניססעלע.
אַיי, ס'איז מלא חן!
מיט ציטטערדיגע האָנדטאַליך
חאַפּט ז'עס אויף די צאָהן!

חאַפּט עס אויף די צאָהן אונ קנאַקט —
איי! די נוסס איז פֿויל,
עס שפּייט אונ שפּייט דאָס ווייבאַלע —
טאַבאַק פֿולל אין מויל!

— מאַמע, ווינט דאָס טאָכטאַריל
די יאָנדאַרע [1]) וואו איז?
„מאַמעשי" אונ „מאַמע-קרוין"
איז דאָס דער טעם פֿון ניסס? —

דאָס האַרץ טהוט וועה דעם מאַמאַלע,
דאָס פּנים מאַכט זי גלאַט: —
„עס איז אַזוי! דיין מאַמאַלע
האָט אויך אַזוינס געהאַט!

---

[1]) יאַדראָ, טויבע.

די מאַדאַם.

נישט דאָרט איז גליק, וואו צירונג בליצט,
וואו עדעלשטיינען מיט פונקען שפריצט,
נישט אַלץ איז גאָלד, וואָס בלאַנקט און גלאַנצט,
נישט דאָס איז פרייד, וואָס לאַכט און טאַנצט!
עס מייד גאַנץ אָפט דאָס גאָלדנע בעטט
דער שלאָף; דען גרויסען זאַל די זאָטט!
ווי אויך דאָס גליק דען זאַקק מיט געלט,
דאָס ווייסט שוין לאַנג די גאַנצע וועלט!

דיא ערשטע מאָדיסטקאַ

אַ מאָל איז געוועזען, נור וואו? מן הסתם
דאָרט ערגיץ אין בויבערג אויף יענער זייט ים!
נור — צו איז געוועזען? איהר פראָגט נאָך, איהר קלערט?
איך האָב עס אליין פון מיין באָבען געהערט!

די מאַמע איז געשטאָרבען — דער טאַטע'ז אַוועק,
די טרויריגע ווינטער־נאַכט האָט גאָר קיין עק!
די פענסטער פערקאָוועט, די טהיר איז פערשנייט,
און ס'רייסט זיך דער ווינד ווי אַ הונד אויף דער קייט!
הורורו — הורורו — עס וואָיעט און קלאָגט
דאָס האַרץ איז דערשראָקקען, עס ציטטערט, עס נאָגט...
די באָבע, זי האָרט נישט, נור דיאַ־דיאַ־דיאָם!
די טויבע פערציילט מיר פון יענער זייט ים!

אַללע.

געניג שוין הקדמות,
נישט פלוידער, נישט קוויל;
פערגעסס אין דער באָבען,
די מעשה פערציילו!

די ערשטע מאָדיסטקאַ

אויף יענער זייט ים איז געשטאַנען אַמאָל
אויף הייהנערנע פיסליך אַ הייזעל אין טהאָל.
געשטאַנען זיך פראָסטע, אָהן עזות, אָהן שטאָלץ,
אָהן פוצעכץ, אָהן צירונג — פון ליים און פון האָלץ!
אַ פענסטער אַ קליינטשיקס, נור חנו'דיג האָלד
די זונן זי בעשיטט עס טאַג־טאָגליך מיט גאָלד!
לבנה און שטערען
פערהאַלטען זיך גערען
און מאָלען מיט זילבער די שויבען!

דאָס האָט דער הימעל די ליעבע געלוינט!
עס האָבען אין הייזעל צוויי ברידער געוואוינט!
עס האַלטען צוויי הערצער צוזאַמען געטריי,
שווער איז די אַרבייט, נור ס'אַרבייט זיך פריי!
ווייס איז דאָס מעבעל, מיט קלייען דאָס ברויט,
נור אַלץ איז בשותפות — די פרייד און די נויט!
עס האָט זיך געלעבט,
די צייט האָט געוועבט
איהר לאַנגען, איהר כשר'ען פאָדעם!

נור איינמאָל בעוויזט זיך אַ גאַסט אויף דער שוועלל,
פוֹלל גינגאָלד, שמאַראַגדען, עס פונקעלט זיין פעלל!
די שלאַנג איז געקוממען מיט גלאַנץ און מיט פראַכט;
דער עלטערער ברודער דערזעהט זי און טראַכט:
עס איז אויף דער וועלט דאָך עשירות פערהאַנ'ן!
ווען איך האָב אַ שמאַראַגט, איך אָרימער מאַנן,
ד'פערקויף איהן, וואָס ניט?
ד'וואָלט אויפ'ן יריד
געקויפט מיר צו מעלקען אַ קוה!

די שלאַנגען — זיי וויסען וואָס ס'טראַכט זיך ביי לייט.
זי ווינקט איהם און רופט איהן אַוועק אין אַ זייט!
און זאָגט איהם: איי ברודער, וואָלסט דו נור געוואָלט,
וואָלסט דו געהאַט שוין פולל פעססער מיט גאָלד,
קרעללען, דיאַמאַנטען, ברילליאַנטען אַ וועלט,
און אַלץ, וואָס מען קאָנן נור בעקוממען פאַר געלד!
איך מאַך נישט קיין שפאָט,
איך ווייס שוין דען סוד,
איך קאָנן דיר איהם זאָגען אין וואַלד!

די שלאַנג איז אַוועק און דער יונגערער קלערט:
ווי גאָטט האָט זיך יעדעם זיין שאַנקייט בעשערט;
געה פראַג'ן: דער גלאַנץ און די שאַנקייט וואָס טויג?
ביי'ם עלטערן פלאַמט שוין די תאוה אין אויג:
קרעללען, דיאַמאַנטען, ברילליאַנטען — אַח גאָטט!
זי זאָלל נור נישט נאַרען און זאָגען דען סוד!
ער קוקט אויפ'ן וואַלד,
און גנב'ט זיך באַלד
פון ברודער אַרויס צו דער שלאַנג!

די זונן געהט שוין אונטער, פערגאָלד נאָך די זוים
פון וואָלקען אין הימעל; און אונטער אַ בוים
זיצען שוין ביידע, — דער מענש און די שלאַנג;
זיי זיצען צוזאַממען און שמועסען שוין לאַנג.
ער ציטטערט און ווייס נישט — פאַר פרייד צי פאַר שרעק?
זי וויקקעלט דאָס האַרץ איהם אַרום מיט'ן עק
און רעד פון דיאַמאַנטען,
קרעללען ברילליאַנטען,
„אַלץ וועסט דו האָבען גאָר גרינג!"

„בעטראַכט נור דיין ברודער, דאָס איז אַ פאַבריק
„פון קרעללען, ברילליאַנטען, דיאַמאַנטען און גליק,
„עס טרעפט זיך, ער אַרבייט, און וואונדערליך הייס
„ווערט איהם, דער שטערן בעדעקט זיך מיט שווייס
„און טראָפען גאָר גרויסע!... ער ווישט מיט דער האַנד,
„לאָז נישט! דער טראָפען דאָס איז אַ דיאַמאַנט!
„נור אַרבייטען הייס!
„קלויב אויף דען שווייס!
„שיטטסט דו אָן פעססער דיאַמאַנטען!

„עס טרעפט און עס פאלט פון די ברעמען א טרער,
„דו, שוטה, דו כויינסט, עס איז וואסער נישט מעהר,
„און טרייסט'ען, און האלוט'ען, דו האלסט עס נישט אויס,
„און קושסט איהם די טרערען פון ד'אויגען ארויס!
„פערשווענדסט דיין פערמאגען, דו נארישער קאפף,
„לאז וויינען, לאז וויינען! און קלויב יעדען טראפף!
„א טראפף, האב פערשטאנד
„דאס איז א ברילאנט
„רייך וועסט דו זיין ווי א קאָניג!

„דערנאך — האט דיין ברודער איין ערדלע פעלל,
„א שטאך כיט א נאדעל — דו האסט שוין א קרעלל!
„בלוט — זאגסט דו — איז עס, בלוט — זאגסט דו — א ק[illegible]
„דו נארר! עס איז קרעללען, דו צאפ נור און צאפ!
„זאלל ער נור בלוטען און בלוטען נישט קארג!
„אנשיטטען וועסט דו שוין קרעללען א בארג!
„דו האסט א פאבריק,
„און מאך דיר דיין גליק,
„ביסט שטארקער און וויסט שוין דען סוד!

די ליפפען פערביסען, די פויסטען געבאלט,
געהט שוין דער אלטערער ברודער פון וואלד,
די אויגען, זיי ברענגען און זיימען זיך שווארץ,
דאך צאפפעלט די ליעבע צום ברודער אין הארץ,
ער טרייסט זיך: „איך וועל דאך נור מאכען א פריף,
„א שטאך וועל איך געבען, א קליינען, נישט טיף:
„מיין ברודער? איך וויים!
נור טרערען און שוויים,
הערסט דו דאך, זענגען ברילאנטען!

עס הערט די לבנה נאך די אייגענע נאכט,
ווי ס'האט איינם שטיבעל געוויינט און געלאכט,
עס קוקקען די שטערן אין פענסטער אריין:
ווי לאכט עס א ברודער ביי'ם ברודער'ם געוויין??!
די זונן האט צו מארגענם געוואונדערט זיך שטארק,
ווי שלאגט עס א ברודער דעם צווייטען אין קארק?
עס וואונדערט זיך גלייך
דער וואלד און דער טייך
וואס איז עס אין שטיבעל געשעה?!

און עס איז געקוממען אויף ביידע גאָטס שטראף!
דאס גליק איז פערשוואונדען, עס ווייכט זיי דער שלאף,
אוועק איז די ליעבע, דער פריעדען אוועק —
דער שלאפט נישט פאר וויטאג דער צווייטער פאר שרעק,
דער שרייט: מיין עשירות, מיין רייכטהום. מיין גוט!
דער צווייטער: ס'איז טרערען, מיין שוויים און מיין בלוט!
דיאם, דיאם, דיאם!
אויף יענער זייט ים!
רייסט מען זיך שוין ביי די האהר!

(אַללע — כאָר)

מען שלאָגט זיך, מען רייסט זיך
טראַך־טראַך, טראַך־טראַך —
נור וואָס איז געוועזען
דער סוף פון דער זאַך?

דער סוף פון די ברידער
פון שראָקליכען הויז?
פערציזיל שוין אונ ציה נישט
די הערצער אַרויס!

דיא ערשטע מאָדיסטקאַ

עס איז געקומען אַ שרעקליכע נאַכט!
איך ליעג ביי דער באָבען אין שוים אונ איך טראַכט:
„וואָס לעגט זיך דער שאָטען, זוי לאַנג, אַזוי ברייט?
„וואָס רייסט זיך דער ווינד ווי אַ הונד אויף דער קייט?
„וואָס ברעכען די מוירען, וואָס רייסט זיך דער דאַך?
„צו הער איך די באָבען, צו בין איך נאָך וואַך?"

איך ליעג ביי דער באָבען אין שוים אונ איך טראַכט;
„צו זעה איך אין חלום די שראָקליכע נאַכט?
„צו הער איך אַ מעשה? צו בין איך דענן וואַך?
„וואו ברעכען די מוירען? וואו רייסט זיך דער דאַך?
וואו רייסט זיך דאָס הייזעל אַוועק פון זיין אָרט?
„הורורו — הורורו — דאָ אָדער דאָרט?"
שטאָנדיג געקלערט
אונ קיינמאָל געהערט
דען סוף פון דער שראָקליכער זאַך!

אַללע, אויסער מאַדאַם

דער זייגער שלאָגט, אַי צעהנען שלאָגט,
געענדיגט שוין די מיה!
אַהיים, ווער נור אַהיים פערמאָגט,
אַהיים ביז אין דער פריה!

אין בעטט אריין אַ בעטט ווער ס'האָט,
נור שלאָפען געהט, געדענקט אָן גאָטט!
שלאָפען דאַרף די נויט!
שלאָפען איז אַ גוט געשעפט:
מען רוהט זיך אויס, אונ טהייל מאָל טרעפט
עס חלום'ט זיך — אַ ברויט!

אַח, צעהנען שלאָגט צום עק די מיה —
גוט־נאַכט, מאַדאַם —

מאַדאַם
קומט מאָרגען פריה!

י. ל. פרץ.